This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

11

1976

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

■

אָרגאַן פון שרײַבער-פאַרבאַנד פון ססר

■

דערשײַנט פון 1961

■

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

נאָיאַבער

11

1976

אינהאַלט

שמועסן אַף היסטאָרישע טעמעס. **פּראָפ. ג. באָנדאַרעווסקי. אין אַ נעץ פון ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס** (ערשטער שמועס) 3
טעוויע געןַ. אין שטאָטישן פּאַרק (**דערציילונג**). **צייכע־נונגען פון** מ. ליסאָגאָרסקי 11
כאַיִם ביידער. סײַ די פרייד און סײַ די לייד (**לידער**) . 28
יעכיעל פאַליקמאַן. דער מאַמעס מײַסעס 31
העשל ראַבינקאָוו. צוויי דערציילונגען 54
כאַשעווער רעדאַקטאָר, איך שיק אײַך דאָ איין ליד מײַנע, בלויז איינע. **לידער פון זיסי ווייצמאַן, ליפּע העלער, בוזי מילער, מאָטל טאַלאַליעווסקי, נאָכעם פרידמאַן, ריווע באַליאַסנע, מאָטל שטורמאַן, מישע מאָגילעוויטש, יויסעף אַלבירט** 64
יאַנקעוו ריוועס. ביזן לעצטן אָטעם (**אַווטאָביאָגראַפישע דערציילונג**) 68
נײַע שטימען. **בראָכע און אַרן בורשטיין. ניט קיין אויסגעטראַכטע דערציילונגען** 79
אונדזערע מיטצײַטלער. **רווון פוסטילניקאָוו. מאַלאַכאָווקער קאָמבײַנען** 87
לעאָניד שקאָלניק. פיר ברידער זײַנען מיר געווען . 94
כראָניק 86, 151, 172
דאָרע כײַקינע. דער טרוים מײַנער איז גרויס (**לידער**) 101
אירמע דרוקער. „דער פּינקעס איז אָפן, און די האַנט שרײַבט“ 104
כאַיִם לויצקער. קאַפּיטלען פון אַ פּאָעמע וועגן שאָלעם־אַלייכעמען 131
100 יאָר ייִדישער טעאַטער. **נאָכעם אויסלענדער. דער אָנהייב; שלוימע מיכאָעלס. גאָלדפאַדנס צווייט לעבן; עפראַיִם לויטער. דער גרויסער זאַמלער. ביניאָמין זוסקין. אונדזער יערושע** 136
פּאָרטרעטן פון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שוישפּילער. **יעשועל ליובאָמירסקי. דער אַקטיאָר עליע טראַקטאָווענקאָ** . 145

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט.

אוראַן גוראַלניק. די „פּראָדוציר־טעמע“ אין דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ליטעראַטור 149
הערש רעמעניק. רײַפע מײַסטערשאַפט 152
קורצע רעצענזיעס. **אַרן ראַסקין. אַף די לעבנסוועגן; מוניע גלייזער. דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן; העניך זימאַנאַס. וועגן בלוט און וועגן ערד; יעפים קודיש. פון כאַבאַראָווסק איבער דער גאַנצער וועלט** 157
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. **אַ. אַ. סידאָראָוו. אַ האַלבן יאָרהונדערט אין דער קונסט** 165
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 169
הײַנטצײַטיקע רוסישע זינגלידער. (**אין דער איבערזעצונג פון אַרן ווערגעליס**) 173
קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע. **דאָס ראַסיסטישע שוטפעס צווישן די רעגירונגען פון ייִסראָעל און דאָרעם־אַפריקע** 179
דאָס איז טשיקאַווע. **י. גינעווסקי. לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי: „איך האָב אים ליב באַקומען...“** 183
פאַרשיידנס 184
מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 186
פריילעכע שורעס 188
שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 190

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר,
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
י. טשיטשעלניצקי,
נאָטע לוריע, מ. לעוו,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

אויף היסטאָרישע טעמעס

פּראָפּ. ג. באָנדאַרעווסקי

אין א נעץ פון ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות

ערשטער שמועס

דער פרײַער צוטריט צו די ארכיוון, באַזונדערס צום ענגלישן, אינדישן, אמעריקאנישן און אנד., האָט באַרײַכערט די וויסנשאַפט מיט א גרויסער צאָל מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וועגן דער געשיכטע פונעם נאָענטן מיזרעך, וועגן פּאַלעסטינע. דאָס האָט געמאַכט פאַר מעגלעך ברייטער און טיפער באַלײַכטן היסטאָריש די פּאָליטיק פונעם ציוניזם ארום פּאַלעסטינע אין פאַרבינדונג מיט די קאָלאָניאַלע שטרעבונגען פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, קודם-כל פון גרויסבריטאַניע.

די אידייע אויסצונוצן די ייִדישע עמיגראַציע, קעדיי פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס פון גרויסבריטאַניע אין נאָענטן מיזרעך, איז לאַכלוטן ניט געווען קיין נײַס. זי האָט אָבער באַקומען א נײַעם אינהאַלט נאָך דעם, ווי עס איז געעפנט געוואָרן דער סועצער קאַנאַל (1869) און גרויסבריטאַניע האָט פאַרכאַפּט דעם קאָנטראָל-פּאַקעט פון די אַקציעס פון דער „אַלגעמיינער קאָמפּאַניע פונעם סועצער קאַנאַל" (1875) און האָט אָקופּירט עגיפּטן (1882). אַן אַזשיאָטאַזש ארום דער פּאַלעסטינע-פּראָבלעם האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט פון די נײַנציקער יאָרן פונעם XIX יאָרהונדערט, ווען אין קאַמף פאַרן נאָענטן מיזרעך האָט זיך אַקטיוו אײַנגעשלאָסן דער דײַטשישער אימפּעריאַליזם, וואָס איז געווען דער אוטאָר פון די פּלענער וועגן בויען די באַגדאַדער און כידזשאַזער אײַזנבאַן-מאַגיסטראַלן, זיך געריסן צו נעמען אונטער זײַן קאָנטראָל די וויכטיקסטע אין סטראַטעגישער הינזיכט ראַיאָנען פון דער אָסמאַנישער אימפּעריע[1], דערונטער, פאַרשטייט זיך, פּאַלעסטינע. דער דאָזיקער פאַקט איז ניט בלויז כראָנאָלאָגיש צונויפגעפאַלן מיטן אויפשטײַג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין 1896 האָט דער עסטרײַכישער זשורנאַליסט הערצל פאַרעפנטלעכט זײַן בוך „די ייִדישע מלוכע", ווו ער האָט באַגרינדעט די נייטיקייט צו שאַפן אין פּאַלעסטינע א „ייִדישן שטאַט"; באַלד נאָך דעם, ווי אָט דאָס בוך איז דערשינען, האָט הערצל זיך פאַרבונדן מיט איינעם פון די ניט-אָפיציעלע אַגענטן פון אַבדול כאַמיד II — פיליפּ דעם נעוולינער, וועמען דער בלוטיקער סולטאַן האָט געשיקט קיין אייראָפּע מיט דער אויפגאַבע צו אײַנשטעלן קאָנטאַקטן מיט די אָנפירער פון ארמענישע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. הערצל האָט פאָרגעלייגט פיליפּן דעם נעוולינער הילף אַלס פאַרמיטלער צווישן דער פּאָרטע[2] און די ארמענישע אָנפירער, דעריקער האָט ער געשטעלט די פראַגע וועגן דעם אָנטייל פון ייִדישע קאַפּיטאַליסטן אינעם רעגולירן די פאַרפלאָנטערטע טערקישע פינאַנצן, און דערפאַר זאָלן די ייִדן באַקומען ברייטע עמיגראַציע-רעכט און שפּעטער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין פּאַלעסטינע. הערצל האָט אַפילו צוגעזאָגט א גאָר גרויסע האַלוואָע פון 18 מיליאָן טערקישע לירעס (דאָס האָט

[1] אָסמאַנישע אימפּעריע — אַזוי האָט אָפיציעל געהייסן דאָס סולטאַנישע טערקײַ. זי האָט זיך אויסגעבילדעט אין XV יאָרהונדערט נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע.

[2] אין די אייראָפּעיִשע דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטן און אין דער ליטעראַטור איז פּאָרטע (טויערן, טירן) געווען דער אָפיציעלער נאָמען פון דער אָסמאַנישער אימפּעריע.

דעמלט באטראָפן העכער א מיליאָן גאָלד־רובלס) און אויך 2 מיליאָן טערקישע לירעס אלס א ספעציעלע מאטאָנע, אויב די ייִדן וועלן באקומען די אַנגעווייזענע רעכט אף פּאלעסטינע.

אין יוני 1896 איז הערצל איינגעלאַדן געוואָרן קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל, ווו ער האָט געפירט אונטערהאנדלונגען מיטן גרויס־וויזיר. דער גרויס־וויזיר האָט ארויסגעוויזן א באזונדערן אינטערעס צו די פינאנציעלע פאָרשלאָגן פונעם ציוניסטישן לידער, ער האָט אָבער געגעבן צו פארשטיין, אז אין דער קאָמפּליצירטער סיטואציע, וואָס האָט זיך געשאפן (די פארשאַר־פונג פונעם נאַצינטמיזרעכדיקן קריזיס), קאָן קיין רייד ניט זײַן וועגן אויסטיילן פאר די ציוניסטן פּאלעסטינע, וועלכע האָט אן אויסשליסלעכע רעליגיעז־פּאָליטישע באדײַטונג פאר דער מוסולמענישער וועלט. אין דער זעלבער צײַט אָבער האָט אבדול כאמיד ניט געוואָלט אָפּהאקן דעם וועג פאר די ווײַטערדיקע אונטערהאנדלונגען. צוליב דעם ציל איז הערצל באלוינט געוואָרן מיט א טערקישן אָרדען.

דער וויזיט קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל, די אונטערהאנדלונגען מיטן גרויס־וויזיר, דער טער־קישער אָרדען — דאָס אלץ האָט אין די קרײַזן פון דער ייִדישער בורזשואזיע פארשטארקט הערצלס אווטאָריטעט און דעם אָנזען פון דער ציוניסטישער באוועגונג. אין אווגוסט 1897 איז אין באזעל צונויפגערופן געוואָרן דער I צווישנפעלקערלעכער קאָנגרעס פון די ציוניסטן, וועלכער האָט געגרינדעט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאניזאציע בעראָש מיט הערצלען. הערצל טרעט טייקעף צו צום שאפן א פאָנד אף פינאנסירן די ייִדישע עמיגראציע קיין פּא־לעסטינע, וועלכע דער באזעלער קאָנגרעס האָט דערקלערט אלס די וויכטיקסטע אופגאבע.

אין 1898 האָבן די רעגירנדיקע קרײַזן פון דײַטשלאנד, וועלכע האָבן זיך געריסן צו באקומען וואָס גיכער אין זייערע הענט די קאָנצעסיע אף דערפירן די אנאטאָליער אײַזנבאן־ליניע ביז באגדאד און ביזן פּערסישן אײַנגוס און אזויארום פארשטארקן דעם דײַטשישן אײַנפלוס אין דער אָסמאנישער אימפּעריע, אָנגענומען א באשלוס וועגן א רײַזע פון וויל־העלם II קיין טערקײַ. אין דער פּראָגראם פון דער רײַזע איז געווען פאָרויסגעזען, אז דער אימפּעראטאָר וועט באזוכן ניט בלויז קאָנסטאנטינאָפּאָל, נאָר אויך פּאלעסטינע. דער פּאָר־שטייענדיקער וויזיט קיין פּאלעסטינע, וואָס האָט איידעס געזאָגט, אז דער דײַטשישער אימ־פּעריאַליזם וויל באקומען א פּלאצדארם אף די צוטריטן צום סועצער קאנאל, האָט ארויסגע־רופן א גרויסן צווישנפעלקערלעכן רעזאָנאנס. קעדיי אָפּציען די אופמערקזאמקײַט פון די פּאָליטישע צילן פון זײַן רײַזע, האָט ווילהעלם II אָנגעשריבן אין אווגוסט 1898 א בריוו צום צאר ניקאָלײַ II, ווו עס איז געווען געזאָגט: „זייער א שווערן אײַנדרוק מאכט דער פאקט, ווען דאָס געפיל פון אופריכטיקער עמונע, וואָס באוועגט דעם קריסט צו פאָרן אינעם לאנד, ווו עס האָט געלעבט און געליטן אונדזער רעטער, האָט זיך אזוי ווײַט אויסגעוועפּט פונעם באוווסטזײַן פון די אזויגערופענע העכערע קלאסן פון דער באפעלקערונג פון אייראָפּע פון XIX יה., אז זיי דערקלערן דאָס אוילערעגל זײַן צו די הייליקע ערטער מיט פּאָליטישע מאָטיוון"...

ערעוו דעם אָפּפאָר פון ווילהעלם II קיין טערקײַ האָט הערצל געהאט צוויי באגעגענישן מיט אָנפירנדיקע טוער פון דער דײַטשישער אימפּעריע — מיטן אויסערן־מיניסטער בילאָוו און מיטן קאנצלער האָהענלאָע. אף די באגעגענישן איז באטראכט געוואָרן הערצלס פּראָיעקט צו שאפן א ספעציעלע ציוניסטישע קאָמפּאניע פאר דער קאָלאָניזירונג פון פּאלעסטינע. עס איז כאראקטעריסטיש, אז האָהענלאָע האָט זיך אינטערעסירט מיט די גרענעצן פון דער טער־ריטאָריע, אף וועלכער עס פּרעטענדירן די ציוניסטן: „ביז סאמע ביירוט, אָדער נאָך צאָפּנדי־קער?" די פּאָליטישע באדײַטונג פון אָט דער פראגע איז געווען א גאנץ גרויסע, זי איז נאָך ביז הײַנט אקטועל. די דעמלטיקע טעריטאָריעלע צעטיילונג פון די אראבישע ראיאָנען פון דער אָסמאנישער אימפּעריע האָט געעפנט גרויסע מעגלעכקײַטן פאר פּאָליטישע מאכינאציעס צווישן די אימפּעריאַליסטן און די ציוניסטן.

דער עצעם פאקט, וואָס דער דײַטשישער קאנצלער האָט געשטעלט אזא פראגע, האָט גע־עפנט פאר די ציוניסטן די מעגלעכקײַט צו פּרעטענדירן אין דער צוקונפט אף טעריטאָריעס אין די ראיאָנען פון דאָרעם־ליבאַן. אין אָקטיאבער 1898 האָט ווילהעלם II, ווען ער איז געווען אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, אופגענומען דאָרט הערצלען. אף דער פראגע פונעם אימפּעראַ־ראטאָר, וואָס ווילן די ציוניסטן באקומען פון אבדול כאמידן דורך זײַן (דעם אימפּעראַ־טאָרס) פאַרמיטלונג, האָט הערצל געענטפערט: „א ספעציעלע כארטיע אף שאפן א ציוני־סטישע פּריווילעגירטע קאָמפּאניע פאר דער קאָלאָניזירונג פון פּאלעסטינע אונטערן פּראָ־טעקטאָראט פון דײַטשלאנד".

אין נאָיאבער 1898, ווען ווילהעלם II האָט געווײַלט אין ירושלאַים, האָט ער ווידער אופגענומען הערצלען בעראָש פון אן אָפּיציעלער ציוניסטישער דעלעגאציע. אָבער פונעם

פּראָיעקט צו שאַפֿן אַ פּריווילעגירטע קאָמפּאַניע האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען, ווײַל אַבדול כאַמיד האָט דערויף געענטפֿערט מיט אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג. גראָד אינעם יאָר 1898 איז אַדאַנק די באַמיִונגען פֿונעם סולטאַן צונויפֿגערופֿן געוואָרן אין מעקאַ דער I פּאַן־איסלאַמישער קאָנגרעס. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מאָמענט איז געווען ניט פּאַסיק אָף איבערגעבן פּאַלעסטינע מיט אירע מוסולמענישע רעליגיִעזע צענטערס אונטערן קאָנטראָל פֿון אַ ציִעניסטישער פּריווילעגירטער קאָמפּאַניע.

אין צוויי יאָר אַרום האָבן די ציִעניסטן באַשלאָסן צו פֿאַרנעמען אַ נײַע אַטאַקע. דאָס מאָל איז אַלס פֿאַרמיטלער אויסגעוויילט געוואָרן דער באַוווּסטער אונגאַרישער אָריִענטאַליסט, אַ ייִד לויט דער נאַציִאָנאַליטעט, אַרמיני וואַמבערי, וועלכער איז געשטאַנען זייער נאָענט צום סולטאַן. אין מײַ 1901 איז פֿאָרגעקומען הערצלס באַגעגעניש מיט אַבדול כאַמידן. די ציִעניסטן האָבן ווידער אַרויסגעזאָגט דעם ווילן, עס זאָל געשאַפֿן ווערן אַ פּריווילעגירטע קאָמפּאַניע פֿאַר דער קאָלאָניזירונג פֿון פּאַלעסטינע; דער סולטאַן האָט געשטעלט די פֿראַגע וועגן דעם אַקטיוון אָנטייל פֿונעם „ייִדישן קאַפּיטאַל" אינעם רעגולירן די אויסלענדישע כויוועס פֿון דער אָסמאַנישער אימפּעריע. שפּעטער זײַנען די אונטערהאַנדלונגען פֿאָרגעזעצט געוואָרן מיט דעם סולטאַנס סעקרעטאַרן איבראַהים־ביי און איזאַט־ביי. דאָס מאָל האָבן די טערקן אָנגערופֿן די פּרײַז — 30 מיליאָן טערקישע לירעס. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז אויב אַפֿילו טערקײַ וועט באַקומען אַזאַ סומע, איז דער סולטאַן ניט מסכים אַרויסצוגעבן אַ כאַרטיע, וואָס איז נייטיק אָף צו שאַפֿן אַ פּריווילעגירטע קאָמפּאַניע, ער איז נאָר גרייט צו סאַנקציִאָנירן דעם אַרײַנפֿאָר פֿון אַ באַשטימטער צאָל ייִדן אין דער אָסמאַנישער אימפּעריע, און דאָס אויך באַם באַדינג, אַז זיי זאָלן אָנעמען די טערקישע אונטערטאַנשאַפֿט און מסכים זײַן אָפּדינען דעם אײַנגעשטעלטן טערמין אין דער טערקישער אַרמיי. דער טערקישער צאַד האָט געפּרוּווט זיסער מאַכן די ביטערע פּיל מיט פֿאַרלײַגן הערצלען אַ נײַעם אָרדען. הערצל, אַ באַליידיקטער, האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿונעם אָרדען. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָט הערצל באַקומען דעם פֿריִערדיקן אָרדען, נאָר פֿון אַ העכערער מאַדרייגע (אין 1896 איז געווען אַן אָרדען פֿון III ראַנג, דאָס מאָל פֿון I ראַנג).

אין פֿעוראַל 1902 איז הערצל ווידער געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, קעדיי פֿאַרענדיקן די אונטערהאַנדלונגען מיט איבראַהים־ביי. די טערקן האָבן געוואָלט וויסן, צי וועט הערצל קאָנען גאַראַנטירן, אַז זיי זאָלן באַקומען די געגאַרטע האַלוואָע. די ציִעניסטן האָט, נאַטירלעך, אינטערעסירט די פּאַלעסטינע־פּראָבלעם. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז דער סולטאַן איז, סאָפּקאָלסאָף, מסכים אַרײַנצולאָזן די ייִדן אין זײַן אימפּעריע, אָבער ניט קיין פּאַלעסטינע, נאָר קיין איראַק, און, פֿאַרשטייט זיך, אָן קיינע כאַרטיעס. די אונטערהאַנדלונגען זײַנען איבערגעריסן געוואָרן.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן די ציִעניסטישע לידערס באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּרוּוו אין לאָנדאָן. אין 1896 — 1902, ווען הערצל און זײַנע מיטהעלפֿער האָבן געפֿירט די אונטערהאַנדלונגען אין טערקײַ און דײַטשלאַנד, האָבן די ענגלישע רעגירנדיקע קרײַזן געפֿירט אַ פּאָליטיק פֿון ניט אַרײַנמישן זיך. די סיבע איז געווען — די שווערע סיטואַציע, אין וועלכער עס זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן די בריטישע קאָלאָניזאַטאָרן אָפֿן נאָענטן מיזרעך. דער קריזיס פֿון 1894 — 1896 האָט געבראַכט צו אַ פֿאַרשאַרפֿונג פֿון די באַציִונגען מיטן צאַרישן רוסלאַנד און טיילווײַז אויך מיט דײַטשלאַנד. דער קאַמף פֿאַר סודאַן האָט געבראַכט צו אַ שאַרפֿער קאָמפּליקאַציע פֿון די באַציִונגען מיט פֿראַנקרײַך, די דאָזיקע קאָמפּליקאַציע האָט דערגרייכט דעם אַפּאָגיי אין 1898. ענדלעך, די ענגליש־בורישע מילכאָמע פֿון 1899 — 1901, וועלכע האָט אַרײַנגעבראַכט פֿיל פּראָבלעמען אין דער מיליטערישער און צווישנפֿעלקערלעכער לאַגע פֿון גרויסבריטאַניע. אין 1898 — 1901 זײַנען פֿאָרגעקומען געהיימע אונטערהאַנדלונגען צווישן בריטאַניע און דײַטשלאַנד וועגן אַ בונד. דעריבער איז דער אומשטאַנד, אַז מיט דער הילף פֿון די ציִעניסטן קאָן זיך פֿאַרשטאַרקן דער דײַטשישער אײַנפֿלוס אין פּאַלעסטינע, געווען אין יענעם מאָמענט ניט איבעריקס געפֿערלעך.

אין 1902 האָט די סיטואַציע ראַדיקאַל זיך געענדערט. די ענגליש־פֿראַנצויזישע ווידערשפּרוכן זײַנען אײַנרעגולירט געוואָרן; דער ענגליש־יאַפּאַנישער אָפּמאַך, אונטערגעשריבן דעם 30 יאַנוואַר 1902, האָט פֿאַרפֿעסטיקט די קריגס־פּאָליטישע פּאָזיציע פֿון ענגלאַנד און גלײַכצײַטיק אַרײַנגעבראַכט קאָמפּליקאַציעס פֿאַר דעם צאַרישן רוסלאַנד.

אויסער דעם, האָט דער דורכפֿאַל פֿון די ענגליש־דײַטשישע אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ בונד געבראַכט דערצו, אַז אין ענגלאַנד האָט מען אָנגעהויבן באַציִען זיך מיט כשאַד צו דער פֿאַרשטאַרקונג פֿונעם דײַטשישן אײַנפֿלוס אָפֿן נאָענטן מיזרעך. אַזאַ איז געווען די צווישן־

פּעלקערלעכע סיטואַציע, ווען הערצל האָט אין יול 1902 באַקומען די אײַנלאַדונג צו באַזוכן לאָנדאָן. ער האָט זיך באַגעגנט מיט נאַטאַניעל ראָטשילדן, וועלכער האָט פּאַרגעלייגט דעם לידער פון די ציִעניסטן צו קאָלאָניזירן ניט פּאַלעסטינע, נאָר אוגאַנדע (אין דער ציִעניסטי־שער ליטעראַטור איז פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז די דאָזיקע אידיי איז געבוירן געוואָרן, בײַס הערצל האָט אין א צײַט ארום זיך געטראָפן מיטן קאָלאָניע־מיניסטער דזשאָזעף טשעמ־בערלען).

עס רופט ארויס בעלי־ספק א גרויסן אינטערעס דאָס, וואָס די אידיי צו קאָלאָניזירן סטראַטעגיש וויכטיקע ראַיאָנען פון מיזרעך־אַפריקע, וועלכע ליגן נאָענט פונעם טײַך נילוס, האָט געהערט דעם באַנקיר־הויז פון די ראָטשילדס. דאָס דאָזיקע „הויז", וואָס האָט געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָליע אינעם עקספּלואַטירן די אַפריקאַנישע ארץ־רײַכטימער, האָט געמאַכט א שטאַרקן דרוק אַף דער ענגלישער רעגירונג, זי זאָל פאַרכאַפּן מיט באַוואָפנטער קראַפט די רעפּובליק פון די בורן, וועלכע האָט באַקומען ריזיקע רעוואָכים פונעם עקספּלואַטירן עגיפּעט און סודאַן און איז געוועזן איינע פון די הויפּט־אַקציאָנערן פון דער בריטישער מיזרעך־אַפרי־קאַנישער קאָמפּאַניע. די „פילאַנטראָפּן", די ראָטשילדס, האָט אינטערעסירט ניט דער גורל פון הונדערטער יידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן אין סאָף XIX — אָנהייב XX יאָרהונדערט א פּלייץ געטאָן פון מיזרעך־אייראָפּע קיין ענגלאַנד און פּשא; די ראָטשילדס האָט אינטערע־סירט ניט די אידיי צו שאַפן א יידישע מעלוכע אַף דער ערד פון די אָוועס, אין פּאַלעס־טינע, — זיי האָבן געטרוימט וועגן באַקומען ארבעטס־הענט אַף צו קאָלאָניזירן אוגאַנדע און קעניע, קעדיי בויען סטראַטעגישע אײַזנבאַנען און פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס פונעם בריטישן אימפּעריאַליזם אין מיזרעך־אַפריקע, אַף די צוטריטן צו עטיאָפּיע (אַביסיניע), צו דער איטאַ־ליענישער סאָמאַלי, צו דער דײַטשישער טאַנגאַנייקע, טאַקע דורך אוגאַנדע האָבן די ראָטשילדס פּלאַנירט דורכפירן די גיגאַנטישע אײַזנבאַן־מאַגיסטראַל קייפּטאַון — קאַיר (וואָס זאָל שפּע־טער דערפירט ווערן ביז קאַלקוטע), — א מאַגיסטראַל אַף צו פאַרייניקן די „אינטערעסן־ספערן", די דאָרעם־אַפריקאַנישע גאָלד־ און דימענטן־פעלדער, מיט די עגיפּטישע און סודאַ־נישע בוימוואָל־פּלאַנטאַציעס; די דאָרעם־אַפריקאַנישע מיליטערישע יאַם־באַזע סיימאָנסטאַון מיט אַלעקסאַנדריע און מיטן סועצער קאַנאַל. מיט איין וואָרט: דער ציל איז געוועזן — שאַפן נאָך איין „אינדיע", אַן אַפריקאַנישע, מיט א וויצע־קיניג, וואָס וועט זײַן אונטערגעאָרדנט די גאָלד־זעק פון סיטי.

הערצל האָט אָבער ניט אָנגענומען ראָטשילדס פאָרשלאַג וועגן אוגאַנדע. ער האָט אומגע־ריכט פאָרגעלייגט אַלס קאָמפּראָמיס — איבערגעבן דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אַף צו קאָלאָניזירן דאָס סינײַער האַלב־אינדזל, אײַנגעשלאָסן דעם ראַיאָן פון דער שטאָט על־אריש, אויך דאָס אינדזל ציפּערן. פון דעם איז צו זען, אַז דער אינטערעס פון די ציִע־ניסטן צום סינײַער האַלב־אינדזל און צום ראַיאָן פון על־אריש, ווו הײַנט די טאַנקען פון מעדי־נאַס־יִיסראָעל האָבן זיך דורכגעריסן בײַס דער אַגרעסיע פון יִיסראָעל — פראַנקרײַך — ענג־לאַנד אין 1956 און וועלכן יִיסראָעל האָט אָקופּירט אין 1967, איז געבוירן געוואָרן נאָך אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט.

הערצלס פּלאַן האָט ארויסגערופן סימפּאַטיע באַם באַנקירן־הויז פון די ראָטשילדס, און עס איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס שוין אין אָקטיאַבער 1902 איז הערצל אופגענומען געוואָרן דורך דעם קאָלאָניע־מיניסטער פון ענגלאַנד דזשאָזעף טשעמבערלען, וועלכער האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט ראָטשילדן בײַס דער צוגרייטונג צו דער ענגליש־בורישער מיל־כאָמע און אין די אַנדערע קאָלאָניאַלע אונטערנעמונגען. אפן אופנעם בא טשעמבערלענען האָט דער לידער פון די ציִעניסטן איבערגעכאַזערט זײַנע פאָרשלאָגן. טשעמבערלען האָט אָנגע־וויזן, אַז ציפּערן איז געדיכט באַפעלקערט מיט גריכן און טערקן. הערצל האָט דערויף געענט־פערט, אַז דאָס איז ניט קיין שטערונג, ווײַל אויב די בריטישע רעגירונג וועט מאַסקים זײַן אָפּגעבן ציפּערן פאַר דער יידישער מאַסן־קאָלאָניזאַציע, וועט טייקעף געשאַפן ווערן א יידישע מיזרעך־קאָמפּאַניע מיט א קאַפּיטאַל פון 5 מיליאָן פונט. די קאָמפּאַניע וועט אָנהייבן אופקויפן די ערד בא די אָרטיקע אײַנוווינער, וועלכע וועלן פאַרן אָפּטריט־געלט בעשאָלעם אוועקפאָרן קיין גריכנלאַנד און קיין טערקײַ.

טשעמבערלען האָט אָבער געהאַלטן, אַז דער ציפּערן־פּראָיעקט איז א געפערלעכער. דעמלט האָבן ביידע צדאָדים זיך אָפּגעשטעלט אַף דער אידיי צו קאָלאָניזירן דאָס סינײַער האַלב־אינדזל. צו יענער צײַט איז שוין געשאַפן געוואָרן דער יידישער קאָלאָניאַלער טרעסט, וועלכער האָט באַקומען דעם אופטראַג דורכצופירן פאָרלויפיקע אויספאָרשונגען אינעם ראַיאָן פון על־אריש. עס זײַנען אויך פאָרגעזעצט געוואָרן די געהיימע אונטערהאַנדלונגען צווישן די לידערס פון די ציִעניסטן און דעם אויסערן־מיניסטער פון גרויסבריטאַניע לענסדאַון צוזאַ־

מען מיט די פירנדיקע באאמטע פון פאָרין־אָפיס (אויסערן־מיניסטעריום) און פונעם קאָלאָ־
ניע־מיניסטעריום. טשעמבערלען האָט געוואָרנט, אַז פאַרווירקלעכן דעם סינײַער פּראָיעקט
וועט זײַן מעגלעך בלויז אין דעם פאַל, אויב עס וועט דערויף געבן זײַן האסקאָמע דער ברי־
טישער גענעראַל־קאָנסול אין קאַיר קראָמער. הערצל איז ארויסגעפאָרן קיין עגיפּט, נאָר די
אונטערהאַנדלונגען אין קאַיר האָבן צו גאָרנישט ניט געבראַכט. אין ראַיאָן פון על־אריש
פעלט אויס וואַסער; קעגן דורכגראָבן א קאַנאַל אף צופירן אהין דאָס וואַסער פונעם טײַך
נילוס דערווידערט קראָמער, וועלכער האָט מוירע פאַר אומרוען אין לאַנד.

אין אָנהייב פון 1903 איז פאָרגעקומען א נײַע באַגעגעניש צווישן הערצלען און טשעמ־
בערלענען. דער בריטישער קאָלאָניע־מיניסטער האָט פאָרגעלייגט א „נײַעם" וואַריאַנט:
ווידער אוגאַנדע. אין אווגוסט 1903 האָט קלעמענט היל — דער שטעלפאַרטרעטער פונעם אוי־
סערן־מיניסטער פון גרויסבריטאַניע — צוגעשיקט הערצלען אן אָפיציעלן בריוו, אַז די ברי־
טישע רעגירונג האָט באַשטעטיקט די פאַרשטענדיקונג וועגן איבערגעבן דעם ייִדישן קאָלאָ־
ניאַלן טרעסט אף צו קאָלאָניזירן א גרויסן ראַיאָן אין אוגאַנדע. די פאַרשטענדיקונג האָט
פאָרויסגעזען די סיסטעם פון זעלבסטפאַרוואַלטונג אף דער קינפטיקער טערריטאָריע. עס איז
אינטערעסאַנט, אַז דער עצעם דאָקומענט — די ערשטע פאַרשטענדיקונג צווישן דער בריטי־
שער רעגירונג און די ציִעניסטן — איז צוגעגרייט געוואָרן אין דער קאָנטאָר פונעם יונגן
ליבעראַלן פאַרלאַמענט־מיטגליד דאַוויד לאָיד דזשאָרדזש.

דער VI ציִעניסטישער קאָנגרעס (סאָף אווגוסט 1903 אין באַזעל) האָט זיך אָבער אָפּגע־
זאָגט אָנצונעמען דעם אוגאַנדער פּראָיעקט. די מערהייט דעלעגאַטן האָט אײַנגעפונען, אַז
ס'וועט זיך ניט אײַנגעבן צו פאַרטרײַבן טויזנטער ייִדן אין די אפריקאַנישע דזשונגלען. כאָץ
דעם, זײַנען געוואָרן קלאָר אויך די ווידערשפּרוכן צווישן די אימפּעריאַליסטן. די שטאַב־
קוואַרטיר פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפונען אין בערלין, און די
רעגירנדיקע קרײַזן פון דײַטשלאַנד האָבן געהאַט א קנאַפּן כיישעק צו מיטהעלפן אינעם
שאַפן א ייִדישע קאָלאָניע אונטערן ענגלישן פּראָטעקטאָראַט בא די גרענעצן פון דער דײַ־
טשישער מיזרעך־אפריקע.

אין דער מײַרעווודיקער ליטעראַטור שרײַבט מען, אַז נאָכן דורכפאַל פונעם אוגאַנדע־פּראָ־
יעקט האָבן די רעגירנדיקע קרײַזן פון גרויסבריטאַניע ביז הארבסט 1917 ניט באַהאַנדלט
מער די פראַגע וועגן שליסן א פאַרשטענדיקונג מיט די ציִעניסטן. דאָס איז ניט ריכטיק.
טראָץ די ווידערשפּרוכן, וועלכע האָבן בעעמעס געהאַט אן אָרט (וועגן דעם וועט גערעדט
ווערן ווײַטער), זײַנען די אונטערהאַנדלונגען מיט די לידערס פון די ציִעניסטן געפירט גע־
וואָרן א לאַנגע צײַט, און א פּרינציפּיעלער באַשלוס וועגן א פאַרשטענדיקונג איז אָנגענומען
געוואָרן נאָך אין מאַרט 1916, דה. ווען בא דער מאַכט איז געשטאַנען אסקוויטס ליבעראַלע
רעגירונג.

דעם 13 מאַרט 1916 האָט די בריטישע געזאַנדשאַפט אין פּעטראָגראַד איבערגעגעבן דעם
רוסלענדישן אויסערן־מיניסטער סאַזאָנאָוון א בריוו פונעם אָנפירער פון דעם בריטישן אוי־
סערן־מיניסטעריום עדוואַרד גריי, ווו עס איז געווען געזאָגט: „ס'איז קלאָר, אַז מיטן אויסנוצן
די ציִעניסטישע אידיי קאָנען דערגרייכט ווערן וויכטיקע פּאָליטישע רעזולטאַטן — לעמאָשל,
אַז די איצט פײַנטלעך געשטימטע צו די פאַרבינדעטע ייִדישע עלעמענטן זאָלן אריבערגיין אפן
מיזרעך, אין די פאַרייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע ערטער — אף דער זײַט פון די פאַר־
בינדעטע... דער אײנציקער ציל פון דער רעגירונג פון זײַן מאַיעסטעט איז — געפינען א
פאַרשטענדיקונג, וואָס זאָל זײַן גענוג סימפּאַטיש פאַר דער מערהייט ייִדן. דאָס וואָלט פאַר־
לײַכטערט צו שליסן אן אָפּמאַך, וועלכער זאָל גאַראַנטירן די שטיצע פון די ייִדן. אין העס־
קעם מיט דעם דאָזיקן מאָטיוו האַלט די רעגירונג פון זײַן מאַיעסטעט, אַז די פאַרשטענדי־
קונג וואָלט געווען א סאַך סימפּאַטישער פאַר דער מערהייט ייִדן, ווען דער פּראָיעקט זאָל
פאָרויסזען, אַז די ייִדישע קאָלאָניסטן אין פּאַלעסטינע, נאָכן פאַרפעסטיקן זיך אזוי, אַז זיי
זאָלן קאָנען קאָנקורירן מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וועט דערלויבט ווערן צו נעמען
אין זייערע הענט די פאַרוואַלטונג מיט די אינערלעכע ענייאָנים פון דער דאָזיקער געגנט
(אויסער ירושאַלאַים און די הייליקע ערטער)".

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז נאָך אין 1916, ווען די צאָל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין
פּאַלעסטינע איז געווען אין צען מאָל קלענער פון דער אַראַבישער, האָט מען אין לאָנדאָן שוין
פּלאַנירט איר „קאָנקורענץ" מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג. עס ווערט אויך קלאָר, אַז
די בריטישע קאָלאָניזאַטאָרן, וועלכע האָבן נאָך ניט באַוויזן ארויסצורײַסן פּאַלעסטינע פון
די הענט פון דער באַוועגונג „יונג־טערקן", האָבן שוין פּלאַנירט איבערצוגעבן די ציִעניסטן
די „פאַרוואַלטונג מיט די אינערלעכע ענייאָנים". ענדלעך, דערווײַזט גרייס בריוו, אַז דער

יעסאָד פון דער פּאַלעסטינער פּאָליטיק פונעם בריטישן אימפּעריאַליזם איז געווען ניט די שטרעבונג צו שאַפן א נאַציאָנאַלע היים פאַר די יידן, נאָר דאָס רעאַליזירן קאָנקרעטע פּאָליטישע מאָטיוון, קוידעמקאָל — צווישן אַנדערע מיטלען אויסנוצן דעם, אַזוי צו זאָגן, „יידישן הייבער" אויף אַריינציִען די פּאַרייניקטע שטאַטן אין דער וועלט־מילכאָמע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז גרייס בריוו פון 13 מאַרט 1916 איז קיינמאָל ניט פּאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די ענגלישע זאַמלונגען פון דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטן און איז ניט אויסגענוצט געוואָרן דורך די מייִרעווודיקע פאָרשער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די אַרכיוון פונעם ענגלישן אויסערן־מיניסטעריום.

די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן אַזוי לאַנג, ווייל אין 1916 — 1917 זיינען אין די רעגירנדיקע קרייזן פון גרויסבריטאַניע געווען אויך קעגנער פון אַן אָפּמאַך מיט די ציוניסטן. צווישן די קעגנער זיינען געווען די טוער פון דער „אינדישער" גרופּירונג פונעם בריטישן אימפּעריאַליזם בראָש מיטן לאָרד קערזאָן, וועלכער האָט אין לאָיד דזשאָרדזשס קאָאַליציע־רעגירונג פאַרנומען דעם איינפלוסרייכן פּאָסט פון א מיטגליד פונעם קריגס־קאַבינעט. דער דאָזיקער קאַבינעט האָט אָנגעפירט מיטן לאַנד הארט ביזן יאָר 1918.

ס'איז באַוווּסט קערזאָנס מעמאָראַנדום „די צוקונפט פון פּאַלעסטינע", אינעם אַריינפיר צו וועלכן ער האָט געשריבן: „איך קלייב זיך ניט באַהאַנדלען די פראַגע, וואָס איז אַן אָביעקט פון א שטרייט צווישן די יידן־ציוניסטן און יידן־אַנטי־ציוניסטן, דה. די פראַגע וועגן דעם, צי ס'איז מעגלעך שאָלעם מאַכן מיט די אידייען פון שאַפן א נאַציאָנאַלע היים פאַר דעם יידישן פאָלק אין פּאַלעסטינע בא דער פרייוויליקער אַסימיליאַציע פון פיל מיליאָנען יידן אין פאַרשיידענע לענדער, ווו זיי האָבן באַקומען א היימלאַנד און נוצן זיך מיט בירגער־רעכט". אַריבערגייענדיק צו די פּראַקטישע פּראָבלעמען, האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז פּאַלעסטינע וועט ניט קאָנען אַריינעמען און דעריקער שפּייזן די 12 מיליאָן יידן, וועלכע זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. ער איז, הייסט עס, געקומען צום אויספיר, אַז דאָס שאַפן א יידישע נאַציאָנאַלע היים אין פּאַלעסטינע וועט ניט לייזן די יידן־פּראָבלעם. אַריבערגייענדיק צו דער פראַגע וועגן דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע, האָט ער געשריבן: „די אַראַבער און זייערע אָוועס האָבן דאָ געלעבט קימאַט אַנדערהאַלבן טויזנט יאָר. זיי באַזיצן די ערד, וועלכע געהערט טיילווייז צו אינדיווידועלע ערדבאַזיצער, טיילווייז צו דאָרפישע געמיינדעס. זייער רעליגיע איז דער איסלאַם. זיי וועלן ניט מאַסקים זיין צו אָפּגעבן זייער ערד די יידישע איבערוואַנדערער און אַרבעטן בא זיי אַלס האָלצהעקער און וואַסער־טרעגער".

אַריבערגייענדיק צו דער רעליגיעזער באַדייטונג פון פּאַלעסטינע, האָט קערזאָן געשריבן: „איך האָב שוין גערעדט וועגן די מענטשן, וועלכע טרוימען צו שאַפן א יידישע מעלוכע מיט א יידישער הויפּטשטאָט אין ירושאָלאַים. די דאָזיקע טרוימען קאָנען בעשום־אויפן ניט פאַרווירקלעכט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך ירושאָלאַים גופע. א צו גרויסע צאָל נאַציאָנען מיט א צו גרויסער צאָל רעליגיעס זיינען ליידנשאַפטלעך פאַראינטערעסירט אין דער דאָזיקער שטאָט, אַז אַזא לייזונג פון דער פראַגע זאָל כאָטש אין א וועלכער־ניט־איז מאָס זיין מעגלעך".

אין זיין מעמאָראַנדום האָט קערזאָן באַרירט אויך דעם קאָנפליקט צווישן די אָנהענגער און קעגנער פונעם ציוניזם אין די קרייזן פון דער יידישער בורזשואַזיע פון גרויסבריטאַניע. איינער פון די אַקטיווע קעגנער פון דער אידיי פון א יידישער נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע איז געווען דער ענגלישער ייד עדווין מאָנטעגיו, וועלכער איז אינעם קאַבינעט פון לאָיד דזשאָרדזש געווען מיניסטער פאַר די אָנגעלעגנהייטן פון אינדיע. ער איז געווען אָן אָנגעזעענער פאָרשטייער פון דער „אינדישער" גרופּירונג, און דאָס האָט אין א היפּשער מאָס באַשטימט זיין נעגאַטיווע פּאָזיציע אין דער פראַגע וועגן א פאַרשטענדיקונג מיטן ציוניזם. אין דער זעלבער צייט איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן דער אידיי צו פאַרוואַנדלען פּאַלעסטינע אין א „נאַציאָנאַלער היים פונעם יידישן פאָלק" אויך איבער אינערלעך־פּאָליטישע מאָטיוון, ער האָט זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז מיטן שאַפן אין פּאַלעסטינע א יידישע מעלוכע אָדער אַן אויטאָנאָמע טעריטאָריע וועט אָפּגעשוואַכט ווערן די פּאָזיציע פון די יידן סיי אין די לענדער, ווו זיי האָבן נאָך ניט באַקומען קיין גלייכבארעכטיקונג, סיי אין די לענדער, ווו זיי האָבן אַלע בירגער־רעכט. מאָנטעגיו האָט באַהויפּט, אַז דער ציוניסטישער פּראָיעקט שטעלט אונטער א סאַפעק דעם פּאַטריאָטיזם פון די ענגלישע יידן אַאַוו.

אָבער די אינטערעסן פונעם בריטישן רעגירנדיקן קלאַס איינגאַנצן געוואונען, וועלכער האָט זיך געריסן צו געווינען אום יעדער פּרייז די מילכאָמע און צוליב דעם האָט ער געקעמפט

דערפאַר, אַז די פאַרייניקטע שטאַטן זאָלן אַקטיווער זיך באַטייליקן אין איר, האָבן געשטויסן די רעגירונגס־קרײַזן צו שטיצן די ציוניסטישע פּלענער אין פּאַלעסטינע. אין סענטיאַבער 1917 האָט דער בריטישער אויסערן־מיניסטער באַלפור אינפאָרמירט דעם ענגלישן קאַבינעט, אַז דער פּרעזידענט ווילסאָן, וועלכער האָט זיך באַקאַנט מיט די פּאַלעסטינער פּראָיעקטן, האָט „זייער גינסטיק זיך באַצויגן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג". גלײַכצײַטיק האָט באַלפור מיטגעטיילט, אַז „די דײַטשישע רעגירונג באַמיט זיך אויף קאָלערליי אופנים געווינען די סימפּאַטיע פון די ציוניסטן".

אַזוי־אַרום, זײַנען קלאָר געוואָרן נאָך צוויי כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — איר ענגע פאַרבינדונג מיט די רעגירנדיקע קרײַזן פון די פאַרייניקטע שטאַטן און די שטרעבונג פון אירע אָנפירער צו אויסנוצן אין דער פּאָליטישער שפּיל עט־לעכע קאָזירן מיטאַמאָל, אָדער, יעדנפאַלס, שאַנטאַזשירן אירע קאָנטר־אַגענטן, אַז זי האָט אין איר רעשוס אַזעלכע קאָזירן.

דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז קערזאָן, מאָנטעגיו און אַנדערע קעגנער פון די ציוניסטישע פּלענער האָבן צוריקגעצויגן זייערע דערווידערונגען.

דעם 2 נאָיאַבער 1917 האָט באַלפור צוגעשיקט אַן אָפיציעלן בריוו צו ליִאָנעל ראָטשילדן, וווּ ער האָט געשריבן: „די רעגירונג פון זײַן מאַיעסטעט באַציט זיך גינסטיק צום שאַפן אין פּאַלעסטינע אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן ייִדישן פאָלק און איז גרייט אָנעמען אַלע מיטלען צו פאַרלײַכטערן די דערגרייכונג פון אָט דעם ציל. זעלבסטפאַרשטענדלעך אָבער, אַז עס וועט ניט געטאָן ווערן קיין שום זאַך, וואָס זאָל קאָנען פאַרשאַפן שאָדן די בירגערלעכע און רעליגיעזע רעכט פון די ניט־ייִדישע געמיינשאַפטן אין פּאַלעסטינע".

דאָס איז געווען די באַלפור־דעקלאַראַציע. די בריטישע רעגירונג האָט אַזוי־אַרום געבראָכן צוויי פאַרפליכטונגען, וועלכע זי האָט פריִער געגעבן: די פראַנצויזן — וועגן שאַפן אַ קאָנדאָמיניום איבער פּאַלעסטינע, די אַראַבער — וועגן אײַנשליסן פּאַלעסטינע אין אַן אומאָפּהענגיקער אַראַבישער מעלוכע. אַלץ זאָגט דערפאַר, אַז איינע פון די הויפּט־סיבעס, וועלכע האָבן געשטויסן צו אָנעמען די באַלפור־דעקלאַראַציע, איז געווען די שטרעבונג פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון גרויסבריטאַניע צו באַקומען אַ באַקוועמען טערעץ אויף ניט אויסצופילן די צוויי אָנגערופענע פאַרפליכטונגען.

אינעם קאַמף קעגן די פּרעטענזיעס פון די פראַנצויזישע קאָלאָניזאַטאָרן צו פאַרוואַנדלען סיריע אין זייער אַ קאָלאָניע האָט מען באַשלאָסן אויסנוצן די ניט קלאָרקייט פונעם געאָגראַפישן באַגריף „פּאַלעסטינע". אין פּאַריז, וווּ מע האָט נאָך לאַנגע וואַקלונגען געגעבן די הסכּמה צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע (אַלס אויסטויש אויף אַנדערע קאָלאָניאַלע קאָמפּענסאַציעס), איז מען געווען גענייגט צו פאַררעכענען צו פּאַלעסטינע דער טעריטאָריע פונעם ירושלאַיִמער סאַנדזשאַק. לויט דזשאָרדזשן אָבער האָט מען ניט אומזיסט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן קענער פון דער ביבל און פאַר אַ ליבהאָבער צו באַנוצן זיך אין זײַנע פּיל־צאָליקע פאַרלאַמענט־רעדעס מיט ביבלישע ציטאַטן. ער האָט טייקעף דערקלערט זײַן פראַנצויזישן קאָלעגע קלעמאַנסאָ, אַז אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע ווערט פאָרויסגעזען „די גאַנצע ביבלישע טעריטאָריע פון פּאַלעסטינע — פון דאַן ביז בעיר־שעווע".

דאָס געזאָגטע איז טייקעף אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין די ווײַטערדיקע ענגלישע קאָנצעפּ־ציעס וועגן פּאַלעסטינע. דער פאָרזיצער פון דער מיזרעך־קאָמיסיע פונעם בריטישן קאַבינעט קערזאָן האָט, דורכפירנדיק די דירעקטיוו פונעם פּרעמיער־מיניסטער, געזאָגט אין דעקאַבער 1918 אין זײַנער אַן אַרויסטרעטונג אויף אַ זיצונג פון דער קאָמיסיע: „איך מיין, אַז מיר אַלע וועלן מסכּים זײַן דערמיט, אַז מע דאַרף אָפּשטעלן פּאַלעסטינע אין אירע אַלטע גרענעצן. די אוראַלטע פאָרמול „פון דאַן ביז בעיר־שעווע" פּראָוואַלירט נאָך ביז איצט, אומאָפּהענגיק פון דער ווײַטערדיקער אַדמיניסטראַטיווער טיילונג פון פּאַלעסטינע — אַלציינס, צי וועט פּאַלעסטינע זײַן אַ ייִדישע אָדער אַן אַראַבישע, צי סײַ אַ ייִדישע, סײַ אַן אַראַבישע".

אַזאַ ברייטהאַרציקייט פון קערזאָנען, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געווען באַוווּסט אַלס אַ קעגנער פון די ציוניסטן, האָט זיך גלאָזט דערקלערן דערמיט, וואָס יעטווידע פאַרברייטערונג פון דער פּאַלעסטינער טעריטאָריע אין דער צאָפנדיקער ריכטונג האָט באַטײַט פאַרקלענערן די טעריטאָריע פונעם הויפּט־אָביעקט פון די פראַנצויזישע גלוסטונגען — סיריע און אָפּשוואַכן די פּאָזיציעס פונעם קאָנקורענט, ד.ה. פון פראַנקרײַך, אַפּן אַראַבישן מיזרעך.

אַן אַנדער פּאָזיציע האָט קערזאָן פאַרנומען בנוגע די מיזרעכדיקע און דאָרעמדיקע גרענעצן פון פּאַלעסטינע: „די ציוניסטן ווענדן זייער בליק צו מיזרעך — צו די טראַנסיאָרדאַנישע טעריטאָריעס, וווּ די ערד איז פּרוכטבאַרער און די צוקונפט־פּערספּעקטיוון זײַנען גרויסע... אונדז וועט בעלי־סאָפעק אויסקומען צו אָנשטויסן זיך אויף דער וואַקסנדיקער צווישן די

ציוניסטן באוועגונג פאר איינשליסן אין באשטאנד פון פאלעסטינע אזעלכע ערד־כאלאקים, וועלכע זיינען שוין הונדערטער יארן און עפשער קיינמאל ניט אריין אין די גרענעצן פון פאלעסטינע און וועלכע די אראבער האלטן פאר א טייל פון זייערע באזיצן. ענדלעך, פארבלייבט נאך לייזן די פראגע וועגן די דארעמדיקע גרענעצן. וועגן דער דאזיקער פראגע עקזיסטירן פארשיידענע מיינונגען. פון איין זייט, זאגט מען, אז די ערד, וואס ליגט דארעמצו פון אזא און וואס טויג צום באארבעטן, דארף פארבלייבן א טייל פון פאלעסטינע, ווייל דאס איז א לעבנס־פראגע פאר דער פאלעסטינער באפעלקערונג. פון דער צווייטער זייט, קאן מען זאגן: „פארקאמפליצירט ניט די פאלעסטינע־פראגע, שליסט ניט איין אין איר די בעדויינען פון דעם מידבער, וואס זייערע בליקן זיינען געווענדט צום סיני און האבן קיין שום געמיינזאמס ניט מיט פאלעסטינע".

מיר האבן אזוי ברייט ציטירט קערזאנס ארויסטרעטונג דערפאר, ווייל זי באווייזט די קאוואנעס פון די ציוניסטישע לידערס, וועלכע האבן מיט 40 יאר ביז דער אגרעסיע פון ייסראעל — פראנקרייך — ענגלאנד קעגן עגיפטן און קימאט מיט 50 יאר ביזן אנפאל אויף יארדאניע שוין פלאנירט צו פארכאפן דעם סינייער האלב־אינדזל און די ברעגן פונעם טייך יארדן. קערזאנס קריטישע באציונג אין דעם פאל איז צו דערקלערן דערמיט, וואס מיט זייערע פרעטענזיעס צו פארברייטערן די גרענעצן פון פאלעסטינע אין דער זייט פון דארעם און מיזרעך האבן די ציוניסטן, צום אונטערשייד פונעם צאפנדיקן וואריאנט, זיך אריינגעריסן ניט אין דער פראנצויזישער, נאר אין דער ענגלישער ווירקונגס־ספער.

אין 1920 האט לאיד דזשארדזש, וועלכער איז אפט ארויסגעטראטן אויף זיצונגען פונעם אויבער־ראט פון דער אנטאנטע, ענערגיש אונטערגעהאלטן דעם פארשלאג צו פארברייטערן די טעריטאריע פון פאלעסטינע אין דער צאפנדיקער ריכטונג, פארופנדיק זיך שוין ניט בלויז אויף דער ביבל, נאר אויך אויף דער נייטיקייט צו באזארגן פאלעסטינע מיט וואסער. „אן וואסער, — האט ער געזאגט, — וועט פאלעסטינע ווערן א מידבער, אלע יידן אנערקענען איינמוטיק, אז די וואסער־קוואלן פון כערמאן און פונעם אויבער־טייל פונעם יארדן זיינען לעבנס־נייטיק פאר אט דעם לאנד. פון דער צווייטער זייט, האט אט דאס וואסער קיין שום אינטערעס ניט פאר יענע, וועלכע זיינען די אייגנטימער פון סיריע".

די דאזיקע דערקלערונג איז אינטערעסאנט דערמיט, וואס, ערשטנס, זאגט זי איידעס וועגן ווייטגייענדיקע פלענער פון די ציוניסטן און פון זייערע באשיצער. די קוואלן פונעם טייך יארדן און דער בארג־רוקן דזשעבעל אל־שייך (כערמאן) געפינען זיך אין דער טיפעניש פון דער סירישער טעריטאריע, אויף די ווייטע צוטריטן צו דאמעסעק. צווייטנס, דערפאר, ווייל לאיד דזשארדזשס מעטאד צו פארמאסקירן די פלענער פון טעריטאריעלע פארכאפונגען מיט דער צוויעסדיקער זארג וועגן באווארענען פאלעסטינע מיט וואסער האבן איבערגענומען די ציוניסטישע לידערס פון ייסראעל.

נאכן שליסן דעם אפמאך מיט די ציוניסטן האבן די אימפעריאליסטן פון ענגלאנד און פון די פאראייניקטע שטאטן געאיילט אויסצונוצן זייערע נייע פארבינדעטע אויף אראפרייסן די סאוועטיש־דייטשישע שלום־אונטערהאנדלונגען, וועלכע זיינען געפירט געווארן אין נאיאבער 1917 אין בריסק. דעם 5 דעקאבער האט וויצמאן אפגעשיקט א טעלעגראמע איינעם פון די לידערס פון די רוסישע ציוניסטן ראזאוון, וועלכער האט זיך געפונען אין פעטראגראד. וויצמאן איז באשטאנען דערויף, „עס זאל ארויסגעוויזן ווערן א קעגנווירקונג די אונטערהאנדלונגען מיט דייטשלאנד...". די „אייער הייליקער כויוו, — האט געפאדערט דער לידער פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, — איז פארשטארקן די פראענגלישע סימפאטיע צווישן דעם רוסישן יידנטום און מיט אלע מיטלען קעגנווירקן די קעגנזעצלעכע איינפלוסן". דעם 17 דעקאבער 1917 — אין צוויי טעג ארום נאך דעם, ווי די סאוועטישע דעלעגאציע האט אונטערגעשריבן אין בריסק די פארשטענדיקונג וועגן א וואפנשטילשטאנד, — האט וויצמאן, אונטערן דרוק פון דער ענגלישער רעגירונג, אפגעשיקט דריי טעלעגראמעס צו די לידערס פון די רוסישע ציוניסטן — ראזאוון און זלאטאפאלסקין קיין פעטראגראד, האלפערינען קיין קיעוו, אוסישקינען, בארבאשן און וויינשטיינען קיין אדעס. די טעלעגראמעס האבן געפאדערט קעגנווירקן דער פארשטענדיקונג, אויף וויפל זי קאן אפשוואכן די פאזיציעס פון דער אנטאנטע.

ווי מיר זעען, איז דער ציוניזם גרייט געווען אפדינען די הויפט־קויכעס פונעם אימפעריאליזם פאר ארויסגעבן די באלפור־דעקלאראציע.

■ ■ ■

טעוויע גען

אין שטאָטישן פּאַרק

נ יט ווינציק יאָרן איז דאָוויד ליפּאָוועצקי געווען א מיליטערמאַן. אָנגעהויבן האָט ער פון א סאָלדאט, א יונגן רויטארמייער אין סאָף פון בירגערקריג, און אזוי פּאַוואָליע דער־גרייכט די מאדרייגע פון א מאיאָר, א קאָמאַנדיר פון א באטאליאָן. ער איז שוין ווײַט ניט געווען קיין יונגערמאַן, ווען ער איז אוועק אין „זאַפּאַס". דעם עמעס געזאָגט, האָט זיך אים זייער ניט געוואָלט אוועקגיין פון אַרמיי, אָבער ס'האָבן אַלץ מער זיך געלאָזט פילן די ווונדן, וואָס ער האָט געקראָגן אַף דער מילכאָמע, אַלץ שווערער איז געוואָרן אָנצוהאַלטן דעם היצן אַרמייִשן טעמפּ.

דאָווידס פרוי איז געווען א מעדיצינישע שוועסטער, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקאַנט מילכאָמע־צײַט, אַפן פראָנט.

א ליבע אַפן פראָנט! א שטיק טרייסט און פרייד אין א צײַט, ווען יעדע מינוט לויערט דער טויט. די סנאַריאַדן, וואָס פליִען אינדערנאָענט פון דער זעמליאַנקע, גיבן צו די אײַליקע ליבע־באַגעגענישן א באַזונדער אָנגעגליטקײַט און סוידעספולן צויבער. דאָוויד ליפּאָוועצקי, דאַן נאָך א לייטענאַנט, האָט געפירט זײַן ראָטע אין שלאַכט, די מעדשוועסטער מאַשע סאָקאָ־לאָווע האָט די פאַרוווּנדעטע געגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף. ער האָט געשמעקט פּול־ווער, זי — דעם רייעך פון בלוט, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן פאַרבאַקן צו ווערן אַף פאַרווונ־דעטע לײַבער. נאָך דער מילכאָמע האָבן דאָוויד און מאַשע פאַרשריבן זיך אין זאַגס.

די געוועזענע מאשענקע, איצט מאריִע פאוולאָוונע, איז אין מיליטערישן שטעטל, ווו זיי האָבן געלעבט נאָך דער מילכאָמע, געווען צווישן די אָפיצערישע פרויען די סאמע ענערגישע, די סאמע פריילעכע. קיין איין יאָמטעוו אין דער קאזארמע, קיין איין סימכע בא די אָפיצערן איז ניט דורך אָן מאשענקעס אָנטייל. זי איז געווען די ערשטע אקטיוויסטקע אין פרויענראט. עס איז קיין סאָפעק ניט, אז די סאָלדאטן קאָנען אליין זייער גוט פארבעטן די בעטלעך, אויסוואשן די דילן, ריין מאכן די שויבן, זיי זאָלן פינקלען און מע זאָל קאָנען זיך שפיגלען אין זיי. אָבער היימלעכקײַט, דאָס, וואָס מע רופט היימישע ווארעמקײַט, האָט אין מיליטערישן שטעטל — אין דער קאזארמע, אין רויטן ווינקל, אין קלוב — ארײַנגעבראכט מאשענקע מיט איר אקטיוו. עס זײַנען פאראן אזויפיל מילדע קלייניקײַטן, וואָס נאָר פרויִשע הענט קאָנען זיי ארײַנברענגען. עס איז געווען אפילע א שטיקל וויקועך, צי דארף מען אין א סאָלדאטסקע קאזארמע טעפעלעך מיט בלומען אָף די פענצטער. זײַנען זיי ניט איבעריק פאר מענטשן, וואָס דארפן באטאָג און באנאכט, לויטן ערשטן באפעל, גרייט זײַן אויסצופילן די שווערסטע שלאכט־אויפגאבע?

אין שטוב האָט דאָוויד אײַנגעטײַנעט מיט מאשען:

— פארנעמסט זיך ניט מיט דעם, וואָס דו דארפסט. עפשער וועסטו נאָך עפענען א טאנץ־קלאס און לערנען די סאָלדאטן וווגי־מוגי?

— ניט וווגי־מוגי, נאָר בוגי־וווגי, — האָט מאשענקע אים פאריכט מיט א געלעכטער. — די סאָלדאטן האָב איך ניט וואָס צו לערנען, זיי טאנצן בעסער פון מיר, נאָר פאר אײַך, אָפיצערן, וועל איך אומבאדינגט אָרגאניזירן אין קלוב א טאנץ־קרײַזל און דו וועסט אין אים זיך פארשרײַבן דער ערשטער. טאנצסט, ווי א בער. אָף אָקטיאבערסקע האָב איך אָנגעטאָן נײַע טופל, האָסטו גלײַך אינעם ערשטן וואלס געמאכט פון זיי א טעל, אָפגעריבן מיט די שטיוול דעם גאנצן לאק, אָף נײַ־יאָר מוזסטו מיר שוין קויפן נײַע, — ריידנדיק אזוי, שײַנען בא מאשענקען די ברייטלעכע ראָזעווע באקן, קיינמאָל ווערט זי, דוכט, אָפאנעמעסן ניט אין קאס, זי קאָן פאָשעט ניט זײַן אין קאס, לעכאָלהאָפאָכעס א לענגערע צײַט, און ער, דאָוויד, קאָן עס דאפקע יאָ, ער בייזערט זיך, כמורעט זיך, די געדיכטע ברעמען זײַנען הארב אָנגעצויגן איבער די אויגן. זי לאכט, רעדט אין א שפאסיקן טאָן, און ער ברומקעט שווער, ווי ער וואָלט געקײַקלט א ראָד איבער שארף־שפיציקע שטיינער.

— ווען איך בין געווען א ייִנגל, האָב איך זיך געלערנט האלטן א שווערד אין האנט, שנײַדן די ווײַסגווארדייער, די מאכנאָווצעס, דערנאָך, ווען עס איז געוואָרן א פרידלעך לעבן, האָב איך קיין רו ניט געוווסט אָף דער גרענעץ מיט מאנטשזשוריע, געווען אויך בא דער אָזערע כאסאן אין דער הייסער צײַט... — ער דערציילט דאָס איר, פונקט ווי זי וואָלט ניט געוווסט זײַן ביִאָגראפיע, נאָר ער קאָן זיך ניט אָפשטעלן, ער רעכנט איבער די ערטער, ווו ער האָט געדינט און ווו עס האָט געלויערט די געפאר, איידער נאָך עס האָט זיך אָנגעהויבן די עמעסע גרויסע מילכאָמע. — ווען זשע האָב איך געקאָנט אויסלערנען זיך טאנצן? — פרעגט ער און זי ענטפערט ווידער מיט א געלעכטער:

— האָסט געקאָנט זיך אויסלערנען פונקט דאן, ווען ס'האָט זיך אויסגעלערנט דער פאָלקאָווניק שעווטשוק, דער פאָדפאָלקאָווניק מיראָנאָוו. זיי דינען ניט ווייניקער פון דיר אין ארמיי. אן אָפיצער זאָל ניט קאָנען טאנצן!

א נארישער געשפרעך, און געווינען געווינט זי, זי איז די גערעכטע. ער וויל ניט נאָכגעבן, און שוין העכער, קימאט באפעלעריש, זאָגט ער צו איר:

— מיש זיך ווייניקער. ברענגסט נאָר ארײַן אן אומאָרדענונג מיט דײַנע טעפעלעך בלומען.

— איך ברענג ארײַן אן אומאָרדענונג? — מאשע, איז אפילע פון אזא שווערער באשולדיקונג ניט געוואָרן אין קאס, זי איז נאָר געווען זייער פארוווּנדערט, און אין די בלויע אויגן אירע האָט זיך אָנגעצונדן דאָס פײַערל, וואָס צינדט זיך אָפטלעך אָן אין זיי — א טרוימעריש פײַערל, וואָס דערמאָנט ניט בלויז וועגן די פארגאנגענע יונגע יאָרן, נאָר אויך וועגן דעם, אז ס'איז נאָך ווײַטלעך פון וועלקונג.

— נארעלע, — האָט זי אים געזאָגט, ווי מע זאָגט צו א קינד. — בלומען שאטן דען צו דער העלדישקײַט? וואָס קאָנען זיי שאטן? פארקערט, זיי דערמאָנען וועגן דער היים, וואָס מע דארף אָפהיטן.

זי, זײַן פריילעכע און ענערגישע מאשענקע, האָט ניט ווילנדיק אים דערלאנגט א פילבארן קלאפ.

אין פאָלק איז געווען איינער אן אָפיצער, אן אָפטער ארײַנגייער אין קלוב, א פלײַסיקער אָנטיילנעמער אין אלע פארווײַלונגען, וואָס עס האָט אײַנגעאָרדנט און צוגעקלערט ליפאָוועצ־

קיס פרוי. מאשע האָט זיך אין אים פארליבט. יענער איז דאפקע געווען צוריקגעהאלטן, און די ליבע איז ווײַט ניט אוועק. נאָר אין מיליטערישן שטעטל, ביפראט צווישן די פרויען, האָט מען בעשײַטע גערעדט וועגן דעם, און אז פרויען ריידן, דערגרייכן די רייד אויך צו די מאנצבלשע אויערן. דער קאָמאנדיר פון פּאָלק האָט אין א געשפּרעך אונטער פיר אויגן מיט ליפּאָוועצקין, ווי פארבײַגייענדיק, טרויעריקלעך א זאָג געטאָן: „מיר עלטערן זיך, מיר ווערן אלט...” דערנאָך, מיט דער גראַדליניקײַט, וואָס איז אייגנטימלעך א מיליטערמאן, א וועטעראן, צוגעגעבן:

— עס איז שווער צו האָבן א יונג ווײַבל. מיר איז בעסער פון אײַך. מײַנע איז עלטער פון מיר, און קיינע שום זאָרגן האָב איך ניט פון איר...

אף א פײַנעם אויפן געזעגנט זיך מיט אלעמען, אײַנגעאָרדנט פאר די אָפיצערן א געזעגענונגס־אָוונט, ווו ווײַן האָט זיך געגאָסן און ווינטשערײַען האָבן זיך געטראָגן ביז שפּעט אין דער נאכט, האָט דאָס פּאָרפּאָלק ליפּאָוועצקי פארלאָזט דאָס מיליטערישע שטעטל. מאן און ווײַב האָבן ניט אזוי גרינג געקאָנט באשליסן, ווו צו באזעצן זיך אף שטענדיק. אים האָט געצויגן אין זײַן היימשטאָט כערסאָן, זי האָט געוואָלט מאָסקווע אָדער לענינגראַד. ביז וואָס־ווען, ביז מע וועט זיך ארומקוקן און ענדגילטיק באשליסן, האָבן זיי דערווײַל זיך באזעצט אין א שטאָט, א ראַיצענטער הינטער מאָסקווע, אף א פּריוואטער קוואַרטיר. אייגנטלעך ניט גופא אין שטאָט, נאָר אף אירן א ווײַטערן ראנד, ווו עס איז שוין האלב דאָרפיש. א סאך הײַזער זײַנען הילצערנע, מיט פריזבעס און גערטנדלעך; עס איז פאראן אן איין־און־איינציקע קלייט, אפן ערשטן שטאָק האנדלט מען מיט עסנווארג, אפן צווייטן — מיט קליידער.

לענגויס דעם שאָסיי־וועג, פון לינקס, ציט זיך אן אלטער וואלד, און פון דער רעכטער זײַט, הינטער די שטיבלעך, וואָס טרעטן צו צום סאמע וועג, איז ווידער וואלד, צווישן די ביימער בליאסקעט דער קאנאל „מאָסקווא”, מיט די שיפן, וואָס שווימען נאָכאנאנד איבער אים פון אָנהייב מײַ ביז טיפן הארבסט. ווינטער־צײַט איז דאָ פול מיט ליזשניקעס, זיי האָבן האנאָע ארויפצופאָרן פון די הויכע אָפריסן, וואָס פירן צום קאנאל.

ס'איז א פרעכטיק ווינקל, שטיל, גרין. די לופט ריין, סעדער אין אלע הויפן. ווילסטו — כאפּ זומער און ווינטער פיש, עמעס, העכטן און קארפּן זײַנען דאָ א זעלטנהײַט, אָבער פּלאָטעצעס איז פאראן געגוג. אויב צו אָט די אלע מײַלעס נאָך צורעכענען די נאָענטקײַט צו מאָסקווע און אויך נאָך דאָס, וואָס די באלעבאָסטע פון דער שטוב, ווו דאָוויד מיט מאשען האָבן אָפּגעדונגען צוויי צימערן מיט א וועראנדע, איז געווען זייער א פּרײַנטלעכע פרוי, ניט ווינציק פון איר מעבל און פון דער קיך־ווירטשאפט האָט זי אָפּגעגעבן אין רעשוס פון אירע קוואַרטיראנטן, באפרײַט זיי פון ארומלויפן איבער די מאגאזינען אײַנצוהאנדלען פארשיידענע זאכן פון דער ערשטער נויטווענדיקײַט, אויב נאָך צורעכענען אָט די לעצטע צוויי מײַלעס, איז דאָס נײַע וווין־אָרט געווען אזעלכס, וואָס בעסער דארף מען ניט.

אָבער אין עטלעכע טעג ארום, נאָכדעם ווי דאָס פּאָרפּאָלק האָט זיך דאָ באזעצט, איז מאשע אינדערפרי אוועקגעפאָרן מיטן אווטאָבוס אין דער שטאָטישער פּאָליקליניק און זיך אײַנגעאָרדנט דאָרטן אף ארבעט. מע האָט זי געכאפּט מיט ביידע הענט — א מעדיצינישע שוועסטער, מיט א גרויסער דערפארונג, איז מיט גאָלד צוגלײַך. באשטאַט האָט מען זי אין כירורגישן קאבינעט. דאָוויד איז נאָך געזעסן אין שטוב בא א וואָך צײַט, און אין איינעם א פרימאָרגן איז ער אוועקגעפאָרן אף אן אופנאם צום פאָרזיצער פון שטאָט־סאָוועט, מיט וועמען ער איז געווען באקאנט פון דער מילכאָמע־צײַט, ווען זיי ביידע זײַנען געווען אפן פראָנט. געדינט האָבן זיי ניט אין איין באטאליאָן און ניט אין איין פּאָלק, נאָר אין איין דיוויזיע, אָבער פונדעסטוועגן געטראָפן האָט מען זיך ניט זעלטן. ניט איין מאָל איז ליפּאָוועצקיס ראָטע געשיקט געוואָרן צוהילף לוקינס ראָטע, מע האָט באשיצט איין און דעם זעלבן פּלאצדארם, דורכגעפירט געמיינזאם א וויכטיקע אָפּעראציע. צום ערשטן מאָל האָבן זיי זיך געטראָפן אין סיטשאָווקע, סאָף זומער 1941, ווען די גאנצע דיוויזיע איז ארײַנגעפאָרן אהין אף פארמאסקירטע מיט גרינע צווײַגלעך לאסטמאשינעס און אף א צײַט דאָרטן זיך פארהאלטן. די שטאָטישע סטאָלאָווע האָט אזוי ווי געוואַרט, אז אין איין אויגנבליק זאָלן ווערן אויסגעליידיקט אירע קעסלען און סקאָוורעדעס. בא א סאך זעלנער איז דערנאָך אף לאנג פארבליבן דער טאַם פון סיטשאָווקער באָרשטש און פון סיטשאָווקער קאָטלעטן — א מעכײַעדיקער באָרשטש און מעכײַעדיקע קאָטלעטן מיט א פעטער הריקענער קאשע. אָבער ניט פאר אלעמען האָט געקלעקט. לוקין האָט דערנאָך געהאַט א גערעכטע טײַנע צו ליפּאָוועצקין:

— די עמעסע פיקערס זײַנען אין דײַן ראָטע. אפילע אף פארזוכן ניט געלאָזט.

דאָס לעצטע מאָל האָבן זיי זיך געזען אין 1942־טן, בייס דער שווערער כאַרקאָווער אָפּעראַציע, ווען מע האָט די שטאָט באַפרייט און דערנאָך געמוזט זי ווידער פאַרלאָזן. בייסן דײַטשישן קאָנטער־אַנגריף אַף כאַרקאָוו איז לוקין שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און אָפּן פראָנט מער זיך ניט אומגעקערט. ער האָט געאַרבעט אַף „שטאַטסקע" שטעלעס, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מען אים דאָ אויסגעוויילט אַלס פאָרזיצער פון שטאָט־סאָוועט.

לוקין איז געווען פאַרנומען, און ליפּאָוועצקי איז אומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן גרויסן אופנאַם־צימער, געשפּאַנט פונעם פענצטער ביז דער טיר און צוריק, אוועקגעזעצט זיך אַף אַ שטול, געזעסן אַ ווײַלע, אופגעהויבן זיך און ווידער גענומען שפּאַנען. דער טראָט איז בײַ אים געווען אַ שווערער, האַרטער, דאָס פּאָנעם, כאָטש דעם, וואָס עס איז ביכלאַל רויט, איז איצט נאָך געווען רויט פון אומגעדולד, פון דעם, וואָס מע דאַרף וואַרטן.

די סעקרעטאַרשע, וועלכע איז געזעסן בײַ איר טיש, שוין ניט קיין יונגע פרוי, מיט אַ מידן אויסזען, האָט אַלץ געוואָלט זאָגן דעם אומגעדולדיקן באַזוכער, ער זאָל אופהערן אַרומגיין, עס שווינדלט איר אין די אויגן, נאָר זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן און ניט געזאָגט. יעדעס מאָל האָט זי בלויז מיט אַ שטומען בליק אָנגעוויזן אַף דער טיר פון קאַבינעט, וואָס איז אַרומגעשלאָגן מיט געלן דערמאַטין און אַרומגענומען מיט אַ סאַך רייען בלאַנקענדיקע קנאָפּקעס, ווי פאַרזיכערנדיק, אַז די טיר וועט זיך באַלד עפענען.

דאָוויד האָט פאַרלאָרן דעם געדולד און זיך געווענדט צו דער סעקרעטאַרשע:

— זאָגט, ביטע, באַריס פּעטראָוויטשן, אַז עס וויל אים זען ליפּאָוועצקי.

— דער איניען אײַערער איז אַ פּערזענלעכער? — האָט זי געפרעגט.

— אַ פּערזענלעכער.

— פאַרוואָס זשע האָט איר פריִער ניט אָנגעקלונגען? הײַנט איז ניט קיין אופנאַם־טאָג.

— זאָגט אים פונדעסטוועגן, אַז איך וויל אים זען. ער וועט זיכער מיך אופנעמען.

— אַלע זײַנען זיכער. ער איז דאָך איינער. ווי, זאָגט איר, איז אײַער פאַמיליע?

— ליפּאָוועצקי, דאָוויד ליפּאָוועצקי. ער קען מיך גוט. מיר האָבן צוזאַמען געדינט אין איין דיוויזיע.

— איר וואָלט כאָטשבי געזאָגט — אין איין פּאָלק, — האָט די סעקרעטאַרשע אַ שמייכל געטאָן. — אין אַ דיוויזיע איז, דוכט מיר, צען טויזנט מענטשן.

— און שטעלט זיך פּאָר, — האָט זיך ארײַנגעמישט אַ צווייטער באַזוכער, וואָס איז געזעסן אַף אַ שטול גלײַך לעבן דער טיר פון קאַבינעט און געבלעטערט אַ פּעקל דאָקומענטן, געלייענט זיי מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט געדאַוונט. ס'איז געווען אַ וווּנדער, וויאַזוי ער הערט, וואָס מע רעדט אין אופנאַם־צימער. — און שטעלט זיך פאָר, — האָט ער געזאָגט, — איך, אַז איך טרעף עמעצן ניט נאָר פון מײַן דיוויזיע, נאָר פון אונדזער זעקס־און־צוואַנציקסטער אַרמיי, איז ווי כ'וואָלט באַגעגנט אַ ברודער. איך לייג אים גלײַך פאָר נעכטיקן בײַ מיר, — ער האָט דאָס אויסגעשאָסן אין איין אָטעם און ווידער פאַרטיפט זיך אין זײַנע פּאַפּירן.

ענדלעך האָט די געוווּנטשענע טיר זיך געעפנט, עס זײַנען אַרויס פון קאַבינעט עטלעכע מענטשן, און איידער די סעקרעטאַרשע האָט אַ ווונק געטאָן צו ליפּאָוועצקין, ער זאָל אַרײַנגיין, איז ער שוין אַליין אַרײַן, מאַשינעל צוגלעטענדיק מיט אַ האַנט דעם קיטעל פון הינטן און פון פאָרנט.

באַריס פּעטראָוויטש לוקין האָט זיך אופגעהויבן פון טיש, אַרויס אַנטקעגן דעם אַרײַנגעקומענעם. זיי האָבן אַ דריק זיך געטאָן די הענט, דערנאָך, ווי באַשליסנדיק, אַז דאָס איז ווייניק, האָבן זיי אַ קלאַפּ געטאָן איינער דעם אַנדערן איבער דער פּלייצע, איז עס נאָך אַלץ געווען ווייניקלעך, האָבן זיי זיך אַרומגענומען און זיך צעקושט. לוקין האָט אַרומגענומען מיט איין האַנט, די אַנדערע איז געווען אַ פּראָטעז מיט אַ שוואַרצער הענטשקע.

— ווען ביסטו געקומען צו פאָרן? — האָט לוקין געפרעגט, ווען זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן בײַם טיש.

— איך בין געקומען פאַריקע וואָך.

— און אַפילו ניט אָנגעקלונגען?

— ניט געוואָלט באַאומרויִקן.

— מיך ניט געוואָלט באַאומרויִקן? מע קלינגט צו מיר דרײַ אזייגער באַנאַכט, אַז מע דאַרף, און אַמאָל קלינגט מען, אַז מע דאַרף ניט אויך. דערצייל זשע, ביסט נאָך אַלץ דאָרטן, אין נ־ער מיליטערישן קרײַז?

— ניין, איך בין שוין ניט דאָרטן.

— אין אַן אַנדער קרײַז?

— אין אַן אַנדערן אויך ניט. איך בין אין זאַפּאַס.

— אזוי גאָר? און האָסט זיך באַזעצט אין אונדזער שטאָט?
— ווי דו זעסט.
— דער אויסוואַל דײַנער איז ניט קיין שלעכטער. ס'פרייט מיך. ווו האָסטו דאָ זיך אָפּגעשטעלט?
— דערווײַל אף א פּריוואַטער קוואַרטיר.
— אין וואָיענקאָמאַט, בא וויניטשענקאָ, ביסטו שוין געווען?
— אוודע.
— א דירע האָט ער צוגעזאָגט?
— איך האָב מיט אים ניט גערעדט וועגן דעם.
— נו, א דירע וועסטו קריגן. און ווו רעכנסטו ארבעטן?
— וועגן ארבעט וויל איך זיך אן אייצע האלטן מיט דיר.

באָריס פּעטראָוויטש האָט גענומען טראַכטן, וואָס פאר א שטעלע מע קאָן אים פאָרלייגן. ער האָט געוווּסט אלע ערטער, ווו ווער אין ווען מע בײַטיקט זיך. אין איין אָרט האָט זיך געפאָדערט אן אינספעקטאָר פון קאַדרען־אָפּטייל, אין אן אנדער אָרט — א געהילפס־דירעקטאָר, אף אן אונטערנעמונג האָט מען געדאַרפט א שעף פון פּראָדוקציר־אָפּטייל, אין אן אינסטיטוט — א פּראָרעקטאָר. כוץ אָט די און אנדערע פרײַע ערטער, איז אָבער געווען א „ברענענדיקע” וואַקאַנסיע, וואָס מע האָט זי געמוזט דרינגענדיק פארפולן, און ניט מיט אבי־וועמען, נאָר מיט אן ענערגישן און אווטאָריטעטן מענטשן.

— וואָס איז דײַן פאַך? — האָט לוקין געפרעגט.
— ווייסט ניט מײַן פאַך? א פּעדאַגאָגינעץ. דאָס גאַנצע לעבן אין פּעדאַגאָגיקע.
— אין אונדזער פּאַרק ביסטו שוין געווען?
— ניין נאָך. א שיינער פּאַרק?
— אן אויסגעצייכנטער. א פּאַרק פאר קולטור און אָפּרו, נאָר קולטור און אָפּרו איז, צום באַדויערן, דערווײַל נאָך ווייניק דאָרטן. פון גאַנצפרי ביז שפּעט אין אָוונט הילכט א צענדליק רעפּראָדוקטאָרס, טויב צו ווערן, און מיט דעם איז מען שוין פּאָטער, אלץ איז אָפּגעטאָן. עס גליקט ניט אונדזער פּאַרק. איין דירעקטאָר איז געווען א שווינדלער, דער צווייטער — א טויגעניכץ, דער דריטער — דאַפקע נישקאָשע, א יונגער ענערגישער באָכער, איז ער אוועקגעפאָרן לערנען. איצט איז ביכלאל ניטאָ קיין דירעקטאָר, נאָר א שטעלפארטרעטער, אן ערלעכע גוטע פרוי, אָבער א שוואַכע טוערין... און ס'גייט צו זומער, אָט איז שוין באַלד ערשטער מײַ... — לויט דער פאַרזאָרגטקייט און היציקייט, מיט וועלכער לוקין האָט גערעדט, איז געווען צו זען, אז דער פּאַרק „זיצט” אים גוט אין די ביינער... מיסטאָמע ניט אף איין סעסיע פון שטאָט־סאָוועט איז וועגן דעם געגאַנגען א רייד. אָבער צוליב וואָס דערציילט ער דאָס אים, ליפּאָוועצקין, וואָס פאר א שײַכעס האָט דער פּאַרק צו אים?
— ווילסט מיך עפּשער שיקן אהין? — האָט ליפּאָוועצקי אים איבערגעשלאָגן מיט א געלעכטער, וואָס אזא געדאַנק קאָן גאָר אײַנפאַלן.
— איך האָב דיר נאָך ניט פאָרגעלייגט, נאָר וויבאַלד דו האָסט אליין זיך אָנגעשטויסן, איז טו טאַקע א קלער, — האָט לוקין געזאָגט. — איך אייצע דיר: פּרוּוו! פארוואָס ניט? די גאַנצע שטאָט וועט דיר דאַנקען, אויב דו וועסט מאַכן דאָרטן א טאָלק.
— אן עק, העראוף צו שפּאַסן, — דאָוויד האָט זיך דערפילט אפילע באַליידיקט. — אויב דו האָסט גאָרניט בעסערס, וועל איך אליין געפינען אן ארבעט.
— איך צווייפל ניט, אז דו וועסט געפינען. נאָר פארוואָס איז דיר ניט צום הארצן דער פּאַרק? איינער פון די שענסטע און גרעסטע פּאַרקן אין דער געגנט, נאָר ער איז פארלאָזן... איך וועל אָנקלינגען זעלעניגען, דעם ערשטן סעקרעטאָר אונדזערן, און אף דער נאָענטסטער זיצונג וועלן מיר אָנעמען דעם געהעריקן באַשלוס, — לוקין האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו איינעם פון די טעלעפאָנען אפן טיש.
— אײַל זיך ניט און קלינג ניט, — איז דאָוויד געוואָרן אף אן עמעס אָנגעברויגעזט. — וואָס האָסטו זיך אָנגעכאַפּט אין מיר? שטעל זיך פאָר, אז איך בין ניט געקומען צו פאָרן.
— ביסט דאָך יאָ געקומען.
— איך ווייס ביכלאל ניט, צי כ'וועל דאָ בלײַבן אין שטאָט.
— אויב אזוי, איז אנדערע רייד. נאָר איך מיין, אז די שטאָט וועט דיר געפעלן ווערן, און פון א גוט אָרט פאָרט מען ניט אוועק. דו ביסט געקומען אהער מיט האַקל־פּאַקל, מיט דער מישפּאָכע?
— יאָ, מיט דער מישפּאָכע. זי איז בא מיר ניט קיין גרויסע. איך און די פרוי.

— וואַרט נאָר, וואַרט... דײַן פּרווו קען איך דאָך. כ׳האָב פאַרגעסן, ווי זי הייסט...

— מאַשע.

— אָך, יאָ, מאַשע, מאַשענקע. אַלע זײַנען געווען אין איר פאַרליבט, נאָר אויסגעקליבן האָט זי דיך...— באָריס פּעטראָוויטש האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אָנעם ווענטל פון שטול, און א גוטמוטיקער, א ביסל א נאַרישוואַטער שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אױף זײַן לענגלעכן בלייכן פּנים מיטן זייער שאַרפן קין. ער האָט א באַוועג געטאָן מיט דער שוואַרצער הענטשקע.

— כ׳וואָלט זי געוואָלט זען, — האָט ער געזאָגט, — קומט צו מיר זונטיק אױף וואַרמעס, האַ? נו, וואָס שווײַגסטו? איר וועט קומען?

— א דאַנק. מיר וועלן קומען. — ליפּאָוועצקי האָט אופגעהויבן זיך פון אָרט. לוקין האָט זיך אויך אופגעהויבן, אַרויסבאַגלייט אים ביז צו דער טיר פון קאַבינעט.

— טו א טראַכט, וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט, — האָט ער אים נאָכגעמאָלט דערמאָנט. — און זונטיק קום מיט מאַשען. איך וועל וואַרטן! קומט אומבאַדינגט!

די נײַס וועגן דעם, אַז לוקין האָט פאַרגעלייגט דאַווידן ווערן דירעקטאָר פון פּאַרק, האָט מאַשע אופגענומען מיט אַנציקונג.

— מיר וועלן שפּאַצירן מיט דיר אין פּאַרק, — האָט זי זיך דערפרייט, ווי א קינד, וועלכן מע האָט צוגעזאָגט א שיין שפּילעכל.

— שפּאַצירן וועלן אַנדערע. איך וועל אַרומלויפן.

— פיר און צוואַנציק שאָ אין מעסלעס לויפט מען ניט. אין אָוונט וועסטו רוען, ווי אַלע. וואָס האָסטו וואָס צו קלערן? די אַרבעט געפעלט מיר.

— איז גיי דו פאַר א דירעקטאָר.

— מיט פאַרגעניגן וואָלט איך געגאַנגען, ס׳איז אוודאי בעסער, ווי אין פּאָליקליניק... פון דער צווייטער נײַס, אַז לוקין האָט זיי אײַנגעלאַדן אַהיים צוגאַסט, איז זי געווען אַנציקט נאָך מער. אין זיקאָרן בא איר איז פאַרבליבן, וויאַזוי זי האָט געהאָלפן דעם לייטנאַנט לוקין אַרופזעצן זיך אפן וואָגן, וואָס איז מיט אײַנגעשפּאַנטע צווײ פערד געשטאַנען אין א וועלדל. מאַשע האָט געוואַרט אױף נאָך פּאַסאַזשירן, אין דער טרויעריקער זיכערקײַט, אַז זיי וועלן זײַן און אַז מע וועט זיי דאַרפן אָפפירן אין סאַנבאַט. אפן פרײַען פעלד, הינטערן וועלדל, איז פאַרגעקומען א פאַרביטערטע שלאַכט. לוקין איז געווען פאַרוווּנדעט אין אַקסל און אין דער האַנט, זי האָט אים געמאַכט דעם ערשטן באַנדאַזש. פאַרגעדענקט האָט זיך איר זײַן ייִנגלשע פראַגע, וואָס ער האָט א פאָר מאָל איבערגעכאַזערט: „ס׳איז ניט געפערלעך, מאַשענקע, ווי מיינסטו? כ׳וועל אינגיכן אומקערן זיך צוריק?..״

— ווי זעט ער אויס? — האָט זי איצט געגומען זיך נאָכפרעגן.

— ער זעט אויס גוט. נאָר דו ווייסט דאָך — געבליבן אָן א האַנט. — זיצנדיק בא לוקינען אין קאַבינעט און אויך איצט, ריידנדיק וועגן אים מיט מאַשען, האָט דאַוויד זיך געפילט אַזוי ווי שולדיק, וואָס ער פאַרמאָגט בײדע הענט.

— מיר לעבן דאָ, ווי אױף אן אינדזל, — איז מאַשע אומגעריכט אַרויס מיט א טײַנע. — מער ווי אונדזער באַלעבאָסטע, די מומע שורע, זעען מיר קײנעם ניט. מיר וועלן באַלד גיין שפּאַצירן אין שטאָט!

— מעשוגעט! איצט, אינמיטן העלן טאָג? דאַרפסט דאָך נאָך מיטיק גיין אױף דער אַרבעט!

— זאָרג ניט, איך וועל אױף דער אַרבעט באַוויזן. איך וועל דיך באַגלייטן ביזן פּאַרק, עס איז אפן וועג צו דער פּאָליקליניק.

אַזוי ווי א קאַלע־מיידל, וואָס האָט ליב צו פּוצן זיך, האָט זי אָנגעטאָן איין קליידל, אויסגעטאָן, אַרופגעוואָרפן אױף זיך א צווייטס, אויך אויסגעטאָן, גענומען א דריטס. זי איז געשטאַנען באַם שפּיגל, וואָס איז אַרײַנגעפּאַסט אין טירל פון דער קליידער־שאַפע, געשפּיגלט זיך און יעדן מאָל גערופן דעם מאַן צוהילף, ער זאָל פאַרשפּיליען א קנעפּל אפן רוקן, אַראָפּלייגן פון הינטן דאָס קעלנערל און דעריקער זאָגן מעווינעס, צי עס פּאַסט און צי איז עס בעסער פונעם פריערדיקן קליידל.

— גאָר פון זינען אַראָפּ! ביסט דאָך אױף דער אַרבעט אַלציינס אין א כאַלאַט, — האָט דאַוויד ניט געקאָנט פאַרשטיין איר פּוצעכץ און דערוויל געטאָן דאָס, וואָס זי האָט אים געהייסן — פאַרשפּיליעט, אָפּגעשפּיליעט, אַראָפּגעלייגט, געזאָגט מעווינעס.

— ס׳איז שוין גענוג, וואָס דו טוסט כאָטשבי א רגע אױף מיר א קוק, — זי האָט געלאַכט, און ער האָט בייסמײַסע געקלערט, אַז זײַן מאַשענקע איז זייער א שיינע פרוי און אַז אַלץ ווערט געטאָן בא איר גרינג און מיט אימפּעט.

— טו זיך אויך אָן. טו אָן די פּאַראַדנע אוניפאָרם, — האָט זי אים פאָרגעלייגט.

— וואָס עפּעס אינמיטנדערינען?

— ס'איז ניט אינמיטנדערינען. ערשטנס, גייסטו מיט מיר. צווייטנס, גייסטו ווערן א דירעקטאָר.

— האָסטו שוין באַשלאָסן פאַר מיר?

— אז איך זאָג דיר, איז טו, ווי איך הייס!

— וואָלסט געקאָנט, מאַשענקע, קאָמאַנדעווען מיט א פּאָלק.

ער האָט אָנגעטאָן די מיליטערישע אוניפאָרם. די פלאַנקע מיט די אָרדענס און מעדאַלן איז געווען א ברייטע, אין פיר רייען. די גוט־אָנגעבעטע קישעלעך אַף די אַקסל פונעם קיטעל האָבן די פּלייצעס געמאַכט הויך און פּירקאַנטיק. ווען דאָס אויסגעקלײדטע פּאָרפאָלק איז אַרויס אין דרויסן, האָט די באַלעבאָסטע פון דער שטוב, די מומע שורע, וואָס דאַרף אַלץ וויסן, געפרעגט:

— איר גייט אין טעאַטער?

— אין טעאַטער איז נאָך פרי, — האָט מאַשע זיך אָפּגערופן. — מיר גייען אַף דער אַרבעט.

די אײַזנבאַן־ליניעס צעטיילן די שטאָט קימאַט אַף צוויי גלײַכע העלפטן, איין העלפט — די דאָרעמדיקע — איז די לעבעדיקערע, זי איז פאַרבויט מיט נײַע הויכע מויערן, האָט א סאַך אַנשטאַלטן, מאַגאַזינען; אַף דער דאָרעמדיקער זײַט איז דער מאַרק, דער קאָמבינאַט מיט די אַטעליע, דער מעבל־מאַגאַזין. אַפן וואָקזאַל־פּלאַץ איז אויסגעשטעלט א גאַנצער טאַבון אויטאָבוסן און טאַקסי. די צאָפנדיקע טייל שטאָט איז שטילער, רויִקער, די גאַסן קאָן מען דאָ אַריבערגיין ניט אײַלנדיק, אָן סאַקאָנעס. די לופט איז אויך ריינער, עס איז גרינגער צו עטעמען.

אין דער דאָזיקער צאָפנדיקער העלפט, פּאַראַלעל צו דער אײַזנבאַן־ליניע ציט זיך אַוועק אַף א מעהאַלעך א ציגלנע וואַנט, וואָס איז, ווײַזט אויס, אַמאָל געווען א ווײַסע, איצט איז זי אָפּגעבליאַקעוועט און דער קאָליר איז א שמוציקלעך־גרויער. דאָ און דאָרטן זײַנען אין דער וואַנט פאַראַן לעכער, גאַנץ גרויסע, און מע קאָן גרינג אַרײַנגיין דורך זיי, אויסמײַדנדיק די טויערן. פון אויבן, איבער איין טויער און איבערן צווייטן, הענגען רויטע לײַוונטן: Добро пожаловать! איז אָנגעשריבן אַף איין לײַוונט, און Слава труду! אַפן צווייטן. הינטער די טויערן שפּרייט זיך אויס א פּראַכטפולע מעלוכע פון אַלע מיניםביימער, וואָס וואַקסן אין צענטראַל־רוסלאַנד. די האַרטע טונקעלע קאָרע פון דעמבן שוועסטערט זיך מיט דער איידעלער דין־געשטרײַפטער הויט פון בערעזעס, די דינע אָסינע נייגט זיך אָרעמלעך־קרומוויש צו די ייִכעסדיק צעוואַקסענע צעדערס. אָן ענגער לעבעדיקער קאָרידאָר פון אַקאַציע און בעז־קוסטעס פירט צו א הויכן אָפריס, א באַדעקטן מיט יונגע פלאַנצונגען פון נוסן־ביימלעך.

איצט איז געווען אָנהייב אַפּרעל, די ביימער זײַנען נאָך געשטאַנען הוילע און נאַקעטע. אַף די אַלייעס איז דאָס אײַז צעגאַנגען, און ס'איז געווען זומפּיק און בלאָטיק, נאָר דאָרטן, ווו קיין סטעזשקעס זײַנען ניטאָ, איז געלעגן א פלאַסט שניי, אָן אײַנגעשרומפּענער און טונקל געוואָרענער, א באַדעקטער מיט גרײַפּעלעך אײַז, ווי מיט א גרינגן פּאַנצער. אַפן ראַנד פון פּאַרק איז צעוואָרפן א האַלבער טוץ הילצערנע איינשטאָקיקע שטיבער, א מין קליינינטשקער דאַטשע־ייִשעוו. אין די פענצטער קוקן אַרײַן הוידלקעס, פערדלעך, פליגל פון אַעראָפּלאַנען און אַנדערע אַטראַקציאָנען, וועלכע געפינען זיך מיטן ייִשעוול אין נאָענטסטער שכיינעס. סײַ די שטיבער, סײַ די אַטראַקציאָנען זײַנען איצט געווען אין א שטומער פאַרגליווערטקײַט, נאָר פון איין קוימען אין א כאַטע האָט געקנוילט זיך א רויך, און באַם אַטראַקציאָן, וואָס הייסט „דאָס קייטעלע”, האָבן געפּאָרקעט זיך צוויי ייִנגלעך, זיי האָבן געפּרוּווט דאָס „קייטעלע” פאַנאַנדערהוידען.

גייענדיק אַזוי איבערן פּאַרק און צוקוקנדיק זיך צו אַלץ, האָט דאָוויד אין איינער אַן אַלייע אָפּגעשטעלט זיך לעבן א פרוי, וואָס האָט מיט א רידל געהאַקט דאָס אײַז און די אָנגעהאַקטע שפּליטערס געוואָרפן אין א פורל, אין וועלכן עס איז געווען אײַנגעשפּאַנט אַן אַלט פערד מיט אַן אָפּגעריבענעם רוקן און א שלאַבעריק־אַראָפּהענגענדיקן בויך.

— דער זאַקן איז פון פּאַרק? — האָט ליפּאָוועצקי געפרעגט בא דער פרוי, אָנווײַזנדיק אַפן פערד.

— פונוואַנען זשע דען? און ער איז נאָך גאָרניט אַזוי אַלט. — די פרוי האָט אַרײַנגעשטעקט דעם זאַסטופּ אין די אָפּגעהאַקטע אײַז־שפּליטערס, שטײַפער פאַרצויגן אַפן אָפענעם האַלדז דאָס קניפּל פונעם קאָפּטיכל, פאַרנומען אונטערן טיכל די אַרויסגעשלאָגענע האָר,

אין וועלכע עס האָבן געפינקלט שנייעלעך, אָקאָרשט אראָפּגעפאַלענע פון א בוים. זי האָט זיך אַנגעשפּאַרט מיט א האַנט אָפן הענטל פונעם זאַסטוּפ און איז, אַפּאָנעם, גערן געווען אָפּצורוען זיך, א ביסל א רעד טאָן.

— דאָס פערדל, — האָט זי צו וויסן געגעבן, — איז מילכאָמע־צײַט געווען אין קאַוואַ־לעריע, דערנאָך איז עס אַרײַנגעפאַלן אין א גאַרניזאָן, און פון גאַרניזאָן צו אונדז אין פּאַרק. זומער איז פּאַר דעם א גאַניידן, מע בינדט עס צו אָף א לאַנגער שטריק צו א בוים — און דער פּאַרק איז זײַנער. עס פרעסט פעט און פריש גראָז, וויפל עס וויל. דעם ערשטן יאַנוואַר שפּאַנט מען עס אײַן אין א שליטן, און א גאַנצן טאָג קאַטײַעט עס די קינדער. אָבער וואָס עמעס, איז עמעס, פויל איז עס און אין שפּאָן וויל עס ניט גיין.

דאָס פערד, אַזוי ווי עס וואָלט זיך אַנגעשטויסן, אַז מע רעדט וועגן דעם, האָט א קלאַפּ געטאָן מיט א קאָפּעטע איבערן אײַז, און דער קלאַפּ האָט, דוכט זיך, באַטײַט: גענוג צו טרײַבן רעכילעס אָף מיר, שיט גיכער אָן דאָס פורל, און לאָמיר פאָרן.

ליפּאָוועצקי האָט געפרעגט בא דער פרוי, צי זי אַרבעט שוין א צײַט אין פּאַרק.

— ניט לאַנג, — האָט זי געענטפערט. — פון זינט איך בין אַוועק אָף פּענסיע. עפּשער ווילט איר אויך אַהער אָנקומען אַרבעטן?

די אייגן אירע האָבן זיך פאַרזשמורעט, ווי וועלנדיק אויסבאַהאַלטן, אַז זי שפּאַסט.

— יאָ, איך וויל אָנקומען, — האָט ליפּאָוועצקי געענטפערט גאַנץ ערנסט.

— טאַקע?

— טאַקע, וואָס וווּנדערט איר זיך?

— עפּעס גלייבט זיך ניט. דער פּאַרדינסט איז א קלענער און א טרוקענער. פריִער האָב איך געאַרבעט אין א מאַגאַזין. מיטיק־צײַט, ווען דער מאַגאַזין פאַרמאַכט זיך, פלעג איך דאָרטן פּאַר אַלע פּאַרקויפער אופּזידן א גרויסן טשײַניק און מיר פלעגן טרינקען טיי און פאַרבײַסן מיט טײַערע בוטערבראָדן... אייניקע מאָל פלעגן מיר אַפילו...

— זאָגט מיר, ביטע, ווי הייסט איר? — האָט דאַוויד זי איבערגעשלאָגן.

זי האָט א רײַב געטאָן די הענט מיט א היפל פאַראַיאָריקע אויסגעווייקטע קליאַנאָווע בלעטער און אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט:

— נאַסטיאַ... אַנאַסטאַסיאַ פּיאַדאָראָוונאַ.

— און מיך רופט מען דאַוויד מיכײַלאָוויטש. זאָגט מיר, נאַסטיע, ווו געפינט זיך דאָ די דירעקציע פון פּאַרק? אַלץ האָב איך שוין געפונען, נאָר די דירעקציע נאָך ניט.

— די דירעקציע געפינט זיך אין קינאָ־טעאַטער „עלעקטראָן", דער אַרײַנגאַנג איז פון דער אַנדערער זײַט... איך זע, איר ווילט טאַקע אָנקומען? נו, נו. די לופט איז דאָ א גוטע...

ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער געבײַדע, ווו פון אויבן, איבערן ברייטן בעטאָנענעם פּידאַשעק פון פאַסאַד, איז אָנגעצייכנט מיט זיגזאַגאַרטיקע אויסיעס: „עלעקטראָן".

...איינגיכן איז ער געוואָרן דירעקטאָר.

די דירעקציע פון פּאַרק האָט פאַרנומען צוויי ניט קיין גרויסע צימערן. דאָ איז געווען קעלטער, ווי אין דרויסן, און אויך טומלדיקער. מע האָט געהערט דורך די ווענט אַזוי דײַטלעך די רייד, די מוזיק, וואָס טראָגן זיך פון קינאָ־עקראַן, פּונקט ווי מע וואָלט געזעסן אין צושויער־זאַל. דער נײַער דירעקטאָר דאַוויד מיכײַלאָוויטש ליפּאָוועצקי האָט אויסגע־וואַרט, ביז עס זײַנען זיך צונויפגעקומען אַלע מיטאַרבעטער, און דאַן איז ער אַוועק מיט זײַן קליינעם כאַיִל אָפן אויסגערופענעם „מאַסעוון פעלד" פון פּאַרק. דאָ האָט ער געבעטן אַלעמען אופהייבן זיך אָף דער בינע און אַוועקזעצן זיך צוזאַמען מיט אים באַם לאַנגן טיש, וואָס מע האָט געבראַכט אַהער.

ער האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע. גערעדט האָט ער מיט זײַן באַסאָווער שטים, הויך און אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט, ווי ער איז געווען געוווינט צו ריידן פאַר זײַן באַטאַליאָן.

— מילכאָמע־צײַט, — האָט ער געזאָגט, — האָבן מיר ניט גערוט. עס איז ניט געווען קיין צײַט צו רוען. מע האָט ניט געטאָרט אַפילו א ווײַלע זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. עטלעכע שאָ צום שלאָפן אין מעסלעס — דאָס איז געווען דער גאַנצער אָפּרו. איצט איז דאָס לעבן א פרידלעכס, א נאָרמאַל לעבן, און עס איז פאַראַן צײַט ניט נאָר אָף צו אַרבעטן, נאָר אויך אָף צו רוען. אָבער אָפּרו צו אָפּרו איז ניט גלײַך. מיר דאַרפן אָרגאַניזירן א גוטן, קול־טורעלן אָפּרו. אַלס קאָמאַנדיר, כ'מיין אַלס דירעקטאָר, באַפעל איך: ביזן נײַן־און־צוואַנציקסטן אַפּרעל ברענגען אין פולער אָרדענונג דעם פּאַרק. צוליב דעם... — ער האָט געגומען איבע־רעכענען אַלץ, וואָס עס דאַרף אָפּגעטאָן ווערן, טאָג נאָך טאָג...

ליפּאָוועצקי איז דעם פּערסאָנאַל געפעלן געוואָרן. אין גוטן מוט האָט מען געטראַכט וועגן אים: ער מיינט, ער קאָמאַנדעוועט מיט זײַן באַטאַליאָן.

דער אַלטער סטאָליער וואַסיל איוואַנאָוויטש האָט געהאַלטן די הענט אונטערן פאַרטעך, ווי א באַלעבאָסטע, וואָס רוט אָפּ. ער האָט געקוקט אַפן דירעקטאָר און אַזוי ווי גערעדט צו אים: די הענט מײַנע זעסטו ניט, נאָר מעגסט זײַן זיכער — זיי זײַנען גוטע באַלמעלאָכישע הענט. טעסלערישע ארבעט, סטאָליערישע ארבעט... מילכאָמע־צײַט האָבן זיי געהאַלטן אַן אווטאָמאַט... אַלץ, וואָס מע וועט דאַרפן, וועט געטאָן ווערן.

לעבן וואַסיל איוואַנאָוויטשן איז געשטאַנען זײַן געהילף, א כעוורעמאַן אין דזשינסן און מיט זייער א געדיכטער קוטשמע האָר אַפן קאָפּ. געהייסן האָט ער נעראָן. אַן אײַנפאַל פון די עלטערן, אז זייער זון זאָל דאָס גאַנצע לעבן טראָגן א נאָמען, וועלכער צווינגט מענטשן איבערצופרעגן: „ווי האָסטו געזאָגט: נעראָן?“

די ביבליאָטעקערשע זינע, א שוואַכינק מיידל, — טו א בלאָז, וועט זי, דוכט, אַוועק־פליִען, — האָט געטראַכט וועגן דעם, אז איצט וועט איר זײַן גרינגער צו ארבעטן. דער נײַער דירעקטאָר וועט זיך ארומקוקן אַף דער ביבליאָטעק. די גרין־געפאַרבטע איינשטאָק־קיקע הילצערנע געבײַדע, וואָס שטייט גלײַך באַם ארײַנגאַנג אין פאַרק, פאַרמאָגט עטלעכע גאַנעקלעך. איבערן דעכל פון איין גאַנעק הענגט א שילדל „ביבליאָטעק“, איבערן אַנ־דערן — „שאַך־קלוב“, איבערן דריטן — „ביליאַרד“. די ווענט פון דער שטוב זײַנען דינע, און אין לייען־זאַל הערט מען נאָכאַנאַנד דאָס שפּילערײַ אין ביליאַרד, די אויסגעשרייען פון די שאַך־שפּילער; כוץ דעם, שפּילט מען אין דרויסן אין דאָמינאָ און. מע האַלט אין איין קלאַפּן מיט די ביינדלעך. ווער קאָן לייענען אין אַזא טומל? איז טאַקע דער לייען־זאַל פּוסט און פאַר דער ביבליאָטעקערן איז די ארבעט אַן אָפּקומעניש...

דער „מאַסאָוויק“ אין פאַרק, ליודמילע ניקאָלײַעוונע, איז געווען די איינציקע, וועמען דאַוויד מיכײַלאָוויטש איז פון דער ערשטער מינוט ניט געפעלן געוואָרן. עס האָט איר געגרילצט אין די אויערן זײַן קאָל, וואָס האָט זיך איר אויסגעוויזן זייער טרוקן און סקרײַ־פּענדיק. די זעלבע ליודמילע, וואָס קאָן אַזוי גוט פריילעך מאַכן אַלעמען, איז מילד און צוגעלאָזן צו יעדערן, האָט מיט אַן אָנגעכמורעטן פּאָנעם געקוקט אַף ליפּאָוועצקין. זי האָט צײַטווײַליק אויסגעפילט די פליכטן פון דירעקטאָר און שוין ניט געקאָנט זיך דערוואַרטן, ווען מע וועט זי פאַרבײַטן, זי האָט גוט געוווּסט, ווי שווער עס איז די ארבעט. זי האָט אויך זייער גוט פאַרשטאַנען, אז ס׳איז נאַריש עמעצן מעקאַנע זײַן, ניט פאַרגינען, האָבן א ווידערגעפיל צו א מענטשן נאָר דערפאַר, ווײַל איר מאַן איז אומגעקומען אַפן פראָנט, און יענער ניט. די מיליטערישע אוניפאָרם, די אָרדענס און מעדאַלן באַ ליפּאָוועצקין אַף דער ברייטער ברוסט האָבן צו העל געלויכטן איר אין די אויגן. „וואָס איז שלעכט א ווײַב מיט אַזא מאַן? — האָט זי געקלערט. — און וואָס וואָלט געווען מיר שלעכט? וואַסיע איז געווען אין איינע יאָרן מיט אים... ער וואָלט דאָך אויך געקאָנט נאָך לעבן און זײַן אַזא...“

נאָך דער פאַרזאַמלונג אונטערן קופּאָלאַרטיקן דעכל פון דער בינע האָט דאַוויד מיכײַ־לאָוויטש גערעדט באַ זיך אין צימער מיט יעדן מיטאַרבעטער באַזונדער.

ליודמילע ניקאָלײַעוונע האָט אים דערלאַנגט א פּערטעלע פּאַפּיר מיט אָנגעשריבענע דרײַ שורעס — זי בעט באַפרײַען זי פון דער ארבעט.

— לאָזט זיך מיך ארומקוקן... איך וויל ניט, אז מײַן ערשטער באַפעל זאָל זײַן „באַ־פרײַען פון דער ארבעט“. איך בעט אײַך, וואַרט צו. — ליפּאָוועצקי האָט דאָס פּאַפּירל צו־בויפגעלייגט איינצווייען, דערנאָך געמאַכט נאָך א בייג און אַזוי ווי א ליבע־צעטעלע ארײַנ־געשטופּט עס אין דער קעשענע פון ליודמילעס קאָפּטל. — אויב איר וועט אין א וואָך ארום ניט איבערקלערן, וועט איר מיר עס ווידער דערלאַנגען. נאָר איך וויל, אז איר זאָלט דאָס דאָזיקע צעטעלע פאַרלירן.

מיטן פּאַפּירל אין קעשענע איז זי ארויס און אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס איז מיטאַמאָל איר געוואָרן הייס אין פּאָנעם.

די בלומענציכטלערן נאַדיע האָט געבעטן א דערלויבעניש ניט ארויסצוגיין זונטיק אַף דער ארבעט.

— זונטיק איז אין פּאַרק דער סאַמע הייסער טאָג אין וואָך, — האָט ליפּאָוועצקי דערווי־דערט. — ווען אַלע רוען, דאַרפן מיר ארבעטן.

— איך האָב ניט אַף וועמען איבערצולאָזן דאָס אייניקל, — איז נאַדיע ניט אָפּגעטראָטן.

— איר זײַט שוין, הייסט עס, א באָבע? ווו איז די מאַמע פון אײַער אייניקל, דער טאַטע?

— דאָס קינד לעבט ניט באַ טאַטע־מאַמע, עס לעבט באַ מיר. זיי וווינען אין מאָסקווע.

— שאַבעס און זונטיק קומען זיי ניט צו אײַך?

— ווי אַמאָל, הײַנטיקן זונטיק זײַנען זיי פֿאַרבעטן צוגאַסט.
— גיט זיי צו וויסן, אַז זיי זאָלן יאָ קומען.
נאַדיע האָט די אײַיצע דורכגעלאָזט פֿאַרבײַ די אויערן און געטײַנעט אירן:
— ווי וועל איך איבערלאָזן וואַסיוטקען?
— ברענגט אים אַהער. דאָס קינד וועט זײַן אױף דער פֿרישער לופֿט.
— אָבער אַ גאַנצן טאָג? מע דאַרף עס דאָך האָדעווען...
דאַוויד האָט שוין געוואָלט זאָגן, אַז ער וועט באַפֿוילן, מע זאָל דאָס קינד דערנערן פֿון דער אַרמייִשער קיך. ער פֿאַרגעסט אָפּטמאָל נאָך אַלץ, אַז ער איז שוין ניט בא זיך אין מיליטערישן שטעטל, ניט בא זיך אין פּאָלק.
— עסן... — האָט ער אַ מורמל געטאָן. — מע פֿרעגלט דאָ שאַשליק אין פּאַרק.
— וואָס איז האַרט, אָף ניט אײַנצובײַסן.
— טוט אַ בעט, אַז פֿאַרן אײיניקל זאָל מען מאַכן ווייכער, בעסער אײַנפֿרעגלען... מיט דער צײַט וועלן מיר אויסבויען אין פּאַרק אַ קינדער־שטעטל, מיט שפּילעכלעך, מיט אַ קינדערישער גאַרקיך, עס זאָל שטענדיק זײַן אַ גוטע מילכיקע מאַנע־קאַשע.
— ס׳וואָלט אוואַדע געווען גוט.
— און ס׳וועט זײַן גוט. עס איז דען אַזוי שווער עס אויסצופֿירן?
— אָבער ווי איז פּאַרט מיט הײַנטיקן זונטיק? — האָט נאַדיע ניט אופֿגעהערט צו טײַנען.
— קלינגט אָן די עלטערן פֿונעם קינד, זיי זאָלן קומען. אָדער לאָמיך אַליין אָנקלינגען. — און ער האָט גענומען דרייען דאָס רעדל פֿון טעלעפֿאָן.
— זיי וועלן קומען, — האָט ער אָנגעזאָגט דער באָבען נאָך דעם, ווי ער האָט פֿאַרענ־דיקט דעם טעלעפֿאָן־געשפּרעך.
— אַ דאַנק. נאָר איר האָט עס גאָרניט געדאַרפֿט, — איז נאַדיע געווען ווידער אומצו־פֿרידן. — אַז מע האָט פֿאַרבעטן צוגאַסט, פֿאַרוואָס זשע זאָל מען ניט גיין?
אַ דערצאָרנטער איז אַרויס פֿון דירעקטאָרס קאַבינעט דער מאָלער יעוועני רויזנבליט, די מיטאַרבעטער רופֿן אים פּאַשעט זשעניע, אָדער זשענקע. דאָס איז אַן אַכט־און־צוואַנציק־יאָריקער באָכער מיט אַ ווייכן בליק אין די גרויע אויגן און אַ ווייכן שמייכל אַף די ליפּן. אָבער די ווייכקייט נאַרט אָפּ. זשעניע איז אַ היפּשער אַקשן, איבערשפּאַרן אים, דערווײַזן אים, אַז ער איז ניט גערעכט, איז אַ שווערער עניין, אויך דאַן, ווען ער איז ניט גערעכט בעפּיירעש, און אָפּגערעדט שוין, ווען ער איז אַ ביסל יאָ גערעכט. זשעניע האָט אָנגעשריבן די ערשטמײַיקע לאָזונגען צום ערשטן מײַ. די אויסיעס זײַנען געווען אַזעלכע קונציק־פֿאַר־דרייטע, אַז ס׳איז שווער צו לייענען.
— איבערשרײַבן! — האָט ליפּאַוועצקי באַפֿוילן. — יעדער אָס זאָל זײַן אַן אָס! וואָס איז דאָס פֿאַרא קונצן? אַ לאָזונג דאַרף זײַן קלאָר און דײַטלעך!
— אַף אָנשרײַבן מיט פּאַשעטע אויסיעס דאַרף מען ניט קיין מאָלער. דאָס קאָן יעדע־רער, — האָט רויזנבליט דערווידערט, און דער ווייכער שמייכל זײַנער האָט בא אים גע־שפּילט אַף די ליפּן.
— זאָגט עס ניט, בא מיר אין באַטאַליאָן איז געווען אַ מאָלער, — אַ מעכײַע געווען צו קוקן אַף דעם, וואָס ער האָט געמאָלט. אַ שיין, אַ קלאָר... אַלזאָ, אָן איבעריקע רייד — איבערמאַכן!
זשעניע האָט צונױפֿגעוויקלט די לײַוונטן און גענומען אַרײַנטראָגן פֿון קאָרידאָר די איליוסטראַציעס צו קאָרניי טשוקאָווסקיס מײַסעלע „דאָקטער אײַבאָליט“, אָנגעמאָלטע אַף פֿאַניער־טאָוולען. די בילדער זײַנען ליפּאַוועצקין געפֿעלן געוואָרן, באַזונדערס אײַבאָליט מיט די ברילן אַף דער נאָז און מיטן בערדל, און די שיף מיט די זעגלען, וואָס פֿירט אָפּ קיין אַפֿריקע דעם ווילן דאָקטער צו היילן די קראַנקע כײַעס, ער האָט אָבער פֿאַרבראַקעוועט דעם העלפֿאַנד און דעם קראָקאָדיל.
— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ העלפֿאַנד? ס׳איז ניט קיין העלפֿאַנד, ס׳איז אַ בער! און וואָס זײַנען דאָס פֿאַר אָן אונטערשריפֿטן? — האָט ער ווידער געהאַט טײַנעס צו די אויסיעס. — ניט די קינדער, ניט די דערוואַקסענע וועלן ניט קאָנען איבערלייענען!
רויזנבליט האָט ניט אופֿגעהערט צו שמייכלען, ווי אַ מענטש, וועלכער ווייסט בעסער, וואָס עס טויג און וואָס עס טויג ניט.
— אין אַרמיי האָט איר געדינט? — האָט ליפּאַוועצקי געפֿרעגט.
— געדינט.
— ווייסט איר דאָך, וואָס עס הייסט אויספֿילן אַ באַפֿעל!

צום סאָף האָט דאַוויד מיכײַלאָוויטש אים געזאָגט, אַז ער שטייט אין צעטל פֿון די דעזשורנע אין פּאַרק און ער וועט דאַרפֿן איין מאָל אין וואָך נאָכקוקן אין אָוונט נאָך דער אָרדענונג.

— צוליב וואָס איז עס נייטיק? — האָט ער ניט פֿאַרשטאַנען. — עס זײַנען דאָך פֿאַראַן מיליציאָנערן און דרוזשיניקעס, זאָלן זיי אומגיין און היטן די אָרדענונג.

— אין אַ פּאַרק איז אַזוי ווי אין אַ טעאַטער. ס'איז בעסער אָן מיליציאָנערן, — האָט ליפּאָוועצקי רויִק דערקלערט, — מיר וועלן זיך ספּראַווען מיט די אייגענע קויכעס.

„מיט דער מומע נאַסטיע און מיט דער מומע נאַדיע?" — האָט געוואָלט אַ פֿרעג טאָן זשעניע, אָבער ער האָט ניט געפֿרעגט. ער האָט אַרײַנגעטראָגן די לעצטע אַרבעט זײַנע — אַ שילד פֿאַר דער טאַנץ־וועראַנדע.

— דער רועך ווייסט וואָס! אַפֿילו פֿאַר די איצטיקע קורצע קליידלעך האָט איר דאָס קליידל געמאַכט צו קורץ, — דאַוויד מיכײַלאָוויטש האָט מיט ביטל אָוועקגערוקט פֿון זיך די ברעט מיטן אָנגעמאָלטן טאַנצנדיקן פּאָרל. — אַלץ זאָלט איר איבערמאַכן!

„ער איז גאָר פֿון זינען, — האָט זשעניע געטראַכט. — נאַ דיר גאָר אַזאַ דירעקטאָר!" פֿונדעסטוועגן איז ער אַרײַן צו זיך אין וואַרשטאַט, אויסגעשפּרייט אַפֿן דיל אַ לײַוונט און גענומען שרײַבן אַ לאָזונג — איצטיקס מאָל שוין מיט זייער קלאָרע אויסיעס...

אַפֿן נײַעם דירעקטאָר האָבן זיך אַרופֿגעוואַלגערט אַזויפֿיל אַרבעטן, אַזויפֿיל זאָרגן, אַז אומגעקערט האָט ער זיך אַהיים זייער אַ מידער, שפּעט אין אָוונט. ער האָט אײַנגעטײַנעט מיט זײַן מאַשען:

— מיינסט, אַז אַפּרו איז אַ שפּילעכל? ס'איז איינע פֿון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען... אַ סאַך צאָרעס נעמען זיך פֿון דעם, וואָס מע פּלאָנטערט אַפּרו מיט פּוסט־און־פּאַסעווען. אַ פּוסטעפּאַסניק, אַ ליידיקגייער איז ניט נאָר דער, וואָס וויל ניט אַרבעטן, נאָר אויך דער, וואָס וויל ניט און קען ניט גוט, קולטורעל אָפּרוען. די גרעסטע מערהײַט פֿאַרברעכנס ווערט געטאָן אין צײַט פֿון אָפּרו. פּוסט־און־פּאַסערײַ איז זשאַווער, וואָס פֿרעסט אויף דעם מענטשן. ס'איז זעלבסטמאָרד. נעפּאַשעס, וואָס קאָנען ניט אַרבעטן און ניט אָפּרוען ווי געהעריק, זײַנען טויטע אין מעשעך פֿון זייער גאַנצן לאַנגן לעבן.

מאַשענקע קוקט אַף איר מאַן, עפּעס רעדט ער צו בילדעריש.

— דאָס זײַנען ניט מײַנע ווערטער, — דערקלערט ער איר. — דאָס זײַנען אַפֿאָריזמען פֿון קלוגע מענטשן. איך וועל זיי אויסהענגען באַם אַרײַנגאַנג אין פּאַרק.

— אָבער דו אַליין האָסט פֿאַרגעסן וועגן אַ קולטורעלן אָפּרו, — זאָגט מאַשענקע. — דײַן ווײַב זיצט אין די אָוונטן איינע אַליין, און עס אַרט דיך ניט.

— איך האָב דיך דאָך געוואָרנט, אַז רוען וועלן אַנדערע...

ער האָט טאַקע ניט געררוט. יעדער טאָג האָט געבראַכט מיט זיך נײַע דאגות, קאָפּדרייעניש, אָפּט אויך אָגמעסנעפעש.

געקומען אין איינעם אַ זוניקן פֿרימאָרגן אין פּאַרק, האָט ער שוין גלײַך באַם טויער דערזען אַזעלכס, וואָס האָט אים טיף אופּגעבראַכט. האַרט באַם פּלויט פֿון פּאַרק האָבן צוויי באָכערים און אַ מיידל געמאָסטן די ערד מיט אַ רולעטקע, ניוועלירט, געכעזשבנט, געשריבן אין אַ העפֿט. ליפּאָוועצקי איז געשטאַנען אַ ווײַלע און באַטראַכט זייער טוונג.

— וואָס וועט דאָ זײַן? — האָט ער געפֿרעגט.

— דאָ וועט זײַן אַ גאַראַזש.

— אַ גאַראַזש?

— יאָ, אַף אַ צוואַנציק מאַשינעס, — האָט געענטפֿערט איינער פֿון די באָכערים, און זײַנע אַקוראַט־אונטערגעשוירענע וואָנצעלעך, און דאָס בערדל, און די לאַנגע האָר אַפֿן נאַקן האָבן אַ טרייסל זיך געטאָן, ווי זיי וואָלטן אויך באַשטעטיקט, אַז יאָ, דאָ וועט זײַן אַ גאַראַזש אַף צוואַנציק מאַשינעס.

— ווו וועט זײַן אַ גאַראַזש? — האָט ליפּאָוועצקי איבערגעפֿרעגט מיט אַ געהעכערט קאָל. — אין פּאַרק?

— די טעריטאָריע וועט ער פֿאַרכאַפּן נאָר עטוואָס, — האָט באַרויִקט דער באָכער מיט די וואָנצעלעך און מיט דער באָרד.

— וואָס הייסט — עטוואָס? וועמען איז דאָס אײַנגעפֿאַלן? מענטשן קומען אָפּרוען — איז נאַ דיר גאָר אַ רויך מיט אַ טראַסקערײַ!

דער באָכער האָט געוואָלט פֿרעגן, ווער איז ער, וואָס ער נעמט זיך אַזוי צום האַרצן,

נאָר דאָס מיידל האָט אים אָנגערירט באַם עלנבויגן און אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער: „ער איז דירעקטאָר פון פּאַרק“.

— אונדזער זאַך איז אַ קליינינקע, דער אַרכיטעקטאָר האָט אונדז געשיקט אַהער, זײַנען מיר געקומען...— דער יונגערמאַן מיט די וואָנצעס האָט אַ ווונק געטאָן צו זײַנע באַהעלפער, און אַלע דרײַ האָבן ווידער גענומען מעסטן, רעכענען און פאַרשרײַבן.

ליפּאָוועצקי איז געוואָרן אַזוי אויפגערודערט, אַז ער האָט דאָס מאָל אַפילו זיך ניט אָפּגעשטעלט ריידן אַ ווײַלע מיט די פּענסיאָנערן, וואָס מאַכן זייער פּרימאַרגנדיקן שפּאַציר אין פּאַרק. זיי גייען אום איבערן דער צענטראַלער אַליי, שטעלן זיך אָפּ אַנטקעגן דעם הויכריידער, דערנאָך קאָמענטירן זיי די געהערטע ראַדיאָ־נײַס. ליפּאָוועצקי שטעלט זיך שטענדיק אָפּ אַ רעד טאָן מיט די פּענסיאָנערן. איצט איז ער פאַרבײַגעגאַנגען און געגעבן נאָר אַ שאָקל צו זיי מיטן קאָפּ.

אַ יונגע מאַמע איז געזעסן אויף אַ באַנק אונטער אַ בוים. לעבן איר איז געשטאַנען אַ וויגל, זי האָט געלייענט אַ בוך און יעדן מאָל אָנגעבויגן זיך — געכאַפּט אַ קוק אונטערן דעכל פון וויגל צום קינד. ווען ליפּאָוועצקי איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ, האָט די פרוי זיך אופגעהויבן און אים אָפּגעשטעלט.

— כאַווער דירעקטאָר,— האָט זי זיך געווענדט צו אים,— צי קאָן מען ניט אין די פּרימאַרגנדיקע שאָען אויסשליסן די ראַדיאָ? איך אַנטלויף פון דער ראַדיאָ, וואָס איז בײַ אונדז אין שטוב.

— בײַ זיך קאָנט איר דאָך אויסשליסן,— האָט ליפּאָוועצקי באַמערקט.

— בײַ זיך שליס איך אויס, אָבער הינטער דער וואַנט, בײַ די שכיינים, טרומייטערט פון זעקס אַזייגער אינדערפרי. איך קלאַפּ אין דער וואַנט, ווערט אויף אַ ווײַלע שטילער, דערנאָך פאַרגעסט מען און מע מאַכט ווידער הויך. וואָלט כאָטשבי דאָ געווען שטיל.— זי האָט אופגעהויבן דאָס פּאָנעם אירס צום הויכריידער, דערנאָך אַראָפּגעלאָזן עס צום וויגל. ליפּאָוועצקי האָט אויך אַ קוק געטאָן אונטערן דעכל. דאָס אייפּעלע מיטן אַרויסגעשטעקטן ראַזעווון נעזל איז רויִק געשלאָפן.

— ער שלאָפט,— איז ליפּאָוועצקי געווען צופרידן.

— באַלד וועט אַ זעץ טאָן אַ דזשאַז־אַנסאַמבל, וועט ער זיך אופכאַפּן,— און זי האָט ווידער אַ קוק געטאָן אַרופצו, צו די הענגענדיקע אויף אַ קורצן מעהאַלעך איינס פּונעם אַנדערן שטאָלענע טרײַבלעך מיט ברייטע מײַלער.

— גוט, איך וועל זאָגן, אַז מע זאָל אויסשליסן, לעכאַלהאַפּאָכעס מאַכן שטילער,— האָט ליפּאָוועצקי פאַרזיכערט די יונגע מוטער.

גלײַך איז צוגעגאַנגען צו אים אַ צווייטע מאַמע, מיט אַן אָנגעכמורעט ייִנגעלע, אַלט אַ יאָר פינף. אַ צווייט ייִנגעלע, אין זעלבן עלטער, איז געפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל, געדרייט מיט די הענטלעך דאָס רעדל און געהודזשעט מיטן מײַלכל.

— פאַר אים האָט שוין ניט געסטײַעט דאָס שפּילעכל,— די מוטער האָט אָנגעוויזן אויף באַרויגעזן ייִנגל.— אינגאַנצן זײַנען נאָר פאַראַן דרײַ אויטאָמאָבילטשיקעס.

— עס איז געווען מער, מע ברעכט,— האָט ליפּאָוועצקי זיך פאַרענטפערט.

— דאַרף זײַן אַ מײַסטער, וואָס זאָל פאַריכטן,— האָט די פרוי באַמערקט.

— אוואַדע דאַרף זײַן.— ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בלאָקנאָט און פאַרשריבן: „פאַרברייטערן דעם „פּונקט פּראָקאַטאַ“. אײַנשאַפן נײַעם שפּיל־געצײַג“.

די פרישע לופט, די צוויטשערנדיקע פייגל אונטער די קרוינען פון די ביימער, די באַגעגענישן מיט די באַזוכער פונעם פּאַרק האָבן אָפּגעקילט אַ ביסל דעם קאַס זײַנעם, אָבער ווי נאָר ער איז אַרײַן צו זיך אין דער דירעקציע, האָט דער קאַס און פאַרדראָס אַרומגעכאַפּט אים מיט אַ נײַער קראַפט. ער האָט זיך ניט פאַרהאַלטן און אוועק אין דער שטאָטישער אַרכיטעקטור־פאַרוואַלטונג.

דער אַרכיטעקטאָר איז געווען אַ יונגער מענטש, אַלט אַ יאָר דרײַסיק. זײַן אַרבעטס־צימער איז געווען אין עק קאָרידאָר פון אַן אויסגעצויגן אין דער לענג הילצערן הויז. נאָך ניט לאַנג צוריק איז אינעם הויז געווען אַן אָוונט־שול, איצט, נאָכדעם ווי מע האָט אויסגעבויט אַ נײַע שול, האָט זיך אין דער אַלטער געבײַדע באַזעצט אַ בוי־אָרגאַניזאַציע, אין אַ פּאָר צימערן האָט מען אויך באַשטאַט די אַרכיטעקטור־פאַרוואַלטונג.

— Встать![1] — האָט ליפּאָוועצקי געוואָלט אויסשרײַען, ווען ער איז אַרײַנגעקומען

[1] אופשטיין!

אין צימער און דער יונגער אַרכיטעקטאָר האָט נאָר געמאַכט א פוילבלעכע באַוועגונג אויפֿ־צוהייבן זיך און איז געבליבן זיצן.

— קיין אַנדער אָרט האָט איר שוין ניט ווו צו בויען א גאַראַזש, ווי נאָר אין פּאַרק? — האָט ער אויסגעשריִען מיט א דונערנדיק קאָל.

— ווו, ווו, זאָגט איר, בויען מיר? אין פּאַרק? אין וועלכן פּאַרק? — האָט דער אַרכי־טעקטאָר ניט פֿאַרשטאַנען.

— נו, וויבאַלד איר ווייסט ניט, וועט דאָס, הייסט עס, געטאָן אַן א דערלויבעניש פֿון דער אַרכיטעקטור־פֿאַרוואַלטונג. אויב אַזוי, איז שוין גרינגער, — ליפּאָוועצקי, א ביסל א באַרויִקטער, האָט זיך אָוועקגעזעצט באַם טיש, אַנטקעגן דעם אַרכיטעקטאָר.

— וואָס איז גרינגער? — האָט דער אַרכיטעקטאָר אַלץ ניט פֿאַרשטאַנען.

— עס איז גרינגער מאַכן א סאָף צו דער העפֿקירעס. כ׳וועל די יונגעלײַט מיט די רולעטקעס אַוועקטרײַבן אַף א מעהאַלעך פֿון פּאַרק.

— וואַרט נאָר אויס א ביסל, — האָט דער אַרכיטעקטאָר ענדלעך באַנומען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. — אײַלט זיך ניט. א פּראָיעקט וועגן אַזא בויונג איז יאָ אָנגעמערקט.

— דאַרף מען טייקעף אָפּשאַפֿן דעם פּראָיעקט.

— שטעלט זיך פֿאָר, אַז אָפּשאַפֿן איז ניט אַזוי לײַכט. פֿאַרוואָרפֿן די גאַראַזשן ווײַט הינטער דער שטאָט טאָר מען אויך ניט. צווישן די, וואָס האָבן אויטאָמאָבילן, איז ניט ווייניק מילכאָמע־וועטעראַנען, אינוואַלידן, איך דאַרף אײַך ניט דערקלערן...

— אָבער וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָפּרו, אויב עס טראַסקען און רייכערן מאַשינעס גלײַך אונטער דער נאָז?

— דער פּאַרק איז אַרײַנגעשניטן אינמיטן שטאָט, צווישן א גדיכטן וווינונגס־מאַסיוו, — האָט דער אַרכיטעקטאָר דערקלערט. — און ווי איר זאָלט אים ניט וועלן איזאָלירן פֿון טומל און פֿון רויך, וועט איר דאָס ניט קענען. דאָס איז אומעגלעך. מיר פּראָיעקטירן אויסצובויען צוויי זעכצנשטאָקיקע מויערן לעבן פּאַרק. זיי וועלן זיך זייער גוט אַרײַנשרײַבן אין אַנ־סאַמבל. איר דאַרפֿט נאָך אויך וויסן, אַז די אײַנוווינער פֿון די אַלטע שטיבער, וועלכע ווערן אַראָפּגעטראָגן, ווילן זיך ניט אַריבערקלײַבן ווײַט פֿון צענטער. זיי פֿאָדערן דירעס נעענטער צום אָרט, ווו זיי האָבן פֿריִער געוווינט. מע דאַרף מיט דעם אויך זיך רעכענען. הערט נאָר, — האָט ער מיטאַמאָל א קרומלעכן שמייכל געטאָן, און דער געמיטלעכער אויסדרוק פֿון פּאָנעם האָט זיך פֿאַרביטן אַף א בייז־איראָנישן, — עפּשער וועט איר אויך פֿאַרבאָטן דעם טראַנספּאָרט פֿאָרן פֿאַרבײַ אײַער פּאַרק?

— „אײַער פּאַרק״! — ליפּאָוועצקי, וואָס איז שוין גרייט געווען געניוער צו באַטראַכטן דעם אַרכיטעקטאָרס מיינונג און אַף א רויִקן אויפֿן דיסקוטירן מיט אים, איז ווידער געוואָרן אויפֿגעקאָכט. — דער פּאַרק איז מײַנער, ווי אײַערער! און איך וועל טאַקע פֿאַרבאָטן די לאַסטמאַשינעס פֿאָרן פֿאַרבײַ דעם פּאַרק. זיי קענען אים אויסמײַדן דורך א זײַטיקן וועג.

— איך ווינטש אײַך דערפֿאָלג אין אײַערע אויפֿטוען, — האָט דער אַרכיטעקטאָר צו־געשמייכלט. — איך בין ניט קעגן.

פֿונעם אַרכיטעקטאָר איז ליפּאָוועצקי אַוועק אין שטאָט־סאָוועט צו לוקינען. בא זיך אין קאַבינעט איז באָריס פּעטראָוויטש ניט געווען, און ליפּאָוועצקי האָט זיך אויפֿגעהויבן אַף א העכערן שטאָק פֿון זעלבן הויז, אין דער דירע, ווו לוקין האָט געוווינט.

לוקינס דירע האָט געהאַט א מײַלע מיט א כיסאָרן צוזאַמען. די מײַלע איז דאָס, וואָס זי איז נאָענט פֿון דער אַרבעט, מע דאַרף ניט פֿאַטערן אַפילע א מינוט אויפֿן וועג, אַראָפּגע־לאָפֿן איבער א צענדליק טרעפּלעך — און מע איז בא זיך אין קאַבינעט. דער כיסאָרן — מע איז פּאַקטיש טאָג און נאַכט אין אַנשטאַלט. אויב מע געפֿינט ניט דעם פּאָרזיצער אַף אַן אָרט אין קאַבינעט, זײַנען די מיטאַרבעטער און אַמאָל אויך די אומגעדולדיקע באַזוכער ניט פֿויל און מע קלאַפּט אָן צו אים אין דער דירע. אַרײַנגעקליבן זיך אין איר האָט ער מיט א צײַט פֿריִער, איידער ער איז געוואָרן פּאָרזיצער, ער האָט זיך צוגעוווינט צו די צימערן מיט די פֿענצטער, וואָס גייען אַרויס צום סעדל אין הויף. אין די דאָזיקע צימערן און אינעם דאָזיקן סעדל האָט באַלעבאַטעוועט זײַן פֿרוי, וואַריע, זי איז געשטאָרבן מיט צוויי יאָר צוריק. איצט ווינט ער אין דער דירע אַליין. זײַן טאָכטער לערנט אין אוני־ווערסיטעט, לעבט אין צוזאַמענוווינונג — עס איז איר ווײַט צו פֿאָרן יעדן טאָג אַהיים.

ווען ליפּאָוועצקי איז אַרײַנגעקומען צו לוקינען, איז יענער געזעסן באַם טיש אין קיך און צוגעביסן.

— דו עסט פֿרישטיק אָדער מיטיק? — האָט דאָוויד געפֿרעגט.

— איך עס די נעכטיקע וועטשערע, — האָט באָריס געענטפערט. — איך בין נעכטן געקומען שפּעט פון א זיצונג און עסן ניט געוואָלט. האָב איך היינט צו צוועלף באַטאָג זיך אויסגעהונגערט. זעץ זיך צו... — לוקין האָט זיך איינגעקוקט אין אים. — כ'זע, דו ביסט אופגערודערט. ס'האָט עפּעס געטראָפן? מאשע איז געזונט?

— מאשע איז געזונט.

— און דו?

— ענדיק עסן, וועלן מיר א רעד טאָן.

— איך האָב שוין געענדיקט. קום אריין אין צימער.

זיי זיינען אוועק אינעם גאַסט-צימער, אוועקגעזעצט זיך בא א נידעריטשקן טישל.

— עס קומט דיר א גרויסן דאנק, — האָט ליפּאָוועצקי געזאָגט, פירנדיק מיט א האנט איבער דער שפּיגלדיקער איבערפלאך פונעם טיש.

— א דאנק? פאר וועלכן גוטן אופטו?

— ווייסט ניט פאר וועלכן? פאר דער שטעלע, וואָס דו האָסט מיר רעקאָמענדירט.

— א שלעכטע שטעלע? מיר האָבן שוין גוטע אָפּרופן וועגן פּאַרק. האָסט זיך גענומען צו דער ארבעט ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

— איך בין געקומען צו דיר א רעד טאָן וועגן גאַראַזש.

— וועגן גאַראַזש ווייס איך. א יאָר צייט, ווי איך האָב ניט קיין רו פון די אוטאָמאָביליסטן. אזא פּאַק מעלדונגען. — לוקין האָט הויך אופגעהויבן די געזונטע האַנט איבערן טישל און געוויזן די גרייס פון פּאַק.

— גלייך באַם פּלויט פון פּאַרק א גאַראַזש — עס איז דאָך אַן אומזין! — ווידער אַן אופגעקאָכטער, איז ליפּאָוועצקי אופגעשפּרונגען פון בענקל.

— באַרויק זיך, מיר וועלן אויסזוכן פארן גאַראַזש אַן אנדער אָרט, — האָט לוקין אים פארזיכערט.

ערעוו דעם ערשטן מיי, אין אָוונט, איז דאָוויד צוזאמען מיט דער פרוי אוועק אין פּאַרק שפּאַצירן.

— פארגעס, אז דו ביסט דירעקטאָר, און געדענק, אז דו שפּאַצירסט מיט א פרוי, — האָט אים מאשע אָנגעזאָגט. — דו זאָלסט אַף א מינוט ניט אָפּווענדן זיך פון מיר.

— גוט, גוט, מאשענקע, — דאָוויד איז געווען צופרידן, וואָס זי וועט זען דעם פּאַרק אין זיין ערעוו-יאָמטעוודיקער אויסגעפּוצטקייט — די איליומינאַציע, די ראַקעטניצעס, וואָס וועלן דעם ערשטן מיי אין אָוונט אויסשיסן אין הימל פארשיידנקאָליריקע פייערלעך, זי וועט זען די אַטראַקציאָנען. מע האָט זיי אָפּגעפּאַרבט, און זיי זעען אויס, ווי נייע. ער מיט מאשען וועלן זיך אופהייבן אַף דער הויכער „איבערזיכט-ראָד”. די ראָד דרייט זיך, און דו זיצסט אין דעם ליולקעלע, וואָס הייבט זיך אַלץ העכער און העכער, זעסט פון אויבן די אייגענע שטאָט, און אויך מאָסקווע — פונדערווייטנס, דעם טעלעוויזיע-טורעם אין אָסטאַנקינאָ, די מאָסקווער הימלקראַצערס. אויב מאשע וועט וועלן טאַנצן — איז ביטע. היינט „עפנט” זיך די טאַנץ-וועראַנדע, ס'וועט שפּילן א דזשאַז-אָרקעסטער.

מאשע איז געווען זייער צופרידן, וואָס זיי וועלן פארברענגען אזוי גוט דעם אָוונט. נאָר ווען זי איז אריינגעגאנגען מיט דאָווידן אין פּאַרק, האָט זי פארשטאַנען איר טאָעס. זי האָט ניט געדאַרפט, ניט געטאָרט גיין אהער. בעסער וואָלטן זיי שפּאַצירט אין דער נאָענט פון שטוב, דאָרטן איז שטיל, רויק.

אַף יעדן שריט האָט מען אין פּאַרק דאָווידן אָפּגעשטעלט, אָדער ער אליין האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבנדיק באַמערקט עפּעס אַזעלכס, וואָס מע דאַרף טייקעף אויסבעסערן. ער האָט געגעבן פאָראָרדענונגען די מיטאַרבעטער, וועלכע ער האָט געטראָפן אַפן וועג, און אויב ער האָט געדאַרפט א מענטשן, וואָס האָט זיך אים ניט געטראָפן, האָט ער געבעטן אויסזוכן און שיקן צו אים — ער וועט וואַרטן אין דער אליי. קעדיי ניט פּאַטערן דעם אָוונט, איז מאשע געפאלן אַף אַן איינפאל: אריינגיין מיטן מאַן אין קינאָ-טעאַטער, דאַן וועט ער שוין מוזן זיין מיט איר.

— ביסט א כאַכאַמע, מאשענקע, — האָט ער זי געלויבט. — מיר זיינען שוין לאַנג ניט געווען מיט דיר אין קינאָ.

צום גליק, איז דער פילם געווען אין צוויי סעריעס. מאשע איז געווען זיכער, אז זי האָט איר דאָווידן צוגעשמידט צו זיך אַף דריי שאָ; אָבער זי האָט ווידער געהאַט א טאָעס.

— איך וועל, מאשענקע, אַף א ווײַלע ארויסגיין, — האָט ער צו איר א שעפּטשע געטאָן אין א מינוט צען ארום, ווי דער פילם האָט זיך אָנגעהויבן.

— זיך! — מאַשע האָט פעסט אַרײַנגענומען זײַן האַנט אין אירער — אַ סימען, אַז זי וועט ניט לאָזן. ער איז געזעסן נאָך פינף מינוט, ווידער אַרויסגעשעפּטשעט „אַף איין רעגע" און, אַן אײַנגעבויגענער אינדרײַען, גענומען אַרויסשאַרן זיך צום אַרויסגאַנג.

אַ נעס, וואָס אין זאַל איז פינצטער, אָבער מאַשען האָט סײַוי געדוכט, אַז מע קוקט אַף איר. האַנאָע פון פילם האָט זי ניט געהאַט. „אָך, וועל איך אים אַרײַנגעבן אַ כײַלעך!" — האָט זי געטראַכט, פילנדיק די גאַנצע צײַט לעבן זיך דאָס ליידיקע בענקל.

דאָוויד איז שוין דערווײַל געווען אַפן „מאַסעוון פעלד".

Ну-ка, друг,
Шире круг!
Топай так,
Чтоб отлетел каблук![1]

האָט דער מאַסאָוויק ליודמילע ניקאָלײַעוונע פריילעך געמאַכט דעם אוילעם. די באַזוכער פון פּאַרק קענען זי זייער גוט און רופן זי צווישן זיך אין אַ שפּאַס „דוואַ פּריטאָפּאַ, טרי פּריכלאָפּאַ"[2]. ליודמילע איז צוזאַמען מיטן האַרמאָניסט געשטאַנען אַף דער בינע און האָט אײַנגערעדט די מענטשן, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַפן פּלאַץ:

— מאַנצבלען, וואָס שטייט איר? איר זײַט דאָך קאַוואַלערן! לאַדט אײַן די פרויען! יונגערמאַן אינעם פּערלאַנאַוון רעקל, פאַרענדיקט גיכער רייכערן, וואַרפט אַרײַן דאָס אָפּשניצל אין דער אורנע, נאָר פריִער פאַרלעשט, די אורנע זאָל זיך ניט אָנצינדן. לאַדט אײַן דאָס סימפּאַטישע מיידל, וואָס שטייט לעבן אײַך. עס ווערט געמאָלדן אַ קאָנקורס אַפן בעסטן טאַנץ. די זיגער קריגן אומזיסט צו צוויי בילעטן אַף דער טאַנץ־וועראַנדע. דער האַרמאָניסט אַלעקסאַנדער סאַמאָכוואַלאָוו, לאַורעאַט פונעם ראַיאָנישן פעסטיוואַל, שפּילט „אַ וואַלס וועגן וואַלס".

ליפּאָוועצקין איז געפעלן איר פריילעכער קאָנפעראַנס, אָבער צוליב וואָס האָט זי אַרופגעלאָזט אַף דער בינע אַ כעוורעמאַן, וועלכער איז בעפּירעש אונטערן גלעזל? ניט ער זינגט, ער שרײַט. פאַרענדיקט איין ליד, האָט זיך אים פאַרוואָלט אויסשרײַען נאָך אַ ליד. ליודמילע האָט אים איין מאָל און אַ צווייטן מאָל אײַנגערוימט אין אויער, אַז ס'איז גענוג, נאָר דער „אַרטיסט" איז ניט אָפּגעטראָטן פון מיקראָפאָן. דאַן איז אַף דער בינע אַרויף ליפּאָוועצקי.

— לאָז אַנדערע אויך, — ער האָט אים איידל גענומען אונטערן אָרעם און אַראָפּגעפירט פון לייטערל אַף אונטן.

דערנאָך, אויג־אַף־אויג, האָט ער ליודמילען אויסגערעדט:

— איר זעט דען ניט, אַז אַ מענטש שאָקלט זיך, האַלט זיך שוואַך אַף די פיס, און איר דערלויבט אים אַרויסטרעטן...

ליודמילע האָט געוווּסט, אַז ליפּאָוועצקי איז גערעכט, דער אויסרייד איז אַ ריכטיקער, פונדעסטוועגן איז זי געוואָרן אויפגעבראַכט:

— אומעטום מישט איר זיך, דאָוויד מיכײַלאָוויטש! ווו מע דאַרף און ווו מע דאַרף ניט.

— איר זעט דאָך אַלייך, אַז מע דאַרף גראָד יאָ... — ער האָט גערעדט מיט ליודמילען זייער ווייך, ער געדענקט, אַז אײנמאָל האָט זי שוין דערלאַנגט אַ מעלדונג, מע זאָל זי באַפרײַען פון דער אַרבעט, און זי קאָן דערלאַנגען אַ צווייטע מעלדונג. באַ איר איז אַ שווערלעכער כאַראַקטער, און אים, דעם דירעקטאָר, קאָן זי, דוכט זיך, ניט אַריבערטראָגן, אָבער זי איז אַ גוטע טוערין און פאַרלירן זי וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד.

פונעם מאַסעוון פעלד האָט ער פאַרקערעוועט צו דער טאַנץ־וועראַנדע. דאָס ברעקל פּלאַץ, דאָס „פּיאַטאַקל", אַרום דער וועראַנדע איז געווען פול — ניט דורכצוגיין, באַ דער בודקע מיטן קאַסע־פענצטערל — אַ דרענגעניש. דער דזשאַז־אָרקעסטער האָט טרומייטערט און פאַרטויבט די קלאַפּערײַ פון די צוגן, וואָס טראָגן זיך הינטערן פּאַרק. ליפּאָוועצקי האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אינעם טירל פון דער העל־באַלויכטענער וועראַנדע. די קאָנטראָליאָרשע האָט געגעבן אַ קוק אים אין דער האַנט און געוואָלט אָפּשטופּן אַף צוריק: „אָן אַ בילעט לאָז איך ניט!" זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און רויט געוואָרן.

— אַנטשולדיקט, דאָוויד מיכײַלאָוויטש. עס איז אַזאַ שטופּעניש.

---

[1] ליבער פרײַנט, מאַך ברייטער דעם קרײַז!
טו אַ טופּע אַזוי, אַז עס זאָל אָפּפליִען דער קנאַפל!

[2] צוויי מאָל אַ טופּע, דרײַ מאָל אַ פּאַטש.

דזשורנע אַף דער טאַנץ־וועראַנדע איז געווען די ביבליאָטעקערשע זינע. איינער אַ באַכער, אין אַ שוואַרצן אַנצוג מיט אַ שניי־ווײַס טיכעלע, וואָס שטעקט אַרויס פֿון דער אייבערשטער קעשענע, האָט געצויגן זינען פֿאַר אַ האַנט.

— ניט אַזוי לאַדט מען אײַן טאַנצן, — האָט זינע אים געמוסערט. — און ביכלאַל... הײַנט טאַנץ איך ניט. הײַנט בין איך דזשורנע און היט די אָרדענונג.

„מאַלאַדיעץ, זינאָטשקע", — האָט ליפּאָוועצקי אין זיך זי געלויבט און דערבײַ געטראַכט, אַז פֿאַר איין זינען איז די וועראַנדע אַ צו שווערער ביסן אַף אַ גאַנצן אָוונט, די „טאַנצולקע" פֿאָדערט אַ באַזונדערן אופֿזיכט.

דאָוויד האָט באַשלאָסן אַף אַ מינוט, נאָר אַף איין מינוט אַ קוק טאָן אין נאָך אַ ווינקל פֿון פּאַרק. ער איז אַוועק איבער איינער פֿון די אַלייעס צום אָפּריס, וואָס צוימט אָפּ דעם פּאַרק פֿונעם ברעג פֿון קאַנאַל. דאָרטן, אונטן, ווו עס איז דער פּליאַזש, האָט זיך געריהרט. ליפּאָוועצקי האָט זיך אײַנגעקוקט. דרײַ כעווריעלײַט האָבן מיט אַ געלעכטער געשלעפּט אַ באַנק, און אַט האָט שוין דאָס וואַסער אַ פּליעסקע געטאָן, און אַן אַרויסגעריסענע ברעט פֿון דער באַנק האָט זיך גענומען הוידען איבערן וואַסער־שפּיגל. ליפּאָוועצקי האָט גענומען אַראָפּלויפֿן פֿונעם אָפּריס, יעדע ווײַלע האָט ער זיך פֿאַרטשעפּעט אין די צווײַגן פֿון די ביימער און קוסטעס, וואָס וואַקסן געדיכט אַפֿן אָפּהאַנג.

דערהערט אַ גערויש, האָבן די כעווריעלײַט אוועקגוואָרפֿן די באַנק און געמאַכט פּלייטע — זיי זײַנען געלאָפֿן איבערן ראַנד פֿון די בעטאָנענע פּליטעס, וועלכע זײַנען אײַנגעמויערט באַם סאַמע ברעג פֿון קאַנאַל. ליפּאָוועצקי האָט זיי נאָכגעיאָגט. איינער פֿון די כעוורע האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּאָנעם, זיך אָנגעבויגן און גענומען אַ שטיין.

— וואַרף נאָר אים אוועק!

דאָס קאָל איז געווען אַזאַ באַפֿוילעריש, די פֿיגור אין דער מיליטערישער אוניפֿאָרם מיט די אָרדענס אַף דער ברוסט האָט אויסגעזען אַזוי קרעפּטיק, אַז דער צעהיצטער כעווריעמאַן איז געוואָרן אַ ביסל אָפּגעקילט. ער האָט דעם שטיין אוועקגעלייגט. די צוויי אַנדערע לײַט, וואָס האָבן באַוויזן מער אָפּלויפֿן, האָבן זיך אומגעקוקט און אויך זיך אָפּגעשטעלט.

— קומט נאָר אַהער, אַדלערלעך! — האָט ליפּאָוועצקי באַפֿוילן. — ס'וועט בעסער זײַן פֿאַר אײַך!

די כעווריע האָבן גאָר ניט אויסגעזען, ווי ווילדע כוליגאַנעס. די גאַרניטערס — ריינע, פֿאַרשפּיליעט אַף אַלע קנעפּלעך, די לאַנגע האָר אַף די קעפּ — פֿײַן צוגעקעמט.

— קומט מיט מיר! — און ער האָט זיי אוועקגעפֿירט צו זיך אין דירעקציע.

דערהערט אַ טופּערײַ אין קאָרידאָר, איז פֿון אַ צימער אַרויסגעגאַנגען ליודמילע. זי האָט פֿאַרענדיקט פֿאַרווײַלן דעם אוילעם אַפֿן „מאַסעוון פֿעלד" און איז געזעסן באַ זיך, געבלעטערט ביכלעך מיט רעפּערטוואַרן פֿאַר קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט, געזוכט שאַראַדעס, רעטענישן, גלײַכווערטלעך. די אַרבעט וואָלט זי אויך געקאָנט מאַכן אין שטוב, נאָר אַהיים אײַלט זי קיינמאָל ניט. זי האָט ניט וואָס צו טאָן אין דער דירע, ווו עס לעבט אַ גליקלעך פֿאַרפֿאָלק און ווו זי, אַ מענטש אָן אַ מישפּאָכע, פֿאַרנעמט אַ צימערל. זי פֿילט זיך דאָרטן ווי אַן איבעריקע.

מיטן דירעקטאָר הויזט זי ניט, נאָר ווען זי זיצט און בלעטערט די ביכלעך, וויל זי פֿונדעסטוועגן, אַז ער זאָל אַרײַנגיין עפּעס פֿרעגן, האַלטן זיך אָן אייצע מיט איר.

איצט, ווען זי האָט דערזען דאָוויד מיכײַלאָוויטשן אין אַ קאָמפּאַניע, וועלכע האָט באַ איר אַרויסגערופֿן אַ פֿאַרדאַכט, האָט זי אויך געוואָלט אַרײַנגיין, ער זאָל ניט זײַן מיט זיי איינער אַליין, נאָר ליפּאָוועצקי האָט טאַקטיש זי אָפּגעשטעלט:

— ליודע, איר וועט אַרײַנקומען אַ ביסל שפּעטער. מיר האָבן דאָ אַ מאַנצבלשן געשפּרעך.

אַ באַאומרויִקטע, איז זי געבליבן שטיין הינטער דער פֿאַרמאַכטער טיר און זיך צוגעהערט, זי איז גרייט געווען קומען צוהילף. נאָר אין קאַבינעט האָט מען גערעדט שטיל. ווײַזט אויס, ס'איז געווען אַ פֿרידלעכער שמועס. זי וואָלט נאָך אָבער אַלצײַנס ניט אוועק, ווען עס זאָל ניט זײַן אומבאַקוועם צו שטיין און אונטערהערן.

די כעווריע, אין עלטער פֿון פֿופֿצן־זעכצן יאָר, זײַנען געווען ניט ווייניק פֿאַרוווּנדערט, וואָס מע האָט ניט געקלונגען וועגן זיי אין מיליציע. דער דירעקטאָר פֿון פּאַרק האָט זיי באַ זיך אין קאַבינעט אוועקגעזעצט אַפֿן דיוואַן און רויִק געפֿרעגט, וואָס האָט זיי געשטויסן צו אַזאַ „העלדנטאַט" — מאַכן אַ טעל פֿון אַ באַנק.

אַמאָל, נאָך פֿאַר דער מילכאָמע, האָט דאָוויד געזען דעם פֿילם „פּוטיאָווקאַ וו זשיזן", וואָס איז אים זייער געפֿעלן געוואָרן. ער האָט פֿאַרגעדענקט אַ סאַך עפּיזאָדן פֿון דאָרטן און

צווישן זיי די סצענע, ווו דער פּאַרוואַלטער פון קינדערהיים (ער האָט פּאַרגעסן, ווי ער הייסט) נעמט אַרויס אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און ס'טוען זיך אַ צי אַ צענדליק הענט. ער האָט אויך געוואָלט אַזוי טאָן צוליב פּאַרקניפּן אַן אָפענעם שמועס, נאָר ער האָט זיך באַקלערט, אַז דאָס, וואָס עס האָט געטויגט אין יענער צײַט פאַר יענעם פּאַרוואַלטער און פאַר ד'י אַמאָליקע פּאַרוואָרלאָזטע יינגלעך, טויג ניט איצט פאַר אים, ליפּאָוועצקין, און פאַר די יינגלעך, וואָס זיצן דאָ בא אים.

פון די קורצע ענטפערס אַף זײַנע פראַגן האָט ליפּאָוועצקי זיך דערוווּסט, אַז צוויי פון די כעוורע, אַלעג און סעניע, לערנען אין פּראָפטעכשול, דער דריטער, וואַלערי, איז אַ שילער פון נײַנטן קלאַס. זיי זײַנען געזעסן באַם קאַנאַל, און ס'איז זיי געווען לאַנגווײַליק. דאַן האָבן זיי גענומען צוקלערן פאַרשיידענע זאַכן. זיי האָבן זיך געוועט, צי וועלן זיי קאָנען אַרויסרײַסן די שווערע בעטאָנענע „פּיסלעך" פון אַ באַנק. צוערשט האָט מען פאַר דער מעלאָכע גענומען זיך איינציקווײַז, דערנאָך — זאַלבעצווייט, אָבער נאָר דעמלט, ווען מע האָט זיך אַ נעם געטאָן זאַלבעדריט, איז אוועק אַ גאַנג.

— אין אַ יאָר אָדער צוויי אַרום וועט איר גיין דינען אין אַרמיי, — האָט ליפּאָוועצקי געזאָגט. — איר וואָלט געדאַרפט אַרײַנפאַלן צום סערזשאַנט שעווטשוק פון מײַן באַטאַליאָן...

ער האָט פאַרשריבן די אַדרעסן, ווו זיי לערנען און ווו זיי וווינען. צום סאָף האָט ער פאַרגעלייגט:

— איר וועט דעזשורען אין פּאַרק און זען, אַז מע זאָל ניט ברעכן די בענק; ווען איר וועט באַמערקן אַן אומאָרדענונג, זאָגט מיר וועגן דעם. איך פאַרלאָז זיך אַף אײַך.

אַלעג, וואַלערי און סעניע האָבן אופגעהויבן די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פאַרכידעשט אים אָנגעקוקט. אַף אַזאַ סאָף האָבן זיי זיך ניט געריכט. און, דעם עמעס געזאָגט, איז ליפּאָוועצקי ווײַט ניט געווען זיכער, אַז ער האָט געהאַנדלט ריכטיק, אַזוי ווי ס'דאַרף צו זײַן. גיכער פון אַלץ האָט מען, פונדעסטוועגן, זיי געדאַרפט אָפּפירן אין מיליציע־צימער, וואָס געפינט זיך בישכיינעס מיט דער טאַנץ־וועראַנדע. וואָס איז אים פלוצעם אײַנגעפאַלן צו ווערן אַ פּעדאַגאָג, אַ נײַער מאַקאַרענקאָ? און עפשער? עפשער איז טאַקע אַזוי בעסער. די דאָזיקע כעוורע זײַנען אין אַ געוויסער מאָס אויך ווי יענע פאַרוואָרלאָזטע. אַ גאַנצן אָוונט זײַנען זיי געזעסן און זיך געלאַנגווײַליקט, קיינער האָט זיך אַף זיי ניט אומגעקוקט, קיינעם זײַנען זיי ניט געלעגן אין זינען...

ראַשיק האָט זיך געעפנט די טיר, און ס'איז אַרײַנגעקומען מאַשע.

— דער סעאַנס האָט זיך שוין פאַרענדיקט? — האָט ער, פילנדיק זיך זייער שולדיק פאַר איר, געפרעגט. — איך האָב זיך אַ ביסל פאַרהאַלטן און שוין געוואָלט אַרײַנגיין צו דיר. דער פילם איז אַ גוטער?

— פרעגסט וועגן פילם? — מאַשענקע האָט געלאַכט, נאָר דאָס איז געווען אַ געלעכטער דורך הייסע טרערן. — ניין, דער פּאַרק איז ניט פאַר דיר, ניט פאַר דיר!..

— דער פּאַרק איז יאָ געווען פאַר אים. עס איז דורך אַ יאָרצענדליק, און דאָרטן, אין פּאַרק, בישכיינעס מיט די צוויי דענקמאָלן פון די העלדן, געפאַלענע אין בירגערקריג און אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, איז אוועקגעשטעלט געוואָרן נאָך אַ דענקמאָל, ניט קיין גרויסער, אַ סאַך אַ קלענערער פון יענע צוויי. אַפן מירמלשטיין איז אויסגעקריצט דער נאָמען נאָר פון איין מענטשן, וועלכער איז ניט אומגעקומען אַפן שלאַכטפעלד, כאָטש ער האָט אָנטיילגענומען אין אַ סאַך שלאַכטן. די דאַטע פון זײַן טויט איז אַ שפּעטערדיקע, אין אַ צײַט אַרום, נאָך דער מילכאָמע. „דאַוויד מיכײַלאָוויטש ליפּאָוועצקי", — לייענט מען דורך אַף דער מאַציווע.

און דער אַלטער פּאַרק איז זייער זיך צעוואַקסן, ער איז שטענדיק פול מיט לעבן.

כאַים ביידער *

סײַ די פֿרייד און סײַ די לייד

אין באַבי יאַר

מײַן שטים,
מײַן טרער
פֿאַר קײנעם איך אַנטבלויז ניט,
ווײַל אײביק שווײַגן איז באַשווערט דעם צאַר.
כ׳בין אײנער פֿון די הונדערט צוואַנציק טויזנט
אין קיִוער,
וואָס מע רופֿט אים — באַבי יאַר.

קײן נאָמען,
און קײן נומער,
און קײן סימען,
„פּוי ניטמאָן" און „פּוי ניקבאָר" — ניט
פֿאַרקאַרבט.

איר זוכט מיך ניט —
איר וועט מיך ניט געפֿינען,
ס׳האָט קײנער מיך צו קווֹרע ניט געבראַכט.

דעם שפּיגל מיט אַ לײַלעך ניט פֿאַרצויגן,
און ניט פֿאַרמאַכט מיט שטילע טריט די טיר,
קײן שערבלעך ניט געלײגט אױף מײַנע אויגן,
אײל מאָלע ראַכמים ניט געזאָגט נאָך מיר.

נאָר אויסגעלאָשן איז ניט דער נייר־טאָמיד,
ער שלאָגט מיט העליש פֿײַער טאָג און נאַכט.

הערט אויף צו טומלען, שרײַערס, באַ דעם אָמעד!
צו אָט דער שטילקײַט
ווער האָט אײַך געבראַכט?

קײן קאַדיש־זאָגער וועלן, כ׳ווײס, ניט פֿעלן,
אויך שיווע זיצן עמעצן געפֿעלט,
נאָר יאָרצײַט־ליכט דאָס פֿאָלק וועט נאָך מיר שטעלן
און אָפּהיטן מײַן לעבעדיקע וועלט.

ניט שאַרקעט מיט די פֿיס באַם שטײן באַם גלאַטן,
און ניט פֿאַרשוועכט מײַן הייליקן מאָנומענט,
צעשמעלצט אױף רערן בעסער די האַרמאַטן,
די ביקסן רײַסט אַרויס פֿון ווילדע הענט!

איך בין אַ שטײן.
פֿון אונטער מיר די רויזן
זיך שלאָגן דורך אַ וועג
צו זון —
דורך צאַר.
כ׳בין אײנער פֿון די הונדערט צוואַנציק טויזנט
אין קיִוער,
וואָס מע רופֿט אים — באַבי יאַר.

דאָס ניט דערזאָגטע וואָרט

כ׳האָב זיי געשלײַפֿט, כ׳האָב זיי געהיט,
און קלאַנג צו קלאַנג איך האָב געקליבן,
נאָר ס׳שענסטע וואָרט, די בעסטע ליד
איז נאָך אין האַרץ בײַ מיר געבליבן.

און אָפּט, ווען כאָטש אױף אײן מינוט
די ליד — זי בעט אַנשטילט צו ווערן,
דאָס ניט דערזאָגטע וואָרט אין בלוט
ברויזט אויף און לאָזט פֿון רו ניט קלערן.

איך בין באַם וואָרט סײַ קנעכט, סײַ האַר,
און קײנער קאָן אונדז ניט צעשײדן,
און פֿרייד און גליק, און לייד און צאַר
מיט גלײַכער מאָס מיר טײלן בײדע.

און בלײַבן זאָל מיר אױף דער ערד
אײן טאָג, ווען נאָך די פֿיס מיך טראָגן, —
איך גלייב און ווייס: ס׳איז מיר באַשערט
דאָס שענסטע וואָרט מײַנס נאָך דערזאָגן!

מײַן כסימע אונטער דער שטאָקהאָלמער װענדונג

זאָל זײַן, אַז צװישן הונדערטער מיליאָנען
מע װעט זי ניט באמערקן.
נו, איז װאָס?
פארמעקן, װייס איך, װעט די צײַט ניט קאָנען
דעם אויסגעשריי פון מײַן קװאדראטן אָס.

כ׳װעל פאר אַן אײדעס נעמען כיראָסימע,
מײַן אויסגעראָטן שטעטל נעמען כ׳װעל, —
מיט האנט מיט שטײַפער שטעל איך זי, די כסימע.
און ניט מיט טינט —
מיט בלוט מײַנעם זי שטעל.

ניט בלויז פאר זיך.
דאָס צעטל ניט פארמאכט זיך
מיט מיר אַליין.
כ׳האָב אײדעס אָן אַ שיר.
אויך פאר מײַן מאמען, װאָס האָט ניט דערװארט זיך,
איך זאָל זיך װידער אומקערן צו איר.

פאר מײַנע שװעסטער, װאָס אין גריבער ליגן
מיט אײפּעלעך געטויטע —
אויך פאר זיי,
װי ס׳װאָלט פון יעדן מײַלעכל געשריגן
ביז הײַנט דער ניט אנשטילטער זייער װיי.

ניט שלאָפן רויִק לאָזן זאָל ער קיינעם,
װי מיך ער לאָזט ניט שלאָפן דורך די נעכט,
זאָל אָפּנעמען די האנט בא יעדן איינעם,
װער גרייט איז װידער פּאָכן מיט דער שװערד!

מײַן הארץ איז װייך, נאָר הארט עס איז מײַן סינע —
גיין קעגן אומרעכט
איר אצינד כ׳באפעל.
אין נאָמען פון מײַן שטאם איך שטעל מײַן כסימע.
און ניט מיט טינט —
מיט בלוט מײַנעם זי שטעל.

פ א ר ש פּ ע ט י ק ט

כ׳האָב געװאָלט דער ערשטער זען די קנאָספּן,
װען געבוירן בלאט נאָך בלאט עס װערט —
אָט דעם קישעף אומבאגרײַפלעך־פּראָסטן,
װאָס באנײַט מיט אייביקײַט די ערד.

טאָג און נאכט געלויערט כ׳האָב פארבאָרגן
נאָכן בוים — פון װאָרצלען ביז דער קרוין...
מיטאמאָל אַ לויטערער פרימאָרגן
אָנגעזאָגט מיר האָט די נײַס:

— נו, שוין!

יאָמטעװדיק און יונג מיט צװײַגן אַלע,
אײַנגעהילט אין פוכיק־גרינעם שוים,
װי אין שלייער אַ פארפּוצטע קאַלע,
האָט געפלאַטערט קעגן זון דער בוים.
ס׳האָט מײַן אויג, װאָס קיינמאָל זיך ניט
זעטיקט,
נאָכגעשפּירט נאָך דעם, װאָס דאַרף געשען...
װען זשע, זאָגט מיר, האָב איך עס
פארשפּעטיקט?
װען האָב איך דעם גרויסן נעס פארזען?..

עפשער קאָנסטו שוין פאַרגעסן

עפשער קאָנסטו שוין פאַרגעסן
סײַ די פרייד און סײַ די לייד?
עפשער זײַנען דיר דערעסן
אָט די אָפּגעדינטע רייד?

נו, איז גוט — מע מעג שוין שווײַגן:
ווײַס איז ווײַס, און שוואַרץ איז שוואַרץ.
נאָר די אָפּגעהאַקטע צווײַגן
שטעכן ווײַטער נאָך אין האַרץ.

און סימאָנים אַף די שטאַמען,
ווו ס'האָט זאַפט געיאָגט מיט ראַש.
אַף פון לאַנג פאַרהיילטע שראַמען
לייגט מען דאָך ניט קיין באַנדאַזש.

גיב אין וועג מיר

גיב אין וועג מיר ניט קיין ברויט,
און קיין ווײַן ניט גיב —
פילן וועל איך בלויז א נויט
אין דײַן זיסער ליפּ.

ווילסט, פון הונגער ניט פאַרקלעמט
זאָל דאָס האַרץ מײַנס זײַן —
גיב די ווייכקײַט פון די הענט,
פון דײַן בליק די שײַן.

גיב מיר ניט דאָס דינע העמד,
וואָס כ'האָב טראָגן ליב.
ס'זאָל מיר גליקן אין דער פרעמד —
מיר דײַן צאַרטקײַט גיב.

שטילן כ'וועל מײַן גרויסן דאָרשט,
ווי מיט ווײַן פון קאָס,
אינעם קוש, וואָס דו אָקאָרשט
מיר געשענקט דו האָסט...

אָט ווײַטער ווערסטו און אָט נעענטער

אין בלויען רויך פון דײַנע אויגן
פאַרבלאָנדזשעט האָב איך, ווי אין וואַלד,
אין זייער טיפעניש פאַרצויגן,
כ'וועל אײַנגעזונקען ווערן באַלד.

אָט ווײַטער ווערסטו און אָט נעענטער,
אָט כויזעקסטו, אָט ווערסטו שטום, —
און איך, א נאָכגיביק-פאַרבלענדטער,
אין קייטן דײַנע גיי אַרום.

און, זוכנדיק מײַן גליק, איך קלער ניט
און ווייס ניט, אַז ס'איז מיר באַשערט
שוין זיך אַליין געהערן מער ניט —
אַף גאַנצן לעבן זײַן דײַן קנעכט.

לאַכט מען

— ס'האָט דײַן ליבע, זאָג, אַוועלכע אויגן?
זאָג איך:
— שפּיגלען, זונען-שפּיגלען צוויי.
לאַכט מען:
— ניט-געשטויגן, ניט-געפלויגן,
האָסט, מיסטאָמע, ניט געקוקט אין זיי!
ענטפער איך זיי בייז:
— וואָס הייסט, נאַראָנים,
האָט איר דען געזען אַזאַ מין פּראַכט?
לאַכט מען ווידער:
— האָסט אין שלאָף, אַפּאָנים,
זיי געזען ניט אָפן, נאָר פאַרמאַכט!
ווער איך אָנגעצונדן שוין מעסוקן:
— לאַכן מעגט איר, וויפל נאָר איר קענט,
אָבער אַף דער זון און ווי קאָן מען קוקן?
ווערן קאָן מען פון דער שײַן פאַרבלענדט!

יעכיעל פאליקמאן

דער מאמעס מיַסעס

שלעפּיאנאָווס געווינס

און אז איך האָב דיר שוין דערציילט וועגן
א גרויסן געווינס, וועגן דעם גליק, מישטיינס־
געזאָגט, וואָס יענער איינער האָט פון דעם
אריַינגעכאפּט[1], וועל איך דיר דערציילן נאָך
איין געשיכטע. ס׳הייסט, מע קאָן מיינען, אז א
גרויס געווינס איז אזוי אָפּט אויסגעפאלן—ווער
ווו, וועמען? — נאָר ס׳דאָך, באקומט זיך, אן
אויסטערלישע זאך, א היסטאָריע, האָט מען אָפּט
גערעדט וועגן דעם, איבערגעגעבן אזוינס פון
שטאָט צו שטאָט, געקוויקט זיך מיט א מיַיסע,
וואָס האָט גאָר עפשער פּאסירט ווער ווייסט
מיט וויפל יאָר צוריק, און ניט אין די היגע
מעקוימעס, ווי מע זאָגט — דריַי וואָכן הינטער
ווארשע. און געווען איז עס בא עמעצן א האָ־
פענונג, אז — עפשער, הא? גאָט איז א פאָטער,
ער גיט דאָך אמאָל א גלעט איינעם פון טויזנ־
טער, איז קאָן זיך מאכן...

שאָלעם־אלייכעם האָט אויך דערטאפּט איי־
נעם אזא און באשריבן, סארא כאָלעם עס האָט
זיך אויסגעלאָזט פונעם געלט, וואָס איז אים,
דעם אָרעמען שניַידער, מיטאמאָל אראָפּגעפאלן
פון הימל. איז אָט האָסטו גראָד א מיַיסע וועגן
א שניַידער, נאָר איינס דארף איך דיר זאָגן
גליַיך — טאקע מאכמעס דעם דערציַיל איך
עס — א באקלערטן מענטשן, וואָס ווייסט דעם
טאַם פון ביטערס און כאפּט זיך ניט צו, ווי א
פערד צו דער קאָרעטע — צו זיסן.

שלעפּיאנאָוו האָט ער געהייסן. אזא פאמי־
ליע. און מע זעט שוין — פון שלעפּערס. נאָר
ס׳אן עמעסע זאך, און גערופן האָט מען אים,
אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, שלוימע. שלוימע
שלעפּיאנאָוו, טאקע אזוי. גאָר ניט קיין שלעכ־
טער שניַידער, דערציילן מענטשן, ניט קיין
טאנדעטניק, קיין איבערניצעווער, קיין לאטוט־
ניק — ניין. ס׳הייסט, פון א שטיקל ארבעט, אז
עס מאכט זיך אין אן ענגער ציַיט, זאָגט ער
זיך ניט אָפּ, אפילע אויב עס פאסט אים ניט
זייער, נאָר געווען איז עס א גוטער שניַידער,
וועלכן מע פארטרויט גאָר טיַיערן קראם. אָבער
א קאפּצן. פארוואָס? וויַיל אזוי איז עס, ער
ארבעט אויס א זאך ווי עס געהער צו זיַין. און
טאקע דאָס אויך — אכט לעפל האָט מען אלע־
מאָל געדארפט האָבן באם טיש. און א ניַי
שיכל, א בעגעדל. שלוימע יענער איז געווען
ניט פון די, וואָס ייַטער — איבעריקע עטלעכע
ווערשקעס ציַיג, איז בא אים פארעכנט פון
פריַער און אראָפּגערוקט אין שופלאָד, — א בע־
געדל, א שיכל כאָטשבי פאר אן עלטער קינד
מוז מען פאָרט אמאָל צונויפשטוקעווען, די
קלענערע דערטראָגן שוין דאָס, וואָס איז בא
עלטערס אראָפּ פון דער מאָס.

אזא־אָ מענטש, נאָר — מיט זיַינעם א ביסעלע
ביטאָכן. ס׳אמאָל, האָט מען דערציילט, עפּעס
א ווינטער צי א זומער געשטאנען אין יענע
מעקוימעס א פאָלק סאָלדאטן, האָט שלוימע זיך
אויסגעטויגט אף צו באנייען די אָפיצערן, נוי־
סע־כיין געווען בא זיי, טאקע ווי א מין ווארר־
שעווער צי א לעמבערגער שניַידער, און ס׳האָט
זיך אָפּגעזעצט בא אים — איין מאָל אין לעבן—
א פינף־און־צוואנציקער. וואָס זשע טוט מען
מיט דעם געלט? נעמט ער און קויפט א בילעט
אף צו געווינען, א וויַיגרישנע, זאָל, הייסט עס,
ליגן א גאנץ פאפּירל, זאָל שפּילן דאָס מאזל.
און דאָס מאזל שפּילט ניט, ס׳גייען יאָרן, און
גאָרנישט. נאָר אז ס׳ווערט אים ענג, שלוימען,
האָט ער אן אויסוועג: אוועקגעטראָגן דעם ביי־

[1] זע „סאָוועטיש היימלאנד״ נומ. 7 פארן 1973.

לעט פאר א מאשקן צו א געוויסן ייִד אין שטאָט, וואָס זײַן נאָמען איז שוין ניט אזוי וויכטיק, און עפשער וואָלט קעדײַ זײַן געדענקען אזא נאָמען אויך, נאָר די געשיכטע איז געגאנגען פון מויל צו מויל און דער נאָמען איז צעריבן געוואָרן. איינס — א לײַטישער מענטש, שלוימע איז לײַטיש, און ער איז לײַטיש. קיין גוויר איז עס ניט געווען, אזוי דערציילט מען, א בוכהאלטער צי א קאסירער בא א זאוואָדטשיק, געהאט זיך זײַן באשטענדיקן סכאר, און א גמילעסכעסעד, ניט קיין גרויסן, האָט ער געקאָנט געבן, און צוווארטן, אויב מע דאַרף, אויך. און — כאָלילע — אָן א שום אַף, אָן פּראָצענט.

האקלאל, איינמאָל אזוי — א גמילעסכעסעד, א צווייט מאָל, א דריט מאָל, די יאָרן גייען, אָט ליגט דער בילעט בא יענעם מענטשן, און אָט קויפט אים שלוימע אויס, לייגט אים צוריק אוועק בא זיך, און אז מע מוז, טראָגט ער אים ווידער — אזוי פירט זיך, א מאשקן. ביז ס׳איז אים נימעס געוואָרן, שלוימען, צי כ׳וויס, ס׳האָט אים א טערפּע געטאָן באם הארצן, צי עפשער האָט ער געדאַרפט מער א ביסל געלט, ווי אלעמאָל, ער האָט געזאָגט צו זײַן באלכעסעד:

— ווייסט איר גאָר וואָס, קויפט בא מיר אָפּ דעם בילעט, אָדער איך וועל אים אָפּטראָגן אין באנק, און זאָל נעמען א סאָף. עס איז פּאָרט א ריס אין הארצן, אויסגעלעגן זיך, איז קויפט אים אָפּ.

— ניין, — זאָגט דער מענטש, — מע דאַרף ניט. גיך וועלן ווידער שפּילן די בילעטן, מאלע וואָס, וואַרט שוין צו, שלוימע.

און שלוימע — ניין, ער דאַרף דאָס מאָל דעם פולן פינף־און־צוואנציקער, אויס מיטן בילעט.

זאָגט ווידער יענער:

— נאט אײַך דעם פינף־און־צוואנציקער, נאָר דער בילעט איז אײַערער, איר וועט קאָנען, איר וועט וועלן — קויפט איר אים אויס.

און אזוי איז עס געבליבן — פארקויפט און ניט פארקויפט.

טרעפט אָבער א מײַסע, ווי כ׳האָב שוין פריִער געזאָגט, דער בילעט האָט אויסגעשפּילט. א סאך אויסגעשפּילט. איך ווייס ניט וויפל, מענטשן רופן אָן פארשיידנס, נאָר — א פּויטעקע. אויסגעשפּילט, און שלוימע, נעבעך, ווייסט דאָס שוין, נאָר ער שווײַגט, וואָס וועט ער נעמען ריידן. ער שווײַגט, זיצט אין געהאקטע ווונדן באם שטיקל ארבעט, אין שטוב איז טישעבאָוו, און מיטאמאָל — יענער גייט, צו וועמען דער בילעט איז אריבער, ער קומט ארײַן און גלײַך פון שוועל:

— איך בין אײַך געקומען אָנזאָגן א גוטע בסורע, שלוימע.

שווײַגט מען אין שטוב, מע הערט ווײַטער.

און יענער זאָגט:

— איך האָב אײַך געבראַכט דעם בילעט, שלוימע, דאָ איז ער, אינעם שטיקל זײַדנס, ווי איר האָט אים פארוויקלט... איר ווייסט דאָך שוין מיסטאמע, אײַער מאזל האָט געשפּילט.

שווײַגט מַען אלץ אין שטוב, און יענער:

— איך מיין, איר וועט שוין קאָנען סילעקן דעם כויוו, דעם פינף־און־צוואנציקער, לאנג וועט מיר ניט אויסקומען וואַרטן.

רופט עס אויס שלוימע, פאר זײַן גאנצן דערשטוינטן געזינד:

— א פערטל פון מײַן געווינס איז אײַערער!

און אזוי איז געווען: א פערטל האָט באקומען יענער, דער באלכעסעד, א קערבל צו א קערבל האָט מען אָפּגעציילט, און דאָס איבעריקע געלט האָט שלוימע צוגעטראַכט ווו אהינטאָן, זעט אויס, ס׳בא אים געווען אָן אויסגעכאָלעמטע זאך פון פריִער. ניט צעטרענצלט, ניין, ער האָט געמאכט א פּאָדריאַד — ס׳האָט זיך שוין געפונען אזא פּאָדריאַדטשיק — און געהייסן בויען אן אפּטייק אין סאמע פרונט, ערד האָט ער אָפּגעקויפט. מע מויערט די ווענט, און שלוימע האָט דערווײַל זײַנס אן עלטער ייִנגל אָפּגעשיקט זיך לערנען פאר א פּראָוויזאָר. די אַפּטייק איז אופגעשטעלט געוואָרן, און דער אייגענער פּראָוויזאָר איז דאָ. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מיט די דאָקטוירים אין שטאָט איז אָפּגערעדט געווען: טאָמער אן אָרעמער כוילע, ס׳ניטאָ אף דער רעפּוע, שרײַבט מען צו בא דער זײַט „בעכינעם”, און נישקאָשע, עס גייט דורך...

אָט אזוי. און ווילסט דאָך אוואדע וויסן, ווו איז דאָס געווען — ניט דרײַ וואָכן הינטער וואַרשע, ווי כ׳האָב פריִער געזאָגט — אין טשערניגאָוו. און די אפּטייק, זאָגט מען, שטייט ביז הײַנט. ווו איז שוין שלוימע שלעפּיאנאָוו, ווו זײַנען אפילע זײַנע קינדער, נאָר אזוי הייסט די אפּטייק — שלעפּיאנאָווס.

אין וואָס ס׳איז ארײַן די בראָכע

א ווײַבל, עס ווערט דאָ געמיינט ניט קיין יונג ווײַבל, א ייִדענע, האָט זיך געפּאָרעט אין קיך, באם אויוון, איבערגערוקט די ברויטלעך, וואָס זי האָט געבאקן. מיטאמאָל האָט פון גאס פארקערעוועט אן אלטיטשקער, שטיין געבליבן בא דער אָפענער טיר און געבעטן א טרונק וואסער. א פײַנער אלטיטשקער, מע זעט עס ארויס. אן אָגעקומענער פון ערגעץ, צי ער איז ביכלאל אין וועג, א וואנדערער. א לאנגע, ווײַסע באָרד, ווי עס פירט זיך, ביזן גארטל, גוטע, בענטשנדיקע אויגן, און איז אויסגעיידלט, מאמעש, ער האלט זיך קוים אף דער ערד, א

ווינט זאָל נאָר קיין שטאַרקערן בלאָז ניט טאָן. זומער, ס'איז הייס, ס'ברענט אפן הארצן, זאָגט דאָס ווײַבל:

— קומט עפשער אַרײַן אין שטוב, זיידע, איר וועט א ביסל אָפּרוען.

— מע קאָן, — ענטפערט דער אלטער, ניט וואָס שטאַרק גערן, דערפרייט — סתּם, פארוואָס ניט, מאכטייסע.

בעט אים דאָס ווײַבל צוזעצן זיך, שוין אין עס־צימער, באַם טיש. זיצט ער. געמאכט עטלעכע שלונג פון דער טשאשקע, שטיל, בעצימצעם, און זיצט. זאָגט שוין דאָס ווײַבל ווידער:

— און עפשער וואָלט איך אײַך אָנגעגאָסן א טעלערל יויך, זיידע, — נעכטיקע, נאָר מיט א פריש שטיקל פּידפּאלעק?

— מע קאָן, — איז ער מאקסים מיט א שאָקל פון קאָפּ, — אז איר זענט אימשטאנד און איר ווילט אזוי. א דאנק. דער אייבערשטער וועט מעמאלע זײַן.

אז ער האָט אָפּגעגעסן, זאָגט שוין דאָס ווײַבל:

— זאָל עפשער אַראָפּפאלן א ביסל די היץ, עפשער וועט איר זיך צולייגן, זיידע, אף דער קאנאפּקע?

— א דאנק, טאָכטער, א דאנק, מע קאָן.

אָפּגערוט זיך, וויפל ער האָט שוין דאָרט גערוט, איז דער אלטיטשקער אופגעשטאנען, פארצויגן דעם גארטל, א גלעט געטאָן די באָרד, און שוין בא דער טיר, באַם געזעגענען זיך, געזאָגט:

— ס'בא דיר א גוטע נעשאָמע. זאָל דיר גוט זײַן. אינעם ערשטן, וואָס דו וועסט זיך מאָרגן נעמען טאָן, טאָכטער, וועט באָרעכהאשעם אַרײַן די בראָכע...

אוועק פון דער שוועל, געמאכט עטלעכע טריט אין גאס און איז ווי צעגאנגען. ניטאָ, פארשוווּנדן, טאקע ווי דער ווינט זאָל אים אונטערכאפּן. האָט דעם ווײַבל א טיאָכקע געטאָן אין הארצן: „אוי, ס'דאָך געוועזן א היייליקער, ס'דאָך עפשער עליִיאָהו האנאָווי אליין!"

אזוינס איז איר אַרײַן אין קאָפּ, און זי האָט געפּויעלט בא זיך: מאָרגן אינדערפרי, ווי נאָר זי וועט אופשטיין, וועט זי זיך נעמען מעסטן לײַוונט, — זי האָט געהאט צו טאָן מיט לײַוונט, — וועט אין דעם אַרײַן די בראָכע.

אופגעהויבן זיך קאיאָר, האָט דאָס ווײַבל ווידער גענומען טראכטן: ס'וועט אַרײַן די בראָכע אינעם ערשטן, וואָס זי וועט נעמען טאָן, עס וועט זיך ניט אויסלאָזן מיסטאמע ביז נאכט, ביזן ערשטן שטערן. אזוי דארף מען עס פארשטיין. און אויב אזוי, דארף מען, זי זאָל א גאנצן טאָג ניט מאפסיק זײַן, קיינער זאָל זי ניט רופן, ניט אָפּוענדן, קיין שכיינים זאָלן ניט אַרײַנקומען. האקלאל, מע מוז דאָס באוואָרענען. איז זי אוועק צו די שכיינים — אייינער אָפּגעבן א האלב לעבל ברויט, וואָס זי האָט אייערנעכטן אנטליִען, קלײַבנדיק זיך באקן, יענע קאָן, ווי א זאך מאכט זיך, אַרײַנקומען נאָכן ברויט, א צווייטע האָט מען געדארפט בעטן, זי זאָל ארויסטרײַבן אויך איר, דעם ווײַבלס, ציג פונעם שטאלעכל, ווען דער פּאסטעך מיט דער טשערעדע וועט זיך באווײַזן, א דריטער האָט זיך אויך געפונען, וואָס אָנזאָגן. יאָ, איז זי ארויס פון שטוב, גענומען ריידן מיט איין שכיינע, מיט דער צווייטער, מיט דער דריטער, און די רייד פליסן, דעם עמעס געזאָגט, האָט זי פון פריִער אויך געהאט אָט דעם כאלאס, ליב געהאט א ביסל ריידן, נאָר אזוינס ווי דאָס מאָל — זי האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָפּשטעלן, און מע איז איר גערן, מע הערט, מע איז אופגעלעבט. און נאָך, אז זי האָט זיך שוין ארויסגעכאפּט פון די שכיינעס, האָט זי באגעגנט אנדערע מענטשן אף דער גאס, און ווידער — נײַן מאָס רייד... וואָס איז עס, ווי שטעלט מען זיך אָפּ? זי פילט, נעבעך, — ניט דאָס, מע דארף אײַלן, נאָר זי געדענקט שוין ניט, צו וואָס אײַלן, און אזוי, ביז דער ערשטער שטערן האָט א בלישטשע געטאָן איבער איר טשערעפּענעם דאך. א טאָג אָפּגערעדט. אין דעם איז אַרײַן די בראָכע.

דו זאָג נאָר...

איינער, וואָס האָט קעסיידער אנטליִען געלט בא די שכיינים און ארויסרײַסן עס בא אים צוריק האָט מען געדארפט מיט צוואנגען, — ס'דאָ אזעלכע, ס'איז אים גאָר ניט אזוי שלעכט, ווי ער איז א שלעכטער סיליקער, אָפּגעבן א כויוו איז בא אים, ווי שינדן פון זיך די הויט, — אָט אזא־אָ האָט זיך געמאכט פאר א כיינדל צי א מאָדע זאָגן צו זײַנעם א שאָכן, מיסטאמע דעם מילדסטן:

— שוין וויפל מאָל איך בין דיר שולדיק געווען, און אנדערע אויך שולדיק — שטענדיק אין כויוועס. איך וואָלט אמאָל וועלן הערן, אז עמעצער איז מיר שולדיק א גמילעסכעסעד...

— ס'הייסט? — פרעגט יענער, דער גוטער שאָכן.

— נו, כאָטש הערן, ווי דאָס קלינגט: „איך האָב בא דיר אנטליִען א צענערל, וואַרט מיר צו נאָך א וואָך, נאָך צוויי וואָכן". הא, ס'דען שווער צו זאָגן אזוינס?

— נאָר צוליב וואָס? — פרעגט יענער.

— סתּם אזוי, כ'וואָלט עס וועלן הערן.

— כע, — ענטפערט דער מילדער שאָכן און רעדט מער ניט דערפון.

נאָר יענער, דער אַנטלײַער, כאַפּט אים ווי־דער און ווידער באַם פּלויט, אַף דער סטעזשקע, מע רעדט וועגן עפּעס, דערמאָנט ער זיך אַלץ אין זײַנס:

— נו, זאָג אַמאָל: „איך בין דיר שולדיק אַ קערבל, אַ צענערל, איך בין אַ באַל־באָטועך, וואַרט צו".

— נאָר צוליב וואָס?.. — און עס גייט אַוועק, ווי פריִער.

ביז עס איז געקומען אַ טאָג, אַ מינוט — עס קומט, ווי זשע — יענעם, דעם מענטשן אָן דער גאַל, איז נימעס געוואָרן, און ווען דער צווייטער האָט אים נאָכאַמאָל געגומען בעטן: „נו, זאָג, אַז ביסט מיר שולדיק, איך וואָלט דאָס וועלן הערן", האָט יענער אַ זאָג געטאָן, קעדיי דער קלעפּיקער זאָל זיך אָפּטשעפּען:

— מײַלע, שולדיק, שולדיק דיר אַ כויוו! וויפל, אַ צענערל? זאָל זײַן אַ צענערל... איך וועל אָפּגעבן!

— אָ! — האָט אויסגערופן „דער באַלכויוו", ווי מע פלעגט אים רופן, — איצט האָב איך שוין אַ באַלכויוו. — און צו אַ דריטן, וואָס איז פּונקט אָנגעקומען אַף דער גאַס: — איר האָט געהערט? ער איז מיר שולדיק אַ צענערל!

אַף מאָרגן, צי אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מע האָט זיך באַגעגנט ווידער אַף דער סטעזשקע בא דער שטוב, האָט יענער, וואָס האָט אַזוי געוואָלט הערן, ווי דאָס קלינגט „שולדיק אַ כויוו", אַ זאָג געטאָן צום שאָכן:

— און ווען וועסטו אָפּגעבן?

— וואָס?

— דעם כויוו, דאָס צענערל.

— וואָס פאַר אַ כויוו, וואָס פאַר אַ צענערל? לאַכסט עפּעס!

— איך לאַך? לעמײַ זאָל איך לאַכן? האָסט דאָך געזאָגט, און אַ מענטש האָט געהערט... וועסט שוין סילעקן.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ווי־אַזוי יענער, וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרמאַראַטשען, האָט זיך אויסגעדרייט, ווייס איך ניט. נאָר ווײַזט אויס, אַז בעסער איז ניט נאָכגעבן — קיינמאָל. וועסט ניט נאָכגעבן, וועסטו ניט אָפּגעבן, מע וועט לעכאַלהאָפּאַכעס ניט מאָנען!

הערשעלע האָט זיך אַרײַנגעמישט

ס'איז געווען אין אַ פאַרוואָרפן אָרט, בייס אַ יאַר־יאַריד. אַזוי איז זיך עס אַ קליין שטעטל, מיט אַ מערקל, די גרייס ווי אַ סידעלע, נאָר איין מאָל אין יאָר, פאַר אַ געוויסער כאָגע, פאָרט מען זיך אַהין צונויף פון אַלע עקן קאַנט, אַפילע גאָר פון ווײַטע און גרעסערע שטעט, אָן אַשרעס טוט אַ שפּאַר אַהין, קאַלטווו, און בלינדע מיט קאַבזעס, און קאַטערינשטשיקעס, און בעטלער, און גנאַווים, האַקלאַל — אַ יאַם מיט מענטשן און וועגענער, עס טוט זיך עס אָפּ אַ ביסל!

נו, און, פאַרשטייט זיך, אין די הײַזער איז שוין ניטאָ, ווו אַ קאָפּ אַנידערלייגן, ווו אַ פוס זאָל טרעטן, ווער רעדט וועגן דער אַכסאַניע, דעם אײַנפאָר־הויז, אויב ס'געווען אַפילע אַזוינס אין שטעטל. טוליעט מען זיך, די יאַרידניקעס, בא מענטשן, ווו עס מאַכט זיך, אַ נאַכט פאַרן יאַריד, אַ נאַכט נאָכן יאַריד, אויב מע באַווײַזט זיך ניט פאַנאַנדערפאָרן. אָט אַזוי־אַ גייט עס צו אין אַ הורהאַ, אין טומל.

יאָ, האָט איינער זיך אָפּגעשטעלט בא אַ באַלעבאָס, דער באַלעגאָלע האָט אָנגעוויזן — ניט קיין היגער, אַזאַ, וואָס פאָרט אויך אַהער איין מאָל אין יאָר; געקומען איז מען, ווי עס טרעפט, שפּעטלעך, אין אַלע הויפן זײַנען שוין דאָ אָנגעפאַרענע, האָט דער באַלעגאָלע געגומען צעטעכערן די פּאַסאַזשירן איבער די הײַזער פון אַ ווײַטערער גאַס. צוגעזאָגט אויך אַף מאָרגן נאָכן יאַריד פאַרנעמען פונדאַנען זײַן פּאַסאַזשיר. און דער פּאַסאַזשיר איז אַ יונגערמאַן, ניט לאַנג אַ כאַסענע געהאַטער, וואָס האָט באַקומען ניט קיין גרויסן נאַדן, פּרוווט עפּעס טאָן אין מיסכער. ער האָט געבראַכט אַ ביסל סכויירע אַפן יאָר־יאַריד, אָפּגעלייזט, וואָס ס'האָט זיך געמאַכט, און ציטערט פאַרן מעזומענס — טאַקע אַ פּופּיקער, ניט מער, נאָר בא אים איז עס גרויס געלט, אַמאַליקע יאָרן, און הײַנט אויך — אַ פּופּיקער איז ניט קיין פּיאַטאַק... און נאָך עטלעכע פרעמדע נעכטיקן דאָ, מאַלע וואָס, טראַכט דער יונגערמאַן, מע דאַרף דעם פּופּיקער באַוואָרענען, און גלײַכער פון אַלץ איז מיסטאַמע געבן אים דעם באַלעבאָס אַף צו באַהאַלטן. וועמען זשע?

דער באַלעבאָס איז אַ מענטש, וואָס וועסט וועגן אים גלײַך גאָרנישט ניט זאָגן — ניט גוט, ניט שלעכט, אַ ביסל אַ פאַרעווע מענטשל. דעם פּופּיקער האָט ער געגומען שטיל, קיינער זאָל ניט זען. ס'הייסט, בעסער אַזוי. נאָר אינדערפרי, ווען דער יונגערמאַן האָט זיך געהאַלטן אין צעצאָלן פאַר די צוויי נעכט און געזאָגט: „איצט גיט מיר, בעט איך, מײַן פּופּיקער", האָט דער באַלעבאָס — דאָס פאַרעווע מענטשל — אָנגעשטעלט אַף אים אַ פּאָר אויגן פון אַ קאַלטן גאַזלען: „וואָס פאַר אַ פּופּיקער? כ'הייב ניט אָן צו וויסן פון גאָרנישט. עפּעס פאַרעדט איר זיך, יונגערמאַן!"

ווי ס'איז שוין ווײַטער צוגעגאַנגען, וועסטו ניט איבערדערציילן — ביטער. דער באַלעבאָס לייקנט שטיין און ביין. ער איז זיך גאָר גרייט שלאָגן — וואָן און פּאַרטיק! אַ בילבל! אַ פּופּ־

ציקער האָט ער גענומען באַהאַלטן? וואָס איז בא אים — א באַנק? וואָן פון שטוב!

ווען ווען וועסטו דאָ שטעלן פאר אן איידעס, אז קיין איידעס זײַנען טאַקע ניטאָ? איז שוין דער יונגערמאַן פון יענער זײַט פירטקע, נאָר ווײַט גייט ער ניט אוועק — פון גאַס קאָן דאָך יענער אים ניט טרײַבן. און עפשער וויל יענער קיין טומל אַף דער גאַס ניט אופהייבן. דער יונגערמאַן שטייט אין אנגסטן ניט ווײַט פון דער פירטקע, ער טראַכט, וואָס טאָן, ווי וועט ער פאַרן שווער, פאַרן ווייב זיך פאַרענטפערן, און הייסן הייסט עס שוין, אייגנטלעך, אז ער וואַרט דאָ אַף דער פור, מיט וועלכער ער וועט זיך אומקערן אַהיים.

קאַכהאַווע, דער באַלעגאָלע איז דאָ מיט דער בויד, מיט די סוסים. דערזען, אז דער פּאַסאַזשיר זײַנער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען, א שאָטן איז געבליבן פונעם יונגן מענטשן, פרעגט ער:

— וואָסי געשען?

דערציילט דער יונגערמאַן, וואָס דאָ איז פּאַרגעקומען אַף דער סטאַנציע, וועלכע דער באַלעגאָלע האָט, ס'באַקומט זיך, נאַרײַעט.

— אז מע מעג אים לאָזן געלט, דעם באַלעבאָס, דאָס האָב איך ניט געזאָגט, — ענטפערט דער באַלעגאָלע און קראַצט זיך מיט דעם בײַטש־שטעקל די באָרד, — נאָר דער אַלטער זאָרעך זאָל אַזוינס אָפּטאָן?..

— וועלכער אַלטער? — טוט זיך א כאַפּ דער יונגערמאַן. — דער איז ניט גאָר עלטער פון מיר! זאָרעך, האָב איך געהערט, איז שוין דרײַ כאַדאָשים ניפטער!

— אָך, איז דאָס סימכעלע, זײַן בענאָק? פּאַרפאַלן!

נאָר דאָ רוקט זיך ארויס פון דער בויד א צעשויבערטע, א ביסל אַן ארומגעסקובעטע באָרד, און אויגן טוען א שײַן אַף א בלאַסן פּאָנעם קלוגע, דורכגעטריבענע — מע קאָן זיי גאָר ניט פאַרגעסן. און ער רופט זיך אָן, דער דאָזיקער:

— זאָרעך האָט געהייסן דער טאַטע? מער דאַרף איך ניט. קומט, יונגערמאַן, איך וועל זיך פּרווון דורכשמועסן מיטן באַלעבאָס.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן פון דער בויד, — און א ייִד איז עס, אָט דער מיט דער ארומגעסקובעטער באָרד, דאַר און קוואַר, אָנגעטאָן, מע קאָן ניט זאָגן ניט אָנשטענדיק, נאָר אָרעמלעך, און ווידער געריבעטע — אונטערוועגנס, אַן אויסגעריבענע קאַפּאָטע, וואָס ניט איין רעגן האָט שוין מיט איר געהאַט צו טאָן, מיילע, — אָפּגעשטעלט זיך אַף א ווײַלע בא דער פירטקע, זאָגט ער:

— איך וועל ארײַן צו יענעם סימכעלע, ווײַטער, ווי אין קיך, וועל איך מיט אים ניט אוועק, און איר, יונגערמאַן, איר זעט אָן־אָ דאָס פענצטערל לעבן ארײַנגאַנג, ס'מוז זײַן פון קיך, קומט איר צו פּאַמעלעכן אַהין און קוקט. ווי נאָר איך צעשפּיליע מײַן קאַפּאָטע און כ'נעם זיך צו דער בוזעם־קעשענע, אויב איר וועט ניט זען, וועט איר הערן, ווו עס האַלט, נאָר אין רעכטן מאָמענט שטעלט איר זיך ארײַן, און ווי גאָרנישט זאָל ניט האָבן פאָרגעקומען: „גיט מיר, באַלעבאָס, דעם פּופּציקער, וואָס איך האָב אײַך געבעטן באַהאַלטן".

אַזוי איז געווען. נאָר וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן, פאַרשטייסטו נאָך ניט? הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט זיך ארײַנגעמישט. שטיין געבליבן אין קיך, האָט ער געפרעגט אַף זאָרעכן, זײַן באַקאַנטן, קלויזמערשט. ענטפערט דער באַלעבאָס: ניטאָ, אַף יענער־וועלט.

— אײַ, אײַ, — באַדויערט הערשעלע, — און איך האָב געדאַרפט פון אים א טויווע.

— וועלכע טויווע?

— איך בין א מעקלער בא ליוועראַנטן, אָנגעקוקט דאָ א טאַבון פערד. כ'האָב געגעבן אַן אַדערויף, נאָר אָפּגעקומען ניט מיט קיין סאַך. א הונדערטער איז בא מיר געבליבן אין קעשענע. איך פאָר נאָך די סאָכרים, אין צוויי טעג ארום וועל איך זײַן צוריק, און עס ווילט זיך ניט אומפירן מיטן הונדערטער. געמיינט אים איבערלאָזן זאָרעכן, נאָר אַזוי, וועט שוין אויסקומען זוכן דעם ראָוו, ער וווינט אַפן אַלטן אָרט?..

— דאָס געלט וועט בא מיר אויך גאַנץ זײַן, — רופט זיך אָן דער באַלעבאָס, — וואָסי, כ'בין דאָך זאָרעכס זון.

נו, אָט, און ווען הערשעלע האָט פאַנאַנדערגעשפּיליעט די קאַפּאָטע, גענומען זיך פּאָרען אין בוזעם, איז ארײַן דער יונגערמאַן און געזאָגט זײַנס... דער באַלעבאָס האָט דאַפקע א פלאַם געטאָן אַף אים מיט די אויגן, נאָר באַלד זייער ליבלעך א שמייכל געטאָן:

— אײַער פּופּציקער? אָט איז ער. איך בין א בעטועך אין שטעטל... בא מיר איז עס, ווי אין באַנק... — נאָר ווײַטער האָט ער שוין גערעדט צו הערשעלעס און צום יונגנמאַנס פּלייצעס.

געזען, געהערט און געשוויגן

אָט האָסטו נאָך א מײַסע פון דעם שניט — וועגן אָרנטלעכקײַט, בענעמאָנעס. אַלץ קומט דאָ פּאָר, פון אָנהייב ביזן סאָף, אַנדערש. נאָר וואָס זשע וויל איך יאָ, זאָלסט וויסן: קימאַט אַזאַ געשיכטע, ווי די, וואָס כ'וועל באַלד דערציילן, האָב איך געלייענט אין א ביכל, און בא א שרײַבער, וואָס כ'האַלט פון אים, — איך! — די וועלט האַלט פון אים. איז וואָס רוק איך

זיך מיט מײַן מײַסעז? אין דעם גייט עס טאַ־
קע — יענץ, וואָס דער שרײַבער האָט געהערט
און אַרופגעכאַפּט אַף פּאַפּיר, איז אים עפּעס
ניט אַזוי דערציילט געוואָרן. וועסט שוין זען.
א גאַנצע איידע איז ניט ערלעך, פאַרדאָרבן,
וועהאַרײַע — די סאַמע כאַשעווע פון יענעם
אָרט, עס רעדט זיך פון א שטעטל, די, וואָס
מע האַלט זיי פאַר די באַגלייבטסטע, זײַנען
פּאַלאַכליווע און פאַלש, דער עמעס האָט בא
זיי ניט די ווערט קיין דענעשקע, און לײַטיש,
לאָזט זיך אויס, איז גאָר איינער, דער, וואָס
זיצט אַף א זאַק מיט געלט. בא אונדז אין
ליובאַר האָט מען דאָס דערציילט אַנדערש.
ניט נאָר אין ליובאַר, — אין טשאַרטאָריע, אין
טשודנאָוו, אין אַסטראָפּאָל, געוועזן בא אונדז
באַרעכהאָשעם אַנגעפּאַרענע און אויסגעגעבע־
נע אפילע פון לובין און קאַמענעבראָד, — איז
אז מע פלעגט זיך צונויפקומען — ווען דער־
ציילט מען מײַסעס? אַף א כאַסענע, אז די
קלעזמער זײַנען שוין מיד און דרעמלען אונ־
טער זיצנדיק, צי מע נעמט זיך צונויף, שכיי־
נים, אין א שטוב, בא א בעקן געפּראַזשעטע
ווײַנשל־קערלעך, יאַדערן, אָסיען, ווינטער —
האָט מען אַלעמאָל דערציילט די דאָזיקע גע־
שיכטע, אויב מע האָט זיך שוין דערקליבן צו
איר, אַנדערש, אָט ווי איך...

אָן אָרעמער מענטש האָט געבראַכט צו א
רײַכן באַהאַלטן דאָס ווערטיקסטע, וואָס ער
פאַרמאָגט אין שטוב. מע קאָן אפילע זאָגן מער
א ביסל: דער אָרעמער איז געוועזן א שוסטער,
אַזאַ, וואָס אַרבעט, ווי ס'האָט געהייסן, פּאָ זאַ־
קאַזו, נאָר ווײַל באַשטעלער. האָבן זיך ניט
שטענדיק אָפּגעזוכט, האָט ער געטאָן אויך פאַר
טאַנדייט. דאָס לעדער גיט דער גוויר, און די
גרייטע אַרבעט נעמט אויך צו דער גוויר —
פאַרן מאַרק.

דער גוויר האָט געהאַט זײַנע עטלעכע
סקלאַדן לעדער — הי און אין די אַרומיקע
שטעטלעך, געהאַט זיך זײַנע שוסטער, עפּשער
אין די הונדערטער, מע אַרבעט זיך יעדערער
אין דער היים, און אייניקע — שוין אין א
קאָמפּאַניע בא קלענערע באַלעבאַטים, סײַ גע־
האַט מענטשן אַף כוידעש־געלט — מע גיט
אַכטונג אַף די סקלאַדן, מע פאָרט אום אײַנ־
קויפן דאָס לעדער, און מע פאָרט אויך אַף די
יאַרידים, נו, און געוויינלעך כעזשבנפירער,
קאַסירער. א גאַנץ רעמל. אַליין דער גוויר איז
געוועזן אַזאַ, ווי אַלע גווירים, נאָר ער האָט
ניט גאָר פאַרגעסן, אז אַמאָל האָט ער אויך
געקלאַפּט פלעקלעך — ס'האָט אים א פּידל
געטאָן.

אָט אַזוי, און איז א ווײַטער קאַרעוו, דעם
דאַזיקנס, וועגן וועמען עס ווערט דערציילט.
אין קלויז, אין פּאַליש, רעדט מען זיך אַמאָל
דורך — וואָס מאַכט מען, וואָס טוען דאָס
ווײַב, די קינדער? אַזוי פרעגט דער גוויר, אַזוי
פרעגט פון אָנשטענדיקייט וועגן דער אָרעמער
קאַרעוו.

ווייסטו שוין, הייסט עס, אז דער שוסטער
האָט געבראַכט דאָס ווערטיקסטע פון זײַן פאַר־
מעגן באַהאַלטן באַם גוויר. וואָס איז די סיבע?
אַזאַ נאַהאָדע, א צופאַל אַזאַ: דער שוסטער,
שוין א מענטש אין די יאָרן, און זײַן ווײַב
האָבן געדאַרפט אוועקפאָרן אַף א צײַט צו די
כאַסענע געהאַטע קינדער אין אַן אַנדער שטאָט.
די שטוב האָט מען באַוואָרנט מיט א שלאָס, —
וואָס נאָך וועסטו טאָן? דאָס צעריפּעטע מעבל,
דאָס פאַרלאַטעטע בעטגעוואַנט, נאָך קלייני־
קײַטן, דאָס שוסטערשע געצײַג וועט קיינער
מיסטאַמע ניט טשעפּען, אויב מע וועט אפילע
אַרײַן באַנאַכט דורכן בוידעם צי דורך דער
טיר. נאָר וואָס זשע, א ביסל זילבערוואַרג —
פייסעכדיקס, צי וואָס מע ניצט בייס א סימ־
כע — עטלעכע לעפל, גאָפּל, בעכערלעך, נו, א
גאָלדן זייגערל, וואָס גייט ניט עפּשער. זינט
עס איז אין שטוב, נאָך אַזוינס, דאָס אַלץ האָט
דער שוסטער פאַרבונדן אין א פּעקל און
אוועקגעטראָגן (דאָס ווײַב האָט אויך געייצעט)
צום גוויר, דעם קאַרעוו, א שמועס געטאָן מיט
אים וועגן דעם פאַרפאַרי׳ער אין קלויז און באַ־
קומען די האַסקאָמע.

קומט ער צום גוויר, אין דער צײַט, וואָס
יענער האָט אָנגעוויזן, און ווערט געוואָרע: אָן
אַסיפע אינעם רײַכן קאַבינעט — די באַגלייב־
טע פונעם קאַרעווס אַלע געשעפטן אין די
אַרומיקע שטעטלעך, די אופּראַוויטעלס, די
אַכטונג־געבער, די, וואָס האָבן צו טאָן מיט
אײַנקויפן, פאַרקויפן, דורך וועמעס הענט די
גאַנצע אשירעס גייט דורך, און די, וואָס פירן
די ביכער, ציילן דאָס געלט. ווי קאָן מען זיך
עס אַרײַנשטעלן אינמיטנדערינען מיטן פּעקל?
ציט דער שוסטער אַרײַן דעם קאָפּ אין די
אַקסל און פּרוווט שוין דורכשפּרינגען צוריק
פאַרבײַ די פענצטער, ער וועט קומען אַן אַנ־
דערשמאָל. נאָר דער גוויר, צי ער האָט עס
טאַקע אין זינען געהאַט, געוווסט, ווען הייסן
קומען, צי ער האָט סטאַם דערזען דעם אָרע־
מען סוואַיאַק אין פענצטער, — ער האָט אַרויס־
געשיקט א מענטשן, מע זאָל אים אומקערן,
זאָל ער אַרײַנקומען.

אויב אַזוי, גייט שוין דער שוסטער צוריק.
ער קומט אַרײַן אין קאַבינעט, אַלע קוקן אַף
אים, מע שווײַגט, מע וואַרט, מע איז נײַגעריק,
וואָס קומט דאָ פאָר, און דער גוויר רופט זיך
אָן, ברייטלעך, ווי ס'איז ביכלאַל זײַן פירעכץ:
— האָסט געבראַכט דאָס, וואָס דו ווילסט,
איך זאָל באַהאַלטן? וואָס איז דאָרט — קליי־
קעסעף, א ביסל גאָלדן ברוכוואַרג? אָט איז

מײַן אײַזערנע שאַפע, טו א שלעפּ דאָס טירל, ס'איז אופגעשלאָסן, און לייג אוועק. וועסט אליין אוועקלייגן און אליין נעמען עס, ווען וועסט בעשאָלעם קומען צוריק.

פײַן, אלע שטוינען גאָר, אזא זאַך, אזא מילדקײַט!

דער שוסטער, — די הענט האָבן בעפּיירעש געציטערט, ניט געוווינט צו אזוינס, — האָט געעפנט די שאַפע, דערזען דאָרט אַף די פּאָליצעס א בלישטשע טאָן אין שיסעלעך גאָלדענע מאַטבייעס, דערזען אַף א טעלערל עטלעכע דימענטן אויך, אין באזונדערע סטאָסלעך איז צונויפגעלייגט געווען פּאַפּירן געלט, טאַקע נאָר ווי בא א גוטן באַלעבאָס שײַטלעך האָלץ אין סטאַניע; באוואָרנט אונטן, אין א ווינקל זײַן פּעקל, א פאַרוויקלטס אין געוויינלעכן פּאָדנאַריאַד־לײַוונט, אָן ארומגעבונדנס מיט דראַטווע־פעדעם, האָט ער זיך שטיל אָפּגעזעגנט און אוועק.

אוועק, געוועזן זיך ווו און וויפל ער האָט גערדאַרפט און אומגעקערט זיך מיטן ווײַב אהיים. טייקעף האָט ער זיך ניט געלאָזט לויפן צום גוויר נאָך דעם, וואָס ער האָט געבעטן באַהאַלטן, ווידער געטראָפן יענעם אין קלויז, געכאַפּט די מינוט און געפרעגט, ווען קאָן ער אַרײַנקומען נאָך דעם זײַניקן. ענטפערט דער גוויר — מאָרגן, אין אזא און אזא צײַט.

און ווידער איז עס אויסגעקומען — באַם שוסטער איז עס אויסגעקומען — ווי פון פריִער א באַטראַכטע זאַך. ער קומט צום גוויר, און בא יענעם איז אָן אסיפע, די זעלבע לײַט, און מע קערט אים ווידער אום פון דער פירטקע, וווּהין ער האָט פאַרקערעוועט. גייט דער שוסטער, אז מע רופט. שטיין געבליבן באַם שוועל פון קאַבינעט, זעט ער, אז אלע קוקן אַף אים, ווי מע קאָן פאַרשטיין — מע ווייסט דאָך, נאָך וואָס ער איז דאָ. נאָר דער גוויר, דער קאָרעוו, קוקט אַף אים פרעמד, עפּעס וואַרט ער אזוי ווי, פּונקט מע זאָל גאָר נעכטן וועגן גאָרנישט ניט האָבן גערעדט אין קלויז. רופט זיך שוין אָן דער שוסטער:

— איך בין געקומען, איר ווייסט דאָך, נאָך דעם, וואָס כ'האָב בא אײַך איבערגעלאָזט.

— בא מיר? — פרעגט דער נאָגיד. — בא מיר האָסטו עפּעס איבערגעלאָזט? צוליב וואָס?

— עס זאָל אָפּגעהיט זײַן, — ענטפערט דער שוסטער און פילט, ווי מע זאָל אים האָבן אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל, ער קאָן שוין קוים א וואָרט אַרויסברענגען, — וואָס הייסט?.. וואָס רעדט איר?..

— איך רעד? דו רעדסט! צו מיר וועסטו ברענגען איבערלאָזן עפּעס רעכטס? וואָס פאַרמאָגסטו אזוינס, איך זאָל עס היטן? נו, נו, גיי ניכטער זיך אויס! שיקער מיסטאַמע!

— וואָס וועסטו דאָ רעדן? דער שוסטער באַווײַזט שוין שטום, מיט די הענט, אַף דער אײַזערנער שאַפע, נאָר קיינער קוקט אַף אים ניט, און אויב מע קוקט, טרײַבט מען אים מיט די אויגן, מיט די צעקאַסטע מינעס. איז ער אוועק.

געקומען אהיים, דערציילט דעם ווײַב, און ביידע זײַנען אויסער־זיך, נאָר קעגן וועמען וועסטו דאָ גיין, מיט וועמען וועסטו זיך לאָדן, און ווער וועט לאָדן, אז אזויפיל איידעס שווײַגן, מע וועט דיך נאָך מאכן פאַרן שולדיקן. און — ס'דאָך ניט עמעץ, ס'א קאָרעוו... האָט מען אָפּגעווישט די ליפּן און — שאַ.

אָבער אז ס'איז אוועק א צײַט, א פּאָר כאָדאָשים, עס גייט צו פּייסעך, מע וואָלט כאָטשבי דאַרפן דאָס ביסל זילבערוואַרג. אַף וואָס ער ראַדעוועט זיך, מישטיינסגעזאָגט, דער גוויר. זאָגט דאָס ווײַב צום שוסטער:

— עפּשער פּאָרט פּרוּוון ווידער צוגיין צו אים, צו דײַנעם, ער איז דאָך דײַן קאָרעוו, ניט מײַנער, און דו האָסט מיט אים געהאַט צו טאָן, צוגיין און ניט בעטן — פרעגן, וואָס הייסט עס, עפּשער האָט ער איבערגעטראַכט, ס'קאָן זײַן, ס'איז אים א כאַרפּע. מיילע, וועסט שוין הערן.

גייט דער שוסטער, און דער גוויר לאָזט אים אַרײַן צו זיך אין קאַבינעט, ער באַזעצט אים גאַנץ פײַן אנטקעגן זיך אינעם ווייכן שטול באַם סאַמע טיש, און לאַכט שטיל, ער קווועלט גאָר אָן פּונעם גאַסט, און זאָגט אזוי פרײַנטלעך:

— נו, ביסט געקומען? ווילסט אָפּנעמען דײַנס? נעם, האָסט דאָך אליין אוועקגעלייגט, ווייסטו, ווו עס ליגט. די שאַפע איז אופגעשלאָסן.

גייט דער שוסטער צו דער שאַפע, עפנט זי אוף, אלץ איז אזוי, ווי געווען. געלט און געלט, און פּאַפּירן, און זײַן פּעקל ליגט א פאַרבינדנס דאָרט, ווו ער האָט עס אוועקגעלייגט. נעמט ער עס אונטער דער פּאַכווע און וואַרט שוין שטייענדיק, ס'הייסט, גרייט אוועקגיין. נאָר פונדעסטוועגן טוט ער א פרעג, און דער גוויר, זעט ער, וואַרט אַף דעם פרעגן:

— איך בעט אײַך, וואָס איז עס געווען פאַר א טומאַן?

— א טומאַן? — כאַפּט זיך אָן דער גוויר. — יאָ, טאַקע א טומאַן. דאָס האָב איך דיר געוואָלט ווײַזן, מיט וועמען איך האָב צו טאָן, אין וועמעס הענט מײַן אשירעס געפינט זיך, און דורך וועמען עס קומט צו מיר די אשירעס. אלץ האָט מען צוגעקוקט, אלץ געהערט, און — ווי די ווענט. מע וועט מיר דעם אייגענעם ברודער ברענגען אין קייטן. קיין אנדערע האַלט איך ניט. און איך בין צווישן זיי דער

ערגסטער. אנדערש וואָלט איך ניט געווען — איך. אָט אזוי, איך קאָן זיך שוין פאַרגינען אַמאָל זאָגן דעם עמעס.

„עווען בידוואָש"

איך ווייס ניט, צי איז עס געווען, אָט דאָס, בא אונדז אין ליובאר, צי ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט, נאָר אז עמעץ טוט א זאָג בא אונדז: עווען בידוואָש[1], א שטיין אין האָניק, פאַרשטייט מען, וואָס ער מיינט.

איינער, א דרייקאָפּ אוואדע, וואָס האָט זיך שוין צו שטארק פארדרייט און געבליבן מישטיינסגעזאָגט א לוי־יוצלעך, צי ער האָט זיך ערשט גענומען ארופארבעטן אין קליינעם מיסכער, אָט אזאמינער האָט אײַנגעהאַנדלט האָניק בא א יישוווניק, דערטאַפּט אים ערגעץ אין מארק, צי ווען יענער איז געגאַנגען אין מארק, און פארשלעפּט אים צו זיך אַהיים — אָפּוועגן די סכוירע. וועגט מען דעם האָניק, אין אַן עמער מיסטאמע, און אַף וואָס און מיט וואָס מע פלעגט געוויינלעך וועגן אין אזא שטוב, ווי בא דעם דאָזיקן, קאָנסטו זיך פאָרשטעלן: א פּאָר פאַרזשאַווערטע טעצלעך, וואָס פאָרן אום איבער דער וואָג, צוויי־דרײַ האַלבפונטאָווע, פונטאָווע געוויכטלעך, און דעריקערשט — אויסגעטאַרעוועטע שטיינער, וואָס מע טוט דיר א ווײַז, אז זיי שטימען קלוימערשט מיט דער וואָג, נאָר ווער, ווו... איז אים אָבער נאָך ווייניק געווען דעם, וואָס האָט אײַנגעהאַנדלט דעם האָניק. ער האָט געוואָלט טאַקע רעכט אָפּנארן דעם יישוווניק. גענומען א שטיין, א היפּשן שטיין, און אָנשטאָט צוטוליען אים, מע זאָל ניט זען, אין א זײַט, אַפּן טעצל, ווו עס איז שוין אזוי אויך גענוג אָנגעוואַלגערט געוויכטלעך און שטיינער, א טיצע געטאָן אים — געכאַפּט דעם מאָמענט, ווען דער יישוווניק האָט זיך פארקוקט, — ארײַנגעטיצעט אין עמער, אינעם האָניק.

דאָס ווײַב, דעמס, וואָס מאַכט די קנײַע, שטייט אויך דאָ, זי ווינקט, זי סמיקעט אים פארן ארבל:

— וואָס טוסטו, צעפלאַמטער קאָפּ, וואָס טוסטו?

און יענער, טאַקע א צעפלאַמטער קאָפּ, אזוי אז דער יישוווניק זאָל, הייסט עס, ניט פאַרשטיין דאָס לאָשן:

— עווען בידוואָש!

און אזוי איז עס געבליבן א ווערטל: עווען בידוואָש.

[1] אבן בדבש.

א פירגילנדיקער מעשאָרעס

דו הערסט אמאָל, מע זאָגט: א פירגילנדיקער מעשאָרעס. ס'זײַנען שוין לאַנג קיין מעשאָרים ניטאָ, אזעלכע, ווי זיי, זײַנען געווען אמאָל, בא באַלעבאַטים, און דאָס ווערטל איז א ווערטל.

מיט יאָרן צוריק איז עס געווען דער קלענסטער סכאַר — פיר גילדן פאַר א וואָך ארבעט. און פונדעסטוועגן האָט עס געהייסן — קימאַט ארויסגעוואָרפן געלט.

אָט וועל איך דיר עס באַמאָלן. ס'שטייט א באַלעבאָס, א טוווע־הענדלער, בא דער שוועל פון זײַן שטוב, צי פון דער קאַמער, ווו עס זײַנען די זאַסיקעס מיט טוווע. א פויער פאָרט אָן מיט א שוווער־געלאָדענעם וואָגן, טוט דער באַלעבאָס זיך א שאַף מיטן וואָלוועלן מעשאָרעס, דעם פירגילנדיקן:

— פּרויקע, — צי וויאזוי יענער הייסט דאָרט, — אנו, טו א שפּרונג. וואָס פירט ער? — און באַווײַזט אַפּן פויער, וואָס שפּאַנט מיט די ווישקעס אין די הענט.

פּרויקע שפּרינגט ניט, ער גייט זיך מיט זײַן געוויינלעכן גענגל און קערט זיך אום נאָך מער א קאַלטער:

— כ'ווײַ, ער זאָגט — ווייץ האָט ער.

— א סאַך?

טוט פּרויקע א בלימע מיט די אויגן. איצטיקס מאָל לאָזט ער זיך שוין א ביסל גיכער שפּאַנען צום פויער, וואָס פאָרט פארבײַ. אומגעקערט זיך — ווידער מיט א פּאַמעלעכן גענגל — פּאַנפּעט ער אויס:

— אכט זעקלעך.

— ס'איז צום פארקויפן, צי ער פאָרט אין מיל?

נאָכאַמאָל שפּאַנט דער פירגילנדיקער, און באַלד — ווידעראַמאָל, ווען ער ברענגט שוין דעם נײַעם ענטפער, אז דער ווייץ איז פארן מארק. ווײַל — וויפל איז דעם פויערס מעקעד?..

אזוי איז מיט א פירגילנדיקן מעשאָרעס. נאָר א רעכטער מענטש טוט אַפּ דאָס אַלץ גאָר אַנדערש. דער באַלעבאָס טוט א ווונק אַף דער פור — איז שוין יענער אַף האַלב וועג, געמאַכט עטלעכע שפּאַן באַנאַנד מיטן פויער, א טאַפּ אין וואָגן — איז ער שוין דאָ צוריק:

— ווייץ, אכט זעקלעך, זײַן מעקעד איז אזא, נעמען, מיין איך, וועט ער אזוי פיל, ניט קיין שלעכטע טוווע — אָט איז א פּראָבע...

צוליב וואָס זשע דערצייל איך דיר דאָס? אז דו טוסט עפּעס — וואָס דו זאָלסט ניט טאָן — זאָלסטו זיך אַליין אײַנשטעלן דעם העכסטן סכאַר, און ווערט זײַן דעם סכאַר.

א וואָרט האָט פּערשפּעטיקט

וויסט, איבער וואָס ס׳איז געשטאָרבן די מוטער סאָרע, די אורמוטער אונדזערע? איבער איין וואָרט, וואָס איז ארויסגעבראכט געוואָרן שפּעטער, איידער מע האָט געדאַרפט. א מאלעך איז געקומען צו פליִען און איר אָנגעזאָגט:

— דײַן מאן, אווראָם, האָט נאָרוואָס, אף א בארג, דעם זון אײַערן, ייִצכאָקן, געבראכט פאר א קאָרבן שיר...

ביז דער מאלעך האָט זיך דערקליבן צום „שיר", איז סאָרע געפאלן א טויטע.

הײַנט זעסטו, אז מע דאַרף וויסן ניט נאָר, וואָס זאָגן, נאָר וויאַזוי זאָגן?..

נאָר זיך ניט אָפּ!

ווען א לייב, עס טרעפט זיך, ווערט א גורטער, ער לאָזט זיך א גלעט טאָן, צי ער טוט אליין א גלעט, א טאָרע מיט דער לאַפּע ווייך, אָן נעגל, ער קוקט אזוי ווי פארטשאדעט, מיט צוגעזשמורעטע אויגן, דאַרף מען ניט מיינען, אז ער איז געוואָרן א קעצל. דעם לייב וועט דערפון גאָרנישט ניט שאטן, עס קאָן נאָר שאטן יענעם, ווער עס טראכט אזוי. ער וועט זיך אָפּבריִען.

און אויב...

און אויב אין א סאָד, וואָס ס׳איז דיר לאנג ניט געלעגן אין קאָפּ ארײַן אין אים, צי האָסט געזשאלעוועט צעטרעטן דאָרט דאָס גראָז, צי האָסט געטראכט — ס׳איז ניט די צײַט צו טשעפּען די פרוכט זײַנע, אויב אין יענעם סאָד האָט זיך ארײַנגעכאפּט אן אָקס צי א כאזער, און האָט דאָרט, ווי ער קאָן, געמאכט א כורבן, איבערגעטראָטן, איבערגעלאָמעט, איבערגעראָיעט אלץ האָרע־קאָרע, נו, איז וואָס זשע, דאַרפסטו שוין ווארפן אן אומכיין אפן סאָד, ניט וועלן טרעטן אף זײַן שטעג, ניט וועלן גאָרנישט טשעפּען דאָרט, ניט לײַכטער מאכן די לאסט פון זײַנע צווײַגן?.. ניין, וועסט אפּילע אים בעסער ארומגרײַזען, דעם סאָד, און זיך נאָך מוטשען, וואָס האָסט עס פריִער ניט געטאָן, וועסט קומען און שעפּן נאכעס — דאָס צעראָיעטע ווערט פארוואקסן, דאָס צעבראָכענע ווערט פארצויגן מיט קליי, די פרוכט גיסט זיך ווײַטער אָן מיט זאפט...

אזוי איז מיט א מענטשן, ווען דו דאַרפסט אים קאָנען פארשטיין, עפּעס מויכל זײַן אים, עפּעס אָפּשאַרן. איי, וועסטו זאָגן, א מענטש דאַרף האָבן זײַן צוים, ניט קיין הילצערנע, ניט קיין שטיינערנע, ניט קיין אײַזערנע, — איז עס אזוי און ניט גאָר אזוי. אמאָל איז א מענטש, ווי אן אָפּענער סאָד באם וועג, און ווער ווייסט, ווי דאָס אלץ ווערט אמאָל ארומגעשטעלט. ניט אין דעם, אז דײַן הארץ זאָל סטאם ווייך זײַן, גייט דאָ, נאָר גרינגער פון אלץ איז זײַן אן אכזער.

צוויי ברידער

האָסט עפּשער ערגעץ געלייענט אזוינס, צי ניט געלייענט, — וועסט שוין זאָגן, — הער דערווײַל... צוויי ברידער האָבן געלעבט אף א נאכלע, וואָס איז זיי געבליבן בעירושע, איינער א כאסענע געהאטער, אָפּגעשאָטן שוין מיט קינדער, דער צווייטער, דער ייִנגערער — נאָך ניט קיין באווײַבטער. די ערד האָט מען צעטיילט מיט אזא אויסרעכענונג, אז דעם ייִנגערן, ווען ער וועט האָבן זײַן מישפּאָכע, זאָל אויך קלעקן אף ציִען די כאיונע. אָט אזוי, דערווײַל האָט מען אפילע באארבעט דאָס פעלד צוזאמען, נאָר די גערעטעניש, די סנאָפּעס, האָט מען — אזוי איז אָפּגערעדט געווען — געטיילט לויטן כיילעק ערד, וואָס יעדן איז אויסגעפאלן.

שניט־צײַט איז עס פאָרגעקומען, ס׳הייסט, מע האָט זיך שוין אופאָרעט, אָפּגעפּארטיקט מיטן שניט. באנאכט. דער ייִנגערער ברודער ליגט אף זײַן געלעגער, אין סטאניע פלעגט ער שלאָפן זומער־צײַט, אף היי, ליגט ער, און עס שלאָפט זיך ניט. עס מוטשען אים געדאנקען: דער עלטערער האָט א היפּש געזינד, און די גערעטעניש איז צעטיילט ניט לויט די מײַלער נאָך. ס׳איז קלאָר, אזוי איז אָפּגעשמועסט פון לאנג, דער ברודער וויל ניט אָנרירן, נאָר פונדעסטוועגן, א צענדליק איבעריקע סנאָפּעס מעג מען אים אונטערוואַרפן, ס׳וועט ניט שאטן. און דער עלטערער ליגט אויך אף זײַן געלעגער, ווו ער איז שוין דאָרט געשלאָפן געוויינלעך, און טראכט זיך זײַנס: דער ייִנגערער איז טאקע איינער אליין, נאָר ווער ווייסט ניט, וואָס עס וואַרט אף אים. ער האלט בא כאסענע האָבן, די קאלע איז ניט וואָס ניט קיין פארמעגלעכע, פּראָסט אן אָרעם מיידל, לײַטיש, וויל, נאָר הויל און בלויז. מע וועט האיאָר שטעלן א כופּע, ווער וועט געבן אף די הויצאָעס? כוץ דעם — די שטוב. מיילע, יענע העלפט, ווו ער אליין, דער עלטערער, וווינט מיט דער מישפּאָכע, איז טאקע גוט אף צאָרעס, נאָר מע וועט עפּשער צוּוואַרטן נאָך א

ווינטער, גאַרנישט ניט טאָן אַזוינס ניט מיטן דאַך, ניט מיט די צעקרימטע ווענט, פֿאַר־ליאַמפּיטשען, ווו עס לאָזט זיך, ווי אַלעמאָל, און גאָר. אָבער דער ייִנגערער וועט מיט זײַן העלפֿט דאַרפֿן מאַכן עפּעס א טאָלק — ווידער היצאָעס, און כאָטש עפּעס־וואָס — פֿון מעבל אוועקשטעלן אין שטוב, מע הייבט דאָך אָן א יונג לעבן. ניין, קאָנסט יאָ, קאָנסט ניט, נאָר גיי, ברודערקע, און וואַרף שטילערהייט אַרי־בער עטלעכע סנאָפּעס צום ייִנגערן...

אַזוי טראַכט דער עלטערער זײַנס, דער ייִנ־גערער — זײַנס, און בײדע הייבן זיך אויף, מיסטאָמע ניט אין איין צײַט, נאָך א גליק, מע לאָזט זיך אוועק אין פֿעלד, און מע טוט — בלויז דאָס שטיקל לעוואָנע איז אַן איידעס — מע טוט, ווי מע האָט פֿאַרטראַכט יעדערער, און דער כעזשבן אין די קאָפּיצעס אויף בײדע פֿעלדער בלײַבט, באַקומט זיך, דער זעלבער. איין נאַכט אַזוי, א צווייטע נאַכט, — מיטאַמאָל טאָר מען דאָך ניט אונטערוואַרפֿן א סאַך סנאָ־פּעס, דער צווייטער קאָן זיך כאַפּן, — א דריטע נאַכט אויך אַזוי, איינער טראָגט צום צווייטן, און מיסטאָמע אויף דער פֿערטער נאַכט — נאָ, מע האָט זיך באַגעגנט אין פֿעלד, קימאַט בא דער מעזשע, איינער טראָגט פֿאַר די פֿערע־ווערסלעס עטלעכע שווערע גאַרבן, דער צוויי־טער — אויך אַזוי, און בײדע — ניט צו זיך, צו יענעם...

וואָס זאָל איך דיר זאָגן — שיין. מע שטייט, מע קוקט איינער אויפֿן אַנדערן, מע שווײַגט. אַזוי־אָ שווײַגנדיק האָט מען אַראָפּגעלאָזט די סנאָפּעס אויף דער ערד, אוועקגעזעצט זיך יעדע־רער אויף זײַנע, און ערשט דעמלט האָט דער עלטערער אַרומגעווישט דעם שווייס פֿון שטערן און אָנגערופֿן זיך:

— איצט זע איך, בא יעדן דאַרף בלײַבן זײַנס. מיר זײַנען ברידער. אַז איינער וועט האָבן, וועט האָבן דער צווייטער אויך.

ווי:אַזוי צעקריגט מען זיך?

צווי אַלטע לײַט האָבן היפּשע עטלעכע יאָר שוין געוווינט צוזאַמען. מע האָט ווייניק צו טאָן געהאַט מיט דער וועלט — געפּלאָכטן קויש־לעך פֿון לאָזע, פֿאַרקויפֿט זיי, די סכוירע איז ווי־ניט־איז געגאַנגען. וואָס זשע נאָך דאַרפֿן אַלטע מענטשן, אַז מע האָט א שטיקל ברויט און א ביסעלע צום ברויט? האָט מען זיך גע־לעבט בעשאַלווע, שטיל, מיסטאָמע פֿאַר אַלע יאָרן האַנאָע געהאַט פֿונעם לעבן. און עפּשער איז מען פֿון שטענדיק געווען שטילע, גוטע מענטשן. נאָר ס׳איז זיי, ס׳קאָן הייסן, סקוטשנע געוואָרן, צי בכלל — ס׳פֿאַרגאַנגען בא זיי אַזא שמועס, איינער האָט געזאָגט:

— מענטשן, אַז מע וווינט נאָך דערצו אונ־טער איין דאַך, אין איינע פֿיר ווענט, מע קאָכט אָט־אָ, ווי מיר, די קאַרטאָפֿל אין איין טאָפּ, און וואָס ניט — טוט מען זיך אַמאָל א קריג. איז עפּשער גאָר רעכט, מיר זאָלן זיך אויך כאָטש איין מאָל צעקריגן און זען, וועל־כע מיר זײַנען דעמלט?

ענטפֿערט דער צווייטער:

— איך פֿאַרשטיי ניט זייער, צוליב וואָס מע דאַרף דאָס, נאָר ווילסט פּרווון — מאַכטייסע. אָן־אַ שטייט די נײַע טשאַשקע אויפֿן טיש, וועל איך באַלד זאָגן, אַז זי איז מײַנע, אויף שטענ־דיק, און דו זאָג, אַז ניט, דו ווילסט ניט, און מײַנע וועט זײַן די אַלטע, די אָנגעשטשערבע־טע. נו, אָט זאָג איך: דאָס איז מײַן טשאַשקע, די דאַזיקע, מיט די קווייטלעך!

— דײַנע? — האָט זיך אָנגערופֿן דער צוויי־טער, וואָס האָט פֿאַרפֿירט די רייד וועגן א קריג. — זי געפֿעלט דיר? מיילע, רעכן, אַז זי איז דײַנע...

מע האָט זיך אויך דאָס מאָל ניט צעקריגט.

דאָס אייזל און די שקאַפֿע

געווען בא איינעם א שקאַפֿע און אַן אייזל. די שקאַפֿע האָט אויסגעזען פֿײַן, דאָס געגגל איז בא איר געווען א געדרייטס, אויף רוסיש הייסט עס „אינאָכאָד”, און א ווײַסן פֿלעק האָט זי פֿאַרמאָגט אויפֿן שטערן, און די קירצערע האָר פֿון דער גריווע, וואָס פֿאַלן אַראָפּ צווישן די אויערן, זײַנען געווען מיט א ווײַסקײַט. און דאָס אייזל — קרעפּטיק, בײַנערדיק, זשוואָווע, אַז עס שטייט אויף די פֿיס — שטייט עס, און אַז עס גייט — גייט עס. פֿאַרהאַרעוועט, פֿאַרטור־קעט שטענדיק, ווי, לעהאַוודל, א מענטש, וואָס שלעפּט אויף זיך געוויינטלעך, פֿאַרטיפֿט אין א מין מאַכשאָווע, און זײַן דאַרף די מאַכשאָווע א פֿראַסטע: „האַ, אָט דאָס האָב איך שוין אוועק־געטראָגן, געבראַכט, איצט וועל איך נעמען אָט יענץ, דערנאָך — אָט־אָ יענץ, נאָך ווײַט ביז נאַכט, נאָר מיילע, די נאַכט וועט אויך קו־מען”. אָט אַזוי.

נאָר וואָס זשע, דער באַלעבאָס, צו וועמען דאָס אייזל און די שקאַפֿע האָבן געהערט, האָט מער געזשאַלעוועט די שקאַפֿקע און ווייניקער דאָס אייזל. אַלעמאָל פֿלעגט ער לייגן אויף דעם מער מאַסע, ווי אויף דער שקאַפֿע. אָפּטער האָט אַפּילע פּאַסירט: דער באַלעבאָס פֿאַרט זיך מײַ־סע־גאַדל אויף דער שקאַפֿע, און דאָס אייזל שלעפּט זיך נאָך הינטן — געווען אויף דעם פֿאַל

א לאנגע ווישקע באם באלעבאָס — הינטן, מיט דער מאסע. עסן פלעגט דער באלעבאָס אויך אונטערוואַרפֿן בעסערס א ביסל דער קאַרער זײַנער. שײַער צו זאָגן, די שקאַפּע האָט, לויט פערד נאָך, געהאַט ניט קיין שלעכט לעבן, און דאָס אייזל האָט, אפילע לויט אייזלען נאָך, געהאַט גאַנץ א ביטערע אויסקומעניש.

עס איז געקומען א טאָג — דער באלעבאָס האָט זיך אונטערגענומען אַריבערוואַרפֿן עפּעס א רעכטע מאסע איבער א קריאַזש, צווישן בערג. צוערשטנס האָט ער דאַפֿקע אָנגעלאָדן ביידע, די שקאַפּע און דאָס אייזל, אלציינס, געהאַט זיך זײַנע אויסזיכטן דערבײַ. וואָס ווײַטער אָבער מע איז געגאַנגען, איז אַלץ מער אוועק א ווײַסטעניש, און די זון ברענט. די שקאַפּע האָט גענומען זיך אָפּשטעלן, הירזשען, ס׳קאָן הייסן, אַז זי כײַנדלט זיך פֿאַרן באלעבאָס, אַז זי בעט ראַכמים, ס׳איז איר מלאָסנע. זי איז צו אַזאַ האַרבקײַט ניט געוווינט. האָט דער באלעבאָס פֿאַמעלעכן אַריבערגעלייגט איין שווער פּעקל, א צווייטס פֿון דער שקאַפּעס רוקן אָפֿן אייזלס. דאָס אייזל קוקט בייז, פֿאַרמאַטערט, דער זיבעטער שווייס באַשלאָגט עס, נאָר עס שפּאַנט, און די שקאַפּע שפּאַנט אויך, די זײַטן זײַנען בא איר אפילע רעכט ניט נאַס. נאָר ווײַטער, צום העכסטן אָרט, ווו מע וועט נעמען גיין אָף אַראָפּ, איז נאָך נו, נו, לייגט דער באלעבאָס אַריבער אָפֿן אייזל נאָך א קלומעק, און שוין גאָר נאָענט צום באַרג־זאָטל — דאָס לעצטע פּעקל. נישקאָשע, קלערט ער, דאָס אייזל שלעפּט.

ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן — מע האָט זיך אַריבערגעשלעפּט, גענומען זיך אַראָפּלאָזן אָף יענער זײַט באַרג, און פּלוצעם איז דאָס אייזל געבליבן שטיין, א וואַקל זיך געטאָן, באַץ — עס איז אוועקגעפֿאַלן. געפֿאַלן און ניט אופֿגעשטאַנען. די בײַטש האָט עס שוין געהערט פֿאַר א דרײַער.

איז וואָס זשע ווײַטער? פֿאַרשטייסט מיסטאָמע. דער באלעבאָס וועט דאָך אַליין ניט נעמען טראָגן די פּעק. נאָך דעם ערשטן באַרג זײַנען געווען עטלעכע קלענערע, האָט ער די גאַנצע מאסע איבערגעגרוזעוועט אָף דער שקאַפּע, און די נאַסע פּעל פֿונעם אייזל — א פּעל וועט דער באלעבאָס איבערלאָזן? — די פּעל האָט ער אויך אָנגעלאָדן אָף דער שקאַפּע. אָט אַזוי, די דורכגעשווייסיקטע פּעל אויך.

טראַכטסט, יאָ? דאָס קאָן גאָר זײַן א מענטשלעכע פּאָר, און דער באלעבאָס — איז דאָס לעבן.

דעם פּוילנס כעזשבן

דער פּוילער מאַכט דיר א כעזשבן פֿון א וואָך:

— איך בין געזעסן זונטיק, און געטראַכט מאָנטיק, אַז כ׳וועל פֿאַרן דינסטיק, איך טו א קוק מיטוואָך, ס׳איז שוין מאָרגן דאָנערשטיק. וואָס זשע וועל איך פֿאָרן פֿרײַטיק, אַז ס׳איז ערעוו שאַבעס?..

ווער וועמען האַלט

איינער שרײַט:

— טאַטע, כ׳האָב געכאַפּט א שעד!

— לאָז אים אָפּ, וואָס טויג ער דיר!

— ע, מיך האַלט ער גאָר, ער האַלט מיך דאָך!

אָט אַזוי: האָסט געפּאַקט א שעד, און ער האַלט דיך. האָסט א כאַלאַס, א גוסט, איצט הייסט עס — טאַלאַנט, און דאָס זײַנען די פּאַסטראַמקעס, די ווישקעס פֿונעם וואָגן, וואָס דו שלעפּסט, ס׳איז דאָס בײַטשל, וואָס שמײַסט דיך אונטער... כ׳ווייס, און עפּשער איז עס בעסער, ווי גיין מיט ליידיקן?

דער כאַכעם און דער נאַר

מיסטאָמע האָסטו געהערט אַזוינס: א נאַר, אַז ער רעדט לאַנג, זאָגט ער אַמאָל עפּעס קלוגס אויך, און א קלוגער, אַז ער רעדט א סאַך, זאָגט ער א נאַרישקײַט. פֿאַרוואָס זשע? ווייל מענטשן האַלטן, הערסט, אַז בא אַלעמען איז כאָכמע און נאַרישקײַט אַלציינס. ס׳נאָר וואָס בא א קלוגן ליגט די כאָכמע פֿון אויבן, און די נאַרישקײַט פֿון אונטן, און בא א נאַר — פֿאַרקערט. איז א נאַר, אַז ער רעדט און רעדט, טשערפּעט ער אויס דאָס נאַרישע און קומט צו צו דער כאָכמע, און בא א קלוגן אויך אַזוי — אויסגעשעפּט די כאָכמע און דערקליבן זיך צום נאַרישן...

פֿונדעסטוועגן, קלער איך, מיינט מען א כאַכעם, ווען מע זאָגט: ריידן איז זילבער און שווײַגן איז גאָלד.

אָן אָפּענע שטוב

און אַזאַ האָסטו אין ליובאַר געקענט, גערעדנקסט אַזאַ — סימכע טראַגגניס? א זייגערמאַכער — גאָר א גוטער, און א גאָלדשמיד — לויט נאָך ליובאַר נאָך. א פֿינגערל, אָן א שטיינדל, מיט א שטיינדל, וועט ער מאַכן, אויריגלעך, א בראָשקע — פֿאַריכטן. איז הער, ווי ס׳האָט מיט אים דער סאָטן זיך א שפּיל געטאָן.

ס׳איז אפילע ניט גאָר קיין נײַס אזוינס, ווי ס׳איז מיט יענעם סימכען פאָרגעקומען. עס געשעט אויך איצט צווישן מענטשן, מע זאָל ניט געפרווּוט ווערן. טאקע דערפאר דערצייל איך דאָס.

געוועזן איז בא דעם דאָזיקן סימכע טראָגאַניס אַן אָפענע שטוב. ס׳הייסט — אַן אָפענע? אין פרונט, באם שאָסיי, צוויי־דרײַ טרעפּלעך צום גאנעקל, — הייב זיך אוף און ביסט אין שטוב. נאָר עפּעס סטאם אזוי, ווער עס וויל? יאָ, אין א שאבעס, א יאָמטעוו־טאָג — ווער עס וויל, קומסט אַרײַן, ביסטו דאָ, מע וועט דיך ניט פרעגן, וואָס דארפסטו. אז שטענדיק האָבן זיך דאָרט געקופּטשעט מענטשן, באקאנטע, קאָן אַרײַנקומען איינער, צי עטלעכע קאָנען אַרײַנקומען סטאם אזוי אויך, הערן א וואָרט, אויסרעדן א וואָרט. קיבעד? קיין גרויסן קיבעד דאַרף מען ניט — א קלייניקײַט, א סיפּאָנדל זעלצערוואסער אפן טיש, א טעלערל איריסקעס, וואָס באטרעפט עס? בייס א יאָמטעוו, פּאר א שמעלערן געזעמל, טאקע גוטעפּרײַנט, קיין קרויווים אלס אזעלכע האָט מען הי ניט געהאט, די טראָגאַניסעס, מע איז אָנגעפּאָרענע, נאָר פּאר פּרײַנט האָט מען געשטעלט גאָר וואזשנעם קיבעד — א זאטן ווארמעס, א שיינע וועטשערע מיט פלאָדן, מיט ווישניק, מיט טיי...

יאָ, דאָס מיין איך טאקע — דאָס שמעלערע געזעמל. געוועזן איז מען, ווי אף א פּאָדבאָר, אָנגעפּאָרענע, און אזעלכע, וואָס האלטן זיך פּאר פּײַנע לײַט, ס׳הייסט, אָן וועלכע דאָס אָרט, ווו מע איז, קאָן שיר ניט זיך באגיין. מיילע, אזוינס פארגינען זיך מענטשן אמאָל — טראכטן, אז מע איז טע־טע־טע. סימכע אליין איז עפּשער געוועזן ניט גאָר אזא. נא, זאָלסט זיך אים אינגאנצן פאָרשטעלן, צי דערמאָנען זיך אין אים: הויך, שטאלטנע און ברייטלעך, שוין טאקע אין די יאָרן, א ליכטיק, אָפּן, באדאכט פּאָנעם, אויגן — פול מיט כאָכמע, נאָר פּראָסטע, מענטשלעכע, גאָרנישט קיין איבערגעשפּיצטס, און — גוטסקײַט. מיט יעדן איז ער ליב, צו יעדערן אופמערקזאם, מיט קאָוועד. אָט אזא. און דאָס ווײַב — זי וועל איך ניט נעמען באמאָלן — לויט אים נאָך, א גוטע נעשאָמע. שיין? דאָ שפּילט עס קיין ראָליע ניט, שיין אויך. א שטילע פּאָר, די קינדער, קיין סאך האָט מען, דאכט זיך, ניט געהאט, זײַנען זיך צעפּאָרן, לערנען מיסטאמע. און די, וואָס האלטן זיך פּאר זייער, די טראָגאַניסעס, ענגסטן געזעמל — א בוכהאלטער פון דער גרויסער מיל, דאָס איז שוין א פּאָלאָזשעניע, און די איבעריקע — אויך אזעלכע אַן ערעך, סײַ אָנגעשטעלטע, סײַ פון באלמעלאָכישן שטאנד. און צומיינסטנס, ווי כ׳האָב געזאָגט, אָנגעפּאָרענע, מע איז, הייסט עס, א מישפּאָכע, וואָס גאָט אליין האָט צונויפגעשארט אין א קופּקעלע. און פריילעך איז בא סימכען אין שטוב, זינגט מען דאָרט אלע אינײנעם — הערט דאָס שטעטל, טאנצט מען — ווייסט דאָס שטעטל, און רעדט מען וועגן עפּעס — כאזערט דאָס אף מאָרגן איבער דאָס שטעטל, ווי זשע, בא טראָגאַניסן רעדט מען ניט וועגן גאָר וואָכעדיקן, ס׳ניט קײַ און שפּײַ...

נו, איז וואָס זשע ווײַטער? ווײַטער איז אונטערגעפאלן א ביטערקײַט, טאקע גאָר־גאָר ביטערס. א בילבל, אף סימכע טראָגאַניסן א שווערער בילבל. כ׳וועל דאָ ניט אויסדערציילן, וואָס און ווי׳אזוי — א זייגערמאכער, דאָס איז נאָך ניט גאָר, אָבער — א גאָלדשמיד. טאקע עפּעס מיט גאָלד. ער טײַנעט — ניט שולדיק, ער ווייסט פון גאָרניט, נאָר דערווײַל האָט מען אים אף עטלעכע טעג אוועקגעזעצט הינטער גראטעס, דערנאָך גענומען בא אים א כסימע, אז ער וועט זיך אין ערגעץ ניט אָפּטראָגן. ווי עס פירט זיך. נאָר וואָס זשע — דאָס געזעמל, די שטענדיקע אַרײַנגייער זײַנע, די קאָמפּאניע, זיי האָבן די ערשטע געגלייבט — שולדיק, אז עס שמעקט, הייסט עס, מיט טשאד, ברענט, און מע האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון סימכען, פון זײַן ווײַב, פון זײַן שטוב, מע קען זיך גאָרניט, מע ווייסט זיך ניט.

שענער אפילע. ס׳האָט פּונקט פּאר דעם אומגליק, דעם בילבל, געדארפט פּאָרקומען בא סימכען א סימכע, מע האָט זיך דאָך אופגעפירט ווי אין די גרויסע שטעט, געיאָמטעוועט א געבורטסטאָג, אַן אנדער טאָג, וואָס געדענקט זיך, האָט מען שוין אים, די קאָמפּאניע, געהאט אפילע צוגעגרייט א מאטאָנע, וואָס אלע האָבן אף דעם געגעבן געלט, געמאכט א סקלאדטשינע. די מאטאָנע האָט מען אים אָפּגעשיקט אין יענעם טאָג מיט א געדונגענעם מענטשן, אליין די נאָז ניט גערוקט, און ער האָט גאנץ פּײַן אָפּגעשיקט די מאטאָנע צוריק, באצאָלט דעם שאָלי׳עך פּארן צווייטן גאנג. מע ווייסט אויך אזוינס: עמעץ פון די דאָזיקע דאַרף צורעכטמאכן א זייגער, איז סטאם אַן ערגערן באלמעלאָכע גיט מען עס ניט, נאָר מע טראָגט עס ניט צו סימכען — מע שיקט עס מיט א באלעגאָלע, צי מיט עמעצן, וואָס פּאָרט פּונקט ערגעץ, ער זאָל עס דאָרט, אין יענער שטאָט, איבערגעבן אין רעכטע הענט. און אזוי א צעבראָכן שטיקל צירונג אויך.

נו? מיינסטו, אלע האָבן זיך טאקע אָפּגעקערעוועט פון סימכען, פון זײַן שטוב? ניין, דער קאצעוו האָט, לעמאָשל, אופגעהערט צורייגן זײַן ווײַב א ביין צו דער האלבער אָקע פליש, וואָס זי האָט גענומען, — אמאָל פלעגט מען נעמען מער; דער שוסטער, צו וועלכן די טראָגאַניסעס האָבן געמוזט אַרײַנטראָגן עפּעס

פאַריכטן, האָט עס געטאָן טייקעף, שטיל, שאַ, גאָרנישט ניט געפרעגט, נאָר ווען ער פלעגט שוין אומקערן דעם רעמאָנט, האָבן ער, דער שוסטער, און זײַן ווײַב גוט צוגעווינטשעוועט: „אַלדאָס בייזע זאָל צערינען, ווי אַ מוטנע פליוך אין טײַך, מע זאָל פון קיין נאַפּאַסט ניט וויסן". דער רויפע, — מע מוז דאָך אַמאָל גיין צו אַ רויפע אויך, צי רופן אים אַהיים — דער דאָקטער האָט צוגעווינטשעוועט דאָס זעלבע און ניט דערלאָזט, מע זאָל אים גוט באַצאָלן פאַרן וויזיט — נישקאָשע, עס האָט זיך באַ אים אָפּגעזוכט אַ שטיקל אַרבעט צו ברענגען. און סטאַם מענטשן אין גאַס, ס׳קאָן הייסן פרעמדע, אַף וויפל מע קאָן אין שטעטל ביכלאַל זײַן פרעמד, און נאָך אַ זייגערמאַכער, אַ גאָלדשמיד, נאָר סטאַם, וואָס סימכע האָט זיך מיט זיי קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט, אָט אַזעלכע אייניקע האָבן אים געטראָגן דעם גוטמאָרגן, דעם גוט־העלף אַנטקעגן, מיט אַ גוטן קוק באַגעגנט אים, מיט אַ מילדן קוק באַגלייט.

אַלץ. דער בילבל? ער האָט געפּלאַצט, ווי אַ בלאָטער. מע האָט אין אַ צײַט אַרום איבערגעבעטן סימכע טראַגניסעס קאָוועד. נאָר וואָס זשע — די אַמאָליקע קאָמפּאַניע זײַנע איז געבליבן אָנגעדראָדלט. אָנגעדראָדלט סײַ ווײַל, ס׳באַקומט זיך, מע האָט אַ טאָעס געהאַט אין סימכען, דאָס שלעכטס האָט אים געמיטן, און אָנגעדראָדלט, ווײַל מע האָט זיך דאָך געדאַרפט מוידע זײַן, אַז ער איז געבליבן ער, און זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר קלענער.

אין סימכעס שטוב איז שוין אַלעמאָל געווען שטיל, מע האָט זיך ווי פאַרקלערט דאָרט, אין שטוב. מענטשן פלעגן אַרײַנקומען, אַפילע אָפטלעך, נאָר אָט־אָ יענע, די שטילע, וואָס האָבן בייס דער צאָרע גערעדט צו אים מער מיט די אויגן.

און סימכע האָט געשאַפן זײַנס אַ ווערטל, וואָס מע פלעגט עס איבערכאַזערן אין ליובאַר:

— אַ שטוב דאַרף האָבן אַ גאָלדן זיפּעלע באַ דער שוועל, שטעלסטו עס אַליין ניט אַוועק, שטעלט עס אַוועק די צײַט.

ד ע ר ט ו י ע ר ־ ה ו נ ט

מע דערציילט אַ סאַך וועגן שלוימע האַמעלעך. איך האָב וועגן דעם, ווי עס האָט באַ אים פּאַסירט מיט אַ הונט, דיר קיינמאָל ניט דערציילט, ניין?

ער האָט זיך דאָך ליב געהאַט איבערטאָן, שלוימע, פאַר אַ געוויינלעכן מענטשן, אַפילע גאָר אָן אָרעמען, פאַרשטעלן זיך אַזוי און זען, צי וועט מען אויך ווײַטער שאַצן זײַן כאָכמע, זײַן פײַנקײַט, די שיינקײַט זײַנע. מע זאָגט, ער איז געווען אַזאַ, וואָס פינקלט, ווי גאָלד — גאָלד ווערסטו דאָך אומעטום דערקענען... יאָ, האָט ער זיך איינמאָל ווידער אַזוי איבערגעטאָן, צי דאָס איז געווען בייס יענעם איינציקן מאָל, ווען ער האָט זיך עס פאַרגינט טאָן און גוט געמוזט שרײַען דערנאָך: „אַני שלוימע" — איך בין שלוימע האַמעלעך, ווײַל קיינער האָט אים ניט דערקענט, מע האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון אים, ווי פון אַ מעשוגענעם.

גייט ער אַזוי איבער דער גאַס און האָט אָנגעבראָדיעט אַף אַ מאַרק, ווײַל אויסגעהונגערט האָט ער זיך שוין מיסטאַמע, און אַ הונגעריקן ציט אין מאַרק, צו די שטעלעכלעך און קלייטן. ער גייט פאַרבײַ די יאַטקעס, ניין, ער שרײַט שוין ניט, ער קוקט, נאָר די הינט, די יאַטקע־הינט, פאַרשטייען אַ קוק אויך, ער קאָן וועלן אָפּשלעפּן אַ שטיקל פלייש — מע האָט זיך אָנגעוואָרפן אַף אים. שטייט ער, און ס׳איז אים ביטער, און כאָטש ער קאָן רעדן מיט באַלעכאַיִם, איז וואָס וועט ער זיי זאָגן, די הינט, אַז מענטשן פאַרשטייען אים ניט.

נאָר דאָ גיט ער אַ ציטער אײַנגאַנצן: צווישן די יאַטקע־הינט איז דאָ אויך איינער אַ הויכער, אַ ראַבער, אַ לאָכמאַטער, און מע זעט — אַ יוירעד, אויסגעדאַרט, אויסגעלינעט, ער האַווקעט אויך, דער ראַבער, און נאָך אַ מין האַווקען, אַ מין שטשירען די ציין, און שפּרינגט אַלעמאָל צו נעענטער פון אַלע. און ס׳איז אַ באַקאַנטער הונט — זײַנעם, שלוימע האַמעלעכס, אַ טויער־שוימערס הונט, עפּשער האָט יענער אַרויסגעטריבן אים, ווײַל ער איז אַלט געוואָרן, דער קעלעוו, צי עפּשער האָט מען דעם טויער־וועכטער איבער עפּעס אָפּגעזאָגט — שלוימע האָט עס געקאָנט וויסן אַזוינס? נאָר דער הונט איז דאָ, און וואַרפט זיך אַף אים מיט אַלע, אַפילע, ווי איך זאָג, מער ווי אַלע. און שלוימע האַמעלעך האָט אים אַמאָל ליב געהאַט, דעם דאָזיקן, ער פלעגט אים אַרויסשיקן עפּעס פון טיש, צי געבן אַ רענדל דעם באַלעבאָס און אָנזאָגן דערבײַ: ווערסט דעם פּאַטלאַטן, אַ פײַנער הונט באַ דיר, אויך עפּעס קויפן געשמאַקס. ער האָט דאָך געוווּסט, שלוימע, זײַן לאָשן פאַרשטייען הינט אויך, האָט ער עס עפּשער איבערגעכאַזערט אַזוי, אַז דער הונט זאָל וויסן, וואָס ער באַפעלט. נאָר ווי דאָס זאָל ניט זײַן, האָט ער דאָ, אין מאַרק, אַ באַהאַווקעטער, אויסגעשריגן אַף יענעם באַזונדערן לאָשן, וואָס הינט פאַרשטייען:

— גוואַלד, אויך דו דערקענסט מיך ניט?

ענטפערט אים דער הונט, האַווקענדיק — אָפּגעשפּרונגען אַ ביסל אין אַ זײַט מיט אַן אונטערגעבויגענעם עק און ענטפערט:

— איך זע, ווער דו ביסט, איך דערקען דיך, נאָר זיי ווילן דאָך מיך דערנאָך צו קיין ביין ניט צולאָזן, די אלע!

נאָר דאָס איז איין סאָף, וואָס ווערט דער־ציילט. ס'איז דאָ אַן אנדער סאָף. מע האָט דעם הונט טאקע אין ערגעץ ניט ארויסגעטריבן, ער איז, ווי שטענדיק, געווען באַם טויער. נאָר ווען שלוימע האָט זיך גוט אָנגעבידעוועט, אָנ־געשריגן, און קיינער האָט אים ניט דערקענט, האָט ער זיך אומגעקערט צו א געהיימען טירל אין דער וואנט, וואָס האָט ארומגערינגלט זײַן פּאלאַץ, קעדיי שטילערהייט ארײַן דורך דעם צוריק אין הויף און ווערן ווידער דער, ווער ער איז. נאָר פֿארבײַגיין האָט ער געמוזט דעם גלאַוונע, דעם פרונטנע טויער, און יענער הונט, דער גוט באַקאנטער הונט, האָט זיך אָף אים געוואָרפן, און דעמלט האָט עס אים שלוי־מע אָף הינטיש לאָשן געמוסערט אזוי:

— גוואַלד, דו אויך, דו דערקענסט מיך ניט?!

האָט דער הונט אים געענטפערט:

— איך דערקען דיך, איך דערשמעק דיך, נאָר דו דערווײַז מענטשן, ווער דו ביסט, זאָלן זיי דיך דערקענען. איך בין בא מײַן באַלעבאָס, דעם שוימער — זעסט, ער שטעלט מיך ניט אָף — א הונט...

גענדז

האָסט זיך אמאָל פֿארטראכט וועגן גענדז? לאָמיר טאקע זאָגן — גענדז. זיי זײַנען דאָ פון קאדמוינים און ווילן זײַן. איך מיין — ווילדע גענדז, די, וואָס זײַנען געבליבן בא זייער קע־סיידערדיקן שטאנד, און ניט קיין ווילדע — מיר ווייסן נאָך צוויי אויסקומענישן זייערע, שפּעטערדיקע, נאָר אויך שוין פון טויזנטער יאָר.

איז — ווילדע. זיי זײַנען דאָ און ווילן זײַן, מיסטאמע, ביז עס וועט זײַן אזא סיידער אָף דער ערד, אז ווען ערגעץ, אייווער־לעיאָם, הייסט עס, איז זומער, איז בא אונדז ווינטער; דאָרט זײַנען טײַכן, און אָזערעס, און פֿאר־וואקסענע אינדזלען, און וועלדער — גאָטס וועלט, און דאָ אויך אזוי, נאָר שנייען וואל־גערן זיך אָן, פֿליִען די גענדז אהין און אהער, ווען עס קומט די צײַט צו זוכן בעסערס. און די היים זייערע איז בא אונדז, דאָ. און עפּשער זײַנען פֿאראן אזעלכע, וואָס די היים זייערע איז דאָרט, ס'הייסט, זיי לייגן דאָרט אייער און כאָוועון אויס א דאָר, און פֿליִען עפּשער שוין אפילע ניט אום פון איין עק וועלט צו דער צווייטער. איך וועל ניט באַשטיין דערויף, נאָר עס לייגט זיך אָפן סייכל. פֿארשטייט זיך, דער מאשכים האָט מיט זיי צו טאָן סײַ דאָרט, סײַ דאָ, יעגער, שלעק, אזוי איז עס.

ניט דאָס מיין איך זאָגן. פון די ווילדע האָבן מיר אָפּגערעדט. היימישע גענדז, די, וואָס מע כאָוועט אין הויפן, בא סאָזשלקעס, צי מע לאָזט זיי ארויס צום טײַך און זיי גייען סטאַטעטשנע פֿארנאַכט, אין א שערענגע, מיט א שטילן גע־גרײַגער, אהיים. וועגן די דאָזיקע זאָרגט מען, מע גיט אָף זיי אכטונג, ס'הייסט, גאָר שטארק אייסעקט מען זיך ניט מיט זיי, אמאָל שטעלט מען ארויס אין א קאָרעטקע, אין א שיסל באַם שוועל עסן צי טרינקען, און אמאָל דאָס אויך ניט — די גענדז געפֿינען אליין, וואָס זיי דארפֿן, אין די בלאָטעס, צווישן די סאָווערן, אָפן דעק פון טײַך, צי גאָר אינעם גראָז אָף א לאָנקע. נאָר וואָס זשע, אז זיי לייגן אייער, די דאָזיקע, קלײַבט מען די אייער; ווינטער, ווען מע מאכט געוויינלעך מיט דער טשאַטע א טאָלק, לאָזט מען איבער א גענדזל, אמאָל א גאָנער אויך, מע זאָל אויסזיצן די אייער, מע לאָזט, אַזוי צו זאָגן, עלטערס, עס זאָל זיך פֿירן א דאָר. אָט, א דאָר... דער דאָר לאָזט זיך ניט אויס, ס'איז טאקע מישטיינסגעזאָגט, נאָר אזוי ציט זיך עס.

אָבער דאָס לעצטע, וואָס איך וויל זאָגן, — וועגן יענע גענדז, וואָס מע זעצט זיי אוועק אין שטײַג אָף צו האָדעווען, און מע פֿאר־שטייט, צוליב וואָס דאָס ווערט געטאָן. אָ, די האָבן גאָר א זאַט לעבן. א שטיק לעבן, הייסט עס, איז בא זיי א זאַטס, א באַרוטס: מע זיצט זיך, אָף א בוידעם, געוויינלעך, אין שטײַג, א גאנדז פֿילט דאָס עפּשער ניט אזוי, איינע אָדער עטלעכע זיצט מען, עס באַווײַזט זיך בא דער שטײַג וואסער אלעמאָל צו דער צײַט, און גענוג וואסער, פּראָסע, און צעווייקטע שטיקלעך ברויט — גרינגער צום שלינגען און פֿארדייען, מע נעמט אפילע אמאָל דעם פּיסק פון אזא גאנדז און מע שטאָפּט אין איר דאָס עסן — מע האָט אין זינען דעם פֿלוסטער, דעם אָבדירעך... אזא גאנדז, אויב זי לייגט אפילע אַן איי, דארף מען עס ניט. נו, איז ווער ציט דעם פֿאָדעם, און ווּ ציט ער זיך? ניין, ניט אָפן בוידעם, ניין! וואָס איז דאָ צו ברײַען?!

א שלעכטער באַלעבאָס

אונטערוועגנס האָט עס געדארפֿט פּאָרקומען. א טאטע און א זון, אנדערע זאָגן — א סויכער און זײַן מעשאָרעס זײַנען ערגעץ געפֿאָרן און אָפּגעשטעלט זיך אָף נאכט אין א קרעטשמע. ס'איז ווינטער, מע פֿילט דורך די פֿאַרקאָוועטע פֿענצטער, ביז האלב פֿארטישקעוועטע פון

דרויסן מיט שטרוי, — דער פראָסט ברענט. די הרובע, אַן אויסגעהייצטע פון אַפּדערנאַכט, האָט שוין זיך אויסגעקילט, דער ווינט פּײַפט אין קוימען, ער בלאָזט פון ערגעץ, עס טראָגט אים אום איבערן ליימענעם דיל. ס׳איז שוין ניט ווײַט צו טאָג, נאָר דערווײַל איז נאָך פינצטער.

האקלאל, עס וואַרעמט ניט זייער די אויסגעבעטע שטרוי אַף די קאַנאַפּקעס, עס וואַרעמט ניט דאָס צודעקערס. דער זון, צי דער מעשאָרעס האָט באַקומען אַוואַדע אַן ערגערן געלעגער, דרייט זיך, גענעצט, וואָרטשעט אונטער. דער טאַטע צי דער סויכער, דער באַלעבאָס שלאָפט שוין אויך ניט — ער הערט, ווי דער צווייטער דרייט זיך. מיסטאַמע, א באַלעבאָס — א טאַטע וואָלט עפּשער אַנדערש געטאָן, אַרופגעוואָרפן, צי ער וואָלט בעטן אַרופוואַרפן עפּעס אַפן זון, און ביכלאל — דאָס ווײַטערדיקע וואָלט ער עפּשער אַנדערש דורכגעפירט, געזשאַלעוועט דעם זון. און מעגלעך, ס׳אַזא טאַטע, וואָס קעדיי אָנלערנען, קאָן ער זײַן האַרב.

נאָר מיילע, ער הערט, דער עלטערער, הייסט עס, ווי דער צווייטער, דער קלענערער, זאָגט שוין עטלעכע מאָל שטיל, ווי מע זידלט זיך, בייס מע כאַפּט א קלאַפּ, עפּעס מוטשעט:

— א טרונק, הע, עס טריקנט דער גומען!.. — און באַלד: — קאַלט, אַן אומקומעניש... ווּ קאָן עס שטיין די פּאַס? אין פירהויז, נו, נו!

רופט זיך אָן דער עלטערער — דער טאַטע, צי דער באַלעבאָס:

— הער נאָר! שלאָפסט, ניין? ברענג מיר א טרונק, עס ברענט אַפן האַרצן פונעם הערינג!..

און טאַקע — יענער, דער צווייטער, — איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם געלעגער, איינס און צוויי, אַפילע ניט אַרופגעכאַפּט אַף זיך קיין איבערשטס, באַרוועס א שליאָפּע געטאָן היין און צוריק, און — נאַ, ער שטייט שוין מיט דער פולער קוואָרט אין האַנט.

זאָגט דער עלטערער — דער טאַטע צי דער באַלעבאָס:

— טרינק זיך אָן, מוטשע זיך ניט. טרינק, נאָר איינער!

יאָ, צוליב יענעם, ווער רעדט צוליב העכערס, שפּרינגט מען פון דער הויט. פאַראַן אַזעלכע. און באַלעבאָס איז מען נאָר איבער זיך, און — א שלעכטער באַלעבאָס.

ווּ איז דערעוויטש,
און ווּ זײַנען די בורטעס!..

מיינסט, מע דערציילט איבער נאָר דאָס, וואָס קלוגע מענטשן זאָגן, מע דערציילט אויך אַמאָל, וואָס נאַראָנים זאָגן.

ווּ דערעוויטש איז און ווּ די בורטעס זײַנען — ווייסטו דאָך. די בורטעס זעסטו דורכן פענצטער, נאָך דער טאַראַהאָוויצע. אײַ, ס׳איז שוין ניט ליובאר — ס׳א דאָרף צי א דאָרפישע גאַס, וואָס קומט צו צום שטעטל, — איז וואָס? און דערעוויטש איז אין צווייטן עק ליובאר. אַז מע קומט אַרויף אַפן בוידעם צו אונדז אויסהענגען נאַס גרעט, איז דורך א צעבראָכענעם טשערעפּ אין דאַך, ווען מע טוט א קוק, זעט מען פון יענער זײַט טײַך די לעוואַדע, דערנאָך די סקאַלעס, און ווײַטער זײַנען שוין די דעכער, און דער קלויסטער, און דער צווינטער פון דערעוויטש. און דאָס מילעכל באַם סאַמע טײַך, באַם סלוטש, וואָס טאַקע כאַ״ם דעם מילנערס ווײַב, פון יענעם מילעכל דעם מילנער, פייגען, „פייגע מיט די רויטע באַקן״ פלעגט מען זי רופן, און געווען איז זי ווײַט פון א כאַכאָמע, — אָט זי מיין איך... ניין, כאָלילע, גאַנץ א לײַטישע, נאָר טאַקע גאָטס קי״עלע — וואָס קאָן מען טאָן?

איז בא פייגען און בא יענעם כאַ״מען געווען א טאָכטער. איך געדענק ניט — די איינציקע צי ניט די איינציקע — א טאָכטער. האקלאל, זי האָט כאַסענע געהאַט. איז דאָך די סימכע געווען גרויס, ווײַל וועלכע עלטערן פרייען זיך ניט, ווען מע גיט אויס א קינד? נאָר פייגע, זי האָט זיך געשמאָלצן פאַר טײַנעג און איז געוואָרן א באַריידעוודיקע. ס׳הייסט, זי האָט פרי״ער אויך ניט פײַנט געהאַט רעדן, נאָר אַזוינס האָט מען גאָר פון איר ניט געהערט. און קעסיידער האָט זי געטײַנעט, שוין ניאַנטשענדיק אַפילע די אייניקלעך:

— ס׳איז דאָך א באַשערטע זאַך! איר הערט? ווּ איז דערעוויטש, און ווּ זײַנען די בורטעס, האָט מען זיך באַגעגנט, און ס׳איז געוואָרן א כאַסענע. א זיוועג פון גאָט! איר פאַרשטייט כאָטש?..

אַף דער פּריזבע

א טאָכטער, וואָס האָט ניט לאַנג כאַסענע געהאַט אין א שכייניש שטעטל, האָט זיך אומגעקערט אַהיים. אומגעקערט זיך מיט א געוויין, א קלאָגעניש: די שוויגער, ווי די שוויגער, זאָל זײַן זי איז ביטער, ווי כריין, אָבער ער, דער מאַן, דעריקערשט — ער... און זי לייגט עס אַרויס א צעטל פון קריוודעס, די יונגע. הערט די מאַמע אַלץ פון אָנהייב ביזן סאָף איין מאָל, א צווייט מאָל, און ווידער, און ווידער, אַזוי א טאָג און נאָך א טאָג, ס׳איז פּונקט אַרײַנגעפאַלן שאַבעס — ביז פאַרנאַכט, און שאַבייסענאַכטס זאָגט זי דער טאָכטער:

— וואָס איז דאָס ברײַען, דאָס אויסרעכע־נען, דאָס איבערדערציילן, וואָס עסטו זיך, קינד מײַנס, דאָס האַרץ? גיי עפּשער אַרויס אין גאַס, גיי זעץ זיך צו אַף דער פּריזבע פֿון יענער זײַט שליאַך, ווו די ווײַבער זיצן געוויינלעך אָפּ־דערנאַכט, איך קאָן הײַנט ניט גיין, כ׳דאַרף ראַשטשינען, זעץ זיך צו און שווײַג, קלאָג זיך ניט, אויב מע וועט אַפּילע עפּעס פֿרעגן, שווײַג און הער. וועט דיר עפּשער גרינגער ווערן.

איז זי אוועק, די יונגע. געטאָן, ווי די מאַמע האָט געראָטן. לאַנג איז זי דאָרט ניט געזעסן אַף דער פּריזבע, ביז די שטערן האָבן גוט אויסגעשאָטן אין הימל, נאָר אומגעקערט האָט זי זיך אַן אַנדערע — אַ צערויטלטע, די אויגן ברענען, נאָר ס׳איז שוין ניט קיין פֿאַרדראָס, קיין קאַס, ס׳איז ווי זי זאָל זיך קלײַבן ערגעץ און עס זאָל איר באַנק טאָן — לאַנג צו וואַרטן. און זי האָט טאַקע געזאָגט גלײַך בײַ דער טיר:

— הערסטו, מאַמע, מע האָט עס אויסדער־ציילט, די ווײַבער, אַף דער פּריזבע, יעדע — אירס און פֿון אירן, זע איך גאָר — מײַנער איז גאָלד, און די שוויגער — ניט ערגער, ווי בײַ לײַטן. ווייסטו, איך וועל צולויפֿן צום באַלעגאָ־לע, איבערגעבן מיט אים אַ בריוועלע פֿאַר מײַ־נעם...

— און אָט האָסטו אַ צולאָג צו דער מײַסע. מע זאָגט אַמאָל:

— ניט דער רעבע איז אַ הייליקער מענטש — זײַן ווײַב. זי דערציילט ניט, וועלכער ער איז אין דער היים.

מ א ל אָ כ י ם פ ל י ִ ע ן

מע ווייסט ניט פּינקטלעך, ווי דאָס איז גע־ווען, ס׳הייסט, וויאַזוי דאָס איז געווען פֿון סאַ־מע אָנהייב. צי אַ פֿאַרעץ האָט אין קרעטשמע, אין אכסאַניע ערגעץ באַ זיך אין די גיטער אָנגעטראָפֿן אַף אַ וואַנדערנדיקן כאָסיד, אַזאַ, וואָס קלײַבט זיך צום רעבן, נאָר ער פֿאָרט און גייט פּאַמעלעך פֿון יישעוו צו יישעוו, אַזוי וואָכנלאַנג, ווײַל ער איז שוין אַליין אויך אַ שטיקל רעבע, פּרוווט זײַן קויעך אין עפּעס פֿאַרויסזאָגן, אויסהיילן עמעצן און טאַקע ווײַזן אַ נעס. צי — אייניקע האַלטן, אַז געווען איז עס גיכער פֿון אַלץ — דעם פֿאַרעץ האָט זיך געטראָפֿן זײַנער אַ געוועזענער מעקלער, זײַ־נער אַ ייִד, וואָס האָט אים אַמאָל צוגעדינט, און מעגלעך ניט שלעכט, רעוועכדיק צוגעדינט, נאָר אַ סיכסעך צווישן ביידן האָט זיך דאָ אַרײַנגעמישט, דער ייִד האָט געקאָנט זײַן פֿון די, וואָס בייגן ניט שטאַרק אָן דעם קאָפּ, האַלטן ניט פֿון קיין קריוודע. און עפּשער אויך אַזוינס: טאַקע ווײַל ער האָט פֿאַרלוירן די פּאַרנאָסע באַם פֿאַרעץ, דער ייִד, איז ער אוועק צום רעבן, געוואָרן דאָרט אַ הויף־זיצער, פּרעסירעט ווײַבן און־קינד אַף גאָטס באַראָט. אָט אַזאַ אָן ערעך, און איז אַ לעץ, אַ לעץ געוועזן אַ ביסל פֿון שטענדיק, און נאָך מער לעץ געוואָרן באַם רעבן, אַף זײַנע שיראַיִם־קעסט, דאָרט, אין דער קאָמפּאַניע. יאָ, אָט אַזאַ גיכער פֿון אַלץ האָט זיך געטראָפֿן דעם פֿאַרעץ, און דער פֿאַרעץ האָט אים געמיינט אויסלאַכן, מיסטאָמע האָט ער שוין געהערט עפּעס וועגן יענעמס שײַנער אויסקומעניש, און אַ פֿרעג געטאָן, בייס מע האָט זיך באַגעגנט:

— וואָס זשע פּאַר אַ געשעפֿטן מאַכסטו איצט? צאַליע הייסטו, דאַכט זיך, לויט איך גע־דענק...

— צאַליע. און געשעפֿטן טרעפֿן זיך, פֿאַר־וואָס ניט.

— וועלכע? מיט וואָס פֿאַרנעמסטו זיך?

— איך וועט זיך. אַלע וואָך — עפּעס אַ גע־וועט, און כ׳ציִ פֿון דעם יאַקאָס די כאַיונע. אַ דרײַערל אַף שאַבעס האָב איך, און אויב עס באַקומט זיך ניט, אַנטלײַ איך און גיב אָפּ די קומענדיקע וואָך.

— אַזוי? אַף וואָס זשע וועטסטו זיך? — פֿרעגט דער פֿאַרעץ, און די אויגן לאַכן באַ אים, די וואָנצעס פֿאַרן אַרויף.

— אָט קאָן איך זיך מיט אײַך וועטן, פּאַני פֿאַרעץ.

— סטאַם אַזוי? וואָס זשע וועסטו מיר דער־ווײַזן?

— אַז מאַלאָכים וועלן אומפֿליִען אַרום דעם טויער פֿון אײַער פּאַלעץ.

— מאַלאָכים? ווען?

— איר וועט שוין זען. איינגיכן.

וועטן מען זיך. דער פֿאַרעץ לייגט אוועק דער־רויף ניט קיין קליינע קאָפּעקע, צאַליע, אַזוי איז אָפּגערעדט געוועזן, אַ ביסל ווייניקער. און פֿאַר־טיק.

ס׳גייט אוועק אַ טאָג, צוויי, צאַליע, זעט מען, דרייט זיך אום ניט ווײַט פֿונעם פֿאַרעצס הויף. אין הויף גייט ער ניט אַרײַן — אַזוי גייט מען עס דורך אַהין? אַ שומער, הינט. נאָר ער דרייט זיך אום פֿונוויטנס און קוקט אַפּן ווײַסן געמויערטן טויער, אַ מין אַרקע, ווו אויבן איז עפּעס באַמאָלט, ס׳באַקומט זיך אי וועלטלעך, אי קלויסטערדיק: אָן אַלטער קניט באַ אַ ריטש־קעלע צווישן שטיינער, קעמלען וואַרטן באַ דער זײַט, עטלעכע יונגע ווײַבלעך צי מוידן שטייען ניט ווײַט מיט קרוגן אין די הענט, מע איז געקומען שעפּן וואַסער, און אַרום דעם אַלטנס קאָפּ שוועבן אום מאַלאָכימלעך, קליינע און אַ ביסל גרעסערע, ווײַסע, מיט קורצע פֿליג־לעך. אָט דאָס, און צאַליע כאַפּט אַהין ווען־ניט־ווען אַ קוק, אַרויף, צו דער קאַרטינע, אָן

3*

ארומגעזוימטע מיט קלעפּערײַען, קאַרניזן. ביז— שוין אפן דריטן טאָג — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פון טויער, צוגעלייגט מיט דער זײַט א דלאָניע צו די אויגן און גענומען קוקן ארויף. דער שוימער האָט אים דאפקע א רוף געטאָן, וואָס קוקט ער, וואָס זעט ער דאָרט, נאָר צאליע האָט אים אפילע ווי ניט באלד באַמערקט, דערנאָך פארכושט, פארטיפּט א מאָך געטאָן צו אים מיט דער צווייטער האנט: — שטער ניט, שאַ! — און קוקט ווײַטער. טרײַבן איז אים ניטאָ וואָס — ס׳איז דאָך פון יענער זײַט טויער, מאלע וואָס, א מענטש קוקט אפן געמעלעכץ. נאָר עס זײַנען באלד אונטערגעקומען נאָך צוויי מענטשן — פּויערים, מע איז געגאנגען פארבײַ, געטראָגן קוישן עפּל אין מארק ארײַן. צאליע קוקט ארויף, שטעלט מען זיך אָפּ און מע קוקט אויך, מע האָט ווי בלויז איצט דערזען די גאנצע קאַרטינע, וואָס מע קען זי שוין פון ווייסעך־ווען, געוווינט געוואָרן צו איר.

— וואָס קוקסטו אהין, צאליע? — צי „טשאָלאָוויטשע", — פרעגט אייבער פון די פּויערים.

צאליע ענטפערט ניט. פרעגט שוין דער צווייטער דאָס זעלבע, ער טוט אים א טאָרע אין עלנבויגן:

— וואָס ביסטו — דול, וואָס זעסטו דאָרט?

צאליע טוט א זיפץ, בײַסט צו א ליפּ און ענטפערט אלץ ניט. עטוואָס טוט ער נאָר א שאָקל מיטן קאָפּ, ווי עס זאָל אים עפּעס אנטפלעקט זײַן און ער כידעשט זיך — ער אייבער, הייסט עס, זעט דאָס אנטפלעקטע.

ס׳שטייען שוין נאָך עטלעכע מענטשן, פּויערים, פּויערטעס. מע פרעגט איינס בא דאָס אנדערע:

— וואָס איז דאָ, וואָס קוקט מען?

שווײַגן די ערשטע צוויי, מע ווײַזט אָן אף צאליען, נאָר אזוי, אז מע ווייסט ניט — זיי גאפן, זיי זעען אויך עפּעס, צי זיי ווועלן באלד זאָגן: „טשאָרט יאָהאָ זנאיע" — דער רועך ווייסט אים.

אָבער אז נאָך עטלעכע מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און ווידער דאָס זעלבע: וואָס קומט דאָ פאָר? מע קנייטשט מיט די אקסל, אייניקע ענטפערן — מע ווייסט ניט, צאליע אָך־אָ, דאָס קוקט ער, און עמעץ טוט א שפּײַ אין א זײַט, נעמט אוועקגיין, האָט צאליע פּונקט דעמלט א קוק געטאָן אף אלעמען, וואָס האָבן זיך געקופּטשעט הינטער אים, א קוק געטאָן מיט ביטערקײַט, אנטוישטקײַט אין די אויגן, און אזוי ווי ער זאָל אלעמען אויסמוסערן, געזאָגט זייער שטיל, פּונקט ער זאָל דאָרט, אויבן, פונוואנען ער האָט אָפּגעקערעוועט די אויגן, מוירע האָבן עמעצן צעטומלען:

— די מאלאָכים, אָט דאָרט, זיי פליִען דאָך, עס צאַפּלען דאָך בא זיי די פליגל...

— וווּ? — האָבן עטלעכע מיטאמאָל זיך אָנגערופן.

מע שווײַגט, מע קוקט, און מיטאמאָל, עמעצער, שוין ניט צאליע:

— ווי גאָט איז הייליק — זיי פליִען!

— וווּ? עס ווײַזט זיך אויס!

אָבער נאָך עטלעכע:

— זיי פליִען, זיי פליִען, זעט, מענטשן!

און מענטשן קומען אונטער נאָך און נאָך, ווײַל וואָס גרעסער עס ווערט די קוטשקע ארום צאליען, אלץ מער זעט מען זי און מע וויל וויסן, וואָס איז עס פאר א צונויפקומעניש. מע הערט שוין פון אומעטום:

— א נעס! די מאלאָכים ארום דעם אלטנס קאָפּ פליִען!

— עס קאָן ניט זײַן!

— קוק, וואָס הייסט — ניין? זיי פאָכן מיט די פליגל, אָך־אָ, אָך־אָ...

עמעץ איז שוין אוועקגעלאָפן נאָכן קסיאָנדז — צום קסיאָנדז איז געווען נעענטער, און ביכלאל — דער פאָרעץ איז א קאטויל. עס האָבן שוין א באָמקע געטאָן די גלעקער אפן קאָסטיאָל־שפּיץ און צעבאָמקעט זיך אלץ מער. ווו — צאליע, מע האָט אים שוין אָפּגעשטופּט אין א זײַט, אנדערע האָבן שוין געזאָגט — דאָס האָבן זיי דערזען, מע זעט, ווי זשע! מע האָט גענומען שפּרייטן לײַוונט איבערן וועג צום סאמע טויער. דער פאָרעץ איז אויך ארויס פון זײַנע פּאָקאָיעס, מע האָט אים שוין אָנגעזאָגט די נײַס וועגן דעם נעס. אן אוילעם קוקט, אן אוילעם שטוינט. ערדטרעטעניש. די ווײַטע זעען שוין לאכלוטן גאָרניט, נאָר מע גלייבט נאָך מער, מע גלייבט די פאָרנטדיקע. עטלעכע דאָרפס־יִדן, וואָס האָבן זיך דאָרט געטראָפן, דער טומל האָט זיי אראָפּגעבראכט אהין, האָבן אויך געזאָגט דערנאָך: א נעס, א נעס, א קאַפּעטשקע, נאָר זיי זײַנען אומגעפלויגן, די מאַלאָכים, ס׳איז עפשער אין צאליעס זכוס, ער זאָל אויסשפּילן.

אפדערנאכט, ווען ס׳איז שטיל געוואָרן אפן פלאץ, די מאלאָכים האָבן, הייסט עס, זיך ווידער בארוט, איז צאליע געקומען צום פאָרעץ און געזאָגט איין וואָרט:

— נו?..

ג ע ד ע נ ק!

ס׳איז געווען, ווען מע האָט געשלאָגן פּריצים. קומט א פאָרעץ באהאלטן זיך צו א ייִשוּווניק, ס׳הייסט, צו אזא, וואָס געווייִנלעך לאָזט ער אים ניט ארויף צו זיך אפילע אף די טרעפּ און

רעדט מיט אים דורך א באדינער, נאָר אַז מע מוז זיך אויסבאהאלטן, איז דאָך ניט שײַעך... ליגט ער, דער פּאָרעץ, דאָרט, ווו ער ליגט, כ׳ווייס, אין דער מײַסע רעדט זיך אפילע, אַז ער איז געלעגן אין הרובע, נאָר לאָמיר זאָגן, אַז ס׳ניט אזוי, ער ליגט זיך ערגעץ געבויגן אינדרײַען און שווײַגט, ביז אין גאס טומלט זיך. אָבער אַז עס ווערט שטילער, דער טומל האָט זיך אריבערגעוואָרפן ווײַטער, פון יענער זײַט טײַך צי פון יענער זײַט וויהאָן, דערהערט זיך דעם פּאָרעצעס קאָל, נאָר שוין טאקע מיטן געוווינטן האָנאָר:

— סקין שאפקו, הייז! פאן דאָמאו!

הא, נעם אראָפּ דאָס היטל, געדענק, ווער עס איז דאָ בא דיר אין שטוב! מע דאַרף דאָס, מיין איך זאָגן, פריִער געדענקען, פאר דעם, ווי מע לאָזט צו זיך ארײַן א ראָשע.

דאָס לעבן דאַרף דעם אקשן

כ׳האָב שוין לאנג געוואָלט דיר עפּעס דערציילן און אלץ געטראכט — ווערסט ווערן עלטער, וועסטו עס בעסער פארשטיין. און נאָך דאַרף איך דיר זאָגן דעם עמעס — ווען עמעץ דערציילט מיר אזוינס, וואָלט איך אפילע א טראכט געטאָן: צי קאָן עס זײַן? נאָר געוועזן איז עס מיט מיר אליין, זיך גלייב איך דאָך. טאקע א כאָלעם, אָבער אלדאָס ווײַטערדיקע איז געגאנגען, ווי עס דאַרף גיין. און עפּשער איז ביכלאל קיין רײַע ניט — דער כאָלעם, די רײַע איז אין דעם, וואָס עס האָט נאָכדעם פּאסירט. וועסט שוין זען.

דײַן טאטע איז געוועזן א גוטער, געדענקסט דאָך, א מעזעג־טאָוו, נאָר — אן אקשן. דאָרט, ווו ער האָט געפילט דעם גערעכט זײַנעם, וועסטו אים שוין ניט איבערבייגן, ניט ברעכן. מיילע, דאָס, וואָס ער האָט מיט דעם דערגרייכט אין לעבן, איז אן אנדער זאך. מירן אים ניט טשעפּען. גוט, וואָס ער איז געוועזן אזא, איך וואָלט אים מיסטאמע קיין אנדערן ניט דארפן. נאָר איך שלאָג זיך אליין אראָפּ פון די רייד. הער...

אינקורצן נאָך דער כאסענע איז עס געוועזן. עפּעס האָט ער זיך געקלאָגט, דער טאטע, פון מאָל צו מאָל אף בויכקלעמען, בויכווייטעקן, האָב איך געזען, ער זאָל זײַן געהיט מיטן עסן. אויסגעוואקסן א יאָסעם, געוועזן נאוועגאד, אין בעסאראביע אפילע, און ווו ניט, געארבעט בא יענעם פון קליינוויײַז אָן. פון אזעלכע אויסגעריסענע יאָרן קאָן מען אלץ אָפּשפּאָרן. און די שמערצן גייען טאקע ניט דורך, זיי כאזערן זיך איבער אלץ אָפטער. גאָט זאָל ניט שטראָפן פאר די רייד, איך האָב אפילע א טראכט געטאָן דעמלט: נא, וויינניק, וואָס ער הינקט אף א פוס, דער טאטע, מיט דעם בין איך שוין מאסקים געוועזן. ווידער טאקע — זײַן אקשאָנעס, ער האָט א צײַט געוואָרט אף מיר. איך האָב אָנגעקוקט ווען־ניט־ווען אן אנדער כאָסן, און ער, שמילעק, האָט געוואָרט. ער פלעגט אלעמאָל אראָפּכאפּן זיך פון דאָרף, פון כיזשניק, צו אונדז קיין ליובאר, און ארײַנקומען אין שטוב, ווי א ווײַטער קאָרעוו, — איך בין אויסגעקומען פון דער מומע כאנעס צאד, דעם פעטער מוישעס, זײַן עלטערן ברודערס ווײַב. פלעגט ער ארײַנקומען מיטן שטעקל, נאָר אזא, א שײַנענדיקער, א צוכט — שיין און טשאקנדיק איז ער פון שטענדיק געוועזן, און האָט שוין געכאפּט די מינוט צו פרעגן מיך שטילערהייט: „מוניע, נו, טראכסט פון מיר?..״ און איך האָב געטראכט: „ווען ניט דאָס באמבוקאָווע שטעקל, ווען ניט דאָס הינקען...״ איז אַז איך האָב עס שוין פארבןיגן, איז אָט האָסטו: בויכשמערצן. נאָר ער איז שוין מײַנער, אייגענע צאָרעס גיט מען ניט אָפּ, מע טראָגט זיך ארום מיט זיי, ווי מיט א צעבראָכענער האנט.

יאָ, אזוי האָט זיך עס געצויגן, ביז דער טאטע האָט זיך געמוזט לייגן צו ווישניעווסקין און לאָזן זיך שנײַדן.

ווישניעווסקי האָט אָפּגעטאָן זײַנס, מיסטאמע גוט אָפּגעטאָן, ער האָט גערימט, ווישניעווסקי, נאָר וואָס קומט ארויס — דער טאטע, זאָגט ער, דאַרף עס אויסהאלטן, אנדערש גערעדט, גאָט דאַרף אים געבן יאָרן. און ער צאנקט, דער טאטע, איך זע ניט? צוערשט — מאט, גרין, דערנאָך — שווארץ, שווארץ ארום די אויגן, שווארץ דאָס פּאָנעם. קוים, וואָס ער כאפּט דעם אָטעם, און עסן — גאָרנישט. כ׳ווייס, מע נעצט אים די ליפּן מיט וואסער, און גאָר. אזוי—עטלעכע טעג. דער דאָקטער האָט שוין געזאָגט, וויפל עס דאַרף זײַן אזוי, נאָר די טעג, די שאָען, וואָס איך צי מיט די ציין, זיי זײַנען אוועק, און אלץ — ווי פריִער. ער דערקענט מיך שוין גאָר ניט שטארק, דער טאטע, ער קוקט אף מיר דורך א פארטראָגנקײַט, א שלעפערדיקײַט, און ווען — דאָס איז גאָר א פאכעד — דורך א מין הונגעריקער ניכטערקײַט, ס׳הייסט, אלץ זעט ער, נאָר קויעך האָט ער ניט אף קיין האָר, ער קאָן די האנט ניט אופהייבן, מיט א פינגער ניט קיין ריר טאָן. גאָט באהיט... ווישניעווסקי? וואָס — ווישניעווסקי? א גוטער מענטש, א גוטער דאָקטער, נאָר ער שווײַגט. ס׳הייסט, עפּעס זאָגט ער יאָ — עס דאַרף זיך אליין עפענען א געשווילעכץ אינווייניק, דאָרט, ווו ער האָט צעשניטן, אזוי פארשטיי איך אים, און עפּשער איז עס ניט דאָס, נאָר דעריקערשט — שלעכט, עס גייט ניט צו, ווי דער דאָקטער האָט אויס־

גערעכנט. און עס קומט א טאָג, ווען ער זאָגט: „וואָס זאָל איך דיך טרייסטן, טײַערע, דאָס טרייסטן איז גאָרנישט ניט ווערט״.

און מענטשן — אָט דאָס וויל איך דיר זאָגן — מענטשן לאָזן מיך ניט צורו. די מישפאָכע, עמעסע קרויווים — דאַפקע ניט אַזוי, — קיין סאַך קרויווים האָבן מיר קיינמאָל ניט געהאַט, די מומע מאַכליע מיטן מאַן, מיט זינען, דעם פעטער שײַעס מישפאָכע, נו, די כיזשניקער זײַנען דאָך ווײַט, אין דאָרף, מאָטל און שײַקע, די פעטערס דײַנע, זײַנען נאָך גאָר געווען ייִנגלעך, — איז ווער זשע, פרעמדע מענטשן, מע לאָזט מיך ניט צורו, מע שטעלט מיך אָפּ אין גאַס, קלויִמערשט נאָר, קעדיי דערוויסן זיך, וואָס מאַכט דער כוילע, און מע זאָגט — אַנדערע קומען אַפילע אַרײַן אין שטוב, שוין ווי אָף אַן עמעס געטרײַע, און מע טײַנעט שטיל אײַן מיט מיר: „דאַרפסט ניט, מוניע, בלײַבן א יונגע אַלמאָנע, קיין קינד איז ניטאָ, אַזוי האָט שוין געפירט, איז בעסער זײַן א געגעטע״. און איך ווייס, וואָס דאָס הייסט, איך ווייס אָט דעם וויסטן דין צי אָט דעם מינהעג — א ווילדן, אַוואַדע א ווילדן, נאָר וואָס קאָן איך טאָן, אַז א וועלט שטייט דערויף! נו, זאָל איך, הייסט עס, גיין צו אים, וואָס פאַכט מיט דער נעשאָמע, און אָפּגעבן אים אַזוינס: מיר זאָלן זיך געטן, ער זאָל מיר פאַר מענטשן געבן א געט, עפשער, הייסט עס, האָט דער אייבערשטער ניט געוואָלט דעם שידעך און טוט אַזוי זײַן רעכט, עפשער, ווען מיר וועלן זיך צעשיידן, וועט ער ניצל ווערן, שמילעק, ס׳וועט קומען די געולע, און אויב ס׳איז פאָרט א באַשערטע זאַך, דאַרף ער דאָך ראַכמאָנעס האָבן אָף מײַנע יונגע יאָרן...

האַקלאַל, כ׳האָב געמוזט אַוועק צו אים און ווי־עס־איז געזאָגט, ניט אַלץ, נאָר עפּעס־וואָס געזאָגט — די אונטערשטע שורע אויסגעלייגט. קוקט ער אָף מיר, שוין ווי פון דער גרוב אַליין, קוקט מיט זײַן גאַנצער אַקשאָנעס, וואָס כ׳האָב זי גוט געקענט, און ענטפערט:

— אַז כ׳וועל לעבן, מוניע, גאָט האָט צו מיר גאָרנישט, ער קאָן צו מיר גאָרנישט ניט האָבן, אַז כ׳וועל לעבן, וועל איך זײַן דײַנער, און דו — מײַנע, און אויב ניט, וועל איך דיך מיטנעמען. אָן דיר דאַרף איך גאָרנישט.

און אויס, אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ און קוקט אָף מיר ניט. א נאַכט בין איך אָפּגעזעסן לעבן אים, און ער — ער שווײַגט, ער קוקט ניט. ווי, ווען איך קאָן זיך אַוועקלייגן אָט אַזוי אָנשטאָט אים! און טײַער איז ער מיר — טאַקע מײַנער, ווי האָב איך גאָר געקאָנט קומען צו אים מיט אַזוינס, ווי האָב איך געקאָנט פאָלגן מענטשן, וואָס גייט מיר אָן אַלדאָס ווײַטערדיקע?!..

אָפּגעזעסן בא אים אַזוי א מעסלעס, און ווישניעווסקי, צי ער האָט שוין ניט געוואָלט, איך זאָל אַלץ זען, צי ער האָט זיך פאַר מיר גענומען שרעקן, איך זאָל אַזוי ניט פאַלן — ער האָט מיך אָפּגעשיקט אַהיים. גיי, זאָגט ער, טײַערע, לייג זיך צו א ביסל. און טאָרעט מיך אונטער אין פלייצע. וואָס זשע זאָל איך טאָן — גיי איך. געקומען אַהיים און א פאַל געטאָן אין בעט, אָף אַלעמען, און כ׳שלאָף. איך געדענק יאָ אַלץ צי ניט אַלץ, דאָס איקערדיקע געדענק איך — שמילעק, — און מיטאַמאָל: די מאַמע, די באָבע דײַנע, כײַע־דווירע. איך ווייס, איך געדענק: זי איז פון יענער־וועלט, נאָר זי שטייט בא דער שוועל פון אַלקערל, און מיך שרעקט עס ניט, עס כידעשט מיך ניט, איך טראַכט אַפילע — ס׳א כאָלעם, נאָר זי זאָגט, און איך הער דאָס קאָל אירס אַפּאַנעמעסן, און די אויגן אירע קוקן טרויעריק, און זיי באַפעלן, ווי זי פלעגט קאָנען:

— וואָס שלאָפסטו, מוניע? שטיי אוף, מע דאַרף ראַטעווען שמילעקן. איך האָב פאַר אים א רעפוע. גיי... — און זי רופט מיר אָן איינע א ייִדענע פון אונדזער שטעטל, אָף א ווײַטער גאַס, — גיי, בא יענער שטייט אין אויוון א האַלב טעפּעלע יויך פון א יונגן הענעכל, וואָס זי האָט אינדערפרי אָפּגעקאָכט, זאָג, זי זאָל דיר געבן די יויך, און שמילעק זאָל אויסטרינקען, וועט ער האָבן א רעפוע.

איך כאַפּ זיך אוף, איך קוק אין פענצטער — שוין נאַכט, א טאָג אָפּגעשלאָפן. איך לויף אַוועק צו יענער ייִדענע... איצט ווייס איך שוין פון נאָך אַזאַ כאָלעם, דעמלט האָב איך עס ניט געקאָנט וויסן, און אויך — וועגן א רעפוע, דעם פעטער זינע האָט זיך אַזוינס געכאָלעמט מילכאָמע־צײַט, ווען די מומע מאַכליע איז קראַנק געוואָרן מיטן האַלדז, באַזעדאָווע הייסט עס, און מע האָט איר געראַטן אָנטאָן א בײַטש רויטע בורשטינענע קאָרעלן. שלאָפט ער, דער פעטער זינע, און עס כאָלעמט זיך אים, אַז בא אַזאַ און אַזאַ אוזבעק, אָף אַזאַ און אַזאַ גאַס, אין אויסרײַסעניש, וועט ער קריגן די קאָרעלן. אַוועק אַהין, ווי נאָר ס׳האָט א בריזגע געטאָן אָף טאָג, און וואָס מיינסטו — ס׳איז דאָ אַזאַ געסל, ווי עס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אין שלאָף, א הויף מיט א שטיינערנעם פלויטל, און אַזאַ אוזבעק, ווי ער האָט געזען אין כאָלעם, און דער אוזבעק האָט קאָרעלן. מער אַפילע, דערהערט, ווי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, האָט דער אוזבעק ניט געוואָלט קיין געלט פאַר די קאָרעלן, אָפּגעגעבן זיי — זאָל זײַן א רעפוע... האַ, איז לאָמיר זאָגן, דער פעטער האָט געזען אַמאָל יענץ געסל, יענעם אוזבעק, געזען עמעצן דאָרט אין הויף מיט די קאָרעלן און ניט געוווּסט, ניט געטראַכט, וואָס ער זעט, זאָל זײַן אַזוי, און זאָל זײַן, איך האָב עפשער, א פאַר־

טיפטע אין מײַנע צאָרעס, געזען דורכגיין יענץ ווײַבל, יענע ייִדענע צום שויכעט מיטן הענעכל, צי פונעם שויכעט, ניט דאָס בין איך אויסן — א האלב טעפּעלע יויך איז טאקע געשטאנען בא א זײַט אין אָפּגעקילטן אויוון, און יענץ ווײַבל האָט עס מיר טייקעף אָפּגעגעבן. איך בין אוועק צום טאטן און דערציילט אים, ס׳קאָן הייסן, וועגן דער מאמעס ראָצן — ער זאָל אויסטרינקען די יויך. ווישניעווסקין האָב איך נאָך אַרײַנקומענדיק א פרעג געטאָן, צי מעג ער עס טרינקען, און דער דאָקטער קנייטשט מיט די אקסל: „עפּעס עסן דארף דער כוילע, אויב ער וועט דיך פאָלגן...” און איך זע, איך פארשטיי: פארלירן איז שוין ניטאָ וואָס. און דער טאטע — ער וויל אַלץ אָף מיר ניט קוקן — ער כאָרכלט:

— גיס עס אויס דורכן פענצטער, איך וויל גאָרנישט!

— אָך, אויסגיסן? איך טרעט ניט אָפּ פון דיר, וועל איך ניט אָפּטרעטן! טרינק!

ווייסט, עפּעס האָט ער דערפילט אין מײַן קאָל, און — א לעפעלע נאָך א לעפעלע — פון מײַן האנט אויסגעטרונקען אַלץ.

ווײַטער? ער איז אַרײַנגעפאלן אין א שלאָף, אן עמעסן שלאָף. און איך האָב ווי דערפילט, אז ס׳אן אנדער שלאָף, דאָס ערשטע מאָל — א רויִקער, און האָב זיצנדיקערהייט אויך זיך צוגעשפּארט מיטן אקסל, מיטן קאָפּ צו דער וואנט, אײַנגעשלאָפן. ערשט — ווישניעווסקי אין זײַן כאלאַט, און ס׳איז שוין ווידער אינדערפרי, געקומען, און גלײַך בא דער טיר — א שמייכל. פון איין קוק האָט ער דערזען, אז עפּעס איז דאָ אנדערש, צוגעגאנגען נעענטער צום בעטל, מיך ארויסגעשיקט, און אין א פּאָר מינוט ארום — ער איז שוין אין קאָרידאָר, ער נעמט מיך ארום, ער הייבט מיך אפילע אונטער א ביסעלע, און קושט מיך, גלײַך מיט די וואָנצעס אַרײַנגעפאָרן מיר אין פּאָנעם ארײַן: „מילאיא, דײַן מאן איז ווידער דאָ — פון יענערוועלט! וועסט אים נאָך האָבן קינדער!”

הא, ניט גאָר אָף לאנג אויסגעריסן זיך פונעם טויט — אָף צוועלף יאָר. און געקומען איז דער טויט זײַנער, ווייסט דאָך, ניט פון דעם, אָף וואָס ער האָט אמאָל געקרענקט, — גאָר פונעם הארצן. און דאָס גליק, דאָס עמעסע, מײַנס און זײַנס, זײַנען דו און דווירעלע. קיין אנדערס האָט ער ניט געדארפט, און איך אויך ניט — זאָל שוין אײַך אָנקומען דאָס, וואָס אונדז איז ניט אָנגעקומען. נאָר וואָס וויל איך זאָגן, איך האָב עס פון סאמע אָנהייב דערמאָנט: אין וואָס איז די רײַע? ניט אינעם כאָלעם עפּשער, נאָר אין דײַן טאטנס אקשאָנעס. ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פונעם לעבן, פון דעם, וואָס איז אים אפאנעמעסן טײַער. אויב זײַן אָף דער וועלט, האָט ער געוואָלט נאָר מיט מיר. און ווייסט, קיינמאָל האָט ער מיר ניט אויסגעוואָרפן יענץ, מיט וואָס איך בין צו אים געקומען אין דער פינצטערער שאָ, פארשטאנען — אזא איז די וועלט, נאָר ער האָט זי ניט געוואָלט פאָלגן, די וועלט. זעסט, דאָס לעבן דארף דעם אקשן.

אין שווארצן וואלד

איך ווייס ניט, עפּעס פונעם טאטנס מײַסעס געדענקסטו נאָך? אוי, האָט ער געקאָנט דערציילן מײַסעס, אויסגעשטעלט אַלץ, ווי אָף א קאָרטינע! מײַסעס און זינגען. זאָל אים נאָר כאָטש א ביסעלע גוט זײַן אפן הארצן, און אמאָל, אז ס׳א דאָסאדע — אויך דאָס זעלבע, ווי ער זאָל זוכן א טרייסט. האָט ער גענומען זינגען, שטיל, קימאט אין זיך, האָט זיך געדאכט — די ווענט זינגען מיט. שטייסט, הערסט. און האָט ער דערציילט א מײַסע, — ער איז דאָך אויסגעווען א וועלט, נו, א וועלט — בעסאראביע, פונדעסטוועגן, ווער רעדט אונדזערע קאנטן, ווו און בא וואָס האָט ער ניט געארבעט, פארבײַגעפאָרן גרויסע שטעט, צופוס אויך גענוג זיך אָנגעטיאָפּעט מיטן שטעקל, אומעטום קאָן מען דען פאָרן, — איז זײַנע מײַסעס, ביכלאל, וועגן דעם, וואָס ער האָט אליין געזען, און וואָס ער האָט געהערט... אָט אזוינס געדענקסטו ניט? ער פלעגט עס אמאָל דערציילן. ס׳קומט אויס, א מאָשל און ניט קיין מאָשל, עפּשער האָט ער אפילע זיך אליין א ביסל אין זינען געהאט, ווײַל זײַן געפּרוּווט פון די יונגע יאָרן איז ניט נאָר א פּלאָג, ס׳א מין געפינס אויך...

געלעבט האָבן א מאמע און א קינד — א ייִנגעלע קימאט בארמיצווע. א יאָר האָט דאָס באָכערל שוין אָפּגעזאָגט קאדעש נאָכן טאטן, און די מאמע צאנקט אויך — זי ליגט און ליגט. זי ליגט און וויינט קעסיידער, מיסטאמע ווייסט זי איר כעזשבן. אזוי וויינט זי שטיל, אָן א קרעכץ אפילע, און איינמאָל רופט זי זיך אָן — עפּשער האָט זי געהערט אן אייצע פון עמעצן, און עפּשער געהאלטן עס אָף לעסברייִרע:

— ווייסטו, זונע מײַנער, ס׳איז דאָ א רעפוע פאר מיר, נאָר פון יענער זײַט שווארצן וואלד, — מע האָט געלעבט בא א גרויסן, פינצטערן וואלד, — דאָרט, אָף א פּאסעקע פון אויסגעדלובעטע קלעצער, וווינט אן אלטער, וואָס טויגט זיך אויס אָף גראָזן. וועסט אים געפינען. א מענטש איז עס א גוטער, עפּשער וועט ער אפילע וועלן גיין מיט דיר אהער, נאָר צוזאָגן, אז איך וועל אים גוט באצאָלן זאָלסטו ניט — פונוואנען? און אויב ער וועט ניט גיין, איז זאָל ער געבן עפּעס אזוינס, פון צאנקעניש, ווען מע

קאָן אַף גאָרנישט ניט אָנווײַזן, אַז עס טוט ווײ, און אַלץ טוט ווײ.

אָט אַזוי האָט געזאָגט די מאַמע, און דאָס ייִנגל האָט געזען, אַז זי האָט לאַנג געקווענקלט, צי שיקן אים, לאַנג געטראַכט דאָס, און דערפילט האָט ער אויך, — אַ קינדעריש האַרץ דערפילט אַזוינס גיכער, ווי אַ דערוואַקסענעמס, — אַליין דער גאַנג זײַנער איז שוין אַ שטיקל גאָב פאַר דער רעפּוּע. נאָר וואָס זשע, די מאַמע האָט, אָפּלאָזנדיק אים, ס׳קאָן הייסן אַף קידעשהאַשעם, געדאַרפט אים עפּעס מיטגעבן אין וועג, וואָס זאָל אים שטאַרקן. וואָס? איר נעשאָמע. נאָר וואָס הייסט — מיטגעבן די נעשאָמע? האָט זי אים נאָר רעכט אָנגעזאָגט, ווי ער זאָל זיך פירן אין וואַלד, ווײַל פאַר דער ליכטיקער צײַט פון מעסלעס וועט ער אים ניט דורכגיין, ס׳וועט אויסקומען נעכטיקן.

איז אָט הער טאַקע, ווי עס איז ווײַטער געווען.

דאָס באָכערל איז זיך געגאַנגען, ביז עס איז ליכטיק געווען, — ליכטיק! אַ לאַנגער זומערדיקער טאָג, — געגאַנגען זיך דורכן וואַלד, וואָס איז, ווי ביכלאַל גאָטס וועלט, שיין, מע דאַרף זיך נאָר וועלן צוקוקן, מעכײַעדיק, עס דאַרף נאָר גלוסטן דאָס האַרץ צו דערפילן דאָס. הײַנט, טאַקע אין וואַלד, אַז ס׳איז אַרום און אַרום שטיל, גרין, די זון פליייצט מיט שטראַלן צווישן די ביימער, און פייגל זינגען, צוויטשערן, אוהורקען, — יעדע האָט זיך איר לאָשן, עפּשער דערציילט מען וועגן גאַניידן אַליין, וואָס דאָ איז ער אַף אַן עמעס, צי עפּשער פונעם גענעם, וואָס איז ערגעץ אויסערן וואַלד, צי דאָ אונטער די פיס, אונטער דער ערד, נאָר זי איז אַזוי שיין געשלאָסן?.. מיילע, דעם טאָג איז דאָס באָכערל געגאַנגען, ווי עס גייט זיך איינעם אַליין אין וואַלד. ווען־ניט־ווען האָט ער עמעצן באַגעגנט — אַן אַלטיטשקע קלײַבט פּאָזעמקעס אין אַ בערעסטענעם קוישעלע, וואָס העגנט בא איר בא דער זײַט, איז — אַ גוטמאָרגן, צי שוין אַ גוטהעלף, באַבושקע. אַ יעגער גייט מיט זײַן אָנגעשטעלטן ביקסל — אַזאַ איז בעסער אויסמײַדן, לאָזן אים דורכגיין, כ׳ווייס, ס׳קאָן נאָך הייסן, האָסט אים אָנגעשראָקן, פאַרטריבן יענץ, וואָס ער זוכט, און ביכלאַל, וואָס קאָן שוין זײַן פאַר אַ האַרץ בא אַזאַמינעם? אַ פּויער גראָבט אויס אַ פּניאָק, צי ער פירט שוין אַ פורל צעהאַקטע פּניאָקעס — מיט אים איז, ווי מע וויל: מע קאָן אים אָנקומען אַנטקעגן, און מע קאָן זיך ניט רוקן אַפן קוים אויסגעריבענעם וועג, אַן איבערגעפלאָכטענעם מיט אַרויסשפּאַרנדיקע וואָרצלען, וועסטו פאַרשפּאָרן ענטפערן, ווּהין דו גייסט, נאָך וואָס דו גייסט. ווייסט זיך דײַן גאַנג.

אַזוי — ביז נאַכט. נאָר אַז ס׳איז צוגעפאַלן נאַכט, און דער וואַלד האָט קיין סאָף ניט, ביסט ווי אין סאַמע מיט, אין סאַמע טיף פון אַ פינצטערער גרוב, האָט דאָס ייִנגל געטאָן, ווי די מאַמע האָט אים אָנגעזאָגט: אויסגעהאַקט פײַער מיט אַ קרעסילע, אָנגעצונדן דאָס ביסל מאָך, וואָס ער האָט נאָך פון באַטאָג אָנגעגרייט, צונויפגעשאַרט כוואָיע אַף דער ערד, און ווען זי האָט זיך צעפלאַקערט, האָט ער שוין אונטערגעוואָרפן אַ צווײַגל נאָך אַ צווײַגל, דערנאָך זײַנען אַוועק אַ גאַנג גרעסערע צווײַגן. דעם שײַטער, — דאָס איז אויך געווען דער מאַמעס אייצע, — האָט ער צעלייגט צופוסנס פון אַן אַלטן בוים, אַ דעמב, נאָר אַזאַ, וואָס האָט נידעריקע צווײַגן, ס׳ניט שווער זיך אַף אים אַרופכאַפּן. גאָר. אַזוי קאָן מען וואַרטן אַף טאָג.

יאָ, נאָך אַ זאַך. אַרום דעם פײַער און אַרום דעם בוים האָט דאָס ייִנגל מיט אַ שטעקל אָנגעצייכנט אַף דער ערד אַ ראָד. אַ שוואַכער צייכן, נאָר אַ צייכן, אַז דאָס זײַנען, הייסט עס, זײַנע דאַלעדאַמעס. די מאַמע האָט עס אים אָנגעזאָגט, און אָנגעזאָגט אויך, אַז וואָס עס זאָל ניט פאָרקומען אין וואַלד, ווײַט צי גאָר נאָענט, אַפילע באַם סאַמע פײַער, זאָל ער פון דער ראָד ניט אַרויס. און וואָס ער זאָל זאָגן, מיט וועלכע ווערטער זיך שיצן...

אַלץ באַוואָרנט, דאָס פײַער האַלט ער אונטער. שלאָפן שלאָפט ער ניט, דער וואַלד רוישט, ווי באַנאַכט, דער ווינט שטאַרקט זיך. עפּעס פּישטשעט, עפּעס ניאַווקעט, עפּעס הוילט — אַ כײַעלע האָט פאַרצוקט אַ פאַרשלאָפענעם פויגל, אַ כײַעלע האָט פאַרצוקט אַ כײַעלע. גאָטס וועלט, דער גענעם עפנט זיך מיסטאַמע באַנאַכט. און מיטאַמאָל — יאָ, פון דעם האָט זיך עס אָנגעהויבן: קאַלטע פײַערלעך צווישן די ביימער, ווי עמעץ זאָל וואַרפן שטיקלעך פויל האָלץ, פּאָספּאָר הייסט עס, נאָר דאָס ייִנגל האָט געוווּסט — וועלף. וועלף? האָט ער אַ שמיץ געטאָן אַהין, ווו זיי האָבן זיך צעוואָיעט, אַ האַלאָווּעשקע, און אַליין אַרוף אַפן דעמב — פאַר וועלף דאַרף מען זיך היטן. די וועלף זײַנען צוגעקומען זייער נאָענט, מע זיצט קעגן פײַער, די פּיסקעס זײַנען אָפן, אָבער ווײַטער רוקט מען זיך ניט. מע איז אַפילע ניט צוגעטראָטן צום צייכן, וואָס דאָס ייִנגל האָט געמאַכט אַף דער ערד, כאָטש ניט זיי האָט ער עס געמיינט מיטן צייכן...

די וועלף — די עמעסע וועלף — האָט פאַרטריבן דאָס טאַראַכקען פון רעדער, דאָס סקריפּען פון אַ בויד, דאָס נוקען פון אַ באַלעגאָלע.

— אָהאָ! — האָט דער באַלעגאָלע זיך צעשריגן, ווען די בויד מיט דרײַ געשפּאַנטע פערד האָט אַרויסגעטויכט פון דער פינצטערניש קעגן פײַער. — ווער איז דאָ? קום אַהער! ווייסט ניט,

ווו איז דער וועג? אראָפּגעשלאָגן זיך פון וועג, א ברענונג אף דעם!.

דאָס ייִנגל שווײַגט. איז דער באַלעגאַלע — א בערדיקער, אין א סערמיאַגע, מיט א באַשליק אפן קאָפּ — אראָפּ פון די קאָזלעס און זיך געלאָזט מיטן בײַטשל צום פײַער.

— היי, — האָט זיך ווידער דערהערט, — שלאָפסט, צי וואָס? שטיי אוף, מירן דיך צופירן, אויב דו דארפסט ערגעץ!

אָבער באַם צײַכן, וואָס מע האָט אים קוים געזען אף דער ערד, איז דער באַלעגאַלע שטיין געבליבן, ווי פאַר א וואַנט. און דאָ האָט דאָס ייִנגל זיך אָנגערופן — הויך, ווי ער זאָל וויסן די קראַפט, וואָס זײַנע ווערטער פאַרמאָגן:

— ביסט ניטאָ, ביסט ניט פון בלוט און פלייש — פאַרשווינד!

עס האָט א טרישטשע געטאָן, ווי בײַס א בליץ לאָדט זיך אויס. דער באַלעגאַלע, די פערד, די בויד — אלץ איז צערונען אין דער נאַכט. שטיל, ווי פריִער.

נאָר ניט לאַנג איז געווען שטיל. א קרעכצן האָט זיך דערהערט אין וואַלד, אַן אַלטיטשקע האָט געקרעכצט, און באַלד האָט דאָס ייִנגל זי דערזען — יענע, וואָס האָט געקליבן פאַזעמקעס.

— אוי, א פוס אויסגעגלענקען, אוי, העלף מיר, גוטער מענטש, דערקלײַבן זיך צום פײַער!

— ביסט ניטאָ, — און ווײַטער דאָס זעלבע, ווי פריִער, — פאַרשווינד!

א פײַף האָט זיך דערהערט, ווי פון א קויל, וואָס פליט אוועק.

נאָר אַז אַליין די מאַמע האָט אים גענומען רופן אין וואַלד:

— זונע, ווו ביסטו? כ'פאַרשעלט זיך דאָס געביין, וואָס כ'האָב דיך אָפּגעלאָזט! העלף מיר אריבער די ריטשקע — איך וועל זי ניט אריבערשפּאַנען!

די מאַמע. דאָס ייִנגל האָט גוט דערקענט איר קאָל. און ביכלאַל, ווי זאָגט מען אַזוינס, וואָס ער האָט ערשט געזאָגט — דער מאַמען? ער האָט געמאַכט א שפּאַן, נאָר אָפּגעשטעלט זיך באַם סאַמע צײַכן. און געזאָגט... און דאָ האָט א פלייץ געטאָן וואַסער, די ריטשקע, וואָס איז טאַקע געווען ניט ווײַט, איז ארויס פון די ברעגעס. עפּשער האָט עפּעס זי פאַרפּראַפּט — א בוים איז געפאַלן? דאָס וואַסער איז צוגעטראָטן צום פײַער, עס גייט מיט א הויכער כוואַליע. דאָ האָט שוין דאָס ייִנגל צוגעשפּאַרט זיך מיט דער פּלייצע צום דעמב, און צו אלץ, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן, צוגעגעבן דאָס לעצטע, וואָס די מאַמע האָט אָנגעזאָגט: — שמא...

דאָס וואַסער איז א פאַל געטאָן אראָפּ, אַזוי ווי א גרוב זאָל עס באַם סאַמע צײַכן אײַנשלינגען. און צווישן די ביימער האָט גענומען ווערן ליכטיקער, דער טאָג האָט זיך פּאַמעלעכן געשטעלט.

ווײַטער? צוגעשלאָגן דאָס פײַער, וואָס האָט שוין אַלצײַנס געהאַלטן באַ אויסגיין, איז דאָס ייִנגל אוועק זײַן וועג. מע קאָן פאַרשטיין, אַז די רעפּוע דער מאַמען האָט ער געבראַכט, ניט דאָס איז אויסן די מײַסע.

דער אויצער

און אַט האָסטו נאָך א מײַסע, וואָס דער טאַטע האָט ליב געהאַט.

האַקלאַל, איינמאָל אין א שטעטל האָט עס פּאַסירט. ווער האָט עס דער ערשטער דערזען? א קינד. א ייִנגל איז אַפּדערנאַכט — א רעגנדיקער אַפּדערנאַכט, א סלאַטע, ווי עס טרעפט אָסיען — געגאַנגען פון ערגעץ אַהיים, אָן א לאַמטערן געגאַנגען, געטאַפּט אין דער פינצטער די פּאַרקנס, די קלאַדקעס לעבן זיי, און מיטאָמאָל דערזען ניט ווײַט פון זיך: עפּעס בליצטשעט אף דער ערד, פײַער — ניט קיין פײַער, גאָלד — איז וואָר ווייסט, צי עס בלישטשעט אין דער נאַכט? נאָר עפּעס האָט געפינקלט, עפּשער — אָן אויצער, דימענטן?

דאָס ייִנגל האָט מיסטאָמע א געשריי געטאָן פאַר פריידן צי שרעק, געמאַכט א פּאָר טריט צו דעם, וואָס שעמערירט, עס פינקלט, עס לײַכט זיך, און יענץ האָט דאַפקע זיך גענומען קײַקלען, רוקן זיך ווײַטער, ווי, לאָמיר זאָגן, א יאַזש, א שטעכלער. עס קײַקלט זיך פּאַמעלעך, און דאָס ייִנגל גייט פּאַמעלעכקע נאָך. ער זעט, עמעץ קומט אָן אין גאַס, אין דער פינצטערניש, רופט ער, מע זאָל צוגיין, און יענע, וואָס זײַנען צוגעגאַנגען, — קלייטניקעס, א מאַן און א ווײַב, מע האָט ערשט פאַרמאַכט דאָס קלייטל, זיי זעען אויך דאָס זעלבע, הייסט עס, ס'ניט דעם ייִנגלס אויסדאַכטעניש: עפּעס ברענט מאַמעש אין דער בלאָטע, עטלעכע שפּאַן ווײַטער, נאָר עס קײַקלט זיך, עס לאָזט ניט, מע זאָל זיך צו דעם דערנעענטערן, עס טוט זיך אפילע א דריי אין א זײַט, אויב מע מאַכט עטלעכע גיכערע טריט און מע איז שוין לעבן דעם. דערנאָך קײַקלט זיך עס ווידער ניט געײַלט, און פלעמעלעך ווארפן זיך אלץ ארום דעם, איבער דעם, ווי איבער געוויינלעכן זשאַר, אָבער עס פינקלען צומיינסטנס ווײַסע און גרינלעכע פײַערלעך, און דאָס איז שוין ניט קיין זשאַר...

נו, עס האָט זיך דערנעענטערט, דאָס דאַזיקע, צו דער פּירטקע פונעם הויף, ווו די קלייטניקעס האָבן געוווינט, טוט א זאָג דער קלייטניק צום

ווייַב — זי איז אויסגעקומען נעענטער צום פלויטל:

— עפן די פירטקע, גיכער, עפשער וויל עס צו אונדז אריַין!

שטייט שוין דאָס ווייַבל בא דער פירטקע, נאָר א קאָל, ווי עמעץ זאָל דאָ זייַן א פערטער, און מע זעט אים ניט, א קאָל האָט זיך דער־הערט:

— ניין, ס'ניט אהער... איר האָט דאָך א פאָר גאָלדענע מאטבייעס אָפּגעלייגט, גאָלד צו גאָלד גייט ניט!

„גאָלד צו גאָלד גייט ניט!" — געוויינלעך זאָגט די וועלט פארקערט — געלט גייט צו געלט. נאָר וואָס ווערסטו דאָ ענטפערן, ברייַען, אז יענץ, דער אויצער, צי וואָס, קייַקלט זיך שוין ווייַטער, צו א צווייטער שטוב. און ס'איז גראָד א פייַנע שטוב, א גווירישע, מיט געמויערטע טרעפּלעך. און דער פארמעגלעכער באלעבאָס, צי ער האָט עפּעס דערזען דורכן פענצטער, צי ער איז פונקט געווען אפן גאנעק, עפּעס דער־הערט — ער האָט געגעבן א לויף אראָפּ צו דער קלאדקע און געזאָגט א פארסאָפּעטער:

— הע, ע, ס'איז מייַנס, ס'איז מייַנס, איך זע דאָך — צו מיר!

נאָר ווידער האָט זיך דערהערט דאָס קאָל פון יענעם, וואָס מע זעט אים ניט, וואָס איז ווי א שוימער, צי אזא, וואָס פירט דאָס, וואָס קייַקלט זיך:

— ניין, ווייַטער, דאָ קאָן מען שארן גאָלד מיט א לאָפּעטע!

אזא זאך!

נאָך צו עטלעכע שוועלן האָט יענץ, דאָס לייַכטנדיקע, זיך געפּרוּווט צושארן, פרונטנע הייַזער, כאָטש געוויינלעכע, און אלעמאָל איז געקומען דאָס קאָל:

— ניין, דאָ איז דאָ א צירונג־שאכטל, גע־יארשנט פון דער באָבע, דאָ איז דאָ, און דאָ איז דאָ... — עפּעס ווערטיקס ווערט אָנגערופן.

און אָט — א זייַטיק געסל, א נידעריק שטיבל, אייַנגעוואקסן אין דער ערד, ווי זאָל איך דיר זאָגן, אזוי ווי נאָר דער דאך, א קרומער, א צע־לעכערטער, זאָל צודעקן א גרוב. אלע, וואָס זייַנען נאָכגעגאנגען, ס'האָבן זיך שוין געטראָפן אין גאס ניט ווייניק מענטשן, אלע האָבן פאר־קערעוועט אין יענעם געסל, מע קוקט פאר־גאפטע, וואָס וועט ווייַטער זייַן. און וואָס מיינ־סטו, דאָס פייַער, דאָס קופקעלע זשאר, צי דאָס קופקעלע גאָלד, דימענטן — מע ווייסט ניט — טוט זיך א דריי צו דער אייַנגעזונקענער שוועל, צו די טרעפּלעך, וואָס פירן אין גרוב, און עס דערהערט זיך באלד דאָס באקאנטע קאָל — יענעמס, וואָס מע זעט אים ניט:

— דאָ איז עס! מיר זייַנען דאָ...

דאָס בלישטשענדיקע טוט שוין א טאָרע די צעטראסקעטע טיר אונטן, צי זי עפנט זיך אליין, און מע זעט פונדרויסן קוים־קוים, דורכן אייבערשטן טאפליעלע פון דעם אראָפּגעזעצטן פענצטער: ס'איז ליכטיק געוואָרן לעבן צע־קרימטן אויוון, א דורכגעברענטע פייַערקע ליגט דאָרט אף דער ערד, איז דאָס אלץ, וואָס האָט זיך געקייַקלט און געשייַנט, אריַין אין דער פייַערקע. די באלעבאָסטע, א געבראָכענע זקיי־נע, מע קען זי, איז מיט שקראבענדיקע טריט צו צו דער פייַערקע, אופגעהויבן זי און אריַינ־גערוקט אין אויוון, ניט טיף, באם סאמע פריי־פעטשיק, אזוי אז ס'איז ליכטיק געוואָרן אויך ווייַטער אין שטיבל — באם טיש, באם פענצ־טער,

— זונע, — האָט די זקיינע גענומען רופן, — האָסט געדארפט פייַער, ס'האָט דיך פארדראָסן, וואָס די ליכט האָט אויסגעברענט, שטיי אוף, שוין ניטאָ וואָס ווארטן אף טאָג, דער זשאר אין פייַערקע האָט זיך צעטליעט — טו, וואָס דו דארפסט, דערשרייַב...

און מ'האָט געזען: איר איינציקער זון, דער אלטערס, אן אויסגעיידלטער יונגערמאן, האָט זיך אופגעהויבן פון געלעגער, אופגעגאָסן זיך בעגלוואסער איבער דער שיסל, וואָס לעבן טיר, גענומען א פעדער, א גלעזערן טינטערל, פאפיר, צוגעזעצט זיך באם פריפעטשיק אף די נאסע שייַטלעך האָלץ, אוועקגעלייגט א שווערן סיי־פער אף די קני, און ווי אף א טיש גענומען שרייַבן עפּעס זייַנס.

וואָס איז דאָ שוין געווען צו קוקן לאנג — מע איז אוועק, די, וואָס זייַנען געשטאנען אין דרויסן. ערשט אינדערפרי איז מען געקומען אין יענער שטוב — עמעץ איז שוין אריַינגעקו־מען, עמעץ האָט עס שפּעטער דערציילט אין שטעטל — ער האָט, הייסט עס, געפרעגט די אלטע:

— אן אויצער האָט זיך צו אייַך נעכטן אריַינ־געקייַקלט. וואָס איז דאָרט?

— דער זשאר האָט זיך צעפלאמט אין פייַערקע, — האָט די אלטע געזאָגט, — אן אויצער? ווייסעך־וואָס! ער שלאָפט, מייַנער, געזעסן באם פריפעטשיק ביז קאיאָר. ער האָט דערשריבן א סייפער. נאָר ווער קאָן זאָגן, ווען די וועלט וועט אים דערזען, און צי וועט זי אים דערזען אמאָל?..

העשל ראַבינקאָוו

צוויי דערציילונגען

אַ גאַסט

אין איר בריוו שרייבט מיר אַדארקע:

„גאַלדעניו, גאַלובאַנקאַ... איך קלײַב זיך טאַקע אין וועג אַרײַן. איצט קאָן איך פּאַרן זיך זען מיט אײַך, מײַנע טײַערע. עמעס, דער וועג איז אַ גאַנץ לאַנגער און די קויכעס שוין ניט יענע". פריִער אויסקלײַבן זיך האָט זי ניט געקענט. צוערשט ניט געקענט איבער־לאָזן די אַרבעט אינעם קאָלווירט אָף דער מילך־פערמע. שפּעטער געדאַרפט העלפן דער טאָכטער קסאַנען אופהייבן אירע קליינע קינדער. איצט זײַנען די אייניקלעך אונטערגע־וואַקסן, און זי איז, ווי זי שרײַבט, אַ „פרײַער קאַזעק", אַ פרײַער פויגל. קאָן זי זיך לאָזן אַרויספאָרן אין דער גרויסער וועלט אָנקוקן זי.

פאַר מיר איז עס געווען אַ גרויסע פרייד.

— קינדער! — האָב איך געזאָגט. — מיר וועלן אינגיכן האָבן אַ טײַערן גאַסט. די מומע אַדארקע.

די מומע אַדארקע... מײַנע, די שנור מײַנע, קען זי נאָר פון די עטלעכע פאָטאָגראַפיעס, וואָס געפינען זיך אין שטוב. אָף איינער איז זי אין די מיטעלע יאָרן, אַ בלאָנדע, אַ דאַרע־לעכע. און אָט איז אַ צווייטע פאָטאָגראַפיע — שוין פון אַדעס. דאָ איז זי אַ באַיאַרטע, עטוואָס אַ פולבלעכע. דאָס פּאָנעם שמייכלט באַביש־מילד, גוטמוטיק, מיט ווײַסע קליינינקע אַרײַנ־געשטעלטע ציין. קאָנטיק, ס'לעבט זיך איר ניט שלעכט. לעם איר — אַ קליין יינגעלע אין אַ מאַטראָסקע, מיט בלאָנדע געקרײַזלטע הערעלעך. אַן אויסגעגאָסענער דער טאַטע זײַנער — זיאָמע!

בעשאַס מײַן האָט כאַסענע געהאַט מיט באָריסן, האָב איך איר דערציילט וועגן אונדזע־רע עטלעכע קרויווים, וואָס האָבן איבערגעלעבט די מילכאָמע, און אויך וועגן דער מומע אַדארקע, וואָס וווינט איצט אין אַדעס מיט דער טאָכטער און מיטן איידעם זיאָמע קראַוועץ. מײַן האָט דעמלט אַ הייב געטאָן אַ ברעם: „די מומע אַדארקע?" יאָ, די מומע אַדארקע! באָריס איז זיך מוידע, אַז ער געדענקט זי, ווי דורך אַ כאָלעם. אים איז דאָך געווען פיר יאָר, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען, און זיבן, ווען מיר זײַנען פון איר אוועקגעפאָרן אהער, אַפּן ווײַטן מיזרעך.

אָ, ווען ניט אַדארקע!..

...אווגוסט איין־און־פערציקסטע יאָר. די דײַטשן רוקן זיך אָף אונדזער קאַנט, ווי הייש־ריקן. פאַרבײַ אונדזער שטעטל מלינעץ טראָגן זיך דורך עשעלאָנען מיט עוואַקוירטע, און אינגיכן איז געקומען אויך אונדזער ריי צו פאַרלאָזן די היים.

אוי, אַ ביטערער, פינצטערער טאָג איז עס געווען! מײַנע בירעבידזשאַנער ליבע שכיי־נים ווייסן ניט, ווי גליקלעך זיי זײַנען, וואָס זיי איז עס ניט אויסגעקומען איבערצולעבן. דער וואָקזאַל און דער פּעראָן פון אונדזער סטאַנציע זײַנען פאַרפולט געווען מיט אַלטע לײַט, מיט פרויען און קינדער. אַ סאַך — פון די אַרומיקע שטעטלעך. אַלע האָבן מיר מיט שרעק געקוקט אָף דער מײַרעוו־זײַט הימל, וואָס איז געווען פלאַמיק רויט פון די ווײַסע

סרייפעס. צווישן די שוין היימלאָזע מענטשן זײַנען אומגעגאנגען קלאנגען איינער גרויליקער פון דעם אנדערן וועגן דעם, וואָס די דײַטשן טוען אָפ אין די פארנומענע ערטער, און מיר האָבן זיך שוין ניט געקענט דערווארטן אפן צוג, וואָס וועט אונדז ראטעווען.

שפעט אין אָוונט איז ענדלעך צוגעפאָרן א פאריאָגטער עשעלאָן מיט עוואקויִרטע. מע האָט געמאָלדן: ער גייט טייקעף אָפ — דער דײַטש איז נאָענט, און מער קיין צוגן וועלן שוין מיסטאמע ניט זײַן. אין דער אומרויִקער באנאכטיקער פינצטערניש האָט זיך אָנגעהויבן א מעהומע, א שטויסעניש, א געשריי. יעדערער האָט זיך געשטופט, וווהין ער האָט געקענט. מײַן מאַן האָט מיך מיט די קינדער ארײַנגעשטופט אין איין וואגאָן, אליין ארײַן אין א צווייטן, און דער צוג איז טייקעף אוועק מיטן פולן גאנג. איך האָב געהאָפט, אז אָפפאָרנדיק ווײַטער אַף א מער זיכערער סטאנציע, וועל איך אריבער צום מאַן אָדער ער צו אונדז. דאָס איז אָבער ניט באשערט געווען. אינמיטן דער נאכט, ווען מיר זײַנען זיצנדיק אנדרעמלט געוואָרן, האָט זיך דערהערט א גרויליקע הודערײַ, אופרײַסן און וויי־געשרייען. דאָס האָט געדויערט ניט לאנג. אז ס׳איז שטיל געוואָרן, האָבן מיר דערפילט: מיר שטייען. מע האָט אופגעעפנט די טיר פון דער טעפלושקע — אז וויי צו אונדזערע יאָרן! עטלעכע וואגאָנען שטייען אַף די רעלסן, ווי יעסוימים, אינמיטן דעם באנאכטיקן סטעפּ. ווו איז דער גאנצער לאנגער פאָיעזד? בייסן אָנפלי פון די דײַטשן האָט זיך איין וואגאָן אָנגעצונדן. דער לאָקאָמאָטיוו מיטן גרעסטן טייל וואגאָנעס האָט זיך אײַנגעגעבן אָפרײַסן פון אים און אוועק. מיר זײַנען געבליבן זיצן געפלעפטע און פארטײַעטע אין טעפלושקע. פון מאָל צו מאָל האָט זיך געלאָזט הערן א געוויין פון א קינד צי פון עטלעכע מיטאמאָל. דערפון איז געוואָרן נאָך מער איימעדיק אומהיימלעך. ס׳האָט בא אונדז דאָך געטליִעט א האָפענונג, אז אוואָסער־ניט־איז צוג וועט אונדז צונעמען. נאָר קאַיאָר האָט זיך די טיר פון אונדזער וואגאָן אומגעריכט א רוק געטאָן מיט א גרילצנדיקן סקריפּ. מיר האָבן דערזען א מענטשן אין א היטל פון אן אײַזנבאן־ארבעטער. ער האָט אונדז אָנגעזאָגט די שיינע בסורע: „דאָ זײַנען דײַטשן! פון די וואגאָנעס גייט אוועק, און וואָס גיכער!”

איך האָב אין אײַלעניש אופגעוועקט מײַן עלטער ייִנגל זעליקן, גענומען אַף די הענט דעם פיריאָריקן בערעלע, און מיר זײַנען מיט אלעמען ארויס פון דער ווארעמער טעפלושקע אין דעם אָנהייב־הארבסטיקן דרויסן. איצט האָט מען געקענט זען: ס׳איז א קליינינקער פּאָלוסטאנעק, ווו די צוגן שטעלן זיך ניט אָפ. א באגינענדיק קיל ווינטל האָט שטיל געראָשט אין די טאָפּאָליעס לעם דער איין־און־איינציקער רויטער אײַזנבאן־געבײַדע. צו מיר איז צוגעגאנגען א ייִנגל פון א יאָר פערצן־פופצן. זײַנע עלטערן זײַנען אויך, ווי מײַן מאַן, געווען אין איינעם פון יענע וואגאָנעס, וועלכע ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן דורכרײַסן זיך דורך דער שיסערײַ. ער איז געבליבן איינער אליין און האָט זיך געהאלטן פעסט, ווי א מאנצבל.

— מומע, — האָט ער זיך צו מיר געווענדט, — מע קאָן גיין מיט אײַך? איך וועל אײַך העלפן.

אפן הארצן איז בא מיר געווען היפּש אָנגעזאָליעט, נאָר דאָ האָט זיך מיר געוואָלט א שמייכל טאָן: העלפן. א העלפער!..

— אוואדע, — האָב איך אים געענטפערט, — וועסט גיין מיט אונדז. „נאָר וווהין גיין? — האָב איך דערשלאָגן געטראכט. — וווהין?”

אין אלע זײַטן, אַף וויפל דאָס אויג האָט פארכאפּט, האָט זיך געשפּרייט א נאקעטער גרויער סטעפּ. ווײַט־ווײַט בא די ברעגן פונעם הימל האָבן זיך ארויסגעזען קלויסטער־שפּיצן, סילאָס־טורעמס. דער אײַזנבאן־ארבעטער איז געשטאנען און אונטערגעטריבן:

— מענטשן! צעגייט זיך! פארשווינדט! צעגייט זיך פונדאנען. פארקריכט אין לעכער, מע זאָל אײַך ניט זען!

„וווהין ניט ווערן?” מענטשן פון אונדזער וואגאָן האָבן דערשראָקענע זיך גענומען פּאָנאנדערגיין — יעדער געזינד באזונדער אין פארשיידענע זײַטן, קעדיי ניט ווארפן זיך אין די אויגן, און פארשווונדן געוואָרן אין דער פארטאָגיקער טונקלעניש. איך האָב באשלאָסן גיין אין איינעם פון די דערפער, עפשער וועל איך דאָרט קריגן עפּעס עסן פאר די קינדער, קויפן אָדער אויסבײַטן אַף עפּעס און, אויב ס׳וועט זײַן מעגלעך, כאָטש אַף א שטיקל צײַט בלײַבן דאָרט, ביז איך וועל זיך ארומזען. זיאמע — אזוי האָט דאָס ייִנגל געהייסן — האָט גענומען מײַן טשעמאָדאנדל. זעליק האָט אויך געטראָגן אַף דער פּלייצע א פּעקעלע, און איך בין געגאנגען מיט בערעלען אַף די הענט. מיר האָבן געשפּאנט איבער דער סטערניע. פון אונדזערע טריט האָט זיך געהויבן א לײַכטער שטויב, וועלכער האָט ביסלעכווײַז באדעקט אונדזערע פענעמער און קליידער מיט א געדיכטלעכן שיכט. בערעלע האָט זיך אופגעכאפּט, גענומען רײַבן די אויגן און געבעטן עסן. וואָס צו געבן אים איז ניט געווען, ווײַל באם מאַן

איז אין אײַלעניש איבערגעבליבן דאָס קוישל מיט דער שפּײַז, וואָס מיר האָבן פאַרכאַפּט פון דער היים. איך האָב אים צוגעזאָגט: באַלד וועלן מיר קומען אין דאָרף, וועל איך אים גלײַך אָנקאָרמענען. ער האָט מיט פאַרשלאָפענע אייגעלעך זיך אַרומגעקוקט אַפן אומבאַקאַנטן אָרט און ביסלעכווײַז ווידער גענומען דרעמלען. איך בין געגאַנגען און פאַרומערט געטראַכט, אַז דאָס איז אונדזער לעצטער טאָג. אויב אין דאָרף זײַנען דײַטשן — זײַנען מיר פאַרפאַלן, און אין סטעפּ וועלן מיר אַלצײַנס אויסגיין פון הונגער. מיך האָט ניט אופגעהערט צו פּײַניקן דער געדאַנק וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט אונדז געטראָפן, וואָס דאַפקע אונדזער וואָגאָן איז געבליבן אין סטעפּ.

ביזן דאָרף איז געווען נאָך גאַנץ ווײַט, און אונדז איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל זיך צוזעצן אַף דער ערד, קעדיי אָפּרוען. איך האָב געקוקט מיט שרעק אַף די צוואָרפענע ווײַטע הײַזלעך מיט די סעדעלעך אַרום זיי, אַפן ווײַסן קלויסטער, וואָס האָט צווישן זיי זיך אַרויסגעהויבן, אַפן ברייטן פּלאַץ אינמיטן דאָרף. וואָס דערוואַרט אונדז דאָרט?

דאָס דאָרף האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ מאָדנער טויטער שטילקײַט. ווי עפּעס אַ גרויסער אומגליק וואָלט זיך אַף דעם אויסגעלייגט. דאָס ערשטע היפּשלעכע ווײַסע הויז אונטער רויטער טשערעפּיצע האָט זיך אַרויסגעזען פון הינטער אַ פּלויט טיף אין הויף. באַם טויער איז געשטאַנען אַ הויכער אָנגעכמורעטער מאַנצבל אין אַ שוואַרץ וועסטל און אַ גרין העמד, אַרויסגעלאָזט איבער די הויזן. ער האָט יעדן פון אונדז לויט דער ריי באַגלייט מיט אַן אָנגעשפּיצטן בליק, לענגער זיך אָפּגעשטעלט אַף זעליקס ייִדיש פּנעמל. צו אים זיך ווענדן האָב איך זיך עפּעס ניט אָנגענומען מיט קיין מוט. מיר האָבן זיך אַוועקגעשלעפּט ווײַטער, דורכגעלאָזט עטלעכע הײַזער. איך קאָן ניט דערקלערן, פאַרוואָס האָב איך אָנגעקלאַפּט ניט אין זייערע טירן, נאָר אין אַנדערע... אין איין טיר, אין אַ צווייטער, אין אַ דריטער. מע האָט מיך אומעטום — ווער מיט אַ דערשראָקן, ווער מיט אַן אָנגעכמורעט פּנעם אויסגעהערט, נאָר אין שטוב ניט אײַנגעלאָדן. איין אַלטיטשקע האָט מיר אַרויסגעטראָגן אַ היפּשן אָקרײַעץ ברויט, באַטראַכט אונדז מיט באַדויערונג:

— וווּהין גייט איר, קינדערלעך? זיי זײַנען דאָ אין דאָרף. גייט גיכער אַוועק. אָן אַף די פּאַרקנס — מעלדונגען...

אַפן טויער איז אויסגעהאַנגען געווען אַ בלויער פּאַפּיר מיט אַ מעלדונג אַף אוקראַיִניש וועגן טויט־שטראָף פאַר אויסבאַהאַלטן ייִדן און ציגײַנער. די אַלטיטשקע האָט זיך פאַרזאָרגט אומגעקוקט:

— גייט אַרויס דורך יענעם ליקל. דאָ שלײַאָנדערט אום דער פּאָליצײַ...

איך האָב צעטיילט די קינדער דער אַלטערס אָקרײַעץ. מיר אַליין איז דער ביסן ניט אײַנגעגאַנגען. דאָס ליקל, אַף וועלכן די אַלטע האָט אָנגעוויזן, איז באַשטאַנען פון געציילטע הײַזער, הינטער וועלכע עס האָבן זיך געצויגן גערטענער.

„וואָס איז שוין פאַראַן וואָס צו קלאַפּן, — האָב איך פאַריאָגט געטראַכט, — קיינער וועט אַלצײַנס ניט אַרײַנלאָזן. מענטשן האָבן מוירע פאַרן אייגענעם לעבן". איך בין געבליבן שטיין פאַרצווייפלט לעם איינעם אַ שטיבל מיט היימיש אויסגעהאַנגענע אַפן שטאַכעטניק ליימענע קריגלעך און מאַקרעטעס. אונטערן פענצטער מיטן ווײַסן פאַרהענגל האָבן אַף קײַלעכיקע בייטעלעך געגליט גרויסע פּרעכטיקע געאָרגינעס.

מע האָט אונדז, ווײַזט אויס, דערזען פון פענצטער, ווײַל אינגיכן האָט זיך אַפן געפאַרבטן גאַנעקל באַוויזן אַ פרוי פון אַ יאָר דרײַסיק — צוויי און דרײַסיק, אין אַ ציצענעם סאַראַפאַן. די האָר זײַנען באַ איר געווען רויטלעך בלאָנד און פאַרלייגט אַפן שײַטל אין אַ בייגל. אויך זי האָט זיך אומרויִק, ווי אַלע דאָ, אומגעקוקט, צי ס'איז ניטאָ קיין פרעמד אויג. דאָס געסל איז געווען פּוסט. פון די הויפן האָבן זיך געטראָגן זיסע רייכעס פון צײַטיקע עפּל און דיניעס. די פרוי האָט אונדז פרעגנדיק אָנגעקוקט. באַ מיר זײַנען די הענט פאַרשטאַרט געוואָרן פון אומטראָגן זיך מיט בערעלען. איך האָב אים אַראָפּגעשטעלט אַף דער ערד און דערציילט איר, וואָס מיט אונדז איז געשען. דערבײַ בין איך געווען זיכער, אַז אויך דאָ וועל איך באַקומען דעם זעלבן ענטפער, וואָרעם אויסבאַהאַלטן אונדז — הייסט אײַנשטעלן דאָס אייגענע לעבן. מײַן ביטערע לאַגע האָט מיר אָבער צוגעגעבן אימפּעט. אין יענער שווערער מינוט איז אין זינען באַ מיר געווען נאָר איינס: ראַטעווען די קינדער, כאָטש נאָך אַף אַ ביסל צײַט. און איך האָב געבעטן די פרוי ניט מער און ניט ווייניקער אַרײַנלאָזן אונדז צו זיך אַף עטלעכע טעג, ביז מיר וועלן געפינען ערגעץ אַן אַנדער באַהעלטעניש. זי האָט געקוקט אַף אונדז מיט אירע גרויסע אויגן פון אונטער די לאַנגע ווייִעס. אויך זי האָט פאַרהאַלטן דעם בליק אַף זעליקס פאַרשטויבט פּנעמל.

— קומט אַרײַן אין שטוב, — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט. — אין דרויסן דאַרף מען ניט שטיין.

זי האָט אונדז דורכגעלאָזט אין פּירהויז און, ווידער אומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן, אַרײַן נאָך אונדז און פאַרשפּאַרט די טיר אַף א האָקן. מיר האָבן דערזען א קיך מיט א גרויסן רוסישן ווײַס־בלוי געקאַכלטן אויוון. די באַלעבאָסטע האָט אונדז דורכגעפירט ווײַטער אין א גרויסן צימער. באַם טיש איז געזעסן א מיידעלע פון א יאָר דרײַצן צי עפּעס מער, א בלאָנדע, ווי די מוטער, נאָר א בלוי־אויגיקע.

— נו, און נאָכדעם ווו וועסטו זיך אַהינטאָן? — האָט די פּרוי אופגעהויבן אַף מיר די אויגן.

איך בין געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשוויגן. דאָס האַרץ האָט בא מיר געטיאַקעט: באַלד וועט ווידער אויסקומען אוועקשלעפּן זיך אין סטעפּ. אין א צווייט דאָרף. און דאָרט? פאַרפאַלן...

די פּרוי האָט א לענגערע ווײַלע עפּעס געטראַכט. איך האָב געוואָרט אַף א נעס, און דער נעס איז געשען. טײַערע, גאָלדענע אַדאַרקע! לאַנג לעבן זאָלסטו! אויב ס'זײַנען פאַראַן מלאָכים, איז דאָס געווען א מאַלעך! זי האָט ניט געפרעגט, ווער זײַנען מיר (דערנאָך האָט זי מיר זיך מודיע געווען, אַז זי האָט גלײַך דערזען, מיט וועמען זי האָט צו טאָן). מיט א צײַט שפּעטער האָב איך זיך געפרוווט דערוויסן, וואָס האָט אַדאַרקען געשטויסן ריזיקירן מיט איר לעבן און מיטן לעבן פון איר טעכטערל קסאַנע פאַר ווילד־פרעמדע, וועלכע זי האָט קיינמאָל ביז אַהער ניט געזען.

— די קינדער, — האָט זי מיר קורץ געענטפערט. — איך האָב אַנדערש ניט געקענט. איך וואָלט זיך פאַרשאָלטן די יאָרן, ווען איך טרײַב אײַך דעמלט אוועק!

אָט אַ־דעם, — זי האָט א ווײַז געטאָן אַף זעליקן, — דאַרף מען גלײַך באַהאַלטן, קיינער זאָל אים ניט זען. און דו אויך, וואָס ווייניקער זאָלסטו זיך ווײַזן פאַר די שכיינים, פאַר פרעמדע.

איך האָב פּאַשעט ניט געגלייבט מײַנע אויערן. „צו מײַן אומגליק האָב איך נאָך אויך גליק, — האָב איך געטראַכט. — דאַרף איך באַגעגענען א מאַלעך! ניט יעדער לײַבלעכע שוועסטער וואָלט עס געטאָן". עמעס, איך, אַז מע וויל שטאַרק, קאָן זיך אויסגעבן פאַר אַן אוקראַיִנישער „באַבע"; זיאַמע מיט בערעלען זײַנען אויך ניט שטאַרק פּאַכאָזשע אַף ייִדן. אוקראַיִניש ריידן מיר אַלע.

— גאָט זאָל דיר געבן גליק, גוטע פּרוי, — האָט זיך בא מיר אַרויסגעריסן פון האַרצן. זי האָט אומעטיק א שמייכל געטאָן:

— מיט גאָט וואָרט צו. אפשר דאַרף מען בלײַבן לעבן און איבערלעבן דאָס אַלץ.

דאָס איז געווען אַדאַרקע טשימענקאָ, אָדער, ווי די קינדער האָבן זי גענומען רופן, — „מומע אַדאַרקע". זי האָט געלעבט מיט איר טעכטערל קסאַנע. דער מאַן אירער וואַסיל טשימענקאָ, א טראַקטאָריסט, איז אין די ערשטע מילכאָמע־טעג אוועק אַפן פראָנט. אַף איינער פון די פאָטאָגראַפיעס אַף דער וואַנט אונטער אַן אויסגענייטן האַנטעך איז געהאַנגען זײַן פאָרטרעט — נאָך א גאַנץ יונגער און שיינער פּאַרובאָק, מיט קלוגע שמייכלענדיקע אויגן און מיט א טראָציקן טשוב, עטוואָס אַראָפּגעלאָזט אַפן שטערן. פון יענעם טאָג האָט זיך אין אָט דעם הויז אָנגעהויבן אַן אָנגעשפּיצט לעבן, א לעבן פון אומגיין אַף די שפּיץ פינגער, פון צוהערן זיך צו יעטווידער פאַרדעכטיקן שאָרך, צו יעדן טראָט און קלאַפּ אין טיר. זעליקן האָט אַדאַרקע באַהאַלטן אין א זײַטיק צימערל צום הויף — א טשולאַנטשיק אָדער א שפּײַז־לערל. מיר האָבן אים שטרענג פאַרזאָגט ניט באַווײַזן זיך אין שטוב, ווען עמעצער א פרעמ־דער וועט אַרײַנקומען. אים, דעם נײַניאָריקן ייִנגל, איז עס אַפילע צוערשט געפעלן געוואָרן, וואָס ער איז אַזא יאַכסן, וואָס נאָר ער דאַרף זײַן אין באַהעלטעניש. ער האָט עס אופגענומען ווי א שפּיל. אים איז, עמעס, לאַנגווײַליק געווען צו זיצן איינינקער אַליין גאַנצענע טעג אין דעם האַלב־פינצטערן טשולאַנטשיק, ווען די איבעריקע קינדער זײַנען אין הויף, אַפן גאָרטן. אָבער אויך צו אים איז אײַנגיכן דערגאַנגען די שטענדיקע מאָרעשכוירע, די כמאַרע, וואָס איז אַף אונדז אַלעמען געלעגן, און ער האָט זיך שטיל פאַרשטעקט אין זײַן באַהעלטעניש, זעלטן־ווען באַווײַזנדיק זיך אין די צימערן.

אָנגעטאָן, ווי אַן אָרעמע פּויערטע, אין וואַסילס אַלטע שטיוול, וואָס אַדאַרקע האָט אַראָפּ־גענומען פון בוידעם, אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטער שוואַרצער פּאַטשיילקע, אַראָפּגערוקט ניי־דעריק אַפן שטערן, האָב איך זיך געסטאַרעט ניט ווײַזן אין דאָרף. די קאָלווירטניקעס האָט דער סטאַראָסטע געטריבן אַף אַרבעט אין פעלד. געגאַנגען אַהין איז זי, אַדאַרקע, און איך בין געבליבן אין דער היים באַלעבאָטעווען, אַרבעטן אַפן גאָרטן, וואָס איז דעמלט געווען

דער איינציקער שפּײַזער פֿון אונדזער היפּשן געזינדל. איך פֿאַר אַדאַרקען האָט דאָרט געקלעקט אַרבעט, קומענדיק פֿון פֿעלד.

אין דאָרף זײַנען קיין סוידעס ניטאָ. אינגיכן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז בײַ אַדאַרקע שטשימענקאָ האַלט זיך אויף עפּעס אַ פּרעמדע פּרוי מיט קינדער. ס'האָט זיך אויך געפֿונען אַזאַ, וואָס האָט געמאָסערט, אַז ס'זײַנען ייִדן. אַדאַרקע האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, ווער עס האָט געמאָסערט. דאָס איז געווען אַן אַלטיטשקער, אַ גאָטספּאַרכטיק פּויערל, וואָס פֿלעגט שטענדיק אַרומגיין אין אַ זויבער ווײַס העמד, געקוקט אויף דער וועלט מיט אַ מילד שמײַכעלע אין די קלײנינקע גוטע אײגעלעך און אַלץ גערעדט מיט ווערטער פֿון די הײליקע ביכער.

אין אײנעם אַ שײנעם טאָג זײַנען טאַקע צו אַדאַרקען אַראָפּגעקומען „געסט". ס'איז פּשוט אַ גליק געווען, וואָס זעליק האָט דערהערט דאָס טופּען פֿון עטלעכע פּאָר שטיוול אויפֿן גאַנעק און זיך גלײַך פֿאַרשטעקט אין זײַן טשולאַנטשיק. קסאַנע מיט זיאַמען זײַנען געזעסן בײַם טיש און בײדע אַרײַנגעקוקט אין עפּעס אַ ביכל, בערעלע האָט זיך געשפּילט אויפֿן דיל מיט אַ הויפֿן טרוקענע קיקעס. מיר האָבן דערזען אַ הויכן שוואַרצן, שטאַטיש געקלײדטן מאַנצבל. נאָך אים — צוויי אין בלויע קורטקעס מיט ווײַסע אויפֿלאַגן אויף די אַרבל. בײַ מיר האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן, און איך בין געבליבן זיצן מיט אַ פּוסטן קאָפּ אָן קיין שום געדאַנק. ניין, איין געדאַנק איז יאָ געווען: ניט אַרויסווײַזן קיין צעמישונג, קיין שרעק. דער שוואַרצער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ נײַגעריקן בליק. איך בין דעמלט געווען אין די זעלבע יאָרן, וואָס אַדאַרקע, עפּשער אַ ביסל ייִנגער, נאָר מײַן אויסזען אין דעם אָפּגעבליאַקעוועטן טיכל איבערן שטערן, אין דעם אַלטן ציצענעם קלײדל און מאַנצבלשע שטיוואַלעס, האָט בײַ אים, ווײַזט אויס, ניט שטאַרק אויסגענומען. ער האָט אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערפֿרעגן בײַ מיר אין רוסיש, ווער בין איך און ווי קום איך אין אַזאַ צײַט אַהער. איך האָב אים געענטפֿערט נאָר אויף אוקראַיִניש, אַז כ'בין אַ קאַלווירטניצע. געפֿאָרן צו קרויווים. דער צוג האָט געטראָפֿן אונטער אַ באָמבירונג. קעדיי ניט שטאַרבן מיט די קינדער פֿון הונגער, פֿאַרגאַנגען אין אָט אַ־דעם דאָרף איבערוואַרטן, ביז מע וועט קאָנען פֿאָרן אַהײם. די הײם ווו? דערווײַל אויף יענער זײַט פֿראָנט. דאָקומענטן? פֿאַרלאָרן אין דער מעהומע בײסן אָנפֿלי צוזאַמען מיט אַלע זאַכן...

— נעם דײַנע בײַסטרוקעס, — האָט אײנער פֿון זײ געזאָגט, — און קום. באַלד וועלן מיר זען, ווער איר זײַט.

צו אַדאַרקען האָט ער איבערן אַקסל אַ זאָג געטאָן, זידלענדיק זיך מיט די גראָבסטע ווערטער:

— אויך דו וועסט דײַנס באַקומען.

איך האָב ניט געקאָנט אויפֿהײבן די אויגן אויף אַדאַרקען — זיך געזעגנענען מיט איר. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי דאַרף פֿאַרשילטן מײַן געבוירן, דעם טאָג, ווען זי האָט מיך אַרײַנגעלאָזט אין שטוב. איך האָב גענומען בערעלען אויף די הענט, זיאַמען האָט אײנער פֿון די פּאָליצײַען אַ נעם געטאָן פֿאַרן קאַלנער פֿונעם העמדל: „זשידעניאַ!", און מע האָט אונדז אַוועקגעפֿירט. דערמאָנענדיק זיך איצט יענע מינוט, דוכט מיר, אַז דער קאָפּ איז בײַ מיר דעמלט געווען מאָדנע ניכטער. כ'האָב דאָך געוווּסט, אַז פֿריִער אָדער שפּעטער וועט עס זײַן... ס'האָט מיר נאָר וויי געטאָן דאָס האַרץ, וואָס איבער אונדז וועט אומקומען אויך די גוטע און ליבע אַדאַרקע און צוזאַמען מיט איר אויך זעליקל!

אינעם הויז, וווּהין מע האָט אונדז געבראַכט, איז בײַ אַ ניט־געדעקטן טיש געזעסן אַ באַיאַרטער מענטש מיט אַ געלן פּליך און מיט סימאַנים פֿון גרויסע פּאָקן אויפֿן פּאָנעם — דער פֿעלדשער. אײנער פֿון די פּאָליצײַען האָט אַ לאָך געטאָן:

— טראַפּים, כאַפּ נאָר אַ קוק אויף די בײַסטרוקעס־זשידעניאַטעס, צי ניט...

מע האָט מיר געהייסן אַראָפּנעמען בײַ בערעלען די הײזלעך. דער מיטן פּליך האָט אָנגעטאָן אויף דער געפּאַקטער נאָז די ברילן און ערנסט גענומען באַטראַכטן.

— אויב לויט אָט דעם סימען — איז ניט.

מע האָט באַטראַכט אויך זיאַמען.

— דער אויך ניט.

— ווײסט זײ דער טײַוול! — האָט דער שוואַרצער געזאָגט. — באַלאַקען אַלע אויף אוקראַיִניש, ווי מיר מיט דיר, נאָר דאָס איז אויך קיין סימען ניט. זײ האָבן זיך אָנגעסאַבאַטשעט.

ער האָט, נאָך אַלץ פֿאַרשנדיק, זיך אײַנגעקוקט אין אונדזערע פּנעמער, און אָט האָט ער זיך אײַנגעבויגן צו בערעלען, וואָס איז געשטאַנען לעם מיר אָן הײזלעך:

— טי זשידעניאַ? הא, כלאָפּטשיק?

בערעלע האָט אים געשענקט איינע פון זײַנע ליבסטע שמייכעלעך:

— ני, דידוסיא. — ער האָט, צום גליק, ניט געוווּסט, וואָס דאָס באַטײַט. און דאָ איז אַדאַרקע אַרײַנגעלאָפן א צעפלאַמטע מיט אַן אַראָפּגערוקט טיכל אַף אַהינטער:

— וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו אָט דער אומגליקלעכער פרוי!? — האָט זי געשריִען. — איר זעט דען ניט, ווער זיי זײַנען? ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז זיי זײַנען ייִדן? איך וועל אים דעם קאָפּ אָפּרײַסן!

מע האָט אונדז געהאַלטן נאָך א ביסל און אָפּגעלאָזט, און אַדאַרקע האָט אונדז מיט הינטערגעסלעך און גערטנער, מיר זאָלן זיך איבעריקס ניט וואַרפן אין די אויגן, אָפּגעפירט אהיים. די פאַרוויינטע קסאַנע האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען זי האָט דערזען זיאַמען א לעבעדיקן. פאַר אָט אַ־דער צײַט האָט זי זיך מיט אים באַפרײַנדעט, צוזאַמען געאַרבעט אַפן גאָרטן, צוזאַמען געפּיטערט די קו אַפן שטיקל פעלד הינטערן הויף. זעליקל איז אַרויסגעלאָפן פון זײַן באַהעלטעניש א פאַרוויינטער און זיך אײַנגעקלאַמערט אין מיר. איך האָב זיך געוואָרפן אַדאַרקען אַפן האַלדז, און מיר האָבן זיך ביידע צעוויינט — די נערוון אונדזערע האָבן ניט אויסגעהאַלטן און מיר האָבן ביידע געמוזט אויסטרינקען קאַלטע וואַסער. זי האָט מיר דערציילט, אַז זעליקל האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן נאָך אונדז, און זי האָט אים מיט גרויסע שוועריקײַטן אײַנגעהאַלטן. דאָס האָט אונדז געראַטעוועט.

איך טראַכט: וואָס פאַר א גרויסע און דערהויבענע נעשאָמע א מענטש דאַרף האָבן, וויפל גוטסקײַט און וויפל קויעך אַף צו טאָן דאָס, וואָס אַדאַרקע האָט פאַר אונדז געטאָן אין יענער שרעקלעכער צײַט. מיט וואָס קאָן איך איר אָפּצאָלן? סײַדן מיט מײַן גרויסער ליבע צו איר אַפן גאַנצן לעבן...

די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט. גאַנצע פיר יאָר האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן בא אַדאַרקען אין שטוב, געגעסן, ווי מע זאָגט, פון איין טעלער. די גאַנצע צײַט געגאַנגען אַפן שאַרף פונעם מעסער, ניט זיכער געווען מיטן לעבן, ניט מיר, ניט זי. נאָר פאָרט איבערגעלעבט און דערלעבט. אונדזערע זײַנען געקומען. און אינגיכן האָב איך געהאַט א ידיִעה פון מײַן מאַן. ער האָט געדינט אַפן ווײַטן מיזרעך און דאָרט באַשטימט בלײַבן. און אָט שוין גאַנצע דרײַסיק יאָר וווינען מיר אין ביראָבידזשאַן. דאָ זײַנען אויסגעוואַקסן זעליק און באָריס. זיאַמע — שוין א היפּש באָכערל צום סאָף פון דער מילכאָמע, מיט א פאָר פעסטע הענט — איז מיט אונדז ניט געפאָרן, געבליבן בא אַדאַרקען. זײַנע עלטערן האָט ער ניט געפונען. שפּעטער כאַסענע געהאַט מיט אָקסאַנען, וווינט איצט אין אָדעס. איך אַליין האָב אַדאַרקען ניט געזען בא די גאַנצע דרײַסיק יאָר, נאָר פאַר מײַנע אויגן שטייט זי אַזאַ, ווי זי איז געווען אין יענעם שרעקלעכן און גליקלעכן טאָג. אָט אַ־די אַלע יאָרן האָב איך איר געשריבן לאַנגע בריוו וועגן אַלץ, וועגן יעדער וויכטיקער געשעעניש אין מײַן לעבן און אין דעם לעבן פון די קינדער — באָריסן און זעליקן. אַדאַרקע האָט ניט ווייניקער אויספירלעך אַפן דאָרפישן שטייגער געענטפערט וועגן איר און קסאַנעס לעבן (דער מאַן וואָסיל האָט זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע), וועגן זיאַמען, וועגן וואָס איז געוואָרן איר איידעם, וועגן די אייניקלעך. יעדער יאָר צוגעשיקט פעקלעך מיט זיסע אוקראַיִנישע ציבעלעס און גרויסע באַרן פון איר סעדל. זעליק און באָריס, ווי נאָר זיי זײַנען אונטערגעוואַקסן און געוואָרן פאַרדינער, האָבן זיי איר גענומען שיקן ווער א צוואַנציקער, ווער א דרײַסיקער, געזאַלצענע ווײַטמיזרעכדיקע פיש. אַדאַרקע האָט געשריבן, אַז קיין געלט זאָל מען איר ניט שיקן, נאָר די ייִנגלעך האָבן זי ניט געפאָלגט און פאָלגן זי ניט ביז אַהער.

אַזוי אַז פאַרבונדן זײַנען מיר מיט איר די גאַנצע צײַט. אָבער, צום באַדויערן, נאָר דורך בריוו, און ס׳וואָלט זיך אַזוי זען אונדזער ליבע אַדאַרקע! פאַרשטייט איר דאָך אַליין מײַן פרייד, ווען כ׳האָב באַקומען די ידיִעה, אַז זי פאָרט. מײַע און באָריס האָבן זיך גלײַך א נעם געטאָן איבערקאַלכן די צימערן און איבערפאַרבן די דילן, וואָס ס׳האָט אַרויסגערופן א כידעש בא די שכיינים.

— ניט לאַנג דאָך צו די אָקטיאַבער־יאָמטויוים געמאַכט קאַפּיטאַלן רעמאָנט!

באָריס האָט פון די קאָזלעס פריילעך אַראָפּגעשריִען צו זיי:

— מיר וואַרטן אַף א גאַסט!

מײַע האָט אינעם צווייטן צימער בעריעש אָרודוועט מיט דער באַרשט.

— אַף דער מומע אַדאַרקע, — האָט זי פון דאָרטן געשריִען.

און איך האָב געזאָגט:

— אַף א שוועסטער.

מאַריק

1

דער לעצטער לימעד אין זיבעטן קלאַס „ב" האָט געזאָלט זײַן געזאַנג, נאָר דער לערער איז ניט געקומען. מאַריק איז געווען זייער צופרידן: אַ געפֿונענע שאָ! זינג דאָרט מיט די מיידלעך! ער האָט געגומען דעם פּאָרטפֿעל און זיך געלאָזט אהיים, נאָר אײנעם סקווערל בא דער נײַער אַפּטייק האָט אים אָנגעיאָגט זײַן כאַווער ליאָניע בריק.

— גייסט אַף „גראַף מאָנטעקריסטאָ"? — האָט ער פּאַרשמײַעט אַ פּרעג געטאָן.

מאַריק האָט אַ נישטער געטאָן אין די הויזן־קעשענעס:

— וואַרט צו, כ'וועל אַ קוק טאָן, ווי האַלט עס בא מיר מיט געלט.

— גיכער, גיכער! — האָט ליאָניע אונטערגעטריבן. — מע דאַרף נאָך לויפֿן נאָך בילעטן. שטעלסט זיך פּאַר, וואָס ס'טוט זיך בא דער קאַסע!

גענומען בא מאַריקן די עטלעכע מאַטבייעס, האָט דער געלהאָריקער ליאָניע געמאַכט עטלעכע גרויסע שפּאַן מיט זײַנע לאַנגע פֿיס אין די קורץ־געוואָרענע הויזן און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין אַ דורכגאַנג־הויף. מאַריק איז אַוועק ווײַטער איבער דער ברייטער גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן לענגויס דעם טײַך־ברעג. ס'איז געווען וואַרעם. איבער די ווײַס־שטייניקע הײַזער האָט אַראָפּגעשײַנט שוין קימאַט אַ פֿרילינגדיקע זון. די שטימונג בא מאַריקן איז געווען אַ געהויבענע, און אין קאָרידאָר צו זיך איז ער אַרײַן אונטערטאַנצנדיק, גענומען הויך אויסקלינגען מיטן טיר־גלעקל עפּעס אַ פֿריילעכן מאָטיוו.

— מאַ! — האָט ער אויסגעשרײַען, אַ וואָרף טוענדיק דעם פּאָרטפֿעל אַפֿן דיוואַן. — עסן, און איך לויף אין קינאָ, „גראַף מאָנטעקריסטאָ"!

זיצנדיק שוין באַם טיש אין דער געראַמער קיך, ווּהין די מאַמע האָט אים דערלאַנגט דעם וואַרמעס, האָט מאַריק דערהערט דאָס באַקאַנטע צוגעשטיקטע בולקענדיקע הוסטן. ס'האָט זיך געדוכט: מע קלאַפּט דאָרט מיט אַן אָנגעבלאָזענעם גומענעם פּענכער אָן עפּעס האַרטס. מאַריק האָט אָוועקגעלייגט דעם לעפֿל, אָנגעשפּיצט זיך, אַ קאַסיע געטאָן אַף דער טיר פֿונעם שכיינישן צימערל.

„באַם אַלטן הייבט זיך, דאַכט זיך, ווידער אָן"...

אהער, אינעם קליינעם צימערל, האָט זיך דער אַלטער אַרײַנגעצויגן נאָך אין האַרבסט. אַן אויסגעדייוועטער, אַ נידעריקער, מיט אַ פּאָנעם, ווי אויסגעקלעפּט פֿון בלאַסלעך־גרויער ליים, איז ער דאַן אַראָפּגעקומען אהער אין דעם נײַעם הויז, געבראַכט מיט זיך עטלעכע קאַסטנס מיט ביכער און אַ נײַ גלאַנציק־רויט טשעמאָדאַנדל, צו וועלכן ס'זײַנען צוגעפּעסטיקט געווען מיט רימענס אַ קישן און אַ גרויע בײַקענע קאָלדרע.

פֿון דאַן אָן האָט זיך פֿון דעם שכיינישן צימערל גאַנצענע טעג אָן אופֿהער גענומען טראָגן אַ הוסטערײַ מיט אַ כריפּעניש. אַזעלכע, וואָס מאַריקן איז קיינמאָל ביז אהער ניט אויסגעקומען הערן. אים פֿלעגט דוכטן, אַז אָט־אָט וועט באַם אַלטן פּלאַצן די ברוסט...

קימאַט יעדן טאָג — אָן אַנדערשמאָל עטלעכע מאָל אַ טאָג — פֿלעגט אין הויף אַרײַנפֿאָרן אַ מאַשין פֿון „גיכער הילף". מע האָט שוין געוווּסט: ס'איז צום נײַעם שאָכן, צום פּענסיאָנער.

קומענדיק איינמאָל אהיים פֿון שול, האָט מאַריק דערזען דעם אַלטן אַפֿן שוועל פֿון זײַן צימערל. ער איז געשטאַנען אין אַ בלויער געשטרײַפֿטער פּיזשאַמע, געהויקערט, ווי ס'וואָלט אים געפֿיבערט.

— יונגערמאַן, — האָט מאַריק דערהערט דעם שאָכנס שוואַכע שטים, — עפּשער וואָלסט מיר געטאָן אַ טויווע — דורכלויפֿן זיך אין אַפּטייק מיט די רעצעפּטן?

מאַריק איז גלײַך אַוועק און געבראַכט אַ גאַנץ פּעקל מיט רעפֿועס: פֿלעשעלעך מיט אַ גרינבלעכער מוטנער פֿליסיקײַט, פּראָשקעס, שיינע, פּלאַכע קעסטעלעך אין צעלאָפֿאַן. אַרײַנטראָגנדיק זיי צום שאָכן, האָט ער דערזען, ווי יענער ליגט אַפֿן נידעריקן אײַזערנעם בעטל אונטער דער גרויער בײַקענער קאָלדרע. אַפֿן טיש — עפּעס ענלעכס אַף אַן אָנגעבלאָזן גראָז־גרין קישעלע מיט אַ שוואַרצער לענגלעכער גומי־רער. מאַריק האָט געהאַט גרויס כיישעק נעמען דאָס טשיקאַווע כייפּעצל אין די הענט, אַ קוק טאָן, וואָס קאָן מען מיט דעם מאַכן, נאָר ער האָט זיך געשעמט. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אומאַנטשלאָסן אינמיטן צי־

מער, באטראכט די פארגעלטע ציַיטונגען, מיט וועלכע דאָס איינציקע פענצטער איז געווען פארהאנגען, און אים האָט אָנגעכאפט א גרויס ראכמאָנעס אף אָט דעם קראנקן איינזאמען אלטן.

— ויידע, — האָט ער געזאָגט, — עפשער דארפט איר נאָך עפעס?

דער אלטער האָט אף אים שמייכלענדיק געקוקט פון אונטער זיַינע געדיכטע ווײַסע ברעמען:

— ניין. מער דארף מען גאָרנישט. ביסט א ווויל ייִנגל!

פון דעמלט אָן איז מאריק דאָ אין צימערל געוואָרן א היימישער מענטש. קומענדיק פון שול, פלעגט ער קוידעמקאָל פארגיין א קוק טאָן, וואָס מאכט דער אלטער, און פארייַנ־וועגס זיך נעמען פאר אזעלכע זאכן, וואָס אין דער היים פלעגט ער דאָס טאָן ביז גאָר זעלטן און מיט גאָר א קנאפן כיישעק — אויסקערן דעם דיל, אוועקלויפן אין מאגאזין עפעס איַינקויפן פאר אים. אז דעם אלטן פלעגט ווערן ניט גוט — און דאָס פלעגט טרעפן גאנץ אָפט, — איז מאריק געלאָפן אין דער שכײנישער סעקציע, ווו ס'איז געווען א טעלעפאָן, ארויסרופן „גיכע הילף”.

גאנץ אָפט האָט מען דעם שאכן צוגענומען אין שפיטאָל, און ער פלעגט דאָרט אָפליגן עטלעכע וואָכן. מאריק פלעגט דעמלט צושטיין צו דער מאמען, זי זאָל גרייטן פארן זיידן א „פערעדאטשע”, און ער אליין האָט זי אָפגעטראָגן אין שפיטאָל. דערזעענדיק אים, פלעגט דער אלטער זאָגן צו זיַינע שכיינים אין דער פאַלאטע: „אָט גייט מיַין יונגער פריַינט”. די שכיינים זיַינע פלעגן שוין אויך, דערזעענדיק מאריקן, אויסרופן: „אָט גייט איַיער יונגער פריַינט!”. מאריק פלעגט פון די ווערטער א ביסל רויט ווערן, אפגיך אוועקשטעלן דאָס געבראכטע אין דעם אלמערל, וואָס באם אלטנס בעט, און ניט ווערן.

נאָכדעם פלעגט זיך דער אלטער צוריקקערן פונעם שפיטאָל, און אין עטלעכע טעג ארום פלעגט אלץ אוועק ווי פריִער: אטאקעס פון אסטמע און — „גיכע הילף”!

2

איינמאָל איז מאריק בײַגעווען בא א געשפרעך פון דער מעדשוועסטער מיט זיַין מאמען.

— בא אזא קראנקן, — האָט זי געזאָגט, — איז וויכטיק גלייַך געבן הילף. ווען בא איַיך אין הויז וויל עמעצער אויסלערנען זיך מאכן איַינשפריצונגען, וואָלט זי אים אויסגעלערנט. דאָס איז א גאנץ פּאָשעטע זאך.

מאריק האָט א הייב געטאָן די אויגן אף דער מאמען. אָט וועט זי זאָגן: זי ווילן! נאָר צו זיַין גרויסן וווּנדער, האָט די מאמע עפעס געשוויגן. מאריק איז געווען אויסער־זיך: ווי קאָן מען זיך דאָס אָפּזאָגן פון אזא זאך! ניט וועלן זיך אויסלערנען מאכן איַינשפריצונגען! אָ, ווען מע לייגט עס אים פאָר!

און מיטאמאָל איז אים ארוף א געדאנק.

ווען די מעדשוועסטער איז ארויס פון דעם אלטנס צימער, האָט זיך מאריק געלאָזט נאָך איר, אָנגעיאָגט זי שוין אין הויף באם טויער.

— איך, — האָט ער מיט געבעט אריַינגעקוקט איר אין די אויגן, — איך וואָלט זיך גע־קענט אויסלערנען?

— וואָס אויסלערנען? — די מעדשוועסטער האָט אים באטראכט א ביסל פארווונדערט, נאָר גלייַך א שמייכל געטאָן. זי האָט פארשטאנען, אז ער האָט געהערט איר געשפרעך מיט זיַין מוטער. — ביסט דאָך נאָך צו קליין, — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אפן אויסגעצויגענעם דארלעכן ייִנגל מיט די קארע גוטע אויגן, — אָט א ביסל גרעסער ווען דו ביסט...

— פארוואָס — צו קליין? — האָט מאריק היציק אויסגערופן. — פערצן יאָר קימאט!

— פערצן יאָר! שוין ניט קיין קליינער. נו, און די הענט וואַשסטו אמאָל? — האָט זי מיט דעם זעלבן שמייכל געפרעגט.

מאריק האָט באליידיקט געשוויגן. לויט דעם פאָרזעצן דעם געשפרעך? זי רעדט מיט אים, ווי מיט א קליין קינד... נאָר די מעדשוועסטער האָט ארופגעלייגט די האנט אף זיַין אקסל און אומדערוואַרט א זאָג געטאָן:

— נו, מירן פרווון.

די מאמע האָט דערנאָך פארווונדערט צוגעקוקט, ווי מאריק האָט איַינמיטנדערינען בא־טאָג גענומען פּליַיסיק וואשן מיט זייף דעם פּאָנעם, דעם האלדז, שניַידן מיט פעמזע די נעגל, אָנגעטאָן א נייַע קורטקע.

— קלײַבסט זיך ערגעץ אין געסט? — האָט זי געפרעגט, נאָר מאַריק האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. אַזאַ זאַך איז גלײַכער, אַז מע האַלט עס בעסאָד. מע קאָן נאָך קאַליע מאַכן...

ביז אָונט האָט ער נאָך עטלעכע מאָל געוואַשן די הענט. קוים דערוואַרט זיך אַף דער מעדשוועסטער.

— אָ, — האָט זי אויסגערופן, אַרײַנקומענדיק, — ער שײַנט דאָך באַ אײַך הײַנט, ווי אַ נײַער כאַלאַט ערשט פון געוועש! אָט אַזוי, זעסטו, איז שוין עפעס אַנדערש. נו, קום, קום, זע...

זי האָט אים דעמלט באַוויזן, וויאַזוי זיך באַגיין מיטן שפריץ, וויאַזוי מאַכן דעם שטאָך אין האַנט. און אָט, ענדלעך, האָט ער זיך מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ גענומען פאַרן שפריץ, מאַכן דעם אַלטן זײַן ערשטן זעלבשטענדיקן שטאָך. „דרייסטער! דרייסטער!“ — האָט אים אונטערגעמונטערט די מעדשוועסטער. די בלאַסע הויט פון דעם אַלטנס האַנט האָט מאַריקן אויסגעוויזן ווייך, ווי פאַפיר. ער האָט זיך ניט געריכט, אַז די נאָדל וועט אַזוי לײַכט אַרײַן אונטער איר. אים האָט זיך געדוכט, אַז ס׳גאַדויערט אַן אייביקײַט, און ער האָט זיך אַליין ניט געגלייבט, ווען ער איז שוין געשטאַנען לעם דעם אַלטן מיט אַן אויסגעליידיקטן שפריץ.

דער אַלטער האָט אים פרײַנטלעך צוגעשמייכלט:

— מאָלאָדיעץ! אַ כוואַט! אָט האָבן מיר שוין אַן אייגענעם דאָקטער אויך.

— ס׳האָט שטאַרק וויי געטאָן, זיידע? — האָט זיך מאַריק מיט האַרץ־פלאַטערניש געוואָלט דערוויסן.

— אַ האָרעלע ניט. געבענטשטע הענט באַ דיר.

אַזוי האָט ער „סטאַזשירט“ באַ דער מעדשוועסטער אַ גאַנצע וואָך, און נאָכדעם האָט זי אַרײַנגערופן די מאַמע און איר פײַערלעך געמאָלדן:

— איצט האָט איר אין הויז באַ אײַך אַן אייגענעם מעדטוער. פאַר אײַער שאָכן איז עס פאַשעט אַ געפינס.

דער מאַמען האָט עס, קאָנטיק, האַנאָע געטאָן, נאָר זי האָט מיט גרינגשעצונג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפ:

— ס׳איז יענער מעדיצין־טוער...

פון דעמלט אָן, ווי נאָר דעם אַלטן פלעגט ווערן ניט גוט, איז מאַריק שוין געווען אַף דער וואַך, ניט אַלס שיק־ייִנגל, וואָס לויפט צום טעלעפאָן אַרויסרופן „גיכע הילף“, נאָר ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט וואָס צו טאָן אין אַזאַ מין פאַל. ער פלעגט באַלד אַרײַן צו אים אין צימערל און די ערשטע צײַט מיט זייער אַ וואַזשנער מינע דורכמאַכן אַ גאַנצע צערעמאָניע, באַזונדערס, ווען דערבײַ איז געווען עמעצער אַ זײַטיקער: אַרויסנעמען פאָרזיכטיק פון שאַכטל דעם שפריץ, וועלכן די מעדשוועסטער האָט אים איבערגעלאָזט אַ מאָטאָנע, געשטעלט אים סטעריליזירן; אַ לענגערע ווײַלע, מײַסע דאָקטער, געוואַשן די הענט; גענומען אַן אַמפול און אָפגעשנעלט מיטן נאָגל דעם שפיץ...

דער אַלטער פלעגט דערנאָך הויך אויסדריקן זײַן אַנציקונג מיט מאַריקס „מײַסטערשאַפט“:

— אָט ווער ס׳וועט זײַן אַ מענטשן־היילער! אָט באַ וועמען ס׳איז גאָלדענע הענט! ער מאַכט עס בעסער פון דער פעלדשערקע, זאָל עס איר אָנשטיין!

...זיצנדיק איצט אין קיך, האָט מאַריק פײַנלעך געטראַכט: וואָס טוט מען? וויאַזוי האָט ער געקאָנט אַרויסלאָזן פון זינען אַזאַ זאַך! ער ווייסט דאָך, אַז גראָד אין אָט אַ־דער צײַט צעשפילט זיך באַם אַלטן די אַסטמע און עס הייבט אים אָן אויספעלן לופט... און ער, מאַריק, וועט אַוועק אין קינאָ...

אָן כיישעק האָט ער ווידער גענומען דעם לעפל. צײַט איז געבליבן ווייניק. ליאָניע וואַרט שוין דאָרט געוויס מיט די בילעטן!

אָפגעפאַרטיקט זיך ווי־ניט־איז אין אײַלעניש מיטן וואַרמעס, האָט ער זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט אין דרויסן און געהאַט דערבײַ אַ געפיל, ווי ער טוט עפעס אַ ביז גאָר ניט קיין שיינע זאַך.

אינעם סעדל באַם קינאָ האָט אים שוין אומגעדולדיק אָפגעוואַרט ליאָניע.

— וואָס ביסטו אַזאַ זויערער?

מאַריק האָט פאַרצווייפלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— פרעג ניט!

— וואָס איז?

מאַריק האָט אים דערציילט וועגן דעם אַלטן. ליאָניע האָט אים אויסגעהערט צעשטרייט, געקוקט אָפן אַרײַנגאַנג פון קינאָ־טעאַטער, וואָס איז באַלאַגערט געווען מיט שילער.

— אָט דאָס גאָר? מע וועט זיך ווי־ניט־איז באַדרייען אָן דיר. אויך מיר אַ דאָקטער!

4*

— מע וועט דארפן רופן די „גיכע הילף", — האָט מאריק מיט ערגערניש געזאָגט, — פאַרשטייסט?

— וועט מען רופן. קום, מע לאָזט שוין אַרײַן. — ליאָניע האָט זיך א ריס געטאָן צום אַרײַנגאנג. דער מענטשן־שטראָם האָט זיי ביידן אַרײַנגעשלעפּט אין פּאָיע.

— נו, אָט, — האָט מאריק לײַכט אָפּגעעטעמט, ווען ער האָט זיך געזעצט אף זײַן אָרט אין זאַל, — איצט איז שוין ניט שײַעך צו טראַכטן...

אינגיכן האָט ער טאקע פארגעסן אָן אלע זײַנע פּלאָגענישן און צוזאמען מיטן פילדערנדיקן בונטן מאטראָסישן אוילעם זיך שוין געשטויסן אינעם רוישיקן האפן פון דער פראנצויזישער שטאָט מארסעל, באגעגנט די שיינע זעגל־שיף, וואָס האָט אראָפּגעבראַכט דאַנטעסן.

אין עטלעכע מינוט ארום האָבן אָבער מאריקס געדאַנקען זיך ווידער אומגעקערט צום אַלטן. עס קומט דאָך אונטער די צײַט. אָט ווערט דעם אַלטנס פּאָנעם בלוי, די אויגן ווערן ווי גלעזערנע. שלעכט. זייער שלעכט! ער האָט זיך געפּרוּווט ווי פאר עמעצן זיך פארענטפערן אין די געדאַנקען: קאָן ער דען זיצן לעם דעם אַלטן די גאַנצע צײַט מיטן שפּריץ? נאָר דער, פאר וועמען ער האָט עס געטײַנעט, האָט אומראַכמאָנעסדיק געשניטן שטיקער: ווער בעט דיך — די גאַנצע צײַט? דו ווייסט דאָך שוין, אז פּונקט אין אָט דער צײַט ווערט אים ניט גוט!

ליאָניע, א פארכאַפּטער מיט דעם בילד, האָט אים אומצופרידן א שטורכע געטאָן מיטן עלנבויגן:

— זיץ אײַן! לאָז קוקן!

קוקנדיק אפן עקראַן מיט א פארטײַעטן אָטעם, האָט זיך מאריקן גלײַכצײַטיק געווּנען פאָרשטעלן, ווי די מאַמע וועט דארפן לויפן אין דער צווייטער סעקציע קלינגען אין טעלעפאָן (בא זיי האָט מען נאָך קיין טעלעפאָן ניט אײַנגעשטעלט), רופן די „גיכע הילף". ער האָט דערזען פאר זיך דעם אַלטנס פארמוטשעטע אומעטיקע אויגן און — אומדערוואַרט פאר זיך אַליין, האָט ער זיך געגעבן א ריס פונעם אָרט, אײַנגעבויגענערהייט דורכגעלאָפן צווישן די שטולן צום ארויסגאַנג און שוין בא דער טיר א וואָרף געטאָן מיט בענקשאַפט א לעצטן בליק אפן עקראַן.

אין דרויסן האָט אים אַרומגעבלאָזן א שטיל פריש ווינטל, אָפּגעטריקנט דאָס פארשוויצטע פּאָנעם. ער האָט זיך אײַלנדיק אוועקגעלאָזט אהיים דורך די נאָענטע הויפן. ער איז געווען פול מיט קינעַ צו ליאָניען, וואָס איז געבליבן אין קינאָ האַנאָע האָבן פון זײַן יינגלש לעבן, נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט ער מיט עפּעס א שטאָלצן געפיל געוווּסט, אז אַנדערש טאָן קאָן ער ניט, אז ער מוז לויפן צום אַלטן. ער מוז און — אויס!



ליפּע העלער

אויב דאָס האַרץ דײַנס זינגט

אויב דאָס האַרץ דײַנס זינגט,
אויב עס אָטעמט זיך גרינג,
איז נאָך װויל,
איז נאָך גוט, —
האָסטו קוואַלן מיט מוט,
גײסטו אוף, ווי דער טאָג,
ווי גלײַך־גלאָן פון א גלאָק,
ווי די זון, וואָס איז רײַך,
ווי דער שטראָם פון א טײַך,
ווי א כוואַליע אין יאַם, —
פילסט פון לעבן דעם טאַם.

אויב עס עטעמט זיך גרינג,
אויב דאָס האַרץ דײַנס זינגט,
שטעלסטו פעסטער
די טריט,
קומט דײַן שוועסטער —
די ליד

מיט א שיינעם געזאַנג,
און ס'ווערט גרינגער דײַן גאַנג,
און הייבסט העכער דײַן קאָפּ —
שטייסט פון קיינעם ניט אָפּ.

אויב דאָס האַרץ דײַנס זינגט,
אויב דיר עטעמט זיך גרינג,
ביסטו נאָך אפן פערד,
איז נאָך דײַנע די ערד,
איז נאָך דײַנע די זון,
וואָס צעבליט, ווי א בלום,
איז נאָך דײַנע דײַן שטאָט,
איז נאָך דײַנע דײַן גאַס,
ביסטו נאָך ניט קיין גאַסט, —
אויב דיר עטעמט זיך גרינג,
אויב דאָס האַרץ דײַנס זינגט.

זיסי ווייצמאַן

אפן באַם

די טײַגע, דער הימל — א צווילינג,
מיט גרינקײַט, מיט בלויקײַט צעהעלט.
איבערן באַם שפּאַנט דער פרילינג,
קוקט אַרײַן אין געצעלט.

דאָ, בײַ דער אײַזערנער הרובקע,
פלאַמיק איז, רוישיק און הייס,
מיר לעבן דערווײַל אין כאַלופּקע,
עס שמעקט דאָ מיט סאָסנע און שווייס.

מידע, מיר זײַנען צופרידן,
גרייט צו א נײַעם געווער.
צווישן צוויי סאָסנעס — ריזן
הענגט אפן שטריק אונדזער גרעט.

פישעלעך שמאָלע — די זעגן
אין גרינעם אין טײַגישן יאַם.
עס יאָגן און ס'רוישן אף וועגן
די מונטערע ווינטן פון באַם.

בוזי מילער

א שטילער רעגן

עפעס שעפּטשעט ער, דער
רעגן.
וואָס?
עפעס רוימט ער איַין
דעם גרינעם גראָז,
דעם רויטן ווינמפּערל,
דער רויז.
וואָס שעפּטשעט ער איַיך? —
זאָגט מיר אויס!
נאָר ס'שוויַיגט דאָס גראָז,
עס שוויַיגט דאָס ווינמפּערל,

עס שוויַיגט די רויז.
זיי זאָגן גאָרניט אויס...
זיי בעטן
שטילער זיַין
ניט שטערן —
הערן,
וואָס דער רעגן רעדט זיי איַין.
איך שוויַיג.
עס שוויַיגט דער סאָד.
דער רעגן רוימט אים איַין
א סאָד...

מאַטל טאַלאַלאַיעווסקי

כ'וואָלט וועלן...

כ'וואָלט וועלן זיַין פאַר דיר דער שניי,
וואָס מיט זיַין צויבער־וויַיסער דעק
פאַרשפּרייט די גרויקייט פונעם הארבסט
און לאָזט זיך דורכטאַפּטשען א וועג
צו דיר...

כ'וואָלט וועלן זיַין פאַר דיר א רעגן,
אָן אומגעריכטער זומער־רעגן,
וואָס קומט דערשפּרײן דיך אין גרויסער היץ,
שלאָגט צו דעם שטויב

אַף גרויע זומערדיקע וועגן,
וואָס פירן בלויז צו דיר...

כ'וואָלט וועלן זיַין א פרילינג־ווינטל,
וואָס טראָגט דער וועלט די דינסטע רייכעס
פון ווידער אופגעלעבטער וועלט
און נעמט ארום דיַין שלאנקן קערפּער
און קושט דיך הייס
געהיים, פאַרשטעלט...

כ'וואָלט וועלן... וואָס נאָך וואָלט איך וועלן?
כ'וואָלט וועלן, אז דאָס אלץ זאָל דיר געפעלן.

נאָכעם פרידמאַן

ווידער

שטיל דער פאַרנאַכט איז,
דער הימל — טיף,
ווי א בליץ,
אינעם ראַכוועס
טראָגט זיך א שיף.
אַף קאָסמישע וואכטעס,
אַף טראַסעס פון זיג
ווידער מיַין היימלאנד
שיקט זיַינע זין.

און ווידער אין אומענד,
פאַרגאַפּט און פאַרטראַכט,
עס הערן די שטערן
די רוסישע שפּראַך.
און ס'הילכן די נעמען
„סאַליוט" און „סאָיוז",
דער גאַנצער פּלאַנעטע
א פריַינטלעכער גרוס.

ריווע באַליאַסנע

פון צײַט צו צײַט

פון צײַט צו צײַט כ׳פאַרקערעווע אין שטעטל —
זיך אויסבאָדן אין וואַסערן פון קינדהייט.
דאָס שטיבעלע באַם טײַך דער מומע עטלס
ביז איצט פאַר מײַנע שמאָלע אויגן שווינדלט.

און גלײַך פון שוועל איך לאָז זיך צו דער לאָנקע,
סע קילן מיך, ווי שנייעלעך, ראָמאַשקעס.
ביז שפּעט אין אָוונט בלאָנקע איך און בלאָנקע.
אין שטוב פאַרבלײַבט דער טשעמאָדאַן אַלס מאַשקן.

איך וועל זיך אומקערן. מע דאַרף דאָך עסן, שלאָפן.
נאָך אָט אַזאַ טורנע כ׳בין הונגעריק — אַ וועלפל.
פון אַלטע פרײַנט כ׳האָב קיינעם ניט געטראָפן,
און קיינער קען מיר אין דער פּוסטקייט מער ניט העלפן.

אַזױפיל מיטצײַטלער זײַנען אין וועג געפאַלן —
ווער אײנעם שלאַכט און וועמר איינמיטן לויפן.
דאָ איינעם שטעטעלע כ׳בין צוגעפאַלן
מיט מײַן זיקאָרן צו באַקאַנטע הויפן.

מאַטל שטורמאַן

זון־פאַרגאַנג

נאָך איידער די זון
אַף באַנאַכט פאַרגייט,
אַ זוניקער וועג
איבער יאַם זיך שפּרייט.

אַרום און אַרום
איבער ליכטיקן יאַם
דער יאַם פון דער זון —
ער ווייסט ניט קיין צאַם.

די זון פאַרגייט...
עס דאַכט, ס׳האָט עמעצער
מיט אַ פֿײַערדיקער האַק
פּלוצעם די זון
אַפּצווייען צעהאַקט...

פון יעדער העלפט
איז אַ שײַטער געוואָרן.
איך זע זיי, די שײַטערס,
אין הימל־בלוי קלאָרן.

מישע מאַגילעוויטש

זיבן פרײַנט

זעקס אינגאנצן, זעקס מיר זײַנען
אינעם ייִשעוו מאַגיסטראַלני.
טרעפט: דער זיבעטער איז ווער?
— פון דער טײַגע אונדזער בער.

דאָס קונדייסל איז דאָך גאָר
נאָך ניט אַלט קיין יאָר.
און ער שפּילט זיך — אַן אַנטיק,
און ער מאַכט אַזעלכע שטיק.

אויסגיין קען מען פון געלעכטער,
ווען אַ זיסן קוכן בעט ער.
אַט־אַ טאַנצט ער, אַט־אַ שפּרינגט
און באַלעקט זיך מיטן צונג.

נעמט און גיט אַליין אַ טראַכט,
אים אַ יאָר איז, אונדז איז אַכט.
אונדזער בער איז מאָלע־כיין,
קומט און גיט אַ קוק אַליין.

יויסעף אַלבירט

אַ מאָשל

אַף אַ טעלער זײַנען געזעסן
צוויי פליגן און האָניק געגעסן.
דערזען, ווי אַ בין איז געקומען צו פליִען,
האָבן די פליגן אַף איר זיך צעשריִען
און בייזלעך גענומען פון טעלער זי טרײַבן:
„אַוועק! ס'זאָל קיין זייכער פון דיר דאָ ניט בלײַבן!
גענוג אָנגעפרעסן דו האָסט זיך מיט קווייטן —
און איצטער דערצו נאָך גיב האָניק דיר גרייטן...״

יאנקעוו ריוועס

ביזן לעצטן אָטעם

(אווטאָביאָגראַפישע דערציילונג)

1

די נויט אין גאַנצן לאַנד, דערונטער אין אַזעלכע קאָמפּאַקטע אַרבעטער־צענטערן, ווי מאָסקווע און פּעטערבורג, איז אַלץ נאָך געוווּן אַ גרויסע. נאָר די שטימונג בא די סאָוועטישע מענטשן איז געווען אַ געהויבענע. דער אונטערגעשריבענער וואָפנשטילשטאַנד צווישן דער פּוילישער בורזשואַזער רעגירונג און דער סאָוועטן־מעלוכע איז, טעריטאָריעל גענומען, געווען פּיל גינסטיקער, ווי יענע באַדינגונגען, אויף וועלכע ראַטן־רוסלאַנד איז געווען איינגעגאַנגען, איידער די מילכאָמע צווישן די ביידע לענדער האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן.

בייס יענער געהויבענער שטימונג איז מיר אומדערוואַרט באַוווּסט געוואָרן, אַז די פּוילישע סעקציע פון קאָמינטערן בעט מיך אַרײַנקומען צוליב איינעם אַן איניען.

2

נאָך פריער איז מיר עדוואַרד פּרוכניאַק באַקאַנט געווען אַלס איינער פון יענער גרופּע אַרבעטער־באָלשעוויקעס, וואָס האָבן איינייִנעם מיט סערגאָ אָרדזשאָניקידזע און אַנדערע באַזוכט די באַוווּסטע פּאַרטיי־שול, וואָס איז אין 1911 יאָר געשאַפן געוואָרן לעבן פּאַריזש. אין יענער שול האָט דאָס פּרוכניאַק געהערט לעקציעס וועגן דער ערד־רעפאָרם אין רוסלאַנד. נאָר פּערזענלעך באַקענט מיט אים האָב איך זיך ערשט אין דער צווייטער העלפט פונעם טויזנט נײַן הונדערט צוואַנציקסטן יאָר. געווען איז דאָס אין יענעם גרויסן ווינקלדיקן הויז, ווו עס האָבן זיך געפונען די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פונעם דריטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. באַם געבן זיך די הענט האָט מיר עדוואַרד פּרוכניאַק געשטעלט אַ פראַגע:

— אײַך איז באַוווּסט, צוליב וואָס איר זײַנט געוואָרן אַרויסגערופן?

— מיסטאַמע, — שטויס איך זיך אָן, — איז אין ערגעץ נייטיק עמעצן צו שיקן.

— יאָ.

— וווּהין?

— קיין ביאַליסטאָק. און וואָס גיכער!

עדוואַרד פּרוכניאַקס אײַלעניש איז געווען אַ גערעכטע. באַלד ווי די רויטע אַרמיי איז געצווונגען געוואָרן אָפּצוטרעטן פון אונטער וואַרשע, האָבן זיך אין יענע פּאַרלאָזענע ראַיאָנען געמוזט ליקווידירן די צײַטווײַליק דאָרט געשאַפענע פּראָלעטאַרישע מאַכט־אָרגאַנען. די איינצלנע סאָוועטישע אַקטיוויסטן, וועלכע זײַנען פאַרבליבן אויף זייערע אַלט־באַזעסענע ערטער, האָבן זיך שטאַרק געניייטיקט אין פאַרשיידענער הילף, וואָס די פּוילישע סעקציע פון

פון דער ליטעראַרישער ירושע.

קאָמינטערן איז מעכּויעוו געוועזן זיי צו געבן. דאָס איז געווען אַזוי אָנגענומען, איך זאָל מיט קיין איין־ציק וואָרט ניט דערווידערן קעגן פּרוכניאַקס פאַרשלאָג.

איבערלאָזנדיק אין קאָמינטערן (ווי דאָס איז, קענטיק, געווען איינגעשטעלט) מײַן פּאַר־טיי־בילעט, גיט מיר עדוואַרד פּרוכניאַק אַן אַדרעס פון אַ מינסקער דירה. ס'איז געווען מיר געווען אָנרירן די טיר פון יענער ווינונג, ווי טייקעף איז פון דאָרט אַרויס אַ לײַטיש־אָנגע־טאָנענער יונגערמאַן, וועלכער איז, ניט אויסרעדנדיק קיין איינציק וואָרט, בליצשנעל ווידער פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— איר זײַנט גאָר דאָ? — בין איך געווען פאַרוווּנדערט פונעם טרעפן עדוואַרד פּרוכניאַקן.

— איך וועל דאָ זײַן, ביז איר וועט זיך איבערקלײַבן אָף יענער זײַט.

— פאַרוואָס אַזאַ אויפמערקזאַמקײַט?

— ווײַל דאָס ערשטע מאָל, ווייס איך, קומט אײַך אויס אַריבערגיין אַ מעלוכע־גרענעץ און ביפראַט נאָך אַ פראָנט...

מיר געפעלט עדוואַרד פּרוכניאַקס באַהאוונטקײַט און זײַן זאָרגזאַם אויספילן די פליכטן. עפּשער האָבן די דאָזיקע אייגנשאַפטן מיטגעווירקט, ער זאָל אַריסגערוקט ווערן אַלס פּאַר־טייער פונעם פּוילישן אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט אין קאָמינטערן.

— דער כאַוועך, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פונדאַנען, — מאַך איך אים אויפמערקזאַם, — איז אין אײַלעניש שיר ניט איבער מיר אַריבערגעשפּרונגען!..

— ער וויל ניט, מע זאָל אים דאָ זען... זײַענדיק גרייט מיט אונדז אונטערצושרײַבן אַ שאָלעם, — פאַרטרויט מיר עדוואַרד פּרוכניאַק, — מאַכט די פּוילישע בורזשואַזע רעגירונג אַזעלכע שריט, וואָס צווינגט אונדז זײַן ניט ווייניקער וואַכזאַם, ווי אין די סאַמע אָנגעשטרענג־טע מילכאָמע־כאַדאָשים!..

— וועגן דעם, — שטים איך אײַן, — טאָר מען ניט פאַרגעסן!..

3

עס זײַנען פאַריבער אַ טאָג, צוויי און דרײַ. מיר איז שווער געוואָרן דאָס וואַרטן אינעם קליינעם אָפּגעזונדערטן צימערל, פונוואַנען מיר איז אָנגעזאָגט געוואָרן אפילע ניט אַרויסקוקן.

מײַן נײַ־צוגעגרייטער „אײַזערנער פּאַס" איז שוין געווען ערגעץ אײַנגעמאָלדן אין ווילנע, וווּהין מיר איז פאַרגעשטאַנען זיך דערקלײַבן מיט אַ פור. אָבער שוין לאָזן זיך אין וועג איז נאָך אַלץ ניט מעגלעך געווען.

אָף דער פּוילישער גרענעץ־זײַט איז ניט געווען קיין אָרט, ווו מע זאָל ניט זען קיין באַ־וואָפנטע זעלנער. דערצו נאָך זײַנען געשטאַנען שפּעט־האַרבסטיקע, שטאַרק רעגנדיקע טעג. די וועגן און טראַקטן זײַנען געווען טיף בלאָטיקע און קלעפּיקע, וואָס האָט ניט בלויז גע־שטערט, נאָר פאַשעט אומעגלעך געמאַכט בליצשנעל אַריבערצוגיין די שטאַרק אָפּגעהיטע גרענעץ. ערשט אין איינער אַ שפּעטער נאַכט, ווען ס'האָט זיך געדאַכט, אַז מער ווי אַ גע־דיכטע פינצטערניש איז אינעם גאַנצן אַרום ניט געווען צו זען, האָט מיך עדוואַרד פּרוכניאַק אָפּגעוועקט און פאַרגעלייגט גיין מיט אים צו אַ פורמאַן, וועמענס אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין באַגלייטן אַזעלכע, ווי איך, איבער דער פּוילישער זײַט גרענעץ.

אין יענע סאַקאָנעסדיקע דרײַ־פיר שאָ גאַנג און פאָרן האָב איך ניט אויפגעהערט צו פילן דאָס גוט־אײַנגעניייטע אין מײַן בעגעד צעטעלע צו איינער אַ העלענאַ זיגמונטאָוואַ, וועלכע האָט מיך באַדאַרפט צונויפירן מיט אַזעלכע, ווי זי, שטרענג פאַרקאָנספּירירטע כאַווייריִם.

4

אין דער צײַט פון מײַן אָנקומען קיין ביאַליסטאָק האָט זיך אַ פּוכקער שנײַ געדרייט אין דער לופט און באַם אַראָפּפאַלן נאָך נאַסער, בלאָטיקער געמאַכט די שוין פון לאַנג ניט־גע־קערטע גאַסן.

דער טרעף־פּונקט, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ שערערײַ, האָט מיר געגעבן די מעגלעכקײַט ערשט דאַן, ווען איך האָב שוין געפילט אָף זיך די שאַרף פון דער קילבלעכער בריטווע, צו פאַרגעבן דעם שערער די באַשטימטע פראַגע:

— איר אַרבעט דאָ איינער אַליין?

— אויך פּאַר איינעם, — שמייכלט ער, — קלעקט דאָ ניט שטענדיק וואָס צו טאָן...

— עפשער, — גיב איך אים א זאג, — קומט ווען צו אײַך א זיגמונטאָווא, א וועבערן? איך וואָלט זי געוואָלט זען...

— ביטע, — לאָזט ער זיך גיין אין דער ריכטונג צו די פּאַשעטע גאַרדינען, וועלכע האָבן פאַרשטעלט מיט זיך א טיר פון א צווייטן צימער. איך פאַרהאַלט אים אָבער און בעט אים פריַער מיך פאַרענדיקן גאַלן.

אין א קליין, ברעקל צימערל, וועמענס אייגציק, ביז העלפט פאַרהאַנגען פענצטער האָט אַרויסגעקוקט צום הויף, איז שוין געזעסן לעבן מיר די געזונטע העלענא זיגמונטאָווא, וועמען, ווי איך באַמערק, עס האָט געפרייט די דאָזיקע ערשטע געלונגענע באַגעגעניש. ריידן מיר וועגן אונדזערע פאַרשטייענדיקע טריט, ווי אַלטע, פאַרטרוילעכע באַקאַנטע.

העלענא זיגמונטאָווא, א פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אַף וועמענס מאָגער פּאָנעם זיַינען קענטיק געווען סימאָנים פון שווערער האָרעוואַניע אין ברודיקע טעקסטיל־פאַבריקן, איז דאָ באַוווּסט געווען ווי א דערפאַרענע פּראָפאַריינישע טוערן, אָן וועמענס אייצע עס פלעגט זעלטן וואָס אונטערגענומען ווערן צווישן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

צו דער זעלבער קאַטעגאָריע אַקטיוויסטן האָט געהערט אויך איסאַק בעלאָסטאָצקי. זיַין שמאָל־לאַנג צימערל האָבן מיר פאַרוואַנדלט אין א צווייטן טרעף־פּונקט, ספּעציעל פאַר גע־קומענע פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, מיט וועלכן מיר האָבן זיך פאַרבונדן. דאָס איז נייטיק געוואָרן, קעדיי אָפּעראַטיווער קאָנען לייזן אייניקע אַקטועל־געוואָרענע איניאָנים, קוידעמקאָל וועגן שאַפן א צײַטווײַליקן פאַרטיי־קאָמיטעט.

נאָך די דאָזיקע באַגעגענישן איז אויך פאָרגעקומען א שמועס מיט עטלעכע אַקטיוויסטן פון דער יוגנט, באַזונדערס מיט כאַיִם סלאָוועס, וועלכער האָט שוין פאַרמאָגט א רעכט ביסל פאַרשטענדעניש פאַר די צילן און אופגאַבן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ווען די יוגנט האָט באַדײַטנדיק אויסגעברייטערט אירע רייען און איז גרייט געוואָרן אויסצופילן יעדע פאַרטייִישע אופגאַבע, האָבן מיר, מיט דער אײַנשטימיקײַט פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, קאָאָפּטירט דעם כאַוער כאַיִם סלאָוועס (ווי א פאַרשטייער פון דער יוגנט) אַלס מיטגליד פונעם ניַי־געשאַפענעם פאַרטיי־קאָמיטעט.

5

ווי נאָר עס איז אין די פאַבריקן און װאַרשטאַטן דערגאַנגען די פאַרטרוילעכע יעדיִע וועגן א ווידערופלעבונג פון די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך טייקעף די מער באַוווּסטזיניקע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, ניט געקוקט אַף קיינע סאַקאָנעס, געזוכט, וויִאַזוי זיך צו פאַרבינדן מיט דער אונטערערד.

צו יענע ערשטע געוואַגטע האָט געהערט אויך דער יונגער, זייער בעריעדיקער לעאָן סטאַניסלאַווסקי, וועמענס גרויסע, שוואַרצע אויגן איז נאָך איצט שווער צו פאַרגעסן. אויך די סטיכיש־געשאַפענע אין סלאָנימער און ברויסקער ראַיאָנען אופשטענדלער־אָפּ־טיילן האָבן ניט בלויז געוואָלט, נאָר פּאַשעט געזוכט אזא פאַרבינדונג. און וויַיל קיינער פון די אַף דער פריַי פאַרבליבענע כאַווײרים איז פערזענלעך מיט די פאַרטיזאַנער ניט געווען באַקאַנט, האָבן מיר, צוליב פאָרזיכטיקײַט, צײַטווײַליק זיך צוריקגעהאַלטן פון א באַגעגעניש מיט זיי. די דאָזיקע לאַגע האָט געדויערט, ביז...

אין איינעם א פעסט אײַנגעשטעלטן ווינטערדיקן טאָג האָבן די הויכע פאַבריק־קוימענס ווי אַרויסגעשפּיגן גאַנצע כוואַליעס ברודיקן רויך — א באַוויַיז, אַז ווידער פּראַצעווען די אַרבעטער, וועמענס אַנטלאָפענע באַלעבאַטים האָבן זיך צוריק אומגעקערט צו זייער פאַר־לאָזנעם אייגנטום.

אין יענע אַרבעטס־שאָען, ווען די גאַסן זיַינען פוסטלעך געווען פון מענטשן און באַ־וועגונג, איז די רײַכע דאַמען, ווידראַמאָל אָנגעטאָנענע אין עלעגאַנטע וואַרעמע פוטערס, קענטיק, גוט געווען דער שפּאַציר.

וועלנדיק פאַרבלײַבן אומבאַמערקט פאַר די אופגעלייגטע פאַרבײַגייער, האָב איך, מיט א הויך־אופגעשטעלטן קראַגן פון מײַן ווינטער־מאַנטל, געײַלט צו איינער פון אונדזערע צוויי געשאַפענע טרעף־פּונקטן. פּלוצעם איז עמעצער זייער אימפּעטדיק פאַרבײַגעגאַנגען און א רעגעלע געבליבן שטיין, ווי פון א דערוואַכטן סאָפּעק. באַלד אָבער איז ער גיך צוגעגאַנגען צו מיר מיט א לײַכט צעשמייכלט פּאָנעם.

— אָט, — האָט ער מיר געגעבן די האַנט אַזוי, אַז דאָס זאָל פאַר אַנדערע ניט זיַין באַ־מערקבאַר, — אָט בין איך אויך דאָ!..

דער אומדערוואַרט־געטראָפענער ניט־הויכער, ברייטבייניקער באַריס צווערטקאָוו איז מיר באַוווּסט געווען נאָך פון דעמלט, ווען מיר זײַנען ביידע גלײַכצײַטיק געווען אינעם אָקו־פּירטן מינסק.

לעבנדיק אינעם גרויסן ביאַליסטאָקער גאַסטהויז „סאַוואָי", איז צווערטקאָוו געווען פאַר־בונדן מיט אייניקע נאָענטע שטעט און אפילו אויך מיט אַזעלכע ניט גרויסע יישובֿים, וועלכע האָבן זיך געפונען נאָענט צו אַ באַן־סטאַנציע און דריבער, קענטיק, מיט עפּעס נייטיקס גע־קאָנט אים העלפן אין זײַן שטרענג־געהיימער טעטיקייט...

צווישן באַריס צווערטקאָווס מיטהעלפער זײַנען געווען אויך אייניקע פּאַרטיזאַנער, און ער איז פּאַשעט דורך זיי געצווונגען געווען באַשטיין, אַז אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע זאָל, מיט זײַן הילף, אײַנשטעלן מיט זיי אַ פאַרבינדונג. נאָך אַן ערנסטן באַטראַכטן דעם פאָר־שלאַג האָבן מיר, קעדיי באַ ביידע צדדים (באַ אונדז און די פּאַרטיזאַנער) זאָל זיך ניט דער־וועקן קיין שום צווייפל, געהאַט אָפּגערעדט, אַז בייס אונדזער באַגעגעניש זאָל איך האַלטן אין דער לינקער האַנט די פון באַריסן באַקומענע לײַקענע הענטשקעס, און דער אָנפירער פון די פּאַרטיזאַנער, אַ טונקעלער און ניט געגאָלטער, האָט, בייסן באַווײַזן זיך פון צווישן דעם געדיכטן, פון פריער באַשטימטן קוסטאַרניק לעבן אַ גרויסן וואַלד, טייקעף באַדאַרפט נעמען פאַררייכערן אַ פּאַפּיראָס.

האַגאַם דאַן איז נאָך געשאַפן געוואָרן אַ קאָנטאַקט צווישן שטאָט און דאָרף, האָבן מיר, צוליב שטרענגער קאָנספּיראַציע, מיט צווערטקאָוון געדאַרפט וואָס זעלטענער זיך באַגעגע־נען. אָבער צווערטקאָוו גופא, עפּשער צוליב וועלן וועמען פון קאָמיוג אַרײַנצײַען אין זײַנע גאָר באַזונדערע אינטערעסן, האָט זיך באַמיט מיט אונדז אָנהאַלטן אַ מעגלעך ענגערע פאַר־בינדונג. פּאַטערנדיק אָף דעם ניט וויניק צײַט און מי, איז אים געלונגען זיך דערוויסן מײַן היימישן אַדרעס.

אין איינעם אַ שפּעט־ווינטערדיקן אָוונט, ווען איך בין געווען אין מײַן ניט וואַרעמער היים, איז צו מיר דערגאַנגען אַ לײַכטער אָנריר פון אונדזער שטוב־טיר.

די באַלעבאַטים פון מײַן געדונגענעם ווינקל האָבן זיך געגעבן אַן אומרויִקן הייב אוף, גרייטע צו גיין עפענען. ענערגיש האָב איך זיי פאַרהאַלטן, אַליין געעפנט די טיר און באַלד דערזען דעם ווי אײַנגעצויגענעם צווערטקאָוון.

— אַזוי שפּעט?!

— גייענדיק פון טעאַטער, — ענטפערט באַריס, באַקוקנדיק מײַנע נײַגעריק געוואָרענע באַלעבאַטים, — האָט זיך מיר פאַרגלוסט דערוואַרעמען זיך באַ דיר מיט אַ גלאָז הייסער טיי.

— ביטע, — מאַך איך אים אָן אָרט באַם טיש.

— דער פראָסט, — גיט ער אַ צופרידענעם רײַב אַ האַנט אין אַ האַנט, — נעמט זיך אָן מיט קויעך.

— קענטיק! — כאַפּ איך אַ קוק אין דער זײַט פון מײַנע צוויי שוין גוט פאַרפרוירענע פענצטער.

אונדזער גלאַט־אַזוי־זיך שמועס איז געגאַנגען געווען, קעדיי די שטוב־באַלעבאַטים, שוין קענטיק באַרויִקטע, זאָלן זיך אוועקלאָזן אין זייער קליינעם שלאָף־צימער. ערשט דאַן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין גאַסטהויז, ווו באַריס צווערטקאָוו האָט זיך געהאַט געפונען, איז פאָרגעקומען אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג און דער גאַנצער אַרום פונעם גאַסטהויז ווערט אָפּגעהיט דורך דעפענזיווע־אַגענטן. ווען זײַן „מענטש" (איינער פון די דאָרטיקע באַדי־נער) וואָלט צו דער בייטיקער רעגע ניט באַוויזן אים וואָרענען, „וואָלט מען געקאָנט, — זאָגט ער, — שטעלן נאָך מיר אַ כיילעוון ליכטל"...

— עמעס, — שטים איך אײַן, פילנדיק די גרויסע סאַקאָנע, וואָס לויערט אָף אים, — אָבער באַ דער לאַגע, ווען סאַכאַקל אַ צוואַנציק מינוט גאַנג פונדאַנען געפינט זיך דײַן אַרום־געריגגלט הויז, איז ניט בלויז קומען, אפילו נאָענט צו מײַן שטוב האָסטו ניט געטאָרט צוגיין.

— שוין צײַט דיר צו געדענקען, — האָב איך אים שטרענגלעך נאָך צוגעגעבן, — אַז ניט נאָר דו, נאָר אויך מיר גופא שרײַבן דאָ ניט קיין סייפער־טוירעס...

קוים צו הערן, פאַרטרויט ער מיר, אַז סײַ דער דורכפאַל, סײַ די סיבע דערפון איז פאַר אים פולקאָם אומדערוואַרט און אומבאַוווּסט, נאָר דאָס זאָל אים האָבן אָפּגעהאַלטן אַרײַנגיין צו אַזאַ, מיט וועמען ער איז געווען פאַרבונדן לויט דער ליניע פון געמיינזאַמער טעטיקייט.

כאָטש דער דאָזיקער אַרגומענט האָט אויך מיר אויסגעזען פאַר אַ זייער ערנסטן, דאָך איז פון באַריס צווערטקאָווס פּאָנעם, וואָס אָט האָט עס זיך גענומען שטאַרק רויטלען און

אָט אויך בלאָס ווערן, קענטיק געווען, אַז מײַן פאָרוואָרף האָט אים געפּלאָגט ניט ווייניקער עפּשער, ווי זײַן מעגלעכער דורכפאַל.

א שווײַגנדיקער און פאַרזאָרגטער, מאַכט ער זיך גרייט אוועקצוגיין. אין יענער שפּעט־נאַכטיקער און פּראָסטיק־ליכטיקער שאָ האָט דאָס מיר אויסגעזען נאָך מער סאַקאָנעסדיקער, ווי פריִער זײַן ווירקלעך געצוווּנגען קומען.

— זײַ שוין דאָ! — פאַרהאַלט איך אים און לאָז אים ניט מאַכן קיין טראָט ווײַטער פון מײַן הייפל.

עס זײַנען פאַריבער א נאַכט און א טאָג, און ערשט דעמלט, ווען מיר ביידע האָבן זיך איבערצײַגט, אַז ניט בלויז דאָס גאַסטהויז ווערט נאָך אָפּגעהיט, נאָר אַז אייניקע פון זײַנע באַדינער זײַנען אַרעסטירט געוואָרן, האָט דאָס מיך געצוווּנגען פאַרטרויען דער אײַנגעהאַלטענער און, ווי שטענדיק, ערנסטער העלענא זיגמונטאָווא. באַם צוריק באַגלייטן מיך פון איר קאַלטן פּירהויז, וווּ אונדזער קורצער שמועס איז פאָרגעקומען, גיט זי מיר א וואָרנדיקן זאָג:

— דאָס שמעקט מיט א קויל!..

— אַזוי פאַרשטיי איך דאָס אויך!

— ער טאָר דאָ מער ניט זײַן!

— ווי מאַכט מען דאָס?

— מ׳דאַרף א קלער טאָן...

— צוליב דעם בין איך געקומען...

אין צוויי טעג אַרום איז באָריס צוואַרטקאָוו געווען אין גראָדנע, וועלכע האָט זיך געפונען אין ראַיאָן פון זײַן אופמערקזאַמקײַט.

6

בײַקומענדיק א סאַך שטערונגען מיצאַד דער פּויליש־בורזשואַזער אַדמיניסטראַציע, איז אונדז געלונגען אופלעבן די מיט צוואַנג־ליקווידירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, שאַפן אין זיי פּאַרטיי־גרופּן, וועלכע האָבן, ווו נאָר מעגלעך, בעהאַדראָגעדיק, אָבער זייער אינטענסיוו אָנגעהויבן איבערנעמען די אָנפירונג און בעמיילע אויך די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר זייער האַלב־לעגאַלער טעטיקײַט.

עס איז נייטיק געוואָרן, אַז העלענא זיגמונטאָווא, איסאַק בעלאָסטאָצקי און אַנדערע זאָלן זײַן די פאַקטישע און אָפיציִעלע פאָרזיצער פון זייערע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַריינען. מע האָט אויך געדאַרפט, אַז אין יעדן פאַריין זאָל די גאַנצע סעקרעטאַרישע אַרבעט זיך געפינען אין די הענט פון אונדזערן א גוט־קענענדיקן מענטשן. אַזוי איז א נאָך גאָר יונגיטשקער קאָמיוגיסט, „מאָטעלע״, ווי מיר פלעגן אים רופן צוליב זײַן קינדעריש פּאָנעם, געוואָרן סעקרעטאַר פונעם נאָדל־פאַריין. דאָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקײַט ניט בלויז אַקטיווער צו ווירקן אָפן גאַנג פון דער באַנײַטער אין שטאָט שטרײַק־באַוועגונג, נאָר אויך ווערן די איינציקע איניציִאַטאָרן פון שאַפן אַן אַלשטאָטישער, פּולקאָם־אומלעגאַלער צענטראַלער ביוראָ פון די נײַ־אופגעלעבטע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַריינען.

— געדענק! — איז די אָרטיקע שוואַרצמייעדיקע צײַטונג דעמלט אַרויס מיט א שטרענגער וואָרענונג. — די רויטע אַרמיי איז טאַקע פאַרטריבן, אָבער דאָס ביסל פאַרבליבענע, אויסבאַהאַלטענע קאָמוניסטן־באָלשעוויקעס הייבן ווידער אָן ווײַזן זייערע טרייפענע שטיק!

דאָס איז געווען א רוף פאָרצונעמען קאָנטער־מיטלען. וויסנדיק וועגן דער פאַרגרעסערטער סאַקאָנע, האָט דאָך עדוואַרד פּרוכניאַק געפאָדערט פון אונדז גענויִע יעדיִעס סײַ דירעקט וועגן דער אונטערערדישער פּאַרטיי־אַרבעט און סײַ אויך וועגן דעם אַרבעטער־לעבן אין שטאָט און אין דער געגנט. אַליין א מיטגליד פון אויספירקאָם פון קאָמינטערן, איז עדוואַרד פּרוכניאַקן אַלץ דאָ אָנגעגאַנגען, אָבער דאָס אָפּצוטאָן איז געוואָרן ניט אַזוי פּאָשעט. אַזעלכע, אין טאָך פּאָליטישע, אינפאָרמאַציעס האָבן געקאָנט זײַן נאָר שיפרירטע און איבערגעשיקט ווערן בלויז דורך א פולקאָם־פאַרטרוילעכן מענטשן. פּרוכניאַק האָט דאָס פאַרשטאַנען און רעגולער גענומען צו אונדז שיקן א ספּעציִעלן שאַליִעך. ס׳איז גענוג געווען מיר צו דערקענען אינעם יונגנמאַן, וועלכער איז שיר נישט איבערגעשפּרונגען איבער מיר באַם אַרויסגיין פון פּרוכניאַקס גוט־פאַרקאָנספּירירט מינסקער דירעלע, א צוגעשיקטן פון אים מענטשן, ווי איך פרעג אים א פריידיק־איבעראַשטער:

— דאָס זײַנט איר?

א ניט צופרידענער מיט מײַן פראגע, װעלכע באטײַט, אז איך דערקען אים, האָט דער ספעציעל־געשיקטער מיך אָנגעקוקט, װי ניט צו אים װאָלט איך געהאט גערעדט. װיסנדיק, װאָס פאר א סאקאָנע עס איז איבערצוגײן די גרענעץ מיט שיפּרירטע בריװ, פלעגט דער דאָזיקער שאַליעך פירן מיט זיך א קלוימערשט־שטארק אויסבאהאלטן פעקעלע סאכאַרין, װאָס ער פלעגט אָפּהיטן, װי אן אויג אין קאָפּ.

אזוי װי א געבאָט האָט פארן דאָזיקן מענטשן עקזיסטירט נאָר: קומען, ברענגען, עפּעס מיטנעמען און צוריקפאָרן. װען איך פלעג אים ערנסט פרעגן: „װאָס הערט זיך אין מאָסקװע? אין מינסק?", פלעגט ער מיט א שטרענגלעכער פארװוּנדערונג ענטפערן:

— פונװאַנען קאָן איך דאָס װיסן?!

דער אזוי װי פרינציפּיעלער שװײַגער פלעגט בא א גרויסער סאקאָנע באקומען אן אופ־גערעגט לאָשן. אין אײנעם א טונקעלן פּײַכט־קאלטן פארטאָג, װען די לעצטע און סאמע גע־פערלעכע פראָנט־ליניע איז ער געװען שוין איבערגעקומען, איז פלוצלינג צו אים דערגאַנגען א רוגזעדיקער באפעל:

— רענצע דאָ גורי! („אופהייבן די הענט!")

ער באװײַזט זיך ניט אומקוקן, װי טײקעף פארלויפט אים דעם װעג אײנע און א צװײ־טע קויל.

אזוי װי ניט װילנדיק לאָזט ער לעבן זיך דאָס גוט פארפּאקטע פעקעלע סאכארין, און א בײז־אופגערעגטער נעמט ער ריידן צום אָט־אָט צוגײענדיקן זעלנער מיט דער אויסגע־שטרעקטער ביקס פאָרויס:

— װאָס איז? װאָס?!

אקשאָנעסדיק האָט זיך דער שאַליעך געװמען קלאַמערן אינעם פריִער אײַנגעלאָזענעם האנט־פעקעלע, נאָר דער זעלנער, װעלכער האָט אים ניט געלאָזט אפילע מער זיך צורירן צו דעם, האָט זײַער פּאָרזיכטיק אליין דאָס גענומען באטאפּן און באקוקן. דאַן האָט דער שאַליעך גענומען טײַנען:

— דאָס איז מײַן ברויט... פון דעם לעב איך... אַף דעם װארט מײַן פרוי און אײפּעלעך־קינדער!

געװײנלעך פלעגט זיך צװישן די פארביסן־אײַנגעשפּארטע צדאָדים אָנהייבן קימאט א גאָר פרידלעכע דינגעניש װעגן דער גרייס פונעם כאבאר, און דער שאַליעך, װידעראַמאָל אן אײַנגעשפּארט־שװײַגנדיקער, פלעגט בעשאָלעם קומען אינעם גוט אָפּגעהיטן טרעף־פונקט.

7

אין אונדזער אקטיװ זײַנען געװען פאָרשטײַער פון קימאט אלע אינדוסטריע־צװײַגן פון יענער געגנט. געפּעלט האָבן בלויז גוט־באגלײבטע מענטשן צװישן די באַן־ארבעטער, װוּ די רעכטע פּפּס האָבן געהאט א באדײַטנדיקע װירקונג. דערפּאַר האָבן מיר, באַם שאַפן אָנשטאָט דעם צײַטװײַליק־עקזיסטירנדיקן קאָמיטעט א מער געזעצלעכן אָרגאַן, זיך גע־װענדט קײן װארשע, און מע האָט צוגעשיקט אין אונדזער רעשוס דעם כאװער סטאַניסלאַװסקי.

א פײַן־אָנגעטאָנענער, א הויכער, מיט א שײן פּאָנעם, א פּױלישער לויטן אָפּשטאַם, איז סטאַניסלאַװסקין געלונגען קריגן ארבעט אין דעפּאָ. נאָך אײדער ער איז באשטעטיקט גע־װאָרן אלס מיטגליד פונעם פארטײ־קאָמיטעט. קעדײ שאַפן אן אלץ מער ברײטערע טריבונע פאר אגיטאציע און פּראָפּאַגאַנדע, איז רײַף געװאָרן דער געדאַנק װעגן ארויסגעבן פון צײַט צו צײַט זאמל־העפטן. עס זאָל אַף דעם ניט פאלן קײן פארדאַכט, אז דאָס איז א קאָמוניסטי־שע אויסגאַבע, האָט דער קאָמיטעט באשלאָסן, אז די דאָזיקע אופגאַבע זאָל אַף זיך נעמען די נײַגעשאַפענע צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַרײנען. אויך אנדערע, פּאָלקאָם לעגאַלע, גרופּירונגען זײַנען געװען פארטראָטן.

דער געשלאָסענער װאָפנשטילשטאַנד און די זיגן פון דער רויטער ארמײ האָבן נאָך מער פארשטאַרקט די סימפּאַטיעס צו אונדזער פארטײ און צו ראַטן־רוסלאַנד. דעריבער איז ניט אזוי שװער געװען דורכצופירן דעם פּאָרשלאָג, ביפראט נאָך, אז אלע שװעריקײַטן, װאָס זײַנען פארבונדן געװען מיט אזא אופטו, האָבן מיר באַצײַטנס גענומען אַף זיך.

לעאָן סטאַניסלאַװסקי האָט ניט בלויז אײַנגעשטימט צו װערן דער אָפיציעל־פאַראַנט־װאָרטלעכער רעדאַקטאָר, נאָר מיט דער הילף פון א ריי אנדערע קאָמיוגיסטן גענומען אַף זיך דאָס ארויסבאקומען פון דרוקערײַ ביז לעצטן פארטיקן עקזעמפּליאַר, אײדער נאָך די פּויליש־בורזשואַזע מאכט־אָרגאַנען װעלן דאָס באַװײַזן צו פארניכטן.

אין מעשעך פון עטלעכע כאָדאָשים זײַנען דערשינען צװיי, װי פון פּײַער געראַטעװעטע,

זאמל־העפטן. דער דריטער נומער אָבער האָט ניט באַוויזן צו דערזען די ליכטיקע שײַן. אַלע העפטן האָבן פאַרמאָגט אַ באַדײַטנדיקע צאָל קאָרעספּאָנדענצן, וועלכע זײַנען איבערגעדרוקט געוואָרן דורך אונדזערע צענטראַלע אויסגאַבן. די דאָזיקע העפטן, ברייט פאַרשפּרייטע אין אַלע פאַבריקן און וואַרשטאַטן, זײַנען געוואָרן אַ דערמוטיקנדיקע דערשײַנונג אינעם גע־זעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן אין דער געגנט.

נאָך אַזאַ דערפאָלג האָט זיך טייקעף אָנגעהויבן אַ ווילדע זוכעניש און יאָגעניש נאָך לעאָן סטאַניסלאַווסקין, וועלכער איז אָפּיציעל פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַר דער קלויז־מערשט לעגאַלער אויסגאַבע. די געשאַפּענע סאַקאַנע האָט אונדז געצוווּנגען ווידער זיך ווענדן צו דער גוט־דערפאַרענער העלענאַ זיגמונטאָוואַ, זי זאָל נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו באַגלייטן דעם יונגן סטאַניסלאַווסקין ביז דער גרענעץ, צו אונדזער אַלעמענס היים, אין ראַטן־רוסלאַנד.

העלענאַ זיגמונטאָוואַ האָט דאָס אָפּגעטאָן אַזוי גיך און גוט, אַז דאָס האָט אַרויסגערופן בײַ די סאַמע נאָענטע אַקטיוויסטן אַ פרייִדיקע פאַרוווּנדערונג.

ווי אַן ענטפער אויף די באַצײַטנס־פאַרגענומענע שריט, איז אין נאָדל־פאַריין, ווו אויסער מאָטעלען און דער אופראַמערן, איז מער קיינער ניט געווען, האָט זיך פּלוצלינג אַרײַנגע־ריסן אַ זשאַנדאַרם, וועלכער האָט געפאָדערט ווײַזן אים דאָס צעטל פון די מיטגלידער און זייערע אַדרעסן. איבערהויפּט האָט אים אינטערעסירט, בײַ וועמען אין דירע באַהאַלט זיך לעאָן סטאַניסלאַווסקי.

מאָטעלען, פאַר וועמען די טאָגטעגלעכע אַרבעט אין פאַריין איז געווען אַ ניט־געצאָלטע קאָמיוגישע אָנלאָדונג, האָט דעם זשאַנדאַרמס פאָדערונג מער נאָך אויפגעבראַכט איבער דעם, וואָס לעאָן סטאַניסלאַווסקי איז ניט געווען און, לויט זײַן פּראָפעסיע, ניט געקאָנט געהערן צום נאָדל־פאַריין. איז זײַן ענטפער געווען אַ פּעסטער:

— דער באַלעבאָס, — האָט ער געזאָגט דעם זשאַנדאַרם, — איז דאָ די אויסגעווײלטע פאַרוואַלטונג, און אָן איר דערלויבעניש האָב איך קיין רעכט ניט וועמען וואָס ווײַזן!..

— דו ווערסט טאָן, ווי איך הייס דיר, — האָט דער זשאַנדאַרם אויף אים אָנגעצילט זײַן גיך אַרויסגעכאַפּטן פון קאָבורע נאַגאַן, — זאָג!..

ווען מאָטעלע, אַ בייז־אויפגעבראַכטער, האָט גיך געגומען צונויפנעמען פונעם קליינעם טישל דאָס ביסל פאַנאַנדערגעלייגטע פּאַפּירלעך און איז גרייט געווען אַוועקצוגיין, האָט דער זשאַנדאַרם אין אים אויסגעשאָסן איין מאָל און באַלד אַ צווייט מאָל.

אַזוי איז דערמאָרדעט געוואָרן דער יונגער, דרייסטער און יוישרדיקער מאָטעלע.

8

געווען אַ צייט, ווען דער „שאָליעך", אַ העל־בלאָנדער כאַווער, וועמען (צוליב זײַן שמאָל לענגלעך בערדל) מיר האָבן גערופן „קאַזשעטשקאָ", פלעגט אָפט קומען צו אונדז. אָבער איבער עפּעס אַן אומבאַוווּסטער סיבע האָט ער געטראָפן, אַז די פאַרבינדונג איז איבערגע־ריסן געוואָרן גראָד דאַן, ווען בײַ אונדז זײַנען גרייט געווען איבערשיקן וויכטיקע בריוו. איז נייטיק געווען געפינען אַזאַ כאַווער, וועלכער זאָל, איבערגייענדיק דעם פראָנט, דאָס איבערגעבן עדוואַרד פּרוכניאַקן. כאַים סלאָוועס, וועלכער האָט גוט געקענט די גאַנץ גרויסע קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע, האָט, אַפילו ניט צופיל קלערנדיק, אָנגערופן:

— באָבראָוויצקי!

האַגאַם באָבראָוויצקי האָט שטאַרק געגאַרט אַהין צו פאָרן, טאָמער וועט אים דערלויבט ווערן צו פאַרבלײַבן אויף יענער זײַט, האָט זיך אומגעזאַמט אַוועקגעלאָזט אין וועג און איז טייקעף צוריקגעקומען אויך מיט אַזעלכע נייטיקע שריפטלעכע אָנווײַזונגען און צו דעם נאָך איינע אַ מינדלעכע:

— דו זאָג דאָרט, — זאָל צו אים האָבן געשמייכלט עדוואַרד פּרוכניאַק, — אַז אָנהייב זו־מער וועט נאָך ווער צו אײַך קומען.

מיר האָבן ניט געוווּסט, צוליב וואָס דאַרף דאָ נאָך עמעצער קומען. פון דעם איז אונדזער נײַגעריקײַט נאָך מער געשטיגן.

עס זײַנען פאַריבער בא צוויי כאָדאָשים. דער ווינטער האָט שוין גענומען וואָרפן ווי אין קאָדאָכעס. אָט האָבן אַלץ נאָך אָנגעהאַלטן בייזע, שאַרפע פרעסט, און אָט פלעגט דער שניי און אײַז אין די גאַסן און הויפן באַקומען אַן אויסזען פון אַ פאַרכאַלעשטן, וואָס אויב ניט באַלד, איז נאָך אַ טאָג, און זיי וועלן מוזן פאַרשווינדן. פּרוכניאַקס צוזאָג האָט אונדז אַלץ נאָך שאַרף גערעגט. ערשט אין איינעם אַ טאָג האָט זיך פאָרזיכטיק געעפנט מײַן טיר, און

לעבן מיר אין ווידער געשטאַנען העלענא זיגמונטאָווא, די רעכטע האַנט פֿונעם געגנט־קאָ־מיטעט. האַגאַם קליינער, אויסער אונדז ביידן, איז אין שטוב ניט געווען, פֿאַרטרויט זי מיר קוים צו הערן:

— איינער, — הייבט זי אָן ניט זיכער, — וויל דיך זען.

— גוט.

— ער זעט אויס...

— ווי?..

— א מין... בורזשוי!..

אויך איך בין ניט געווינט געווען צו זען עדוואַרד פּרוכניאַקן מיט א קענטיק גוט אָפּגע־היטער שוואַרצער באָרד און ביפּראַט נאָך אין א גוטן פּוטער. אָבער אויך אינעם רײַכן אָנטאָן, וואָס האָט ווירקלעך געענדערט זײַן אויסזען, זײַנען מיר אין קיין שטוב ניט אַרײַנגעגאַנגען: זײַענדיק א טעטיקער מיטגליד פֿונעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וועלכער איז געשאַפֿן געוואָרן אין די טעג פֿונעם רויטאַרמייִשן אָנגריף אויף וואַרשע, איז דאָ עדוואַרד פּרוכניאַק געווען זייער פּאָפּולער. זײַנען מיר אָפּגעקומען מיט א קורצן שמועס ניט ווײַט פֿון דער באַן־סטאַנציע.

מיר זײַנען געשטאַנען לעבן א הילצערן שטיבל, עדוואַרד פּרוכניאַק קימאַט האַרט לעבן מיר, און א זײַטיקן איז שווער געווען צו זען אונדזערע ביידנס פּנעמער. דאָך האָב איך אים זייער געײַלט פֿאַרגעבן א פֿראַגע:

— אונדזער בריוו האָט איר באַקומען?

— וועגן וואָס?..

— ווי עס איז געמאַכט געוואָרן א מעגלעך ברייטער איבערזיכט...

— באַקומען. געלייענט, — שלאָגט ער מיך איבער אַזוי שטיל, אַז מיר איז שווער געווען אויפֿכאַפּן זײַן ענטפֿער, — נאָר, טײַערער, לאָמיר ניט פֿאַרגעסן: אין רעוואָקאָם זײַנען געווען אַזעלכע ריזן, ווי מאַרכלעווסקי, פֿעליקס קאָן און פֿעליקס דזערזשינסקי, וועלכע האָבן טיף דורכגעאַקערט דעם באָדן...

עמעס, — שטים איך אײַן, — אָבער אונדזער בײַטראָג האָט דאָך, מיסטאָמע, אויך א שטיקל ווערט!..

— געוויס, — לייגט ער פֿרײַנטלעך אַרויף זײַן האַנט אויף מײַן אַקסל, קעדיי, קענטיק, דער־מיט נאָך מער אונטערשטרײַכן זײַן אײַנשטימיקייט. — צוליב דעם, וואָס אַפֿילו אַזעלכע ניט־איז האַלב־לעגאַלע קאָמוניסטישע אויסגאַבע איז אין ווײַס־פּוילן ניט מעגלעך געווען, איז נייטיק געוואָרן, לויט דער מיינונג פֿון דער פּוילישער סעקציע פֿון קאָמינטערן, שאַפֿן דאָ אַן אומלעגאַלע דרוקערײַ, סײַ גופֿא פֿאַר די ביאַליסטאָקער נויטן און סײַ אויך, אויב דאָס וועט נייטיק זײַן, פֿאַרן צענטראַל־קאָמיטעט.

אײַלנדיק קיין וואַרשע, קעדיי זיך דאָרט פֿאַרשטענדיקן וועגן דעם דאָזיקן איניען, זאָגט ער מיר נאָך, אַז אין ווילנע דאַרף פֿאָרקומען א באַראַטונג פֿון אונטערערדישע טוער, ווי איך, א פֿאָרשטייער פֿון ביאַליסטאָקער געגנט, דאַרף אויך זײַן פֿאַרטראָטן.

באַם אויסשטרעקן זײַן האַנט אויף געזעגענען זיך גיט ער מיך א מונטערן פֿרעג:

— ווי ווערט דאָ פֿאַרטיק מיט זײַנע אויפֿגאַבן אונדזער שוויײַגנדיקער אַרטיסט?..

— איך ווייס ניט, — איז מיר ניט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אַז זײַן פֿראַגע באַציט זיך צום „שאָלעם“, — איך ווייס ניט, צי איז דער געשיקטער צו אונדז א מיטגליד אָדער א מיטפֿילנדיקער, נאָר צו די פֿראַמאַכן, זעט מיר אויס, געהערט ער זיכער ניט!..

— יאָ! — איז זײַן ענטפֿער געווען קורץ און מונטער אויפֿגעלעבט.

9

ניט גרינג איז איצט אָנרופֿן די פֿולע טאָג־אָרדענונג פֿון יענער ווילנער באַראַטונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אָנהייב פֿון 1921. איך ווייס נאָר, אַז דאָרט זײַנען בײַגעווען באַ צוויי צענדליק כאַווײרים פֿון פֿאַרשיידענע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס און אַז די הויפּט־אָנפֿי־רער זײַנען געווען עדוואַרד פּרוכניאַק און מיצקיאַוויטשיוס־קאַפּסוקאַס. טאַקע דאָרט זײַנען געמאַכט געוואָרן די ערשטע טריט צו שאַפֿן א צענטראַלע פּאַרטיי־אָנפֿירונג פֿאַרן אָקופּירטן דאַן מײַרעוו־ווײַסרוסלאַנד.

„דער געשלאָסענער שאָלעם, — האָט אונדז פֿאַרזיכערט עדוואַרד פּרוכניאַק, — דאַרף פֿאַר־שטאַנען ווערן ווי א פֿאַרזעצונג פֿון דער מילכאָמע, נאָר מיט אַנדערע, נײַע וועגן און מיטלען...“

נאָך מײַן צוריקקומען קיין ביאַליסטאָק איז אונדזער הויפּט־אופמערקזאַמקײַט געלייגט געוואָרן אָף צו שאַפן אַן אייגענע, שטרענג אויסבאַהאַלטענע פּאַרטיי־דרוקערײַ. צוליב אָט דעם ציל זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן צוויי פּאַרטיי־לעכע כאַווירים (העלענאַ זיגמונטאָוואַ און איסאַק בעלאָסטאָצקי), וועלכע זײַנען טייקעף צוגעטראָטן צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן באַשלוס. גראַד אין יענע אָנגעשטרענגטע טעג בין איך ארויסגערופן געוואָרן קיין וואַרשע...

פון דעם, וואָס קיין מאַטעריאַלן, באַריכטן, ווי דאָס פלעגט זיך געוויינלעך פּראַקטיקירן, איז מיר דאַן ניט פאַרגעלייגט געוואָרן מיטצונעמען, איז ניט שווער געווען צו דרינגען, אַז דער אַרויסרוף איז פון גאָר אַן אַנדער מין.

פאַרלאָזן אַן אָרט, וואָס איז געוואָרן לײַבלעך־אייגן, איז געווען ניט אַזוי פּאַשעט, בײַ־פּראַט נאָך, אַז די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין ביאַליסטאָק האָט זיך פולקאָם געקאָנט שוין שטיצן אָף די נײַע פעסט־אָרגאַניזירטע פּאַרטיי־קעמערלעך, וועלכע האָבן זיך דירעקט גע־פונען אונטער דער אַלגעמיינער אָנפירונג פונעם פאַקטיש שוין־עקזיסטירנדיקן געגנט־קאָ־מיטעט.

אָבער אויך וואַרשע האָט שוין פאַרמאָגט אַ סאַך פּאַרטייען און פּאַרטיי־עלעך. שטאַרק צעטרייסלט פון די אָקטיאַבער־ווינטן, זײַנען צווישן זיי אָנגעוואַקסן עכט לינקע גרופּירונגען, וועלכע האָבן געגאַרט זיך אָנשליסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די אָפענע אַרויסטרעטונגען פונעם סיים־דעפּוטאַט טאָמאַש דאָמבאַל, וועלכער האָט גע־רופן ניט אויסצופילן די באַפעלן פון דער ווײַס־פּוילישער אַרמיי־אָנפירונג, האָט אים גע־בראַכט אַנערקענונג פון אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן. די רעאַקציע, ניט קאָנענדיק דאָס אים מוחל זײַן, האָט אים פאַרשפּאַרט אין טורמע.

יעדע געהיימע יעדיע, אַז אָט־אָט קאָן פונעם גרויסן פּאַוויאַק־טויער אַרויספאָרן די שוואַרצע פאַרמאַכטע קאַרעטע, אין וועלכער מע וועט פירן דעם אַרעסטירטן סיים־דעפּוטאַט צום פּראָקוראָר, פלעגט בליצשנעל דערגיין צו די פיל פאַרשפּאַרטע טורמע־קאַמערן און אַפילע גופע צו די שטאָטישע אַרבעטער, וועלכע פלעגן זיך אומבאַמערקט נעמען קלײַבן צו דער טורמע־פאַרצוימונג.

אין יענע ווי הייס אָנגעגליטע רעגעס פלעגן די דורכגעפּלאָכטענע מיט אײַזערנע גראַ־טעס טורמע־פענצטער ווי באַלאַגערט ווערן מיט קעפּ און הענט פון אַרעסטירטע, וועלכע האָבן מיט אַלע זייערע כושים נאָכגעשפּירט, צי וועלן זיי, כאָלילע, ניט פאַרזאַמען צו באַ־מערקן דעם אַרויסגעפירטן פון זײַן איינצל־קאַמער טאָמאַש דאָמבאַלן.

— מע פירט אים! — פלעגט זיך אַ פלוצלינג־שרײַענדיקער אָנזאָג אַרויסרײַסן פון אַ סאַך טורמע־פענצטער. — אָט איז ער, אָט!..

דאָס האָט געפּעסטיקט דאָמבאַלס אַזוי אויך דרייסטע האַלטונג, און עס איז אים ניט אָנגעגאַנגען, וואָס אין דרויסן איז געווען האַרבסטיק קאַלט, דער הימל פאַרוואָלקנט און אַ ווינט, ווי, עמעצן אַפּצולאָכעס, האָט אײַנגעשפּאַרט געגומען אַלץ מער זיך צו פאַרשטאַרקן. דאָמבאַל, כאָטש זומערדיק אָנגעטאָן, איז געווען ערנסט שטרענג און גרייט צו יעדער פאַר־גרעסערטער סאַקאָנע.

אין איינעם אַ הייסן זומער־טאָג, ווען איך בין צוליב עפּעס געווען אין אָטוואָצקער זו־ניק־ליכטיקן סאָסנע־וואַלד, האָב איך מיך אומדערוואַרט אָנגעשטויסן אָף באָריס צווערטקאָוון.

די דאָזיקע באַגעגעניש האָט מיך איבעראַשט און דערפרייט. זײַן טעטיקײַט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזאַ נייטיקער, אַז אים איז פאַרגעלייגט געוואָרן איבערצופאָרן פון גראָדנע קיין וואַרשע, קעדיי דאָ אײַנשטעלן פאַרבינדונגען מיט „העכערע" מענטשן.

— שלעכט איז נאָר, — פאַרטרויט ער מיר, — וואָס די קאָנקרעטיקע פינפהונדערטער, מיט וועלכע פרײַער פלעגט מען זיך באַלעקן, וויל מען איצטער אין האַנט מער ניט נעמען!..

— עפּעס האָט געטראָפן?..

— ניין. פּאַשעט. מע האָט אופגעהערט גלייבן, אַז אונדזערע וועלן פאַלן...

— ווי גיסטו זיך אַן אייצע?

— מע וועט שוין עפּעס־וואָס צוטראַכטן!

פאַר דער צײַט, וואָס איך קען אים, האָט ער נאָך אַזוי אָפן ניט אָנגעדײַט אָף זײַנע איניאָנים, ווי דאָס מאָל. מיר איז דאָס געווען אָנגענעם. פאַר כאַדאָשימלאַנג זיך טרעפן איינער מיטן אַנדערן האָט גאָרנישט ניט פּאַסירט אַזוינס, וואָס זאָל וואַרפן אַ מינדסטן פאַר־דאַכט אָף אונדזערע, כאָטש, עמעס ניט אָפטע באַגעגענישן. פון זײַן אָנשפּאַרן זיך אין איינעם

א ברייט צעוואקסענעם סאָסנע־בוים בין איך גרייט געוואָרן מיינען, אז עפּעס דריקט אים א ניט־ארויסגערעדטע שוועריקייט.

— אַלץ, — זאָג איך אים, — איז פאַרשטענדלעך, אָבער... ווי איז דײַן אייגענע לאַגע?

— אויך מיר אן אינטערעס!..

— דאָך?..

— אָפטלעך בין איך אין וואַרשע, אָבער מײַן ניט אײַנגעמאָלדן וווין־אָרט איז דאָ... אַמאָל אין וואַלד, און אַמאָל בא וועמען אין שטוב...

— דאָס שטערט דיר ניט אין דער אַרבעט?..

— איך האָב אן אנדער ברייירע, — שמייכלט ער, — אַבי דאָס רעדל זאָל זיך דרייען!..

עס זײַנען אַריבער א כּוידעש, צוויי און דרײַ, און אין איינעם פון די בעסטע וואַרשעווער קאַפע האָט באָריס צוורטקאָוו געהאַט אָפּגערעדט מיט א פּוילישן שטאַב־אָפיצער זיך באַגעגענען, קעדיי אים עפּעס־וואָס איבערגעבן און אויך פון אים זייער נייטיקס באַקומען.

צוורטקאָוו, זײַענדיק פײַן אָנגעטאָן, האָט נישט געײַלט אָפּצוגעבן אין גאַרדעראָב ניט זײַן העל־גרויע נײַע הוט און ניט דעם גוטן פּאָרטפעל. אויפמערקזאַם פאַרקעמענדיק באַם גרויסן שפּיגל די ניט לאַנגע האָר פון קאָפּ, האָט ער זײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקײַט געווענדט צום אָפיצער, וועלכער איז געזעסן בא א טישל מיט נאָך צוויי עלעגאַנטע ציוויל־אָנגעטאָנענע הערן. ער פאַרנעמט באַלד א באַזונדער אָרט, באַשטעלט עפּעס־וואָס באַם העפלעך צוגעקומענעם קעלנער און וואַרט אומגעדולדיק, ווען ער וועט קענען אָפּטאָן דאָס נייטיקע.

די רעגעס האָבן זיך געצויגן לאַנג און שווער. דער ניט־גרויסער סטרונע־אָרקעסטער האָט, קענטיק, געשפּילט אָן כיישעק, און ווען עפּעס א פּאָרל האָט זיך גענומען גרייט מאַכן צום טאַנצן, זײַנען די צוויי עלעגאַנטע הערן פאַרשוווּנדן. באָריס צוורטקאָוו האָט ניט געזען דאָס קריגעלע קאַווע, וואָס ער האָט פּאַמעלעך געהאַלטן אין טרינקען, געזען האָט ער בלויז, ווי די צוויי אָקאָרשט אַוועקגעגאַנגענע האָבן זיך טייקעף צוריק אומגעקערט צו יענעם יונגן אָפיצער, וועמען ער, צוורטקאָוו, האָט געהאַט דערוואַרט.

דאָס מאָל האָט דער וועג פון דער רײַכער קאַפע ביידן, צוורטקאָוון און דעם יונגן שטאַב־אָפיצער, געבראַכט אין טורמע.

11

פאַר אונדזערע טירן און טויערן (אויב מע קאָן דאָ באַנוצן אַזאַ פאַרגלײַך) איז געשטאַנען א באַדײַטנדיקע גרופּע כאַווייריִם, וועלכע האָבן פריִער פאַרנומען אָן אַנגעזעענעם אָרט אין די גרעסערע אָדער קלענערע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען און איצט האָבן זיי מיט אַלע זייערע פיבערן געגאַרט מיט אונדז זיך צו פאַרייניקן.

זיי אַלעמען אָנרופן בא די נעמען איז ניט מעגלעך און עפּשער ניט נייטיק. גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע באַקאַנטע, ווי העניקאָווסקי און יויסעף לעוואַרטאָווסקי, וואָס נאָך פריִער זײַנען זיי באַשטאַנען אויף די רעכט צו עקזיסטירן אַלס אָרגאַניזאַציע פונעם אַלוועלטלעכן יִדישן פּראָלעטאַריאַט און... רעכט אויף קאַמף פאַר א יִדישער סאָציאַליסטישער מעלוכע אין פּאַלעסטינע.

די ביידע פאָדערונגען זײַנען אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן געוואָרן ניט בלויז דורך אונדז אַליין, נאָר אויך דורכן קאָמינטערן.

דאָס לעבן אין ראַטן־רוסלאַנד האָט גיך גענומען ווערן א פרינציפּיעל אַנדערס. פון דער געוועזענער רעכטלאָזיקײַט איז אַפילע קיין זייכער ניט פאַרבליבן. יעדער האָרעפּאַשנער מענטש האָט פּלוצלינג דערפילט א ניט געוויינלעכע פרייד: פאָר, אַרבעט און לעב, ווו נאָר דײַן האַרץ גלוסט!..

אין יענע טעג פלעגן מיר אין א זעלטן פרײַער שאָ זיך טרעפן אין איינעם פון די פּוילגעפּאַקטע קליינע רעסטאָראַנען, ווו האַגאַם די באַלעבאָסטע איז געווען די דערלאַנגערקע, די קעכן און די אויפראַמערן, פלעגן מיר דאָך אויסמײַדן ריידן וועגן געהיימע איניאָנים.

— וואָס פאַר א זופּ האָבן מיר הײַנט? — פרעג איך אויפגעלייגט די באַלעבאָסטע, גלײַך נאָר צוליב דעם בין איך געקומען.

— בעבלעך, — ענטפערט זי שמייכלענדיק, — בעבלעך און א קאָפּ לאָקשן!..

— עפּשער קאָן מען, עס זאָל זײַן א ביסעלע געדיכטער?..

די באַלעבאָסטע לאַכט. זי שטויסט זיך אָן, אַז די רייד איז מיט עפּעס א מיין. נאָר פרעגן וואָס־ווען וואָגט זי ניט. באַלד אָט קומט אַרײַן העניקאָווסקי, מיט וועמען איך האָב אָפּגערעדט זיך דאָ צו טרעפן. העניקאָווסקי איז נאָך יונג און פול מיט ענערגיע. ער קנעפּלט

שער ווייסט פון די נײַס, וואָס דערגייען אהער, פאַרשפאַר איך אים דערציילן. איך פרעג
בלויז פאַנאַנדער דעם לײַכטן הארבסט־מאַנטל, און די העל־גרויע פּליושענע הוט האלט
ער אַף די קני. ער בעט א גלאָז קאווע. די דיקע ברילן־גלעזער מאכן סאָלידער זײַן אויסזען.
ער ווייסט פון די נײַס, וואָס דערגייען אהער, פאַרשפאַר איך אים דערציילן. איך פרעג
אים בלויז וועגן יענע פונקטן, וואָס ער און זײַנע נאָענטע האָבן געהאַט ארויסגעשטעלט אלס
באַדינג פאַר א פולער מיט אונדז פאַרייניקונג.
— איר פילט ניט, — פרעג איך אים, — אַז מיט יעדער ווײַטערער רעגע ווערן אײַערע
פונקטן סאַקאַנעסדיק פאַרעלטערט?
— פאַרעלטערט, — דערווידערט ער ערנסט, — וואָלט נאָך געווען א קנאַפּע בייז. ערגער
איז, וואָס זיי האָבן לעכאַטכילע ניט דערשאַצט די ברייטע מעגלעכקײַטן פון א פּראָלעטאַריי־
שער רעוואָליוציע...
מיר לאָזן איבער דאָס דערלאַנגטע עסן, אײַלן אוועק, אָבער באַם באַטראַכטן, ווי בעסער
צו רעאַליזירן דאָס איבערגיין צו אונדז פון אזעלכע אָנגעזעענע טוער, זײַנען געקומען צום
אויסדרוק שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן, איבערהויפּט צווישן סטאַכן און דעם כּאַווער
סאָנין. די אָנגעשטרענגט געוואָרענע באַציִונגען צווישן די צוויי אָנגעזעענע פּאַרטיי־טוער
האָבן אויסגעזען פאַר זייער ערנסטע, אָבער דאָך אזעלכע, וואָס ווען זיך בעהאַדראָגעדיק
מוזן אויסלעבן.
ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז כּאַווער סאָנין האָט ניט אופגעהערט צו באַשטיין, אַז נאָכן
דורכפירן די שפּאַלטונגען אין די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען דאַרפן די לינקע דאָרט קאָ־
מוניסטישע עלעמענטן, ווי העניריקאָווסקי, יויסעף לעוואַרטאָווסקי און אַנדערע, פאַרבלײַבן
אין זייערע פּאַרטייען, קעדיי דאָרט פאָרזעצן דעם קאַמף פאַר די אויסגעשפּראָכענע מאַרק־
סיסטישע איבערצײַגונגען.
סאָנינס מיין איז געווען א גוטער, אָבער זײַנע אויספירן האָבן ניט באַפרידיקט.
— וועלכע פון יענע פּאַרטייען וועלן דאָס דולדן אין זייערע רייען אזעלכע מיטגלידער,
וואָס וועלן קעמפן פאַר די קאָמוניסטן און דעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע? — פלעגט א בייז־
לעכע אופגערעגטקײַט ארויסקוקן פון אונטער סטאַכס ברילן־גלעזער און אין די מויל־ווינק־
לען פלעגט זיך באַ אים באַווײַזן א פײַכטקײַט, מער נאָך אונטערשטרײַכנדיק זײַן קאַטעגאָ־
רישע דערווידערונג.
די שוין צו אָפט געוואָרענע אַמפּערנישן, וועלכע האָבן געשטערט אין דער אַרבעט, האָבן
אַף איינער א זיצונג דערפירט דעם כּאַווער סטאַך צו דער מיינונג, אַז ס'איז ניטאָ קיין מעג־
לעכקײַט ווײַטער צוזאַמענאַרבעטן מיט סאָנינען. אָבער אזוי־ווי, לויט דער מיינונג פונעם
צענטראַל־קאָמיטעט, זײַנען זיי ביידע, סטאַך און סאָנין, נייטיק געווען אין דער אָנפירונג,
איז געפונען געוואָרן אַן אַנדער אויסוועג: צײַטווײַליק איבערגעבן די אָנפירונג פון דער
ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע א צווייטן כּאַווער, מיך קאָאָפּטירן אלס מיטגליד פונעם ייִדישן
אָפּטייל און איבערגעבן מיר סטאַכס אַלע פונקציעס, וואָס ער האָט אויסגעפילט אלס פאַראַנט־
וואָרטלעכער סעקרעטאַר פונעם דערמאָנטן אָפּטייל.
יויסעף לעוואַרטאָווסקי האָט זיך אַלץ מער געגומען צונויפלעבן מיט די רויטע פּראַק־
ציעס, וועלכע זײַנען געווען קימאַט אין אַלע וואַרשעווער פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. בלויז
אַף העניריקאָווסקין, וועלכער איז באַוווּסט געווען אלס גוטער רעדנער, פּובליציסט און פײַקער
אָרגאַניזאַטאָר, האָבן געלייגט גרויס אַכט ניט בלויז דער צענטראַל־קאָמיטעט, נאָר אויך אייני־
קע פון די גאָר הייסע פּאַרטיי־אַקטיוויסטן.
— דער יונגערמאַן, — פלעגן זיי אָפּטלעך אָנדײַטן אַף העניריקאָווסקין, — דער יונגערמאַן
קען, וויל און וועט נאָך א סאַך אופטאָן!..
דער נײַ־אָנגעקומענער ווינטער איז געווען א בײַסנדיק קאַלטער. קראַנק ווערנדיק אַף
די לונגען, איז מיר נאָך דרײַ וואָכן זיך געפינען אין א הייל־אַנשטאַלט דערלויבט געוואָרן
פאָרן זיך היילן אין מאָסקווע, פונוואַנען איך בין פריִער געשיקט געוואָרן אהער אלס פּאַרטיי־
פונקציאָנער. קעדיי איבערצוגעבן אַלע מײַנע פאַרבינדונגען, האָב איך געהאַט א באַגעגעניש
מיט העניריקאָווסקין און יויסעף לעוואַרטאָווסקין. ווײַל דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אין
דער פּראַגע וועגן זייער איבערגיין אין אונדזערע רייען אײַנגעשטימט מיט סטאַכס פאָרשלאָג,
איז באַ זיי ביידן געווען א מונטערע, געהויבענע שטימונג.
— אָפּגעשניטן פון דעם פאַלשן נעכטן! — האָט העניריקאָווסקי ענערגיש א מאַך געטאָן
מיט דער האַנט.
— גוט אזוי, — האָט אויך יויסעף לעוואַרטאָווסקי אײַנגעשטימט, — גוט!..
מיט דעם וועג, מיט וועלכן איך בין מיט העכער צוויי יאָר צוריק אהער געקומען, בין
איך ווידער אוועק אין מײַן געגאַרטער היים...

■ ■ ■

ניַע שטימען

דאָס פּאָרפּאָלק בראָכע און ארן בורשטיין לעבט און ארבעט אין דער אוראלער שטאָט פּערם.ביידע זיַינען זיי פון איין עלטער — געבוירן געוואָרן אין 1934.

בראָכע בורשטיין איז אן אָפּשטאמיקע פון טשערנאָוויץ. איר פאָטער איז געווען א וועג־ארבעטער, די מוטער — א לערערן. אין 1953 האָט זי אין טאָמסק פארענדיקט הינטער־אויגיק (איבער א שווערער קרענק) די מיטלשול, אין 1958, נאָכן פארענדיקן דעם סווערדלאָווסקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, האָט די אָנגעהויבן ארבעטן אלס הויפּט־קאָנסטרוקטאָר פונעם פּערמער עלעקטראָטעכנישן זאוואָד. איינציַיטיק איז די אָנגעקומען זיך לערנען אין דער הינטער־אויגיקער אספּיראנטור. היַינט־צו־טאָג איז בראָכע בורשטיין דער אָנפירער פון א קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ אין אן אָפּטייל פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר.

ארן בורשטיין איז געבוירן געוואָרן אין קיִעוו. זיַין פאָטער איז געווען אן אגראָנאָם. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, איז דער טאטע אוועק אפן פראָנט און די מישפּאָכע האָט זיך עוואקויִרט. גלייַך נאָך דער מילכאָמע זיַינען זיי איבערגעפאָרן קיין ביראָבידזשאן, ווו ארן האָט באקומען מיטלבילדונג. אין 1957 האָט ער פארענדיקט דעם ראדיִאָ־פאקולטעט פונעם טאָמסקער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און אין משך פון 15 יאָר געארבעט אלס קאָנסטרוקטאָר, שעף פון א לאבאָראטאָריע, פון א צעך און פון א קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ אפן פּערמער טעלעפאָן־זאוואָד. איצט איז ער אן עלטערער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער אין א טעכנישן וויסנשאפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט.

בראָכע און ארן בורשטיין האָבן פארעפנטלעכט א ריי דערציילונגען אין די אוראלער רוסישע פּעריִאָדישע אויסגאבעס. די דערציילונגען, וועלכע מיר דרוקן היַינט, איז זייער דעביוט אין ייִדיש.

בראָכע און ארן בורשטיין

ניט קיין אויסגעטראכטע דערציילונגען

אונדזער אלעפּבייס

ביטערע מילכאָמע־יאָרן. זיי האָבן זיך ניט אַף אזויפיל דערוויַיטערט פון אונדז, מע זאָל זיי קאָנען אָדער ווען פארגעסן. דער אָטעם פון דער פארגאנגענער מילכאָמע וועט זיך נאָך לאנג לאָזן פילן, וויַיל די מערהיַיט פונעם היַינטיקן דאָר זיַינען מילכאָמע־קינדער. די פּאסירונגען פון יענע יאָרן האָבן ניט בלויז איבערגעלאָזט אן אומפארגעסלעכן שפּור, זיי האָבן אויך געהארטעוועט אונדזערע כאראקטערן, פאָרמירט די באציִונג פון איינעם צום אנדערן און צו דעם גאנצן ארום. געווינג נאָר זיך א גריבל טאָן אינעם אייגענעם זיקאָרן, וועט זיך יעדערער געוויס דערמאָנען עטלעכע בוילעטע פּראָטים. מיר ווילן אויך ברענגען א געשיכטע. בלויז איינע.

אן אינטעליגענטע ייִדישע מישפּאָכע האָט פאר דער מילכאָמע געוווינט אין א גרויסן קולטורעלן ייִשעוו ניט וויַיט פון דער סאָוועטישער מיַירעוו־גרענעץ. די מישפּאָכע האָט

געלעבט ברייט און פרײַ. די דערוואקסענע מיטגלידער האָבן זיך געייסעקט יעדערער אין זײַן איניען, און מיטן יונגוואַרג — צוויי כייינעוודיקע מיידעלעך פון זיבן און פון פיר יאָר — האָט זיך פאַרנומען די ניאַניע מאַרי.

די מילכאָמע האָט צעשטערט די אידיליע.

עוואַקויִרנדיק זיך, האָט די מישפּאָכע בעיאַד געהאַט זיך אָפּשטעלן אין איינער פון די שטעט, וואָס מ׳איז דורכגעפאָרן, און פאַרבלײַבן דאָרט. נאָר מע האָט מוירע געהאַט פאַר עלנטקײַט — האָט מען זיך צונויפגערעדט מיט נאָך עטלעכע אַזעלכע מישפּאָכעס זיך ניט צעשיידן אין וועג. אַזויאַרום האָט מען זיך אַלע אינײינעם דערקליבן אַזש קימאַט אָף צאָפן פון סיביר. דאָס מאַטערניש פון דער עוואַקויִרטער מישפּאָכע (וועגן איר איינער גייט דאָ אַ רייד) איז גרינג זיך פאָרשטעלן. גענוג צו זאָגן, אַז דעם עלטערן מיידעלע איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו זײַן די שפּײַזגעבערן פאַרן גאַנצן הויזגעזינד.

עפּעס פאַרגעדענקט אַ מענטש מיטן מויעך, עפּעס מיטן האַרצן, נאָר אומאָפּהענגיק דערפון — אַלץ, וואָס עס פאַרגעדענקט זיך אונדז פון קליינווײַז אָן, שטעלט מיט זיך פאָר דעם אַלעפבייס פון אונדזער קינדהײַט. יעדער מענטש האָט זיך זײַן אייגענעם אַלעפבייס — אַ גרעסערן אָדער אַ קלענערן, אַ מער אָדער ווייניקער אינטערעסאַנטן; באַ יעדן איז זײַן אַלעפבייס, פאַרשטייט זיך, דער טײַערסטער.

שוין ניט איין יאָר, זינט איך האָב זיך דערפילט אַלס אַ דערוואַקסענער מענטש, קלײַב איך זיך באַזוכן די ערטער, ווו ס׳זײַנען דורכגעלאָפן מײַנע קינדער־יאָרן. נאָר עס באַקומט זיך אַלץ ניט: אָדער דער אורלויב איז ניט אין קיין פּאַסיקער צײַט, אָדער דו האָסט באַקומען פּוטיאָווקעס... און אַז עס בלײַבט שוין אינגאַנצן נישט קיין סיבעס ניט צו פאַרווירקלעכן דעם באַגער, הייבט אָן אָפּהאַלטן די ווײַטקײַט, די שווערקײַט פון דער נעסיִע, כאָטש, צוריקגערעדט, איז דאָס באַ הײַנטיקע צײַטן גאָר ניט אַזוי ווײַט: אינגאַנצן אַ מינע זיבן הונדערט קילאָמעטער פונדאַנען. אָבער וואָס פאַר אַ מעהאַלעך! ביז הײַנט געדענק איך דאָס נאָך, ווי מע זאָגט, מיט אַלע פּישטשעווקעס. לעכאַטכילע דאַרף מען אַ שטיק וועג דורכמאַכן מיטן עראָפּלאַן, ווײַטער לאַנג שווימען מיט אַ קליין שיפל, דערנאָך זיך איבערזעצן אָף פערד, און ווײַטער... ווײַטער דאַרף מען בײַקומען זומפּן מיט קאָטשקעס. דער וועג אַליין איז, מיילע, נאָך צו דערלײַדן, מענטשן פאָרן דאָך! נאָר טאָמער מאַכט זיך אונטערוועגס אַ רעגן — און אַזוינס איז אין יענע קאַנטן ניט זעלטן, — צעגיסט זיך דאָס וואַסער איבער די בלאָטעס און מע בלײַבט שטעקן אָף לאַנג.

די שטרעבונג אָבער איז באַ מיר געווען אַזוי גרויס, אַז פאַראַיאָרן זומער, צוריקפאָרנדיק פון דיקסאָן, ווו מיר זײַנען געווען אָף אַ לוסטרײַזע, האָב איך זיך ניט אײַנגעהאַלטן און אַראָפּגעשטיגן אין טאָמסק. דאָרט בין איך גלײַך אַרײַן אין דער אַוויִאַ־אַגענטור און האָב גענומען שטודירן די רעשימע פון די אַרטיקע ליניעס.

שוין די ערשטע שורע פונעם צעטל ערטער, מיט וועלכע טאָמסק איז פאַרבונדן דורך דער לופט, האָט דערוועקט אין מײַן זיקאָרן אַ גאַנצע ריי דערינערונגען. בילדער פון מײַן פאַרגאַנגענער קינדהײַט האָבן ווי אופגעבליצט באַ מיר אין מויעך. ס׳איז מיר געוואָרן פריילעך און גוט אָפן האַרצן. אָט, לעמאָשל, טאָמסק — קאַרגאַסאָק. פריִער זײַנען אַהין געגאַנגען נאָר שיפן. ווינטער־צײַט פלעגט דער טײַך פאַרפרוירן ווערן און מײַן כאַווערטע נאָנקע האָט דערנאָך לאַנגע כאַדאָשים געוואַרט אָף אַ יעדיִע פון דער היים: ווינטער האָט מען אין יענער „אויסרײַסעניש” אַפילע די פּאָטשט צוגעשטעלט זייער זעלטן. און הײַנט!

אָט איז נאָך אַ ליניע: טאָמסק... דאָס האַרץ טוט אַ שפּרינג אונטער און הייבט אָן האַסטיק צו קלאַפּן, אין די אויגן שטעלן זיך טרערן. כ׳האָב זיך גאָר ניט געריכט אָף דעם. קיין שום מאַטערנישן — זעץ זיך און פאָר, און גלײַך אין מײַן דאָרף אַרײַן! אָט אַזוי פליט די צײַט. ס׳גלייבט זיך מיר פאָרט ניט. איך וויל זיך גענוי דערוויסן און פרעג זיך אָן אין דער ספּראַוואָטשנע. יאָ, עמעס, עס איז פאַראַן אַ גלײַכע רעגולערע ליניע ביזן סאַמע אָרט. ווו זשע זעצן זיך דאָרט די עראָפּלאַנען? אַ סוואָרע, באַם גרענעץ־געביט, איבער צוויי הײַזער פון אונדזער אַמאָליק שטיבל, ווו ס׳איז געשטאַנען אַן איין־און־איינציקע קרומע בערעזע? און עפּשער גאָר אין דער צווייטער זײַט, ווו ס׳זײַנען געווען די פעלדער פונעם קאָלווירט „דער צווייטער פּינפיאָר”? דאָרט האָט געוווינט אַליק און גענקע סיבירצעוו. אין יענער זײַט האָט אונדז דער וועג געפירט אין שול אַרײַן, אינעם שכיינישן דאָרף (באַ אונדז איז קיין שול ניט געווען), איצט, זאָגט מען, גייט דאָרטן דורך דער הויפּט־וועג פון סיביירער נאַפט. ווו זשע זעצן זיי זיך פאָרט, די עראָפּלאַנען?

איך בין צוגעגאַנגען צו דער סטאָיקע, ווו מע האָט רעגיסטרירט די בילעטן אָף דעם דאָזיקן רייס. מיט גרויס נײַגער האָב איך באַטראַכט די פּאַסאַזשירן. אָט שטייט אַ באָכער אין אַ גרינער ברעזענטענער קורטקע מיט אַ געקרײַזלטער באָרד און מיט אַ גרויסן רוקזאַק אָף די פּלייצעס. צוויי מיידלעך, אַפּאָנעם סטודענטקעס — ווײַזט אויס, פון אורלויב. איך דערמאָן זיך: דער ערשטער עראָפּלאַן איז

דורכגעפלויגן איבער אונדזער דאָרף ערשט אינעם אכט־און־פערציקסטן. א קליינינקער „אָר־2", האָט ער זיך לאַנג געדרייט נידעריק באַ דער ערד, גלײַך ווי ער וואָלט געזוכט צווישן די קוסטעס און קאַטשקעס א פּאַסיק אָרט אַף אַראָפּלאָזן זיך, האָט, ווײַזט אויס, ניט געפונען און איז אוועקגעפלויגן. דאָס גאַנצע דאָרף — קליין און גרויס — איז נאָך לאַנג גע־שטאַנען מיט פאַריסענע קעפּ, געקוקט אין הימל און אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט: עפּשער וועט ער זיך אומקערן. אלע האָבן, פאַרשטייט זיך, זייער געוואָלט וויסן די סיבע פונעם וויזיט. אויסגעקלאָרט האָט זיך עס שוין אין א לאַנגער צײַט ארום. דאָס האָט מען געזוכט אן אָרט פאַר די ערשטע גאַלאָגן, וועלכע האָבן דער־נאָך געפונען דעם סיבירער נאַפט.

דער זיקאָרן קערט מיך אום צום אָנהייב פון דער מילכאָמע. מיר ראַטעווען זיך פון די דײַ־טשישע מערדער. אונדזער שיינע, ציכטיקע, בלײַענדיקע שטאָט אין די וואַרעמע קאַנטן פון אוקראַיִנע, אירע שטילע, גרינע גאַסן און סע־דער, ווו ס'איז אַזוי לוסטיק און אָנגענעם צו שפּאַצירן מיט די עלטערן, אונדזער היימלעכע, ליכטיקע, געראַמע שטוב מיטן ברייטן באַלקאָן אַפן צווייטן שטאָק, מײַנע שפּילעכלעך — אַלץ, וואָס איז אונדז אַזוי טײַער און ליב, אַלץ לאָזן מיר איבער און פאָרן אוועק ווײַט־ווײַט, אין טיף רוסלאַנד. איך בין שוין א גרויסע אין מײַנע זיבן יאָר און פאַרשטיי אַלץ. אַלנפאַלס, אין שײַכעס מיט די פאַשיסטן מאַך איך זיך ניט קיינע אילוזיעס, און, פאָרנדיק מיטן באַן אין עוואַקואַציע, זאָג איך זיך אָפּ פון בעטגע־וואַנט — איך גרייט זיך צו די פאַרשטייענדיקע שוועריקײַטן. אָ, ווען עמעצער פון אונדזערע עלטערע לײַט וואָלט זיך גאָר געקאָנט פאָר־שטעלן כאָטש א מינדסטן טייל פון די שוועריַ־קײַטן, וואָס שטייען אונדז פאָר!

מיר האָבן געהאַט דאָס גליק זיך פאַרקלײַבן אין א קליין פאַרוואָרפן סיבירער דערפל, ווו צו יענער צײַט האָט מען נאָך ניט געוווּסט ניט פון קיין עלעקטרע־שײַן, ניט פון קיין ראַדיאָ, שוין אָפּגערעדט פון וואַסערלייטונג. מיר זײַנען לאַכלוטן ניט געווען צוגעפּאַסט צו די אומבאַק־וועמלעכקײַטן פונעם דאָרף־לעבן, און כוץ אַל־געמיינע שוועריקײַטן, וועלכע אלע האָבן איבערגעטראָגן, האָבן מיר נאָך שטאַרק געליטן זומער פונעם גנוס און ווינטער פון די קעלטן. באַזונדערס די ערשטע אַנדערהאַלבן־צוויי יאָר. דרײַסיק יאָר... אין א מענטשנס לעבן איז עס א מאַמאָשעסדיקער כיילעק. אָט די מיידלעך, וועלכע שטייען איצט אין ריי צו דער רע־גיסטראַציע, זײַנען, מעגלעך, טעכטער פון מײַ־נע שול־כאַווערטעס. און אָט — אַעראָפּלאַנען פליִען אויך אין יענעם דאָרף. און עפּשער איז דאָס שוין ניט קיין דאָרף, נאָר גאָר א שטאָט? מע זאָגט, אז דאָרטן זײַנען אויסגעוואַקסן גרוי־סע מויערן, כאָטש אַף א סאַך קילאָמעטער ארום געפינט מען אין יענע ערטער קיין שטיין ניט.

און דאָ איז מיר פּלוצעם אויפגעקומען א נײַער געדאַנק. כ'האָב זיך גוט באַטראַכט און האָב פאַרשטאַנען, אז מײַן דאָרף איז שוין ני־טאָ. ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אז פאַרווירק־לעכן מײַן באַגער אין דער פולער מאָס וועט זיך מיר שוין קיינמאָל ניט אײַנגעבן. די באַ־געגעניש, צו וועלכער איך שטרעב אַזוי שטאַרק, קאָן מיר איצט ברענגען סײַ פאַרגע־ניגן, סײַ אַגמעסנעפעש, לעכאָלהאַפּאָכעס פיל מער אומגעריכטס, ווי איך האָב זיך פאָרגע־שטעלט.

טשיזשיק

טשיזשיק — דאָס האָט ניט קיין שײַכעס צו דער מילכאָמע. אויך אין א הונדערט יאָר ארום וועלן די קינדער פון אונדזער דאָרף אויך פאַר־שרײַבן דעם טשיזשיק אינעם אלעפבייס פון זייער קינדהײַט. ווײַל מיט אָט דעם איידעלן נאָמען האָט מען גערופן אונדזער פריילעך טײַכל.

א זומערדיקער טאָג. די היץ איז גרויס, קיין מענטשן זעט מען ניט. די כײַעס און די פייגל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין שאָטן. בלויז ביי־נען זשומען אין די קוויטן און גרויסע בײַסיקע פליגן הודען בייז, שמײַענדיק איבער זייער רויב. טשיזשיק דרעמלט, קוים וואָס ער רירט זיך. דאָס וואַסער איז סאַמעט־מילד, און אין זײַן גלאַנציקן אויבערפלאַך שפּיגלען זיך די גרינע ברעגן און שיטערע ווײַסינקע קוטשע־ראַווע וואָלקנדלעך.

איך האָב ליב אין דער שטילער צײַט פון מיט טאָג שפּאַצירן אַפן ברעג פונעם טײַכל. פּאַשעט גיין פון דער אַלטער מיל אַן און ווײַ־טער, אונטער דער טשעריאָמוכע, דורך די ווײַמפּערלעך־קוסטעס, און נאָך ווײַטער, ווו דער געדיכטער סיבירער וואַלד גייט צו צום סאַמע ברעג טײַך. איך לאָז זיך אַראָפּ צום וואַסער, גיי אַרײַן ביז די קני און דערפיל מאַ־מעש דעם טאַם פון גאַניידן: דער זאַמדיקער גרונט שפּרייט זיך פרײַנטלעך אונטער די פיס, דאָס וואַסער לאַשטשעט ווייך און מילד די צעהיצטע הויט, וואַסער־גראָזן קיצלען אָנגע־נעם די פּיאַטעס. דער רויִקער פלוס פונעם טײַכל שפּאַרט זיך ווייך אָן אין די פיס, גלײַך ווי ער וואָלט אײַנגעלאַדן מיטגיין מיט אים, און איך לאָז זיך גיין. איך גיי פאַרכאָלעמט,

ס׳איז מיר פריילעך און גוט אפן הארצן, און ס׳דוכט מיר, אז כ׳בין איינע אף דער גאנצער גרויסער וועלט, און דאָס טײַכל איז א סוי־דעספולער וועג פון וווּנדערבאַרע אנטדעקונגען.

פלוצעם טוט א שפּריץ לעבן מיר א פאָנטאַן פון דריבנינקע דימענטענע טראָפּנס און צע־פלאַקערט זיך אף דער זון מיט אלע קאָלירן פון רעגנבויגן. דאָס באָדט זיך א וואסער־פיי־געלע. אָט שטיפן אפן ברעג עטלעכע זומפּ־פייגל — קוליקעס.

אָבער מער פון אלץ האָב איך ליב צו שפּירן נאָך די העכט. דאָס האָב איך צו פאַרדאנקען מײַן כאווער ליאָנקע פּאָליאַקאָוון, פון די היגע. אויב גיין שטילערהייט באַם סאמע ברעג און אופמערקזאַם קוקן אין טײַך אריַין, קאָן מען אין דער ליטערער וואסער זען לעבן די דער־טרונקענע וואָרצלען טונקעלע לענגעכיקע שטי־קער האָלץ. זיי שיידן זיך אונטער נאָר לויט דער גרייס. אלע זעען זיי אויס אלציינס: טומ־פּע עקן פון ביידע זײַטן, איינער — ווי א צע־קוועטשטער, דער אנדערער — ווי א פאַרשניצ־טער. דאָס זײַנען העכט. זיי ווארעמען זיך אף דער זון. גלאַט אזוי דערקענט מען זיי ניט — א שווארץ שטיקל האָלץ, און גאָר. אָבער אז מע קוקט זיך גוט אײַן — גאָט מײַנער, סארא מינע שרעקלעכע בייזע צורעס! זיי ליגן אומ־באוועגלעך, בלויז די פלוספעדערן זייערע רירן זיך קוים, ווי פון א לײַכט זומערדיק ווינטל.

מיר האָבן געפרווּוט כאפּן אָט די שלעפּערי־קע העכט. קיין האָקנדלעך דערצו האָבן מיר ניט געהאט, פלעגן מיר מאכן שלייפן פון פער־דישע האָר. די האָר האָבן געדארפט זײַן וואָס לענגער, און דעם לענגסטן עק האָט אין אונד־זער אומגעגנט פאַרמאָגט סערקאָ — א קורצזיכ־טיק נערוועז אלט פערד, וואָס האָט נאָך פאַר דער מילכאָמע פאַרדינט א קאָשערע פּענסיע און איצט, בעיין־ברירע, געמוזט זיך מאטריַע־זײַן און ווײַטער שלעפּן דעם שווערן אָל פון א באַהעלפער פאַר מענטשן. אלעמאָל, ווען מיר האָבן זיך געקליבן גיין כאפּן פיש, פלעגט ליאָנקע פּאָליאַקאָוו גיין אויסרײַסן א האָר פון סערקאָס עק. מיר פלעגן מאכן פון דער האָר א שלייף, אים צובינדן צום שפּיץ פון א לאַנג דין שטעקל, און ווײַטער איז די כאָכמע פון כאפּן פיש באַשטאַנען אין דעם, וואָס דעם שלייף האָט מען באַדארפט מיט גרויס פאַרזיכ־טיקײַט אונטערפירן אונטער דעם העכטס קאָפּ און געבן א גוטן ריס, קעדיי דער שלייף זאָל זיך פאַרציִען אונטער די דעקלעך פונעם העכטס זשאַברעס. איינמאָל האָט זיך דאָס אונדז אײַנ־געגעבן.

אלע אונדזערע ניסיוינעס מיט כאפּן פיש האָבן זיך אלס קלאַל געענדיקט אלציינס: די פיש פלעגן זיך צעלויפן, און דער שלייף — זיך פאַרטשעפּען פאַר עפּעס און זיך צערײַסן.

מיט טיפער ליבע דערמאָן איך זיך אויך אינעם ווינטערדיקן טשיזשיק. קאָיאָר. אין דאָרף פלעגט מען ווינטער־צײַט פרי ניט אופשטיין — מע האָט געזשאַלעוועט קעראָסין. אפן הימל מערקט זיך קוים דער בלאסער שפּעטער מאָרגנשטערן. גרויע רויכן שטעקן פון די קוי־מענס, ווי סטויפעס, גלײַך אין הימל אריַין. די פרישע לופט שמעקט מיט פראָסט. דער שניי סקריפּעט שארף, און די בלעכענע העמערס, וואָס איך טראָג, קלינגען אָפּ אין דער פראָס־טיקער שטילקײַט ריין און הילכיק.

אף ווינטער באהאלט זיך טשיזשיק אונטער א דיקער פוכיקער קאָלדרע פון אײַז און שניי. פון אויבן דערלויבט ער די קינדער זיך שפּילן, זיך גליטשן, און אונטער דער קאָלדרע טראָגט ער זײַנע ציכטיקע וואסערן — פויל זיך נאָר ניט, שעפּ.

איך האָב ליב גיין נאָך וואסער די ערשטע, ווען די סטעזשקע צום טײַכל איז נאָך ניט דורכגעטראָטן. אויב אפילע באנאכט איז קיין זאווערוכע ניט געווען, פלעגט די סטעזשקע סײַוויסײַ פאַרפּאַראָשעט ווערן מיט דינינקן ווײַסן שניי. איך גיי ארויס צום טײַך אפן הויכן ברעג. אף דער אנטקעגנדיקער זײַט איז דער ברעג א ביסל נידעריקער און דאָרט וואקסט שוין דער עמעסדיקער וואלד. די טונקלקײַט האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער טיפעניש און וויל בעשום־אויפן ניט ארויס פון דאָרטן. דער וואלד איז אויסערגעוויינלעך שיין: די טאַנען, וואָס שטייען פון פאָרנט, זײַנען אָנגעטאָן אין שווערע האָריקע פעלצן, בערעזעס און אָסינעס שטרעקן אין דער הייך זייערע נאַקעטע הענט, פאַרווײַסטע מיט פראָסט־טוי, די צווײַגן פלעכטן זיך איבער אין א מערקווירדיקן געוועב, וואָס לויכט זיך דורך אפן טונקל־בלויען פרימאָרגנ־דיקן הימל.

איך לויף צו דער פּאָלאָנקע. די עמערס שפּרינגען פריילעך אונטער אף מײַן קאָראָ־מיסל. בא דעם וואסער איז דער שניי אויסגע־טראָטן מיט קאָלערליי שפּורן. מאמעש אָן אָפּע־נער בוך — נעם און לייען אים. מער פון אלע־מען האָט אָנגעציילעמט א סאָראָקע. זי איז, זעט אויס, געווען ניט אליין. א קייטל געהיטע שפּורן פון א האָז, צוערשט — רויִקע און ווײַ־טער — מיט א שפּרונג. עמעצער האָט דאָס הע־זעלע באַאומרויִקט? אהאַ! אָט איז ער טאַקע: מיטן עק פאַרקערט די סימאָנים — דער פוקס אליין. און פעלד־הינער זײַנען דאָ אויך צוגאסט געווען. פאַר דער נאכט איז דאָס וואסער אין דער אײַז־לאָך פאַרפרוירן געוואָרן. איך בייג זיך אָן ני־דעריק־נידעריק איבערן טונקעלן שפּיגל אינעם ווײַסן רעמל פונעם אײַז־ברונעם און צעשטויס

מיטן עמער דאָס אײַז. ארום מיר איז קײנער ניטאָ. ס'איז זײער שטיל. איך הײב זיך אויף, שטײ פאַרגאַפט איבער דער אײַז־לאָך און וואַרט: טאָמער פּלוצעם באַווײַזט זיך פון דאָרט דער וואַסער־שעד אָדער עפּעס אן אנדער מין כּידעש. קײן מוירע האָב איך ניט, דאָס האַרץ הײבט אָן זיס קלעמען און דעם גאַנצן גוף נעמט ארום אַן אַנגענעמע מאַרעשכוירע.

צוריק גײ איך פּאַוואָליע, אײַנגעבויגן אונטער דער שווערקײַט פון די צווײ פולע עמערס. דאָס וואַסער שאָקלט זיך אין די עמערס, און די געטראָפּענע אַהין שטיקלעך אײַז רײַבן זיך שטיל אינעם בלעך. דער מאָרגנשטערן פאַרנעמט זיך העלער אין הימל.

מײַן געבורטסטאָג

קראָפּעווע בריט. דאָס ווײסן אלע. אָבער אז זי טויג צום עסן, האָב איך זיך אין מײַנע אכט יאָר גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן. כ'האָב זיך דערוווּסט וועגן דעם ערשט בײס דער מילכאָמע, אין עוואַקואַציע. פון איר, לאָזט זיך אויס, קאָן מען קאָכן א באָרשטש, א קאַשע, אפילו פּלעצעלעך באַקן. קעדײ אָנהאָדעווען דאָס גאַנצע הויזגעזינד, אויב ס'איז ניטאָ אין שטוב מער גאָרנישט, כּוץ א מעסטעלע טווע, דאַרף מען אָנקלײַבן טאָגטעגלעך א גרויסן זאַק מיט אָט דעם גוטס. און דער כּיווו פון קלײַבן די קראָפּעווע איז אין אונדזער שטוב געלעגן אָף מיר.

ביז דער מילכאָמע פלעג איך זיך אָפּט וווּנדערן און בײזערן, ווי שטאַרק ס'איז זיך צעוואַקסן אָט דאָס דאָזיקע ברײַענדיקע גראָז אין די סאַמע שענסטע ערטער. ווען ניט די קראָפּעווע, וואָלט אזוי גוט געווען צו באַהאַלטן זיך אונטער די פּלויטן, צווישן די קוסטעס, אין סאַד. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אז מיט איר איז פאַרפלײצט די ערד. און איצט — פונקט דער הײפּעך: זײער ווײניק קראָפּעווע. איך האָב זי שוין אויסגעצופּט אין די שכײנישע גערטענער, בא די פּלויטן און קוסטעס, און געבליבן איז זי איצט נאָר דאָרט, פונוואַנען עס איז שווער געווען זי צו דערלאַנגען — אפן ברעג פונעם טשיזשיק, צווישן די שטענגלעך פון ווײַמפּערלעך און טשעריאָמוכע. אַהין האָט מען געדאַרפט זיך דורכרײַסן דורך פאַרוואַקסענישן פון בורדיקעס און פאַרשײדענע אנדערע גראָזן, קלעטערן איבער אומגעפאַלענע בײמער, זיך אַריבערקלײַבן איבער א צעפוילט בריקל און איבערגײן עטלעכע גרויסע קאַליוזשעס, ווו דאָס וואַסער איז דערגאַנגען ביז די קני. אַמאָל בין איך דאָרט אפילו פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן.

און דערפאַר האָב איך זיך ארומגעטראָגן מיט א טרוים. אײן מאָל, אין מײַן געבורטסטאָג, זאָל איך נאָך קראָפּעווע ניט גײן. ניט גײן, און שוין! און דאָס וועט זײַן אן אויסערגעוויינלעכער טאָג. אזוי האָבן מיר אָפּגערעדט מיט דער מאַמען.

אינעם טאָג פון מײַן געבוירן האָב איך זיך אופגעכאַפּט זײער פרי. אלע זײַנען נאָך געשלאָפן, נאָר די זון האָט זיך שוין אופגעהויבן גאַנץ הויך און האָט ארײַנגעקוקט אין פענצטערל מיט א פּאָר ליכטיקע שטראַלן. אין דרויסן האָבן פרימאָרגנדיק־פרײלעך געזונגען פײגעלעך. איך האָב זיך גלײַך דערמאָנט, אז הײַנט איז מײַן געבורטסטאָג, אז נאָך קראָפּעווע גײ איך הײַנט ניט, און די שטימונג איז געוואָרן גאָר א דערהויבענע. כ'האָב גענומען טראַכטן, טרוימען, און פּלוצעם האָב איך א קלער געטאָן: „וואָס זשע וועלן מיר הײַנט עסן?" מעגלעך, דער געדאַנק איז מיר אופגעקומען טאַקע איבער דעם, וואָס דער הונגער האָט זיך שוין פון לאַנג געלאָזט פילן, אָבער כּוץ קראָפּעווע האָט מען אפילו גאָרנישט ניט געקאָנט צוטראַכטן. און קראָפּעווע איז נאָך פאַרבליבן בלויז אינעם אויסבײג פונעם טשיזשיק, לעבן דער אלטער מיל. אַהין דאַרף מען לאַנג גײן מיטן ברעג טײַך, זיך נידעריק אונטערבײגן, שלײַכלענדיק זיך אונטער די צווײַגן פון דער הענגענדיקער טשעריאָמוכע, זיך איבערקלײַבן איבער א טאָל און אויסמײַדן א גרויסע גרוב. וויאַזוי זשע וועט די מאַמע געפינען דאָס אָרט? נײן, אויב די מאַמע וועט גײן אַהין, וועט זי בעשום־אויפן ניט אָנעמען קײן זאַק קראָפּעווע.

ס'איז מיר א ראַכמאָנעס געוואָרן אָף דער מאַמען. איך האָב זיך שטילינקערהײט אראָפּגעגליטשט פונעם אָפּן־אויוון, קעדײ קײנעם ניט אופוועקן, ס'איז נאָך געווען זײער פרי, — אינמיטן זומער גײט אין סיביר די זון קימאַט ניט אראָפּ פונעם הימל, — זיך ארויסגערוקט אין פאַרהויז, אָנגעטאָן דער מאַמעס גרויסע שטיוול און ארויס אינעם קילן פרימאָרגן.

דאָס איז געווען א וווּנדערלעכער טאָג!

אונדזער קו

פון קינע האָב איך קימאַט קײנמאָל ניט געוווּסט. נאָר די שכײנים, וועלכע האָבן געהאַט בעהײמעס, בין איך פאַרט מעקאַנע געווען. אינעם ווײַטן סיבירער דאָרף, וווּהין מיר זײַנען געקומען פון א גרויסער שײנער שטאָט בא דער מײַרעוו־גרענעץ, האָט זיך מיר זײער געוואָלט, מיר זאָלן אויך האָבן א קו, זײַן מיט לײַטן גלײַך.

ס'איז דאָך געווען אזוי שיין! פּאַרנאַכט פלעגט זיך די סטאַדע אומקערן פון פּאַשע. זי האָט זיך געלאָזט הערן נאָך פונדערווײַטנס מיטן קלאַנג פון די מעשענע גלעקלעך אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט, מיטן הויכן מוקען פון די בעהיימעס מיט די איבערגעפולטע אײַטערס און מיטן קנאַלן פון די בײַטשן פונעם קרומען פּאַסטעך וואַנקע דאַלגאָפּאַלאָוו און זײַן באַהעלפער.

דערנאָך פלעגט זיך די סטאַדע באַווײַזן אין דאָרף. די בעהיימעס האָבן גאַדלעסדיק געשפּאַנט דורך דער איין־און־איינציקער גאַס. זיי האָבן גוט געקענט זייערע הויפן און פלעגן צולויפן צו די טויערן, קורץ און אומגעדולדיק מוקענדיק. די באַלעבאָסטעס האָבן מיט ליבלעכע שטימען זיי באַגעגנט.

בלויז צו אונדזער הויף פלעגט פון דער סטאַדע קיינער ניט קומען, און דעריבער האָט זיך מיר געדאַכט, אז מיר זײַנען ניט אַזעלכע ווי אַלע מענטשן. כ'האָב זיך אפילו א ביסל געשעמט.

ענדלעך האָט די מאַמע אויסגעביטן אייניקע אירע פּאַרמילכאָמעדיקע זאַכן, וועלכע זי האָט נאָך ניט באַוויזן אָנצוטאָן, אַף א קעלביקער טעלעצע. די טעלעצע איז געווען א קורצע — קלענער פון אַלע בעהיימעס אין דער סטאַדע, אָן הערנער, און געהאַט האָט זי א זעלטענעם גרויברוינעם קאָליר: גלײַך ווי א בער. טאַקע איבער אָט דעם אומגעוויינלעכן קאָליר און דעם גלאַטן קאָפּ האָט זי וואַנקע דער פּאַסטעך אָפּטמאָל אָנגענומען פּאַר א בער (די בערן זײַנען אין די מילכאָמע־יאָרן האַזעדיק געוואָרן און פלעגן זיך פרײַ פּאַשען אין די מאַלינעס לעבן די סאַמע גערטענער). טאַקע איבער אונדזער טעלעצע האָט וואַנקע, ווען א בער האָט זיך אײַנדערעמעסן ארײַנגעכאַפּט אין דער סטאַדע, אים פּאַשעט ניט באַמערקט — געמיינט, ס'איז אונדזער קו. גוט נאָך, וואָס דער בער האָט זיך אליין פּאַר עפּעס דערשראָקן און האָט קיינעם ניט פאַרצוקט.

נאָר דאָס אַלץ איז געווען מיט א צײַט שפּעטער. און לעכאַטכילע האָבן מיר געפירט די נײַ־געקויפטע טעלעצע אהיים אַלע אינײנעם — גרויס און קליין. מאָלט אײַך, ס'הייסט נאָר — געפירט, ווײַל גיין מיט פרעמדע מענטשן איבער דער גאַס האָט זי בעפּייִרעש ניט געוואָלט. בעשום־אויפן, כאַטש האַק זי און בראָק זי! האָט זי די מאַמע געשלעפּט נאָך פּאַר א שטריק, די באָבע האָט אונטערגעשטופּט די טעלעצע פון הינטן, און איך מיט מײַן קלענערער שוועסטער האָבן זי געשמיסן איבער די זײַטן מיט דינינקע ריטעלעך און שטאָלץ געקוקט אַף די מענטשן, וועלכע זײַנען געגאַנגען אנטקעגן. דער מאַמען מיט דער באָבען אָבער איז געווען ווײַט צום געלעכטער. אונדזער פּראָצעסיע האָט צונויפגענומען א היפּש ביסל נײַגעריקע צושויער, און דעם גאַנצן וועג האָבן זיך פון אַלע זײַטן געשאָטן אײַצעס, ווי בעסער זיך נויהעג צו זײַן. סאָפקאָלסאָף האָבן מיר זיך דערקליבן אהיים און אין א גוטער שאָ אויך געוואָרן באַלעבאַטים פון א בעהיימע.

אַצינד פלעגט אויך צו אונדזער טויער פאַרנאַכט אומגעדולדיק צולויפן א קו. מיר פלעגן זי אויך אונטערריאַגן, פּאַטשנדיק מיט דער האַנט איבער איר וואַרעמער זײַט, און פון אונדזער שטאַל פלעגט זיך אויך לאָזן הערן א הילכיקער קלאַנג פון שטײַפע שטראָמען מילך איבערן עמער. דערנאָך פלעג איך שפּאַנען צו דער „מאַלאַקאַנקע”, ס'פלעגן מיך אָניאָגן באַקאַנטע יינגלעך און מיידלעך, און ביז מיר האָבן דאָרט איינער נאָכן אנדערן שווער געדרייט דאָס הענטל פונעם סעפּאַראַטאָר, פלעגט מען זיך אָנהערן מיט פיל אינטערעסאַנטע מײַסעס און נײַסן.

מיר האָבן זיך אויסגעלערנט קאָכן די „פּאַיִלע” און שנײַדן היי. אויב עמעצער פון אונדז האָט זיך געגנייטיקט אין א רעפּוע, פלעגט ער באַקומען א קווערטל הייסע מילך, און דאָס האָט געהאָלפן בעסער פון אַלע פּילן. קיין שום הײלמיטלען זײַנען, אַגעוו, דעמלט ניט געווען.

איך האָב ליב געהאַט ווינטער אין די לאַנגע פינצטערע אָפּדערנאַכטן ארויסגיין אין פּירהויז און זיך צוהערן, ווי רויִק און היימיש עס קײַט הינטער דער וואַנט די בעהיימע איר זשוואַטשקע. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי מע האָט אַמאָל דערציילט, אז פּונקט האַלבע נאַכט פונעם נײַעם יאָר ריידן צווישן זיך אַלע כײַעס און אנדערע באַשעפענישן מיט א מענטשלעך לאָשן, און ס'האָט זיך מיר זייער געגלוסט וויסן, וועגן וואָס און מיט וועמען וועט שמועסן אונדזער מאַנקע. איך בין אומיסטן ניט געגאַנגען מיט אַלעמען צוגאַסט צו די שכיינים און געבליבן אליין אין שטוב. פון די פענצטערלעך האָט געצויגן א קעלט, דאָס אַלטע שטיבל האָט שלעכט געהאַלטן די וואַרעמקייט און האָט זיך גיך אויסגעקילט. און ווײַל ס'האָט געבלאָזן פון אַלע זײַטן, האָט זיך דאָס פײַערל פונעם קאַנעץ געוויגט, אַף די ווענט האָבן זיך געוואָרפן מעשונעדיקע גרויסע שאָטנס. איך האָב זיך פאַרוויקלט אין דער מאַמעס שאַל, אוועקגעלייגט לעבן זיך דעם טאַטנס גרויסן קעשענע־זייגער און געוואַרט, ביז די ווײַזערס וועלן זיך צונויפקומען בא דער „12”.

צווי מינוט פאַר האַלבנאַכט בין איך ארויס אין דרויסן. ס'האָט געסאַרפּעט א גוטער פראָסט. די לעוואָנע איז ניט געווען, אָבער די שטערן האָבן אויסגעזען גרויס און נידעריק. איבערן פּלויט האָט מיט א הייזעריק פאַרקילט קאָל גע־

בילט דער שכײנישער הונט פּאַלקאַן. מאַנקע האָט, ווי שטענדיק, געמאַלעגײרעט, צײַטנווײַז שווער געזיפצט. איך האָב געוואַרט און געוואַרט, נאָר אַף קײן מענטשלעך וואָרט זיך ניט דערוואַרט...

דערנאָך איז מאַנקע פּלוצעם קראַנק געוואָרן. זי איז געלעגן אין שטאַל אַף דער שטרוי, אָפּט און שווער געעטעמט און מיט טרויער געקוקט אין אַ זײַט מיט אירע גרויסע גלאַנציקע אויגן. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אַפילע פון דער וואַרעמער „פּאַילע". ס'האָט געקלעמט דאָס האַרץ צו קוקן אַף איר. פאַרנאַכט איז איר געוואָרן נאָך ערגער. זי האָט אופגעהערט זיך שטעלן אַף די פיס, דעם קאָפּ האָט זי אוועקגעלײגט אַף דער ערד, און אירע גרויסע אָנגעשוואָלענע זײַטן האָבן זיך געהויבן שווער. די מאַמע איז ניט אָפּגעטראָטן פון איר אַף קײן רעגע. אָפּדערנאַכט האָט זי מיר געזאָגט:

— לויף, טעטעטערל, גיכער נאָכן דאָקטער!

ס'איז געווען טיפער ווינטער. דער פראָסט האָט געברענט. איך האָב אַפגיך אַרופגעכאַפּט אַף זיך דעם לײַבעק און אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן, אַפילע קײן טראַכט ניט געטאָן, אַז דער וועטערינאַר־פונקט געפינט זיך פון יענער זײַט וואַלד, ווײַט הינטערן דאָרף, און אַז מע דאַרף אַהין לאַנג לויפן דורך דער פינצטערניש פונעם געדיכטן וואַלד, צו וועלכן כ'וואָלט אין אַן אַנדער פאַל אַזוי שפּעט אַפילע נאָענט ניט צוגעגאַנגען.

די לעוואָנע האָט געשײַנט פונעם הימל, ווי אַ לאַמטערן. אַ סטעזשקע, וואָס האָט זיך קוים אָנגעמערקט אַפן שנײ, האָט זיך געשלענגלט צווישן די טאַנען. איך האָב שלעכט געוווּסט דעם וועג אַפילע אין דער ליכטיק, ביפראַט באַנאַכט. נאָר דאָ בין איך געלאָפן אָן אופהער, זינקענדיק אינעם טיפן שנײ און כאַפּנדיק די קאַלטע לופט מיטן אָפענעם מויל מיט אײַן־און־אײַנציקער מאַכשאָווע: דער וועטערינאַר, פעטער קאַליע זודאָוו, זאָל נאָר זײַן אין דער הײם. מאַנקע האָט צו יענער צײַט שוין באַטײַט פאַר אונדז אַ סאַך מער, ווי בלויז אַ קו. אין אַ גרויסער מאָס האָט זיך אַף איר געהאַלטן די זיכערהײַט פון דער גאַנצער שטוב. און ניט וויכטיק, וואָס מילך פלעגט אונדז אָנקומען ווינציק, אָבער ס'איז פאַרט אָנגעקומען! און ס'איז געווען אַ האָפענונג: אָט וועט זי זיך אָפּקעלבן, ס'וועט זײַן אַ קעלבעלע...

דעם דאָקטער האָב איך אין דער הײם ניט געטראָפן. אַף דער שוועל פון דער שטוב, וואָס האָט אַף מיר אַ שמעק געטאָן מיט בעהײמעס, פערד, קאַרבאָלקע און הײ, האָט מיך באַגעגנט דעם דאָקטערס מוטער, אַ דיקע אַלטיטשקע אין אַ שוואַרצן טוך. זי האָט גענומען מיך באַדויערן, מיך אַרײַנגענומען אין דער וואַרעם, אוועקגעזעצט צום טיש און אוועקגעשטעלט פאַר מיר אַ קוואָרט הײסע טײ.

— מע דאַרף ניט קײן טײ, באָבע, — האָב איך זיך אָפּגעזאָגט, — די קו איז בא אונדז... — און איך האָב זיך שיר ניט צעוויינט.

— אָט קומט ער באַלד, קאַליע, — האָט זי מיך באַרויִקט. — באַלד וועט ער אָנקומען.

איך האָב זיך בעעמעס אַ ביסל באַרויִקט און האָב גענומען טראַכטן, אַז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן.

כ'האָב גענומען אין די הענט די הײסע קוואָרט און פּלוצעם פאַרשטאַנען, אַז כ'בין אײנע אַלײן באַנאַכט דורכגעלאָפן דורכן פרעמדן שרעקלעכן וואַלד. און ווען כ'האָב זיך באַטראַכט, אַז טאָמער דערוואַרט איך זיך ניט אַפן דאָקטער און וועל זיך מוזן אומקערן אַלײן אַהײם, איז מיך מאַמעש באַפאַלן אַ פאַכעד. מע קאָן דאָך אָבער ניט וואַרטן אַף אים כ'ווײס וויפל. און וואָס טו איך, טאָמער וויל ער ניט גײן? אַזוי שפּעט אין אַזאַ קעלט! און עפּשער פאַרהאַלט ער זיך גאָר ערגעץ ביז אײנדערפרי.

אַף מײַן גליק, האָט אַ קלאַפּ געטאָן די דרויסנדיקע טיר. עמעצער האָט אין דער פינצטער אַרומגעקערט דעם שנײ פון די וואַליקעס.

— קאַליע איז געקומען, — האָט געמאָלדן די באָבע, צוהערנדיק זיך צום טומל.

דער דאָקטער האָט זיך גלײַך געלאָזט מיט מיר גײן, אַפילע ניט אויסגעטאָן דאָס היטל און זיך ניט דערוואַרעמט.

— וואָלסט כאָטש אַ קוואָרטעלע טײ אויסגעטרונקען, — האָט זיך געקימערט די אַלטיטשקע.

— קײן צײַט נישטאָ. הערסט דאָך, אַ בעהײמע גויסעט! — און ער האָט ברײט אוועקגעשפּאַנט איבערן סקריפּענדיקן שנײ. כ'האָב אים קוים נאָכגעיאָגט.

דער דאָקטער האָט אויסגעהערט די קו לאַנג און אופמערקזאַם, צולײגנדיק דעם אויער צו מאַנקעס גרויער וואַרעמער פעל אַף די שווער אָטעמענדיקע זײַטן. אונדזער גאַנצע מישפּאָכע איז געשטאַנען דערבײַ, ווי אַרום אַ שלאָפנדיק קינד. די באָבע האָט מיט דער האַנט טרויעריק אונטערגעשפּאַרט אַ באַק, באַם שוועסטערל האָבן זיך פון אופגערעגטקײַט און שרעק פאַרקײַלעכיקט די אײגעלעך. אַלע האָבן געוואַרט אַפן פּסאַקדין מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

— אַ לונגען־אָנצינדונג, — האָט ענדלעך אויסגערעדט דער דאָקטער. — אײַער קו האָט זיך צוגעקילט. אין דער וואַרעם דאַרף מען זי, אין שטוב אַרײַן.

מיר האָבן צונויפגערוקט דעם טיש מיטן בעט, און די בורע מאַנקע, אַן אויסערגעוויינלעך גרויסע אין אונדזער קלײנעם צימערל, האָט זיך באַזעצט מיט אונדז. טאָג און נאַכט האָבן מיר ניט אַראָפּגעלאָזט פון איר קײן אויג. אַפן דריטן

טאָג איז איר געוואָרן בעסער: זי האָט געטרונקען די „פּאָילע״, געשמאַק זיך באלעקט און זיך ארומגעשמיצט פון פארגעניגן מיטן עק. בא אונדז איז מאמעש א שטיין אראָפּ פונעם הארצן.

אפן פינפטן טאָג, גאנצפרי, איז מאנקע אופגעשטאנען, זיך מאָדנע באומרויִקט און האָט גענומען קלאפּן מיט אירע הארטע קאָפּיטעס איבערן דיל, איבערטאנצנדיק פון איין פוס אפן צווייטן. די מאמע מיט דער באָבע האָבן זיך מיט א שמייכל איבערגעקוקט, און איך מיטן שוועסטערל האָבן גאָרנישט ניט פארשטאנען. מיר זײַנען געלעגן אף דער הרובע מיט אראָפּגעהאנגענע קעפּ און מיט אומגעדולד און שרעק געוואַרט אף עפּעס.

...אין א שאָ ארום איז בא מאנקעס פיס געלעגן א קליין גרוי קעלבעלע מיט א ווײַסן פלעק אפן שטערנדל. עס האָט קאָמיש אויסגעצויגן אין דער זײַט די דינינקע פיסעלעך, און די קימפּעטאָרן האָט עס געהאלטן אין איין באלעקן. פּלוצעם האָט דאָס קעלבעלע זיך א וואָרף געטאָן, אָנגעשטרענגט אלע קויכעס און האָט זיך אופגעשטעלט אף אלע פיר. עס איז געשטאנען, ציטערנדיק און שאָקלענדיק זיך, און האָט דול געקוקט ארום אף דער נײַער אומבאקאנטער וועלט.

כראָניק

נײַע אָנגאבן פון דער אויסלענדישער פּרעסע וועגן דער צאָל ייִדן אין פארשיידענע לענדער פון דער וועלט

אין עסטרײַך האָבן ערעוו דער צווייטער וועלט־מילכאָמע געלעבט בערערך 180.000 ייִדן. די מערהײַט — 160.000 — זײַנען אומגעבראכט געוואָרן אין די נאצישע לאגערן.

לויט די לעצטע אָנגאבן לעבן איצט אין דעם לאנד סאכאקל 17.000 ייִדן, דערונטער 8.000 אין ווין, 2.000 — אין זאלצבורג, 1000 — אין גראץ. די איבעריקע אין אנדערע קלענערע יישוּווים.

אין אפגאניסטאן לעבן איצט בערערך 500 ייִדן. פון זיי 300 אין דער הויפּטשטאָט קאבול, אין העראט — 100, אין באלך — 80.

אין פּאָרטוגאל זײַנען לויט די נײַסטע אָנגאבן (פארעפנטלעכט פון דער ייִדישער קעהילע) פּאראן 500 ייִדן, פון וועלכע 400 לעבן אין ליסאבאָן און 100 אין אראנטאָ.

א נײַער באנד פונעם יודאיִק־יאָרבוך אין פּראָג

דער מעלוכישער ייִדישער מוזיי אין פּראָג האָט ארויסגעגעבן דעם עלפטן באנד פונעם וויסנשאפטלעכן יאָרבוך פאר יודאיִק. די אויסגאבע איז אויך דערשינען אין רוסיש, דײַטש און ענגליש.

וועגן די אלטע העברעיִשע אויסגאבעס שרײַבן די וויסנשאפטלער דר. מילענע פלאדראָווא און דר. בעדריק נאָסעק. די שטענדיקע מיטארבעטער פונעם מוזיי דאָצענט וולאדימיר סאדעק און דר. אירינע שעדינאָווא קאָמענטירן די פאראנענע אין מוזיי „ייִדיש־דײַטשישע דאָקומענטן״.

אין דעם זעלבן באנד, רעדאגירט דורכן דירעקטאָר פונעם ייִדישן אינסטיטוט עריק קלים, געפינען זיך וויסנשאפטלעכע ארבעטן פון דר. אניטע פראנקאָווא און סוועטלאנע אלדאָנא אף דער טעמע „25 יאָר מעלוכישער ייִדישער מוזיי אין פּראָג״.

די פינאנציִעלע באדערפעניש פונעם מוזיי ווערן פולשטענדיק געדעקט דורך דער מעלוכע. עס ווערן אײַנגעקויפט כפייצים און דאָקומענטן; היפּשע געלט־מיטלען ווערן אויסגעטיילט אף אָרגאניזירן אויסשטעלונגען און אויך אף פארלעגערישער ארבעט.

אין פארגאנגענעם יאָר האָבן דעם מוזיי באזוכט זעקס־זיבן הונדערט טויזנט מענטשן.

אונדזערע מיטצײַטלער



רוון פוסטילניקאוו

מאלאכאָווקער קאָמבײַנען

מאלאכאָווקע איז דערווײַל נאָך ניט קיין שטאָט, נאָר א שעם האָט מאלאכאָווקע איבערן גאנצן לאנד און אויך אין אויסלאנד. פריִער פון אלעמען האָבן זיך דערוווּסט וועגן אָט דעם הינטערמאָסקווער יישעוו די שאכטיאָרן פון דאָנבאס, קוזבאס און אוראל. איצט איז ער באקאנט אומעטום, ווו עס זײַנען פאראן קוילן־שאכטעס. אף די אינסטרומענטן, וועלכע די שאכטעס פלעגן באקומען נאָך מיט א סאך יאָרן צוריק, זײַנען געווען אויסגעקריצט דרײַ אויסיעס: „מעז”. דאָס באטײַט — מאלאכאָווקער עקספערימענטאלער זאוואָד. עמעס, צו א זאוואָד איז דאָס נאָך געווען גאָר ווײַט — דערווײַל נאָר אן אינסטרומענטאלער צעך, אָבער ער האָט זיך שוין דעמלט געהאט פארמאָסטן אף עקספערימענטירן קאָמפליצירטע אויסשטאטונג פאר די שאכטעס.

פון יענע שאכטע־אינסטרומענטן ביזן הײַנטיקן פופציקטאָניקן קוילן־קאָמבײַן, וועלכער ווערט אויסגעפאָרמירט אין צען ריזיקע צעכן,— איז פאָלג מיך א גאנג. ווען דער קאָמבײַן איז שוין גרייט זיך אוועקלאָזן אין וועג, קומען אים באגלייטן וועטעראנען פונעם זאוואָד. זיי דערמאָנען זיך, וויִאזוי זיי האָבן געטרוימט צו שאפן אזא קאָמבײַן, וואָס זאָל פארבײַטן הונדערטער שאכטיאָרישע הענט.

איך האָב אויך געהאט דאָס גליק צו בײַזײַן אף אזא סימכע. כ'האָב געזען, ווי די ארבעטער פונעם „מעז” האָבן זיך געפרייט מיטן „קראסאוועץ”, ווי מע פרייט זיך מיט אן ערשט געבוירן קינד.

די נאטור האָט באקרוינט דעם מאזלדיקן יישעוו מיט פרעכטיקע וועלדער און לויטערע אָזערעס. ניט אומזיסט האָבן זיך אהער געצויגן

פיל באוווסטע מענטשן פון דער קונסט און ליטעראַטור. דאָ, אין מאלאכאָווקע, האָט אין זײַנע יונגע יאָרן געגעבן קאָנצערטן שאַליאַפּין. אין מאלאכאָווקע האָבן א שטיק צײַט געלעבט דער דיכטער שמועל האַלקין און דער קאָמפּאָזיטאָר לייב יאַמפּאָלסקי, אהער פלעגט קומען דער קינסטלער מייער אקסעלראָד. אין מאלאכאָווקער יִדישן קינדערהיים האָט אין אָנהייב פון די 20־ער יאָרן געאַרבעט מאַרק שאַגאַל.

צווישן די טויזנטער אַרבעטער, וועלכע מ׳יען זיך אפן מאלאכאָווקער זאַוואָד, זײַנען פאַראַן א סאַך יִדן. די געשיכטע וועגן דעם, ווי׳אַזוי יִדן האָבן זיך באַזעצט אין מאלאכאָווקע, איז א באַזונדער קאַפּיטל. אָבער עטוואָס דאַרף מען זאָגן.

נאָך דער רעוואָליוציע האָט מען אין מאלאכאָווקע געשאַפן א קינדערהיים פאַר יִדישע קינדער — יעסוימים פון ווײַסרוסלאַנד און אוקראַ׳ינע, און אהער זײַנען אָנגעפאָרן יִדישע לערער מיט זייערע מישפּאָכעס. דערנאָך האָבן זיך אָפּגעזוכט די קינדערס אייגענע, און זיי האָבן זיך אויך דאָ באַזעצט. אַזוי׳אַרום איז לאַנגע יאָרן אָנגעגאַן אן איבערוואַנדערונג פון יִדן קיין מאלאכאָווקע. איצט רופט שוין בא קיינעם ניט אַרויס קיין כידעש, וואָס אין דער געשיכטע פון דעם מאלאכאָווקער זאַוואָד האָבן אויך יִדישע אַרבעטער אַרײַנגעשריבן זייער קאַפּיטל...

ווען ניט די גרויסע שילד — „מעז", וואָס הענגט אפן טויער באַם אַרײַנגאַנג, וואָלט קיינער זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז אן אינדוסטרי׳עלע אונטערנעמונג. מע וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דאָ געפינט זיך א סאַנאַטאָריע. פון הינטן איז דער זאַוואָד אַרומגעצוימט מיט וואַלד, פון פאָרנט — מיט ביימער־אַלייען, בלומענבייטן און אויסגעאַספאַלטירטע סטעזשקעס. באַנאַנד מיטן ווײַסן סקולפּטור־פּאָרטרעט פון וו. אי. לענינען הענגט א טראַנספּאַראַנט: „א גרוס אײַך, כאַווײרים, מיר ווינטשן אײַך גוט זיך מ׳יען!". און לענגויס דער וואַנט, פון דרויסן, הענגט אן ערן־טאָוול מיט די פּאָרטרעטן פון די אַוואַנגאַרדיסטן: דוואָרעצקי — א שלאָסער, שאַמאַכאָוו — א טאָקער, רעלינא — א דיספּעטשער, לעווין — א בויערער, מאָ׳סייעוו — א טאָקער, אַניוטאָטשקין — א שלאָסער... נו, טראַכט איך זיך, אויב מיר וועט זיך אײַנגעבן מיט זיי זיך באַגעגענען, וועט שוין זײַן וועגן וואָס צו שמועסן.

קוידעמקאָל בין איך אַרײַנגעגאַנגען אין קאַבינעט צו דעם סעקרעטאַר פונעם זאַוואָדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט וולאַדימיר וולאַדימיראָוויטש קאַראַטשין. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. דערזען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס איך האָב געהאַלטן אין די הענט, האָט ער א פרעג געטאָן:

— אף וועלכער שפּראַך גייט ער אַרויס?

— אף יִדיש.

— אהא, — איז ער געוואָרן אויפגעלעבט, — בא אונדז אפן זאַוואָד אַרבעטן ניט ווייניק יִדן, — און גענומען אָנרופן פאַמיליעס: עלקינד, זשוראַוועל, שענדראָוו, שיטמאַן...

— צום אַלעם ערשטן וואָלט איר זיך געדאַרפט באַקאַנען מיט דעם כאַווער עלקינד, אין דער געשיכטע פון אונדזער זאַוואָד פאַרנעמט ער א באַזונדער אָרט...

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דעם סעקרעטאַרס קאַבינעט, האָב איך אין קאָרידאָר, א טיר אַנטקעגן, דערזען א שילדל: „פּאָרזיצער פונעם זאַוואָדישן קאָמיטעט". איך האָב באַשטימט אַרײַנצוגיין אויך אַהין.

ניקאָלײַ יאַקאָוולעוויטש קאָטשעראָוו האָט צו דעם צעטל נעמען, וועלכע עס האָט איבערגערעכנט דער סעקרעטאַר פונעם פּאַרטקאָם, צוגעגעבן:

— דאָ ניט לאַנג צוריק האָבן מיר אַרויסגעהאַנגען אף דעם ערן־טאָוול פּאָרטרעטן פון אַרבעטער, מיטגלידער פון די בריגאַדעס פון קאָמוניסטישער מי. באַקאַנט זיך מיט יעגאָר מאַטוויייעוויטש קעסעלן. ער איז דער שטאָלץ פון אונדזער זאַוואָד און האָט בעפּיירעש פאַרדינט, מע זאָל וועגן אים שרײַבן, מיר האָבן אים עטלעכע מאָל באַלוינט פאַר זײַנע ראַצי׳אָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן. אויך זײַן טאַטע אַרבעט אפן זאַוואָד.

באַגלייטן מיך איבער די צעכן נעמט אף זיך דער אַרבעטער אַלעקסאַנדער קוזמיטש יאַראָשענקאָ.

— איז פון וועלכער צײַטונג זײַט איר? — וויל ער וויסן.

זאָג איך אים. טוט ער א שמייכל.

— איז דאָך אוואַדע גוט, איך וועל אײַך טאַקע באַקאַנען מיט וועמען איר דאַרפט.

טו איך אים א בעט:

— און עפּשער, אַלעקסאַנדער קוזמיטש, וועט איר מיר עפּעס דערציילן אויך וועגן זיך? איך וויים, אַז איר אַרבעט שוין דאָ ניט מער און ניט ווייניקער, ווי דרײַסיק יאָר.

ענטפערט ער:

— האָט צײַט. פריִער פון אַלץ וועל איך אײַך באַקאַנען מיט זייער אן אינטערעסאַנטן מענטש. ס׳קאָן זײַן, אַז נאָך דעם וועט איר שוין וועגן מיר ניט האָבן וואָס צו פרעגן.

עס איז אונטערגעלאָפן איינער אן אַרבעטער און מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם זיך געווענדט צו מײַן באַגלייטער:

— פּאַפּאַשאַ! קומט גיכער. אין מײַן פּרעס האָט זיך דער קאָנטאַקט איבערגעריסן.

יאַראָשענקאָ האָט גוטמוטיק זיך א בייזער געטאָן:

— אָט אַזוי שוין דרײַסיק יאָר, אפילע קיין דרײַ מינוט לאָזט מען ניט צורו. — און אוועקגייענדיק: — וואַרט דאָ אף מיר. איך וועל באַלד צוריק קומען...

און אַזוי׳ווי איך זיץ אף דער באַנק, גייט צו מיר צו א מענטש אין א ספּעצאָווקע:

— שאָלעם אַלייכעם.



אין איינעם פון די צעכן

ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז נאָכעם זשוראוועל. דאָס האָט דער פּאַרטאָרג אָנגערופן זײַן נאָמען צווישן די בעסטע אוואַנגאַרדיסטן און טאַקע צוגעשיקט אים צו מיר. ער זאָגט מיר:

— וועגן מיר שרײַבן איז ניטאָ וואָס. אָט וועגן יאַראָשענקאָן, מיט וועלכן איר זײַנט דאָ געזעסן, איז קעדײַ. ער איז פאַר אײַך דאָס, וואָס מע דאַרף. אין אונדזער זאַוואָד איז ער, ווי מיר זאָגן, דער פּולס. ער איז אַן עלעקטריקער, דער גאַנצער זאַוואָד ווערט באַשײַנט מיט זײַנע הענט. איר ווייסט דאָך, אַז פאַר די מאַשינען איז עלעקטריע, ווי דאָס בלוט פאַר אַ מענטשן. דרײַסיק יאָר לויפט אַרום פון צעך צו צעך דער „פּאַפּאַשאַ קוזמיטש". און ניט בלויז בײַ די מאַשינעס ליגט זײַן מי. וויפל ביימעלעך האָט ער שוין פאַרפלאַנצט אַרום דעם זאַוואָד! אָט, איר זעט דעם סאָד מיט די פּרוכט־ביימער? עפּל, ווײַנשל. דאָ ליגט יאַראָשענקאָס האָרעוואַניע... ער איז אויך אונדזער שטענדיקער אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענט. ווּ נעמט ער נאָר צײַט?

ווען זשוראוועל האָט פאַרענדיקט מיט יאַראָשענקאָן און איז געבליבן זיצן שווײַגנדיק, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— איז עפּשער בײַ אײַך פאַרבליבן אַ ביסעלע צײַט, איר זאָלט מיר עפּעס דערציילן וועגן זיך?

ער פּרוּווט זיך אויסדרייען, נאָר איך רעד אים אײַן. דערציילט ער:

— מיר איז איצט אַריבער זעכציק, שוין אויף פּענסיע. נאָר אָן מײַן זאַוואָד קאָן איך ניט לעבן. אַ קלייניקײַט — צוויי און צוואַנציק יאָר אָפּגעוועזן דאָ אינזשעניער. אָנגעהויבן טאַקע אויפן זאַוואָד פון אַ שלאָסער, שפּעטער — אַן עלעקטריקער, דערנאָך זיך געלערנט אָן אָן אָפּרײַס פון דער אַרבעט אין טעכניקום, ווײַטער — פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט. איצט באַשטייט מײַן אַרבעט אָט אין וואָס: איך פּרוּוו אויס די קוואַליטעט און די קראַפט פון די קאָמבײַנען פאַרן אַרויסלאָזן זיי אין דער וועלט. און ווען מיר באַשטעטיקן, אַז דער קאָמבײַן איז בעקוועם זיך אײַנשפּאַנען אין דער אַרבעט, בענטשן מיר אים, אין אַ מאַזלדיקער שעה. דערנאָך הייבן מיר אָן וואַרטן אויף אַ גוטער ידיעה פון דער שאַכטע...

פון דעם ווײַטערדיקן געשפּרעך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז נאָכעם זשוראוועל איז סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון דער לאַבאָראַטאָריע, ווּ ער אַרבעט.

ווען מיר טרעפן זיך ווידער מיט יאַראָשענקאָן, פרעגט ער מיך:

— נו, ווי געפעלט אײַך אונדזער „ראַבאָטשי קלאַס"?

זאָג איך אים:

— אַן אינטערעסאַנטער מענטש אָט דער זשוראוועל.

— אָט וועל איך אײַך באַקענען מיט נאָך אַזאַ מענטשן.

ער פירט מיך צו איינעם, וואָס שלײַפט אויפן ווערקשטעל אַ דעטאַל.

— לעווין.

— לעווין?! דאָס זײַט איר דער לעווין, וואָס אײַער פּאָרטרעט הענגט אויפן ערן־טאָוול?

ער וואָרנט מיך גלײַך, אַז ער קאָן מיר ענטפערן בלויז אויף עטלעכע קורצע פראַגעס, ווײַל ער האָט ניט קיין צײַט.

— מיר גרייטן זיך ארויסלאָזן א נײַעם קאָמבײַן.

— גוט, — זאָגט יאַראָשענקאָ, — איך ווייס אויך עפּעס־וואָס וועגן אים.

— אויב איר ווילט, — לייגט פאָר לעווין, — קומט נאָך דער ארבעט צו מיר אהיים, וועלן מיר מיט אײַך זיך דורכשמועסן. נאָר זײַט וויסן, אז קיין באַזונדערן אינטערעס שטעלט מײַן פּערזענלעכקייט ניט פאָר, ווײַל ווען איר וועט דאָ ניט א כאַפּ טאָן, זײַנען מיר פון איין טייג געקנאָטן.

ווען לעווין גייט אוועק צו זײַן ווערקשטעל, זאָגט מיר יאַראָשענקאָ:

— אַפן זאַוואָד ארבעט ער פונעם 1947. באַלוינט מיטן טיטל „ארבעטס־וועטעראַן”... שאַט, אַט וועל איך אײַך באַקאַנען מיט נאָך איין ראַציאָנאַליזאַטאָר, מיט קעסעלן, — און האָט גלײַך אויסגעשריגן:

— קעסעל!

קעסעל איז צוגעגאַנגען. קיין סאך צײַט האָב איך אים ניט פאַרהאַלטן. ער האָט מיר אויך געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס לעווין, מיר געגעבן זײַן היימישן אדרעס.

— קעסעל וווינט ניט ווײַט פון מיר, — האָט יאַראָשענקאָ געזאָגט. — וועט איר פריִער זײַן מײַן גאַסט, און דערנאָך שוין בא אים.

מיט יאַראָשענקאָן בין איך געווען נאָך אין עטלעכע צעכן, און אומעטום האָט גערוישט אַן אָנגעשטרענגטע ארבעט.

פונקט ווי ריטשקעלעך יאָגן פון אלע עקן אין יאַם ארײַן, אזוי האָבן גרייטע דעטאַלן געיאָגט אהין, ווו מע שטעלט צונויף דעם נײַעם קאָמבײַן. מיר איז פּאַשעט געווען אומבאַקוועם, וואָס איך שטיי און קוק, ווען אלע ארבעטן, און מיר זײַנען אינגיכן ארויס פונעם צעך.

— איך וועל אײַך מער ניט פאַרהאַלטן, — האָב איך געזאָגט יאַראָשענקאָן, — איצט וועל איך שוין אליין זיך דורכגיין איבער דער טעריטאָריע פונעם זאַוואָד.

ווען איך זאָל ניט פרעגן, דערציילט ער מיר א שטיקל געשיכטע פון דעם „מעז”.

אָפט רופט מען אָן די פאַמיליע עלקינד. טראַכט איך זיך: וויפל איז ער שוין אלט, אַט דער אינזשעניער עלקינד, וואָס אייניקע זאָגן אפילע, אז ער איז געווען דער ערשטער דירעקטאָר פון דעם זאַוואָד? לויט מײַן כעזשבן, דאַרף אים שוין זײַן בא די פינף און זיבעציק. ווער איך טאַקע פאַרכידעשט, ווען מע ווײַזט מיר דעם צעך, ווו איך קאָן איצט טרעפן עלקינדן.

איך גיי ארײַן און ווער ווי פאַרקישעפט: עס שלאָגן ארויס גרויסע ציינגער פײַער פון די טשוהונענע אויוונס. שווערע האַמערס האַלטן אין איין קלאַפּן איבער די צעגליטע באַלוואַנקעס. מע גיסט אָן צעגליטן שטאָל אין די פאָרמעס. אין צעך איז הייס און רויכיק. מע ווײַזט מיר אָן אף איינעם מיט א מעשענער קאַסקע אַפן קאָפּ און מיט שווארצע ברילן אף די אויגן. איז דאָס עלקינד? א מענטש אין טיפער עלטער? ער גיט פאַראָרדענונגען, אנדערע שלעפּן ארויס פון דעם פײַערדיקן אויוון מיט לאַנגע אײַזערנע צוואַנגען צעגליטע דעטאַלן.

ביז וואַנען ער וועט זיך באַפרײַען, קוק איך אף די מענטשן מיט פאַרברוינטע פּנעמער. מיך פאַרכאַפּט דער ריטמישער געהילך פון די פּרעס־האַמערס, דאָס קלינגערײַ פון די דעטאַלן, וועלכע פאַלן פונעם צעגליטן אויוון אַפן בעטאָנענעם דיל; די סנאָפּעס פונקען, ווי בא א פייערווערק, — א בילד פון דער מעכטיקער האַרמאָניע פון מי.

דער דיספּעטשער פונעם צעך גייט צו צו עלקינדן, זאָגט אים עפּעס. עלקינד לאָזט זיך צו מיר:

— איר זײַט פון „גיפּראָוגאָלמאַש”? פון מיניסטעריום?

— ניין, — זאָג איך און שטעל זיך פאָר.

— ביטע, — לאַדט ער מיך אײַן אין זײַן קאַבינעט.

ער נעמט אראָפּ דעם שלעם, טוט אויס די ברילן.

— וואָס קוקט איר אזוי אף מיר? — פרעגט ער.

— איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אז איר זײַנט שוין אַן אלטער מענטש, — בין איך זיך מוידע. — מע האָט מיר געזאָגט, אז איר זײַנט געווען דער ערשטער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד.

— עמעס, עמעס, מע האָט אײַך ניט אָפּגענאַרט. עלקינד איז געווען דער ערשטער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד.

— וואָס זשע, עס איז פאַראַן נאָך איין עלקינד? — פרעג איך.

— מײַן פאָטער. יעהודע זאַלמאַנאָוויטש. ער איז אהער געקומען גלײַך נאָך דער מילכאָמע, שוין אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט. דורכגעגאַנגען אלע מילכאָמע־וועגן ביז בערלין. געווען א באַרג־אינזשעניער. ס'איז נאָך דעמלט אפילע קיין סימען ניט געווען פון א זאַוואָד — בלויז איין מעכאַנישער צעך, ווו מע פלעגט אויסארבעטן שאַכטיאָרישע לאָפּעטעס און קירקעס אף האַקן די קוילן.

אין די ערשטע נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן האָט יעהודע עלקינד באַקומען אַן אופגאַבע פונעם מיניסטעריום פון דער קוילן־אינדוסטריע: אופשטעלן אין מאַלאַכאָווקע עטלעכע צעכן אף צו אויסארבעטן אזא דיזעל־מאַשין, וואָס זאָל פאַרבײַטן די האַמער־העק. דאָס איז געווען דער אָנהייב פונעם הײַנטיקן „מעז”.

— וואָס שײַעך מיר, — זאָגט מאַטווײ עלקינד, — איז מײַן ביאָגראַפיע זייער א קורצע. נאָכן אינסטיטוט בין איך געקומען אהער צום טאַטן אַפן זאַוואָד אלס אינזשעניער. איצט בין איך דער שעף פונעם צעך, ווו איר זײַנט אָקאָרשט געווען. מיר לאָזן ארויס א קאָמבײַן פון א נײַער מאַרקע. ער וועט אויסגראָבן קוילן אין צוויי מאָל מער, איידער די פריִערדיקע.

אין קאַבינעט קומט ארײַן א שווארצכיינעוו־

דיקע יונגע פרוי. זי האַלט אין דער האַנט עפּעס אַ דעטאַל:

— מאַטוויי יעהודעוויטש, איך האָב אין דער לאַבאָראַטאָריע אויסגעפּרווט, עס פּאָדערט זיך נאָך אַן ארבעט צו טאָן...

עלקינד באַקאַנט מיך מיט איר:

— שענדראַווא.

— איר זײַט די טאָכטער פון יענעם שענד־ראַוו, וועלכער האָט דאָ געאַרבעט, ווען דער זאַוואָד האָט זיך ערשט אָנגעהויבן?..

— יאָ, — זאָגט זי, — מײַן טאַטע איז פּונקט איצט אין אונדזער פּראָפילאַקטאָריע. ער רוט דאָרט אָפּ. אויב איר ווילט, קאָנט איר זיך מיט אים דאָרטן טרעפן.

אין מײַן נאָטיץ־ביכל איז צוגעקומען נאָך איין אַרבעטער־דינאַסטיע — די שענדראַווס.

אַ לאַנג סטעזשקעלע, וואָס ציט זיך איבער דער טעריטאָריע פונעם זאַוואָד, האָט מיך גע־בראַכט אינעם גאַלוואַנישן צעך. צווישן די מאַנצבלעך, וועלכע שטייען לעבן די טשוהונענע קעסלען, פונוואַנען עס שלאָגט אַרויס אַ גע־דיכטע פּאַרע, איז געשטאַנען אַ בלאָנדע פרוי פון אַ יאָר פערציק. זי האָט פונעם קעסל אַרויס־געשלעפּט מיט אַן אײַזערנעם קלאַמער אַ שווע־רע קייט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי דאָס וואָלט באַטײַט: „ניין, נאָך ניט פאַרטיק“. די פרוי איז צוגעגאַנגען צו אַ באַוועגלעכן באַ־ראַבאַן און אים אָפּגעשטעלט. אויך אין אים אַרײַנגעקוקט. און ווידער האָט זיך דער באַראַ־באַן אָנגעהויבן דרייען. די פרוי האָט אַ הייב געטאָן די אויגן און מיך דערזען.

— נינע קאָלדאָווסקאַיאַ, — האָט זי אָנגערופן איר נאָמען און פאַמיליע. — אַ סאַך מענטשן אויפן זאַוואָד רופן מיך לויט דער מיידלשער פאַמיליע — קעסעלמאַן. יאָ, פאַר דער צײַט, וואָס איך אַרבעט דאָ, האָט זיך שוין אַ סאַך געביטן. און מײַן פאַמיליע אויך...

איך דערוויס זיך, אַז נינע איז געקומען אויפן זאַוואָד ווי אַ „לערנמיידל“. טאַקע אין אָט דעם צעך געאַרבעט און זיך געלערנט אין כימישן טעכניקום, וועלכן דער „גיפּראָאוגאָלמאַש“ האָט דאָ אָרגאַניזירט פאַר די יונגע קאַדרען. איצט איז זי שוין מײַסטער פונעם צעך.

— מיר כראָמירן דעטאַלן פאַר די קאָמבײַ־נען, זיי זאָלן ניט זשאַווערן און זאָלן אויסזען ווי עס באַדאַרף צו זײַן...

און דאָ קומט דער אינזשעניער נאַטאַן סאַ־מאָילאָוויטש פריידין, מיט וועלכן איך האָב זיך געקענט נאָך פריִער.

— נו, נינאָטשקע, גרייט צו דײַן צעך צו אַ רעמאָנט...

און צו מיר זאָגט ער:

— ווי איך פארשטיי, אינטערעסירן אײַך נאָר די מענטשן, וואָס פּראָדוצירן קאָמבײַנ־דעטאלן. און וועגן די, וועלכע בויען און רע־מאָנטירן די צעכן, ווער וועט שרײַבן? הא?.. אויב איר ווילט, איז מיר אלצייינס, נאָר מײַן טאַטע לייענט אײַער זשורנאַל, איז ווי וועל איך אויסזען באַ אים אין די אויגן, אויב מע וועט מיך ניט דערמאָנען?

און קעדיי מיך איבערצײַגן, אַז ער האָט בע־פּייִרעש פאַרדינט אַזאַ קאָוועד, גיט ער צו:

— אָט, טוט אַ קוק אויף די ריזיקע קאָרפּוסן. דאָ זײַנען דאָך געווען הילצערנע כיבאַרקעס. פאַרדינט דען ניט דער אינזשעניער פריידין, מע זאָל אויך וועגן אים זאָגן אַ גוט וואָרט?

עס מישט זיך אַרײַן אין געשפּרעך נינע קאָל־דאָווסקאַיאַ־קעסעלמאַן:

— פריידין, איך וויל, אַז אין מײַן צעך זאָלן די ווענט אויסגעפאַרבט ווערן נאָר מיט ליכ־טיקע פאַרבן.

— אָט, איר הערט? — ווענדט זיך צו מיר פריידין. — אָט אַזוי ווילן אַלע! — און ער איז אוועקגעלאָפן צו זײַנע איניאַנים.

די אַרבעטער פונעם „מעז“ דאַרפן ווײַט ניט פאָרן רוען. די זאַוואָדישע פּראָפילאַקטאָריע געפינט זיך דאָ דערנעבן, אויפן ברעג פון דער אָזערע, אין אַ בערעזע־וואַלד — קימאַט אַ סאַ־נאַטאָריע: געניטע דאָקטוירים, הייל־וואַנעס. יעדע מישפּאָכע האָט די מעגלעכקײַט זיך היילן, און אַלץ אויפן כעזשבן פונעם זאַוואָד.

פּונקט אין דעם טאָג, ווען איך האָב באַזוכט די פּראָפילאַקטאָריע, האָבן דאָ אָפּגערוט פיר וועטעראַנען פונעם „מעז“, מענטשן אין די יאָרן, שוין נאָך די זעכציקער. אייניקע פון זיי אַרבעטן נאָך, אַנדערע זײַנען שוין אויף פּענסיע.

געוויינלעך, האָב איך געוואָלט זיך באַגעגע־נען מיט שענדראַוון, דעם געוועזענעם שעף פון יענעם איין־און־איינציקן מעכאַנישן צעך, פון וועלכן אין 1945 האָט זיך אָנגעהויבן דער זאַוואָד.

מיר שמועסן מיט שענדראַוון אינעם צימער, ווו ער רוט אָפּ. מיט אים צוזאַמען געפינט זיך אַן אַנדער וועטעראַן, דער פאַרבער יולי מאַר־קאָוויטש גראַבער.

— איר ווייסט, — זאָגט יולי מאַרקאָוויטש, — ס'איז מיר געווען אַ כידעש, וואָס אינעם זשור־נאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז גאָרנישט ניט געווען געשריבן וועגן אונדזער „מעז“. איך האָב זיך שוין אַליין געקליבן עפּעס אָנשרײַבן...

שענדראַוו גיט צו:

— ווען איר, יולי מאַרקאָוויטש, זאָלט אַזוי פײַן שרײַבן אויף פּאַפּיר, ווי איר האָט אויסגע־פאַרבט די ווענט פון דער פּראָפילאַקטאָריע...

גראַבער איז צופרידן, וואָס זײַן פרײַנט האָט אים אַ לויב געטאָן.

שענדראַוו איז אַ טייל פון דער לעבעדי־קער געשיכטע פונעם זאַוואָד. ער האָט געהאַט דאָס מאַזל צו זען די צייכענונגען פון דעם ערשטן קאָמבײַן, געלערנט די מעלאָכע שלאָ־סער בײַ דעם ערשטן אינזשעניער אַלעקסאַנדער ניקיפאָראָוון, ווען יענער איז נאָך אַ יונג יאַטל, געקומען אויפן זאַוואָד... אַכוץ דער טאָכטער, זײַנען שענדראַווס צוויי זין דערצויגן געוואָרן אויפן „מעז“. איצט האָבן זיי שוין פאַרענדיקט

דעם אינסטיטוט און אַרבעטן אין „גיפּראָוגאָלמאַש", פּראָיעקטירן אויסשטאַטונג פֿאַר דער קוילן־אינדוסטריע. איינער איז אַ קאַנדידאַט פֿון טעכנישע וויסנשאַפֿטן.

אפֿן צווייטן טאָג בין איך ווידער אפֿן „מעז". דאָס מאָל האָב איך געוואָלט עטוואָס מער זיך דערוויסן וועגן זײַן געשיכטע, ווײַל „מעז" באַטײַט ניט בלויז גופֿע דער זאַוואָד. מיט אָט דעם נאָמען רופֿט מען דעם נײַ־אויסגעבויטן ייִשעוו מיט פֿינפֿגאָרנדיקע הײַזער פֿון רויטן ציגל. דער ייִשעוו איז דורכגעשניטן מיט פּראַכטפֿולע ביימער־אַלייען. אויף יעדן שריט און טריט טרעפֿט מען אָן אויף מאַגאַזינען, רעסטאָראַנען, שטייגער־קאָמבינאַטן, וועלכע באַדינען די אײַנוווינער. אָפֿטמאָל קאָנט איר הערן, ווי מע זאָגט: „איך וווין אפֿן „מעז", „מײַן קאַסענע איז געווען אין „מעז", „איך לערן זיך אין שול פֿונעם „מעז", „איך רו זיך אָפּ אין דער מעזער פּראָפֿילאַקטאָריע".

הײַנט בין איך צוגאַסט בײַ סאַמויִל דאַשעווסקין. אין שטוב איז ער איינער אַליין מיט זײַן טאָכטערקע. די פֿרוי איז אפֿן זאַוואָד, אין צווייטן אומבײַט.

אַ געבוירענער אין אָדעס, רעדט ער מיט מיר אַן „אָדעסער ייִדיש":

— כאַפּט אַ זעץ. איר האָט אַ סאַך גוליאַיעט, ביז איר האָט מיך געפֿונען? אָט וועלן מיר אָנועקשטעלן אַ נאַליוקע, וואָס מײַן פּלוינעסטע האָט אַליין פֿאַרזײַערט. עס איז בעסער פֿון דעם בעסטן „ספּאָטיקאַטש".

און גלײַך:

— די פּלוינעסטע איז בײַ מיר אַן אוקראַיִנאָטשקע. און מײַן טעכטערל, ווי איר זעט, האָט אין זיך די נעשאָמע פֿון ביידע פֿעלקער. ווען זי שפּילט מיר אויס אויף דער פּיאַנע דעם אָדעסער „סיעם־סאָראָק", דאַרף מען איר אויסקושן אַלע פֿינגערלעך. אונדזער זאַוואָד פֿאַרמאָגט אַ מוזיקאַלע שקאָלע, לערנט זי זיך דאָרט שפּילן פּיאַנע...

ער דערציילט וועגן זיך:

— איך בין אַ פּאָשעטער אַרבעטער, ווי מע זאָגט, אַ טרוזשעניק. דאָ אפֿן „מעז" אַרבעט איך שוין צוועלף יאָר. מיט מיר אַרבעט נאָך סטעפּאַנאָוו, מײַנער קימאַט אַ ברודער. און רופֿן רופֿט זיך אונדזער צעך „אַצעטילענאָווע סטאַנציע". מיר אַרבעטן אויס גאַז פֿאַר די אויטאָגענשטשיקעס, און אויסאַרבעטן גאַז איז ניט קיין קרויט פֿאַרזײַערן. איר פֿאַרשטייט, וואָס אַזוינס איז פֿאַרן זאַוואָד גאַז? פֿאַר אָט דעם גאַז האָב איך שוין באַקומען אַ סאַך אויסצייכענונגען... איך האָב נאַגרודזקעס, איך בין דער פּרעדסעדאַטעל פֿונעם צעך־קאָמיטעט. האַקיצער, סע סטײַעט אַרבעט. אויך אויף יאָמטויוויִם זײַנען מיר ניט זשעדנע. יעדער מאָל, ווען מיר אָטפּראַווען דעם קאָמבײַן, איז בײַ אונדז אַ קנאַסמאָל. אַז גאָט העלפֿט, דער „באָכער" גייט דורך זײַן איספּיטאַניע אין די שאַכטעס, באַקום איך אויך אַ פּרעמיע. מאַכן מיר אַ לעכאַיִם אין

דער סטאָלאָווע, וווּ מײַן ליודמילע אַרבעט. זי איז דאָרט אַן אָודאַרניצע. גאָלדענע הענט פֿאַרמאָגט זי. פֿריִער האָט זי געאַרבעט אין די הייסע צעכן, נאָר ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָט מען זי איבערגעפֿירט צו קעכלען די מענטשן. איך מיט מײַן ליודמילקען זײַנען ביידע נאָך דער מילכאָמע פֿאַרבליבן יעסוימים. אויף אונדזער כאַסענע האָט דער גאַנצער „מעז" געטאַנצט...

ווען מיר גייען אַרויס אין דער גאַס, טוט ער אַ פֿיר מיט דער האַנט צום אַרום:

— געווען אַ פּוסטער פּלאַץ, איצטער — אַזאַ שיינקײַט!

אײַנאָוונט בין איך שוין בײַ יאַראָשענקאָן אין הויף. ער וווינט מיט זײַן פֿרוי אין אַ באַזונדער שטיבל מיט אַ שיינעם גאָרטן. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט מיר באַוויזן, זײַנען געווען די ביימער:

— יעדער בוים האָט זיך זײַן געשיכטע. פֿרילינג און אָסיען, ווען מע פֿלעגט אַרויספֿירן פֿון אונדזער זאַוואָד אַ נײַע מאַרקע קאָמבײַנען, האָב איך לעקאָוועד איר פֿאַרפֿלאַנצט אַ בוים. אָט, איר זעט דאָרטן דעם צעוואַקסענעם דעמב? דאָס איז אַן אָנדענק וועגן אונדזער ערשטן קאָמבײַן. וועגן אים זיך דערמאָנען איז ניט אַזוי גרינג. וויפֿל נעכט איז מען ניט געשלאָפֿן! דאָס האָט זיך ניט געלאַדיעט, יענץ האָט געמאַכט קאַפּריזן — עס איז פֿאָרט געווען אונדזער ערשטלינג. דערנאָך זײַנען שוין די מענטשן געוואַקסן, די טעכניקע אויך. און עס זײַנען געוואַקסן נײַע צעכן... און אָט דאָס ביימעלע האָב איך פֿאַרפֿלאַנצט ערשט אין הײַנטיקן פֿרילינג.

יאַראָשענקאָס פֿרוי האָט אַרויסגעטראָגן אין הויף טיי מיט אייגענעם געבעקס.

— איך בעט אײַך, — זאָגט זי צו מיר, — רעדט אים אײַן, מײַן העלד, ער זאָל זיך שוין אָפּגעזעגענען מיטן זאַוואָד. אים גייט שוין דאָס פֿינף־און־זעכציקסטע יאָר, ער האָט שוין איבערגעטראָגן אַן אינפֿאַרקט.

— איר הערט, — שמייכלט יאַראָשענקאָ, — מיך אָפּרײַסן פֿונעם זאַוואָד! דאָס וואָלט געווען געגליכן צו דעם, ווי מע זאָל אויסגראָבן אָט דעם דעמב...

אַלעקסאַנדרע מיכײַלאָוונע פֿאַרשטייט, אַז איבערשפּאַרן דעם מאַן וועט זי ניט קאָנען, פֿירט זי איבער דעם געשפּרעך אויף אַן אַנדער טעמע. זי ווייסט, אַז גלײַך פֿונדאַנען דאַרף איך גיין צו קעסעלן, זאָגט זי:

— אָט וועל איך אײַך וועגן אים דערציילן אַ געשיכטע. זײַן כאַסענע איז דאָך געווען דאָ בײַ אונדז אין גאָרטן. אוי, אַ שיינע געשיכטע!.. ווי איר ווייסט, איז יעגאָר קעסעל אַ ייִד, און גענומען האָט ער אַ רוסישע. זיי האָבן זיך באַקאַנט אפֿן זאַוואָד. איז אָט הערט. קומט צו מיר אין איינעם אַ זומער יעגאָרס טאַטע מאַטוויי איזראַיִלעוויטש, ער אַרבעט אויך אפֿן „מעז", אפֿן קראַן אַרבעט ער. מיין איך, אַז

ער איז געקומען צו מײַן מאן אין שײַכעס מיטן קראן, עפשער האָט עפּעס געטראָפן. איז ניין, זאָגט ער, איזראַילעוויטש, ער וויל, אז זײַן זונס כאסענע זאָל זײַן בא מיר אין גאָרטן, ווײַל עס וועט זיך צונויפקומען, זאָגט ער, א גרויסער אוילעם. קורץ גערעדט, איך וויל אײַך ניט פארהאלטן. די כאסענע איז געווען טאקע דאָ. אך, איז דאָס געווען א כאסענע!.. ווי מײַן מאן זאָגט, אן עמעסע דרוזשבע־כאסענע. עס האָבן געטאנצט ייִדן, רוסן, טאָטערן, אוקראַיִנער, דער גאנצער „מעז״ האָט געהוליעט...

ווען איך בין ארײַנגעקומען צו קעסעלן אין שטוב, האָט ער מיך קוידעמקאָל באקאנט מיט זײַן לידיִע פּעטראָוונא.



די זאוואָדישע אַלייע

איך דערוויס זיך, אז דאָס, וואָס קעסעל האָט דערגרייכט אפן זאוואָד — פון א לערנייִנגל ביז א שלײַפער פונעם זעקסטן ראזריאד, איז צו פארדאנקען זײַן מײַסטער וולאדימיר איוואנאָוויטש מארקאָוון. אזוי זאָגט לידיִע פּעטראָוונא. יעגאָר, זאָגט זי, האָט שוין עטלעכע פּאטענטן אף זײַנע ראציִאָנאליזאטאָרישע דערפינדונגען. אינגיכן וועט ער באקומען א פּערזענלעכן שטעמפּל, וועלכן ער וועט שטעלן אף יעדער דעטאל, וואָס ער שלײַפט אויס...

— קום אהער, סוועטלאנע, — טוט לידיִע פּעטראָוונא א רוף, און פונעם צווייטן צימער לויפט ארײַן א מיידעלע, — איר זעט, דאָס איז שוין די דעטאל פון אונדזער צוזאמענלעבן... זי פארשטייט שוין, וואָס דער טאטע רעדט מיט איר זיידן אף ייִדיש, און זי כידעשט זיך, וואָס איך נאָך ניט... — שמייכלט לידיִע פּעטראָוונא.

אף דער גאס שפּרײַט זיך די פּאנאָראמע פון דעם נײַעם ייִשעוו, וואָס דער „מעז״ האָט אויסגעבויט פאר זײַנע ארבעטער. איך גיי מיטן וועג, אף וועלכן אלע טאָג שפּאנען די ארבעטער צו זייער זאוואָד, און שטעל זיך נאָכאמאָל אָפּ לעבן דעם טויער, פון וועלכן עס פאָרט ארויס א נײַער קאָמבײַן. מיר ווילט זיך אויך מיטפאָרן מיט אים אין דער שאכטע און מיט די אייגענע אויגן זען, ווי ער וועט גראָבן שווארץ גאָלד פארן לאנד...

לעאָניד שקאָלניק

פיר ברידער זײַנען זיי געווען

אין יענעם טאָג איז דער טיראספּאָליער סטאָ־ליער אלטער רויזמאן געקומען פון דער ארבעט פריִער ווי געוויינלעך.

— וואָס איז געשען, אלטער? — האָט גע־פרעגט דאָס ווײַב. — דו אײַלסט זיך זען, ווי־אזוי דער מיזיניק ליאָניע האָט צענומען אף שטיקלעך דײַן באליבטע טשאשקע?

— ליזע, איך האָב צו דיר א פראגע, — האָט ער, ניט לייגנדיק קיין אכט אף דעם ווײַבס ווערטער, געזאָגט.

— נו, רעד שוין.

— וואָלסט, אשטייגער, געוואָלט איבערפאָרן אפן ווײַטן מיזרעך, קיין בירָאבידזשאן? דאָרט איז פאראן א סאך ערד און ארבעט, אָבער עס קלעקן ניט קיין הענט. בא אונדז אין דער מישפּאָכע זײַנען, דאנקען גאָט, פיר זין און, פארשטייט זיך, איך אויך!

— אָט דאָס האָסטו געוואָלט פרעגן? — האָט א זיפץ געטאָן דאָס ווײַב. — ווי מיר דוכט, איז עס ניט קיין פראגע, נאָר טאקע אליין דער ענטפער. צי האָב איך א טאָעס, אלטער?

— ניין, ליזע, דו האָסט ניט קיין טאָעס. מיר פאָרן. מע האָט מיר שוין ארויסגעגעבן אף אלעמען בילעטן אפן צוג. קלײַב זיך אין וועג ארײַן, אין עטלעכע טעג ארום פאָרן מיר.

געווען איז עס אין הארבסט 1935. אין טי־ראספּאָל האָבן די ביימער און די סעדער זיך געבראָכן פון שווערע עפּל, און אף דער קליי־נינקער ווײַטמיזרעכדיקער סטאנציע, וווּהין די רויזמאנס זײַנען געקומען מיטן באן, האָט גע־גאָסן א שטארקער און קאלטער רעגן. ביזן איבערוואנדערונגס־פּונקט האָט אלטער רויזמאן געטראָגן אף די הענט דעם פיריאָריקן ליאָניע, די דרײַ עלטערע זין — גרישע, דאניע און איזיע — זײַנען צוזאמען מיט דער מוטער גע־גאנגען נאָכן פאָטער. וווּנדערבאר האָט אין פארגלײַך מיטן נײַעם אָרט אויסגעזען די ווײַ־טע מאָלדאווישע שטאָט מיט די ווײַסע הײַזער און בלִיענדיקע סעדער באם דניעסטער.

אין בירָאבידזשאן האָט מען אלטער רויזמא־נען געשיקט ארבעטן אף דער מעבל־פאבריק אף דימיטראָווס נאָמען. דער עלטערער זון גרי־שע, וועלכער איז צו יענער צײַט שוין גע־וואָרן זעכצן יאָר, איז אָנגעקומען אין דער שטאָטישער פאָטאָגראפיע, דאניע — אפן טע־לעגראף, איזיע האָט זיך געלערנט אין שול, און ליאָניע האָט, ווי פריִער, „רעמאָנטירט" דאָס געפעס, האלטנדיק, אז דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע זאכן אף דער וועלט. דערנאָך זײַנען די רויזמאנס פונעם ענגן באראק ארי־בערגעפאָרן אין א נײַער דירע, און אלץ האָט, דאכט זיך, זיך געשטעלט אפן אָרט. נאָר דאָ איז אומגעריכט געשטאָרבן פון א שווערער קרענק די באלעבאָסטע פון דער שטוב. אלטער האָט שווער איבערגעלעבט, זײַן געזונט איז געוואָרן אלץ ערגער און ערגער, און אין א יאָר ארום האָבן די זין געבראכט צו קווּרע אויך זייער פאָטער.

געבליבן אָן עלטערן, זײַנען זיי געווען גע־צוווּנגען אליין צו פארדינען אף ברויט. גרי־שען האָט מען פארבעטן ארבעטן אין דער רע־דאקציע אלס פאָטאָ־קאָרעספּאָנדענט. זײַנע ביל־דער פלעגן זיך אָפט באווײַזן אין די געגנט־לעכע צײַטונגען „בירָאבידזשאנסקאיא זוועז־דא" און „בירָאבידזשאנער שטערן". זעלב־שטענדיק האָט געארבעט אויך דאניע. ער איז געוואָרן א קאָמיוגיסט, און מע האָט אים בא־שטעטיקט אלס שעף פון א קאָמיוגיש־יוגנטלעכן אומבײַט אפן בירָאבידזשאנער טעלעגראף. איזיע האָט פאָרגעזעצט זיך לערנען אין שול. וואָס איז שײַעך דעם קלייניקן ליאָניען, האָבן די עלטערע ברידער באשטימט אײַנאָרדענען אים צײַטווײַליק אין וואלדהיימער קינדערהיים. אינגיכן אָבער האָט אויסגעבראָכן די מיל־כאָמע...

גרישע רויזמאן איז געווען א פייִקער און ענערגישער באָכער, אין דער רעדאקציע פלעגט ער זיך נעמען פאר די קאָמפּליצירטסטע פאר־געבונגען. אלס פאָטאָ־קאָרעספּאָנדענט איז ער אויסגעפאָרן די געגנט, ווי מע זאָגט, אין דער לענג און אין דער ברייט, פאָטאָגראפירט קאָל־ווירטישע פעלדער און די בירָאקאנער מאר־מאָר־קאריערן, די צעכן פונעם וועגנער־זא־וואָד און די טומלדיקע כוורע אין די שולן.

גרישע האָט אפילע ניט געטראכט, אז גאָר אינגיכן, שוין אין יוני 1941, וועט אונטער זײַנע פאָטאָגראפיעס זיך באווײַזן נאָך איין אדרעס, א גאָר נײַער — דאָרעם־מײַרעוודיקער פראָנט.

אין זײַן ערשטן בריוו אהיים האָט ער גע־שריבן: „דאניע, איך בין שוין דרײַ טעג אפן פראָנט. הײַנט זײַנען מיר אריבערגעגאנגען די



אַף די פאָטאָס: די ברידער רויזמאַן (פון לינקס אַף רעכטס) גרישע, דאַניע, איזיע און ליאָניע

געוועזענע בעסאַראַבער גרענעץ, און מאָרגן, ווײַזט אויס, וועלן מיר שוין זײַן אַף דער פאָדערשטער ליניע. מיט אומגעדולד וואַרט איך אַפן מאָמענט, ווען איך וועל עפענען א פײַער איבער די פאַשיסטן...״

דער דאָזיקער מאָמענט איז געקומען זייער גיך. דער סערזשאַנט, קאָמאַנדיר פון א האַרמאַט פון דער פינפטער באַטאַריע פון דעם 328־טן אַרטילעריע־פּאָלק גריגאָרי רויזמאַן האָט פאַר מוסטערהאַפטן אויספילן זײַן ערשטע שלאַכט־פאַרגעבונג באַקומען א דאַנקבאַרקייט פון דער קאָמאַנדשאַפט.

— דער פריצעל 30! איבער די מערדער — פײַער! — האָט פרײלעך געשריִען רויזמאַן. און זײַן לײַכטער באַרג־האַרמאַט האָט געשאָסן מיט קײלן איבערן סוינע.

— געטראָפן? — פלעגן פרעגן דערנאָך די סאָלדאַטן בא גרישען.

— פאַרשטייט זיך, — איז געווען זײַן ענטפער, — אַנדערש פאַרוואָס זשע באַקומען מיר סאָלדאַטישע קאַשע?..

דעם 28 אויגוסט 1942 האָט דער סערזשאַנט רויזמאַן געשריבן קיין ביראָבידזשאַן אין דער רעדאַקציע: „מײַן געוויסן, דער געוויסן פון א סאָוועטישן בירגער, וועלכער קעמפט קעגן פאַשיזם, איז ריין. איך האָב שוין פאַרניכטעט ניט איין צענדליק סאָנים. בא 45 טויזנט קילאָגראַם מעטאַל האָט אַרויסגעלאָזט מײַן האַרמאַט אַף די קעפּ פון די פאַשיסטן, זינט עס גייט די מילכאָמע. אַזאַ איז די פרײַז פון מײַן לעבן היינט־צו־טאָג...״

... בריוו פונעם פראָנט. פאַרגעלטע בלעטלעך פאַפיר, פאַרשריבענע מיט א בלײַער. די באַוווּסטע דרײַעקיקע בריוו, אַף וועלכע עס האָבן אַזוי געוואַרט מוטערס, ברידער, שוועסטער. ניט קיין סאַך זײַנען זיי פאַרבליבן אין די היימישע אַרכיוון. אָבער די, וועלכע זײַנען צו אונדז דערגאַנגען דורך דרײַ יאָרצענדליקער, זײַנען באַזונדערס טײַער. ווי די טײַערסטע רעליקוויע, פאַרהיט אויך איך דעם סאָלדאַטישן דרײַעק — דעם לעצטן בריוו פון מײַן פאָטער, וועלכער איז אומגעקומען אין 1945 אַף די צוטריטן צו בערלין.

אָט פאַרוואָס איך קוק זיך אײַן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל מיט רעגונג אין די געצײלטע שורעס פון גריגאָריס בריוו, וועלכע ער האָט געשריבן אין די זעלטענע אַפן פראָנט פרײַע מינוטן.

„וועגן זיך איז ניטאָ וואָס צו שרײַבן. איך קעמף, שלאָג די שלענג. גענויער וועגן דעם וועל איך דיר דערציילן שפּעטער, אויב איך וועל בלײַבן לעבן...״ — אַזוי האָט ער געשריבן דאַניען דעם 12 סענטיאַבער 1942.

„... אויב איך וועל בלײַבן לעבן״. דער דאָזיקער בריוו איז געווען דער לעצטער. גרישע איז דעמאָלט אַלט געווען 24 יאָר.

ער איז אומגעקומען אַף דער ערד פון זײַנע עלטערן. אין די זאַלפּן פון זײַן האַרמאַט האָט ער אַרײַנגעלייגט זײַן גאַנצן האַס צו די פאַשיסטן, די ליבע צו מאָלדאַוויע, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, און צו דער פרעכטיקער ווײַטמיזרעכדיקער ערד, וועלכע איז געוואָרן זײַן צווייטע היים.

ניט לאַנג פאַר דער מילכאָמע איז דאַניע רויזמאַן אַוועקגעפאָרן פון ביראָבידזשאַן קיין כאַבאַראָווסק זיך צו לערנען אינעם פאַרבינדונגס־טעכניקום און אײַנצײַטיק — אינעם אַעראָקלוב. און אין אויגוסט 1943 איז ער שוין אַפן פראָנט. דעם סאָלדאַט דאַניעל רויזמאַן זײַנען גוט צוניץ געקומען די קענטענישן, וועלכע ער האָט באַקומען, אַרבעטנדיק אַפן ביראָבידזשאַנער טעלעגראַף און לערנענדיק זיך אינעם כאַבאַראָווסקער פאַרבינדונגס־טעכניקום. ער האָט מאָנטירט און דעמאָנטירט טעלעגראַפישע אַפּאַראַטור, געזיכערט די טעלעגראַף־פאַרבינדונג פון אונדזער מיליטער בײַס דער יאַס־קעשענעווער אָפּעראַציע, באַם באַפרײַען די שטעט קריוואָי ראָג, וואָזנעסענסק, בײַס די שלאַכטן פאַר בודאַפעשט און ווין.

איינמאָל האָט מען אים געשיקט מיט א ראַ־פּאָרט אינעם אַרמיי־שטאַב. די מאַשין, א דורכגעלעכערטע פון קוילן, איז קוים־קוים גע־פאָרן איבער דעם צעקאַליעטשעטן וועג. ווען ביזן אָרט איז שוין פאַרבליבן א גאַר קליינער מעהאַלעך, האָט דער סוינע אָנגעהויבן אַן אַרדנטלעכע הארמאַטן־אַטאַקע. איינער פון די דײַטשישע סנאַריאַדן האָט זיך אופגעריסן גאַר נאָענט, און די לופט־כוואַליע האָט דאַניִעלן אַרויסגעשלײַדערט פון דער מאַשין.

א שווער־פאַרוואונדעטער, האָט ער פון די לעצטע קויכעס צוגעפויזעט צו א בלינדאַזש פונעם שטאַב און איבערגעגעבן די דאָקומענטן. אַזוי האָט זיך אָף רויזמאַנס ברוסט באַוויזן די ערשטע באַלוינונג — א מעדאַל „פאַר שלאַכט־פאַרדינסטן".

דערנאָך זײַנען געווען אויך אַנדערע באַלוי־נונגען — מעדאַלן „פאַר אײַנעמען בודאַפּעשט", „פאַר אײַנעמען ווין", „פאַרן זיג איבער דײַטש־לאַנד".

ערעוו איינער אַן אַטאַקע איז דאַניִעל רויז־מאַן, לויט א באַשטימונג פון זײַנע פראָנט־כאַ־ווײרים — די קאָמוניסטן, געוואָרן א מיטגליד פון דער פאַרטיי. צוויי מאָל איז ער דערנאָך געווען פאַרוואונדעט, געלעגן אין שפּיטאָל ניט ווײַט פון דער אָזערע באַלאַטאָן.

און ווען די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט, איז ער אַוועקגעפאָרן צו קרויווים קיין אָדעס, געאַרבעט דאָרט אָפן טעלעגראַף און הינטער־אויגיק זיך געלערנט אינעם פאַרבינדונגס־אינ־סטיטוט. אין 1952 האָט מען אים געשיקט קיין באַקו אַלס אינזשעניער פונעם צענטראַלן טע־לעגראַף. זינט דעם 1967 יאָר אַרבעט ער דאָרט אַלס הויפּט־אינזשעניער.

פון איין מעטאַל גיסט מען אויס א שלאַכט־מעדאַל און א מעדאַל פאַר מי. צו דאַניִעלס שלאַכט־באַלוינונגען זײַנען איצט צוגעקומען א לעניניש יוביליי־מעדאַל און א מעדאַל „פאַר אַרבעטס־אויסצייכענונג".

גליקלעך לעבן אַצינד די ברידער רויזמאַנס. דאַניִעלס פרוי אַסיע אַרבעט אַלס הויפּט־טעכ־נאָלאָג אָף דער באַקוער קאָנדיטערײַ־פאַבריק, די טאָכטער ליליע האָט פאַרענדיקט דעם אינ־סטיטוט פון נאַפט און כימיע און איז אַן אינ־זשעניער אָף איינער פון די כימישע אונטער־נעמונגען.

צוויי קינדער — מאַריק און סוועטע — וואַקסן באַם סאַמע קלענסטן פון די ברידער רויז־מאַנס — באַ ליאָניען, וועלכער אַרבעט נאָכן פאַרענדיקן א פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַלס לערער פון א מיטלשול אין דער שטאָט טאַ־גאַנראָג.

ליאָניע איז בלויז איינער פון די פיר ברי־דער, וועלכער האָט ניט אָנטיילגענומען אין דער מילכאָמע. ער האָט זיך דערצויגן אין וואַלדהיימער קינדערהיים און איז געווען פאַר די איבעריקע ברידער א לעבעדיקע דערמאָ־נונג וועגן דער היים, וועגן דעם פרידלעכן לעבן, פאַר וועלכן זיי האָבן געקעמפט קעגן דעם סוינע. און ניט צופעליק טאַקע האָבן זיך גרישעס און דאַניִעלס בריוו, וועלכע זיי האָבן געשיקט פונעם פראָנט, זיך פאַרהיט באַ אים. ניט צופעליק איז ער, ליאָניע, געווען דאָס פּעדעמל, וואָס האָט פאַרבונדן די ברידער־פראָנטאָוויקעס, צעוואָרפענע דורך דער מיל־כאָמע אָף פאַרשיידענע אירע באַצירקן.

געווען איז צווישן די רויזמאַנס נאָך איין אָנטיילנעמער פון דער מילכאָמע — איזיע. וועגן אים וויל איך דערציילן געניִער, ווײַל טאַקע ער האָט איבערגעגעבן אין אונדזער רע־שוס די פאָטאָגראַפיעס און בריוו פונעם פאַ־מיליען־אַרכיוו.

איזיע רויזמאַן איז א מענטש מיט אַן אינ־טערעסאַנטן גוירל. איך האָב זיך באַקאַנט מיט אים צופעליק. אין דער צײַטונג פון דער אַמו־רער שיפגאַנגס־פאַרוואַלטונג „רעטשניק אַמו־רא" איז געווען פאַרעפנטלעכט א ווענדונג פו־נעם אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטער־לענדישער מילכאָמע דעם קאַפּיטאַן פון א פראַכט־שיף אי. א. רויזמאַן צו אַלע טוער פון דער פאַרוואַלטונג מיט א רוף זיך שטעלן אָף דער אַרבעטס־וואַכטע לעקאָוועד דעם 30־טן יאָרטאָג פון אונדזער זיג איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד. אינעם רעדאַקציִאָנעלן פאָרוואָרט איז אײַנקורצן מיטגעטיילט געוואָרן, אַז אי. א. רויזמאַן איז איינער פון עטלעכע ברידער, וועלכע זײַנען אַוועק אָפן פראָנט פון בירא־בידזשאַן.

און אָט האָבן מיר זיך באַגעגנט. אין דער געמיטלעכער דירע אין איינעם פון די מויערן ניט ווײַט פונעם צענטער אין כאַבאַראָווסק האָט זיך צו אונדז אָנטקעגן אופגעהויבן א קרעפ־טיקער מענטש.

— איר ווייסט, — האָט מיר איזיע אַלטעראַ־ָויטש גלײַך געגעבן צו וויסן, — איך האָב אָקאָרשט זיך אומגעקערט פון אורלויב, אָפּ־גערוט אין סאָטשי, און דערנאָך פאַרפאָרן צו־גאַסט קיין באַקו און טאַגאַנראָג — צו די ברי־דער. א היפּשע צײַט האָבן מיר זיך ניט געזען, ס'איז אַלץ ניט אויסגעקומען, אָבער האיאָר האָב איך באַשלאָסן אומבאַדינגט זיך באַגעג־נען מיט זיי און זייערע מישפּאָכעס.

זיי האָט צעוואָרפן די מילכאָמע. אומגעפער אין איין און דער זעלבער צײַט איז מיט דאַ־ניִעלן אַוועק אָפן פראָנט איזיע. ער האָט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן אָף דער „קליינער

ערד״, הינטער נאָוואָראָסײַסק, בא מילעראָוואָ, אפן סאנדאָמירער פלאצדארם.

דער סאָלדאט פונעם פארוואלטונגס־ווזוואָד פונעם 32־טן ארטילעריע־פּאָלק פון דער 31־טער שיסער־דיוויזיע איזיע רויזמאן האָט באגעגנט דעם טאָג פון זיג אין טשעכאָסלאָוואקיע. צו יענער צײַט איז אַף זײַן ברוסט שוין געווען אַז אָרדען פון „רויטן שטערן״ און א מעדאל „פאר געוואגטקײַט״.

איזיע רויזמאן האָט באגעגנט דעם טאָג פון זיג אין טשעכאָסלאָוואקיע. אין סאָף פון 1945 האָט ער זיך דעמאָביליזירט און זיך אומגעקערט קיין ביראָבידזשאן.

אין יענער צײַט איז קיינער פון די ברידער דאָ ניט געווען. קיינער האָט ניט געוווּסט וועגן דעם גורל פון גרישען. דאניִעל האָט געווױנט אין אָדעס, ליאָניע האָט זיך געלערנט אין כאַבאראָווסק אין א מוזיקאלער שול פון מיליטערישע דערצויגלינגען. און איזיע האָט באַשלאָסן פאָרן צו די קרויווים קיין בלאגאָוועשטשענסק, קעדיי אָנקומען זיך לערנען אין א טײַך־שול. נאָכן פארענדיקן די שול אין 1950 ארבעט ער און וווינט אין כאבאראָווסק. ער איז געווען צוערשט דער דריטער, דערנאָך דער צווייטער געהילף פונעם קאפּיטאן, און זינט דעם 1959 יאָר פארנומען דאָס קאפּיטאן־בריקל אַף א טעפּלאָכאָד.

די פאראיאָריקע נאוויגאציע איז געווען פאר אים די 25־טע. א פערטל יאָרהונדערט שווימט איבערן אמור זײַן טעפּלאָכאָד, ער שטעלט צו אין די דערוויַיטערטע דערפער שפּײַז־פּראָדוקטן, פאָלקסווירטשאפטלעכע פראכטן. דער קאפּיטאן רויזמאן האָט א גוטן שעם בא די אמורער גאָלדגרעבער און וואלדהעקער, בא די בויער פון אמורסק און סאָלנעטשני. מע קען אים אויך אין די בײַאמורער דערפער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט — יעקאטערינאָניקאָלסק, לענינסק, אמורזעט, וווּהין זײַן טעפּלאָכאָד שטעלט צו צעמענט און שטיינקוילן, פארשיידנארטיקע אויסשטאטונג און א סאך אנדערע וויכטיקע פראכטן.

אָט אזא איז דער גורל פון פיר ברידער רויזמאן, א גורל, וועלכן מע קאָן ניט אָפּטיילן פון דעם גורל פונעם גאנצן סאָוועטישן פאָלק. עס בלײַבט נאָר צוגעבן, אז לעקאָוועד דעם 30־טן יאָרטאָג פון דעם זיג איבערן פאשיסטישן דײַטשלאנד האָבן די רעדאקציעס פון די געגנטלעכע צײַטונגען „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא״ און „ביראָבידזשאנער שטערן״ אײַנגעלאדן קיין ביראָבידזשאן די קרויווים פון זייערע געוועזענע מיטארבעטער, וועלכע האָבן זיך ניט אומגעקערט פון די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. צווישן די געסט זײַנען געווען אויך גריגאָרי רויזמאנס ברידער: דאניִעל, איזיע און ליאָניע. זיי לעבן אין פארשיידענע שטעט פון אונדזער גרויסן לאנד — אין באקו, טאגאנראָג און כאבאראָווסק, און אלע זײַנען זיי הײַנט אין צוויי מאָל עלטער פונעם עלטערן ברודער זייערן, וועלכער איז אַף שטענדיק פארבליבן א 24־יאָריקער.

א קאָמאנדירונג אין דער יוגנט

צוערשט האָט מיר געדוכט, אז די קאָמאנדירונג איז א געוויינלעכע: מע דארף אָנשרײַבן פאר דער צײַטונג וועגן דעם נײַעם אָבעליסק אין ביראקאן, וואָס איז געשטעלט געוואָרן לעקאָוועד די לאנדסלײַט, וועלכע זײַנען אומגעקומען אַף די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. כוץ דעם, האָב איך געוואָלט גענויער זיך דערוויסן וועגן די, וועמעס נעמען עס זײַנען מיט גאָלדענע אויסיִעס אויסגעקריצט אפן מארמאָר־טאָוול פונעם מאָנומענט.

די צײַט, וואָס איך האָב פארבראכט אין ביראקאן, איז אָבער ארויס אויסער די ראמען פון א געוויינלעכן זשורנאליסטישן באזוך, און, צום גליק, בין איך געוואָרן ניט פאָשעט אן איידעס, נאָר אויך אן אָנטיילנעמער פון א נאָבעלער זאך — פארייביקן דעם אָנדענק פון מענטשן.

דאָס איז געווען א קאָמאנדירונג אין דער יוגנט פון יענע, ווער עס איז פון אָט דעם ניט גרויסן און שטילן ייִשעוו אַף דער ווײַטמיזרעכדיקער אײַזנבאן אוועק בייס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע אפן פראָנט און אָפּגעגעבן דאָס לעבן פארן היימלאנד. דאָס איז געווען א קאָמאנדירונג אין דער יוגנט פון די, ווער עס פארנייגט הײַנט באם אָבעליסק דעם גראָוון קאָפּ פארן ליכטיקן אָנדענק פון די אומגעקומענע. און, ענדלעך, איז עס געווען א באגעגעניש מיט יענע, ווער עס קען זייערע פאָטערס, זיידעס און עלטערע ברידער בלויז לויט די שוין פארגעלטע פאָטאָ־בילדער אין די

מישפּאָכע־אַלבאָמען און לויט די דערציילונגען פון די קרויווים און באַקאַנטע.

אַזעלכע באַגעגענישן זײַנען בײַ מיר געווען אַ סך. דעם 9 מײַ 1976, ווען עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 31־טער יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד, זײַנען קיין ביראָקאַן פון וולאַדיוואָסטאָק און ריגע, ביראָבידזשאַן און כאַבאַראָווסק און פון פיל אַנדערע שטעט פון אונדזער לאַנד געקומען צו פאָרן אויף דער עפענונג פונעם אָבעליסק קרוווים און נאָענטע פון די אומגעקומענע. און אַצינד, בלעטערנדיק די פאַרנאָטירונגען אין מײַנע בלאָקנאָטן, טראַכט איך וועגן דעם, אַז אינעם גורל פון אָט דעם ייִשעוו און פון זײַנע מענטשן האָט, ווי אין אַ טראָפּן וואַסער, זיך אָפּגעשפּיגלט דער גורל פון אונדזער גרויסן היימלאַנד, פון אונדזער פאָלק — דעם זיגער אינעם געראַנגל קעגן דעם פאַשיזם.

אין ביראָקאַן האָט געמאַראַקעט אַ קילבלעך פרילינגדיק רעגנדל און איבערן ייִשעוו איז געהאַנגען אַ מעכטיקער גערוך פון רײַפגעוואָרענע קנאָספּן. ביזן אָנקום פונעם צוג זײַנען געבליבן אַ מינוט פופצן־צוואַנציק, און נעסיע זבוטשינסקאַיאַ האָט דאָס לעצטע מאָל זיך אומגעקוקט אויף די בײַסטאַנציע־הײַזער און גאַסן פונעם ייִשעוו, ווי זי וואָלט וועלן, אוועקפאָרנדיק פונדאַנען, אויף אייביק זיי פאַרקאַרבן אינעם זיקאָרן.

אייגנטלעך, אַזוי איז עס טאַקע געווען. צי קאָן מען דען פאַרגעסן דאָס אָרט, וווּ עס איז דורכגעגאַנגען דײַן יוגנט? דאָ, אין ביראָקאַן, האָט נעסיע זבוטשינסקאַיאַ פאַרענדיקט די שול, פונדאַנען איז זי אַוועקגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן אין פּעדאַגאָגישן טעכניקום, וועלכן זי האָט פאַרענדיקט אין 1938, זיך ווידער אומגעקערט אין דער לײַבלעך־אייגענער שול, נאָר שוין אַלס לערערן. די עלטערן אירע האָבן געקליבן נאַכעס — זייער טאָכטער איז געוואָרן אַ פּעדאַגאָג!

געווען איז עס מיט פינף און דרײַסיק יאָר צוריק — אין אָוונט דעם 21 יון 1941. נעסיע האָט געטאַנצט אינעם קלוב מיט איר כאַווער וואָלאָדיע שעווטשוק. באַנאַנד מיט זיי — צענדליקער אַנדערע פּאָרלעך. דער פריילעכער מעלאָדיע פונעם וואַלס איז ווי געווען ענג אינעם ניט־גרויסן זאַל, און זי האָט זיך געטראָגן ווײַט אַרום — צו די סאָפּקעס און צו די ניט־הויכע טאָפּאָלן אַרום זיי.

און אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. אַלץ האָט מיטאַמאָל זיך איבערגעקערט. עס האָט זיך איבערגעריסן דער געלעכטער, די מוזיק, די רו. אין ביראָקאַן, פּונקט ווי איבערן גאַנצן לאַנד, איז ניט געווען אַזאַ הויז, וווּהין עס זאָל ניט אָנקומען קיין אַרויסרוף פונעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט.

צווישן די ערשטע זײַנען אַוועק אויפן פראָנט נעסיע זבוטשינסקעס צוויי ברידער איסאַק און סאַמויִל, און וואָלאָדיע שעווטשוקס צוויי ברידער — מיכאַיִל און איוואַן. אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום איז לעבן מאָזשײַסק מיכאַיִל אומגעקומען. אין דרײַ־און־פערציקסטן איז ניט ווײַט פון אָריאָל אומגעקומען סאַמויִל. דעם 4 אָקטיאַבער 1943 איז קיין ביראָקאַן אָנגעקומען די לעצטע בריוו פון איוואַן שעווטשוקן: „הײַנט קאַיאָר וועלן מיר דאָס זיבעטע מאָל גיין אין אַטאַקע. אויב איך וועל בלײַבן לעבן, וועל איך אָנשרײַבן". אין צוויי וואָכן אַרום האָבן די שעווטשוקס באַקומען אַ מיטטיילונג וועגן דעם העראָיִשן טויט פון זייער צווייטן זון.

דער לעצטער פון אָט דעם פירלינג איז אומגעקומען איסאַק זבוטשינסקי — דער ייִנגערער לייטענאַנט פון אַן אַרטילעריש ווזוואָד. דעם 5 דעקאַבער 1944 האָט ער געשריבן פון גראָדנע: „מיר גייען צו דער פאַשיסטישער הייל. אײַנגיכן וועט קומען דער גרויסער זיג". און דעם 14 יאַנוואַר 1945 איז ער געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט לעבן דאָרף באָבי, ניט ווײַט פון וואַרשע. ער איז דאַן אַלט געווען 25 יאָר. פון אַ מיליטערישער פאָטאָגראַפיע קוקט אויף אונדז אַ מענטש, וועלכער איז אויף שטענדיק פאַרבליבן אַ יונגער. אויפן פראָנט איז ער אָנגענומען געוואָרן אין די רייען פון דער לענינישער פאַרטיי. ווען נעסיע זבוטשינסקאַיאַ, וועלכע וווינט אַצינד אין ריגע, האָט זיך דערוווּסט, אַז אין ביראָקאַן וועט דעם 9 מײַ 1976 פאָרקומען אַ פײַערלעכע אַנטהילונג פונעם אָבעליסק לעקאָוועד די סאָלדאַטן־לאַנדסלײַט, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין די שלאַכטן פאַרן סאָוועטישן פאָטערלאַנד, האָט זי גלײַך מיטגעטיילט וועגן דעם גרישען — דעם זון פון איר אומגעקומענעם ברודער איסאַק. דעם 8 מײַ זײַנען זיי געקומען קיין ביראָקאַן.

אויפן אַנדערן טאָג, ווען פונעם אָבעליסק איז אַראָפּגעפאַלן דער ווײַסער לײַוונט, האָבן די זבוטשינסקיס דערזען די טײַערע פאַר זיי נעמען... זבוטשינסקי אי. יע., זבוטשינסקי ס. יע., שעווטשוק אי. ד., שעווטשוק מ. ד.

בייסן מיטינג זײַנען צו נעסיען צוגעגאַנגען אומבאַקאַנטע מענטשן, געדריקט איר די האַנט און פּלוצעם:

— איר געדענקט מיך ניט, נעסיע יעפימאָוונאַ?

אַנטקעגן זבוטשינסקען איז געשטאַנען שוין אַ באַיאָרטער גראָוער מענטש און שמעוודיק געשמייכלט.

— וואָלאָדיע? שעווטשוק? — האָט אויסגע־

רופן, ניט גלייבנדיק אירע אויגן, זבוטשינסקאיא.

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט געענטפערט דער מאנצבל, און זײַן שמייכל האָט דערמאָנט דער לערערן פון ריגע יענעם ווײַטן יון־אָוונט און די פריי־לעכע מעלאָדיע פונעם וואלס אינעם ייִשעור־קלוב...

דערנאָך האָבן זיך אָנגע־הויבן אָן א שיר דערינערונ־גען. לאָזט זיך אויס, אז דאָ, אין ביראקאַן, לעבן א סאך אירע געוועזענע שילער, וועל־כע געדענקען גוט זייער ער־שטע לערערן. טאקע דאָ, אפן מיטינג, איז צו נעסיע יעפּי־מאָווּנע צוגעגאנגען נאָך איין מאנצבל:

— איר געדענקט מיך?

— ביטע, טוט אָן דאָס היטל אפן קאָפּ, — האָט געבעטן נעסיע.

און ווען ער האָט אויסגעפילט איר ביטע, האָט זי א שמייכל געטאָן:

— אָט אצינד, ווען איר האָט צוגעדעקט די גראָווע האָר, קען איך זיכער זאָגן, אז איר זײַנט מישע גניפּ...

פון איר געוועזענעם שילער האָט די לערערן זיך דערוווּסט, אז זײַן פאָטער, סאָלאָמאָן גניפּ, וועלכער האָט געארבעט ביז דער מילכאָמע אין דעם דעמלטיקן ביראקאנער ארטעל „סמאָלאָ־קור", איז אין אָנהייב פון צוויי־און־פערציקסטן אוועק אפן פראָנט, און איז אין א יאָר ארום, אפן קורסקער בויגן, אומגעקומען. אין דרײַ־און־פערציקסטן איז אוועק אין ארמיי אויך מי־כאיל, ער האָט מילכאָמע געהאלטן אין מאנטש־זשוריע, קאָרייע. די לערערן האָט זיך דער־וווּסט, אז איר געוועזענער שילער איז איצט איינער פון די כאָשעווע מענטשן אף דער בי־ראקאנער פאפיר־פאבריק און איז פאר שלאָג־לערישער מי באלוינט געוואָרן מיטן צייכן „אויסגעצייכנטלער פון דער סאָציִאליסטישער פארמעסטונג".

...דער רעגן האָט אופגעהערט פונקט אזוי אומגעריכט, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן, פון אונטער די וואָלקנס האָט ארויסגעקוקט די פריי־לינגדיקע זון, און אלץ ארום איז געוואָרן ליכ־טיקער, פריילעכער. ליכטיקער איז אויך גע־וואָרן אפן הארצן בא נעסיע יעפימאָוונען. אוועקפאָרנדיק פון ביראקאַן צוריק קיין ריגע, האָט זי ווידער און ווידער אין זיקאָרן זיך אומגעקערט צו איר יוגנט, צו דער יוגנט פון אירע אומגעקומענע ברידער און כאוויירים.

איסאק זבוטשינסקי (רעכטס), קיסיע בעקער.

צוזאמען מיט זבוטשינסקען איז אָפּגעפאָרן פון ביראקאַן איר פלעמעניק גרישע — דער עלעקטראָשווייסער פונעם ריגער זאוואָד פון ציווילער אוויִאציע. אלס אָנדענק האָט ער אוועקגעפירט מיט זיך א פאָטאָ־בילד פונעם נײַעם אָבעליסק, אף וועלכן צווישן דרײַ און אכציק פאמיליעס איז מיט גאָלדענע אויסיִעס אויסגעקריצט די פאמיליע פון זײַן פאָטער.

מיטן פאָרזיצער פונעם אויספיר־קאָמיטעט פונעם ביראקאנער ייִשעוו־סאָוועט איוואן סטע־פאנאָוויטש איוואשקין האָב איך זיך באגעגנט אין זײַן קאבינעט אפן צווייטן טאָג נאָך דער אנטהילונג פונעם אָבעליסק.

— אפן מארמאָר־טאָוול איז פאראן אויך אײַער פאמיליע? — האָב איך אים געפרעגט, — בלויז די איניציִאלן זײַנען אנדערע...

— דאָס איז מײַן פאָטער סטעפאן איוואנאָ־וויטש, — האָט מיר געענטפערט דער פאָרזיצער.

...די מישפּאָכע איוואשקינס איז געקומען פון טשוואשיע קיין ביראקאַן אין 1939, ווען איוואן איז אלט געווען בלויז פינף יאָר. אין צוויי יאָר ארום איז ער אוועק אין שול, און זײַן פאָטער — אפן פראָנט. אין דרײַ־און־פער־ציקסטן איז ער הינטער אָריאָל שווער פאר־וווּנדעט געוואָרן און פון די ווונדן געשטאָרבן. סטעפאן איוואשקינס זון האָט פארענדיקט די שול, דערנאָך א שול פון לאָקאָמאָטיוו־מאשי־ניסטן, געארבעט אין דעפּאָ, אפן טעפּלאָאָזיאָר־סקער צעמענט־זאוואָד, דאָרט האָט ער פארענ־דיקט דעם אָוונטיקן אינדוסטריִעלן טעכניקום און ווידער זיך אומגעקערט קיין ביראקאַן, ווו־מע האָט אים אויסגעווײלט אלס פאָרזיצער פו־נעם אויספירקאָם פונעם אָרטיקן ייִשעוו־סאָ־וועט.

דער אָבעליסק אין ביראָקאַן

די אַקטיוויסטן פונעם סאָוועט, בעראָש מיט אי. ס. איוואַשקינען, פירן א גרויסע ארבעט אַף צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון די לאַנדסלײַט, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אין דער דאָזיקער נאָבעלער זאַך באַטייליקן זיך קימאַט אַלע אײַנוווינער פונעם יישעוו. די שילערן פון 10־טן קלאַס אירינע כליאָבאַ, דער דירעקטאָר פונעם שול־מוזיי, האָט געשמועסט קימאַט מיט אַלע אײַנוווינער פונעם יישעוו, פעסטשטעלנדיק די מישפּאָכעס פון די אומגעקומענע, און יעדן טאָג האָבן אין איר שילערישן העפט זיך באַוויזן אַלץ נײַע און נײַע פאַמיליעס.

אָט האַלטן מיר דעם דאָזיקן העפט און לייענען די נעמען... ייִנגערער סערזשאַנט, קאָמוניסט איליאַ לעוויטאַן — אומגעקומען אַפן קורסקער בויגן; אַרטילעריסט, קאָמוניסט נאַום גריבער — אומגעקומען הינטער רזשעוו; קאַפּיטאַן, קאָמוניסט קיסיע בעקער — אומגעקומען הינטער אָריאָל; קאָמאַנדיר פון א טאַנק, קאָמוניסט יאַקאָוו קליימאַן — אומגעקומען באַם באַשיצן קרים...

דרײַ און אכציק פאַמיליעס... דרײַ און אכציק איבערגעריסענע לעבנס. קאָנסטאַנטין ניקיטענקאָ, סאַמויִל שטומאַק, מאָיִסיי קריסטאַל, מאַטוויי זאָזוליאַ, פיאָדאָר איזבישעוו, יאַקאָוו בעלאָוו... רוסן און ייִדן, אוקראַיִנער און טשוּוואַשן — פאַר אַלע זיי האָבן אינעם יאָמטעוו פון זיג פאַרנייגט די פאַרזאַמלטע זייערע קעפּ בא דער גראַניט־פיגור פון דער מוטער־היימלאַנד, איבער וועלכער עס זײַנען מיט גאָלדענע אויסיִעס אָנגעשריבן די ווערטער: „אייביקער אָנדענק די סאָלדאַטן־לאַנדסלײַט, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין די שלאַכטן פאַר אונדזער סאָוועטישן פאָטערלאַנד".

דער טרוים מײַנער איז גרויס

דווירעס

איך ווייס געוויס — פון פּראָזע און פון לידער, —
אַז יעדער דאָר, וואָס קומט אַף דער פּלאַנעט,
איז ניט צופרידן, צי ס׳איז אים דערווידער,
וואָס אַף דער וועלט געקומען איז ער שפּעט.

און שווימענדיק אַף אַטאָמישע שיפן,
צי אַף אַ שיף, מיט זעגלען ווײַס, ווי שניי,
האָט עמעצן פאַרדראָסן, וואָס די טיפן
קאָלומבוס פריִער האָט געזען, ווי זיי,

און וואָס קאָלומבוסן די מאַפּע־ווערסטן
געצייכנט עמעץ אַנדערש האָט געניט,
און וואָס ניט ער, נאָר אַמונדסען דער ערשטער
געשטעלט האָט אפן פּאָליוס זײַנע טריט.

און עמעצער האָט אופריכטיק באַדויערט
אין רויש פון דער געשיכטעס גרויסן קוואַל,
וואָס פון באַסטיליע דעם שווערן טויער
האָט ער פאַרשפּעטיקט געבן אַ צעפּראַל.

צי האָט מײַן דאָר פאַרשפּעטיקט? ניין, כ׳בין זיכער!
עס וועלן דווירעס אונדז מעקאַנע זײַן
אַף אונדזער צײַט, אַף אונדזער לעבנס־וויכער,
מעקאַנע זײַן אַף אונדזער גליק און פּײַן.

אַף דעם, וואָס מיר האָבן געלעבט, געאָטעמט,
ווען לעניך איז געגאַנגען אַף דער ערד,
ווען די „אווראָרע" פונקען האָט צעשאָטן,
ווען ס׳האָט די וועלט איר ערשטן שאָס דערהערט.

עס האָט מײַן דאָר אין שווערסטן פון געשלעגן
די ברוינע פעסט פאַרניכטנדיק, געזיגט,
אַף שלאַכטפעלדער, אַף פּאַרטיזאַנער וועגן,
אין הימל, וואָס פון פלאַם האָט זיך געוויגט.

עס האָט מײַן דאָר ניט אין קיין שיינעם כאָלעם,
נאָר אַף דער וואָר, אין הילך פון פלאַם־פּורפּור,
געוואָרט, גאַגאַרין קומען זאָל בעשאָלעם
פון בלויען קאָסמאָס צ׳ריק צום בײַקאָנור.

נאָר ס׳טרעפט אַמאָל, פון ערגעץ קומט דער אומעט,
ניט ווילנדיק עס טוט זיך מיר אַ קלער:
מעקאַנע כ׳בין דעם דאָר, וועלכער וועט קומען, —
וואָס ער וועט טאָן, איז טאָן מיר ניט באַשערט...

טרוים

כ׳מאָל זיך אויס אַ שיינע וועלט.
כ׳גיי אַרום אינמיטן
אין אַ ווינטערדיקן פעלד
פאָר איך אַף אַ שליטן.
וויל איך, איז דאָס פעלד פאַרשנייט,
וויל איך — בליט דאָרט קאָרן.
גייען דאָרטן אום אין פרייד
מײַנע יונגע יאָרן.
כ׳בין אין יענעם פעלד אַ גאַסט,
סנאָפּעס העלף איך בינדן.
פון מײַן אַרבעט עמעץ שפּאַסט:
— ס׳וועט דער ווינט צעשינדן!
לאַכן אַלע, לאַך איך אויך,
און אַרום איז זומער...
ס׳ברענט אין הרובע. גייט אַ רויך —
כ׳בין אין דאָרף געקומען
ניט פון אויסגעטראַכטער ווײַט,
מיט טומאַן פאַרצויגן.
אַף אַ ווײַלע יענע צײַט
דורך איז פאַר די אויגן.

מיר

ניט וואָס איך גרויס זיך,
כאָטש יאָ — איך שטאָלציר, —
כ'האָב איינמאָל פון „איך"
זיך פאַרוואַנדלט אין „מיר".

מיר האָבן געזונגען,
מיר האָבן געטאַנצט,
מיר האָבן פון צווייַגלעך
א סעדל פאַרפלאַנצט.

מיר קענען שוין אויסיעס
פון אלעף ביז היי,
מיר האָבן זיך אויסגעבויט
שטיבלעך פון שניי.

מיר קענען שוין קייפלען
אָף דרייַ און אָף פיר.
ס'פלעגט, עמעס, זיך בייַטן
דער טאָך פונעם „מיר".

מיר זייַנען געווען
אין באַטאַנישן סאָד.
מיר וועלן פאַרהיטן
געטרייַ אונדזער סאָד.

צום ווינפלטן ווידער
האָט שפעטער פּאַסירט,
עס האָט זיך געביטן
דער זין פונעם „מיר".

געווען א באַגינען
אי ווארעם, אי לינד,
דערפילט כ'האָב, ווי ס'צאַפּלט
לעם הארצן מייַן קינד.

און ס'האָט מיך דערשראָקן
דער שניי אָפן וועג:
— מיר קענען נאָך פאַלן,
ס'איז גליטשיק, א שרעק!

דער זומער, פאַרקערט,
האָט זיך צופיל צעהיצט:
— מיר מוזן אין שאָטן
אוועק פון דער היץ!

בלויז „מיר", און בלויז,
„מיר",
אָן א סאָף, אָן א שיר,
ווייַל ס'האָבן באַהעפט זיך
מייַן „איך" מיטן „מיר".

מיר האָבן געאַרבעט,
פאַרענדיקט דעם שניט,
געטרייַ, ווי אין צען,
האָבן מיר זיך געמיט.

אוועק זייַנען מיר
אינעם גרויזאַמען קריג,
דעם בלוטיקן סוינע
מיר האָבן באַזיגט.

פון איך־דאַלעדאַמעס
אַלץ ווייַטער מיך פירט:
פאַרגעס איך די גרענעץ
פון „איך" און פון „מיר".

פון אלעמען אָבער
כ'טייל אָפּטלעך זיך אָפּ,
דאָן הערסטו, ווי כ'שעפּטשע:
— אוי, מיר פאַר דייַן קאָפּ.

די צייַט

איך הויז ניט מיט דער צייַט אצינד —
עס ציט מיך ערגעץ, ווי מיט צוואַנגען,
אָט וואָלט איך איצט אפּסניי געגאַנגען
אהין, ווו כ'בין געווען א קינד.

איי, וואָס וואָלט איך געטאָן דאָרט הייַנט?
ס'איז דאָרטן קיינער ניט געבליבן
פון אלע ליבע און ניט־ליבע,
פון אלע מייַנע פייַנט און פרייַנט.

כ'וואָלט זיך ארומגעדרייט אליין,
די נייַ־געקומענע, א פרעמדע,
און ניט געוווּסט, וווּהין זיך ווענדן,
און ניט געוווּסט, וווּהין צו גיין.

נאָר כ'הויז סייַווי ניט מיט דער צייַט,
מיך הערט ניט אויף באַגייַסטערט ציִען

אין קישעפדיקע אינדערפריִען,
וואָס זייַנען איצט נאָך גוואַלדיק ווייַט.

וואָס זייַנען גאָר נאָך ניט געבאָרן,
וואָס ווייסן ניט אליין פון זיך,
וואָס ערגעץ גייט נאָך זייער ליכט
דורך שטרעקעס, וואָס מע מעסט מיט יאָרן.

וואָס האָב איך דאָרט צו טאָן? נו, וואָס?
און מיך וועט דאָרט ניט קענען קיינער.
און דאָ — כ'בין קושן גרייט די שטיינער,
וואָס איך באַטרעט אין היץ, אין פראָסט.

נו, יאָ, דער טרוים מייַנער איז גרויס,
און זי, מייַן ליבע צו דעם לעבן,
מיך צווינגט פאַרגאַפּט אין ווייַטן שטרעבן
און שלעפּט צוריק, און רופט פאָרויס.

די גרויסע בעריכע

1

גייט ארויס די גרויסע בעריכע באנאכט
און געפינט אין כאשכעס גלײַך מײַן הויכן דאך,
אינעם טיפן נידער זוכט זי אָפּ מײַן ראָג
און די פענצטער מײַנע אפן אכטן שטאָק.
אָף די וואָלקנס טײַקעף הענגט זי אוף איר קוואָרט,
קוקט אין מײַנע שויבן — רירט זיך ניט פון אָרט,
ווי זי וואָלט מיר זאָגן: — שלאָף, עס איז שוין שפעט,
זעסט, א קוואָרט מיט שטערן כ׳האָב דיר אָנגעשעפּט.
דען אומזיסט די פענצטער דײַנע כ׳האָב דערקענט?
כ׳וויל, זאָלסט מײַנע שטערן נעמען אין די הענט.
קוק איך אינעם פענצטער, און די הענט כ׳ציִ אויס:
נאָר ס׳איז דער מעהאלעך אזוי טיף און גרויס,
ענטפער איך דער גוטער בעריכע אפגיך:
— אינעם הארצן קלײַבן בעסער כ׳וועל דײַן ליכט,
ווײַל צו דיר דערלאַנגען כ׳קען בלויז מיטן בליק —
אויגן און מאכשאָוועס דארפן ניט קיין בריק.

2

וואָס האָט מיט דער גרויסער בעריכע פּאסירט?
בין איך מער, אפּאָנעם, ניט געפעלן איר?
לאַנג שוין אין מײַן פענצטער קוקט זי ניט ארײַן,
אלע נאכט אין הימל כ׳זוך אומזיסט איר שײַן.
צי זי האָט פארגעסן, ווו עס שטייט מײַן הויז?
צי זי האָט זיך פריִער מיר געכאָלעמט בלויז?
צי עס האָבן פּאַשעט וואָלקנס זי פארשטעלט?
צי זי האָט איר קוואָרט פארלוירן אינעם פעלד?
צי ס׳האָט זי באַליידיקט, וואָס כ׳האָב ניט געוואָלט
נעמען אין די הענט איר שטערנדיק גינגאָלד?

אויב די שטוב פארגעסן האָט זי, ווו איך וווין,
וועט א גרינער טאָפּאָל אויסצײַען זײַן קרוין,
און דערמאָנען וועט איר טײַקעף זײַן סאַפּפיר,
אז געזען אים האָט זי בא מײַן ברייטער טיר.
אויב געקומען איז זי אין מײַן כאָלעם נאָר,
סײַווי פארן כאָלעם דאנקבאר כ׳בין דער וואָר,
ווײַל אויב ס׳קען א כאָלעם אזוי פרעכטיק זײַן,
וויפל — ניט אין כאָלעם — דארף זײַן העלע שײַן!
אויב זי האָט פארלוירן אינעם פעלד איר קוואָרט,
וועט זי זוכן, זוכן, און געפינען פאָרט,
וועט שוין דעמלט ווידער אלע אפדערנאכט
אָפּזוכן די גרויסע בעריכע מײַן דאך
און די פענצטער מײַנע אפן אכטן שטאָק,
אינעם טיפן נידער — מײַן באהעלטן ראָג.

אירמע דרוקער

„דער פּינקעס איז אָפֿן, און די האַנט שרײַבט"

(פֿונעם בוך „מיכאַעל־יוסעף גוזיקאָוו")

דער גענעראַל זאַריטש

אַ העק האָט באַטײַט אַן איינזאַמער יישעוו, פֿון װעלכן אַלע נאָענטע האָבן זיך אָפּגעקערעוועט און אַרום וועמען קיינער האָט בישכיינעס ניט געוואָלט וווינען.

די מעמשאָלע פֿון שטילקײַט האָט אַרום יעדן העק זײַנע דרעמל־וועכטער צעשטעלט, אַז דער פּליעסק פֿון אַ טײַך, וואָס פֿליסט ערגעץ, זאָל, כאַסוועכאָלילע, ניט דערגיין אהער, אַז דער געקלאַנג פֿון גלעקער און דער געלויף פֿון פֿערד זאָלן ניט וואַגן וועקן, זאָלן ניט וואַגן באומרויִקן.

ניט קיין דורכפֿאָרער, ניט קיין אַרײַנפֿאָרער, ניט קיין אַרויספֿאָרער, ניט קיין אַרויסגייער און ניט קיין אַרײַנקומער. אַפֿילע זיי, די וואַנדערנדיקע אָרעמעלײַט, פֿלעגן אויסמײַדן אין זייערע מאַרשרוטן אַ יעדן מין העק, עס האָט ניט געלוינט — גרויס איז דער וועג און ווייניק איז די שפּײַז. אינדערעמעסן, וואָס, מישטיינסגעזאָגט, קאָן נעמען אַן אָרעמאַן באַ אַן אָרעמאַן, ס׳איז דאָס זעלבע, ווי צוויי מייסים זאָלן גיין טאַנצן.

אַ סאַך, אַ סאַך אַזעלכע פֿאַרוואָרפֿענע זומפּיקע העקן האָט דאָס צאַרישע רוסלאַנד פֿאַרמאָגט. יעדער העק איז געווען אַ קלאָלע, אַ סאַך, אַ סאַך קלאָלעס...

האָט זיך באַוויזן אַ שיין מיידל, האָבן אַלע באַדויערט:

— וי להאי שופרא[1] — ווײַ צו דער שיינקײַט, וואָס וועט דאָ אינעם העק פֿאַרמיִעסט ווערן!

האָט אַ בליץ געטאָן אַ שאַרפֿער מויעך, איז ווידער ווײַ:

— ווײַ צום שאַרפֿן מויעך, וואָס וועט דאָ אינעם העק פֿאַרטעמפּט ווערן!

און געווען זײַנען יישוווים, וועגן וועלכע מ׳האָט געקאָנט זאָגן, ווי דער פֿאַרכאַלעשטער וואַנדערער וועגן דעם בוים, וואָס האָט מיט זײַנע זאַפֿטן געשטילט זײַן דאָרשט, מיט זײַנע פּיירעס אים געזעטיקט און מיטן קילן שאָטן די קויכעס אומגעקערט:

— בוים, בוים, מיט וואָס זאָל איך דיך בענטשן, אַז דו ביסט מיט אַלץ געבענטשט: דײַנע צווײַגן זײַנען געדיכט, דײַנע בלעטער זײַנען גרין, דײַנע פּיירעס זײַנען געשמאַק, דײַן שאָטן איז אַ זיִכערע שוץ פֿאַר דער ברענענדיקער זון, אַלץ אין דיר איז פֿול מיט כּיִעס, אַלץ דערקוויקט. בלײַבט די איינציקע בראָכע, אַז די פֿלאַנצונגען, וואָס וועלן גענומען ווערן פֿון דײַן שטאַם, זאָלן שלאָגן טיפֿע וואָרצלען און מיט אַלץ זײַן ענלעך צו דיר.

צו די געבענטשטע יישוווים האָט געהערט שקלאָוו. וועגן שקלאָוו פֿלעגט מען זאָגן: וועמען גאָר, און וועמען גאָרניט, ווער עס דאַרף זיך באַנוגענען מיט די קאַרגע וואַסערן פֿון טײַכלעך, וואָס זומער טריקענען זיי אויס פֿון די היצן, און שקלאָוו איז געבענטשט מיטן

[1] ווײַ לעהײַ שופֿרא.

דניעפּער און מיט דער אָזערע סערעבריאַנקע. וויבאַלד די אָזערע איז געשאַצט געוואָרן ווי א „סערעבריאַנקע״, איז דער דניעפּער אוואַדע ווערט געווען טראָגן דעם נאָמען „זאָהאָוויאַנקע״. אויב די אָזערע איז זילבער, איז דער דניעפּער גאָלד. עס מאַכט ניט אויס: אז מ׳פאַרמאָגט גאָלד, שטערט אויך ניט קיין זילבער. די „סערעבריאַנקע״ איז פאַרהיימישט און פאַריידישט געוואָרן, און מ׳האָט זי גערופן ניט אַנדערש ווי „סאָרעבריאַנקע״.

שקלאָוו איז אויך באַרימט געווען מיט אירע טיפע געדיכטע וועלדער אַרום און אַרום און מיט דער „פּאָזשנע״, מיטן גרויסן גרינעם פּלאַץ הינטער דעם פּוילישן קאַסטיאָל, וואָס איז געווען באַזעצט מיט לינדנביימער און מיט הויכע, פעסטע און ברייטע דעמבעס אָף ניט אַרומנעמען זיי.

א יאָר נאָך א יאָר, א דאָר נאָך א דאָר, און די דעמבעס — ווי געווען, ניט גערירט פון אָרט. בא זיי, בא די דעמבעס, פלעגן ליבעס געשלאָסן ווערן, ווײַל ווער נאָך ווייסט אַזוי דעם סאָד און די שיינקײַט פון דער ליבע, ווי זיי, די אַלטע און שטענדיק יונגע איידעס, וואָס זײַנען אַזויפיל הערבסטן און ווינטערס אויסגעשטאַנען, אַזויפיל פרילינגען און זומערס זויכע געווען צו דערלעבן.

בא זיי, בא די דעמבעס, האָבן זקיינים טפילע געטאָן און געבעטן אָף אַריכאַס־יאָמים. ווייבאַלד דער דעמב קאָן אַזויפיל לעבן, פאַרוואָס זאָל עס ניט באַשערט זײַן דעם מענטשן? דער מענטש איז דאָך אָפּטמאָל שטאַרקער אין זײַנע יעסורים און צאָרעס פון אים, פון דעם דעמבענעם גיבער.

בא זיי, בא אָט די רויִקע און פעסט־זיכערע דעמבעס, האָבן קינדער אַלע פאַרשײַטע שפּילן געשפּילט און אַלע שטיינער־מילכאָמעס געפירט צווישן זיך.

שקלאָוו איז פון שטענדיק אָן געווען א מיסכער־שטאָט, באַזונדערס פון 1772־טן יאָר, ווען זי איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס רוסישע. אַלע טראַקטן און וועגן האָבן געפירט שקלאָוו צו דער וועלט און די וועלט צו שקלאָוו. די אָפענע גרענעצן צו טיף ראַסיי און צו גאָר דער וועלט האָבן פראַנק־און־פרײַ דורכגעלאָזט אַלע צוגווינטן פון דער צײַט, האָבן אַרײַנגעבראַכט אומרו, אופרודערונג און שטרײַטן.

שקלאָוו האָט געהאַט וואָס צו דערציילן, וואָס צו פאַרצייכענען און פאַרשרײַבן, און פינקאָסים זײַנען פון מאָל צו מאָל אופגעקומען אַלץ מער און מער.

דער הויפּט־פינקעס איז געווען דער קאָהאָלשער. דער מחזיק הפנקס[1], דער, וואָס האָט געהאַלטן דעם פינקעס און איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים, און דער סויפער פונעם פינקעס, זיי זײַנען מעכויִעוו געווען אָפּשפּיגלען אַלע טאַקאָנעס פון קאָהאָל, אַלע אופטוען פון די „אַלופים״, פון די רעדלפירער, פון די, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן רואה חשבון[2], מיטן קאַסירער, געזאָרגט פאַרן פינאַנציִעלן מײַמעד פון דער קעהילע, פון די טובים[3] — ראַטמענער און באַלע־אייצעס פון די שמאים[4] — שאַצערס, וואָס פלעגן אָפּשאַצן, וויפל מ׳זאָל פאָדערן פון יעדן איינעם לויט זײַן פאַרמעגן פאַר די קאָהאָל־היצטאַרכעסן אָדער פאַר די מעלוכע־שטײַערן.

אויסער דעם קאָהאָלשן פינקעס, זײַנען געווען מיסנאַגדישע און כסידישע פינקאָסים, פינקאָסים פון באַלמעלאָכישע צעכן, פון פאַרשיידענע כעוורעס: כעוורע־קאַדישע — מעקאַבער זײַן מייסים, כעוורע גמילאַס־כאַסאָדים — אַנטלײַען נויטבאַדערפטיקע געלט, כעוורע ביקור־כוילים — באַזוכן און העלפן קראַנקע, כעוורע מאַלביש־אַרומים — באַקליידן הויל־נאַקעטע, כעוורע האַכנאָסעס־קאַלע — כאַסענע מאַכן אָרעמע מיידלעך, כעוורע מײַכל קאָשער — באַזאָרגן ייִדישע סאָלדאַטן מיט קאָשער עסן און מיט מאַצעס אָף פּייסעך.

יעדן איינעם פון דער אָדער יענער כעוורע פלעגט מען לויט דער ריי שאַבעס אופרופן צו דער טוירע באַם אַנטשפּרעכיקן פּאָסעק פון דער סעדרע. די כעוורע מײַכל קאָשער, צום בײַשפּיל, פלעגט מען אופרופן צום פּאָסעק „זאת החיה אשר תאכלו מכל הבהמה על הארץ״[5] — דאָס איז די כײַע, וואָס איר מעגט עסן פון יעדער מין בעהיימע אָף דער ערד.

אין שאַבעס פון דער סעדרע „אייקעוו״, ווו עס ווערט דערמאָנט דער פּאָסעק „הסיר אדוני ממך כל חולי״[6] — גאָט האָט אָפּגעקערט פון דיר אַלע קרענק, — האָט מען אופגערופן די, וואָס האָבן געהערט צו דער כעוורע ביקור־כוילים.

די שקלאָווער וואַסערפירער און וואַסערטרעגער זײַנען געקומען צו די רעדלפירער פון קאָהאָל, אז מע זאָל שאַפן א כעוורע שואבי מים[7] פון די, וואָס שעפּן וואַסער, און מ׳זאָל אויך פאַר זיי אויסטיילן א באַזונדערן שאַבעס מיטן געהעריקן פּאָסעק, וואָס אַנטשפּרעכט זייער פאַך.

קאָהאָל איז מאַסקים געווען. און ווען מ׳האָט געפרעגט בא די וואַסערפירער און וואַסער־

[1] מאַכזיק האַפינקעס; [2] רויע כעזשבן; [3] טווים; [4] שאַמאָיִם; [5] זויס האַכאַיאָ אַשער טויכלו מיקאָל האַבהיימאָ אַשער אַל האָאָרעץ; [6] הייסיר אַדוינאָי מימכאָ קאָל כוילי; [7] שויאַווי מאַיִם.

טרעגער, וועלכן שאבעס וואָלטן זיי געוואָלט פאַר זיך, האָבן זיי געענטפערט: דעם שאבעס, ווען מ'לייענט די סעדרע „עמער"[1].

עס זײַנען אויך געווען כעווורעס, וואָס האָבן זיך געפרווווט אײַנקויפן אוילעמהאַבע ניט דורך מיצוועס, וועלכע האָבן א שײַכעס צו די צווישנבאַציִונגען פון מענטשן, נאָר דורך מיצוועס, וואָס האָבן א שײַכעס צו די באַציִונגען צווישן מענטש און גאָט דורך לערנען און טפילע טאָן — כעווורע מישנײַעס, כעווורע איין־יאַנקעוו און כעווורע טילים.

מיכאַעל־יויסעף גוזיקאָוו

יעדער פינקעס האָט געהאַט זײַן באַזונדערן סטאַטוט, זײַן באַזונדערע האסקאָמע. האָט דער פינקעס געהערט צו די מיסנאַגדים — האָט געגעבן די האסקאָמע און אָנגעשריבן די האקדאָמע דער מיסנאַגדישער ראָוו, האָט ער געהערט צו די כסידים און צו באַלמעלאָכישן גראַד — דער כסידישער מוירע־הוירעָע.

אין אלע שײַלעס־אוטשוועס זײַנען דער ראָוו און מוירע־הוירעָע געווען צווישן זיך פײַער און וואסער, א בייס־שאמײַ און א בייס־הילעל[2]. האָט דער כסידישער בייס־הילעלדיקער מוירע־הוירעָע געזאָגט, אז ס'איז קאָשער, האָט עס דער מיסנאַגדישער בייס־שאמײַ־ראָוו פאַרעכנט פאַר טרייף, דאָס „ריינע" פאַר „אומריין" געמאַכט, יעדן „מ'מעג" אין א שטרענגן „מ'טאָר ניט" צוגעפּאַסקנט.

דער קידער־ווידער האָט זיך אויך געפּילט אין די האסקאָמעס און האקדאָמעס פון די פינקאָסים. אין קאָהאָלשן פינקעס און אין די פינקאָסים פון פאַרשיידענע באַלעבאַטישע כעוורעס האָט דער מיסנאַגדישער ראָוו, דער בעסדן־שעל־מאַטאָ, וואָס געפינט זיך אונטן, אף שקלאָווער ערד, אין נאָמען פון בעסדן־שעל־מײַלע, וואָס געפינט זיך פון אויבן, אפן הימל, געהאַלטן אין איין גויזער זײַן, אין איין שטראָפן און אין איין וואָרענען.

גאָר אנדערש פלעגן אויסזען די האקדאָמעס פונעם כסידישן מוירע־הוירעָע אין די פאַרשיידענע כעוורעס און צעך־פינקאָסים. יעדע האקדאָמע פלעגט זיך אָנהייבן מיט אן אשריי — אזוי ווייל איז דעם יעגיע־קאַפּאיִמניק, וואָס פאַרדינט מיט דער מי פון זײַנע הענט און מיטן שוויס פון זײַן פּאָנעם דאָס שטיקל ברויט זײַנס. און ווײַטער האָט זיך אין יעדן פינקעס איבערגעכאַזערט דער זעלבער און אייגענער נוסעך:

„זעענדיק דעם סיידער פון צעך, אז ער איז אײַנגעפירט אפן יעסאָד פון עמעס און יוישער, גיב איך מײַן האסקאָמע, ער זאָל האָבן די קראַפט צו עקזיסטירן. יעדער מיטגליד פון צעך דאַרף זיך היטן, קעדיי ניט ענדערן דאָס אָנגעשריבענע אין דעם דאָזיקן פינקעס".

די פאַרשיידענע פינקאָסים האָבן זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט די פאַסירונגען פון זייערע צעכן און כעוורעס, זיי האָבן אויך שטענדיק אָפּגעגעבן א בעקאָוועדיק אָרט פאַר די קלאַל־אינטערעסן, פאַר אלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען און האָט פאַסירט אין שקלאָוו.

אז דער אינטערעס צו די פינקאָסים זאָל ניט אָפּגעשוואַכט ווערן, אז ס'זאָל זיך וועלן זיי בלעטערן און איבערבלעטערן, האָט מען אין זיי פאַרשריבן די סאמע אינטערעסאַנטע דראָשעס, די סאמע האמצאָעסדיקע פשאָטים און פשעטלעך, מעשאָלים, שטעכווערטלעך פון די אָנגעזעענסטע ראַבאָנים, ראבײַים און מאַגידים.

פינקעס מיט פינקעס האָבן זיך פאַרמאָסטן, ווער ס'וועט האָבן א שענערן און פעסטערן אײַנבונד, וועמענס שאַרבלאַט עס וועט זײַן פאַרביקער און מיט אײַנפּאַלן.

אומרויִקע פינגער, וועמען עס האָט געצויגן צו מאָלן, צייכענען און קריצן, האָבן א טיקן געפונען. ביז די פינקאָסים האָט מען געלאָכט פון אָט די לײַט מיט די אומרויִקע פינ־

---

[1] די סעדרע הייסט „אמור" — די וואָסערפירער האָבן אַרויסגערעדט דעם העברעיִשן „אמור" („עמויר"), ווי דעם יידישן „עמער"; [2] צוויי ריכטונגען אין טאַלמוד. די בייס־שאמײַניקעס זײַנען געווען דאָגמאַטישער און א סאך שטרענגער בענעגייע יעדן דין, איידער די בייס־הילעלניקעס.

גער, מ׳האָט געהאַלטן, אַז זיי פאַרנעמען זיך מיט דער רועך ווייסט וואָס, און איצט איז מען ווי אַף אַ בייזוווּנדער געלאָפּן אָנקוקן זייערע געמעלן און זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן פון זיי.

אַפּילע סאָפרים, וואָס האָבן אַ לעבן געשריבן סייפּערטוירעס, טפילן און מעזוזעס, האָבן געפּרוווט זייערע קויכעס אין די שאַרבלעטלעך און זיך אַליין ניט געגלייבט, אַז אויסער הייליקע אויסיעס, ווערטער און שורעס פון דער טוירע, וואָס זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן פון גאָט צו מוישען און פון מוישען צו די ייִדן, זײַנען זיי בעיעכוילעס צייכענען אייגענע צייכנס מיט פאַרבאַהאַלטענע און אַנטפּלעקטע מיינען, וועלכע זײַנען ביז אַהער פון קיינעם ניט געצייכנט און ניט באַוויזן געוואָרן.

איינער אַ שקלאָווער סויפער האָט אַזויפיל ליבע און שיינקײַט אַרײַנגעלייגט אינעם ראַשעטייוועס ק״ק — קריה קדושה[1] — די הייליקע שטאָט, אַז ער איז אַרײַנגעפאַלן אין היסלײַוועס און זיך צעשריגן ניט מיט זײַן קאָל: „ריבוינעשעלוילעם! איך בין גרייט אומ־קומען פאַרן קלענסטן און פאַרן ערגסטן פון שקלאָוו, טו מיט מיר דעם כעסעד און שטעל מיך פאַר דעם ניסאָיען, פּרווו מיך אויס!״

וועגן אַ צווייטן סויפער האָבן זיך צעטראָגן קלאַנגען, אַז באַם פאַרצייכענען גאָטס צו־זאָג: וגנותי על העיר הזאת[2] — איך וועל באַשיצן אָט די שטאָט, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דער פלאַם פונעם דאַרנבוים, דורך וועלכן גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו מוישען, האָט אים באַלויכטן און פאַרבלענדט זײַנע אויגן. פון שרעק האָט דער סויפער געמאַכט גוואַלדן: „עס ברענט! גוואַלד, ייִדן, עס ברענט! ראַטעוועט!״

אַ דריטן סויפער האָט מען אין שקלאָוו גענומען רופן „דער לעפּאַק״. אין אָט דעם צונאָמען איז דער סויפער אַליין שולדיק געווען, ווײַל וועמען נאָר ער האָט באַגעגנט, באַ־קאַנטע און אומבאַקאַנטע, האָט ער דערציילט, וויאַזוי ער האָט זיך אָנגעמאַטערט מיטן לפ״ק, מיט, דעם לפרט קטן[3]. עפּעס אַ קלייניקײַט, אַ לעפּאַק: ער לייגט אַף די טויזנטער אין אַ זײַט, און הונדערטער וואַקסן באַ אים ווי אַף הייוון. אַ הונדערטער און אַ הונדערטער, און מיט דער צײַט וועט זײַן אַ פרישער טויזנטער[4].

אַ לעפּאַק איז דער נאָגיד שעבענאָגידע, דער שענסטער און רײַכסטער ראַשעטייוועס, און האָבן צו טאָן מיט רײַכע איז ניט אַזוי גרינג. אויסגעפּינטלט און אויסגעטינטלט דעם ערשטן לעפּאַק, האָט ער אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווי אַ נעבעך, וואָס האָט קיינמאָל קיין גראָשן באַ דער נעשאָמע ניט געהאַט.

אַ צווייטער לעפּאַק האָט אויסגעזען צו גראָבוינגעריש: אַ נאָגיד, וואָס האָט פולע קעשע־נעס מיט געלט און אַ ליידיקן קאָפּ, אָן טוירע און אָן כאָכמע.

אַ דריטער לעפּאַק — אָן אַזעספּאָנעם, אַ פּאַריסענער, ווי ער זאָל נאָרוואָס אַרויס פון אַ לייצים־קאָמפּאַניע. אויך דער פערטער לעפּאַק האָט געהאַט מער כעסרוינעס, איידער מײַלעס. אַזוי אַ לעפּאַק נאָך אַ לעפּאַק, און ערשט דער צענטער האָט זיך באַקומען אַזאַ, ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי איך האָב פאַרלאַנגט, אַ צאַצקע־שעבעצאַצקע. זײַט אַזוי גוט, פאַרגלײַכט מײַן לעפּאַק מיט אַלע לעפּאַקן פון די פאַרשיידענע פּינקאָסים, וועט איר זען, אַז איך בין ווײַט פון אַ באַרימער, פאַרקערט, איך דערשאָץ זיך ניט.

יעדער פּינקעס האָט זיך געהאַט זײַן שאַרבלאַט, און אין יעדן שאַרבלאַט האָט מען געזען, וויפל שיינקײַטן עס קאָן אַרײַנטראָגן דער מאָלער און צייכענער, וועגן ער מאַכט קיינעם ניט נאָך, וועגן ער מאָלט און צייכנט אַף זײַן אויפן, ווי דאָס האַרץ זאָגט אים אונטער.

יעדער פּינקעס האָט זיך געהאַט זײַן באַזונדערן שרײַבער, יעדער שרײַבער — זײַן באַזונ־דערן קסאָוו. וויפל קסאָוון — אַזויפיל מיינונגען, אַזויפיל גאָר אַנדערע אָפּשאַצונגען וועגן איין און דער זעלבער געשעעניש, וועגן איין און דער זעלבער פּאַסירונג, וועגן איין און דער זעלבער פּערזענלעכקײַט.

איין פּינקעס האָט אָפּגעלייקנט דעם צווייטן, און אַז ס׳איז געקומען אַ דריטער און זיי געוואָלט אויסגלײַכן, איז געקומען אַ פערטער און האָט דערוויזן, אַז עס הייבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס, אַלע דרײַ פעלשן זיי, דעם עמעסדיקן עמעס איז אים, דעם פערטן, באַשערט צו באַשרײַבן.

די פּינקאָסים זײַנען זיך אַזוי ווײַט פאַנאַנדערגעגאַנגען אין זייערע מיינונגען און אָפּשאַ־

---

[1] קיריאָ קדוישאָ; [2] וועגאַנויסי אל האָיר האַזויס; [3] ליפּראָט קאָטאָן; [4] דער לועך, דער ייִדישער רע־ליגיעזער קאַלענדאַר, פאַרמאָגט אַ לפ״ג (לעפּאַג), וואָס באַטײַט לפרט גדול (ליפּראָט גאָדויל) — לויט דער פולער דאַטע, ווען צו די הונדערטער און צענדליקער יאָרן ווערט צום אָנהייב צוגעשטעלט דער „ה״, וואָס באַטײַט פינף טויזנט: פינף טויזנט מיט אַזויפיל הונדערטער און צענדליקער יאָרן, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. דאָס 1975—76 יאָר ווערט, לעמאָשל, פאַרצייכנט אַלס תשל״ו (טאַשלאָוו): ת—400, ש—300, ל—30, ו—6, און אינײַנעם באַטרעפט עס 736. דאָס איז דער לפרט קטן (ליפּראָט קאָטאָן), די ניט פולע דאַטע.

צונגען, אַז עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז יעדער איינער פון זיי איז אַ פּינקעס גאָר פון אַן אַנדערער שטאָט און פון גאָר אַן אַנדערער צײַט.

איינער פון די הויפּט־העלדן, וועלכע האָט אין אַ געוויסער צײַט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין די שקלאָווער פּינקאָסים, איז געווען דער גענעראַל זאָריטש, וואָס האָט געקיניגט איבער שקלאָוו.

אין 1788 יאָר האָט יעקאַטערינע די צווייטע אוועקגעשענקט די שטאָט שקלאָוו איר פאַוואָריט, איר ליבלינגס־גענעראַל זאָריטשן.

אַ שטאָט מיט מענטשן, מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער, פון פאַרשיידענע גלויבנס און געוווינהײַטן האָט די מאַלקע אוועקגעשענקט, ווי אַ קיילע, ווי אַ מעבל, מיט וועלכע ער, דער גענעראַל, קאָן טאָן, וואָס ער וויל.

און זאָריטש האָט געטאָן דאָס, וואָס עס האָבן געטאָן די סאַמע בייזע און ערגסטע פּריצים מיט זייערע לײַבייגענע פּויערים, ער האָט געפּײַניקט און טאָגטעגלעך דערנידעריקט זײַנע אונטערטעניקע.

דאָ האָבן שוין, דוכט זיך, אַלע פּינקאָסים באַדאַרפט שרײַבן איינס און דאָס זעלבע. איז בײַז, אויך בענעגייע זאָריטשן זײַנען די פּינקאָסים זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און זייער ווײַט געווען אין זייערע אָפּשאַצונגען איינס פונעם צווייטן.

דער שטאָט־באַלעבאָס זאָריטש האָט אין שקלאָוו אויסגעבויט אַ נײַעם מאַרק מיט געוועלבער און אַ קאַזאַרמע. דער פּינקעס פון קאָהאָל האָט אים געלויבט אין טאָג אַרײַן:

— אָט דאָס איז אַ האַר! אָט דאָס איז אַ באַלעבאָס! די קאַזאַרמע וועט באַשיצן דעם מאַרק, די רײַכע סאָכרים; די קאַזאַרמע וועט שטיין אָף דער וואַך, אַז דער גענעראַל זאָל זיי כער זײַן אין זײַנע מײַסים.

די באַלמעלאָכישע פּינקאָסים האָבן פאַרשטעלטערהייט געשריבן וועגן דער קאַזאַרמע מיט אַ שאַקעץ־טעשאַקצענו־לאַשן, וואָס פאַרמיִעסט און פאַראַכטעט. דעם מאַרק, די געוועלבער און די קאַזאַרמע האָבן זיי צו נעסטן פון רויב־פויגלען פאַרגלײַכט: דער מאַרק מיט די געוועלבער — דאָס איז דאָך אַ שוטפעס פון דעם גענעראַל זאָריטש מיט די שקלאָווער סאָכרים און קרעמער. פאַר אַזעלכע שוטפים וועט דער גרעסטער רעוועך זײַן צו קליין, און מ'וועט פון „אַ נאַש בראַט" די הויט שינדן און דעם לעצטן טראָפּן בלוט אויסזויגן.

דער גענעראַל זאָריטש האָט אויך אין גאָט ניט פאַרגעסן און באַשטימט בויען אַ קלויסטער. נאָר וואָס צו גאָט — איז צו גאָט, און וואָס צו דער קעשענע — איז צו דער קעשענע. אין גאָטס נאָמען האָט זאָריטש באַפוילן, אַז די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער זאָלן לעשעם מיצווע וועגן אונטערשטעלן אַ פּלייצע, ברענגען מיט זייערע פערד־און־וועגעלעך אַלע נייטיקע בוי־מאַטעריאַלן, קנעטן ליים, ברענען ציגל און טעסען קלעצער.

און ווען די פּויערים האָבן זיך אָפּגעזאָגט און געהאַלטן פאַר מער מיצווע באַאַרבעטן זייערע מאָגערע שטיקלעך ערד, אַז וויב־און־קינדער זאָלן ניט אויסגיין פון הונגער, האָט זאָריטש אַ צווייטן באַפעל אָפּגעגעבן — שמײַסן! שמײַסן ביז בלוט! געשמיסן האָט מען די פּויערים אָפן מאַרק־פּלאַץ אין אַ זונטיקדיקן טאָג פאַר אַלעמען אין די אויגן. מ'האָט זיי אַזוי לאַנג געשמיסן, ביז זיי האָבן אַלע ווי איינער מעכילע געבעטן באַם גענעראַל און געגעבן דאָס וואָרט מער קיינמאָל ניט ווידערשפּעניקן.

באַוואָרענענדיק דעם קריסטלעכן גאָט מיט אַ הויז, האָט זאָריטש באַשטימט בויען אַ הויז אויך פאַרן יידישן גאָט, פאַר יעהאָווען, וואָס איז פאַרעכנט אַלס בראַווער און געניטער מילכאָמע־פירער: פון זינט ער האָט באַשאַפן די וועלט, בויט ער וועלטן און מאַכט כאָרעוו וועלטן, פירט מילכאָמע און פײַערט ניצכוינעס. יעהאָווע ווענדט אָן שווערד און שפּיז, דונערן און בליצן, פײַער און וואַסער, שפּאַלט יאַמען, הימל און ערד, און ווען עס איז נייטיק, שטעלט ער אָפּ דעם גאַנג פון דער וועלט און לאָזט ניט די זון מיט דער לעוואָנע פון אָרט זיך רירן. כוץ דעם אַלעמען, פאַרמאָגט ער נאָך מאַקעס, אַ וועלט מיט מאַקעס, וועלכע ער שיקט אָן אָף אַלע האַרטנעקיקע, וואָס ווילן זיך ניט אונטערגעבן און ווילן ניט אויספילן זײַנע באַפעלן און באַגערן.

אָט פאַר אים, פאַר דעם בראַוון יידישן גאָט, האָט דער גענעראַל זאָריטש באַשטימט אויסבויען אַ קאַלטע שול. אַ שול, האָט זאָריטש געהאַלטן, באַדאַרף ניט האָבן קיין הרובעס, קיין באַהייצונג, אין אַ שול באַדאַרף ווינטער אין די גרעסטע פרעסט וואַרעם זײַן פון די הייסע טפילעס.

אויך צום יידישן גאָט האָט זאָריטש ניט געוואָלט דערלייגן און געגומען רופן צוהילף די שקלאָווער באַלעגאָלעס, זיי זאָלן זיך מאַטריִען זײַן צוליב זייער יידישן גאָט, צוליב זײַן הויז, צוליב דער קאַלטער, געמויערטער שול, וועלכע ער, זאָריטש, קלײַבט זיך בויען, ברענ־



פון מ.-י. גוזיקאָווס א קסאָוויאַד

געגן אַלע בוי-מאַטעריאַלן אומזיסט, אָן א גראָשן געלט.

די שקלאַוּוער באַלעגאָלעס האָבן ווידער-שפּעניקט, און זאַריטש איז אַרײַן אין גרימ-צאָרן — שמײַסן!

אין א שאַבעסדיקן טאָג האָט מען אױף דעם זעלבן פּלאַץ, ווו מ'האָט געשמיסן די פּויע-רים, אויך געשמיסן די באַלעגאָלעס אין דער אַנוועזנהײַט פון זייערע ווײַבער און קינ-דער, אין דער אַנוועזנהײַט פון אַלע שקלאָ-ווער יידן.

מ'האָט געשמיסן ביז בלוט! מ'האָט גע-שמיסן אַזוי לאַנג, ביז די באַלעגאָלעס האָבן אין זייער וויגעשריי אױף זיך מעקאַבל געווען דעם נעשה ונשמע[1]: „מיר וועלן טאָן און הערן! מיר וועלן טאָן, איידער מיר וועלן הערן, וואָס מ'באַדאַרף טאָן!"

אין פּינקעס פון קאָהאָל האָט מען שטאַרק געלויבט דעם גענעראַל זאָריטש, דעם גנעדיקן האַר און געוועלטיקער, וואָס האָט זיך אַנגענומען גאָטס קריוודע און זיך אָפּגערעכנט מיט די באַלעגאָלישע גראָבע יונגען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון מיטהילף, פון אויספילן אַזאַ גרויסע מיצווע, ווי בויען גאָטס הויז.

די קאָהאָל-לײַט האָבן אין זייער פּינקעס געקושט די רוט פון דעם גענעראַל זאָריטש און אים געוווּנטשן, אַז די הענט זאָלן אים קיינמאָל ניט טון ווי טאָן, ווײַל ווען ניט די רוט פונעם מושל, ווען ניט די מוירע פאַר אים, וואָלט איינער דעם צווייטן לעבעדיקערהייט אײַנגע-שלונגען און די באַלעגאָלעס וואָלטן אָנשטאָט די פערד געשמיסן מיט זייערע בײַטשן די קאָ-האָל-לײַט.

קאָהאָל איז קאָהאָל, און שקלאָוו איז שקלאָוו... שקלאָוו האָט געצאָרנט! די מערהײַט כּוור-רעס זײַנען אופגערודערט געוואָרן, נאָר גיי טו, מאַך, אַז לויבן קאָן מען לויבן ביז אין טאָג אַרײַן, און זאָגן עפּעס קעגן איז קראַמאָלע, און פאַר קראַמאָלע שמײַסט מען, פאַר קראַמאָלע פאַרשיקט מען, פאַר קראַמאָלע פאַרקירצט מען די יאָרן.

זאָריטש האָט, ווי יעדער מושל, געשלאָגן און ניט געלאָזט וויינען. ער האָט געהאַלטן, אַז די שקלאָוּוער האָבן נאָך קיינמאָל ניט געלעבט אַזוי גוט, ווי אונטער זײַן מעמשאָלע, און דעריבער באַדאַרף מען אים צאָלן מיט דאַנק, מיט לויב און מיט פרייד.

נאָר גיי פריי זיך, ווען דאָס האַרץ איז פאַרביטערט, ווען דאָס האַרץ וויינט. שווײַגן, ווען עס ווילט זיך שרײַען, איז דער גרעסטער צאַר, און די שרײַבער פון די פּינקאָסים זײַנען אָנ-געקומען צום מאָשל. וועגן זאָריטשעס כּעסעד פון שמײַסן און באַפוילן קושן די רוט האָט מען אויסגענוצט דעם מאָשל פונעם לייב מיטן בושעל.

דעם קייסער פון די כײַעס, דעם לייב, האָט זיך א ביין געשטעלט אין האַלדז, אָט ווערט ער דערוואָרגן. איז אָן איימע דעם לייב באַפאַלן, עס האָט אים שטאַרק געשראָקן דער טויט און דער נאָכן-טויט, ווען א הונט וועט זײַן מער לייב פון אים...

דער זיך וואָרגנדיקער לייב האָט א האַוטכע אויסגעוואָרגן פון זיך: ווער עס וועט קומען און דעם ביין אַרויסשלעפּן פון זײַן גאָרגל, דער וועט ווערן א קאָרעוו לעמאַלכעס, אָן אוישער.

איז געקומען דער בושעל און מיט זײַן לאַנגן שנאָבל דעם ביין אַרויסגעשלעפּט. דער בו-שעל האָט ניט פאַרלאַנגט ווערן א קאָרעוו לעמאַלכעס, אים האָט זיך ניט געוואָלט ווערן קיין אוישער, ער איז פון די, וואָס באַנוגענען זיך מיט זייער ווייניק, און ער האָט געבעטן באַם לייב נאָך ווייניקער פון ווייניק.

דער לייב איז אַרײַן אין גרימצאָרן — א האַזע פון א בושעל, געווען באַם לייב אין מויל צווישן די באַקציינער און אַרויס בעשאָלעם, בעט ער נאָך געצאָלטס! זײַן גליק, וואָס ער איז איצט שטאַרק אופגעלייגט, אַז ניט, וואָלט פון אים קיין זייכער ניט געבליבן, ערגעץ-ווו וואָלט א פאַריאָסעמט פעדערל אַרומגעפלויגן און זיך געקלאָגט פאַר דער וועלט: געווען א בושעל און מער ניטאָ.

אין א צווייטן פּינקעס האָט זיך גערעדט וועגן א וואָלף, וואָס פאַרלירט זײַנע האָר און

---

[1] נאַאַסע ווענישמאַ.

פארלירט קיינמאָל ניט זײַן נאַטור. דער וואָלף איז פון שטענדיק אָן אַ פאַרצוקער, נאָר... ער כאַפּט אַזוי לאַנג די ציגעלעך, ביז דער רועך כאַפּט אים אַליין.

אַ דריטער פּינקעס איז געקומען צום אויספיר, אַז מע האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין גוט הינטל פון אַ שלעכטער צוויג. אַ הונט בלײַבט אַ הונט, אפילו נאָך זײַן טויט קאָן מען קיין גוטן פעלץ פון אים ניט מאַכן.

אין אַ פערטן פּינקעס איז דערציילט געוואָרן אַ מײַסע מיט אַן אָקס און מיט אַן אייזל. דער אָקס האָט געוואָלט דעם אייגנעם שאָטן אויף די הערנער נעמען און געבראָכן רוקן-און-לענד, און דעם אייזל האָט זיך הערנער פאַרגלוסט, האָט מען אים די לאַנגע אויערן אָפּגע-שניטן. דער פּינקעס איז געווען אָפן, די האַנט האָט געשריבן, און דער גענעראַל זאַריטש האָט געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. מענטשן זײַנען באַ אים געווען ווי דיביימער פון זײַנע פּילצאַליקע וועלדער — ווען ער האָט געוואָלט און וויפל ער האָט געוואָלט, האָט ער אויסגע-האַקט און אויסגעוואָרצלט מיטן וואָרצל.

וואָס מער אומרעכט, אַלץ מער האָט זאַריטש גערעדט אין נאָמען פון גערעכטיקייט. וואָס מער פאַרברעכנס ער איז באַגאַנגען, אַלץ אין מער אויסגעטראַכטע פאַרברעכנס האָט ער באַשולדיקט די שקלאָווער, קעדיי צו דערווײַזן, אַז ער איז גערעכט און זײַן מישפּעט איז גערעכט. די שקלאָווער האָבן געציפּצט, און פאַרבאַרגענערהייט האָבן די יאַרידניקעס אויף די יאַרידן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אַראָפּגעלאָזט אין די פּאָסט-קעסטלעך אײַן אָנקלאָגע נאָך דער צווייטער. די אָנקלאָגעס זײַנען געשיקט געוואָרן אין סענאַט און צו אים אַליין, צום הערשער פונעם לאַנד, צו פּאַוועל דעם ערשטן:

„...גנעדיקער קייסער, דער האַר פון עמעס און יוישער, אונדזערע אויגן זײַנען גע-וועגדט פריִער צו גאָט און דערנאָך צו דיר, דו ביסט אונדזער האָפענונג און אונדזער טרייסט. פאַר דיר טוען מיר אַלע שאַבעס און יאָמטעוו גאָט בעטן. די טפילע, וואָס מיר זײַנען פאַר דיר מיספּאַלעל, איז פאַרעכנט באַ אונדז אַלס איינע פון די היילקסטע טפילעס. עפּעס אַ קליינקייט, מיר שטייען דאָך פאַר צוויי קייסאָרים, פאַרן קייסער איבער אַלע קייסאָרים און פאַרן קייסער פון רוסלאַנד.

מיר בעטן באַ אים, וואָס קומט שטענדיק צוהילף די מאַלאָכים און גיט איבער די מעמ-שאָלע אין די הענט פון די האַרן, ווּעמענס מעלוכע ס'איז אַן אייביקע מעלוכע, ווער עס האָט געראַטעוועט דאָווידן זײַן קנעכט פון שלעכטן שווערד, ווער עס גיט אַ וועג אין יאַם און אין די שטאַרקע וואַסערן אַ סטעזשקע, אַז ער זאָל בענטשן, היטן, אַכטונג געבן, העלפן, גרויס מאַכן און דערהייבן הויך אונדזער האַר, דעם קייסער פּאַוועל.

מיר בעטן אונדזער גאָט, ער זאָל דיך אויסהיטן פון יעדער צאָרע, פון יעדן טרויער, פון יעדער שעדיקונג, פּעלקער זאָלסטו באַהערשן און סאָנים זאָלן דיר פאַלן צו די פיס, ווו דו ווענדסט זיך קערן און ווענדן, זאָלסטו מאַצליִעך זײַן.

מיר בעטן דעם קייסער פון אַלע קייסאָרים, ער זאָל אָנפילן דײַן האַרץ און די הערצער פון דײַנע גרויסע לײַט און האַרן מיט ראַכמאָנעס צו טאָן גוטס מיט די יידן. אין דײַנע צײַטן און אין אונדזערע זאָלן יידן געהאָלפן ווערן און לעבן רויִק, באַזונדערס די שקלאָווער יידן, וואָס לײַדן מער פון אַלע יידן אין גאָר דער וועלט. ס'איז שוין אומעגלעך איבערצוטראָגן פון דעם גענעראַל זאַריטש. מיר זײַנען ווי הינט, ניט ווי זאַריטשעס הינט, וואָס לעבן אין וויל-טיק און קיין פרעמדע האַנט טאָר זיי ניט אָנרירן, נאָר ווי היימלאָזע יאַטקע-הינט. יעדער היצלער קאָן צו יעדער מינוט אַ שטריק פאַרוואַרפן אויף זייערע העלדזער, אין שטײַג זיי פאַרשפּאַרן און די הויט פון זיי שינדן...“

זאַריטש האָט געהאַט אַ סאַך פרײַנט אין די הויכע פענצטער, און זיי האָבן אַלץ געטאָן, אַז די אָנקלאָגעס פון די שקלאָווער יידן זאָלן ניט דערגיין צום הערשער פונעם לאַנד. זיי האָבן געוואָרנט זאַריטשן, ער זאָל זײַן געהיט! „וואָס טוט זיך עס באַ דיר? וואָס פאַר אַ מוישל ביסטו, אַז דו קענסט ניט באַהערשן דײַנע יידישע אונטערטאַנער פון אַזאַ פּיצל מעדינע, ווי שקלאָוו? היט זיך! ניט אַלעמאָל וועלן מיר דיך קאָנען ראַטעווען!“

זאַריטש האָט געדאַרשט נאָך נעקאָמע. „אַ שטאָט מיט מאָסרים, — האָט געצאָרנט דער גענעראַל, — דאַרף מען זיי רוק-און-לענד ברעכן, די צינגער אויסשנײַדן, אַז זיי זאָלן מער ניט קאָנען ריידן, די פינגער אָפּהאַקן, אַז זיי זאָלן מער ניט קאָנען שרײַבן קיין מעסירעס“.

און שקלאָווער יידן זײַנען אויף טריט און שריט צו שאַנד און צו שפּאָט אַרויסגעשטעלט געוואָרן. ווען מ'האָט זיך געלייגט שלאָפן, איז מען ניט זיכער געווען, אַז מ'וועט אופשטיין; איז מען אופגעשטאַנען, איז מען ניט זיכער געווען, אַז מ'וועט זיך לייגן שלאָפן.

פאַר דעם קלענסטן שאַרך פון אַן אַראָפּגעפאַלענעם בלעטל האָט מען מוירע געהאַט, און

מע איז געלאָפן ווו די אויגן טראָגן אפילע דאַן, ווען קיינער האָט ניט נאָכגעיאָגט. די טויכעכע האָט זיך אַף זיי אויסגעגאָסן, די טויכעכע מיט אַלע אירע דאַר־דווירעסדיקע קלאָלעס און מיט נײַ צוגעקומענע, פון וועלכע די טויכעכע האָט אפילע ניט געוווּסט.

שיקן א בריוו דורך דער פּאָסט איז געווען סאַקאָנעס נעפּאָשעס, דער שטאָט־מעשומעד האָט יעדן וואָרט און יעדן אָס פון יעדן בריוו דורכגעזיפּט און אָפּט צוגעשריבן דאָס, וואָס אין דעם בריוו איז ניט געשריבן געוואָרן, ווײַל וואָס מער כאַטאָים, אַלץ גרעסער איז דאָס געצאָלטס, אַלץ מער האָט עס נויסע־כײַין געווען אין די אויגן פונעם גענעראַל.

א שקלאָווער ייִד באַרויִקט זײַן פרײַנט פון ערגעץ ווײַט, אַז אין זײַן געצעלט איז רו, אַז אין זײַן האַרצן איז רו, ווי שאָלעם וועשאַלווע ס'איז אין דער שטאָט שקלאָוו. אַז ווו מ'גייט און ווו מ'שטייט, לאָזט זיך הערן דאָס קאָל פון סאָסן וועסימכע, פון כאָסן און קאַלע. וואָס גאָלעס, ווען גאָלעס, די ערשטע, וואָס זײַנען אין גאָלעס אויסגעלייזט געוואָרן פון גאָלעס, דאָס זײַנען זיי, די שקלאָווער ייִדן.

— ס'איז שעקער־וועקאָזאָוו! — ווערט אופגעבראַכט דער שטאָט־מעשומעד, און זײַן רויטער בלײַער שטעלט פאַנאַנדער א סאַך פראַגע־ און אויסרוף־צייכנס אַף די אָנגעשריבענע שורעס פונעם בריוו. — ניט מיך נאַרט מען! ס'איז געשריבן מיט סאַגינאָהער־לאָשן, מיטן לאָשן פון „יאַנקל פאַרקערט", מיטן לאָשן פון „ניט דאָס בין איך אויסן". ס'איז פאַרשטעלטע קראַמאָלע, און פאַרשטעלטע קראַמאָלע איז אָן ערעך ערגער און געפערלעכער, איידער אָפענע.

לייענט איבער דער שטאָט־מעשומעד א בריוו, ווו עס ווערט באַשריבן די פורימדיקע סודע, אַף וועלכער ס'זײַנען בײַגעווען די זיידעס און באָבעס, די טאַטעס און מאַמעס, די פעטערס און מומעס, די פלעמעניקעס און שוועסטערקינדער, די זין, טעכטער, אייניקלעך און אורייניקלעך, און ער שיקט גלײַך א ראַפּאָרט דעם גענעראַל, אַז בא דעם און דעם ייִדן איז פורים א געהיימע אסיפע געווען, ווי־אַזוי זיך אָפּרעכענען מיטן שטאָט־הערשער, מ'האָט לעכאַיִמס געטרונקען און זיך געוווּנטשן איינער דעם צווייטן, אַז דער גענעראַל זאָריטש זאָל האָבן האַמענס מאַפּאָלע און מ'זאָל זוכע זײַן צו זען מיט די אייגענע אויגן, ווי ער מיט זײַן מישפּאָכע און מיט אַלע זײַנע מעקוראָווים צוזאַמען זאָלן דריגען מיט די פיס אַף די טלייִעס.

כאָבאַדער כסידים האָבן געשמאַק געלערנט און פון גרויס סימכע דעם רעבנס ניגן גענונמען זינגען און איבערזינגען, — האָט דער שטאָט־מעשומעד פאַרצייכנט, אַז דאָס האָט פאַסירט פונקט אין דעם טאָג, ווען דער גענעראַל זאָריטש איז געווען אין טיפן טרויער, פונקט אין דעם טאָג, ווען ס'איז געשטאָרבן זײַן סאַמע נאָענטסטער און ליבסטער פרײַנט.

מיסנאַגדים צינדן ליכט, דערקלערן א טאָנעס, רײַסן קריִע, באַוויינען און באַקלאָגן די קרוין, וואָס איז אראָפּגעפאַלן פון זייער קאָפּ, איינעם א גאָען, וואָס איז ניסטאַלעק געוואָרן פאַר דער צײַט, — איז גלײַך צוגעשטעלט געוואָרן א צעטל, אַז דאָס האָבן די מיסנאַגדים ספּעציעל דעם געבוירנטאָג פונעם גענעראַל זאָריטש, וואָס איז געפײַערט געוואָרן מיט אַזא פּראַכט און מיט אַזויפיל סימכע, פאַרוואַנדלט אין א טאָג פון טרויער און קלאָג.

אָן אויסגעפּרוּווטן מיטל, א לאַנגאָניקע מעסירע, וואָס כאַזערט זיך איבער.

...די פּרוי פון דעם רוימישן קייניג טריאַנוס האָט געבוירן א קינד טישעבאָוו, און געשטאָרבן איז דאָס קינד כאַנעקע, — האָט מען פאַרן קייסער פאַרמאַסערט די ייִדן: „איז בא דיר א זון געבוירן געוואָרן, זײַנען זיי געזעסן אין טרויער, איז ער געשטאָרבן, האָבן זיי פײַערלעך ליכט אָנגעצונדן און געזונגען „אַל האַניסים וועאַל האַניפלאָאָעס".

וואָס קאָן שוין, דוכט זיך, זײַן אומשולדיקער, ווען מיניאָנים ייִדן קלײַבן זיך צונויף אין שול און זאָגן טילים? אָבער דער שטאָט־מעשומעד גראָבט אויך דאָ אויס ווי פון אונטער דער ערד א שוּלד, א שרעקלעכע שולד: „דורכן טילים האָבן ייִדן שטענדיק אויסגעדריקט זייער סינע צו די הערשער, זייער האָפענונג, אַז גאָט וועט זיך אָנעמען זייער קריוודע און וועט אָפּווישן פון דער ערד און פון אונטערן הימל אַלע די, וואָס טוען זיי בייז".

אָט דאָס אויסגעפּרוּווטע געווער ווענדן איצט אויך אָן די שקלאָווער ייִדן. זיי באַוואָפענען זיך פון קאָפּ ביז די פיס מיט „לעדאָוויד מיזמערס", מיט „טפילעס לעדאָוויד", מיט „לאַמנאַציִעך בינגינויסן" און מיט „לאַמנאַצייעך אַל האַשמיניסן".

דער שטאָט־מעשומעד האָט זיך אַלץ געפלײַסט און געפלײַסט, ס'איז בא אים ניט געווען דער טאָג אָן א מעסירע, איין מעסירע האָט געשלעפּט נאָך זיך די צווייטע. ס'איז, דוכט זיך, שוין ניט געווען קיין איין שקלאָווער ייִד, וועלכן ער האָט ניט געמאַסערט, און ער האָט זיך ביט געפוילט מאַכן א צווייטע האַקאָפע, א דריטע האַקאָפע און א פערטע.

און דאָך איז עס פאַר זאַריטשן געוועזן ניט גענוג. אים האָט ניט באַפרידיקט קיין איין מאָסער, ער האָט באַדאַרפט מאָסרים! וואָס מער מאָסרים, אַלץ מער איידעס, וואָס מער איי־דעס, אַלץ טיפער און זיכערער וועלן ווערן זײַנע וואָרצלען, קיין שום שטורעמווינט וועט אים ניט קאָנען רירן פון אָרט, וועט ניט קאָנען שעדיקן דאָס מינדסטע צווײַגל, ניט לאָזן אַראָפּפאַלן דאָס קלענסטע בלעטל.

זאַריטשעס באַגער איז אויסגעפילט געוואָרן. די צאָל מאָסרים האָבן זיך געמערט און געמערט, זיי זײַנען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

זאַריטש האָט געלערנט און געגעבן די נייטיקע אײַנשטעלונגען זײַן היפּשער מאַכנע מאָסרים — כסידים און מיסנאַגדים זײַנען פּײַער און וואַסער, דאַרף מען מיטן וואַסער לעשן דאָס פּײַער און די גרעסטעוועטע, פאַרבליבענע שטיקער פּײַער פאַנאַנדערוואַרפן אין פאַר־שיידענע זײַטן פאַר נײַע סרייפעס. אין יעדער שול, אין יעדן בעסמעדרעש, אין יעדער כעוור־רע, אַף יעדן מאַרק, אַף יעדן יאַריד און בא יעדער קלייט דאַרפן זײַן אויערן, וואָס הערן זיך צו, אויגן, וואָס קוקן נאָך, קוקן אַרײַן אינווייניק און זען יעדנס מאַכשאָווע אַזוי קלאָר, ווי מ'זעט דאָס פּאָנעם, די הענט, די באַוועגונגען און דעם גאַנג פון דעם פאַרפלעקטן מיט כשאָד.

און ס'איז אַוועק א סעדרע פון נישטערן הערצער און מויכעס, פון בלעטערן פינקאָסים. די נימשלס האָבן געמאָסערט די מעשאָלים, שרעקלעכע ווידערשפּעניקע מעשאָלים, שרעק־לעכע באַשרײַבונגען און פאָרטרעט־געמעלן פון די אָנגעזעענסטע שקלאָווער יידן, וואָס זײַנען געווען שטאַרק אָנגענומען אין די הויכע פענצטער, געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן רוסישן מיליטער, פאַר דער רוסישער מעלוכע.

ניט ווייניקער שרעקלעך זײַנען געווען די פּילצאָליקע „וויינען". יעדער פינקעס מיט זײַן וויי.

...וויי דעם דאָר, ווען מענטשן שאָפטים עס דאַרפן אַליין געמישפּעט ווערן!

וויי דער צײַט, ווען דער כאַשדייהו, דאָס כוישעד זײַן איינער דעם צווייטן, שטײַגט איבער דעם קאַבדייהו, דאָס אָפּגעבן קאָוועד און האָבן צוטרוי צום נאָענטן, צום כאַווער און פרײַנט.

און ווידעראַמאָל וויי, און נאָכאַמאָל וויי. וויי צום דאָר און ווי צו דער צײַט, ווען מ'טראַכט ניט דאָס, וואָס מ'זאָגט, ווען מ'זאָגט ניט דאָס, וואָס מע טראַכט, ווען מ'האָט מוירע פאַר יעדן וואָרט, פאַר יעדן אָס, ווען יעדער בריוו איז א צײַגעניש, אַז ס'איז געשריבן גע־וואָרן ניט דאָס, וואָס מ'האָט געוואָלט און באַדאַרפט, נאָר דאָס, וואָס ס'איז קאָשער, וואָס וועט בא קיינעם קיין כשאָד ניט אַרויסרופן.

דער גענעראַל זאַריטש האָט באַפוילן דאָס אַלץ איבערזעצן אין רוסיש, איבערזעצן פּינקטלעך, ניט פאַרפעלן קיין וואָרט, קיין אָס, ווײַל דאָס זײַנען זייער וויכטיקע דאָקומענטן, וואָס וועלן שטענדיק, צו יעדער צײַט פאַר יעדן איינעם אים קאָנען באַרעכטיקן פאַר האַלטן פעסט די לייצעס און פאַרן אונטערשמײַסן מיט דער בײַטש. יעדער איינער, ווער ס'זאָל ניט זײַן, וועט זאָגן, אַז אַזוי און ניט אַנדערש האָט ער, דער גענעראַל זאַריטש, באַדאַרפט טאָן.

און ווידער האָט דער גענעראַל זאַריטש באַפוילן, אַז ווי נאָר אָט די קראַמאָלע וועט איבערגעזעצט ווערן אין רוסיש, זאָל מען די פּינקאָסים, וואָס זײַנען געשריבן אין דער ביבל־שפּראַך, עפנטלעך פאַרברענען אַף דעם זעלבן פּלאַץ, ווו מ'האָט געשמיסן די פּויערים און די באַלעגאָלעס, מ'זאָל זוכן און נישטערן אין אַלע בוידעמער און אין אַלע קעלערס, ווײַל אַף געוויס ליגן דאָרט פאַרבאַהאַלטן א סאַך פּינקאָסים. פאַר יעדן געפונענעם פּינקעס א באַלוינונג פון צען רובל!

עס האָבן געברענט די פּײַערן, זיי האָבן געבריט, און דער רויך האָט געשטיקט, און דאָס הארץ האָט געציטערט פאַר די רויב־פויגלען, וואָס יאָגן זיך נאָכן בלויען פויגל — נאָך זאַרי־טשעס צוגעזאָגטן צענערל, און קאָנען, כאַסוועכאַלילע, אָנטרעפן און אַרײַנפליִען אין די נעסטן, ווו עס ליגן פאַרבאַהאַלטן די גרעסטעוועטע פּינקאָסים.

וואָס א טאָג איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער, ס'איז שוין באַלד ניט געווען וואָס אָנצוווערן, און שקלאָווער יידן האָבן אין די געהיימע אָנקלאָגעס, וואָס האָבן זיך געמערט פון וואָך צו וואָך, פון טאָג צו טאָג און פון שאָ צו שאָ, געשריבן און געבעטן ראַכמים דעם גנעדיקן קייסער פּאַוועל, ער זאָל זיך אַרומקוקן אַף זיי, דערהערן זייער געשריי, דערפילן און באַנעמען זייער פּײַן, ווײַל וועט ער פאַרזאַמען, קאָן דערנאָך זײַן צו שפּעט.

דער גענעראַל זאַריטש האָט אין סענאַט געהאַט ניט בלויז פרײַנט, נאָר אויך א סאַך פאַרביטערטע סאָנים, וועלכע האָבן אים בעשום־אויפן ניט געקאָנט מויכל זײַן און ניט פאַר־גינט, וואָס די קיניגן יעקאַטערינע די צווייטע האָט זיך צו אים באַצויגן ווי צו איר ליבלינג,

וועלכן זי האָט קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט אין זײַנע פאַרלאַנגען, אין זײַנע באַקאָשעס, פאַרקערט, זי אַליין פלעגט אים שטענדיק פאַרלייגן בעטן נאָך און נאָך — פאַר אים איז אָפן איר האַרץ, פאַר אים זײַנען אָפן אַלע אוצרעס, אַלע ראַכוועסן פון איר אומענדלעך לאַנד.

ווי מ'נעמט אויף אין א סאַקאָנע־צײַט נײַ־צוגעקומענע פרישע קוליעס, נײַ־צוגעקומענע מאַכנעס, וואָס וואַרפן זיך אין שלאַכט און העלפן מיט זיך נויקעם זײַן און פאַרניכטן דעם



דער האָלץ־שטרויענער פידל, וועלכן גוזיקאָוו האָט דערפינדן, געשפּילט אַף אים און איז דערמיט באַרימט געוואָרן איבער דער גאָרער וועלט

דראַענדיקן מעכטיקן סוינע, אָט אַזוי האָבן זאַריטשעס סאָנים אופגענומען די שקלאָווער אַנקלאַגעס און פרײַ געמאַכט פאַר זיי דעם וועג צום הערשער פון גאָר דעם לאַנד, צו אים אַליין, צו פּאַוועל דעם ערשטן.

די אַנקלאַגעס זײַנען געווען אַזוי פײַנפול און הימל־שרײַענדיק, אַז זיי האָבן דורכגעבראָכן דאָס שטיינערנע האַרץ פונעם קייסער, און ער האָט אַרויסגעשיקט דעם סענאַטאָר גאַווריל ראָמאַנאָוויטש דערזשאַווין אויספאָרשן דעם איניען שקלאָוו, איינצײַטיק זיך באַקאַנען מיט דער לאַגע פון די ייִדן אין פאַרשיידענע אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון ווײַס־רוסלאַנד, זיך דערוויסן אַלץ גענוי וועגן דער נײַ־אופגעקומענער רעליגיעזער סעקטע כאַבאַד, צי איז זי אינדערעמעסן אַזוי געפערלעך פאַרן צאַרישן טראָן, ווי עס האַלטן אין איין מאַסערן די אָנהענגער פון דעם ווילנער גאָען.

און די שטאָט שקלאָוו איז אופגערודערט געוואָרן!.. דער קעגנזעצלעכער „וואַיזכאַד״ — פון איין זײַט פרייד און האָפענונג, און פון דער צווייטער זײַט דאָס קאַרטשען און קנייטשן זיך פון צאַר, — האָט זיך ווי א דיבעק אַרײַנגעכאַפּט אין יעדן שקלאָווער. זייער געשריי איז דערגאַנגען צום קייסער! זייער געשריי איז דערהערט געוואָרן, הייסט עס, אַז ס'איז נאָך ניט העפקער פּעטרישקע, אַז ס'איז נאָך ניט לעס דין וועלעס דײַען, אַז מ'פאָרשט, הייסט עס, אַז נאָך ניט אַלץ איז פאַרפאַלן, אַז ס'איז נאָך דאָ א פּיצל יוישער, א שטיקעלע האָפענונג, און צוריקגערעדט, האָט יעדער שקלאָווער מיט ציטער געטראַכט און איבערגעטראַכט, ווער ווייסט, מיט וואָס פאַרא אויגן דער פאָרשער וועט קוקן, ער איז דאָך לײַב פון לײַב און בלוט פון בלוט פון דעם באַשולדיקטן. און ווי נאָענט ער איז מיט אים, אַזוי ווײַט איז ער

פון זיי, די געליטענע, די באַשולדיקער. ער איז דאָך אַ מעלוכע־מאַן, און די מעלוכע, וועלכער ער דינט און פון וועלכער ער קומט, איז דאָך פול און פול מיט סינע צו ייִדן. זי, די מעלוכע, ווייסט דאָך גאָרניט, וואָס פאַר אַ בילבל אויסצוטראַכטן, וויאַזוי וואָס גיכער פּאַטער ווערן פון די ייִדן, זיי אויסוואָרצלען און אָפּראַמען פון דער רוסישער ערד.

אויך דער גענעראַל זאָריטש איז געוועזן שטאַרק אופגערודערט פון דעם אומגעריכטן גאַסט. ער האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט: הייסט עס, אַז די אָנקלאַגעס פון די שקלאָווער ייִדן האָבן זיך דורכגעריסן און דערגאַנגען צום קייסער! און ער האָט עס גענומען אין אכט.

פאַר יעקאַטערינען וואָלט אַזוינס ניט מעגלעך געווען. ווען זי, יעקאַטערינע, וואָלט באַקומען די שקלאָווער אָנקלאַגעס, וואָלט זי אין גרימצאָרן אַרײַן און זי וואָלט באַפוילן שטרענג באַשטראָפן די שקלאָווער ייִדן, באַשטראָפן פון דעם קלענסטן ביזן גרעסטן. פאַר דער האָזע פון זיך קלאָגן אָף איר ליבלינג, פאַר די לאַנגע צינגער, פול מיט לאַשנהאָרע, און פאַר די לאַנגע פינגער, פול מיט מעסירעס. זי וואָלט אין אירע באַפעלן, וויאַזוי זיך אָפּרעכענען מיט די שקלאָווער מוירדים, אונטערגעשטראָכן, אַז ווען מ׳באַליידיקט איר אויסדערוויילטן, איז אַלציינס, ווי מ׳זאָל זי אַליין, די מאַלקע, באַליידיקן, און פאַר אַזוינס איז די גרעסטע שטראָף צו קליין.

און ער, דער קייסער פּאַוועל, שיקט גאָר אַן אויספאָרשער אָף אויספאָרשן אים! סאַראַ דערנידעריקונג דאָס איז! וויבאַלד מ׳פאָרשט דיך, גלייבט מען דיר ניט, וויבאַלד מ׳פאָרשט דיך, איז דאָס אַן אָנצוהערעניש, אַז די צײַטן, ווען ער, זאָריטש, האָט זיך געפילט ווי אַ מיילעך, זײַנען שוין אַדורך, ער איז ניט דער העכסטער, ס׳איז דאָ העכערס פון אים, ניט אַלץ, וואָס אים ווילט זיך, ניט אַלץ, וואָס ער פאַרלאַנגט, קאָן ער טאָן, אויך אָף אים איז כּאַל דער געזעץ, אויך ער דאַרף אָפּגעבן דין־וועכעזשבן פאַר זײַנע מײַסים.

דערבײַ האָט זאָריטשן געשראָקן דאָס, וואָס מ׳האָט אַלס אויספאָרשער געשיקט גראַדע אים, דערזשאַווינען, באַ וועמען עס גייען ניט אָן קיין קונצן, אים קאָן מען די אויגן ניט פאַרבלענדן, אים איז אומעגלעך אונטערצופירן, ער איז אַ גרויסער סוינע פון יעקאַטערינעס פאַוואָריטן, פון דער מערהײַט הויף־לײַט, פונעם אַדל, ער רעכנט זיך מיט קיינעם ניט, און ווו נאָר ער קאָן, רײַסט ער אוף די צוויִעס און כּניפע. ער האָט אַ סאַך סאָנים, דערזשאַווין, ווײַל ער שוינט קיינעם ניט און מיט קיינעם קאָן ער ניט הויזן. נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז קיינער פון די סאָנים קאָן אים ניט בײַקומען, קאָן אים ניט בײַשטיין, ווײַל ער איז באַוואָפנט מיטן סאַמע שאַרפסטן געווער, מיט דער דיכטונג. מיט איין אָדע האָט ער געקאָנט קויפן דאָס האַרץ פון דער קיניגן, און מיט איין שאַרפער סאַטירע קאָן ער פאַרניכטן די סאַמע שטאַרקסטע סאָנים, וואָס שטעלן זיך אים אין וועג.

באַם דערשטיקן דעם פּוגאַטשאָווער אופשטאַנד איז דערזשאַווין געווען אַן אָפיצער, וואָס האָט אַרויסגעוויזן געוואַגטקײַט, דרײַסטקײַט און מעסירעסנעפעש. די ניט־פאַרגינערס האָבן אַלץ געטאָן אָף צו פאַרווישן און צונישט מאַכן זײַנע פאַרדינסטן. זיי האָט זיך עס אײַנגעגעבן — דערזשאַווין איז ניט באַלוינט געוואָרן. דאָס האָט אים גוואַלדיק אופגעבראַכט, און מיט אַ קלאַפּ אין טיר פאַרלאָזט ער די אַרמיי.

דער אָפיצער ווערט אַ מעלוכע־מאַן, ער דינט אין סענאַט, און צו די סענאַטאָרס לאָזט ער אויס דעם קאַס און פאַרדראָס, וואָס ער האָט געטראָגן צו די פאַרשיידענע פירער פון דער אַרמיי. עס דערגייט צו דעם, אַז דער סיכסעך צווישן אים, דעם סענאַטאָר, מיט די אַנדערע סענאַטאָרס שטערט צו באַהאַנדלען וויכטיקע מעלוכע־איניאָנים. דערזשאַווין איז געצוווּנגען פאַרלאָזן דעם סענאַט. דעם אַרויסגעשטויסענעם פון אַלע זײַטן קומט צוהילף די דיכטונג — ער שרײַבט אָן אַן אָדע לעקאָוועד דער קיניגן יעקאַטערינע, און ער ווערט געהויכט און געקרוינט ביז צום טשין פון אַ גובערנאַטאָר.

דערזשאַווין איז אָבער צו אומרויִק, ער זאָל זיך באַרויִקן מיט זײַן הויכן אמט. יעדן באַפעל פילט ער אויס אָף זײַן אויפן, און יעדן איניען קלײַבט ער פאַנאַנדער ווי ער פאַרשטייט, און ניט ווי עס ווערט אים אָנגעוויזן פון אויבן.

אַזאַ גובערנאַטאָר טויג ניט פאַר דער קיניגן יעקאַטערינע, און זי נעמט אים צו צו זיך אַלס סעקרעטאָר פון איר קאַבינעט. אַזאַ באַדאַרף זײַן נאָענט לעבן איר, פון אַזאַ טאָר מען דאָס אויג ניט אַראָפּנעמען.

די נאָענטקײַט דערווײַטערט אים פון דער קיניגן. זי איז געוווינט, אַז איר וווּנק זאָל אופגעכאַפּט ווערן ווי דער העכסטער באַפעל, און ער, דערזשאַווין, דער מיילעך פון וואָרט, פון אָדע און סאַטירע, שטעלט קעגן איר קרוין, דער קרוין פון מאַכט און הערשאַפט איבער

די אומענדלעכע ראַכוועסן פון לאַנד, איבער אַלע גויראָלעס און לעבנס, די קרוין פון דיכטערשן וואָרט, וואָס איז שטאַרקער און אייביקער פון יעדן באַפעל.

דערזשאַווין ווערט ווידער באַשטימט אַלס סענאַטאָר.

די יערידעס און אַליִעס האָבן געדויערט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס. און וואָס ער האָט געטאָן און וויִאַזוי ער האָט זיך געפירט, האָט מען אים שטענדיק מויכל געווען. זײַנע פּאַטריִאָטישע אָדעס וועגן די מיליטערישע ניצחונעס, זײַנע לויב־געזאַנגען דעם מאָנאַרך, דער מאָנאַרכיע, דער רוסישער מעלוכעשאַפט האָבן איבערגעוויגן אַלע זײַנע זינד פון זײַן אַ שלעכטער טשינאָווניק, פאַרן בייזן אָנפאַלן אַף די אַדל־לײַט.

זאַריטש האָט עס אַלץ זייער גוט געוווּסט, און דערפאַר האָט אים אַזוי געשראָקן די באַגעגעניש, דער פאָרשטייענדיקער געראַנגל מיט דערזשאַווינען. ער, זאַריטש, איז געוווינט געווען זיך שלאָגן מיט אַ סאַך סאָנים, מיט גרויסע מאַכנעס, און איצט דאַרף ער זיך באַגעגענען פּאָנעם־לעפּאָנעם מיט איין סוינע, מיט זייער אַ שטאַרקן סוינע. די טאַקטיק און סטראַטעגיק פון אָנפאַלן אַף גרויסע מאַכנעס טויג ניט פאַר דעם איין־און־איינציקן סוינע, אַף דעם איז דערזשאַווין אַ בעריע.

אַלע יאָרן האָט ער, זאַריטש, אויסגעמיטן דערזשאַווינען, ער האָט אויסגעמיטן דעם באַרג, וואָס דריקט און שטיקט, איז ווער וואָלט זיך געווען ריכטן, אַז דער באַרג וועט קומען צו אים? וועט דערזשאַווין אָנשרײַבן אַן אַקט, איז עס אַ האַלבע צאָרע, עס מעג זײַן דער ערגסטער אַקט, בלײַבט עס צווישן אייגענע, קאָן מען דערווידערן, קאָן מען אָפּשרײַען. נאָר וואָס טוט מען, אַז די מוזע וועט זיך אַרײַנמישן, וועט אָנרעדן אַף אים שלעכטס, אַרײַנלייגן אין דערזשאַווינס מויל און אין זײַנע שפּיץ פינגער די בײַסיקסטע און שטעכיקסטע ווערטער פאַר אַ סאַטירע קעגן אים, זאַריטשן? דאַן איז פאַרפאַלן, אַלץ פאַרפאַלן, דאַן וועט זאַריטש איבער גאָר דער ראַכוועסדיקער אומענדלעכער רוסישער ערד ניט קאָנען ווײַזן דאָס פּאָנעם זײַנס: ווו ער וועט גיין און ווו ער וועט שטיין, אַפילע אין כאָלעם, וועלן אים אומבאַראַכמאָנעסדיק שמײַסן די שאַרפע, בײַסיקע ווערטער פון דער סאַטירע, ווי אָנגעגליטע שפּיצרוטן. ער וועט ניט קאָנען איבערטראָגן דעם ביזאָיען און זיך נעמען דאָס לעבן.

נאָר ניין, — האָט זאַריטש זיך געפּרוּווט מאַכן האַרץ, — ער וועט זיך ניט אונטערלייגן אונטערן באַרג — נעם שטיק מיך! ער וועט ניט אופהייבן די הענט — קום און נעם מיך! פון אַזויפיל געפאַרן איז ער אין זײַן לעבן אַרויס בעשאָלעם אַלס זיגער, דאַרף ער איצט אומבאַדינגט בײַקומען די לעצטע געפאַר, וואָס האָט אים געטראָפן אין דער מעמשאָלע פון זײַן רו. זײַן עלטער טאָר ניט פאַרשעמען זײַן יוגנט.

זאַריטש האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אַף די ווידערשפּעניקע מאַטעריאַלן פון די פּינקאָסים, וואָס זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש, דאָס איז אַ שטאַרק געווער, אַ פאַרניכטנדיק אופרײַס־שטאָף. אַזעלכע מאַטעריאַלן קאָנען אַרײַנברענגען אין גרימצאָרן דערזשאַווינען, און ער קאָן רופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, פאַרפירן אַן איניען קעגן די אַלע באַלמעלאָכישע פּינקאָסים־שרײַבער, ס׳איז דאָך עמעסע קראַמאָלע, שרעקלעכע מערידע קעגן קייסער, קעגן דער מאָנאַרכיע, קעגן די אייגענע אופקלערער און אָנגעזעענע לײַט.

דערזשאַווין איז בא דער מיינונג, אַז ווי רוסלאַנד איז איין לאַנד מיט איין קייסער, אַזוי באַדאַרף זי זײַן מיט איין גאָט, מיט איין פאָלק און מיט איין שפּראַך. ווען ייִדן, צום בײַשפּיל, וועלן באַהערשן די רוסישע שפּראַך, וועט זײַן לײַכטער זיי שמאַדן, און דאַן איז אויס ייִדן־פּראַגע, עס וועלן אָפּפאַלן אַ ריי פּראָבלעמען, וועלכע ס׳איז שווער צו לייזן, און ס׳וועט אַ סאָף נעמען צו די אָנקלאָגעס, צו די אויספאָרשונגען, צו די פאַרשיידענע קאָמיסיעס.

יעשוע צייטלין און נאָטע נאָטקין קערן וועלטן, אַז ייִדן זאָלן באַהערשן די לאַנד־שפּראַך. זיי זײַנען מאַסקים מיט דערזשאַווינען, אַז נאָר דאַן וועט די ייִדן־פּראַגע קאָנען געלייזט ווערן.

ס׳איז דאָך ניט צופעליק דאָס, וואָס ווי נאָר נאָטע נאָטקין איז געקומען קיין פּעטערבורג צום גענעראַל־פּראָקוראָר קוראַקין וועגן זײַנע פּערזענלעכע איניאָנים, האָט ער צום אַלעם ערשטן געשטעלט פאַר אים די פּראַגע וועגן פאַרשפּרייטן די רוסישע שפּראַך צווישן די ייִדן.

און ווען נאָטע נאָטקין האָט פאַר קוראַקינען גענומען פאָרלייגן אַ פּלאַן וועגן באַזעצן ייִדן אַף ערד, וועגן אַנטוויקלען שאָפּצוכט און בא די שוואַרציאַמישע פּאָרטן אויסבויען געוואַנט־פאַבריקן, ווו עס זאָלן אויך אויסגעאַרבעט ווערן קאַנאַטן און זעגלען, האָט דער גענעראַל־פּראָקוראָר קוראַקין אַף דעם געענטפערט: צוליב וואָס גיין מיט לאַנגע געדרייטע וועגן, אַז ס׳איז דאָ אַן אָפענער און קורצער וועג — וועלן ייִדן באַהערשן די רוסישע שפּראַך, וועט זײַן לײַכטער זיי צו שמאַדן, און דאַן איז אויס מיט ייִדן, אויס ייִדן־פּראַגע!

דער גענעראַל־פּראָקוראָר קוראַקין האָט אויך אָפּגעוואָרפן נאָטע נאָטקינס באַקאָשע וועגן

פאַרוואָרן ייִדן האַנדלען מיט ווײַן, ווײַל דאָס ברענגט צו דער אָרעמקייט פון די פּויערים, זייַ פּאַרטרינקען זייער ברויט, זייער שווערע ביטערע האָרעוואַניע, און דאָרט, ווו עס הערשט אָרעמקייט, דאָרט איז סינע, דאָרט פלאַקערט זיך פאַנאַנדער דער צאָרן.

— ניט דאָס איז דער וואָרצל פון בייז, — האָט דער גענעראַל־פּראָקוראָר דערווידערט נאָטע נאַטקינען, — דאָס בייז באַדאַרף מען זוכן אין די באַזונדערע קעגנזעצלעכע עמונעס, אין די באַזונדערע געטער, וואָס קאָנען ניט און וועלן קיינמאָל ניט קאָנען לעבן בעשאָלעם צווישן זיך. עס גייט דען אין די פּאַרקויפער? עס גייט אין די קויפער. דער טרינקער וועט שטענדיק געפינען זײַן ווײַן, דער שיקער וועט פון א שטיין אויסהאַקן און צאַפּן מאַשקע, וואָס היילט אים פון ניכטערקייט.

יעשוע צייטלין און נאָטע נאַטקין זײַנען געקניפּט און געבונדן מיט דער העכסטער נאָ־טשאַלסטווע, מיט די אָנגעזשענסטע צאַרישע לײַט, אומעטום גיט מען זיי אָפּ קאָוועד, אומעטום איז זייער וואָרט וואָגיק, אומעטום פאַרטרויט מען זיי, מ׳פאַרטרויט זיי אָף אַזויפיל, גלײַך ווי זיי זאָלן גאָר קיין ייִדן ניט זײַן.

זיי זײַנען דערזשאַווינס פרײַנט, און אָט זיי, זײַנע פרײַנט, וועט ער אַרויסשטעלן אָף דער פאָדערשטער פאָזיציע. ער איז זיכער, אַז יעשוע צייטלין וועט צושיקן דעם בעסטן אָפּ־רוף וועגן אים, און וועגן נאַטקינען איז שוין אָפּגערעדט.

די פּניי פון שטאָט, די רעדלפירער פון קאַהאַל וועלן אָן צווייפל איבערכאַזערן דאָס, וואָס זיי האָבן שוין ניט איין מאָל געשריבן, ווען זיי האָבן געפּרוּווט אָפּלייקענען די פאַרשיי־דענע מעסירעס אָף אים: „די יאָרן פון זאָריטשעס הערשאַפט זײַנען די זיבן זאַטע און גוטע יאָר פון די שקלאָווער ייִדן, און וואָס שײַעך די שמיץ, מיט וועלכע ער איז מעכאַבעד די פאַרזינדיקטע, זײַנען עס שמיץ פון א געטרײַען פאָטער, וואָס לערנט זײַן קינד גיין אָפּן ריכטיקן וועג״.

וואָס שײַעך די געקריוודעטע און באַליידיקטע, איז זאָריטש געוועזן מער ווי זיכער, אַז קיין איינער פון זיי וועט ניט וואַגן קומען זיך אויסריידן דאָס האַרץ פאַרן אויספאָרשער, ווײַל דאָס וואָלט באַטײַט זיך אַליין אַרויסגעבן, אַליין איידעס זאָגן וועגן זיך, אַז דאָס האָבן זיי, און ניט קיין אַנדערע, א שײַכעס צו די פּילצאַליקע מעסירעס, וואָס זײַנען געשיקט גע־וואָרן פון שקלאָוו קיין פּעטערבורג, אַז דאָס זײַנען זיי, און ניט קיין אַנדערע, די מעכאַברים פון די קראַמאַלע פּינקאָסים.

נאָר גיי האָב צו טאָן מיט דערזשאַווינען, — האָט זאָריטשעס זיכערקייט זיך א וואַקל גע־טאָן, — דערזשאַווין איז אַזאַ, וואָס קאָן פאַרלאָזן זײַן פּאַלאַץ און גיין פון שטוב צו שטוב זיך פאַנאַנדערפרעגן באַ די שקלאָווער, ער קאָן ערגעץ אויסגעפינען א געהיים אָרט און פאַרזי־כערן יעדן אַרויסגערופענעם, אַז דער גענעראַל זאָריטש וועט ניט וויסן וועגן דעם, אַז קיין שום בייז וועט מיט זיי ניט געשען. אַזוי, אַז מ׳דאַרף שטיין אָף דער וואַך...

אָן איימע איז אָנגעפאַלן אָף שקלאָוו. ווו נאָר א גאַס און ווו נאָר א געסל, ווו נאָר א וועג און ווו נאָר א סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו זאָריטשעס פּאַלאַץ, ווו עס האָט זיך גע־פונען דער אויספאָרשער, איז באַוואַכט געווען פון אויסשפּירער און נאָכשפּירער, שאַרף־מעסערדיקע שנײַדנדיקע בליקן האָבן ווי שפּיזן געשטאָכן היגטן־אַרום, געגאַנגען אַנטקעגן, באַגלייט פון אַלע זײַטן, באַ יעדן קער און ווענד.

א שאָכן צו א שאָכן איז ניט אַרײַן, כאָטש מיט כאָווערטעס האָבן זיך ניט באַגעגנט, אויסגעגעבענע זין און טעכטער, וואָס האָבן געוווינט אָף א צווייטער און דריטער גאַס, זײַנען ניט געקומען זיך זען מיט די עלטערן, אַפילו אייניקלעך האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן דערפילט דעם ביטערן טאַם פון צעשיידט זײַן, פון זײַן אַזוי נאָענט און אַזוי ווײַט פון זיידעס און באָבעס.

אין יענע טעג זײַנען אין שקלאָוו א סאַך שולן און באָטעמעדראָשים ליידיק געוועזן פון מיספּאַלעלים און לערנערס. עס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז גאָט אַליין, דער פאָרשער פון אַלע פאָרשער, וואָס האַלט אין איין אויספאָרשן יעדנס האַרץ און אַלעמענס נירן, האָט זיך איבערגעשראָקן פאַרן אויספאָרשער און האָט ניט געוואָלט, אַז אין זײַנע געצעלטן זאָלן זיך צונויפקלײַבן מיניאָנים ייִדן מיט זייערע צאָרעס, פּכאָדים און באַקאָשעס, זיי זאָלן אים בעטן און לויבן, לויבן און בעטן. אין מעשעך פון טויזנטער יאָרן האָט מען אים שוין אַזוי אָנגעג־דולט א קאָפּ, אַז ער מוז זיך אָפּרוען, ער וועט זיך ווי־עס־איז עטלעכע טעג באַגיין אָן די „עכאָדים״, אַז ער איז איינער און מער ניט קיינער, אָן די האַלעלוייעס... עמעסע יאָמים־נוי־ראָים־טעג, א פּיש אין איין וואָסער האָט געציטערט, דער יום־הַאַדין גייט, דער יום־הַאַדין קומט, אַלע, פון קליין ביז גרויס וועלן געמישפּעט ווערן.

מער פון אַלע האָבן זיך געשראָקן די מעכאַברים פון די פּינקאָסים־מאַטעריאַלן און די איבערשרײַבער. קיינער פון זיי האָט קיינמאָל אין די פּינקאָסים ניט אָנגעגעבן זייערע נע־מען, נאָר פאַרן שטאָט־מעשומעד, פאַרן מאָסער איבער אַלע מאָסרים איז דאָך ניטאָ קיין סאָד, קיין שום פאַרהוילעניש און באַהעלטעניש, ער שטייט איצט אוואַדע לעבן דעם אויס־פאַרשער און גיט אַרויס זייערע נעמען.

די פּינקאָסים־לײַט האָבן זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, אַף וועלכער באַנק זיי האָבן זיך ניט געפּרוווט זעצן, האָט זיך זיי געדוכט, אַז דאָס איז אַ באַשולדיקונגס־באַנק, איין באַשולדיקונגס־באַנק שרעקלעכער פון דער צווייטער.

זייערע אייגענע ווערטער און שורעס, וואָס זײַנען געגאַנגען פון דער טיף, מיט וועלכע מ'האָט זיך געקילט דאָס האַרץ און אַראָפּגעריסן די שלייערס פון די פאָלקס־פאַרזאָרגער, האָבן פאַרמאָטן, זײַנען געוואָרן די ווערטער און שורעס פון דעם אויספאָרשער, פון דעם באַשולדיקונגס־אַקט. זיי קוקן אַף זיי, זיי הערן זיך צו צו זיי, און זיי דוכט זיך, אַז זיי זײַנען מעגולגל געוואָרן פון טויבן אין ראָבן.

זיי ציטערן אויף, עס דוכט זיך זיי, אַז דער אויספאָרשער פרעגט זיי: „איר ווייסט, ווער יעשוע צייטלין איז?" און ער ענטפערט גלײַך אַליין: „אַ גרויסער מאַן, אַן אויפגעקלערטער, אַ געבילדעטער, אַ גרויסער געשעפט־פירער, דער גענעראַל פּאָטיאָמקין האָט אים פאַרטרויט זײַן דער פּאָדריאַטשיק, דער צושטעלער פון פּראָוויאַנטן פאַר זײַן אַרמיי".

צווישן אַלע פּאָדריאַטשיקעס האָט ער זיך גערעכנט פאַרן סאַמע בעסטן, פאַרן סאַמע אָרנטלעכסטן. פּאָטיאָמקין האָט פון אים אַזוי שטאַרק געהאַלטן, אַז ער האָט אים אײַנגעלאַדן צווישן די סאַמע כאַשעווסטע און אָנגעזעענסטע געסט בײַזײַן אַף דער צערעמאָניע פון לייגן דעם פונדאַמענט פון דער שטאָט כערסאָן. און וואָס האָט איר וועגן אים געשריבן? און יעדע אויפגעמישטע בלאַט פון די באַלמעלאָכישע פּינקאָסים זאָגט איידעס. סאַראַ שרעק־לעך איידעס זאָגן!

...נידעריקער פון מיטלוווקס, מיט אַן אויסגעכאַליעט בערדל, מיט שאַרפע דאָרשטיקע אויגן, וואָס די גאַנצע וועלט איז פאַר זיי צו קליין, צו ווייניק, דעם קאָפּ האַלט ער שטענדיק פאַרהויבן אַזוי הויך, ווי ער זאָל זײַן אַ ריז און אַלע שקלאָווער — קאַרליקעס, זיי דערגרייכן ניט צו זײַנע קני. מיט יעדן טראָט, וואָס ער מאַכט, טוט ער אַ גרויסע טויווע דער ערד, אַף וועלכער ער טרעט.

און קומט ער אַרײַן אין שול, און באַגעגנט ער מענטשן אין גאַס, דוכט זיך אים, אַז זיי כאַזערן שטענדיק איבער און זאָגן איינס און דאָס זעלבע: אנו עבדיך ואתה אדוננו[1] — מיר זײַנען דײַנע קנעכט, און דו ביסט אונדזער האַר.

און רופט מען אים אויף צו דער טוירע, קוויקט ער זיך מיט יעדן קלאַנג פון זײַן גע־דיכטער באַס־שטים און ציט פּאַנאַנדער די בראָכע מיט אַזאַ גאַדלעס און מיט אַזאַ האַזע, גלײַך ווי ניט גאָט האָט געגעבן די טוירע דורך מוישע זײַן קנעכט פאַר אַלע ייִדן, נאָר דאָס האָט ער, יעשוע, געבראַכט די יעשוע, געגעבן די טוירע, דאָס איז זײַן פאַרדינסט.

און ווידער אַ פּאַריבל, און ווידער אַ פּאַרדראָס אַף יעשוע צייטלין, און דער באַשולדי־קונגס־אַקט קעגן די באַשולדיקער ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער...

...ווען יעשוע צייטלין האָט כאַסענע געמאַכט זײַן טאָכטער פאַרן אויסגעשפּילטן און אויפגעקלערטן איידעם אוורהאָם פּערעטץ, האָט ער פאַרשעמט דעם שייוועט לייווי — די באַ־רימטע גוזיקאָוו־קאַפּעלע און אַראָפּגעבראַכט מוזיקאַנטן אַזש פון פּעטערבורג. אים איז אויך ניט אָנגעשטאַנען צוגרייטן אַן אָרעם־טיש, דאָס וואָלט געקאָנט באַליידיקן די פּריצים און סראָרעס, די פאַרשיידענע רײַכע אײַנגעלאַדענע געסט, און פאַרן קלענסטן פּאָרעץ איז ער שטענדיק גרייט מאַקריוו זײַן מיטן העכסטן ייִדן, מאַקריוו זײַן מיט די קאַפּצאָנים, וואָס הייסן בא אים „די אָרעמע ברידער און שוועסטער מײַנע".

נאָך מער, איידער יעשוע צייטלין, האָט איצט די באַשולדיקטע באַשולדיקער געשראָקן נאָטקין נאָטע כאַזמאַוויטש. ער איז דאָך אויך אַ גרויסער פּאָדריאַטשיק, אויך ער איז דאָך געווען פאַרבונדן מיט פּאָטיאָמקינען און מיט אַנדערע גרויסע מיליטערישע און מעלוכע־לײַט, און דעריקער איז דאָס, וואָס ער איז זאַריטשעס אַ ביז גאָר נאָענטער פרײַנט.

זאַריטש האָט געהאַלטן, אַז ווען אַלע ייִדן וואָלטן געווען אַזעלכע, ווי זײַן פרײַנט נאָטע נאָטקין, וואָלט מען פאַר זיי זיך געשלאָגן. ווו נאָר אַ שטאָט, ווו נאָר אַ גובערניע, וואָלטן זיי געוואָלט, אַז בא זיי זאָלן וווינען וואָס מער אַזעלכע ייִדן.

---

[1] אָנו אוואָדעכאָ וועאַטאָ אַדויניינו.

און אָט, ווען ס׳האָט געטראָפן דער אומגליק און נאָטע נאָטקין האָט אָנגעזעצט אין די שווערע טויזנטער, האָט אים זאַריטש אויסגעשטרעקט די האַנט פון הילף, געגעבן א בריוו צום גענעראַל־פּראָקוראָר קוראַקין, אין וועלכן ער האָט אים געבעטן צערײַבן דעם איניען, מעוואַטל מאכן אלע כויוועס און אים אויספּלאָנטערן פון דעם פּלאָנטער.

און קלאָר, אַז איצט וועט נאָטע נאָטקין צאָלן זײַן פּרײַנט זאַריטשן מיט מידע קענעגעד מידע, ער וועט אים רייניוואשן אין די אויגן פון דעם אויספאָרשער, ער וועט דערווײַזן לויט די מאַטעריאַלן פון די פּינקאָסים, אַז ניט נאָר קעגן זאַריטשן האָט מען געשריבן אלדאָסבייז, נאָר אויך קעגן אים, וואָס האָט אַף זײַן לעבן אַזויפיל טויוועס ייִדן געטאָן און אין דער ערשטער ריי זײַנע שקלאָווער ברידער און שוועסטער.

ניט איין פּינקעס האָט מען געשריבן וועגן אים — הלנו אתה או לצרנו[1] — דו געהערסט צו אונדז אָדער צו אונדזער פײַנט, גיכער ניט צו אונדז, ווײַל דער פרײַנט פון אונדזער פײַנט איז אונדזער פײַנט...

ער וועט דערווײַזן פארן אויספאָרשער, אַז אין דער שווערער צײַט, ווען ער האָט זיך פארפּלאָנטערט אין די כעזשבוינעס, האָבן זײַנע שקלאָווער ברידער און שוועסטער דורך די פּינקאָסים זיך געקילט דאָס האַרץ און אָנגעקוואָלן: „דערפאר וואָס דו האָסט אָנגעפּײַפט, האָט מען דיר אָנגעפּײַפט, און דער סאָף פון דײַנע אָנפּײַפער וועט זײַן אַזא ווי דײַנער, עס וועלן זיך געפינען נאָך גרעסערע אָנפּײַפער, און מ׳וועט זיי אָנפּײַפן”.

זאַריטשעס סטראַטעגישע אײַנפאַלן זײַנען פארווירקלעכט געוואָרן. די אויספאָרשונג איז געגאַנגען, פונקט ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. די האָפענונגען אַף די קאָהאָל־לײַט, אַף יעשוע צייטלין און נאָטע נאָטקין האָבן אים ניט אונטערגעפירט, פון די געקריוודעטע און באַליידיקטע איז קיין איינער ניט געקומען זיך קלאָגן.

א גאַנץ לעבן האָט ער, זאַריטש, זיך גערעכנט אלס סטראַטעג פון גרויסע מאכנעס, און אָט איצט האָט ער זיך ארויסגעוויזן פאר ווײַט ניט קיין שלעכטן סטראַטעג אין קאַמף מיטן איינצלנעם.

דער סטראַטעג פון בײַקומען דעם איינצלנעם האָט זיך אָבער בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דערזשאַווין האָט ניט גענומען אין אכט דאָס איידעס זאָגן פון די קאָהאָל־לײַט, ער האָט אינגאַנצן ניט געגלייבט יעשוע צייטלינען און נאָטע נאָטקינען, ער האָט געהאַלטן, אַז זיי זײַנען ווײַט ניט אָביעקטיוו באַם פארטיידיקן זייער פרײַנט זאַריטש, אין די פּינקאָסים־מאַטעריאַלן האָט ער ניט געפונען קיין שום קראַמאָלע, פאַרקערט, די באַשולדיקונגען קעגן זאַריטשן שטרײַכן נאָך מער אונטער, ווי ריכטיק ס׳איז די צאַרישע הערשאַפט, ווי ערלעך און ריכטיק ס׳זײַנען די צאַרישע געזעצן.

מער פון אלע איידעס האָט דערזשאַווין געגלייבט דער שרעק, וואָס איז באַפאַלן די שקלאָווער ייִדן אין דער צײַט פון דער אויספאָרשונג. די אומדערהערטע שרעק האָט אָפן און קלאָר גערעדט וועגן דעם, אַז אַלץ, וואָס ס׳איז געשריבן געוואָרן וועגן זאַריטשן, איז ריכטיק — קיין איינער פון די געליטענע האָט דאָך ניט געוואַגט קומען צו אים זיך קלאָגן און אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ.

דאָס איז געווען דער סאַמע איבערצײַגנדיקסטער באַווײַז אויך פארן סענאַט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און דער סענאַט האָט אופמערקזאַם געמאכט זאַריטשן, אַז די צײַטן פון דער פּויליש־פּריצישער הערשאַפט, ווען יעדער פּאָרעץ איז געווען דער געוועלטיקער איבער אלע אײַנוווינער פון זײַנע ערדן און האָט געקאָנט מיט זיי טאָן, וואָס נאָר עס האָט זיך אים געוואָלט, זײַנען פארבײַ, אפילו ייִדן טאָרן ניט זײַן העפקער, אויך צו זיי באַדאַרף אין א געוויסער מאָס אָנגעווענדט ווערן דער געזעץ פון דער רוסישער אימפּעריע.

שקלאָוו האָט פרײַ אָפּגעעטעמט. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז זאַריטש, וואָס האָט קיינמאָל ניט אָפּגעענטפערט אַף די באַגריסונגען פון די שקלאָווער ייִדן, האָט איצט מיט „א זדראַוויע זשעלאַיעם”, מיט א שמייכעלע און מיט א פריילעך געמאכטער מינע אָפּגעענטפערט אַף יעדער באַגריסונג.

דער שטאָט־מעשומעד איז ווי אויסגעטריקנט געוואָרן. ווײַזט אויס, — האָבן שקלאָווער ייִדן זיך געכאָכמעט, — אַז ער איז געוואָרן א באַלטשוווע, און אַזויווי פון א באַלטשוווע גיט אָפּ א שלעכטער רייעך, וויל ער ניט אָפּסאַמען די לופט. זאָל אים וויל באַקומען, זאָל ער דערשטיקט ווערן פון דעם אייגענעם שלעכטן רייעך, וואָס שפּאַרט ארויס פון אים, ווי אין

[1] האָלאָנו אַטאָ אוי לעצאָרייִנו.

דער הײליקער שמוינעסרע־טפילע ווערט געזאָגט: ולמלשינים אל תהי תקוה[1] — און פאַר די מאַסרים זאָל ניט זײַן קײן שום האָפענונג.

מ'האָט פון די בוידעמער אַראָפּגעטאַסקעט און פון די קעלערס אַרויסגעשלעפּט די אַלפּי־נעס גרעראַטעוועטע פּינקאָסים. אַ סיום נאָך אַ סיום, פאַרענדיקט אַן אַלטן פּינקעס, האָט מען גלײַך אָנגעהויבן אַ נײַעם.

נײַע פּינקאָסים, נײַע שרײַבער. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצײכנט און איז באַרימט גע־וואָרן שײַע־פישל דער שמײַסער. שײַע־פישל האָט קײנמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט פערד, לויטן פאַך איז ער געווען אַ זײגערמאַכער. און שמײַסער האָט ער געהײסן, ווײַל ער האָט אין זײַנע מײַמאָרים קײנעם ניט געשוינט און געהאַלטן אין אײן שמײַסן. ער האָט פאַרמאָגט אַזױפיל שמיץ, אַז אײן פּינקעס איז פאַר אים געווען ניט גענוג, האָט ער געשריבן אין אַ צווײטן, אין אַ דריטן און אין אַ פערטן.

שײַע־פישלס שמײַסנדיקע מײַמאָרים זײַנען אַזױ געפעלן געוואָרן, אַז אײן פּינקעס האָט איבערגעשריבן באַם צווײטן, און עס האָט זיך באַקומען, אַז יעדער פּינקעס האָט פאַרמאָגט אַלע זײַנע מײַמאָרים פון דעם ערשטן ביזן לעצטן.

שײַע־פישל איז באַרימט געווען ניט בלויז אַלס שמײַסער, נאָר אויך אַלס לאַמדן און קענער. קענער האָט ער געהײסן, ווײַל ער האָט אַלײן אָן קײנעמס הילף אויסגעלערנט רו־סיש, פּויליש און דײַטש, זיך אַראָפּגעלאָזט אין די מאַטעמאַטישע און פילאָסאָפישע טיפן, ליב געהאַט זיך אַוועקלאָזן אין די ווײַטן פון דער געשיכטע, אַרײַנפאָרן דורך פאַרשײדענע קפיצאַס־האַדערעך־וועגן אין דער צוקונפט, אַרײַנדרינגען און אַ סאַך אַרויסדרינגען פון דעם פאַרלאָפּענעם, פון דעם געשעענעם.

אין שקלאָוו האָט געלעבט אַ ייִד אַ בעקער, וועמען מ'האָט גערופן מיכל דער וועקער, ווײַל אַלע פרימאָרגן מיט אַ שאָ פריִער, אײדער דער ערשטער מיניען פלעגט זיך שטעלן דאַוונען, מיט אַ שאָ פריִער, אײדער עס האָט זיך באַדאַרפט אָנהײבן דער אַרבעטסטאָג, פלעגט ער קלאַפּן אין די לאָדן און וועקן זײַנע פינף בעקער־יונגען: „שטײט אויף! שטײט אויף לאַאַווידאַס רעב מיכלן...“

דער כעזשבן איז געווען אַ פּאָשעטער. ווי די בעקער־יונגען זאָלן זיך ניט פאַרהאַלטן, ווי זײ זאָלן זיך ניט פּרוּוון אויסדרײען, וועלן זײ פּאָרט מיט אַ צוואַנציק מינוט פריִער קומען צו דער אַרבעט, און הונדערט מינוט גײען ניט צופּוס, אַ רעגע און אַ רעגע — און עס ווערט אַ מינוט, אַ מינוט און אַ מינוט — און עס קומט צו אַ שאָ, אַ געווונענע און געפונענע שאָ איז מיט גאָלד גלײַך.

אָט צו רעב מיכל דעם בעקער און וועקער האָט שײַע־פישל פאַרגליכן די שקלאָווער רײַכע אופגעקלערטע לײַט. ווען זײ קלאַפּן אין די לאָדן און וועקן, האָבן זײ ווײניקער פון אַלץ אין זינען די פאַרזונקענע אין שלאָף, זײ האָבן אין זינען זיך, אַז אומעטום, ווו זײ וועלן זיך קערן און ווענדן, זאָל זײ נאָך מער שײַנען דאָס מאַזל.

שײַע־פישל איז געווען אײנער פון די ערשטע, וואָס האָט הויך אָפּגעשאַצט לײב נע־וואַכאָוויטשעס „ווײגעשרײ פון דער ייִדישער טאָכטער“, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין רוסיש און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיִש „קול שועת בת יהודה“[2].

ער האָט געשריבן: געשרײען און ווערטער, וואָס גײען אַרויס פון האַרצן, דרינגען אַרײַן אין האַרצן. נעוואַכאָוויטשעס געשרײ איז אַן אשמנו מכל עם און בושנו מכל דור[3]־געשרײ, אַ געשרײ וועגן דעם, אַז ייִדן זײַנען מער שולדיקער פון אַלע פעלקער, מער פאַרשעמט פון יעדן דאָר, און מיט דעם איז לײב נעוואַכאָוויטש אַן עכטער שאָליעך־ציבור, אַ געשיקטער פון פאָלק, אַן עכטער מײליץ־יוישער.

אָבער ניט אומעטום, — האָט שײַע־פישל אופמערקזאַם געמאַכט, — רײַסט אויף נעוואַכאָ־וויטשעס געשרײ הערצער, ניט אומעטום שפּאַלט ער הימלען, ניט אין אײן אָרט פאַרלירט ער דעם ריכטיק־געגומענעם טאָן און הײבט אָן פעלשן.

שײַע־פישל האָט ניט געקאָנט מויכל זײַן נעוואַכאָוויטשן זײַן האַכנאָעדיקע געפאַלנקײַט. וואָס מער קנעכטיש דער קנעכט איז, אַלץ מער שטײַגט דער האַר אין דעם האַר, וואָס נידעריקער מ'קניט און מ'פאַלט, אַלץ לײַכטער איז צו טרעטן און נאָך נידעריקער מאַכן. שײַע־פישל האָט ניט געקאָנט מויכל זײַן לײב נעוואַכאָוויטשן זײַן אונטערלעקן זיך דעם אינערלעכן מיניסטער, דעם גראַף וו. פּ. קאָטשובײ מיטן ווידמענען אים דאָס „ווײגעשרײ

---

[1] וועלאמאלשינים אל טהי סיקוואַ; [2] Вопль дщери иудейской (1803) — „קויל שוואַס באַס יעהודאָ“ (1804); [3] אָשאַמנו מיקאָל אָם און בוישנו מיקאָל דויר.

פון דער „יידישער טאָכטער”, דאָס כאַנפּענען די רוסישע הערשער און פּאַלן פאַר זיי קוירים: „אָ, קריסטן, וואָס איר זײַנט באַרימט מיט אײַער מילדקייט און גוטהאַרציקייט, האָט אַף אונדז ראַכמאָנעס, ווענדט צו אונדז אָן אײַערע צאַרטע הערצער”.

שײַע־פּישל האָט סאַרקאַסטיש אויסגעלאַכט דעם קוירים־פּאַלער, וואָס, שרײַענדיק אין נאָמען פון פאָלק, האָט ער אויסגעשריגן פאַר זיך א צײַלעם, זיך געשמאַדט און געוואָרן, לויט מוישע מענדעלסאָנס אויסדרוק, א „מיטבירגער אָן געוויסן”. אויס „לייב”. דער „לייב” איז אין א „לעוו” פאַרוואַנדלט געוואָרן, איז א „בען אַלעקסאַנדראָוויטש”, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין צײַלעמען, אין איין קנײַען און וואַרפן זיך אין קלויסטער און שווערן, אז ער איז געטרײַ דעם קייסערלעכן טראָן.

דער זײַדענער אײדעם אוראָם פּערעטץ פון דעם זײַדענעם שווער יעשועַ צייטלין האָט אויך ניט אויסגעהאַלטן יידישקײַט. געוואָרן אן אַלמען, האָט ער כאַסענע געהאַט פאַר א דײַטשקע. פּערעטץ האָט געהאַלטן: האָט מען צו טאָן מיט קלויסטער־לײַט, איז גלײַכער צוזאַמען מיט זיי אין קלויסטער גיין. ער האָט אויך געהאַלטן, אז אין דער וועלט פון גרויסע געשעפטן איז דער יידישער געשעפט, דאָס הייסט האָבן צו טאָן מיט יידן, זיך אָנעמען זייער קריוודע און אומעטום האַלטן אין איין אַפּשרײַען גזיירעס איבער זיי, ווײַט ניט פון די געהויבענע געשעפטן. די יאָרן גייען, מ׳ווערט עלטער, און וואָס עלטער מ׳ווערט, אַלץ מער באַדאַרף מען אין זינען האָבן זיך אַליין, אַזוי אז דער איקער פון אַלע איקערס איז וואָס מער נויסעכיין זײַן אין די אויגן פון די קאַרעוו־לעמאַלכוס־לײַט.

שײַע־פּישל איז ניט מיד געוואָרן צו דערווײַזן, וויפל אומגעטרײַשאַפט צו יידן עס ליגט אין דער געטרײַשאַפט פון די יידישע באַזאָרגער צום קייסערלעכן טראָן, זייער געטרײַשאַפט דערגייט אַזוי ווײַט, אז די סאַמע ביטערסטע צאַרישע גזיירע קעגן יידן נעמען זיי אָן ווי „טויוועס”, ווי „נייטיקע מיטלען” פון די „מאַלכיי כעסעד”, פון די „גנעדיקע קייסאָרים”, „וואָס דאַרפן בעסער מאַכן דאָס יידישע פאָלק”. שקלאָווער קאָהאָל האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט יעשועַ צייטלין, וואָס האָט נאָך פּאַטיאָמקינס טויט זיך באַזעצט אין אוסטיע, טשערקאַסער אויעזד, מאָהיליאָווער גובערניע, און געהאַט אין זײַן רעשוס בא טויזנט פּויערים. א פּערעץ, א יידישער פּאָרעץ — און פאַרגעסט ניט זײַנע אָרעמע ברידער אין שקלאָוו, ער באַזאָרגט מיט מאָעס כיטים — מיט געלט אַף ווייץ, אַף מאַצעס צו באַקן פאַר די נויטבאַדערפטיקע, ער וועט ניט דערלאָזן, אז יידן זאָלן אַף פּייסעך ניט האָבן קיין מאַצעס און כאָס־כאַלילע זינדיקן מיט כאָמעץ, וואָס דאָס איז איינע פון די גרעסטע זינד, פאַר וועלכע עס קומט קאָרעס — פאַרשניטן ווערן פאַר דער צײַט. אין דער הייליקער טוירע ווערט דאָך אָפן און קלאָר געזאָגט: „יעדער איינער, וואָס וועט עסן כאָמעץ, וועט פאַרשניטן ווערן אָט דער נעפעש פון די יידן פונעם ערשטן טאָג ביזן זיבעטן טאָג”.

יעשועַ צייטלין האָט אויך ניט געקאָנט דערלאָזן, אז זײַנע שקלאָווער אָרעמע יידישע ברידער זאָלן קומען אַף יענער־וועלט אָן טאַכריכים, א שיינעם פּאָנעם וואָלטן זיי געהאַט, מ׳וואָלט זיי אַף יענער־וועלט גאָר ניט אַרײַנגעלאָזט, און זיי וואָלטן פאַרוואָרפן געוואָרן ערגעץ אין אוילעם־האַטויהו אַרײַן. געווג פּונזייערטוועגן, וואָס זיי זײַנען אַף דער־וועלט געגאַנגען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, איז זאָלן זיי כאָטש אַף יענער־וועלט קומען אָנגעטאָן אין נײַע מאַלבושים און זײַן מיט אַלע מייסים גלײַך.

אזא באַלטויווע! אַזויפיל כסאָדים, און שײַע־פּישל האָט געהאַלטן יעשועַ צייטלין פאַר א לויעג לאָראָש — פאַר אַזא, וואָס לאַכט אָפּ פון דעם אָרעמאַן, וואָס מאַכט כויזעק איבער זײַן דאַלעס...

דער געהויבענער בידכילע־אורכימע[1]־לאָשן פון די קאָהאָל־לײַט וועגן יעשועַ צייטלין איז בא שײַע־פּישל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א סאַגינאָהער־לאָשן, אין א פאַרקערטן, וואָס פאַראַכטעט:

„...און יעשועַ דער ייד איז אָנגענומען בא אַלע גרויסע לײַט, בא אַלע סאָרים אומלאָכים, און גרויס איז ער בא די יידן און באַוויליקט צווישן דער מערהײַט פון זײַנע ברידער, ער פאַרלאַנגט בלויז גוטס פאַר זײַן פאָלק און רעדט שאָלעם צו אַלע די, וואָס קומען ארויס פון זײַן שטאַם”.

ניט קיין גרעסערן קאָוועד, איידער יעשועַ צייטלין, האָט בא שײַע־פּישלען געהאַט נאָטע נאָטקין, דער געוואָרענער טוישעוו פון פּעטערבורג.

די פּעטערבורגער יאָהודים האָבן זיך איבעריקס ניט געניטיקט אין די טויוועס פון דעם

[1] בידכילע־אורכימע — מיט מוירע און ליבע.

שקלאָווער שטאָדלען, נאָר ווי קאָן לעבן אַ שטאָדלען אָן שטאָדלאָנעס? האָט ער זיך אַזוי לאַנג געשטאָדלט און געשטאָדלט, ביז ער האָט אויסגעשטאָדלט אַ יידישן בעסוילעם. לע־בעדיקערהייט קאָנען יידן זײַן, ווי זיי ווילן און מיט וועמען זיי ווילן, אָבער טויטערהייט דאַרף יעדער ייד קומען צו קייווער־ייִסראָעל, זײַן אַ ייד צווישן יידן.

אויב באַם לעבן איז ניט געווען קיין אכדעס, דאַרף די אכדעס נאָכן טויט געשלאָסן ווערן. אײַ די רײַכע מאַצייוועס, וואָס זאָגן איידעס וועגן די אַמאָליקע לעבעדיקע, וועלכע ליגן איצט הינטער זיי, מאַכט ניט אויס, די גאָלדענע „פּ״נ״ זײַנען אַראָפּגענומענע קרוינען פון די אַמאָליקע קעפּ, וואָס האָבן וועלטן געקערט, די גאָלדענע אויסיעס, וואָס בליצן מיט שוואָכים, וועלן באַלײַכטן און באַשײַנען די מאַצייוועס און וועלן טרייסטן די מייסים פון נידעריקערן גראַד, אַז דאָ איז ניטאָ קיין אונטערשייד, אַלע ליגן דאָ גלײַך טיף אין דער ערד.

דער שקלאָווער פּינקעס איז פול געווען מיט היספּעדלעס און מיט שוואָכים פאַר דעם שקלאָווער שטאָדלען, וואָס האָט זיך דערשלאָגן שאַפן אַ באַזונדערן יידישן בעסוילעם אין פּעטערבורג.

אָף דעם האָט שײַע־פישל געענטפערט: אָף באַגראָבן יידן באַדאַרף מען ניט זײַן קיין גרויסער בעריע, די ערד אַליין גייט אָנטקעגן, די מינדסטע טויווע טאָן אַ לעבעדיקן יידן איז אַ סאַך שווערער.

אַ סאַך שיינע בלעטלעך האָט שײַע־פישל געשענקט באַרעך שיקן, דעם שקלאָווער אילוי, כאַריף און באָקי, וואָס האָט ביזן סאָף פון זײַן לעבן ניט געקאָנט שטילן זײַן דאָרשט נאָך ווּיסן.

נאָך ייִנגלווײַז איז ער געווען אויסגעבונדן און אויסגעקניפּט מיט אַלע טאַנאָים און אַמוירעים, ווי מיט די שקלאָווער אָרעמע יידן און באַלמעלאָכעס.

אַ האַלאָכע אָף אַ האַלאָכע, טילײַ־טילים — בערג מיט האַלאָכעס, אַ געדאַנק אָף אַ גע־דאַנק, און איין געדאַנק הויזט ניט מיטן צווייטן, און וואָס שטאַרקער די קריגערײַ, אַלץ מער נײַע ווידערשפּרעכיקע געדאַנקען ווערן געבוירן, און פאַר באַרעך שיקן איז עס אַלץ ווייניק געווען. האָט ער אָנגענומען איין טערעץ, זײַנען אין מויעך גלײַך אויסגעוואַקסן צוויי נײַע קאַשעס. זײַנען פאַרענטפערט געוואָרן די צוויי נײַע, האָט די צאָל קאַשעס גענומען וואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, און וואָס מער קאַשעס, אַלץ מער ווייניקער ווערן די טערוצים.

צו 24 יאָר באַקומט באַרעך שיק סמיכעס אָף ראַבאָנעס, צו 24 יאָר ווערט ער דײַען אין מינסק.

ערשט אָפן קיסיי־האַראַבאָנעס דערפילט ער, אַז ער איז שטאַרק געפאַלן, אַז ער איז אַ פויגל אין אַ שטײַג מיט אונטערגעשניטענע פליגלען. ער איז דורכגעשווומען דעם יאַם פון טאַלמוד הין און הער, און ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל, און אָף דער וועלט זײַנען נאָך דאָ אַזויפיל יאַמען, עס ציט אים צו זייער ראַכוועס, צו זייער טיף, עס הייבט אים און טראָגט אים אין דער הייך צו די הימלען, און ער לאָזט זיך וואַנדערן איבער דער וועלט, קעדיי צו שטילן זײַן דאָרשט נאָך ווּיסן.

באַרעך שיק האָט ליב דעם מענטשן, און ער דערלערנט דעם מין מענטש מיט אַלע זײַנע אייוורים, מיט אַלע זײַנע בלוט־געפעסן, מיט יעדן טראָט, מיט יעדן קער און ווענד, מיט יעדן קלאַפּ פון הארצן און בליק פונעם אויג.

אין ענגלאַנד דערלערנט ער מעדיצין, ווערט אַ דאָקטער. אַז מ׳ענדיקט, האַלט באַרעך שיק, באַדאַרף מען ערשט אָנהייבן. און ער הייבט אָן און ענדיקט אַ ריי אַרבעטן וועגן אַנאַ־טאָמיע, וועגן היגיענע, וועגן היילן דעם קראַנקן ניט בלויז מיט רעפּועס, נאָר אויך מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ צוזאָגנדיקן בליק און מיט אַ ליבלעך־אויפמונטערנדיקן שמייכל.

באַרעך שיקס דאָרשט נאָך ווּיסן איז אַזוי גרויס, אַז זײַן געביט אַליין באַפרידיקט אים ניט, און ער דערלערנט אַסטראָנאָמיע און כימיע.

שײַע־פישל האָט אָבער בעשום־אויפן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, וויאַזוי האָט באַרעך שיק געקאָנט אָנעמען דעם ווילנער גאָענס פאָרשלאָג אָנצושרײַבן אַ ריי ספּעציעלע ווערק, אין וועלכע ער זאָל שאָלעם מאַכן צווישן דער יידישער עמונע מיט דער וויסנשאַפט. וויאַזוי איז ער אײַנגעגאַנגען מעגלעך מאַכן דאָס אומעגלעכע, צונויפפאָרן פײַער מיט וואַסער, פאַריי־ניקן די פינצטערניש פון דער נאַכט מיט דער ליכטיקײַט פון טאָג, „דערווײַז״, אַז אַ שניי קאָן גיין אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג?

וויאַזוי האָט ער געקאָנט אײַנגיין אָף אַזאַ זאַך, וואָס באַשטייט פון דורכויסיקן שווינדל? ער איז דאָך ניט יעשוע צייטלין, וואָס האָט איינצײַטיק אָין זײַן אויסטיער גוט אויסגעבויט אַ גרויסן בעסמעדרעש פאַר יידן לאַמדאָנים, אַז זיי זאָלן טאָג און נאַכט לערנען און פאָרשן דעם טאַלמוד, און פון דער צווייטער זײַט — זיך אַרומגערינגלט מיט געלערנטע. פאַר באַרעך

שיקן האָט ער אפילע אויסגעבויט א לאַבאָראַטאָריע אף דורכצופירן זײַנע וויסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן, אונטערשטרײַכנדיק מיט דעם, אז די וויסנשאַפט און די עמונע דאַרפן זיך געפינען אף איין פלאַץ, לעבן בײַשכיינעס, גיין האַנט בא האַנט און ניט אָפּלייקענען איינס דאָס צווייטע.

יעשוע צײַטלין האָט זיך אַליין אָנגערופן און פאַרלאַנגט, ער זאָל בא אלעמען הייסן יעשוע דער שקלאָווער.

באָרעך שיק האָט געהאַלטן, אז אויך ער האָט א גרויסן כײַלעק אין שקלאָוו, אז אויך ער האָט פאַרדינט, מ׳זאָל אים רופן און פאַרגעדענקען אף דאָר־דוירעס אלס באָרעך שקלאָווער.

מער פון אלעמען האָט זיך פאַרשקלאָווט נאַטקין, נאָטע בען כאַיִם, ער האָט געהייסן נאַטאַן, נאָטע פון שקלאָוו, נאָטע דער שקלאָווער.

שקלאָוו איז געווען דער דענקמאָל, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך לעבעדיקער־הייט געשטעלט, אז ער זאָל נאָך זיי האַלטן אין איין דערמאָנען און דערציילן וועגן זיי.

די געשיכטע האָט אָבער ניט פאַרלאַנגט צוטיילן זיי נאָכן טויט אָט דעם גרויסן קאָוועד. דאָס האָט פאַרדינט דער סאַמע ווירדיקסטער און שענסטער זון פון דעם שיוועט לייווי, פון די שקלאָווער קלעזמער — מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו, דער אויסגעצייכנטער פלייטיסט, שעפער פונעם האָלץ־שטרויענעם פידל, דער ערשטער און גרעסטער ווירטואָז פונעם קסילאָפאָן, וואָס האָט מיט זײַן שפּילן איבעראַשט רוסלאַנד, גאַנץ אייראָפּע, די גרעסטע מוזיקער פון זײַן צײַט.

ווען מיכאָעל־יויסעף איז אף דער וועלט געקומען, האָט דער קאָהאָלשער פּינקעס גע־שריבן: „קאַרג פײַפט דער דאַלעס באַם שיוועט לייווי, איז נא דיר נאָך א פײַפער...״

און די באַלמעלאָכישע פּינקאָסים האָבן זיך אָפּגעגעבן מאַזלטאָוו: זאָל זײַן נאָמען קיינ־מאָל ניט אויסגעמעקט ווערן פונעם סייפער־האַכאַיִם, זאָל ער זײַן גערימט און געבענטשט, ווי גערימט און געבענטשט ס׳איז דער ניגן, וואָס ווערט איבערגעגעבן פון דאָר צו דאָר, וואָס ווערט געזונגען און איבערגעזונגען, וואָס איז אַלט און שטענדיק נײַ, ווי ער זאָל נאָרוואָס קומען אף דער וועלט. זייער בראָכע איז מעקוייעם געוואָרן — דערמאָנט מען און זאָגט מען „דער שקלאָווער״, גיט מען גלײַך צו מיט א באַזונדערן שטאָלץ — מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו!

פונעם ליטעראַטור־אויצער

איציק מאַנגער

באַגענטע געשטאַלטן

אינעם פּאַריקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן מיר גע־געבן אַ מוסטער פון איציק מאַנגערס פּראָזע — אַן אויסצוג פון זײַן בוך „די ווונדערלעכע לעבנס־באַשרײַבונג פון שמואל־אַבא אַבער־וואָ". איצט פאַרעפנטלעכן מיר די ביז גאָר אינטערעסאַנטע פאַרציי־כענונגען זײַנע וועגן פראַגן פון יידישער פאָלקס־כאָכמע.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער

פאַרן עקדעש אין מעדזשיבאָזש האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַן אוילעם ייִדן, ווײַבער און קינדער. די גאַנצע אָרעמקײַט פון רעב באָרעכלס רעזידענץ איז זיך צונויפגעקומען, קעדיי אָפּצוגעבן קאָוועד דעם לעץ הערשעלע אָסטראָפּאָליער, וואָס איז יענע נאַכט געשטאָרבן אין העקדעש.

— הייסט עס, איז שוין הערשעלע אָסטראָפּאָליער נישטאָ, — האָט אָפּגעזיפצט אַ געלער ייִד מיט וואַסערדיקע אויגן. — אַ שאָד, אַ שאָד. מיט אים איז עפּעס געווען פרייִלעכער אָף דער נעשאָמע. גרינגער דער הונגער. אַ שאָד, אַ שאָד.

— וואָס האָט אים געפעלט? — האָט אַ פרעג געטאָן אַ קליין מאָגער יידל, ווײַזט אויס פון דער פרעמד.

דער געלער ייִד האָט אָנגעקוקט דעם פרעגער, אים אָפּגעמאָסטן מיטן בליק פונעם קאָפּ ביז די פיס און מיט ביטל אַ וואָרטשע געטאָן:

— פּאַרנאָסע האָט אים געפעלט, פעטער. וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט?

דאָס קליינע יידל פון דער פרעמד האָט געצויגן מיט די אַקסלען:

— פּאַרנאָסע... אָט האָב איך, באָרעכהאשעם, אויך ניט קיין פּאַרנאָסע, און פונדעסטוועגן לעב איך, ווי איר זעט.

יענער האָט אויסגעגלאָצט די אויגן:

— וואָס, איר ווייסט טאַקע ניט? עס רעדן דאָך שוין דערפון די פייגל אָף די דעכער.

— וואָס, — פרעגט דער פרעמדער, — וואָס, אַשטייגער, דערציילן די פייגל אָף די דעכער?

דער געלער ייִד בייגט זיך אַראָפּ נידעריקער צום קליינעם יידל און רוימט יענעם אײַן אין אויער אַרײַן:

— דער רעבע, רעב באָרעכל, האָט אים, הערשלען, אַראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ. מע האָט הערשלען טייקעף אוועקגעפירט אין העקדעש, און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן.

— אָי־וואַ, אוי־וואַ, — האָט דער פרעמדער געשטוינט. — פאַרוואָס איז עס אים געקומען? דוכט זיך, אַז הערשל איז געקומען קיין מעדזשיבאָזש, קעדיי פרייִלעך צו מאַכן דעם רעבן, אים אַרויסצוטרײַבן פון זײַן אַצוועס. פאַרוואָס איז עס אים געקומען, איך בעט אײַך?

דער געלער ייִד האָט זיך אײַנגעבויגן נאָך נידעריקער און דערציילט, אַרײַנגעשעפּטשעט דעם קליינעם יידל אין אויער אַרײַן:

— ווי איר ווייסט, פּעטער, איז דער רעבע רעב באַרעכל, ניט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, א מאַרעשכוירעניק, א קײַסן און ניט קיין קליינער באַלגײַוועו. יעדע צוויי מינוט גיט ער דיר אָן אַנצוהערעניש, אַז ער איז ניט אַבי־ווער, נאָר דעם באַלשעמטאָווס אַן אייניקל.

— נו, נו,— שעפּטשעט נײַגעריק דאָס קליינע יידל פון דער פרעמד,— דאָס אַלצדינג ווייס איך. אָבער וואָס געהער זיך דאָס אָן מיט הערשלען, האַ?

— וואָס האָט איר אַזוי קיין צײַט ניט,— קאָעסט זיך דער געלער ייִד,— לאָזט אויסרעדן, וועט איר שוין אַלצדינג געוווּיר ווערן.

און דער געלער ייִד דערציילט, ווי‏אַזוי דער רעבע איז אַרומגעפאָרן מיטן לעץ איבער די שטעטלעך. ווי‏אַזוי הערשעלע האָט אין א שטעטל אויסגעזוכט אַן אכסאַניע, ווו די גאַנצע נאַכט האָט געוויינט א קינד. דער רעבע האָט ניט געקאָנט צומאַכן קיין אויג. אינדערפרי האָט ער אויסגעשײַגעצט הערשלען, געהאַט צו אים טײַנעס:

— סטײַטש,— האָט דער רעבע געזאָגט,— כ׳האָב דאָך דיך געבעטן, דו זאָלסט מיר גע־פינען א שטילע אכסאַניע, און צום סאָף האָט די גאַנצע נאַכט געוויינט דאָס קינד.

— נו, נו,— האָט דאָס קליינע יידל געזעצט די נעשאָמע,— טשיקאַווע, וואָס הערשל האָט אים געענטפערט?

— הערשל האָט, ווי זײַן שטייגער, א שמייכל געטאָן און געזאָגט צום רעבן: איר מיינט, רעבע, אַז דאָס קינד, וואָס האָט געוויינט די גאַנצע נאַכט, איז א פּאָשעט קינד? דאָס קינד איז אַן אייניקל, און פון די אייניקלעך וועלן ייִדן האָבן צו זינגען און צו זאָגן...

— כאַ־כאַ,— האָט זיך צעלאַכט דאָס קליינע יידל,— אָט דאָס הייסט געטראָפן אין פּינטל אַרײַן. אָט דאָס הייסט אַרײַנגעזאָגט דעם אייניקל פונעם באַלשעמטאָוו.

דער געלער ייִד האָט דערשטוינט אָנגעקוקט דאָס קליינע יידל:

— וואָס לאַכט איר, פּעטער? מיילע, אַז הערשל האָט אַרײַנגעזאָגט די גווירים און די קלייקוידעש, פאַרשטיי איך, א מיצווע אַף זיי, אָבער דעם רעבן? איר הערט, וואָס איך זאָג אײַך, דעם רעבן?!

דאָס קליינע יידל האָט געקײַכט פאַר לאַכן:

— אָט דאָס הייסט א לעץ, א גרויסער לעץ, אַפילע דעם רעבן אַרײַנגעזאָגט. כאַ־כאַ־כאַ.

— איר מעגט זיך לאַכן,— האָט אָפּגעזיפצט דער געלער,— אָבער ער, נעבעך, האָט פאַר דעם עמעס באַצאָלט מיטן לעבן. דער רעבע האָט עס אים ניט געקאָנט מויכל זײַן. און אין א שיינעם טאָג, ווען הערשל איז צו אים צוגעשטאַנען, האָט דער רעבע אים אָנגענומען פאַרן קאָלנער און אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ.

— טשיקאַווע,— האָט זיך אָנגערופן א ייִד, א בלינדער אַף איין אויג, וואָס איז געשטאַ־נען אין א צווייטן רעדל,— טשיקאַווע, צי דער גאַבע רעב אויזער וועט קומען צו דער לע־ווײַע.

— איך גיי א געוועט, אַז ער וועט ניט קומען,— האָט דודיע דער הויקער זיך אָפּגע־רופן.— הערשל האָט אים וואַזשנע אַרײַנגעזאָגט. דער גאַבע רעב אויזער וועט אים דאָס ניט מויכל זײַן.

— וואָס, וואָס האָט ער אים אַרײַנגעזאָגט? — האָט נײַגעריק געפרעגט א דריטער, א ייִד מיט א בעלמע אַפן אויג.

דודיע דער הויקער האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און דערציילט די מײַסע, ווי‏אַזוי דער גאַבע האָט איין מאָל אָפּגעשטעלט הערשלען אַפן שמאָלן בריק. „זאָג עפּעס א כאָכמע־לע", האָט רעב אויזער געזאָגט צו אים און מיטן גראָבן בויך פאַרשטעלט הערשלען דעם וועג.

— צי שוין ניט אַרויס די נעשאָמע, דודיע, דערצייל שוין גיכער, וואָס הערשעלע האָט אים געענטפערט,— האָבן זיך אָפּגערופן עטלעכע ייִדן מיטאַמאָל.

און דודיע האָט דערציילט, ווי‏אַזוי הערשל האָט געפרעגט דעם גאַבע א רעטעניש: „פאַר־וואָס, רעב אויזער,— האָט ער אים געפרעגט,— איז דער אָדלער, וואָס פליט אין דער הייך, פון אונטן מאָגער און פון אויבן פעט?" דער גאַבע האָט ניט געוווּסט. האָט אים הערשעלע אויפגעקלערט: „דער אָדלער, וואָס פליט אין דער הייך, איז פון אונטן מאָגער, ווײַל ער האָט מוירע פאַר דער פײַל פון יעגער; פון אויבן איז ער פעט, ווײַל איבער זיך האָט ער פאַר קיינעם קיין מוירע ניט". און איצט, גאַבע,— האָט הערשל ווײַטער געפרעגט,— „פאַרוואָס איז די קאַטשקע פון אונטן פעט און פון אויבן מאָגער?", און טייקעף האָט הערשל אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די קאַטשקע האָט מוירע פאַרן רויב־פויגל, דערפאַר איז זי פון אויבן מאָ־גער: פון אונטן האָט זי פאַר קיינעם קיין מוירע ניט, דערפאַר איז זי פון אונטן פעט.

דודיע דער הויקער האָט זיך א ווײַלע אָפּגערוט און פאַרענדיקט:

— דער גאַבע איז געשטאַנען, ווי א גוילעם. ניט געוווּסט, וואָס הערשל וויל פון אים. ביז הערשל האָט מיט זײַן שמייכעלע אָף די ליפּן אים אַרײַנגעזאָגט:

— אָבער איר, גאַבאָים, האָט ניט קיין מוירע ניט פאַר דעם פון אויבן און ניט פאַר דעם, וואָס אונטן. דערפאַר זענט איר פעט פון ביידע זײַטן.

דער אוילעם האָט געלאַכט הויך און האַרציק. איצט האָט יעדער געוווּסט אָף קלאָר, אז דער גאַבע רעב אויזער וועט ניט קומען צו דער לעווײַע. ניט ער און ניט דער גוויר, רעב מיכל. קיינער ניט פון די אלע, וואָס הערשעלע האָט אַרײַנגעזאָגט און אויסגעלאַכט בא זײַן לעבן. די לעווײַע פון דעם לעץ דעם אָרעמאַן הערשעלע אָסטראָפּאָליער וועלן באַגלייטן נאָר די אָרעמעלײַט. אָט די אלע, וואָס האָבן האַנאָע פון זײַנע שפּיצלעך און ווערטלעך. אָט די אלע, וואָס שפּינען די מײַסע וועגן דעם לעץ הערשעלע אָסטראָפּאָליער.

דער גוויר פונעם שטעטל, רעב מיכל, איז פאַרבײַגעגאַנגען, זיך א ווײַלע אָפּגעשטעלט, און געוויר ווערנדיק, אז באַלד וועט זײַן די לעווײַע פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער, האָט זיך דער מעיוכעס פון דער שטאָט רעב מיכל זײַדמאַן אָפּגעטראָגן.

— ער קאָן אים ניט מויכל זײַן דאָס שפּיצל, וואָס ער, הערשעלע, האָט אים אָפּגעטאָן, — האָט א זאָג געטאָן דער געלער ייִד.

— וואָס פאַר א שפּיצל, פעטער? — האָט אים איבערגעפרעגט דאָס ייִדל פון דער פרעמד.

דער הויכער, געלער ייִד האָט זיך געכידעשט:

— פון דעם שפּיצל האָט איר אויך ניט געהערט, רעב ייִד? פון דעם דאָזיקן שפּיצל דערציילט מען אין גאַנצן קאַנט. ווער ווייסט דאָס ניט פון דעם שפּיצל, וואָס הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט אָפּגעטאָן דעם גוויר רעב מיכל?

— לאָמיר שוין הערן, פעטער, — האָט זיך נײַגעריק געבעטן דאָס קלײנע ייִדל, — אז א ייִד זאָגט אײַך, ער האָט ניט געהערט, זאָלט איר אים גלייבן. וואָרעם, ווען ער וואָלט געהערט, וואָלט ער דאָך אײַך געזאָגט, אז ער האָט געהערט.

דער הויכער, געלער ייִד האָט א גלעט געטאָן די געדיכטע, געלע באָרד און גענומען דערציילן:

געווען איז דאָס דעמלט, ווען הערשעלע איז נאָרוואָס געקומען קיין מעדזשיבאָזש. דעם ערשטן פרײַטיק, א טאָג נאָך זײַן אָנקומען, איז הערשעלע אוועק אין מערכעץ. אונדזער גוויר, רעב מיכל, איז גראָד געווען אין מערכעץ. געזען א ייִד זיך ארומדרייען, האָט רעב מיכל געמיינט, אז הערשעלע איז א „שמײַסער", איז ער צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— שמײַסער, זײַ אזוי גוט און קום ארויף אָף דער אייבערשטער באַנק, וועסטו מיך אויסשמײַסן.

הערשעלע האָט טייקעף פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, קיין פינגער אין מויל האָט מען אים ניט געדאַרפט אַרײַנלייגן, האָט ער א זאָג געטאָן צום גוויר:

— פעטער, איך בין דער בעסטער שמײַסער אין מערכעץ. אויב איר ווילט, אז איך זאָל אײַך שמײַסן, טאָ זײַט אזוי גוט און באַצאָלט מיר פריִער. אזוי בין איך זיך טאָמיד נויהעג: קודעם געלט, און דערנאָך שמײַסן.

דער גוויר רעב מיכל האָט טייקעף זיך געהייסן דערלאַנגען דאָס מאַלבעש, ארויסגענומען עטלעכע קאָפּעקעס, באַצאָלט הערשעלען. דערנאָך איז ער ארויף אָף דער אייבערשטער באַנק און גענומען וואַרטן אָפן שמײַסער, וואָס איז געגאַנגען אויסבינדן א נײַ בעזעמל.

ליגט אזוי אונדזער גוויר אָף דער אייבערשטער באַנק, שוויצט און וואַרט, און קיין שמײַסער זעט מען ניט.

וואַרט רעב מיכל אין קאַס. ער קריכט אַראָפּ פון דער אייבערשטער באַנק, זוכט אָפּ אונדזער הערשעלען און שרײַט זיך אָף אים אויס:

— שמײַסער, כ'האָב דיר באַצאָלט, פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען מיך אויסשמײַסן?

צעשמייכלט זיך הערשעלע און זאָגט אים, דעם גוויר, אזוי צו זאָגן:

— פאַרשטייט איר מיך, רעב גוויר, שמיץ קומט אײַך טאַקע, נאָר דערפאַר, וואָס איר האָט זיך דאָס מאָל אליין געלייגט, בין איך אײַך מויכל...

דאָס קליינע ייִדל פון דער פרעמד האָט זיך אזש פאַרקײַכט פאַר לאַכן. קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

פון דעם העקדעש האָט מען ארויסגעטראָגן דעם אָרן, און די לעווײַע האָט זיך אוועקגע־לאָזט צום אַלטן בעסוילעם.

ייִדן, ווײַבער און קינדער, די גאַנצע אָרעמקײַט פון מעדזשיבאָזש און די ארומיקע שטעט־

לעך איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לעווייַע. אפן וועג האָט איינער דעם צווייטן דערציילט ווערטלעך און שפּיצלעך פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער, און דער אוילעם האָט געלאַכט.

א פריילעכע לעווייַע איז דאָס געווען. די פריילעכסטע לעווייַע, זינט מעדזשיבאָזש איז א שטאָט.

ערשט ווען הערשעלעס עלטסטער זון האָט געזאָגט קאַדעש אפן פרישן קייווער, האָבן אַלע דערפילט, אז דאָס גראָז, וואָס וואַקסט אף די קוואָרים, איז טרויעריק.

דער אוילעם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איבערגעלאָזט דעם פרישן קייווער אף דעם מעדזשיבאָזשער בעסוילעם. די לעצטע רויטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן געצינטערט איבערן בערגל ערד.

ווען קיינער איז שוין ניט געווען אפן בייס־האַכאַיִם, ערשט דעמלט האָט זיך צווישן די קוואָרים אַרופגעשאַרט א הויכע, מאָגערע פיגור מיט אן אײַנגעפאַלן, מאַרעשכוירעדיק פּאָ־נעם. דאָס געשטאַלט איז צוגעגאַנגען צום קייווער, זיך אײַנגעבויגן, מיטן שטעקן אויסגע־גראָבן א גריבל און אין גריבל אַרײַנגעגאָסן א פלעשל בראַנפן.

דער רעבע רעב באַרעכל פון מעדזשיבאָזש האָט אַרײַנגעשעפּטשעט אין קייווער אַרײַן:

— זײַ מיר מויכל, הערשעלע, דו פריילעכער לעץ. ווי־אַזוי קאָנסטו עס ליגן אזוי קאַלט און רויִק אין קייווער?

דער אָוונט האָט געגנומען טונקלען, ווען דער רעבע רעב באַרעכל האָט פאַרלאָזט דעם בעסוילעם. הינטער אים האָט זיך נאָכגעשלעפּט א שאָטן — זײַן מאַרעשכוירע.

הערשעלעס קייווער איז געבליבן אליין, א פאַרשוויגענער, ווי אַלע אַנדערע קוואָרים פונעם אלטן מעדזשיבאָזשער בעסוילעם. נאָר די אַלטע ביימער אין פעלד האָבן שטיל גע־רוישט, דערציילט איינער דעם צווייטן די לעגענדע:

...אַמאָל איז געווען א ייִד, אן אָרעמאַן, מיטן נאָמען הערשעלע אָסטראָפּאָליער, — מיט די שפּיצלעך, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן די גווירים, קלייקוידעש און אפילו דעם רעבן אליין, האָט ער געטרייסט די ייִדישע אָרעמקייט...

דער כעלעמער

דער כעלעמער ראָוו איז געזעסן איבער א סייפער, געקנייטשט דעם הויכן שטערן, געגלעט די שניי־ווײַסע באָרד און אָלעמאָל א זיפץ געטאָן. יעדער זיפץ פונעם כעלעמער ראָוו האָט שיר־שיר ניט אויסגעלאָשן דאָס ביילעוונע ליכטל, וואָס האָט געברענט אפן טיש.

און זיפצן איז געווען אף וואָס. א קלײניקייט: טראָגן דעם אָל פון א גאַנצער שטאָט מיט קינדער! טמימעסדיקע קינדער מיט בערד־און־פּייעס, וואָס קאָנען קיין קאָץ דעם עק ניט פאַרבינדן... טרעפט עפּעס וואָס — קומט מען צו אים, דעם כעלעמער ראָוו, אז ער זאָל אופּפּלאָנטערן דעם פּלאָנטער, אין וועלכן א כעלעמער טוישעוו האָט זיך פאַרפּלאָנטערט.

ס'איז א מאַזל פון כעלעם, — טראַכט דער קלוגער ראָוו, — וואָס ער האָט מיך פאַר א ראָוו. א שיין פּאָנעם וואָלט געהאַט די שטאָט, ווען איך וואָלט ניט געווען. כעלעם וואָלט אויסגעזען ווי די יעוואָנישע שטאָט אַבדערא פון פּאַרצײַטנס, אָדער ווי, לעהאַודל, די דײַטשישע שטאָט שילדאַ. שטעט פון סאַמע נאַראָנים, אָן טוירע און אָן כאָכמע.

און דער כעלעמער ראָוו פילט, אז ער איז אף זײַן אָרט. מיט אהאווע טראָגט ער דעם אָל פון אָט דער איידעלע ייִדן, וואָס פרעמדע לייצים רופן זיי אָן „כעלעמער נאַראָנים", און אינדערעמעסן זײַנען דאָס בלויז טמימעסדיקע מענטשן, וואָס גלייבן יעדן איינעם אפן וואָרט, און וואָס יעדער איינער, ווער עס האָט נאָר גאָט אין האַרצן, פירט זיי אין באָד אַרײַן...

זאָל מען נעמען, אשטייגער, די מײַסע פון פאַראַיאָרן ווינטער, — טראַכט דער כעלעמער ראָוו באַ זיך אליין. — דער ערשטער שניי איז געפאַלן, א ווײַסער, א ציכטיקער שניי, די כעלעמער האָבן זיך מיט אים דערפרייט, ווי עמעסע קינדער. זיי זײַנען געשטאַנען באַ די פענצטער פון זייערע שטיבער און זיך ניט געקאָנט אָפּכידעשן פון אָט דער בלענדנדיקער ווײַסקייט. און קוקנדיק אזוי אפן שניי, האָבן זיי זיך פאַרטראַכט, די כעלעמער, אז ס'וועט זײַן א גרויסער שאָד צו צעטרעטן דעם דאָזיקן שניי. די געפאַר האָבן זיי דערפילט אינעם שאַמעס, וואָס וועט מוזן באַנאַכט גיין וועקן צו כצאָס. ער וועט דאָס א טעל מאַכן פון דעם ציכטיק־ווײַסן שניי. און ווי טאָמיד אין אן אייס־צאָרע, זײַנען זיי געקומען צו אים, צום כעלעמער ראָוו, ער זאָל זיי געבן אן אייצע, אז דער שאַמעס זאָל, וועקנדיק צו כצאָס, ניט מאַכן קיין טעל פונעם שניי...

ער, דער ראַוו, האָט געטראַכט און געטראַכט (ווער דען, אז ניט ער?), ביז ער איז געפאַלן אַף א פּאַרטל:

„טעלעכע כעלעמער זאָלן אין דער צייט פון כצאָס ארופזעצן דעם שאַמעס אַף א טיש, און אים אזוי טראָגן פון שטוב צו שטוב — וועט ער שוין בעמיילע פאַרשפּאָרן צו טרעטן אַפן שניי...״

נאָר די מײַסע מיטן שניי איז נאָך א גאָרנישט מיט א נישט אנטקעגן די אנדערע אופּ־טוען פונעם כעלעמער ראַוו. איבער, דער גאַנצער וועלט, צווישן אַלע יידן, דערציילט מען פון זײַן כאָכמע. עמעס, אז לייצים מאַכן דאָס גרעסטע געשפּעט, אָבער וואָס אַרט עס אים? — אַן אויסגעלאַכטע כאָכמע בלײַבט אַלץ א כאָכמע; און א כאָכעם, וואָס מע טוט אים אָן א מיצל, בלײַבט אַלץ א כאָכעם.

דאָס, וואָס די „וואַרשעווער״ לייצים שפּעטן פון אים און פון זײַן כעלעמער קעהילע, אַרט אים, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. דערוף זײַנען זיי דאָך לייצים. אָבער דאָס, וואָס דער כעלעמער מאַגיד רעב הערשל האָט פּאַראַכטאָגן שאַבעס געדאַרשנט אין דער כעלעמער גרויסער שול, האָט אים יאָ פאַרדראָסן.

רעב הערשל, דער כעלעמער מאַגיד, האָט אין זײַן דראָשע פאַרגלַיכן די כאָכמע פונעם כעלעמער ראַוו צו דער כאָכמע פון שלוימע האַמעלעך און בעשאַסמײַסע דערציילט, ווי ער, דער כעלעמער ראַוו, האָט געפּאַסקנט וועגן איניען פון דער נײַער שול, וואָס די כעלעמער באַלמעלאָכעס האָבן אופגעבויט.

די קאַשע איז געווען א הארבע: אויסמאָלן די שול, וועט דאָך די שול אויסזען ווי לעהאַוודל, א קלויסטער; ניט אויסמאָלן די שול — וואָס זשע וועט זײַן דער כילעק צווישן א פּאַשעטער שטוב און א מאָקעם־קאָדעש? ער, דער כעלעמער ראַוו, האָט אָבער, נאָך דרײַ טעג און דרײַ נעכט טראַכטן, געפונען א פּשאַרע: קוידעם אויסמאָלן די שול און דערנאָך פאַרשמירן מיט קאַלך...

די גאַנצע שטאָט האָט געקאָכט מיט דער געוויינישער פּשאַרע. אָבער צו דער כאָכמע פון שלוימע האַמעלעך קומט עס ניט. ניט מאַכמעס דער כעלעמער ראַוו איז אזא אָנעוו, נאָר, איר פאַרשטייט: „סטײַטש, שלוימע האַמעלעך?״

דער כעלעמער ראַוו האָט זיך אופגעהויבן פון דער שטול און גענומען שפּרײַזן איבערן צימער. זײַן שאָטן האָט געמאַכט מאָדנע קאָזשעלקעס איבער די ווענט.

ער איז שטיין געבליבן, זיך ארומגעקוקט אַף אַלע זײַטן. מאָדנע. עס איז נאָכאַמאָל נאכט. די וויפלטע נאכט זינט שיישעס יעמיי ברייִשיס? גיי, זײַ א באַלן און צייל. אַפן טיש טאַנצט דאָס כיילעוונע ליכטל; אין פענצטער טאַנצט שעמערירנדיק א שטערן.

דער גוף פונעם כעלעמער ראַוו טוט א ציטער. אױ־וואָ! אױ־וואָ! — טראַכט ער. — די כאָכמע האָט טאַקע ניט קיין גרענעץ. גאַנץ כעלעם ווייסט, אז איך בין ניט קיין נאַר. זיי האַלטן מיך אַפילע פאַר א כאָכעם. נו, און שלוימע האַמעלעך איז דאָך אוודע געווען א כאָכעם. נאָר ווי קומט אונדזער ביידנס כאָכמע צו דער כאָכמע פונעם בוירע־אוילעם?..

אָט ציטערט א שטערן אין פענצטער. גיי פאַרשטיי, צי פאַר סימכע, צי פאַר פּאַכעד. און עפשער גאָר אפצולאָכעס אים, דעם כעלעמער ראַוו?..

דער כעלעמער ראַוו שפּײַט אויס דרײַ מאָל: טפו־טפו־טפו! עס שמעקט שוין מיט כקירע, ראַכמאָנאַ ליצלאָן. דער שאָטן, יימאַך־שמוי, ווייסט, מאַשמאָעס, אז כעלעם איז אויך א שטאָט, און דער „כעלעמער״ איז אויך א צאַדיק — און עס לוינט זיך דעם דאָזיקן צאַדיק אראָפּצו־פירן פון וועג. ווער ווייסט, וויפל נעצן ער האָט שוין אויסגעשפּרייט ארום אים!..

דער ראַוו נעמט שפּאַנען א ביסל האַסטיקער איבער דער שטוב. פּאַרטומלען די מאַכשאָ־ווע־זאָרע: וועמען־וועמען דער שאָטן, יימאַך שמוי, וועט ניט כאַפּן אין זײַן נעץ, אָבער אים, דעם כעלעמער ראַוו — א „זאַסיע״!

— ווּ, אשטייגער, קאָנען זיי זײַן? — טוט מיטאַמאָל דער כעלעמער א זאָג אַפן קאָל. — שוין זינט פיר וואָכן האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, און ניט מע הערט און ניט מע זעט.

— א קליינִיקײַט, א קליינִיקײַט, — ברומט ער, — איך האָב ארויסגעשיקט צוויי מענטשן אין אזא וויכטיקער שליכעס. זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן און פאַרגעסן דעם זײַ־געזונט. פאַרפאַלן ווי אין וואַסער אַרײַן!

די שעליכים, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, זײַנען ניט קיין סטאַם יינגלעך, נאָר כאַשוווע באַלעבאַטים פון כעלעם: זימל דער רויטער — דער טינטן־מאַכער, און יאָסל דער שווארצער — דער מילך־ייִד.

דאָס שליכעס איז אויך ניט קיין געוויינלעכס. דער כעלעמער ראָוו האָט זיך אין א שיינעם טאָג פאַרטראַכט, אַז די וועלט מוז האָבן יוישער, אַז אָן יוישער קאָן די וועלט קיין קיום ניט האָבן. און אַזוי ווי כעלעם איז אויך א שטאָט אָף דער וועלט, באַדאַרף כעלעם אויך האָבן א ביסל יוישער. קוים האָט דער ראָוו זיך דערשלאָגן צו דעם געדאַנק, האָט ער פאַרופן אַן אַסיפע, און אָף דער אַסיפע טאַקע האָט מען באַשלאָסן אַרויסצושיקן צוויי מענטשן אין דער וועלט אַריין, זיי זאָלן איינהאַנדלען אַ ביסל יוישער פאַר ק״ק[1] כעלעם.

אַרומשפּרייזנדיק איבער דער שטוב, האָט דער כעלעמער ראָוו דערהערט, ווי דער נאַכט־וועכטער שאַלט אין זײַן האָרן. ס׳איז ניט קיין געוויינלעך וואַכעדיק שאַלן, נאָר א פּאַכעד־אָנזאָג אָדער א בסורע־טויווע.

און טאַקע טייקעף האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר, און זימל דער רויטער איז אַרײַנגע־פלויגן אָן אַן אָטעם. דאָס פּאָנעם זײַנס האָט געשטראַלט. קוים־קוים וואָס ער האָט אַרויס־געשטאַמלט:

— רעבע, מיר האָבן געבראַכט א גאַנץ פעסל יוישער!

ווען דער כעלעמער ראָוו וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער אַרומגעכאַפּט זימל דעם רויטן און וואָלט זיך מיט אים צעקושט. ער, דער ראָוו, האָט זיך אָבער באַהערשט און מיט א ציטערנדיקער שטימע געזאָגט:

— דערצייל, זימל, וויאַזוי און פאַר וויפל און בא וועמען איר האָט געקויפט אַזאַ מע־ציע — אַזש א גאַנץ פעסל מיט יוישער!

און זימל דער רויטער האָט דערציילט, וויאַזוי ער מיטן צווייטן שאַליעך, יאָסל דעם שוואַרצן, האָבן געוואַנדערט און גענישטערט ווו די וועלט האָט אַן עק, ביז זיי האָבן אין וואַרשעווער געגנט געפונען א שענקער אין א דאָרף. ער האָט דאָס געהאַט דאָס פעסל מיט יוישער. נאָר כאַטש האַק אים און בראָק אים, האָט ער עס ניט געוואָלט פאַרקויפן; קוים־קוים איז אים איבערגערעדט און באַצאָלט א גאַנצן טײַסטער מיט געלט. זיי האָבן גענומען דאָס פעסל, אָבער דער שענקער האָט זיי געוואָרנט ניט צו עפענען דאָס פעסל אָפן וועג, ווײַל דער יוישער קאָן, כאַלילע, אַנטרונען ווערן.

— ווו, ווו איז דאָס פעסל? — האָט קוים אויסגעאָטעמט דער ראָוו.

— דאָס פעסל שטייט אינמיטן מאַרק. יאָסל דער שוואַרצער שטייט און היט עס. איר פאַרשטייט, רעבע, עס קאָן, כאַלילע־וועכאַס, א גאַנעוו...

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי, — האָט געענטפערט דער ראָוו מיט סימכע. — איצט, זימל, גיי און רוף צונויף דעם דײַען, דעם שויכעט, דעם ראָש־האַקאָהאָל און אַלע אַנדערע באַלעבאַטים — און מירן גיין מעקאַבל זײַן דאָס פעסל מיט יוישער.

זימל דער רויטער איז אַוועק. דער כעלעמער ראָוו האָט אָנגעטאָן די שאַבעסדיקע קאַ־פּאָטע און ס׳שטרײַמל און מיט סימכע זיך געלאָזט אין מאַרק אַרײַן, ווו ס׳איז געשטאַנען דאָס פעסל מיט יוישער.

דער מאַרק איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. גאַנץ כעלעם איז געווען אָף די פיס: יידן, ווײַבער און קינדער. אַפילע דער שאַבעס־גוי, סטאַשעק, איז אויך געשטאַנען אין רעדל. א גרויסע זומערדיקע לעוואָנע איז געווען א שטומער איידעס פון דער דאָזיקער וווּנדער־לעכער צערעמאָניע.

אַלע האָבן געמאַכט א וואַרע פאַרן ראָוו. דער גרײַז־גרויער זאָקן איז פּאַמעלעך צוגע־גאַנגען צום פעסל. אַלע האָבן אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. דער ראָוו האָט זיך אײַנגעבויגן. איידער ער וועט עפענען דאָס פעסל און אַרויסלאָזן דעם יוישער, ער זאָל זיך פאַרשפּרייטן איבער כעלעם, וויל ער, דער ראָוו, אָף טשיקאַוועס קוידעם א שמעק טאָן. ער וויל, הייסט עס, ויסן, וויאַזוי דער יוישער שמעקט.

— יידן, פע!

— וואָס, „פע״?

— דער יוישער שטינקט!

אַלע כעלעמער האָבן זיך געכאַפּט פאַר די נעז. טאַקע, טאַקע, זיי האָבן בעפּיירעש גע־פילט, אַז ס׳איז ניט עפּעס אײַ־אײַ־אײַ.

דער ערשטער איז געקומען צו־זיך דער כעלעמער ראָוו. ער האָט זיך געווענדט צו די נאָענטסטע צוויי כעלעמער, וואָס זײַנען געשטאַנען לעבן אים, און זיי באַפוילן:

— נעמט טייקעף דאָס פעסל מיט יוישער, טראָגט עס אַרויס אין פעלד, גראָבט אויס

---

[1] ק׳ק — קעהילע קדושאָ, געמיינט די הייליקע שטאָט.

א גרוב און באַגראָבט עס, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, ווו דער דאָזיקער יוישער איז אַהינ־געקומען.

די צוויי כעלעמער האָבן געכאַפּט דאָס פּעסל, און איידער וואָס־ווען — זיינען זיי פאַר־שווּנדן געוואָרן.

דער כעלעמער ראָוו האָט אופגעהויבן זײַן קאָל אַזוי, אַז אַלע כעלעמער ייִדן זאָלן הערן:

— ייִדן, גייט אַהיים. וואַשט די הענט! זאָגט „אַשער יאַצער", און געדענקט, אַז יוישער — פּעו!

דער עולם איז זיך צעגאַנגען. יעדער איינער האָט פאַר זיך געכאַזערט דעם פּאָסעק: „יוישער — פּעו"

ביזן הײַנטיקן טאָג, אַז איר וועט פאַר אַ כעלעמער דערמאָנען דאָס וואָרט „יוישער", וועט ער אויסשפּײַען, אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט און אַ זאָג טאָן אַײַך גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן:

— פּעו!

דער ראָוו איז איבערגעבליבן אין מאַרק איינער אַליין. אין ליכט פון דער פּולער לע־וואָנע איז ער געשטאַנען טרויעריק און בלאַס, געשעפּטשעט עפּעס מיט די פאַרוויאַנעטע ליפּן. וואָס ער האָט געשעפּטשעט, ווייסט עפּשער בלויז דער ווינט, און עפּשער ער אויך ניט. וואָרעם ווען האָט עס אַ ווינט צײַט און געדולד אויסצוהערן, וואָס אַן אַנטוישטער זאָקן שעפּטשעט שפּעט באַנאַכט אינמיטן מאַרק איינער אַליין?

אַ שטיקל צײַט איז ער אַזוי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זײַן גרויען שטעקן. דערנאָך האָט ער פּאַמעלעך גענומען אַהיימגיין.

פון אַלע שטיבער האָט זיך געטראָגן דאָס גערויש פון גיסן וואַסער און דאָס געמורמל פון „אַשער יאַצער".

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט זיך דער אַלטער ראָוו פאַרבײַגעשאַרט די קליינע, מיט שינדל און שטרוי באַדעקטע, הײַזלעך פון דער שטאָט כעלעם. אָט דאָס איז אים געבליבן פון זײַן כאָלעם וועגן מענטשלעכן יוישער. אָט דאָס, און ווײַטער גאָרנישט.

ווי אַ שאָטן האָט ער זיך אַרײַנגעשלײַכט אין זײַן דירע, געוואַשן די הענט און געמורמלט די בראָכע.

ער האָט אָנגעצונדן אַ וואַקסן ליכטל, אַרויסגענומען אַ סייפער פונעם אַלמער און גענומען אַרײַנקוקן, געפּרווּט פאַרגעסן אויף אַ רעגע דאָס נאַגנדיקע געפיל, וואָס קומט נאָך אַ גרויסער און שווערער אַנטוישונג.

„אַ גאַנץ לעבן געכאָלעמט פון יוישער, און גיי ווייס, אַז יוישער האָט דאָס אַזאַ מין רייעך. גיי ווייס!"

דער אַלטער ראָוו האָט זיך גענומען שאָקלען איבערן סייפער. מיט אַ מידן ריטם פון אַן אָול זיך באַוועגט אַהער־אַהין, אַהער־אַהין.

אויף דער וואַנט האָט זיך באַוועגט זײַן שאָטן — אַ מין שוואַרצער ראָוו — מיט דעם אייגענעם מידן ריטם פון אַן אָול, אַהער־אַהין. אַהער־אַהין.

אָבער די אַנטפּלעקונג פונעם כעלעמער ראָוו, נעמלעך, אַז „יוישער שטינקט", האָט געמאַכט אַ גרויסן רוישעם אין כעלעם. אין אַלע שטובן האָט מען דערפון געשמועסט און זיך געכידעשט.

דער כעלעמער כאַקרען, נאָסן מיט די ברילן, וואָס כעלעם האָט אים גערופן „נאָסן דער כאָכעם", האָט אַפילע געוואָלט אָנשרײַבן די מײַסע, מעפּורסעם מאַכן די טיפע סענטענץ, צו וועלכער דער כעלעמער ראָוו האָט זיך דערקײַקלט. נאָר דער כעלעמער ראָוו האָט עס אים פאַרווערט מיטן האַרבן וואָרט.

און כאָטש אַזוי, איז די מײַסע מעפּורסעם געוואָרן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע מײַסעס וועגן כעלעם. אין יעדער ייִדישער שטוב פון דער גאַרער וועלט האָט מען דערציילט די כידושים פון כעלעם און פון דעם קליגסטן פון אַלע כעלעמער — דעם גרייז־גרויען כעלע־מער ראָוו.

ייִדן פון דער גאָרער וועלט האָבן זיך דערציילט איינעם דעם צווייטן די מײַסעס און געלאַכט פונעם גאַנצן האַרצן. די לעגענדע איז געוואַקסן. די עפּאָפּיי, ווו דער שטוס קושט דעם סייכל־האַיאָשער אין סאַמע שטערן אַרײַן.

און מע מוז מודיע זײַן, אַז יעדער איינער פון די כעלעמער האָט אויסגעפּילט זײַן פּונק־ציע בישליימעס. קיינער פון זיי איז ניט געבליבן הינטערשטעליק: דער ראָש־האַקאָהאָל און דער בעדער, דער גוויר און דער שנאָרער. אָט די אַלע וווּנדערלעכע קינדער פונעם

שטוס, אַט די אַלע אויסטערלישע באַשעפענישן, וואָס די ייִדישע פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע האָט באַשווירן און מײַסטערשאַפֿט פֿאַרפֿיקסירט אין דער כעלעמער לעגענדע.

אָבער די שענסטע געשטאַלט צווישן די כעלעמער בלײַבט אַלץ דער כעלעמער ראָוו, זאָכער צאַדיק ליוראָכע, דער שיינער זאָקן מיטן הויכן שטערן און דער שניי־ווײַסער באָרד, דער געטרײַער שוימער, באַשיצער און באַראָטער פֿון זײַן קעסטלעכער איידע.

לעמאַן־האָעמעס מוז מען צוגעבן, אַז די אַנטוישונג אין מענטשלעכן יוישער האָט דעם כעלעמער ראָוו ניט צעבראָכן. זי האָט אים נאָר טיף טרויעריק געמאַכט פֿאַר אַ צײַט. אָבער דער אײַזערנער גלויבן זײַנער אין דעם יוישער פֿון דעם, וואָס האָט באַשאַפֿן אַלע וועלטן, האָט סאַפֿקאָלסאָף אויסגעלײַטערט זײַן געמיט.

איינמאָל אין אַ רעגנדיקער האַרבסט־נאַכט, ווען ער איז געזעסן געבויגן איבער אַ סייפֿער, האָט ער דערפֿילט אַ מין מאָדנע גרינגקײַט אין זיך. דאָס פֿלעמל פֿונעם וואַקסענעם ליכטל האָט געציטערט, און זע, דער שאָטן אויף דער וואַנט — דער שוואַרצער ראָוו — האָט זיך באַוועגט אַנדערש ווי אַלעמאָל.

— אַ טאַנץ! לאָמיר טאַנצן אַ טאַנץ צו זײַן ליבן נאָמען, — האָט דער ווײַסער ראָוו געזאָגט צום שוואַרצן.

דער ווײַסער ראָוו האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם שטול, פֿאַרהויבן די פּאָלעס פֿון זײַן קאַפּטן און גענומען שטעלן טריט, זיך דרייען אַרום זיך אַליין.

דער שוואַרצער ראָוו אויף דער וואַנט, זײַן שאָטן־בילד, האָט געטאָן דאָס אייגענע, פֿאַרהויבן די פּאָלעס און געדרייט זיך אַרום זיך אַליין.

קוידעם פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, דערנאָך געשווינדער, געשווינדער. די שניי־ווײַסע באָרד צעפֿלאַטערט, די קויל־שוואַרצע באָרד צעפֿלאַטערט. ווײַס־שוואַרץ, ווײַס־שוואַרץ. איין ראָוו — צוויי געשטאַלטן, צוויי געשטאַלטן — איין פֿרייד, איין לויב צו זײַן ליבן נאָמען, וואָס האָט באַשאַפֿן הימל און ערד.

דער ווײַסער ראָוו האָט דערפֿילט אַ מידקײַט — אָבער ער האָט ניט נאָכגעגעבן דער מידקײַט. דער שוואַרצער ראָוו אויף דער וואַנט האָט דערפֿילט אַ מידקײַט און זיך ניט אונטערגעגעבן.

דאָס ליכטל אויפֿן טישל האָט גענומען צאַנקען, צאַנקען, און דער כעלעמער ראָוו איז אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן דיל.

אין דער קליינער רעגע איז אויך דער שוואַרצער ראָוו — זײַן שאָטן־בילד אַוועקגעפֿאַלן. און ס'איז געוואָרן שאַ־שטיל.

קאַפּיטלען פון א פּאָעמע וועגן שאָלעם=אלייכעמען

ארײַנפיר

וועז אָקאָרשט כ׳בין געקומען אף דער וועלט
און בין נאָך ניט געקומען צו מײַן סייכל,
האָט ער באוויזן זיך אין אונדזער צעלט
מיט ברייטן רוישנדיקן שמייכל
און גלײַך זיך פאָרגעשטעלט:
— שאָלעם־אלייכעם...

אזוי איז ער אין יעדער שטוב ארײַן —
מיט האסט, מיט אימפּעטדיקן וויכער
און אָנגעצונדן אזא פינקלדיקע שײַן
מיט זײַנע פריילעך־טרויעריקע ביכער...
אין יאָמטעוו אונדז פארוואנדלט גרויע וואָך,
פארלײַכטערט שווערע פּראצע בא מײַן טאטן,
פארגרינגערט אים דעם נאָגנדיקן יאָך —
די קינדער זיכערן א טאָג א זאטן...

און איך — ווי נאָר כ׳בין אויסגעוואקסן,
א קונדעס מיט קונדייסים גלײַך,
כאָטש קליין נאָך, שמאָל נאָך אין די אקסל,
נאָר מיט פאנטאזיעס רײַך, —
כ׳פארשטיי נאָך ניט דעם סייכל,
וואָס ליגט אינעם געלעכטער...
נאָר ס׳טרעפט — א טרער א הייסע
דאָס אויג מיר בריט און בײַסט:
דער רעבע איז א שלעכטער,
דעם בידנעם יאָסעם שמײַסט...

אָ, קיינמאָל ניט פארגעסן וועל איך
ניט ראבטשיקן, ניט מעסושעלעכן!
און אָנגענעם געווען איז אזוי מיר
די מײַסע מיט מאזעפּען פון „לאגבוימער"!
געווען זײַנען מיר נאָענט און פארשטענדלעך
דעם ייִנגלס טרוימען וועגן סקריפּעדיקע שיך, —

פון דער שפערישער יערושע.

שאָלעם־אלייכעם אין די יוגנט־יאָרן

דאָס אַלץ מיר ליב אַזוי געוועזן דאַן
און גוואַלדיק שטאַרק באַצויבערט מיך!
אַזוי דערשינען איז אין אונדזער וועלט
זײַן ברייטער רווישנדיקער שמייכל.
ווי אַנגעמאָסטן איז פאַר אים געווען
דער נאָמען שאָלעם־אַליכעם!..
...און איצט, מײַן לעזער שטרענגער, אָבער מילדער
(גוט, וואָס זיך זען מיט דיר ס׳איז מיר באַשערט...),
פֿון שרײַבערס לעבן עמעסדיקע בילדער
הער!

אין כיידער. פּרומע „די מויד“

— עך, שמוליק, ס׳גייט איצט גאָר אַ נודנע סעדרע:
אין כומעש כ׳האָב אַ קוק געטאָן — „וואַיִקראָ“,
אָן מײַסעס, אָן געשיכטעס, עפּעס מאָדנע ווערטער:
דאָס מעג אַ ייִד,
דאָס טאָר ער ניט, —
עס קערט די גאַל... ס׳איז פּריקרע...

— אוואַדע, שאָלעמקע, שוין גאָר ניט דאָס,
וואָס פֿריִער האָבן מיר געהאַט אין כומעש:
אשטייגער, „ברײשיס“ אָדער „שמאָס“,
די מײַסעס דאָרטן — סאַמע צימעס!

— געלערנט האָב איך זיי און גוט באַנומען...
אָנו, פאַרזוך נאָר, שמוליק, דאָס געבעקס,
ניט ברעקל עס: אָראָפּגעשלונגען, און אַן עק...
איז געשמאַק? איז זאָל דיר ווויל באַקומען!

— ששש! געצל־גאַנעפעצל הערט זיך אונטער...
— דער רעבע גייט, אוי־אוי!
— אַ וויסטע קרענק זיי יעדערן באַזונדער!..
נאָר ס׳מאַכט ניט אויס:

אַ קורצער טאָג איז מאָרגן — פרײַטיק,
פֿון כיידער פרײַ קימאַט:
זיך דורכריידן וועט קלעקן צײַט אונדז,
וועט סטײַען אַקוראַט...

פאַרליבט אין שמוליקן איז שאָלעם —
פאַר די געשיכטעס: שיין זיי זײַנען שרעקלעך
און פאַרכאַפּנדיק, — מיט אומגעדולד אַף זיי דו וואַרטסט...
די אויגן שמוליקס — שטענדיק ווי פאַרכאָלעמט.
ר׳איז דאַר און קוואַר, נאָר רויט זײַנען די בעקלעך
(מע זאָגט: פֿון שווינדזוכט, — ס׳רײַסט אַף אים דאָס האַרץ).

אויך שמוליק שאָלעמען האָט ליב דאָס כײַעס —
פאַר די פאַרשײַטע שטיק, פאַר פריילעכן געמיט,
פאַר דעם, וואָס ער אַזוי געטרײַ איז
צו אים, צום יאָסעמל — ווי צוגעשמידט.

און קונציק שאָלעמקע מאַכט נאָך די מיִעסע ברוים,
וואָס ווילן קינדער פּענטען ווי מיט שטריק,
זיי זאָלן זיצן שטיל, סטאַטעטשנע, רויִק...
צעווישן די אַקטיאָרשטשיקעס קיין גלײַכן איז ניטאָ אים,
דאָס נאָכמאַכן באַ אים — דאָס גרעסטע גליק.

...שוין ווידער קרימסטו איבער,
דו מאַרשעלעק נעסטשאַסנע!
דו מאַכסט קאָמעדיעס ווידער?
פאַר נאָכעמס זון ווי פּאַסט עס?!

פון וועמען מאַכסטו כויזעק,
דו לעץ, פאַרשלעפּטע קרענק?
ווערסט שוין באַם רעבן פּויזען, —
געדענק!

עס שעלט די רעבעצן אים גאָר געשמאַק,
און פונעם רעבן כאַפּט ער שוין אַ פײַנעם פּסאַק...
נאָר ווײַסעכעוורעניקעס קײַכן פאַר געלעכטער
פון שאָלעמס נאָכמאַכן דער מיִעסער מויד, דער שלעכטער.

ס׳ווײַזט שאָלעמקע, ווי פרומע מיט איר איין־און־איינציק אייגל
קוקט אַף איר כאָסן ייִדל־גאַנעווו, ווי אַף איינציק אייגל אירס אָן אייגנס,
באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ, פון אויסגענאַשטער סמעטענע.
זי האָט אים ליב, — נו, מאַמעש זי פאַרגעטערט אים.

ס׳דאַרף שאָלעמקע נאָך אָפּשפּילן אַ שטיק טעאַטער,
נאָר ס׳קומט דער רעבע אָן — אָט אַ פּאַרדראָס!
געוואָלט באַווײַזן ייִדל־גאַנעוון מיט פּאָנפּעוואַטער
צעפּלעטשטער פּײַפּנדיקער נאָז...
נאָר ס׳גייט דער רעבע. שאָלעמקען נעמט אָפּ דאָס לאָשן,
דאָס פּײַערל ווערט אויסגעלאָשן...

אָך, פרומע, אָך, דו מויד געשטופּלטע און בלינדע!
דו, מאַמע פון אַ כאַפּטע פרעמדע קינדער!
צי האָסטו ווען־עס־איז אַמאָל געטראַכט,
אַז דורך דעם שאָלעמקען, וואָס האָט דיך אויסגעלאַכט,
יאָ, דורך דעם שאָלעמקען, וואָס פלעגסט אים שלאָגן, קנײַפּן,
וועסטו מעפורסעם ווערן איבער גאָר דער וועלט
אַזוי געראָטן, מיט אַזאַ דערפּאָלג, —
ווען ער וועט ווערן דער באַליבסטער שרײַבער
באַ זײַן פאָלק...

ערשטע ליבע

ניספּאָעל ווערן פונעם גרויסן כידעש,
וואָס ער, דער קליינער וועוריק,
ער, אונדזער שאָלעם נאָכעם וועוויקס —
אַזאַ מין שנעק, —
זאָל פון אַ פּלוצעמער פאַרליבעניש
גאָר פיבערן און פּאַקן אָן אַ ברעג.

צו גאַפן מאַמעש פונעם גרויסן ווונדער,
וואָס נאָך צוריק מיט אַ יאָרהונדערט,
אין צײַט פון סאַמע פרומקײַט, צניִעס,

זאָל ער, א יאָט פון סכאַקל פערצן יאָר,
פון ליבע, ווי אַף פּריסעק, גליִען —
אזוינס זאָל זיך דערווּעגן גאָר!

אָ יאָ, זיך איַינליבן האָט ער געוואגט
אין גווירישׁ טעכטערל, דער שיינער ראָזע,
און אײַנגעליבט האָט ער זיך שטאַרק
אָן בושע און אפילע מיט א ביסל האָזע...

געיאָטערט האָט אין אים די ווונד —
די טיפע ווונד פון אײַנקאָכעניש פרישער.
די שיינע מויד, אליין ניט וויסנדיק דערפון,
האָט שאָלעמקען אַף טרייפס פאַרקישעפט...

עך, ראָזע, ראָזע...
דער נאָמען אָט אַ־דער
פאַר איר געווען ווי אָנגעמאָסטן,
פון גאָט אליין באשערט.

זי האָט ארויסגעשײַנט,
ווי צווישן דערנער שײַנט ארויס
אין בליִענדיקן סאָד א רויז,
אָן עמעסע „שוישאַנאָ ביין האכויכים”, —
אָ, זעלטן־ווער דאָס עמעצער איז זויכע...

א רויז צעווישן אירע שטענדיקע באגלייטער — די „סווישטשונעס”
(כאָטש נאָך דער לעצטער מאָדע אויסגעפּוצט,
פון אלעמען גרויסהאלטעריש געמאכט לעצאָנעס, —
נאָר פאַר דער „רויז” געווען ווי א מין שוץ...).

זי ז'קיינמאָל ניט געווען אליין,
און שאָלעם האָט נאָר איַינגעזאָפט פּונווײַטן
איר יעדן קער, איר יעדן ריר, דעם כיין,
וואָס ראָזע האָט געהאט בא אים, בא גאָט, בא לײַטן.

געשטאַנען איז ער אין א זײַט, ווי א געטרייַער שוימער,
פאַרגאַפט געמאָסטן אירע טריט.
אין איַינגעליבטן, אין פאַרכושטן טרוימער
א העליש פײַער האָט געגליט.

די נאַכט איבער דער שטאָט די שווארצע פליגל שפּרייט,
און ראָזעס סוויטע זי אהיים באגלייט.

א גליק, וואָס ס'איז אין דרויסן פינצטער־שטאָק
און ס'הייבט אָן איַינדרעמלען די מידע שטאָט, —
זעט קיינער ניט, ווי שאָלעם לויפט שוואליאָם
צום גווירישן, ארומגעצוימטן הויז,
בלײַבט שטיין בא האלב־פאַרמאַכטער לאַד,
ווי בא דעם ראַנד פון טהאָם,
און ס'מליִעט אים דאָס הארץ,
פון טײַנעג גייט עס אויס
פון ראָזעס וווּנדערלעכער פאָרטעפּיאַנע־שפּיל,
און ס'וואַקסט אין אים נאָך העכער זײַן געפיל...

ער זעט פאַר זיך בלויז ראָזעס צאַרטע פינגער,
ס'פאַרנעמט זײַן אויער בלויז איר הימל־שפּיל...
און פאַר זײַן בליק עס שוועבן עפּעס רינגען,
און אַלץ אַרום איז אין אַ נעפּל אײַנגעהילט.

און איינס נאָר אים פאַרשטערט דאָס גרויסע גליק:
אַ פידעלע דערנעבן שפּילט מיט קעלכל דינעם,
אַ צויבער־סמיטשיקל לויפט הין און צ'ריק, —
דאָס פרווות איצט ראָזעס שטענדיקער באַגלייטער
איר אויסגעטרוימטע ליבע לײַכט פאַרדינען.
פונקט ווי אַ בײן אין האַלדז אונדזער פאַרליבטן שטייט ער.

דער מיַעסער באָכער מיט די קלישינאָווע פּיס,
דאָס פּאָנעם פול מיט ווערעמדיקע ווײַמפּערלעך.
נאָר ס'דוכט זיך שאָלעמען... ער פילט באַשײַמפּערלעך,
אַז אָט דעם באָכערס פידל־שפּיל איז צוקער־זיס...

ס'געפעלט אויך, וואָס ער רעדט פראַנצויזיש ווי אַף מאַמעלאָשן!
ער איז גאָר אַנדערש, זעט איר, ניט געוווינט,
ווי אַף פראַנצויזיש פּלוידערן מיט ראָזען,
און אַלע אין דער רײַכער שטוב — מע שטוינט...

ס'ווערט די פאַנטאַזיע בא שאָלעמען פאַרשײַטער:
...עס זיצט זיך ראָזע בא איר קישעף־אינסטרומענט,
און שאָלעמקע שפּילט צו איר אָפּן פידל,
און מענגעס מענטשן שטייען בא די זײַטן
און קוקן אָן, ווי אירע פלינקע הענט
פאַרקישעפן די וועלט מיט נײַע קלאַנגען,
צונויפגעמישטע מיטן ניגן פון אַ היימיש לידל,
ווי אינעם פעלד מיט גראָז צונויפגעמישט עס זײַנען זאַנגען...
און קיינער ניט פאַרשטייט, מיט וואָס מע עסט עס,
בלויז שאָלעמקע זיי אַלעמען דערקלערט,
אַז דאָס איז דאָך דאָס סאַמע בעסטע,
וואָס פון די לויטער־ריינע קלאַנגען ווערט...

און ס'שמייכלט צו אים ראָזע מיט פאַרליבטן בליק,
אַ ביסל אָפּגעבראַכט, ווען בייזע מענטשן שפּאַסן,
און זיי שפּאַצירן האַנט בא האַנט הין און צוריק,
און שאָלעם רעדט פראַנצויזיש ווי אַ וואַסער...
ס'איז ניט פראַנצויזיש דאָך,
נאָר עפּעס גאָר אַן אַנדער לאָשן,
ווו יידיש האָט אַ קיילעך...
ער וויל עפּעס דערציילן,
נאָר אַלץ אַרום ווערט פּלוצעם אויסגעלאָשן...
ער זינקט נאָך אינעם טרוים פון דעם „ניט־זײַן",
נאָר ס'רײַסט זיך אינעם מויעך שאַרף אַרײַן
אַ ווילדער נאַכט־געשריי: „כאַ־ליע־רע!"
„אַ גזיירע, יידן, אַף דער שטאָט!
„כאַ־ליע־רע!" —
„עס זאָל אונדז בײַשטיין גאָטס גענאָד!" —
פון אַלע זײַטן לאָזט זיך הערן.
. . . .
...אַזוי איז אינעם טייטנדיקן שוים
צערונען שאָלעמס שטראַלנדיקער טרוים...

100 יאָר ייִדישער טעאַטער

מיר זעצן פאָר צו דרוקן מאַטעריאַלן פון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און טעאַטער־פאָרשער, געווידמעט דעם אָנהייב פונעם פּראָפעסיאָנעלן ייִדישן טעאַטער.

די מאַטעריאַלן זײַנען גענומען פון דער שעפערישער ירושה.

נאָכעם אויסלענדער

דער אָנהייב

אווראָם גאָלדפאַדן האָט דורכגעמאַכט אַן אינטערעסאַנטן און זייער באַלערעוודיקן לעבנסוועג. אין מעשעך פון קימאַט א האַלבן יאָרהונדערט איז ער געווען טעטיק אין געביט פון ליטעראַטור און טעאַטער.

גאָלדפאַדן האָט געהערט צו דער קרעפטיקער פּלעיאַדע ייִדישע שרײַבער, וואָס אין שפּיץ פון איר איז געשטאַנען מענדעלע מויכער־ספאָרים. פונקט ווי לינעצקי — זײַן נאָענטער פרײַנט — האָט גאָלדפאַדן דעמלט א סאַך געלערנט בא מענדעלען. פונקט ווי מענדעלע אַליין, האָט גאָלדפאַדן דעמלט א סאַך געלערנט בא די בעסטע פאָרשטייער פון דער רוסישער דעמאָקראַטישער ליטעראַטור.

גאָלדפאַדן שרײַבט אין זײַן אווטאָביאָגראַפיע:

„איר מוזט וויסן, מײַנע ליבע לעזער, אַז געבוירן אין רוסלאַנד, שטודירט אין רוסלאַנד, באַלעזן מיט דער רוסישער ליטעראַטור, האָט מיך אַלס יונגערמאַן אויך באַהערשט דער רוסישער קולטור־גײַסט".

דער „רוסישער קולטור־גײַסט", וועגן וועלכן עס רעדט דאָ גאָלדפאַדן, — דאָס איז געווען דער גײַסט פון דער רוסישער דעמאָקראַטישער ליטעראַטור פון די 60־ער יאָרן.

ווײַט ניט אַלע דעמאָקראַטישע אידייען אין די 60־ער יאָרן איז גאָלדפאַדן געווען אימשטאַנד אָרגאַניש צו באַנעמען און פאַרקערפּערן אין זײַן שאַפן. זײַן אידייִשער האָריזאָנט איז, אָן שום ספק, געווען מער באַגרענעצט, איידער מענדעלעס. דער מאַסשטאַב פון דער געזעלשאַפט־קריטיק, וואָס מיר געפינען בא גאָלדפאַדענען, איז שמעלער. אָבער די גרונט־אײַנשטעלונגען פון דער דאָזיקער קריטיק איז זיך ניט פאַנאַנדערגעאַנגען מיט די באַגערן און פאַרלאַנגען פון די ברייטע מאַסן. גאָלדפאַדן האָט געקענט אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן צוגיין צו די אינטימע איבערלעבונגען פונעם פאָלקסמענטש. ער האָט אָפּטמאָל געפונען דעם טרעפלעכן, פאָלקסטימלעך־לירישן אויסדרוק פאַר די דאָזיקע איבערלעבונגען. דערפאַר זײַנען גאָלדפאַדנס ערשטע ווערק — זײַנע לידער — געווען אַזוי באַליבט באַם פאָלק.

גאָלדפאַדנס הויפּט־פאַרדינסט באַשטייט אין זײַנע גרויסע אויפטוען אַפן געביט פון ייִדישן טעאַטער. ביז גאָלדפאַדענען האָט אַזאַ געביט, אייגנטלעך, ניט עקזיסטירט. געדאַליע בעליי, וואָס האָט אין יאָר 1866 געגרינדעט א ייִדישן טעאַטער אין וואַרשע, האָט ניט געוואַגט צו בויען זײַן טעאַטער אַלס א דורכויס וועלטלעכע קולטור־אינסטיטוציע. קעדיי ניט אײַנרײַסן מיט די קלייקוידעש, האָט געדאַליע בעליי זיך אונטערגענומען שפּילן פּיעסן אויסשליסלעך אַף ביבלישע סוזשעטן. אַזאַ טעאַטער האָט ניט געקאָנט פאַרינטערעסירן די ברייטע מאַסן אין די 60־ער יאָרן. דער וואַרשעווער ייִדישער טעאַטער האָט דעריבער קיין טיפערע וואָרצלען ניט געלאָזן, און אַז גאָלדפאַדן האָט אין די 70־ער יאָרן גענומען בויען דעם ייִדישן טעאַטער, האָט ער געמוזט אָנהייבן פונדאָסנײַ, און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די פּרוכטבאַרע ווירקונג פון גאָלדפאַדנס טעטיקײַט אין די 60־ער יאָרן.

בויענדיק דעם ייִדישן טעאַטער, האָט גאָלדפאַדן ניט בלויז ניט געוואָלט כאַנפענען די קלייקוידעש — ער האָט גלײַך פון די ערשטע שריט גענומען אַפן שאַרפסטן אויפן זיי צו באַקעמפן. די אַנטיקלעריקאַלע טענדענץ איז גלײַך געוואָרן די פירנדיקע טענדענץ אין גאָלדפאַדנס טעאַטער. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז גאָלד־

פאַדנס טעאַטער האָט געקראָגן א לעבנסלאַנגן סוינע — די פּרומאַקעס פון דער ייִדישער בור־זשואַזער סוויווע. דערפאַר אָבער האָט גאָלד־פאַדנס טעאַטער באַקומען א מעכטיקן און זי־כערן פרײַנט — דאָס פאָלק, וואָס האָט דערהערט אין גאָלדפאַדנס טעאַטער א לעבעדיקן אָפּ־קלאַנג פון זײַנע פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען און באַגערן.

דאָס ערשטע, וואָס גאָלדפאַדן האָט געמוזט שאַפן פאַר זײַן טעאַטער, איז געווען דער לי־טעראַרישער שטאָף, די פּיעסן. אַפן ערשטן בליק קאָן זיך דאַכטן, אַז גאָלדפאַדן האָט זיך

שאַרבלעטער צו א. גאָלדפאַדנס פּיעסן. (וואַרשעווער אויסגאַבעס)

קנאַפּ אינטערעסירט מיטן ליטעראַרישן ווערט פון זײַנע פּיעסן. ער האָט דאָ צומאָל איגנאָרירט די סאַמע עלעמענטאַרע געזעצן פון ליטעראַרי־שער טעכניק, געוועזן גוואַלדיק פאַרגלייבט אין דער „ספּעציפיק" פון דער בינע. אָבער איג־נאָרירנדיק די ליטעראַרישע טעכניק, האָט ער זעלטן ווען איגנאָרירט די אידייִשע טראַדיציע פון דער ליטעראַטור, אַף וועלכער ער, גאָלד־פאַדן, האָט זיך דערצויגן. וועגן דער פאָרשטע־לונג פון גאָלדפאַדנס פּיעסע „טאָדרעס בלאָז" האָט די רוסישע טעאַטער־קריטיק מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז דאָ לאָזט זיך פילן א דירעקטע ווירקונג פון גאָגאָלס „רעוויזאָר", וועגן דער פּיעסע „שמענדריק" — אַז דאָ פילט מען די ווירקונג פון פּאַנוויזינס „נעדאָראָסל". גיט מען צו נאָך די ווירקונג פון די עלטערע ייִדישע

אופקלערער — עטינגער, גאָטלאָבער, אַקסנ־פעלד — דעמלט ווערט קלאָר, אַז גאָלדפאַדנס פאַרבינדונג מיט דער ליטעראַטור איז ניט געווען קיין צופעליקע. זי האָט זיך באַזירט אַף דער איבערצײַגונג, אַז די אופגאַבן פון דער גע־זעלשאַפט־קריטיק שטייען פּונקט אַזוי פאַר דער בינע, ווי פאַר דער ליטעראַטור.

די דאָזיקע פאַרבינדונג מיט דער ליטעראַטור גייט בא גאָלדפאַדענען באַנאַנד מיט פּונקט אַזאַ פאַרבינדונג מיטן פאָלקלאָר. אַמערסטן געלונ־גען זײַנען בא גאָלדפאַדענען די פּיעסן, ווו עס גיט זיך אים אײַן צו געפינען דעם גלײַכגעוויכט צווישן דעם ליטעראַרישן און פאָלקלאָריסטישן שטאָף. שרײַבנדיק דעם גרעסטן טייל פּיעסן אין א סאַטירישן טאָן, האָט גאָלדפאַדן פיל געשעפּט פון דער פאָלקס־סאַטירע, גענומען פון דאָרט א סאַך אַנטיקלעריקאַלע מאָטיוון און אויך אייניקע מאָטיוון פון אַמכאָדיקער איראָניע בענעגייע דעם פאַרגרעבטן אופגעקומענעם גוויר. אָבער דערבײַ האָט גאָלדפאַדן ניט פאַרזען אויך א צווייטן פאָלקס־קוואַל — די פאָלקס־ראָמאַנטיק. אין גאָלדפאַדנס דראַמאַטורגיע דערגאַנצן זיי איינס דאָס אַנדערע. אויב אין דער פאָלקס־סאַ־טירע איז געווען אויסגעדריקט די אומצופרידנ־קײַט מיט די עקזיסטירנדיקע לעבנס־פאַרהעל־טענישן, איז אין דער פאָלקס־ראָמאַנטיק געווען פאַרקערפּערט דער אומקלאָרער באַגער פון אַן אַנדער לעבן — א בעסערן, א שענערן און א גערעכטערן. עמעס, דערבײַ האָט ער ניט זעלטן

געבלאַנדזשעט. טײלמאָל װערן בא אים די אָדער יענע מאָטיװון פון פאָלקס־ראָמאַנטיק באַפאַרבט אין דעם ראָזעװון קאָליר פון נאַציאָנאַליסטישער אַפּאָלאָגעטיק.

אינעם 1906 האָט די פּרעסע מיטגעטײלט: „די אַדמיניסטראַציע האָט פאַרבאָטן צו שטעלן „באַר־קאָכבא", װײַל דאָרט װערט געשילדערט דער אױפשטאַנד פון די ייִדן קעגן די רױמער".

פון גרױס פּאַכעד פאַר די ברײטע מאַסן האָט דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע זיך אָנגעהױבן דאַכטן, אַז גאָלדפאַדענס „באַר־קאָכבא" האָט א רעװאָליוציאָניזירנדיקע װירקונג. א פאַקט איז אָבער, אַז דער דערפאָלג פון „באַר־קאָכבא" האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען די העראָישע מאָטיװון אין דער פּיעסע. גערעכט איז געװען י. דינעזאָן, בײַס ער האָט געשריבן:

„װאָלט דאָס ייִדישע פּובליקום, פרעג איך, גאָר געהאַט אױפגענומען יענע טעאַטער־לידלעך אַזױ ליב און אַזױ װאַרעם, װען עס װאָלט אין זײ זײַן אײגענעם גײַסט ניט געהאַט דערקענט, זײַן אײגן געמיט ניט געהאַט דערפילט? זײַן אײגן קאָל האָט דאָס פובליקום אין די לידלעך דערהערט".

עס לאָזט זיך מיט פולן רעכט צו זאָגן: ניט בלױז די „לידלעך", נאָר אױך א געװיסער טײל פון גאָלדפאַדנס פּיעסן און אױך די אױפירונג פון די דאָזיקע פּיעסן — דאָס אַלץ איז געװען אַזױ נאָענט דעם גײַסט און געמיט פון די ברײטע מאַסן, אַז דאָס פאָלק האָט דאָ דערקענט „זײַן אײגן קאָל".

די גרעסטע שװעריקײַטן האָט גאָלדפאַדן געמוזט בײַקומען באַם צוקלײַבן דעם אַקטיאָרן־באַשטאַנד. אַרום דעם נײַ־געגרינדעטן טעאַטער האָט געװימלט מיט צופעליקע מענטשן, נישטיקע זינגערלעך און טענצערלעך, װעלכע האָבן ניט געהאַט קײן שום רעכט צו פאַרנעמען אַן אָרט אױף דער בינע. קעדײַ צו קענען געפינען אין אַט דער מאַכנע די געצײלטע, אָבער עמעס־באַגאַבטע אַקטיאָרן, האָט מען געדאַרפט האָבן א געזונטן כוש. און מע מוז זאָגן, אַז גאָלדפאַדנס געזונטער כוש האָט זיך זעלטן־װען געלאָזט אָפּנאַרן. דאָסראָװ אַקטיאָרן, אױף װעמען גאָלדפאַדן האָט געלײגט געװיסע האָפענונגען, האָבן זיך פולשטענדיק באַרעכטיקט, און אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן שפּעטער האָבן אָט די „גרױסע פײגל פון גאָלדפאַדנס נעסט", װי מע פלעגט זײ אָנרופן, געשפּילט די גרעסטע ראָל אין דער אַנטװיקלונג פונעם ייִדישן טעאַטער.

האָבנדיק צו טאָן מיט אַקטיאָרן, װעלכע זײַנען מערסטנטײל געקומען פון דער סאַמע טיפעניש פון דער פאָלקס־מאַסע, האָט גאָלדפאַדן זיך ניט באַמיט אַריסטאָקראַטיזירן זײ מיט געװאַלד פון דער פאָלקלאָריסטישער אַטמאָספער, אין װעלכער זײ זײַנען דערצױגן געװאָרן. גאָלדפאַדן האָט דאַפקע געהאַלטן פאַר נײטיק אָרגאַניש צו פאַרבינדן די טעאַטראַלע שפּיל מיט דער פאָלקס־שפּיל, באַרײַכערנדיק זי מיט די עלעמענטן פון דער מאָדערנער אַקטיאָרישער שפּיל.

דורכשניטלעך גענומען איז די אַקטיאָרישע שפּיל בא גאָלדפאַדענען געװען געבױט אױף רעאַליסטישע יעסױדעס. ער האָט אָבער ניט זעלטן אַרײַנגעטראָגן אין דער טעאַטראַלער פאַרשטעלונג געװיסע שטריכן פון פאָלקסטימלעכער ראָמאַנטיק.

שלוימע מיכאָעלס

גאָלדפאַדנס צװײטע לעבן

זעט מען, װי דאָס פאָלק פאַרהיט אין זיכּאָרן דאָס געשטאַלט פון א מענטשן, מוז מען ניט װילנדיק זיך פאַרטראַכטן װעגן אומשטערבלעכקײַט.

רײדן װעגן גאָלדפאַדענען — הײסט דערצײלן װעגן דער נײַער פאַרװאַנדלונג פון זײַן פּרוכטבאַרער שעפערישער טעטיקײַט, הײסט רײדן װעגן דעם צװײטן, מערקװירדיק שײנעם און שעפעריש אָנגעזעטיקטן לעבן, װאָס איז באַשערט גאָלדפאַדענען.

איך, אַן אַקטיאָר פון דער סאָװעטישער ייִדישער בינע, בין אַן אײדעס, מיטן עצעם פאַקט פון מײַן עקזיסטענץ באַשטעטיק איך: גאָלדפאַדן האָט גענומען לעבן א צװײט לעבן.

אין זײַן פאַרגאַנגענהײט האָט גאָלדפאַדן לאַנגזאַם געגױסעסט. אין די באַדינגונגען פון די צאַרישע באַגרענעצונגען, אין די „טכום"־באַדינגונגען, אין די באַדינגונגען פון רעדיפעס אױף װעלטלעכער ייִדישער קולטור, װען ייִדישער טעאַטער האָט זיך געמוזט אָנרופן „ייִדיש־דײַטשע טרופּע", — האָט גאָלדפאַדן, באַם שטילן צושטימען פון די פאַרמעגלעכע שיכטן פון דער ייִדישער געזעלשאַפט (פון דער בורזשואַזיע און איר אינטעליגענץ), געמוזט פײַנלעך אױסגײן. און דאָ האָבן זיך גענומען אים „אונטערהאַלטן" פאַרשײדענע צװײפלהאַפטע געשעפטמאַכער פונעם ייִדישן װאַנדער־טעאַטער. דאָס איז געװען א לאַנגזאַמער טױט. בא זײַן אָװל־

טיש האָבן פאַרשיידענע קלוימערשט גאָלדפאַדענישע דראמען־מאכער געפּראוועט א רײַכן מאָלצײַט, דערנאָך האָבן זייער אָרט פאַרנומען יענע, וועלכע האָבן אינגאנצן אָפּגעוואָרפן גאָלדפאדנס פאָלקס־כאָכמע, וואָס ער האָט געשעפּט פון דעם ערשטן קוואַל. געבענטשט פון די אמעריקאנישע ייִדישע קליינבירגער, מיט זייער טיפּישער קליינשטעטלדיק־ניו־יאָרקישער „בענקשאַפט” נאָך דער אלטער היים, האָבן זיי ארופגעבראַכט אַף דער בינע די מאָראַל און די הארצרײַסנדיקע מעלאָדראַמע. פאַר דער ייִדישער בינע איז גאָלדפאדן געשטאָרבן. דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געשפּילט גאָלדפאדנס „די קישעפמאכערן”, זײַן „ברײַנדעלע קאָזאק”; גאָלדפאדענען האָט מען שוין אָבער דאָרטן ניט געהערט. דאָ האָט געהערשט דער גײַסט פונעם אמעריקאנער ביזנעסמען, וואָס האָט ליב צו קומען אָפּן בעסאָלמען, לאָזן א טרער אָפּן פּאָטערס קייווער, מיינענדיק, אז דאָס וועט אים פאַרעכנט ווערן אַף יענער־וועלט, אז דערפאַר וועט מען אים מויכל זײַן אלע זײַנע ערדישע טײַוועס. פאַר דער ייִדישער בינע איז גאָלדפאדן געווען אָפּגעשטאָרבן.

עמעס, די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן האָבן אין ליבהאָבערישע קרײַזלעך נאָך אופגעפירט זײַנע פּיעסן, אין פאָלק האָט מען נאָך געזונגען זײַנע לידער. ווער פון די ייִדישע באלמעלאָכעס האָט ניט אונטערגעברומט בא דער ארבעט גאָלדפאדנס „אָט דער ברונעם, אָט דער” פון „שולאמיס”, „קום, קום, קום צו מיר” פון דער „קישעפמאכערן”, ווער האָט ניט איבערגעכאזערט דער באָבע יאכנעס ווערטלעך? אָבער אין די „הויכע” קרײַזן פון דער ייִדישער געזעלשאַפט האָט זיך גערעכנט פאַר ניט אָנשטענדיק צו ריידן וועגן גאָלדפאדענען. די דאָזיקע ביטלבאַציִונג צו גאָלדפאדענען איז צווישן אָט די שיכטן געווען אזוי פאַרשפּרייט, אז זײַן נאָמען האָט מען אָפּטמאָל געשטעלט אפילע אין איין ריי מיט שאָמערן.

געדוכט האָט זיך — פאַרפאַלן: גאָלדפאדן וועט שוין קיינמאָל ניט אופלעבן פאַר דער ערנסטער ייִדישער בינע. דער נאָכגאָלדפאדן־טעאטער האָט ארויסגעשלײַדערט גאָלדפאדענען פונעם רעפּערטואַר, דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען די באַלעבעסלדיקע דראַמע. פאַר דעם דאָזיקן טעאטער האָבן ניט עקזיסטירט ניט גאָלדפאדן, ניט אפילע די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור — פּערעץ, שאָלעם־אלייכעם, מענדעלע. אין דער דאָזיקער טקופע האָבן זיי קיינער ניט געהאַט דאָס גליק צו זען זייערע ווערק אַף דער ייִדישער בינע. א זעלטענער אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן בלויז פאַר שאָלעם אשן: אייניקע פון זײַנע פּיעסן זײַנען אופגעפירט געוואָרן אינעם פאַררעוואָליוציאָנערן ייִדישן טעאטער.

אָבער גאָלדפאדנס קראַפט איז באַשטאַנען דערין, וואָס זײַן טעאטער האָט ער געבויט אַף די געזונטע פאָלקס־געפילן. גאָלדפאדן האָט ניט אויסגעטראַכט דעם ייִדישן טעאטער. דער ייִדישער פאָלקס־טעאטער האָט אליין אַקשאָנעסדיק זיך געריסן אין די טירן פון דער ייִדישער קולטור. אָט איז אַן אויסצוג פון אַן אלטער דײַטשישער צײַטונג פונעם יאָר 1838, דאָס הייסט אַן ערעך 40 יאָר פאַר דעם, ווי גאָלדפאדנס טעאטער איז געגרינדעט געוואָרן אין יאַס, אָדער צוויי יאָר פאַר גאָלדפאדנס געבורט. דער אויסצוג איז גענומען פון דער „אלגעמײַנע פּרויסישע שטאאטס־צײַטונג” נומער 341 פאַרן 9־טן דעקאבער 1838:

„וואַרשע, 4 דעקאבער. אין דער צײַטונג „זשורנאל דע פראַנקפור” שרײַבט מען פון וואַרשע פאַרן 12־טן נאָיאַבער: „מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט די פאַרוואַלטונג פון דער אָרטיקער איזראַעליטישער קעהילע באַקומען א דערלויבעניש פון דער רעגירונג צו גרינדן א טעאטער, אין וועלכן עס זאָלן קאָנען אופגעפירט ווערן ספּעקטאַקלען אַף דער שפּראַך, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א געמיש פון העברעיִש און דײַטש און ווערט אויסגעלייגט מיט אויסיִעס פונעם העברעיִשן אלפאבעט, — אָפּן דיִאַלעקט, אַף וועלכן עס רעדט א גרויסער טייל דײַטשישע און פּוילישע איזראַעליטן. אָט דער טעאטער, וואָס די ענדגילטיקע גרינדונג זײַנע האָט זיך אָנגעשטויסן אַף אָן א שיר שטערונגען, האָט זיך, ענדלעך, געעפנט דעם פאָריקן מאָנטיק מיט א דראַמע אין פינף אקטן „מאָזעס” („מוישע”), אָנגעשריבן טיילווײַז אין לידער און טיילווײַז אין פּראָזע, און איז דער ערשטער דראַמאַטורגישער פּרווו פונעם יונגן ארטיסט און שרײַבער הער שערטשפּירער פון ווין, וועלכער האָט אויסגעפּילט אין דער פּיעסע די הויפּט־ראָל און איז צוליב געוויסע אומשטענדן געוואָרן דער אָנפירער פונעם טעאטער. אין דער דאָזיקער פּיעסע האָבן בא אלעמען אויסגענומען די גוטגעצייכנטע כאַראַקטערן, די ביז גאָר דראַמאַטישע סיטואַציעס און די שפּראַך, וועלכע דערמאָנט מאָמענטנווײַז די דערהויבענע ביבלישע פּאַשטעס. זי איז אופגענומען געוואָרן מיט א גוואַלדיקן דערפאָלג. דער יונגער אווטאָר איז דרײַ מאָל ארויסגערופן געוואָרן און באַלוינט געוואָרן מיט איינמוטיקער אָנערקענונג און דערפאָלג. אינעם איזראַעליטישן טעאטער זײַנען שוין דורכגעגאנגען דרײַ ספּעקטאַקלען. דאָס פּובליקום באַשטייט, נאַטירלעך, אין אלגעמיין פון ייִדן. דאָך האָט מען געקאָנט באַמערקן א גרויסע צאָל קריסטן און א פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע צאָל רוסישע אָפיצערן, און צווישן זיי — דעם גענעראַל־קוואַרטירמייסטער פון דער ארמיי גענעראַל בערג, וועלכער רעכנט זיך פאַר איינעם פון די באַזונדערע פּראָטעזשירער פונעם דאָזיקן טעאטער. מע זאָגט, אז ער זאָל האָבן מיטגעווירקט, אז פיל פאַמיליעס פון בראָד, לעמבערג, בערדיטשעוו און קראָקע זאָלן באַקומען א מעגלעכקײַט פאַרברענגען דעם ווינטער אין וואַרשע. הער גערשטענשווילער — דער זון פונעם פאלצבורגער אויבער־ראַביינער — האָט צוגעשיקט פון פּאַריז דער דירעקציע פונעם איזראַעליטישן טעאטער די

טראַגעדיע „עסטער", אָנגעשריבן אַף אַ ריינעם העברעיִש. זי איז נאָך ניט אָנגענומען געוואָרן פֿון דער דירעקציע, ווײַל עס רעכנט זיך פֿאַר ניט צוועקמעסיק צו שטעלן פּיעסן אַף אַ שפּראַך, וועלכע איז ניט פֿאַרשטענדלעך דעם גרעסטן טייל פּובליקום. דער גוסט צו דער סצענישער אופֿירונג ווערט אַלץ מער פֿאַר־שפּרייט אין וואַרשע, דאָ זײַנען איצט פֿאַראַן ניט ווייניקער פֿון 19 ליבהאָבערישע טעאַטערן".

דער דאָזיקער דאָקומענט זאָגט איידעס, אַז, ערשטנס, איז דער דראַנג צו דער סצענישער אופֿירונג געווען אַן אומגעהייערער און אַ מאַסנ־האַפֿטער, ווײַל נאָר בײַ אַ מאַסן־אינטערעס צום טעאַטער לאָזט זיך דערקלערן דער פֿאַקט, וואָס וואַרשע האָט דעמלט פֿאַרמאָגט בײַ 19 ליבהאָ־בערישע דראַמקרײַזלעך; צווייטנס, די באַדער־פֿעניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז די וואַרשע־ווער קעהילע איז געווען געצוווּנגען ווענדן זיך צו דער רעגירונג נאָך אַ דערלויבעניש צו עפֿע־נען אַ טעאַטער, און אַזוינס איז דאָך אין יענע צײַטן געווען זייער ניט פּאָפּולער אין דער פּראַקטיק פֿון די ייִדישע רעליגיעזע קעהילעס, וועלכע האָבן פֿאַרפֿאָלגט יעטווידע אַנטפּלעקונג פֿון וועלטלעכן קולטור־לעבן און טעטיקייט; דריטנס, פֿונעם דאָקומענט איז צו זען, אַז די טעאַטראַלע אונטערנעמונג האָט זיך אָנגעשטויסן אַף „אַן אַ שיר שטערונגען", און עס איז נייטיק געווען די פּראָטעקציע פֿון אַזעלכע הויכגע־שטעלטע לײַט, ווי דער „גענעראַל־קוואַרטיר־מייסטער פֿון דער אַרמיי גענעראַל בערג"; פֿערטנס, דער טעאַטער האָט ניט באַוויזן עפֿע־נען זיך, ווי ער איז גלײַך אַרײַנגעפֿאַלן אין מיט פֿון אַ דועל־געפֿעכט צווישן צוויי שפּראַכן אין דער ייִדישער קולטור, ווו שערטשפּירער פֿון ווין האָט פֿאָרגעשטעלט די שפּראַך פֿון די ברייטע דעמאָקראַטישע מאַסן (דעם „דיאַ־לעקט", דעם „געמיש פֿון העברעיִש און דײַטש, אַף וועלכן עס ריידן די מערהײַט דײַטשישע און פּוילישע ייִדן") און גערשטענשווילער פֿון פּאַריזש — דער זון פֿונעם פֿאַלצבורגער אויבער־ראַבינער — האָט אין נאָמען פֿון דער רעליגיע־זער אַריסטאָקראַטיע פֿאָרגעשטעלט די העברעיִ־שע שפּראַך אַלס די קולטור־שפּראַך. אַנדערש גערעדט, שוין באַם סאַמע אָנהייב האָבן זיך צו־זאַמענגעשטויסן די פֿאָלקסטימלעכקײַט און די אַריסטאָקראַטישע „אויסדערווײלטקײַט", און דערבײַ איז דער צוזאַמענשטויס פֿאָרגעקומען באַ דער שלאָבעריקער האַלב־ליבהאָבערישער ביזגאָלדפֿאַדענישער ייִדישער בינע. דאָס זײַנען געווען די פֿאָרהאַנאַכעס אין דער ייִדישער גע־זעלשאַפֿט פֿאַרן אויפֿקום פֿונעם גאָלדפֿאַדן־טעאַטער.

גאָלדפֿאַדן איז געשטאַנען פֿאַר אַן אויסוואַל... און ער האָט אָנגעהויבן פֿון דער שפּראַך פֿון די פֿאָלקסמאַסן, פֿון דער פֿאָלקסליד, פֿונעם פֿאָלקס־קאָסטיום, פֿאָלקס־מאַסקע, פֿונעם פֿאָלקס־טאַנץ, פֿון דער פֿאָלקס־מאָראַל אין איר אורפֿאָלקישער נאַיווער און אומגעריכטער פּאַשטעס.

עפֿראַיִם לויטער

דער גרויסער זאַמלער

אין אַמעריקע, ווו די הערשנדיקע פֿאָרם אין טעאַטער איז אָפּערע, האָט מען אַפֿילע „פֿאַר־אָפּערעטעוועט" אַזאַ סוזשעט, ווי דאָס לעבן פֿון אוריאָם גאָלדפֿאַדן. דאָרט איז געגאַנגען אין טאָמאַשעווסקי־טעאַטער אַן אָפּערעטע „דער גאָלדענער פֿאַדעם"[1].

אַזעלכעס קאָן זיך טרעפֿן נאָר אין אַמעריקע. אוריאָם גאָלדפֿאַדנס לעבן איז אַ טעמע פֿאַר אַ טראַגעדיע; אַ טראַגעדיע פֿון אַ העלד, פֿון אַ פּיאָנער.

גאָלדפֿאַדן האָט ניט נאָר איבערגעלעבט די ערדישע און אַפֿילע די מאַפּאַלע פֿון דער זאַך, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט און וועלכער ער האָט אוועקגעגעבן זײַן גאַנץ לעבן, נאָר ער האָט נאָך אויך אָפּט געמוזט מיט זײַנע אייגענע הענט גראָבן אַ קייווער פֿאַרן געליבטן קינד.

גאָלדפֿאַדן האָט געהאַט אַלע מײַלעס, וואָס זײַנען נייטיק פֿאַר אַ טעאַטער־אָנפֿירער. ער איז אָן ספֿק געווען אַ טאַלאַנטפֿולער אַק־טיאָר. אַלע זײַנע אַרויסטרעטונגען, אָנהייבנדיק פֿון זײַן ערשטן אַרויסטריט אין ראַבינער־שול אין אַ פּרויען־ראָל („סערקעלע" אין דר. עטינ־גערס קאָמעדיע), האָבן געהאַט אַ גרויסן דער־

[1] נאָך אַלס שילער אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול, האָט אוריאָם גאָלדענפֿאַדען, לויט דער אייצע פֿון אַ לערער, אַ גאַליציאַנער ייִד, וואָס האָט זייער ליב געהאַט דײַטשמערישע פֿאַמיליעס, געביטן זײַן פֿאַמיליע אַף „גאָלדפֿאַדן".

פאָלג און זײַן שפּיל האָט געדינט אלס מוסטער פאר פיל ארטיסטן פון יענער עפּאָכע.

וועגן גאָלדפאדענען אלס ליטעראט זאָלן זיך ארויסזאָגן אנדערע. פאר אונדז איז אָבער קלאָר, אז גאָלדפאדן איז א גלענצנדיקער שרײַבער פאר טעאטער. ניט אומזיסט האָט „די קישעפמאכערן" ווי א טעאטער־שטיק איבערגעלעבט הונדערטער פּיעסן.

גאָלדפאדן איז אויך געווען א טעאטראלער קאָמפּאָזיטאָר, א רעזשיסער, א דעקאָראטאָר, און צו דעם אלעמען נאָך א טאלאנטפולער אָרגאניזאטאָר. אין «Нед. Хроника Восход» פון 1883 יאָר געפינען מיר דעם טעקסט פון גאָלדפאדנס אפישן צו זײַנע גאסטראָלן אין מאָסקווע:

«Музыки, декорации, костюмы, бутафорские вещи составлено (?) Гольдфаденом»

צו דעם דארפן מיר נאָך צוגעבן, אז ס'רעדט זיך וועגן גאָלדפאדנס פּיעסע „באר־קאָכבא".

אין אן אנדער צײַט און בא אנדערע באדינגונגען, ווער ווייסט, וואָס ס'וואָלט געקאָנט אופּטאָן אזא גאָלדפאדן. אָבער „יעדע געזעלשאפט האָט אזא טעאטער, ווי זי פארדינט", און אונדזער דעמלטיקע „געזעלשאפט" האָט קאָשער פארדינט און האָט געצוווּנגען גאָלדפאדענען — קעגן זײַן ווילן — געבן טעאטער, פון וועלכן ער אליין איז דערנאָך אָפּט אליין געלאָפן, איינמאָל אפילע אנטלאָפן אף גאנצע 15 יאָר (פון 1887 ביזן 1903).

איינער א טעאטער־קריטיקער האָט אמאָל געזאָגט א געלונגען וואָרט: „גאָלדפאדן האָט געהאט צווייערליי פּײַנט: ערשטנס, זײַנע פּײַנט: צווייטנס, זײַנע פרײַנט".

אזוי איז עס טאקע געווען.

זײַנע פּײַנט זײַנען געווען די צארישע רעגירונג, די ייִדישע קלייקוידעש און „אינטעליגענץ", און זײַנע כסידים — דאָס געערטע פּובליקום. די רעגירונג האָט פארפאָלגט דעם ייִדישן טעאטער. די קלייקוידעש האָבן געטײַנעט, אז אין טעאטער איז מען אויווער אף א סאך „לאוון", דעריבער זײַנען זיי אָפּט ארויסגעטראָטן קעגן אים און אפילע געסטראָשעט מיט כיירעם די, וועלכע וועלן גיין אף זײַנע שטעלונגען. די „אינטעליגענץ" איז געווען שאָקירט פונעם „ייִדישן באלאגאן", וועלכער האָט אָנגעהויבן פארנעמען א וויכטיק אָרט, און זי האָט אויסגעלאָזט דעם גאנצן קאס אף גאָלדפאדענען.

אין די רוסיש־ייִדישע זשורנאלן זײַנען געווען אָנגעדרוקט ניט ווייניק ארטיקלען, ווו מע האָט „באגריסט" גאָלדפאדענען צו זײַן קומען קיין מאָסקווע און פּעטערבורג מיט די נעמען „טעאטראלער ספּעקוליאנט", „טעאטראלער מאניאק". פריִער האָט די „אינטעליגענץ" געווירקט אף אים, אז ער זאָל זיך ניט פארנעמען מיט קיין „באָבע־מײַסעס" און מיט פּראָסטע ייִדן און ווײַבער, ער זאָל זיך נעמען שרײַבן „נאציאָנאלע דראמען" וועגן „גרויסע העלדן", און דערנאָך האָט זי זיך גענומען אין לאנגע באטלאָנישע „מײַמאָרים" דערווײַזן, אז גאָלדפאדן היט ניט פּינקטלעך אָפּ די געשיכטע אין זײַנע „היסטאָרישע אָפּערעטן", אז ער דערלאָזט אָפּט „אייגענע פאנטאזיע", וואָס איז ניטאָ „ניט בא גרעצן, ניט בא פיליפּסאָנען, ניט בא שולמאנען און ניט אין די טאלמודישע לעגענדעס".

מע פארגיט אים קלאָץ־קאשעס, וויאזוי קאָן אף א פּיש אויסוואקסן א כופּע־דעק (א טעאטראל־דעקאָראטיווער טריוק אין „באר־קאָכבא") אדג. מע פאלט אף אים אָן פאר זײַנע עכט־טעאטראלע מײַלעס, וועלכע מיר וואָלטן נאָך איצט געוואָלט זען בא אונדזערע דראמאטורגן און רעזשיסערן, האלעמײַ שרײַבט ער זײַנע פּיעסן, צופּאסנדיק זיי צו א געוויסן באשטאנד פון דער טרופּע, האלעמײַ פירט ער ארײַן אין זײַנע פּיעסן סאטירע אף מינהאָגים, געשעענישן און פּערזאָנען פון זײַן צײַט, האלעמײַ „ווײַזט ער איין בוים און וויל, מע זאָל אים גלייבן, אז ס'איז א וואלד".

די מאָסקווער „מעווינים" האָבן זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט די אָביעקטיווע באדינגונגען, וועלכע האָבן ניט דערלאָזט דעם ייִדישן טעאטער זיך אופהייבן דעמלט העכער פון דער מאדרייגע, צו וועלכער ס'האָט אים געבראכט גאָלדפאדן, און זיי האָבן אים געמאכט אין מאָסקווע אזא קאבאָלעס־פּאָנעם, אז אן אנטוישטער און אן אויסגעמאטערטער האָט ער געמוזט דערקלערן דעם ארטיסט צוקערמאן, אז ער פילט זיך שלעכט און מוז אף א צײַט איבערײַסן זײַן ארבעט, און דעריבער לייגט ער אים פאָר איבערנעמען די אָנפירונג מיט דער טרופּע.

די טרופּע מיט צוקערמאנען בעראָש איז אוועקגעפאָרן קיין מינסק, און דער איינזאמער, מידער גאָלדפאדן איז אוועקגעפאָרן „אף אָפּרוּ" קיין קיִעוו.

זײַנע איינציקע פרײַנט — דאָס „געערטע פּובליקום", די באזוכער, מיט וועלכע ס'פלעגן זײַן פול געפּאקט די זאלן אף אלע ספּעקטאקלען, האָבן אויך מיטגעהאָלפן דער יערידע און דער מאפּאָלע פון גאָלדפאדנס אונטערנעמונג.

דעם ערשטן ספּעקטאקל האָט גאָלדפאדן געשטעלט כאלעמויעד סוקעס 1876 אין יאסי פאר אן אוילעם פון מילכאָמע־ליוועראנטן, זייערע מעשאָרסים און אנדערע העלדן פון מילכאָמע־„טיל". זיי זײַנען אויך איבערהויפּט געווען „דאָס פּובליקום" אף די ספּעקטאקלען אין זײַן ערשטער טורנע איבער די רומענישע שטעטלעך. און די דאָזיקע קלאָלע איז געהאנגען אפן גאָלדפאדן־טעאטער נאָך לאנג, די ייִדישע ארבעטערשאפט איז נאָך דעמלט געווען אין די וויקעלעך. דער קליינהענדלער און באלמעלאָכע איז געווען אונטער דער ווירקונג פון שול און ראָוו. די „געבילדעטע" האָט שאָקירט דער „ייִדישער קאָמעדיִאנט". איז פון וועמען האָט זיך געקאָנט בילדן גאָלדפאדנס אוילעם?

אָבער אף עמעצן האָט ער זיך געמוזט אָנשפּארן. און דער „עמעץ" איז געוואָרן דער פאר־

שײַדנפאַרביקער אוילעם, מיט װעלכן גאָלדפאַדן האָט זיך געמוזט שטאַרק רעכענען, גלײַבנדיק, פונקט װי גאָלדפאַדן דער דיכטער, אַז מיט זײַנע װערק װעט ער דעם אוילעם אופהײבן (װי דורך זײַנע „אַפּלאַכנדיקע" פּיעסן, אַזױ מיט זײַנע „דערהױבענע" היסטאָרישע אָפּערעטן).

„איך שפּיל פאַר מױשען, און ניט פאַר מאָזעסן", — האָט ער אַמאָל דערקלערט. אין די װערטער פילט זיך זײַן צוגעבונדקײַט צו „מױשען", אָבער עפשער אױך אַ ביטערע אָנגעװײטעקטע איראָניע. אינטערעסאַנט איז פאָלגנדיקע גאָלדפאַדנס באַמערקונג צו דער 4־טער סצענע פונעם ערשטן אַקט אין „שולאַמיס", װען אַװישאָלעם זינגט זײַן באַװוּסט לידל „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען":

„כאָטש דאָס לידל איז ניט דאָ דאָס פּלאַץ דערפון, נאָר איך האָב עס דערפאַר אַהער אַרײַנגעשטעלט, װײַל דעם פּובליקום איז דאָס זײער ליב און באַקאַנט".

גאָלדפאַדן האָט געפילט, אַז דאָס דאָזיקע לידל װעגן „באַנקירן" און „װאָרט־פּאַפּירן" איז דאָ איבעריק, נאָר צוליבן „אוילעם" האָט ער אַרײַנגעשטעלט אי דאָס ליד, אי דעם „אײַנגעגעסענעם כאָכעם" — צינג־טאַנג מיט זײַנע „כאָכמעס".

אַ גרױסע װירקונג האָט געהאַט אַף גאָלדפאַדנס טעטיקײַט דער באַשטאַנד פון זײַנע טרופּעס.

דאָס, װאָס ער האָט צוגעפּאַסט זײַנע פּיעסן צום באַשטאַנד פון דער טרופּע, איז פון טעאַטראַלן שטאַנדפּונקט זײער ריכטיק. אָבער װען? װען ס'איז פאַראַן אַ טרופּע פון אַקטיאָרן, ספּעציאַליסטן אַף באַשטימטע פאַכן־אַמפּלואַ. אָבער גאָלדפאַדנס טרופּע איז דאָך באַשטאַנען פון שול־מעשורירערים, שענק־ און גאַסן־זינגערס און אַמאָל גלאַט װילדע יונגען, װעלכע האָבן געװאָלט „אַ לעב טאָן". און צו זײ האָט ער געמוזט צופּאַסן זײַנע פּיעסן. און דאָס איז שױן געװען אַן אומגליק פאַר גאָלדפאַדענען און אױך פאַרן ייִדישן טעאַטער.

בײַ דער באַציִונג, װאָס האָט געהערשט דעמלט צום ייִדישן טעאַטער, האָבן קײן אַנדערע אַרטיסטן ניט געקאָנט קומען. אַ שטיק צײַט איז אַפילע קײן אײן פרױ ניט געװען אין דער טרופּע, און מענער האָבן געשפּילט פרױען־ראָלן. און װען ס'האָט זיך שױן געפונען אַ מײדל, אַ יעסױמע, װעלכע איז מאַסקים געװען אַרײַנטרעטן אין דער טרופּע, האָט זי געשטעלט אַ באַדינג, אַז זי װעט קײן אײן װאָרט ניט רעדן. און גאָלדפאַדן האָט געמוזט צוליב איר אָנשרײַבן אַ פּיעסע „די שטומע קאַלע" מיט אַ „שטומער" פרױען־ראָל.

דער באַשטאַנד פון דער טרופּע האָט געקאָנט װײניק מיטװירקן דעם װוּקס פון גאָלדפאַדענען און פון זײַן טעאַטער. דער טאַלאַנטפולער, אָבער װײניק קולטורעלער מאָגולעסקאָ האָט דאָך ניט געקאָנט געבן גאָלדפאַדענען פאַר „שולאַמיס" מער, װי װעלװעלע טשעסטאָפּאָלערס

אַװראָם גאָלדפאַדנס אַ צײכענונג צו דער פאָרשטעלונג „דאָס צענטע געבאָט"

שול־ניגונים, און פאַר אַ סוזשעט פאַר אַ פּיעסע (שפּעטערדיקער „שמענדריק") — ניט מער, װי סצענעס פון אַ שלעכטער רומענישער אָפּערעטע „װלאַדוצומאַמו".

ס'איז קלאָר, אַז ניט װילנדיק זײַנען אױך זײַנע אַקטיאָרן טײלװײַז געװאָרן זײַנע פײַנט.

גאָלדפאַדענען האָט מען פריִער ניט דערשאַצט, דערנאָך שױן (אין אײן פּראַט) איבערגעשאַצט. ס'איז שױן לאַנג שטאַרק פאַרשפּרײט די מײנונג, אַז גאָלדפאַדן איז דער גרינדער פון דעם ייִדישן טעאַטער. נאָר בײַ דער שרעקלעכער אַמעראַצעס, װאָס הערשט אין געביט פון געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער, האָט געקאָנט געבוירן װערן אַזאַ „לעגענדע".

רעכנט דען עמעצער האַנס סאַקס פאַר אַ גרינדער פונעם דײַטשישן טעאַטער אָדער װאָלקאָװן — פונעם רוסישן? האָט דען ניט געלעבט קײן ייִדישער טעאַטער ביז גאָלדפאַדענען? און „פּורים־שפּיל"? און פּורים־שפּילער?

אַפילע אָרגאַניזירטע פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס האָבן מיר דאָך געהאַט גאַנץ לאַנג ביז גאָלדפאַדענען.

נאָך אין אָנהײב 18־טן יאָרהונדערט זעען מיר שױן אַ טרופּע פון פראַנקפורטער, האַמבורגער און פּראָגער יעשיװעניקעס, װעלכע האָט געשפּילט אין אײניקע שטעט פון מײַרעװ־אײראָפּע. אין פראַנקפורט האָט די טרופּע אַפילע אױסגעבױט פאַר אירע ספּעקטאַקלען אַן אײגענעם טעאַטער (דער ערשטער ספּעקטאַקל אין פראַנקפורט איז געװען אין 1713). אין דער צװײטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט איז

שוין געווען א ייִדישער טעאַטער אין אַמעריקע (אין פּאַראַמאַריבאָ און גוויִאַנע). מיר האָבן געהאַט „שול־ספּעקטאַקלען" פון די „וואָלאָזשי־נער אַפּיקאָרסים", אין די ראַבינער־שולן, מינ־סקער יעשיווע (1856) אאַ. ס'איז דאָך באַוווּסט וועגן דעם קאַמף פון די וואַרשעווער „דאָזערס" קעגן ייִדישע פּאַרשטעלונגען נאָך אין די דרײַ־סיקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. מיר האָבן אויך דעם טעקסט פון א רוסישער אַפּי־שע וועגן א גאַנצער ריי „מעכיראַס־יויסעף"־פּאַרשטעלונגען אין וואַרשע אין 1864 פון אַן אָרגאַניזירטער טרופּע.

מע באַשולדיקט אָפט גאָלדפאַדענען דעם דראַמאַטורג (ריכטיקער — דעם טעאַטראַל) אין נאָכמאַכונגען. איז, ערשטנס, קאָן מען אײַנזען נאָכמאַכונגען נאָר אין א קליינעם טייל פון זײַנע עטלעכע צענדליק פּיעסן. צווייטנס, דאַרף מען געדענקען, אַז אינגאַנצן אָריגינעלע טעאַ־טער־דראַמעס (ניט „לייען־דראַמעס") באַווײַזן זיך בא אַלע פעלקער נאָך א לאַנגן פּעריאָד פון א געוויסער נאָכמאַכונג די דראַמעס פון אַנ־דערע, מער טעאַטראַל־אַנטוויקלטע פעלקער. אַפילע מאָליער האָט גענומען פאַר זײַנע קאָ־מעדיעס פיל טיפּן (סגאַנאַרעל, דאָן־זשואַן אאַ.)

די פּערעץ־הירשביין־טרופּע אין 1909

און דאָך שעצן מיר אַזוי הויך די פּאַרדינסטן פון גאָלדפאַדענען, ווײַל ער איז דאָך דער זאַמ־לער פונעם ייִדישן טעאַטער. ביז אים זײַנען נאָר געווען איינציקע באַזונדערע פּרוּוון פון די פאַרגייער און אָנהייבער פונעם טעאַטער (באַדכנס, פּורים־שפּילער, „זינגער", שול־אַר־טיסטן, ליבהאָבער אאַוו.), וואָס זייער פאַריי־ניקטע אַרבעט האָט שטענדיק געשאַפן דעם טעאַטער בא אַלע פעלקער. און ס'האָט באַ־דאַרפט קומען דער, ווער ס'וואָלט געקאָנט צו־נויפזאַמלען, פאַרייניקן די מענטשן, די אַרבעט און דערמיט פאַרגיכערן דעם שוין לאַנג אָנגע־הויבענעם אָרגאַניזירונג־פּראָצעס. דער דאָזי־קער זאַמלער איז געווען אַווראָם גאָלדפאַדן! דאָס איז זײַן גרויסער היסטאָרישער פּאַרדינסט.

און סוזשעטן (טאַרטיוף אאַ.) פונעם איטאַליע־נישן רעפּערטואַר. די גרויסע שעפער פון דער שפּאַנישער קאָמעדיע האָבן אויך „אויסגענוצט" די איטאַליענישע קאָמעדיעס. דער רעפּערטואַר פון אָנהייב־דײַטשישן טעאַטער האָט זיך באַנוצט מיט די מוסטערן פון ענגלישן און האָלענדישן טעאַטער. די ערשטע רוסישע דראַמעס זײַנען געווען נאָכמאַכונגען פריִער פון דײַטשישע, דערנאָך פון פראַנצויזישע דראַמעס.

מע דאַרף בלויז באַדויערן, וואָס ער האָט אָפט זיך באַנוצט מיט שלעכטע מוסטערן (רומענישע אָפּערעטן אדג.), אָבער אין דעם איז ער אויך ווייניק שולדיק. מע דאַרף דאָך געדענקען די צײַט און די סוויווע, אין וועלכער ס'איז אים אויסגעקומען צו אַרבעטן.

ביניאָמין זוסקין

אונדזער יערושע

דער ערשטער אײַנדרוק, וואָס איך האָב באַקומען אין מײַן לעבן פֿון טעאַטער, איז געווען די פֿאָרשטעלונג פֿון אווראָם גאָלדפֿאַדנס „קישעפמאַכערן”.

איך בין דאַן נאָך זייער יונג געווען, קימאַט אַ קינד, ווען אין איינעם אַ שאַבעס־באַטאָג האָבן מיך מײַנע עלטערן מיטגענומען אין טעאַטער, ווו ס׳האָט גאַסטראָלירט אַ ייִדישע טרופּע. יענע פֿאָרשטעלונג האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אין זיקאָרן, און ביז הײַנטיקן טאָג געדענק איך זי זייער גוט, מיט אַלע אייַנצלהײַטן. דער זאַל איז געווען איבערפֿולט, און די שטימונג באַם עולם — אַ געהויבענע. אַלץ, וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען אַף דער בינע, האָט געהאַט אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין צושויער־זאַל. מ׳האָט געלאַכט און געוויינט. האָצמאַכס גלײַכווערטלעך, האָצמאַכס „קאָזשעליקעס” זײַנען אויפֿגענומען געוואָרן לעבעדיק און פֿריילעך. די באָבע יאַכנע און די שטיפֿמוטער באַסיע האָט מען געשאָלטן מיט טויטע קללָעס, די יעסוימע מירעלע האָט אַרויסגערופֿן טיפֿע זיפֿצן און הייסע טרערן. געוווּנדערט און געפֿרייט האָט מיך, געדענק איך, דאָס, וואָס אַלע ניגונים פֿון דער פֿאָרשטעלונג זײַנען מיר געווען באַקענט. און ניט נאָר מיר אַליין, נאָר אַלעמען אַרום מיר. קימאַט אַלע צושויער האָבן אונטערגעזונגען די אַקטיאָרן, צוגעקלאַפּט מיט די פֿיס, צוגעקנאַקט מיט די פֿינגער. געווען מאָמענטן, ווען מאַמעש דער גאַנצער זאַל האָט געזונגען אַף אַ קאָל צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן.

שאָענוויַיז בין איך געשטאַנען און זיך אײַנגעהערט, ווי די שנײַדער־ אָדער שוסטער־יונגען זינגען געשמאַק באַ דער אַרבעט אַזוינע גאָלדפֿאַדנס לידער, ווי „קום, קום, קום צו מיר”, „הייסע באַבקעלעך”, „פֿריש און צאַפּלדיק”, „ייִדן בניי ראַכמאָנים” אאַוו. אפֿילו מײַן אַלטע באָבע פֿלעגט, זיצנדיק באַם פֿענצטער, אונטערברומען אַ גאָלדפֿאַדן־לידעלע „דריי זיך דו, מילכעלע” אָדער „קיין טאַטע איז ניטאָ, קיין מאַמען האָב איך ניט”...

דער גאָלדפֿאַדן־רעפּערטואַר איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן די ברייטע ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן. זײַנע לידער זײַנען געוואָרן פֿאָלקסלידער. אַ סאַך פֿון זײַנע רעפּליקעס זײַנען געוואָרן פֿאָלקס־ווערטלעך. זײַנע העלדן זײַנען געוואָרן אַ שעם־דאָוואָר באַם פֿאָלק. „שמענדריק”, „קונילעמל”, „האָצמאַך”, „באָבע יאַכנע” — מיט די נעמען האָט מען געקרויגט באַ אונדז אין שטאָט ייִדן, וועלכע האָבן אַף דעם אָדער יענעם אויפֿן דערמאָנט די באַוווּסטע גאָלדפֿאַדענישע פּערסאָנאַזשן. לעמאָשל, איינע אַ ייִדענע, אַ הענדלערקע, אַ הויקער, מיט אַ גרויסער אויסגעבויגענער נאָז, מיט אַ באַסאָווע שטים, — האָבן מיר גערופֿן „באָבע יאַכנע די מאַכשייפֿע” (איר עמעסער נאָמען איז געווען כײַע). ניט איין קלאָלע האָב איך געכאַפּט פֿון איר דערפֿאַר. מיט אַ סאַך יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב געגרייט די ראָל פֿון דער באָבע יאַכנע אין מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער, האָט מיר אָבער די דאָזיקע אַלטיטשקע ניט ווייניק מיטגעהאָלפֿן.

ניט צופֿעליק האָט דער סאָוועטישער ייִדישער טעאַטער זיך געווענדט אין די סאַמע ערשטע יאָרן פֿון זײַן עקזיסטענץ צו אווראָם גאָדפֿאַדענען. דער גלענצנדיקער טיף־נאַציאָנאַלער, פֿאָלקסטימלעכער, עכט־סצעניש מאַטעריאַל פֿון גאָלדפֿאַדנס פּיעסע „די קישעפמאַכערן” האָט געגעבן דעם ערשטן סאָוועטישן ייִדישן טעאַטער — דעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער — די פֿולע מעגלעכקײַט צו שאַפֿן אַ פֿריידיקע, פֿאַרביקע, לעבנסלוסטיקע טעאַטראַלע פֿאָלקס־שפּיל, — אַ פֿאָרשטעלונג, וואָס האָט פֿאַרנומען אַזאַ וויכטיק, בעקאָוועדיק אָרט אין דעם שפּעטערישן וועג פֿונעם טעאַטער. אין אָט דער פֿאָרשטעלונג האָט דער נײַער, יונגער, באַפֿרײַטער, טאַנצנדיקער, זינגענדיקער, לוסטיקער סאָוועטישער ייִדישער אַקטיאָר הויך אַף אַ קאָל אויסגעשריִען:

„צדאָקאָ טאַציל מימאָוועס! געשטאָרבן דער אַלטער ייִדישער טעאַטער!”.

דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער האָט אומגעקערט גאָלדפֿאַדענען דער ייִדישער בינע. ער האָט אַריבערגעוואָרפֿן אַ בריקל פֿון דער גאָלדפֿאַדענישער טעאַטער־טקופֿע צו דער סאָוועטישער.

מיר שעצן און אַכטן דעם אָנדענק פֿון אווראָם גאָלדפֿאַדענען — דעם פֿאָטער און גרינדער פֿונעם ייִדישן טעאַטער, דעם פֿאָלקס־מענטש און פֿאָלקס־דיכטער, וועלכער איז מיט טויזנטער פֿעדעם געווען ענג פֿאַרבונדן מיט די ברייטע פֿאָלקסמאַסן פֿון זײַן צײַט, דעם ערשטן ייִדישן פֿאָלקס־קינסטלער, וועלכער האָט אַזוי מוסטערהאַפֿט טרײַ און ערלעך, ניט געקוקט אַף די אומגעהייער־גרויסע שוועריקײַטן, ביז מעסירעסנעפֿעש געדינט זײַן פֿאָלק.

קינסטלער גערשן קראַווצאָוו

ביכער־גראַפיק, עקסליבריסן און אַקוואַרעלן



אילוסטראַציעס צו דאַוויד בערגעלסאָנס „אויסדער־ווײַלטע ווערק" (רעכטס), „יידישע פאָלקס־לידער" (אויבן), דעם ניסטערס „פלאַרע" (אונטן)





צוויי עקסליבריסן

פּאָרטרעט פונעם קינסטלער יע. קאַגאַן

ק ר י ם. קאַרעיִז

א שטאָטישער פּייזאַזש



2

1

3

4

פיר אילוסטראציעס צו ביכער,
דערשינענע אין מאָסקווער
פארלאג
פון קינסטלערישער ליטעראטור:

1. וויליאם שעקספיר. „טראגעדיעס״, 1939
2. פערעץ מארקיש. „ברידער״, 1935
3. לייב קוויטקאָ. „א געשפרעך מיט נאָענטע״, 1938.
4. שמועל האלקין. „לידער און פאָעמעס״, 1941

יעשוע ליובאַמירסקי

דער אַקטיאָר עליע טראַקטאָווענקאָ

אײנע פון די כאראקטעריסטישע אייגנ־שאפטן פונעם אקטיאר עליע טראקטא־ווענקא איז זײַן פייִקייט צו אימפּראוויזירן, נאָך מער — די בעריעשאפט צו אימיטירן, נאכמאכן. ער איז זייער רירעוודיק, א מײַדים צו צוטראכטן קאלאמבורן — דאס, וואס אין אלטעגלעכן שטיי־גער רופט מען — א כאכמע.

געבוירן אין יאר 1913 אינעם דאָרף שעלפּא־כיוועקע (קיִעווער גובערניע), האָט ער פון קינד־ווײַז אָן געהערט בא זיך אין דער היים מײַסעס וועגן דעם, ווי זײַן מומע כאַנע (דעם טאטנס שוועסטער) און דער מאַמעס ברודער יעשוע קריימאן האבן געשפּילט אינעם ספּעקטאקל „קאלדוניע", וועלכן אמאטאָרן האָבן אופגעפירט אינעם נאָענטן שטעטל טעפּליק. די מומע כאנע האָט געשפּילט מירעלען, דער פעטער — האָצ־מאכן. א לאנגע צײַט האָט מען אין טראקטא־ווענקאָס מישפּאָכע וועגן דעם ניט אופגעהערט צו ריידן. ווען דאָס הויזגעזינד טראקטאָווענקאָ איז אריבערגעפאָרן קיין טעפּליק, האָבן די זעל־בע כאנע און יעשוע באמערקט, אז דער קליי־נינקער עליע פארמאָגט א הילכיקע, וווּיל־קלינ־געוודיקע שטים. און ווען מע האָט גענומען אר־פירן יאקאָוו גאָרדינס „סאפאָ" און די פּיעסע „ביילִיסעס פּראָצעס", האָט מען אדאפּטירט דעם קליינינקן עליע. געוואָר געוואָרן, אז אָט דאָס ייִנגל פארמאָגט א געשמאקן אלט, האָבן כאזאָ־נים ניט געלאָזט צורו זײַנע עלטערן, און עליע פלעגט זינגען אין זייערע כאָרן. אין א קורצער צײַט ארום איז ער געוואָרן אין שטעטל א שעם־דאָוואָר. העיויס דאָס הויזגעזינד טראקטאָווענקאָ האָט געוווינט בישכיינעס מיט א צוקערניע, פלעגט מען דאָרט בעשאַס מיטיק־האפּסאָקעס אוועקשטעלן א באנק, אָף אָט דער באנק — דעם קליינעם זינגער, און ער האָט געזונגען קאָלער־ליי כאזאָנישע שטיק. נאטירלעך, האָט מען צום סאָף פון זײַן „קאָנצערט" אים מעכאבעד געווען מיט זיסקײַטן און ער פלעגט עס טיילן מיט זײַנע כאווירים. די דאָזיקע כאזאָנישע שטיק האָט עליע געפּאַקט באם שאכן יעקוסיִעל כייטין אין שטוב. דאָס איז געווען א מין אײַנפאַר־הויז פאר וואנדערנדיקע כאזאָנים מיט זייערע מע־שוירערים, ווי אויך פאר וואנדערנדיקע אקטיאָרן. אָט דאָ האָט עליע זיך אָנגעזאָפּט מיט ניגו־נים, מיט אקטיאָרישע געננג. דערבײַ איז ער ניט געבליבן קיין באלכויוו לעגאבע די זינגענדיקע און שפּילנדיקע פארשוינען. ער האָט אויך גע־האַט מיט וואָס זיי מעכאבעד צו זײַן. מע האָט געוווּסט, אז אָט דער קליינער יאט קאָן ווײַזן קונצן, דעהײַנו: ער האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א בעריע קאָפּירן דאָס געזאַנג פון פארשיידענע פויגלען, די גערוישן און קלאַנגען פון דעם וועקגייענדיקן אָדער אָנקומענדיקן צוג, נאָכ־מאכן די אינסטרומענטן פון דער טעפּליקער קלעזמער־קאַפּעלע.

אינגיכן איז די מישפּאָכע טראקטאָווענקאָ אריבערגעפאָרן קיין אומאן. א גרויסע געשע־עניש אין עליעס לעבן איז דאָ דער מאָמענט, ווען ס'איז געקומען אין שטאָט אָף גאסטראָלן די טרופּע פונעם מינסקער מעלוכישן ייִדישן טעא־טער. דער יונגער טראקטאָווענקאָ האָט שוין דעמלט געענדיקט א מיטלשול. ער האָט דורכגע־קוקט אלע ספּעקטאקלען פונעם גאסטראָלירנדיקן טעאטער און האָט באשלאָסן זיך דערשלאָגן, אז די אָנפירונג פון דער טרופּע זאָל זיך באקאנען מיט זײַנע מעגלעכקײַטן. ער וועט זיי ווײַזן, וואָס ער קאָן, און זיי וועלן ארויסטראָגן זייער באַ־שלוס, צי טויג ער פאר טעאטער, צי ניט.

פריִער פאר אלץ האָט ער דורכגעזונגען עט־לעכע כאזאָנישע ניגונים. צום סאָף האָט ער דע־מאָנסטרירט אָן עטיוד, ווי א מאלפּע באמיט זיך פאַקן א פליג. ס'איז ניט שווער זיך צו פאָר־שטעלן, ווי דער הויפּט־רעזשיסער פון אָט דער טרופּע ראפּאלסקי און די איבעריקע מיטגלי־דער פון דער עקזאמענאציאָנס־קאָמיסיע האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, צוקוקנדיק עליעס האוויײַעס. האקלאָל, דאָס באכערל האָט דעם עקזאמען אויסגעהאלטן, און מע האָט אים אײַנ־

געשלאָסן אין דער סטודיע, וועלכע האָט פונקציאָנירט באַם טעאַטער.

גענענדיקט דעם קורס אין אָט דער סטודיע, איז עליע טראַקטאָווענקאָ געוואָרן אַן אַקטיאָר. אינעם מינסקער ייִדישן טעאַטער שפּילט ער בלויז איין ראָל — דעם באַהעלפער אין אַקסנפעלדס „דער ערשטער ייִדישער רעקרוט". באַ דער ערשטער מעגלעכקייַט צו פאַרווירקלעכן זייַן טרוים — זיך לערנען אין מאָסקווע — פאָרט ער אַהין אַריבער און ווערט אַ סטודענט פונעם טעאַטראַלן טעכניקום באַם גאָסעט. די טעאַטראַלע קונסט האָט ער דאָרט שטודירט אונטער דער אָנפירונג פון בינ־יאָמין זוסקינען. אין אַ קורצער צייַט אַרום זעען מיר אים שוין אינעם אַקטיאָרן־קאָלעקטיוו פונעם מאָסקווער גאָסעט, ווו מע פאַרטרויט אים שפּילן די ראָל פונעם קאָבזאַר אין מאַרקישעס „מאָלצייַט".

ווען מע איז צוגעטראָטן אופצופירן שאָלעם־אליי כעמס „בלאָנדזשנדע שטערן", איז טראַקטאָווענקאָן באַשטימט געוואָרן צו שפּילן שאָלעם־מייער מוראַוואָטשיקן, דעם אַדמיניסטראַטאָר פון שטשופּאַקס וואַנדערנדיקער טרופּע, זייַן, אַזוי צו זאָגן, פליגל־אַדיוטאַנט (דאָס איז געווען אין יאַנוואַר 1941). און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעפּעטיציעס פון „בלאָנדזשנדע שטערן". מיט פלאַטערנדיקע הערצער פאַרזאַמלען זיך די אַקטיאָרן אין פאָיע פונעם טעאַטער און מע קוקט אַרויס, ווען ס'וועט קומען מיכאָעלס און יעדן פון זיי אַ נעם טאָן און אַ טראָג טאָן אין דער אויסטערלישער וועלט פון די לייבל ראַפּאַלאָוויטשעס, פון די רייזל ספּיוואַקס, פון די האָצמאַכס...

און אָט שטייט שוין די קלוימערשטע דעקאָראַציע מיט די טרעפּ, פון וועלכע רייזעלע שטייַגט אַראָפּ אין דעם הייכל פון קונסט, און איינצייַטיק אַהין, ווו דאָס בלענדנדיקע פייַערווערק פון ענטוזיאַזם, פון דוויקעס פאַלט צו דער נידער און זינקט אינעם שמוץ פון הינטערקוליסן־רעכילעס און צוויִעס...

און דאָ, אָף אָט די טרעפּ — אין דער שייַן פון דער סרייפע אָף גאָטס־גאַס — באַדאַרף מוראַוואָטשיק אַרייַנוואַרפן אין רייזעלעס האַרץ אַ פונק, פון וועלכן עס צעפלאַקערט זיך מיט דער צייַט אַ העליש פייַער.

„— איך שטעל מיר פאָר דייַנע ערשטע טריט באַ אונדז אין טעאַטער אין דער ראָל פון שולאַמיס, אָדער... בלימעלע.

— איך?

— דו!"

און טראַקטאָווענקאָ — מוראַוואָטשיק נעמט זינגען:

בלימעלעך צוויי
געוואַקסן אין וואַלד...
צעשיידט האָט מען זיי,
צעריסן מיט גוואַלד.

טראַקטאָווענקאָ האָט שטאַרק ליב געהאַט די דאָזיקע ליד. די טיפע ליריק, מיט וועלכער ס'איז דורכגעדרונגען די מוזיק, רירט ביז טרערן. און מיכאָעלס רופט זיך אָן צו טראַקטאָווענקאָן:

עליע טראַקטאָווענקאָ

— עס שנייַדט זיך פאַר דיר דורך אַ ריכטיקער וועג...

אָבער בלויז מיט ווערטער, וואָס דערקוויקן דעם אַקטיאָר, באַנוגנט זיך ניט מיכאָעלס. ער זוכט און געפינט אַ מיטל צו פאָרסירן די דינאַמיק פון דער שפּיל דאָרט, ווו לויט זייַן פאָרשטעלונג גיט זי ניט דעם געווּנטשענעם עפעקט. דער מאָמענט, ווען מוראַוואָטשיק רייַסט זיך צו רייזעלען מיט די ווערטער: „פאָר מיט אונדז אַוועק, נאַרעלע, וועסטו זייַן אַ קלוג מיידעלע — וועסטו האָבן אַ קליידעלע!" באַפרידיקט ניט מיכאָעלסן אין דער פולער מאָס. וואָס זשע טוט מיכאָעלס? ער רופט אַרויס דעם אַקטיאָר אַרן קאַגאַן, הייסט אים קריגן אַ שטריק, בינדן טראַקטאָווענקאָ־מוראַוואָטשיקן די הענט און שלעפּן אים צו זיך, און טראַקטאָווענקאָ, אַ געבונדענער, זאָל זיך רייַסן צו רייזעלען און שרייַען: „פאָר מיט אונדז אַוועק!"

— און ביז מייַן שפּיל אין אָט דער סצענע האָט ניט באַפרידיקט מיכאָעלסן, — דערציילט טראַקטאָווענקאָ, — האָט מען דעם שטריק פון דער בינע ניט אַוועקגעטראָגן. פון אָט דעם אייגנאַרטיקן סטימוליאַטאָר, — זאָגט טראַקטאָווענקאָ, — האָב איך מיך אָפּגעשטויסן, ווי אַ גימנאַסט — אַ שפּרינגער שטויסט זיך אָפּ פון אַ טראַמפּלין. דאָס האָט מיר געהאָלפן פירן די מוראַוואָטשיק־ראָל אינעם טעמפּ פון קוועקזילבערדיקער דינאַמיק.

אונטער זוסקינס האַשגאָכע האָט טראַקטאָווענקאָ געשפּילט מענאַכעם־מענדלען אינעם

טעאטראלן טעכניקום. טראקטאָווענקאָ — מו־ראַוושיק האָט געירשנט מענאכעם־מענדלס פּאַסטעמקעס, סאָלאָווייטשיקס אימפּעט. מענא־כעם־מענדל, סאָלאָווייטשיק, מוראַוושיק — דאָס זײַנען לײַבלעכע קרויווים.

און נאָך א זאך: אין „בלאָנזשנדע שטערן" האָט דאָך זוסקין געשפּילט האָצמאכן. שפּילן אין אָט דעם ספּעקטאקל צוזאמען מיט זײַן לערער איז פאר טראקטאָווענקאָן געווען נאָך וויכטי־קער, איידער די לערע אין שול.

אין דער גאלעריי סצעניש געשטאלטן, וואָס מיט זיי האָט טראקטאָווענקאָ זיך באקאנט גע־מאכט באם צושויער, פארנעמט דער אלטיטש־קער זיידע רעב יוינע (אינעם ספּעקטאקל „פריי־לעכס") א באזונדער אָרט.

טראקטאָווענקאָס רעב יוינע איז דער הייפּעך פון זײַן מוראַוושיק. די געשיקטקײַט, די זשוואוועקײַט, די „שמאד־שטיק", דער קאָכיקער אימפּעט פון מוראַוושיקן — דאָס אלץ געפינט זיך אין א קאָנטראסט צו דער ווילמוטיקײַט, דער הארציקײַט, דער זאָרגלאָזיקײַט פון רעב יוינען.

דער אקטיאָר האָט דערפּאָלגרײַך געארבעט איבער דער פארקערפּערונג פון אָט דעם גע־שטאלט. ווען מיכאָעלס האָט דערזען רעב יוי־נעס געגנעלע, זײַן גוטמוטיק קינדערש פּאָנעם מיטן ליבן שמייכל, האָט ער באם אווטאָר פון דער פּיעסע באשטעלט א טעקסט פארן לידעלע, וואָס יוינע זינגט, און באשטימט, אז רעב יוינע קומט אַף די בינע־ברעטער מיט זײַן אלטיטש־קער, דער באָבעצי שיינע (אקטריסע — ע. רויט־מאן). איינמאָל בעשאס דער רעפּעטיציע האָט מיכאָעלס א זאָג געטאָן:

— דאָס פּאָרל איז קליינוווקסיק און גרויס־מאזלדיק!

טראקטאָווענקאָס רעב יוינע האָט דערמאָנט רעב יוזעפּלען בא שאָלעם־אליינכעמען אין „צוויי שאָלעכמאָנעסן". (ווערדליק שאָלעם־אליינכעם מאָלט אים, איז עס געווען א פארשוין מיט א מערקווירדיקער לײַדנשאפט — מאכן שאָלעם צווישן צוויי צדאָדים, וואָס האָבן זיך צעקריגט צוליב פּוסטע געשעפטן). רעב יוינע פלעגט פּי־גורירן אַף דער בינע בלויז געציילטע מינוטן, אָבער דאָס איז געווען אָן אויסטערלישע דער־שײַנונג.

אייגנטלעך, איז טראקטאָווענקאָס בארוף — געזאנג, און אזוי האָט מיכאָעלס אָפּט באטראכט דעם אקטיאָר. בעשאס מע האָט געגרייט דעם ספּעקטאקל „שלוימע מײַמאָן", און עס האָט געהאלטן בא דער סצענע, ווען שלוימע מײַמאָן טרעפט זיך מיט זײַן יונגער פרוי פארן צעשיידן זיך אַף שטענדיק, האָט מיכאָעלסן זײַן פאנטא־זיע אונטערגעזאָגט, אז דעם געוווּנטשענעם עמאָציאָנעלן עפעקט קאָן דאָ געבן דעריקער מוזיק.

איינע פון שלוימע מײַמאָנס לײַדנשאפטן איז געווען וואנדערן. און געוואנדערט האָט ער ערעוו

ע. טראקטאָווענקאָ דער מעשוירער אינעם ספּעקטאקל „שלוימע מײַמאָן"

זײַן לעצטן צוזאמענטרעף מיט דער פרוי מיט א קאַפּעטע אָרעמעלײַט. מע איז געגאנגען קיין בערלין, קיין האמבורג. מיכאָעלסעס אײַנפאל איז געווען אזא: צווישן די וואנדערער האָבן זיך געפונען א כאזן מיט זײַן פרוי און א מעשוי־רער. ס'איז ערעוו יאָמים־נוראָים. מע דארף אײַנזינגען די ראָשעשאָנעדיקע און די יאָמקי־פּערדיקע טפילעס. דער אקטיאָר סטאריק שפּילט דעם כאזן, די אקטריסע אשקענאזי — דעם כאזנס ווײַב פרומע, עליע טראקטאָווענקאָ — דעם מע־שוירער, מיכאָעלסן ווילט זיך לינדערן די טרויע־ריקע אטמאָספער, וואָס הויערט איבער דער בינע. ער שפּריצט ארײַן אייניקע קאָמישע זון־וועווריקלעך אין אָט דער סצענע: דער כאזנטע הייסט ער שטיין בא דער זײַט און רײַבן א גאָגל־מאָגל פארן כאזן. דער מעשוירער ווערט פון דעם מיטגעריסן, ס'איז אים שווער אָפּרײַסן די אויגן, ער באלעקט זיך אזש. קריגט ער דער־פאר די פײַנע פּעטש פונעם כאזן. אָבער זינגען מוז מען דאָך...

מיט פארגעניגן דערמאָנט זיך טראקטאָווענקאָ, וויאזוי ער פלעגט גערן זינגען די ניגונים: ער האָט געוווּסט, מיט וועלכער נײַגעריקײַט די צו־שויער נעמען אויף די דאָזיקע סצענע...

מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן טראקטאָווענ־קאָס דינאמיק, וועגן דעם, ווי עס צינדט זיך אָן זײַן טעמפּעראמענט, ווען עס טוט אים א שפּיל דאָס מאזל און ס'קומט אים אויס צו שפּילן אזא, לעמאָשל, ראָל, ווי שאָלעם־מייער מוראַוושיק.

דאָס איז אָבער בלויז איין פאַרב פון טראַקטאָ־ווענקאָס אייגנאַרטיקייט. דער אַקטיאָר שטרעבט אַלעמאָל צו דעם, אַז זײַן רירעוודיקייט, זײַן פיבערהאַפטער ריטם זאָלן זײַן געקייפּלט אויף מוזיקאַלישקייט, אַזאַ גליקלעכן סינטעז דער־גרייכט ער אין אײַנעם ספּעקטאַקל „דער פאַרקישעפ־טער שנײַדער", וואָס דער רעזשיסער פעליקס ברעמאַן האָט אונדז דערלאַנגט אין אַ סטיל פון אַ מוזיקאַליש מײַסעלע. עליע טראַקטאָווענקאָ האָט אין אָט דעם ספּעקטאַקל געקראָגן אַ מעג־לעכקייט ברייט אויסצונוצן זײַן קינסטלערישע פּאַליטרע. אים און נאָך אַן אַקטיאָר האָט דער רעזשיסער פאַרטרויט דעם קאָנפעראַנס. דער ספּעקטאַקל איז אַזוי אָנגעזעטיקט מיט געזאַנג און מיט פּלאַסטישע באַוועגונגען, אַז אָן אַ קאָנ־פעראַנס וואָלט דעם צושויער ניט געווען קלאָר די סיפּער האַמײַסע. צונויפבינדן די עפּיזאָדן פונעם סוזשעט — דאָס איז די אויפגאַבע פון די צוויי קאָנפעראַנסיע: זיי דערציילן דעם צושוי־ער, וואָס עס דאַרף געשען, און ניט נאָר דאָס — זיי מישן זיך טיילווײַז אַרײַן אין דער האַנדלונג, אַקצענטירן מיט זייער אייגענער פּלאַסטיק, מיטן דזשינדזשען פון די טאַצן און מיט געקלאַפּערײַ פונעם פײַקל די באַטרעפלעכע מאָמענטן פון דער פאַרשטעלונג. דאָ שפּילט טראַקטאָווענקאָס דינאַמישקייט אַ באַדײַטנדיקע ראָל. מיט דער לײַכטקייט און גראַציעזקייט פון אַ באַלעט־אַר־טיסט פליט ער אַרום איבער דער בינע. ער ריכ־טעט, לויטן פאַרטראַכט פונעם רעזשיסער, די אויפמערקזאַמקייט פונעם צושויער, און מיט דעם ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אײנעם פון די צענט־ראַלע פּערסאָנאַזשן פון דעם ספּעקטאַקל.

היפּש איז טראַקטאָווענקאָס אָנטייל אין שאַפן די מוזיקאַלע פּאַרטיטור פון דער שטעלונג. צײַטנווײַז איז ער דער „זאַפּעוואַלע" פונעם כאָר. די סאָלאָ־אַרויסטרעטונגען פון פּאָלינע אײַנבינ־דער, זינאָווי קאַמינסקי און עליע טראַקטאָווענ־קאָ גיבן צו פיל כיין דער פאַרשטעלונג.

מע מוז אָבער באַמערקן, אַז די פאַרכושטקייט פון דעם אַקטיאָר שטויסט אים צוּמאָל אָפּ אויפן וועג פון ריזיקאַלער אימפּראָוויזאַציע — לעמאָשל, ווען ער שטעלט אַרײַן די פינגער אין מויל און טוט אַזאַ פײַף, אַז עס גרילצט אַזש אין די אויערן...

טראַקטאָווענקאָ איז אַן אויסגעצייכנטער עסט־ראַדע־אַקטיאָר. אין אים לעבט אַ נעשאָמע פון אַ ייִדישן באַדכן, אַ מאַרשאַלעק.

עס דערמאָנען זיך עטלעכע קאָמישע סצע־נעס, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט זײַן לערער זוסקין, באַוויזן די שילער פון איינער אַ מאָסק־ווער שול.

דער ערשטער סקעטש, וואָס זיי ביידע האָבן אָפּגעשפּילט, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ בילד, ווי אַ קאַליקע אַ פאַבריקמאַכער גאַלט אַ פאַרשוין אַ פּאַכדן, וועלכער האָט מוירע, אַז מע זאָל אים ניט אָפּשנײַדן אַ שטיק אויער. אין־נעם צווייטן סקעטש איז זוסקין געווען דער קאָנ־טראַבאַס און טראַקטאָווענקאָ — דער קלעזמער, וועלכער רימפּלט איבער זוסקינס בויך מיטן סמיק. אינעם דריטן סקעטש איז טראַקטאָווענקאָ אַרויסגעטראָטן אין דער ראָל פון אַ שלײַפער, דעמאָנסטרירנדיק, ווי פאַרשיידענע גאָלמעסערס פאַרמאָגן יעדער זײַן אייגנאַרטיקן קלאַנג. אין אָט דער סצענע פלעגט זוסקין גאָלן זײַן קלי־ענט מיט אַ טעמפּן גאָלמעסער, און דעם אוילעם פלעגן פאַרווײַלן די האַוויעס, וואָס דער קלי־ענט (טראַקטאָווענקאָ) פלעגט בעשאַסמײַסע מאַכן.

מיר באַנוגענען זיך בלויז מיט די דאָזיקע בײַשפּילן פון טראַקטאָווענקאָס עסטראַדע־פּראַק־טיק, קעדיי דער לייענער זאָל קריגן כאָטש אַ וועלכע־ניט־איז פאַרשטעלונג וועגן דעם אַק־טיאָרס רײַכן אימפּראָוויזאַציע־אַרסענאַל.

עס ווילט זיך גלייבן, אַז מיר קאָנען פון עליע טראַקטאָווענקאָ דערוואַרטן נאָך פיל געלונ־גענע אַנטפּלעקונגען פון זײַן אַקטיאָרישער שפּיל.



אין אַ סצענע פון שאָלעם־אַליכעמס איינאַקטער **„אַ דאָקטער"**

אוראן גוראלניק
דאָקטער פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן

די „פּראָדוציר = טעמע״ אין דער הייַנטצייַטיקער סאָוועטישער ליטעראטור

„א באלעבאָס איז דער, וואָס ארבעט״ — די דאָזיקע שטאָלצע ווערטער פונעם מאשיניסט ניל, דעם העלד פון מאקסים גאָרקיס א פּיעסע, האָבן אָפּגעקלונגען בעעמעס נעוויַש. דער ארבעטס־מענטש איז נאָך דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע געוואָרן דער עמעסער באלעבאָס פונעם לעבן. נאטירלעך, אז ער, דער באשעפער פון אלע מאטעריעלע און גייַסטיקע ווערטן, שטייט אין צענטער אויך פון דער סאָוועטישער ליטעראטור.

שוין פון לאנג אָן פארנעמט די אזויגערופענע „פּראָדוציר־טעמע״ א בעקאָוועדיק אָרט אין דער שאפונג פון אונדזערע שרייַבער. גענוג צו דערמאָנען אזעלכע ווערק פון די רוסישע וואָרט־מייַסטערס, ווי פיאָדאָר גלאדקאָווס „צעמענט״, וואלענטין קאטייַעווס „צייַט, פאָרויס!״, איליא ערענבורגס „דער טאָג דער צווייטער״, מאריִעטע שאגיניאנס „הידראָצענטראל״, — קעדיי צו פארשטיין, אין וועלכער ריכטונג עס זייַנען געגאנגען די זוכונגען פון אויסדריקמיטלען אף צו פארווירקלעכן אָט די טעמע אין די 20־ער—30־ער יאָרן. לאָמיר דאָ דערמאָנען, אז אויך די ייִדישע ליטעראטור פון יענעם פּעריִאָד האָט דערפאָלגרייַך פארקערפּערט די „פּראָדוציר־טעמע״ (אין מ. אלבערטאָנס „פיאָדאָר זובקאָוו״ און „שאכטעס״, אין ה. אָרלאנדס „הרעבליעס״ און „אגלאָמעראט״, אי. כאריקס „קייַלעכדיקע וואָכן״, אי. פעפערס „געפונענע פונקען״ און „פלאסטן״, ב. אָליעווסקיס „שאכטע״, פּ. מארקישעס „אופגאנג אפן דניעפּער״ און „ניט געדייַגעט״ און נאָך פיל אנדערע ווערק).

אָבער קיינמאָל, מיסטאמע, האָט אין דער הינזיכט די סאָוועטישע ליטעראטור ניט דערגרייכט אזעלכע קינסטלערישע הייכן און אנטשפּרעכנדיק ניט דעראָבערט אזא געזעלשאפטלעכע אנערקענונג, ווי אין אונדזערע טעג. ניט אומזיסט האָט ל. אי. ברעזשנעוו, אפן היסטאָרישן XXV צוזאמענפאָר פון דער קפּסס, געהאלטן פאר נייטיק אונטערצושטרייַכן אינעם באריכט־פאָרטראָג פונעם צק פון דער פּארטיי, ריידנדיק וועגן די כאראקטעריסטישע דערשייַנונגען פון דער הייַנטצייַטיקער קינסטלערישער קולטור: „נעמט, לעמאָשל, דאָס, וואָס פריִער איז טרוקן אָנגערופן געווען „פּראָדוציר־טעמע״. איצט האָט אָט די טעמע באקומען עכטע קינסטלערישע פאָרם״.

א הויכע אָפּשאצונג פון דער פּארטיי און פונעם פאָלק האָבן באקומען די ראָמאנען, פּאָעמעס, פּיעסן און קינאָ־סצענאריעס, וועלכע זייַנען געווידמעט די נאָכמילכאָמעדיקע פינפיאָרן, די נייַע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער אינדוסטריע און אין דער לאנדווירטשאפט אין דער עפּאָכע פון דער וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע. גערעכט איז געווען דער ליטעראטור־קריטיקער מ. סינעלניקאָוו, וועלכער האָט ניט לאנג צוריק געשריבן אין דער צייַטונג „פּראוודא״: „די גייַסטיקע רייַכקייַט פונעם מענטשן אין דער נייַער געזעלשאפט, די וועלט פון זייַנע שטרעבונגען, זאָרגן, האָפענונגען — אָט וואָס עס אינטערעסירט אונדז פריִער פאר אלץ אין די ביכער, וועלכע זייַנען געווידמעט דער הייַנטצייַטיקייַט. אין דעם זינען זייַנען אויך ניט קיין אויסנאם יענע ווערק,

וואָס זייער יעסאָד איז דער אַזויגערופענער פּראָדוציר־מאַטעריאַל. אַוודאי קאָן מען דאָ טרעפן ניט ווייניק באַשרײַבונגען פונעם אַרבעטס־פּראָצעס גופא. דאָס איז נאַטירלעך און אַמאָל אויך נייטיק. אָבער אויך הינטער אַזעלכע באַשרײַבונגען, אויב זיי זײַנען בעעמעס טאַלאַנטפול, שטייט סאָפּקאָלסאָף דער מענטש: זײַן אופנעמען די אַרבעט, זײַן באַציִונג צו איר. די שייכקייט פון דער אַרבעט און די שיינקייט פונעם מענטשן אין דער אַרבעט — דאָס זײַנען אומצעטיילבאַרע באַגריפן, און טאַקע אַזוי ווי גאָרקי פאַרשטייט אונדזער ליטעראַטור דאָס שילדערן די הײַנטצײַטיקע פּראָדוקציע, יענע פּראָבלעמען און קאָנפליקטן, וועלכע אַנטשטייען אין גאַנג פון דער שטורמישער עקאָנאָמישער און סאָציִאַלער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד, אין גאַנג פון דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע".

אין פאַרבינדונג דערמיט רופט אָן די „פּראַוודאַ" און שאַצט אָפּ פּאָזיטיוו אַ גאַנצע ריי פּראָזע־ווערק — וואָדים קאָזשעווניקאָווס ראָמאַן „אינמיטן טאָג אָף דער זוניקער זײַט", מ. קאָלעסניקאָווס דילאָגיע „איזאָטאָפּן פאַר אַלטונינען" און „אַלטונין נעמט אָן אַ באַשלוס", א. קריוואָנאָסאָווס דערציילונג „ברען, ברען קלאָר", א. טשאַרטשיקאָווס „פאַר דעם ווײַטן וועג" און אַנד. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז, לויט אונדזער מיינונג, דאָס געשטאַלט פונעם העלד אין מ. קאָלעסניקאָווס דילאָגיע. מיר זעען אים אַלס בריגאַדיר פון די שמידן, אַלס ענערגישן איניציִאַטיוופולן מענטשן. אין צווייטן בוך פון דער דילאָגיע איז אַלטונין, נאָכן פאַרענדיקן הינטער־אויגיק אַ הויכשול, שוין אַן אינזשעניער, דער פאַרטרעטער פונעם שעף פון צעך. זײַן טעטיקייט האָט זיך פאַרברייטערט, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געוואָרן גרעסער. אָבער אין טאָך איז ער געבליבן דער זעלבער באַשיידענער אַרבעטס־מענטש. אים איז אָרגאַניש פרעמד זעלבסטבאַרויִקונג, אינערטקייט. ער באַגרענעצט קיינמאָל ניט זײַן מיסיע מיט פאָרמעלע פאַרפליכטונגען. אַלץ גייט אים אָן. ער שטרעבט צו מאַקסימאַלער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויקייט.

דער העלד פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור דענקט מיט גרויסע מאַסשטאַבן און האַנדלט פאַראַנטוואָרטלעך־מעלוכיש, ווי אַן עכטער באַלעבאָס פונעם לאַנד. אָט די אויסגעצייכנטע אייגנשאַפט פונעם בויער פון קאָמוניזם איז באַזונדערס בולעט פאַרקערפּערט אין די בעסערע הײַנטצײַטיקע דראַמאַטורגישע ווערק, וועלכע גייען מיט גרויס דערפאָלג אָף דער בינע פון די טעאַטערן און ווערן געוויזן אָף די קינאָ־עקראַנען. אין דער ערשטער ריי דאַרפן דאָ אָנגערופן ווערן די פּיעסן פון א. דוואָרעצקי „אַ מענטש פון דער זײַט", ג. באָקאַריאָוו „שטאָלגיסער", א. געלמאַן „פּרעמיע", וואָס זייערע העלדן זײַנען מעטאַלורגן און בויער. ס'איז קימאַט אוממעגלעך צו קריגן בילעטן אָף אָט די ספּעקטאַקלען. דער קאָרעספּאָנדענט פון „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" האָט זיך געווענדט צום דראַמאַטורג געלמאַן מיט אַ פראַגע: „מיט וואָס, לויט אײַער מיינונג, קאָן מען דערקלערן אַזאַ שטאַנדהאַפטיקן אינטערעס פון די צושויער צו דער אַזויגערופענער „פּראָדוציר־טעמע" אין קינאָ און אין טעאַטער?" אַלעקסאַנדער געלמאַן האָט געענטפערט: „די פּראָדוציר־טעמע — דאָס איז אין טאָך דער קאַמף פון מענטשן פאַר דעם, אַז אונדזער לעבן זאָל ווערן רײַכער — אי עקאָנאָמיש, אי גײַסטיק; פאַר דעם, אַז אונדזער אַרבעט — אָף אַלע געביטן — זאָל ברענגען מאַקסימאַלע נוצן און באַפרידיקונג, אַז די אַרבעט זאָל זײַן עפעקטיווער. אָט די אַלע פראַגן באַרירן דעם טאָך פון מענטשלעכן זײַן. עס זײַנען אָבער פאַראַן אַ ריי דערשײַנונגען — און הינטער זיי שטייען שטענדיק מענטשן, — וועלכע שטערן אַרויסצובאַקומען דעם שעפערישן פּאָטענציִאַל פון דער געזעלשאַפט..." („קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ", 3 יול 1976).

אין טאָך האָט וועגן דעם זעלבן (וועגן דער קאָנסטרוקטיוויער, איבערגעשטאַלטונגס־ראָל פון דער קונסט, וועלכע איז באַרופן צו באַגײַסטערן מענטשן, העלפן זיי וואַקסן גײַסטיק, גויווער זײַן שוועריקײַטן) געשריבן אויך א. דוואָרעצקי. אין די טעג, ווען עס איז פאָרגעקומען דער זעקסטער אַלפאַרבאַנדישער שרײַבער־צוזאַמענפאָר, האָט דוואָרעצקי געשריבן אין דער צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ קולטוראַ": „אָנהייבנדיק פון מײַן ערשטער פּיעסע, איז מײַן שאַפונג פאַרבונדן מיטן לעבן פונעם אַרבעטער־קלאַס, מיט פּראָבלעמען פון דעם פּראָדוציר־קאָלעקטיוו... די צושויער ווערן אופגעוויירקט פון די ספּעקטאַקלען וועגן שטאָלגיסער, אָדער וועגן בויער פון רערן־דורכפירער, אָדער וועגן דעם דירעקטאָר פון אַ טעקסטיל־פאַבריק ניט ווײַל דאָרט זײַנען געשטעלט פראַגן פון דער געגעבענער פּראָפעסיע, נאָר דערפאַר, ווײַל עס זײַנען אופגעדעקט מאָראַלישע צוזאַמענשטויסן צווישן מענטשן, ווײַל דאָס זײַנען ווערק וועגן מענטשן און ניט וועגן פּראָפעסיעס. דער קאַמף פאַרן עמעס, די פּרינציפּיעלקייט אין שטעלן שאַרפע פּראָבלעמען קאָן באַוויזן ווערן אָף אַ באַליביקן הײַנטצײַטיקן לעבנס־מאַטעריאַל; וויכטיק איז, אַז די קאָנפליקטן זאָלן אַרויסדרינגען פון דער ווירקלעכקייט, זיי זאָלן זײַן אַ בילדערלעכע באַזיניקונג פונעם לעבן און ניט קיין פּרוכט פון קאַבינעט־פאַנטאַזיע". („סאָוועטסקאַיאַ קולטוראַ", 22 יון 1976).

די העלדן פון די בעסטע הײַנטצײַטיקע ווערק אָף דער אַזויגערופענער „פּראָדוציר־טעמע" זײַנען אינטערעסאַנט פּריִער פאַר אַלץ מיט דעם, וואָס זיי טוען גוט זייער זאַך, דערבײַ צייכענען זיי זיך אויס דערמיט, וואָס אויסער דער „מיקראָ־פאַראַנטוואָרטלעכקייט" פאַר זייער פערזענלעכן אַרבעטס־באַצירק, ווײַזן זיי אַרויס אַ ברייטן מעלוכישן צוגאַנג צו די אַלגעמיינע פּראָבלעמען, זיי פאַרשפּאַרן זיך ניט אינעם

קרײַז פון מינוטן־אינטערעסן. די ארבעט פון אזעלכע מענטשן איז די העכסטע אנטפלעקונג פון גײַסטיקײַט.

די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" און פון די ביכער, וועלכע דערשײַנען אין ייִדיש, האָבן פארגעדענקט א ריי טאלאנטפולע ווערק אָף דער „פּראָדוציר־טעמע", פארצייכענונגען וועגן די העלדן פון די פינפיאָרן, וועגן דעם בײַטראָג פון די ייִדישע האָרעפּאשניקעס אין דער אלפאָלקישער קאָמוניסטישער בויוּנג. עס דארף אָבער געזאָגט ווערן, אז דער פּראָסטער ארבעטס־מענטש, זײַן שעפערישע מי פארדינט מער אופמערקזאמקײַט. עס טרעפט, אז דער שרײַבער „בלײַבט שטעקן" אין דער ווײַטער געשיכטע (דאָס איז, נאטירלעך, ניט קיין כיסאָרן, באזונדערס אויב די געשיכטע ווערט באטראכט מיט הײַנטיקע אויגן); אייניקע אווטאָרן קערן זיך אום צו דער טעמאטיק, וואָס איז אין טאָך קינסטלעריש שוין אויסגעשעפּט אין די ווערק פון די קלאסיקער און פון די גרונטלייגער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור (דאָס האָט באזונדערס א שײַכעס צו דער שילדערונג פונעם אלטן שטעטל, וועלכע איז איצט ווייניק אקטועל פארן לעבן פון די ייִדישע פאָלקסמאסן און פאר דער ליטעראטור). דער הײַנטיקער טאָג איז רײַך מיט אזעלכע געשעענישן, מיט אזא אינהאלט, וואָס דער שרײַבער איז מעכוייעוו ארײַנפירן זיי אין די קינסטלערישע ווערק.

„אונדזער בארוף, — ווערט געזאָגט אינעם בריוו פונעם זעקסטן שרײַבער־צוזאמענפאָר דעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער קפּסס, — זעען מיר אין דעם, אז עס זאָלן געשאפן ווערן ווערק, וועלכע פארקערפּערן בוילעט און פולבלוטיק די פּאנאָראם פון דער קאָמוניסטישער בויוּנג, פארכאפּן די הערצער און די נעשאָמעס פון די מענטשן מיט דער שיינקײַט פון אונדזערע אידעאלן, מיט דער טיפקײַט און עמעסדיקײַט פון די פאָלקס־כאראקטערן".

ס'איז קיין סאָפעק ניט, אז אף אָט דעם וועג דערווארטן אונדזער ליטעראטור גרויסע און פריידיקע שעפערישע אופטוען.

כראָניק

טעג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור אין מאָלדאוויע

אין סענטיאבער זײַנען אין קעשענעוו און אין אנדערע שטעט און ייִשוּווים פון דער מאָלדאווישער רעפּובליק פײַערלעך דורכגעפירט געוואָרן די טעג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. אריבער הונדערט דיכטער, פּראָזאיִקער, דראַמאטורגן, קריטיקער — שעלוכים פון דער פילנאציִאָנאלער קולטור — זײַנען ארויסגעטראָטן מיט זייערע שאפונגען אין פארשיידענע אאודיטאָריעס, ווו עס זײַנען פאָרגעקומען זאכלעכע געשפּרעכן וועגן דער ראָליע פון דער ליטעראטור אין דער געזעלשאפטלעכער דערציִונג פון די סאָוועטישע מענטשן.

די וויכטיקע קולטור־געשעעניש איז ברייט אָפּגעמערקט געוואָרן אין דער מאָלדאווישער פּרעסע. דער סענטיאבער־נומער פונעם ליטערארישן זשורנאל „קאָדרי" איז אינגאנצן געווידמעט אָט דער קולטור־געשעעניש. עס זײַנען פארעפנטלעכט פיל לידער, דערציילונגען, עסייען אין דער איבערזעצונג פון פארשיידענע שפּראכן פון די ברידערלעכע ליטעראטורן. די ייִדישע ליטעראטור איז אין דעם נומער פאָרגעשטעלט מיט יעכיִעל שרײַבמאנס פיר מיניִאטורן.

■ ■ ■

רײַפֿע מײַסטערשאַפֿט

אווראָם גאָנטאר האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישן וועג צוריק מיט א האלבן יאָרהונדערט. זײַן דיכטערישע שטים האָט שוין אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן זיך אויסגעטיילט מיט איר אייגנאַרטיקער פֿאָלקסטימלעכער אינטאָנאַציע. און טאַקע דערפֿאַר האָט דער יונגער דיכטער ארויסגערופֿן סימפּאַטיע בא אַזעלכע פֿירנדיקע שעפֿער פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, ווי דאָוויד האָפֿשטיין און איציק פֿעפֿער.

אָבער עכטע מײַסטערשאַפֿט האָט גאָנטאר דערגרייכט אין פּראָצעס פֿון אַקשאָנעסדיקער שעפֿערישער מי, ווען ער האָט אָנגעזאַמלט א רײַכע לעבנס־דערפֿאַרונג. אין די לידער פֿון דער צווייטער העלפֿט פֿון די דרײַסיקער יאָרן פֿילט זיך שוין רײַפֿקײַט פֿון געדאַנק, טיפֿקײַט און קראַפֿט פֿון מענטשלעכע איבערלעבונגען. די לעבנס־דערפֿאַרונג פֿונעם דיכטער איז געווען ניט קיין גרינגע, אין פֿיל פּראָטים א דראַמאַטישע, און דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַן שאַפֿן.

אווראָם גאָנטאַרס וועלט־שפּירונג איז אַן ערנסטע און א באַדאַכטע. דער דיכטער איז ווײַט פֿון אויבערפֿלעכלעכער זאָרגלאָזער באַציִונג צו דער ווירקלעכקײַט. זײַן בליק איז ערטערווײַז אַפֿילע א טרויעריקער. דער לירישער העלד זײַנער — דאָס איז א מענטש, וועלכער האָט דורכגעמאַכט א לעבנס־וועג מיט שווערע ניסיונעס, און דעריבער טאָר דאָס דיכטערישע וואָרט ניט זײַן לײַכטזיניק, עס מוז זײַן אָנגעלאָדן ביזן העכסטן גראַד:

דאָס ניט געזאָגטע וואָרט איז הייליק, טײַער, —
דו ווייסט נאָך ניט די קראַפֿט, וואָס טראָגט
אין זיך זײַן פֿײַער.

די סאָוועטישע דיכטונג איז שטאַרק דערמיט, וואָס זי דריקט אויס פֿאַרשיידנאַרטיקע געפֿילן פֿונעם מענטשן, באַזינגט זײַן לעבן, וואָס איז רײַך מיט דערפֿאָלגן, מיט ניצחונעס, אָבער אויך מיט קאַמף, אָן וועלכן עס זײַנען ניט מעגלעך קיין דערגרייכונגען און זיגן, און אויך מיט טרויעריקע געפֿילן און מיט ניכטערן באַוווסטזײַן פֿון אווייִרעס און קאָרבאָנעס, מיט דורכפֿאַלן און מאַפּאָלעס. צי קאָן דער דיכטער, וועלכער איז אליין דורכגעגאַן דורך געפֿאַרן און ליידן, פֿאַרשווײַגן שווערע אויספֿרווון? מע דאַרף בלויז ניט אראָפּפֿאַלן בא זיך, ניט בייגן זיך, בײַקומען אַלערליי פּוראָניעסן און בלײַבן טרײַ דעם לעבן. אָט אַזא באַוווסטזײַן פֿילט זיך אין גאָנטאַרס לידער. און דאָ גייט א רייד ניט וועגן דעם לעבן ביכלאַל, נאָר וועגן אונדזער הײַנטצײַטיקן לעבן:

כ׳האָב קינדווײַז נאָך געוווּסט: ווען איך וועל שטאַרבן,
וועט אַלץ פֿאַרבלײַבן, ווי געווען.
נאָר קיינער וועט ניט זען אַזוי די פֿאַרבן,
ווי איך האָב זיי געזען.

עס האַנדלט זיך ניט בלויז אין דער אומופֿהערלעכער באַוועגונג פֿונעם לעבן, אין דעם אייביקן פּראָצעס פֿון אָט דער באַוועגונג, נאָר אויך אין דער אָרגאַנישער פֿאַרבינדונג צווישן דעם לעבן און דעם איינצלנעם מענטשן, וועלכער פֿאַרנעמט זײַן אָרט אין קאָלעקטיוו און לאָזט דאָרט איבער זײַן שפּור.

דער געדאַנק וועגן דער אומפֿאַרווּעלקטקײַט פֿונעם לעבן, דער מאָטיוו פֿון טריִומף פֿונעם מענטשנס גײַסט און פֿון זײַן טעטיקײַט, טראָץ די שטערונגען, די אַלערליי סטיכײיִשע, אומראַכמאָנעסדיקע אומגליקן, אַנטפּלעקן זיך אין א ריי גאָנטאַרס לידער. אָט וואָס מיר לייענען אין דער ליד וועגן בוים:

אין האַרטן שטיין פֿון הויכן באַרג
האָט זיך א בוים פֿאַרוואָרצלט שטאַרק.
עס קוקט אראָפּ צום גרויסן יאַם
זײַן ווילדער אויסגעקרימטער שטאַם.
א פֿויגל פֿליט, און אין זײַן טרוים
א נעסט ער פֿלעכט זיך אױפֿן בוים,
וואָס שטײַגט אריבער פֿעלדז און שטיין
און שטייט אין גרויזאַמקײַט אַליין.
דו שטייסט, קוקסט אָן דעם בוים פֿאַרגאַפֿט,
ווו נעמען זײַנע וואָרצלען זאַפֿט?
נאָר ס׳דוכט, דער בוים זאָגט שטיל, געהיים:
— איך האָב באַזיגט דעם טויט פֿון שטיין,
דערפֿאַר פֿאַרוואַרף איך הויך מײַן צווײַג,
און ס׳זעט דער הימל, ווי איך שטײַג.

די אידייִ פֿון אָט דער ליד איז ביז גאָר אַן אָפּטימיסטישע. און האַגאַם די סימבאָליק אירע איז ניט גענוג קאָנקרעט, אָבער דער לעבנס־באַשטעטיקנדיקער אינהאַלט איז גאַנץ בולעט אויסגעדריקט אין יעדן וואָרט און אין יעדער שורע. די לעבנס־קראַפֿט איז מעכטיק, אין פֿײַער פֿון קאַמף ווערט פֿאַרהאַרטעוועט דער

מענטש. און ענלעכער מאָטיוו איז פאַרקערפּערט אין דער ליד „דער ווײַנשלבוים, וואָס קלאַפּט אין מײַנע שויבן”. דער לירישער העלד פון דער ליד איז גאָרניט באַזאָרגט דערפון, וואָס דער בוים פרירט איצט פון קעלט. ער ווייסט, אַז אומפאַרמײַדלעך וועט קומען די צײַט, ווען דער באַפרײַטער פון ווינטערדיקער קרירע ווײַנשלבוים וועט אַרויס פון די בוראַנען, וועט פרילינגדיק רוישן, וואַקסן און בליִען, און אין האַרבסט וועט ער ברענגען פּרוכטן.

וויכטיק איז, וואָס דער טרויער און דער אומעט אין אַ ריי גאָנטאַרס לידער דריקן ניט אויס זײַן וועלט־שפּירונג. זיי זײַנען פאַרבײַ־גייענדיקע, ווײַל זיי שפּיגלען אָפּ ניט קיין פאַר־אַלגעמיינערונג, קיין לעבנס־פילאָסאָפיע, וואָס פאַרורטיילט אַף אַ פאַטאַלישן אויפן דעם מענטשן אַף שווערע אויסקומעניש. די ניסיוי־נעס פאַרהאַרטעווען גאָנטאַרס לירישן העלד. פון די דאָזיקע ניסיוינעס ווערט געבוירן דער גײַסט פון מוט און צוזאַמען — דער ווילן צום קאַמף, די שטרעבונג גויווער צו זײַן שטערונ־גען.

דעם דיכטערס לעבנסוועג איז געווען ניט קיין גרינגער. וועגן דעם דערציילט ער אַליין אינעם בוך „די שטאָט פון טרוים”, אינעם ליי־דער־ציקל מיט אַ כאַראַקטעריסטישן נאָמען „איידעס”:

גענאָסן האָב איך אויך פון ייִכעס גלײַך פון
וויגל:
דער גרעסטער קאַפּצן אַף דער וועלט — דער
מוליער ייִדל.
זײַן שטוב — אַ פּאַלאַץ איז מיט דרײַ
פּרינצעסנס,
מיט פּרינצן דרײַ — און אַלע ווילן עסן...
ניט לאַנג האָט זיך דער דאַלעס דאָ געיישעוועט,
די מאַלקע אונדזערע, די מאַמע, גלײַך
פאַרקישעפט,
זי אַלט און גרוי געמאַכט, אַז קיינער זאָל
ניט מיינען,
אַז ערשט ניט לאַנג איז זי געווען אַ שיינע.

ווי אַ סאַך אַנדערע קינדער פון אָרעמעלײַט, וואָלט דער קומענדיקער פּאָעט אַווראָם גאָנטאַר געקאָנט זאָגן וועגן זיך מיט טשעכאָווס ווער־טער: „אין דער קינדהײַט האָב איך ניט געהאַט קיין קינדהײַט”.

אָבער אונדזער דיכטער האָט אַזוי ניט גע־זאָגט, ער האָט זיך ניט געהאַלטן פאַר קיין אָרעמאַן. פון אָרעמקײַט האָט ער זיך געראַטע־וועט דערמיט, וואָס ער איז פאַרפלויגן אַף די פליגל פון זײַן טרוים אין אַ רײַכער און אַ שיינער וועלט פון פאַנטאַסטישע זעונגען, ווו דאָס אַרומיקע רעאַלע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וווּנדערבאַרע בילדער פון פרייד און גליק:

נו, און איך? דו ווייסט דאָך, איידעס, כ׳האָב
געלעבט אין טרוימען,
פאַר מײַן אויג און פאַר מײַן אויער ניט
געווען קיין צוימען,
ס׳איז די קאַליוזשע באַם פאַרקן מיר געווען
אַ האַפן,
און מײַן שיפל דאָס פּאַפּירנס פלעג מיך
ווײַט פאַרוואַרפן
צו דעם יאַם, וווּ די מאַטראָסן ראַנגלען זיך
אין שטורעם.
יאָ, אַ ייִנגל פון אַ קאַפּצן, אָבער קיינמאָל
אָרעם.

טרוימערישקײַט איז די וויכטיקסטע אייגנ־שאַפט פון גאָנטאַרס פּאָעטישער שאַפונג. און עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס איינע פון זײַנע לידער־זאַמלונגען טראָגט דעם נאָמען „די שטאָט פון טרוים”. גאָנטאַר איז דאָך אַ שטענדיקער טוישעוו פון אָט דער שטאָט פון טרוים.

אַווראָם גאָנטאַר איז אַ ליריקער און אַ מײַסטער פון דער לירישער מיניאַטיור; אָבער אויך אין דער פאָרם פון דער לירישער מיניאַ־טיור שטרעבט ער שטענדיק אויסדריקן באַ־דײַטנדיקן אינהאַלט. די ליד „פון הויכן באַרג, ווען ס׳פאַלט אַ שטיין” איז אינטערעסאַנט און אָריגינעל לויטן פאַרטראַכט און לויט דער אויספירונג:

פון הויכן באַרג, ווען ס׳פאַלט אַ שטיין,
שלעפּט ער מיט אַ צווייטן און אַ דריטן.
ער וויל ניט פון דעם שפּיץ
אַליין צום אָפּגרונט גיין,
זײַן איינציקן פאַרמעג — די קראַפט —
אומזיסט צעשיטן,
פאַרטשעפּעט ער אַ צווײַג,
וואָס האַלט אין בליִען,
צעבראָכט אָפּצווייען זי בײַם דעם פליִען,
דערשרעקן זיך די פייגעלען אין דער נעסט
און לאָזן זיך אין רוים מיט אַ געפּילדער,
די שטאַרקע אָדלערן אין טומלעניש פאַרגעסט
די אויסגעוואַרעמטע, די פרילינגדיקע
קינדער,
צעשפּרייט די פליגל קעגן פאַלנדיקן שטיין
און לאָזט זיך קעגן טויט — און איין־אַליין.
פליט אַריבער דער גערויש פון בוים צו בוים,
און ס׳וואַרט דער וואַלד שוין אַף אַ גרויס
געוויטער,
עס פאַלט דער שטיין אין יאַם און בויטעט
אויף דעם שוים,
עס טוט אַ כוואַליע אינעם יאַם אַ ציטער,
און קרײַזן אינעם וואַסער ווערן גרעסער,
גרויס,
ביז זיי שטאַרבן פאַרן אויג, נאָר צאַנקען
דאָך ניט אויס.

אָט די ליד איז אַן אָנדײַט אַף פילאָסאָפישער טיפקײַט אין גאָנטאַרס ליריק און באַווײַזט, אַז דער דיכטער איז פייִק צו פאַרקערפּערן קאָנ־קרעטע דערשײַנונגען פונעם לעבן אין אַבסט־ראַקטע בילדער, האַגאַם, ווי מיר דאַכט, אין דער ליד איז דאָס דיכטערישע וואָרט ערטער־ווײַז עפּשער שוין צו פיל אַבסטראַהירט.

אין גאָנטאַרס לירישער דיכטונג איז, אַלס קלאַל, אויסגעדריקט אי אַ קאָנקרעטע אידיי, אי אַ טיפער געדאַנק. אין דער שיינער ליד „אַ

שוואַרצע קראָ" זאָגט דער דיכטער: „אַ שוואַר־צע קראָ אין ווײַסן שניי פאַרשאַרפט מיר שטענדיק פּײַן און וויי..." דאָ גייט אַ רייד ניט בלויז וועגן דעם, וואָס די שוואַרצקײַט פון דער קראָ, קאָנטראַסטירנדיק מיט דעם גלאַנץ פון דעם ווײַסן שניי, פאַרקריפּלט אַזוי־אַרום די שיינקײַט פון בילד און שאַפט אַן אַנטי־עסטע־טישע דערשײַנונג. די ליד איז אַן אויסדרוק פון סינע צו בלוטפאַרגיסונג, אַ פּראָטעסט קעגן אומקום פון מענטשן.

אוורעם גאָנטאַר איז אַ דיכטער, וועלכער אָפּעריִרט אויסשליסלעך מיט בילדער. זײַן דיכ־טערישער שפּראַך איז קימאַט פרעמד לאָגישע און ראַציִאָנאַליסטישע קאַטעגאָריעס, און אַלס קלאַל אַפּעלירט ער צו די אינערלעכע געפילן פונעם מענטשן, אָנשטעקנדיק אים מיט אַ באַ־שטימטן עמאָציִאָנעלן סיידער פון שטימונגען. זײַן דיכטונג איז עמאָציִאָנעל אָנגעזעטיקט, און די קינסטלערישע שפּראַך איז אַ געפּרעסטע און דערגרייכט אָפּט אַפאָריסטישע לאַקאָנישקײַט.

אין גאָנטאַרס פילאָסאָפישער ליריק זײַנען פאַרקערפּערט הארבע פּראָבלעמען פון דער עפּאָכע, האַגאַם לידער, געווידמעט דער אָדער יענער היסטאָרישער אָדער קאָנקרעט־פּאָליטי־שער געשעעניש, טרעפן זיך זעלטן. די סאָ־ציִאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמאַטיק איז טיף פאַר־באָרגן אין דער אידייִשער בילדערישקײַט, ניט אַרויסשפּאַרנדיק אויף דער אויבערפלאַך. גאָנטאַר איז אַן אַנטשיידענער קעגנער פון יעדער מין גראָדליניקן ריגאָריזם, פון דעקלאַראַטיווקײַט און אידייִשער דידאַקטישקײַט אין פּאָעטישן שאַפן. די קונסט און די ליטעראַטור דינען די העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן, זיי זײַנען פּאַרטייִש און פאָלקסטימלעך בלויז דעמלט, ווען זיי פאַר־קערפּערן אָט די הויכע אידעאַלן אין עכט לע־בעדיקע, מײַסטעריש געשאַפענע געשטאַלטן און בילדער. דער דיכטער קאָן און דאַרף „מיטן וואָרט אויפגליִען די הערצער פון מענטשן", אויב דאָס וואָרט איז טאַקע דאָס עכטע דיכטערישע וואָרט פון אַ באַגאַבטן מײַסטער. דאָס פּאָעטי־שע וואָרט ווערט געבוירן אין דער טיפקײַט פונעם דיכטערס נעשאָמע און דרינגט אַרײַן אין דער נעשאָמע פון מענטשן, דערוועקנדיק אין זיי „גוטע געפילן", רופנדיק זיי צו העלדישע אויפטוען:

פון דער טיף איז געקומען צו מיר
אַזאַ לויטערער ניגן
און האָט צו דער הייך מיך געפירט,
ווי ער וואָלט מיך געהויבן אויף פליגל.
אַ קאָל האָט גערופן מיך: קום!..
בין איך זיכער און רויִק געגאַנגען.
דער אָפּגרונט איז טיף, נאָר אַרום
קלינגען לויטערע, הייסע געזאַנגען.

אין גאָנטאַרס דיכטונג פאַרנעמט אַ גרויס אָרט ליבע־ליריק און פּייזאַזש־ליריק. ליבע צו דער פרוי איז אויסגעדריקט אין פאַרשיידנאַר־טיקע אַנטפּלעקונגען: אין אומרויִקע בענקשאַפט נאָך דער געליבטער, אין ציטערנדיק'ן טײַוע־איבערלעבונגען, אין טריִומף פון דערגרייכטן גליק, אין ביטערע צעשיידונג, אין בענקשאַפט נאָך דער געגאַרטער באַגעגעניש. אָט די אַלע געפילן זײַנען אין גאָנטאַרס דיכטונג פאַרקער־פּערט גאַנץ אייגנאַרטיק. דעריבער איז זײַן ליבע־ליריק קיינמאָל ניט קיין באַנאַלע איבערכאַ־זערונג. ליבע איז, אייגנטלעך, די גרונט־טעמע פון גאָנטאַרס דיכטערישער שאַפונג. דער דאָזי־קער טעמע זײַנען געווידמעט צענדליקער און הונדערטער לידער. און אין זיי אַנטפּלעקט זיך עפּשער אַמבוילעטסטן דעם דיכטערס מײַסטער־שאַפט. ער ווייסט די סודעס פון דער מוטער־שפּראַך, אירע מעגלעכקײַטן און קאָפּריזן, אירע ספּעציפֿישע אייגנשאַפטן. אויף אָט דעם לאָשן שאַפט גאָנטאַר מענטשלעכע געשטאַלטן, נאַטור־בילדער, גיט איבער געפילן און איבערלעבונ־גען, פאַרקערפּערט קאָמפּליצירטע פילאָסאָפישע אידייען, דינע שפּירונגען. גאָנטאַר איז אַ מײַ־סטער פון שילדערן צער און פרייד, דאָס טראַ־גישע און דאָס קאָמישע, דאָס אינדיווידועלע און דאָס פאָלקסטימלעכע.

די אייגנאַרטיקײַט פון גאָנטאַרס פּאָעטישער שפּראַך, די פאַרשיידנאַרטיקײַט פון זײַן מוזיקאַ־לישער קלאַוויאַטור, די רײַכקײַט פון ריטמען און אינטאָנאַציעס, פאַרבן און ניואַנסן — דאָס אַלץ אַנטפּלעקט זיך טאַקע מער פון אַלץ אין זײַן ליבע־ליריק.

איך וועל ברענגען אַ ליד, וואָס צייכנט זיך באַזונדערס אויס מיט רײַכקײַט פון פּאָעטישער שפּראַך און סטיל אין גאָנטאַרס דיכטערישער שאַפונג:

עס קאָן געשען אַזוי,
עס קאָן זיך טרעפן,
אַז פּלוצעם זאָל די טיר
זיך טאָן אַן עפן,
דו זאָלסט אַרײַנקומען,
ווי גאָרניט וואָלט פאַרלאָפן:
געזעגנט זיך —
און ווידער זיך געטראָפן.

כ'וועל אופשטיין פונעם אָרט,
דיר גיין אַנטקעגן,
און גאָרניט זאָגן דיר,
דיך גאָרניט פרעגן.
כ'וועל אופהענגען דײַן מאַנטל
אויף דער וואַנט
און דריקן לאַנג
דײַן דינע קאַלטע האַנט.

וועסט צוגיין צו דעם שפּיגל
און זאָגן וועסטן פראָסט:
— אַ שטויב אין שטוב,
ס'איז אַלץ פאַרלאָזט...
אַ וויש טאָן מיט דער דלאָניע
וועסט דאָס גלאָז,
דערזען מײַן גראָוון קאָפּ —
נאָר פרעגן מיך, פאַרוואָס
כ'בין גראָוו געוואָרן, —
וועסט ניט קענען.

דו וועסט צוניפציען די ברעמען,
א קער טאָן זיך צו מיר,
מיט שרעק א קוק טאָן אף דער טיר,
און ענטפער זוכן אין מײַן בליק:
„איז מעגלעך אלץ צוריק?״
עס קאָן געשען אזוי,
עס קאָן זיך טרעפן.
נאָר ס'טוט דערווײַל
די טיר זיך ניט קיין עפן.

אין דער ליד איז אלץ באדינגלעך, און דער־פאר — נעפלהאפט, צעשווומען, אומבאשטימט. עס גייט א רייד ניט וועגן דעם, וואָס איז פאראן, נאָר וועגן דעם, וואָס „עס קאָן געשען״, „עס קאָן זיך טרעפן״. דער געפיל, די איבערלעבונג, די „האנדלונג״, די טרעפונג פון די „פארשוינען״ — אלץ איז בלויז געדאכט, בלויז אין דער פאָרשטעלונג. פונדעסטוועגן שאפט טאקע גראָד אָט די געדאכטקײַט, די אומבאשטימטקײַט און באדינגלעכקײַט — דאָס אלץ איינינעם גענומען שאפט א גאנץ באשטימ־טע אטמאָספער פון עפעס אזוינס, וואָס איז טאקע ווירקלעך פאָרגעקומען, רעאל געוועזן, רעאל מעגלעך. דאָ הייבט אָן יעדער וואָרט, וואָס קאָן צום אָנהייב זיך אויסדאכטן קאָנקרעט־לאָז, באקומען אומבאמערקבאר פאר אונדז עפעס א מין ווירקלעכע רעאליטעט, ארויסרופן פרייד פון דערוואַרטונג, האגאם מיר ווייסן, אז „ס'טוט דערווײַל די טיר זיך ניט קיין עפן״.

גאָנטארס ליבע־ליריק ווייסט אָבער ניט בלויז פון טרוימען און באדינגלעכקײַטן, נאָר אויך פון פּאָעטיש־דערציילעריש; דער דיכטער זאָגט זיך ניט אָפּ פון הומאָריסטיש באלײַכטן — אין גײַסט פון יידישן פאָלקלאָר — די געשיכטעס פון ליבע. אין דער פּאָעטישער נאָוועלע „עס־טער, עסטערינקע די פרינצעסן״ מאָלט ער, אף זײַן אויפן, פארשטייט זיך, אָן עפּיש בילד פון „פּלעבעיִשער ליבע״ פונעם שוסטער פּיניע, דעם באוווּסטן מײַסטער, וואָס „זײַנע שיכעלעך אַף קנאפּל — נאָר צום גאפן״. די שפּראַך פון לירישער אימפּרעסיע טרעט דאָ אָפּ דאָס אָרט דער פריילעכער לעבנסלוסטיקער איראָניש־דערציילערישער קינסטלערישער מאניר:

איינמאָל, גאָר אינמיטנדרינען,
קומט צו גיין צום פעטער פּיניע
עסטער, עסטערינקע
די פרינצעסן
מיט די לעקעלעך די דינע,
יעדער לעקל א ספּרוזשינע,
און שטעלט ארויף איר פיסל אף זײַן קני,
ער זאָל א מאָס איר נעמען.
און זי, —
זי זאָל זיך אָנהייבן צו שעמען!..

און אין דעם זעלבן פאָלקסטימלעך־דערציי־לערישן סטיל פירט דער אויטאָר ווײַטער די דערציילונג:

פון דעמלט אָן
איז פּיניען ניט געוואָרן צו דערקענען.
אונדזער שוסטער
דער באוווּסטער
קלאפּט די פלעקלעך אין דער זויל
און וויל ניט טרינקען,
וויל ניט עסן —
און לאָזט גאָר ניט ארויס פון מויל
עסטער, עסטערינקע די פרינצעסן.

ס'איז ניט שווער זיך פאָרשטעלן, אז דער פינאל וועט דאָ זײַן א גאנץ גוטער; גאָנטאר יאָגט זיך ניט נאָך אָריגינעלקײַט און פארענדיקט די געשיכטע פון דער ליבע צווישן דעם שו־סטער פּיניע און דער „פרינצעסן עסטערינקע״ מיט א סאמע געוויינלעכער גליקלעכער פאָלקס־כאסענע אין בערדיטשעוו.

אין זעלבן פאָלקס־מאניר זײַנען אָנגעשריבן אויך אנדערע לידער גאָנטארס „לאָם־צי־דע־ראָם״, „דער כאָסן״, „א כאסענע״. די לידער „פון פארשיידענע העפטן״, די ציקלען פונעם בוך „נעגינע״ זײַנען רײַך מיט נאציאָנאלע און פאָלקסטימלעכע מאָטיוון. „איך בין א בערדי־טשעווער״, „דאָס געזינדל״ — דאָס זײַנען שאַ־פונגען, ווו דער אויטאָר רעדט מיט דער שטים פון א פאָלקס־מענטש אף א „פּלעבעיִשן״ אויפן:

איך בין דאָך א בערדיטשעווער, —
גוטמאָרגן, מײַנע שכיינים!
ווו כ'זאָל זיך ניט א טיטשע טאָן,
דאָרט קען איך יעדן איינעם.
דער גנילאָפּיאַט נאָך שלענגלט זיך
מיט זײַנע פּוילע פּיאטעס,
דער אלטער שליאך נאָך סטענגלט זיך,
און אלץ, עס דאכט זיך, גלאַט איז.
דער קלויסטער, ווי פארצײַטנס, שטייט
אין שטאָט אף בעלאָפּאָלסקי,
די פירשטן גאנסקא האָט פארדרייט
באלזאקן דאָ „פּאָ־פּאָלסקי״.

דער דיכטער באגרענעצט זיך ניט מיט ליריי־שע דערמאָנונגען וועגן דער קינדהײַט. זײַן לי־ריק דערהייבט זיך העכער איבער דעם פער־זענלעכן אופאסן די ווירקלעכקײַט, דערגרייכנ־דיק די הייך פון היסטאָרישן דענקען. ער איז אן איידעס און אָנטיילנעמער פון די היסטאָרי־שע געשעענישן אין אונדזער שטורעמדיקער עפּאָכע.

די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע קעגן דעם דײַטשישן פאשיזם איז אָפּגעשפּיגלט אין דער גאנצער סאָוועטישער ליטעראַטור און, נאַ־טירלעך, אויך אין גאָנטארס פּאָעזיע. ער האָט געשאפן פּאטריאָטישע לידער וועגן מילכאָמע אין א באשטימטן נאציאָנאלן אספּעקט. דער קאמף קעגן פאשיזם — דאָס איז קאמף קעגן די שווארצע קויכעס, הארבער קאמף פאר דעם פאָלק. גאָנטאר געפינט דערשיטערנדיקע ביל־דער און ווערטער, ווען ער שרײַבט וועגן די

פאַרברעכנס פון די דײַטשישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן פאַרניכטעט קינדער:

דרײַ סאָסנעס האָבן עס געזען,
דרײַ שלאַנקע סאָסנע־ביימער.
איצט וויגן זיי די קרוינען
אָף א גרוב מיט ביינער.
מ'האָט געבראַכט פון שטאָט אהער
קליינע קינדער שטילע,
אויסגעטאָן די העמדעלעך,
די העמדעלעך אפילע.
און א גרוב פאַר אלעמען
איז שוין גרייט געשטאַנען,
און די קלענסטע, לייעלע,
האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען.
ס'האָט געמיינט די שטיפערקע,
ס'איז א שפּיל אזא מין...

דאָס איז א בילד פון די אומגעהערטע אכזאָריעסן פון דעם פאַראכטן סוינע. דער דיכטער וויל אופקלערן די סיבעס, וועלכע ברענגען דערצו, אז אין באַשטימטע היסטאָרישע סיטואַציעס איז דער מענטש פייִק צו ווערן א חיה...

גאָנטאַרס מײַסטערשאַפט, אויב רעדן וועגן דער „טעכנאָלאָגיע" פון זײַן קונסט, איז פריִער פאַר אלץ דאָס קאָנען זען. ער איז אין דעם זין קרוויויש צו אזעלכע דיכטער, ווי האָפשטיין און האלקין. אוואדע איז גאָנטאַר אויך א מײַסטער פון קלאַנגען. אין איין ליד זאָגט דער דיכטער, אז עס טוט אים ניט באַנק, וואָס ער האָט די רעגעס פון לעבן צעשענקט די זינגענדיקע קלאַנגען. ער קאָן הערן און דערהערן די וועלט פון קלאַנגען, אלערליי רוישן און שאָרכן. זײַן אויער כאַפּט אוף די קוילעס פון דער נאַטור, דאָס שעפּטשען פון בלעטער, דאָס ברומען פון ווינטן, דאָס קנאַלן פון דונערן, דאָס פויגלגעזאַנג, די געשרייען פון מענטשן, די שטילקײַט פון פּאָנאַר —

ס'איז שטיל איצט אין פּאָנאַר,
נאָר, דאַכט זיך, באַלד
וועט אָט דעם שטילן אינדערפרי
צערײַסן א געשריי,
אַן איימעדיקער גוואַלד,
וואָס אין דער טיפעניש פון דר'ערד
זיך דאָ באַהאַלט, —
אָט־אָט וועט זי, די שטילקײַט,
ווערן אופגעריסן.

אזוינס הערן און דערהערן קאָן א דיכטער מיט א דינעם געהער. אין דער פּראָגראַם־ליד „באַנאַכט האָב איך געבלאָנדזעט" זאָגט גאָנטאַר, אז ער האָט פאַר זײַן געזאַנג געקליבן אין די טאָלן און וועלדער קלאַנג נאָך קלאַנג. און עס איז דאָך ניט צופעליק, וואָס א לידער־זאַמלונג זײַנע איז דערשינען אונטער דעם פילבאַדײַטנדיקן נאָמען „נעגינע".

יאָ, אווראָם גאָנטאַר איז אוואדע דער דיכטער פון קלאַנגען, פון מעלאָדישע ריטמען. אָבער נאָך מער און דעריקער איז ער דער פּאָעט פון פאַרבן. דאָס אויג איז דאָס וויכטיקסטע פון זײַנע מיטלען אופצונעמען די וועלט. דער דיכטער קלאָגט זיך:

גוואַלד, וואָס טוט מען מיט די אויגן?!
זיי זײַנען נײַגעריק און דאָרשטיק,
זיי ווערן קיינמאָל זאַט...

אין דער ליד „דער אָפּשײַן פון טײַך און פון מײַנע אויגן" איז אמערסטן אויסגעדריקט אָט די אייגנשאַפט פון גאָנטאַרס פּאָעזיע — פאַרקערפּערן און אָפּשפּיגלען אלץ דורך דעם אויג:

ווען מײַן האַרץ איז שטיל — זאָגן דאָס די אויגן,
ווען מײַן האַרץ איז שטיל — קאָן מען דעמלט
גלויבן,
אז איך האָב אין לעבן האָניק נאָר געשלונגען,
אז די גאָלד'נע פּאַווע האָט בא מײַן וויג
געזונגען.
איז מײַן האַרץ צעבראָזט — דערציילן אויך די
אויגן.
באַגעגן מיך ניט דאַן — מײַן בליק וועט דיך
צעשטויסן,
ווי דאָס בייזע וואַסער, דיר דײַן גוף צעברעכן,
ס'וועט דיך מײַן שוואַרצאַפּל ווי מיט נאָדלען
שטעכן.

גאָנטאַרס שאַפונג צייכנט זיך אויס מיט רײַפקײַט. און ניט בלויז מיט רײַפקײַט פון פּאָעטישן וואָרט. קולטור פון וואָרט איז אייגנטימלעך זײַן גאַנצער ליטעראַרישער טעטיקײַט. די אוטאָביִאָגראַפישע דערציילונג „דער נאַקעטער פרינץ" — דאָס איז א באַווײַז פון שפּראַך־רײַכקײַט, פון ראַפינירטער קינסטלערישער געשטאַלטיקײַט, פון אויסגעטאָקטן דערציילערישן סטיל.

אומעטום אנטפּלעקט זיך גאָנטאַרס לאַנגדויערנדיקע שעפערישע ליטעראַרישע דערפאַרונג, זײַן אקטיווער אָנטייל אין ליטעראַרישן פּראָצעס אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן. ער איז א דערפאַרענער רעדאַקטאָר פון קינסטלערישער ליטעראַטור אין זשורנאַלן און אין פאַרלאַגן. ביכער פון ייִדישע פּאָעטן דערשײַנען אונטער זײַן רעדאַקציע.

אווראָם גאָנטאַר איז א דיכטער א נאָוואַטאָר. ער זוכט שטענדיק נײַע וועגן אין קינסטלערישן שאַפן. אין דער זעלבער צײַט איז זײַן שאַפונג טיף און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די בעסטע טראַדיציעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור און מיט די דערגרייכונגען פון דער דיכטונג פון אַנדערע פעלקער, באַזונדערס מיט דער רוסישער און אוקראַיִנישער ליטעראַטור.

אַף די לעבנסוועגן

די לעבנסוועגן פונעם מעכאַבער פון דעם נאָר־וואָס דערשינענעם בוך, דעם עסייִסט און טעאַטער־קריטיקער יעשוע ליובאָמירסקי געפינען זיך אין דער וועלט פון קונסט, מיט וועלכער ער האָט זיך פאַרבונדן פון דער סאַמע קינדהייט אָן, און אין דער ערשטער ריי — אינעם טעאַטער. אַף זײַנע לעבנסוועגן האָט יעשוע ליובאָמירסקי געהאַט דאָס גליק זיך צו טרעפן מיט פילבאַדײַטנדיקע פּערזענלעכקייטן: שרײַבער, קאָמפּאָזיטאָרן, מאָלער, רעזשי־מײַסטערס, קונסט־קענער, אַקטיאָרן. וועגן זיי טאַקע דערציילט ער אין די מעמואַריסטישע פאַרצייכענונגען, וועלכע זײַנען אויפגעזאַמלט אין בוך.

י. ליובאָמירסקי לאָזט אַליין ריידן די קינסטלער, זײַנע מעמואַרן זײַנען בעדערעך־קלאַל געבויט אַף דעם דיִאַלאָג, פּינקטלעכער גערעדט — אַף דעם ווי־קועך. דאָס העלפט אים אויסמײַדן איינאַרטיקײַט, מאָנאָטאָנישקײַט. אָפטמאָל ווערט די דיסקוסיע געפירט צווישן דעם מעכאַבער און דער פּערזענלעכקײַט, וועמענס קינסטלערישער פּאָרטרעט עס ווערט געצייכנט. אַזוי האַנדלט ליובאָמירסקי, צום בײַשפּיל, אין דער פאַרצייכענונג „שלוימע מיכאָעלס". דערבײַ ווענדט ער אָן אַן אייגנאַרטיק קינסטלעריש מיטל, וואָס אַקטיוויזירט דעם אינטערעס פונעם לייענער. ער טוט בעקיוון אַף זיך אָן אַ מאַסקע פון יענע קריטיקער, וועלכע האָבן גאַנץ אָפט, פון וווּלגאַר־סאָציִאָלאָגישע פּאָזיציעס, אָנגעגריפן מיכאָעלסן דעם אַקטיאָר און רעזשיסער. דער מעכאַבער איז ניט מאַסקים מיט זיי, ער פאַרשטייט גוט זייער טענדענציִעזקײַט. און דאָך מאַכט ער דעם אָנשטעל, אַז ער רעדט אין זייער נאָמען, קעדיי געבן די מעגלעכקײַט דעם גרויסן קינסטלער לאָגיש און קאָנסעקווענט, מיט דער בײַטיקער פּאָלעמישער שאַרפקײַט, אָפּצופרעגן זייערע טײַנעס און מײַנעס. דאָס לעצטע וואָרט אינעם וויקועך ווערט געגעבן מיכאָעלסן.

אין אַ ריי פאַרצייכענונגען, ווו עס שווימט ווידעראַמאָל אויף דאָס געשטאַלט פון שלוימע מיכאָעלסן, ווערט דער דיִאַלאָג געפירט צווישן דעם אווטאָר און אַנדערע מענטשן, צום בײַשפּיל, דעם קאָמפּאָזיטאָר לעוו פּולווער, דעם מאָלער ראָבערט פאַלק, דער קונסט־קענערן ליובאָוו גורעוויטש, דעם אַקטיאָר בײַניאָמין זוסקין, אָדער סטאַם מיט צושויער פון די טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אין דער פאַרצייכענונג „בײַניאָמין זוסקין" פאַרנעמט אַ באַדײַטנדיק אָרט דער דיִאַלאָג צווישן סטודענטן פון דער מאָסקווער טעאַטראַלער שול אַף שטשוקינס נאָמען און דעם אַקטיאָר זוסקין אָדער דעם מעכאַבער. די פאַרשיידענע דיִאַלאָגישע פאָרמען, וועלכע ס'באַנוצט ליובאָמירסקי, באַלעבן די מעמואַרן, מאַכן זיי אינטערעסאַנט, פאַרכאַפּנדיק, העלפן דעם מעכאַבער אויסצומײַדן טרוקענעם אַקאַדעמיזם.

עס פאַרדינט אויפמערקזאַמקײַט די גוט דורכגעטראַכטע אַרכיטעקטאָניק פון דער זאַמלונג. אין יעסאָד איז געלייגט דער כראָנאָלאָגישער פּרינציפּ. צוערשט גייט אַ סעריע באַשרײַבונגען וועגן באַגעגענישן מיט די גדוילע־האַדאָר פון דער פאַרגאַנגענהײַט, מיט וועלכע דער מעכאַבער האָט געהאַט די זכיִע זיך צו טרעפן אין די קינדער־ און יוגנט־יאָרן (ביאַליק, מענדעלע, פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם, פרוג אאַ.). דאַן קומען בעהאַדראָגעדיק שילדערונגען פון באַגעגענישן מיט אָנגעזעענע שעפער־מיטצײַטלער (ש. האַלקין, ר. באָיאַרסקע, ר. פאַלק, ל. גורעוויטש, ל. פּולווער, מ. מילנער, קלאַרע יונג, דער ניסטער אאַ.); דאָס צענטראַלע אָרט צווישן זיי פאַרנעמען ש. מיכאָעלס און ב. זוסקין.

ניט אַלע אָנגעמאָלטע דורך י. ליובאָמירסקין פּאָרטרעטן זײַנען גלײַכווערטיק. אייניקע זײַנען געגעבן פראַגמענטאַריש, עסקיזאַרטיק, אין זיי ווערט אויפגעדעקט וויניק נײַס, אָבער די מערהײַט קינסטלערישע פּאָרטרעטן זײַנען פולבלוטיקע, און אָנגעשריבן זײַנען זיי מיט ליבע צו די שעפער פון דער פאַרגאַנגענהײַט, מיט גוטן פאַרשטאַנד פאַר זייערע אויפטוען.

י ע ש ו ע ל י ו ב אָ מ י ר ס ק י. אַף די לעבנסוועגן. פאַרצייכענונגען. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", מאָסקווע, 1976.

י. ליובאָמירסקי ווייסט, ווי אַזוי אויסצוגעפינען די נייטיקע „ראָזשינקע“ אינעם שעפערישן געשטאַלט פון דעם אָדער יענעם קינסטלער. אפילע אין די קורצע באַשרײַבונגען פון די באַגעגענישן מיט גרויסע מײַסטערס ווערן אויסגעטיילט באַזונדערע ספּעציפישע שטריכן, וועלכע באַרײַכערן אונדזער פאָרשטעלונג וועגן זיי.

פיל אַנטפּלעקונגען ווערן געמאַכט אין די פאַרצייכענונגען וועגן די שעפער־מיטצײַטלער, מיט וועלכע י. ליובאָמירסקי האָט געהאַט די מעגלעכקײַט צו קומען אין אָפטן באַריר און וועמענס אַרויסזאָגונגען וועגן דער שעפערישער פּראַקטיק עס איז אים געלונגען צו פאַרהיטן אין זיקאָרן ווי ווײַט מעגלעך אין דער פולער מאָס.

אַזוי איז, צום בײַשפּיל, כאַראַקטעריסטיש פאַרן מעהוס פון ש. האַלקינס שאַפן זײַן אַרויסזאָגונג: „מײַן דיכטונג איז א לײַבלעכע קרויווע מיטן ווי־ליאָנטשעל. אַלעמאָל, ווען איך הער א ווילי־אָנטשעל, דערשפּיר איך אין איר טעמבער, אין אירע קלאַנגען די נעשאָמע פון מײַן דיכטונג“.

טרעפלעך ווערן אויפגעדעקט אייניקע שטריכן פון דעם שאַפונגס־פּראָצעס בא דער קאָמפּאָזיטאָרן ריווע באָיאַרסקע. לעמאָשל, דאָס אויסנוצן קאָלירן־שפּיל. „געוויסע קלאַנגען, — האָט דערציילט די קאָמפּאָזיטאָרן, — שטעלן זיך פאַר מײַן פאַנטאַזיע קאָלירנדיק, טיילווײַז ווי אין העלער קאָליר, טיילווײַז ווי א גאַנצע גאַמע פאַרבן“. כאַראַקטעריסטיש און באַלערעוודיק איז די געשיכטע וועגן דעם, ווי אַזוי ס׳איז געבאָרן געוואָרן באָיאַרסקיס באַקאַנטע „וויגליד“ אַף דעם טעקסט פון ש. דריז, אין וועלכער ס׳געפינט אַן אָפּקלאַנג די באַבי־יאַר־טראַגעדיע. „ריווע באָיאַרסקע האָט געבעטן דריזן עטלעכע מאָל דורכלייענען דעם טעקסט פון דער ליד... אין אָוונט בעט זי, איך זאָל איר לייענען ביאַליקס „דאָס לעצטע וואָרט“ און „על השחטה“. ווען איך לייען די שורעס „נקמת דם ילד קטן עוד לא ברא השטן“ („אפילע דער טײַוול האָט נאָך ניט צוגעטראַכט אַזא נעקאָמע, וואָס זאָל אימשטאַנד זײַן מעקײַעם־פּסאַק זײַן פאַר דער בלוט־פאַרגיסונג פון א פּיצל קינד“), האָט זי שטאַרק זיך צעוויינט, און איך האָב לאַנג זי באַרויִקן ניט געקאָנט. אין דרײַ טעג אַרום איז פאַרטיק געוואָרן די מוזיק“.

אין דער פאַרצייכענונג „באַגעגענישן מיטן קינסטלער ר. פאַלק“ קלאָרט י. ליובאָמירסקי אויס די ספּעציפיק פון עכטער טעאַטראַלער מאָלערײַ. אַף א ריי בײַשפּילן ווערט באַגרינדעט די נייטיקײַט פון האַרמאָנישער שעפערישער מיטאַרבעט פון דעם טעאַטראַלן מאָלער מיט דער רעזשי און מיט די אַקטיאָרן. פאַלק דערציילט, וויפל מי עס האָט אים געקאָסט און ווי שווער עס זײַנען געווען די זוכונגען, ביז עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרײַנצוטראָגן א צושטײַער אין דער אויספורעמונג פון דער באַזונדערער אַטמאָספער, וועלכע הערשט אינעם ספּעקטאַקל „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק“. פאַלק פאַרורטיילט די טענדענץ פון אייניקע טעאַטראַלע מאָלער זיך פאַרשפּאַרן אין די ענגע דאַלעדאַמעס פון טעאַטראַלער דעקאָרירונג. „דאָס אויג פון א מאָלער, וואָס אַרבעט אין טעאַטער, — באַמערקט ער, — דאַרף זײַן ביז גאָר רײַך מיט דערפאַרונג אין פּראַט פון דערשפּירן רוים, פאַרב און ליכט. דעריבער טאָר ער זיך ניט אָפּרײַסן פון זײַן וואַרשטאַט — ער דאַרף אין דער זעלבער צײַט זײַן א סקולפּטאָר און אַרכיטעקטאָר“.

וועגן די שעפערישע זוכונגען פון אַקטיאָרן, זייער „גײַסטיק נאָכן פּראָטאָטיפּ“, דער אומדערמידלעכער אַרבעט איבער יעדער דעטאַל באַם צוגרייטן די ראָל — ווערט ברייט דערציילט אין די פאַרצייכענונגען וועגן רוון זאַסלאַווסקי, קלאַרע יונג, סאָרע ראָטבוים און באַזונדערס וועגן שלוימע מיכאָעלס און בינ־יאָמין זוסקין.

אינטערעסאַנט איז דער קינסטלערישער פּאָרטרעט פון קלאַרע יונג. מיר באַקומען א פאָרשטעלונג וועגן דער וועלט־באַרימטער מײַסטערן, וועלכע האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן דער קונסט.

אַלס בײַשפּיל פון קלאַרע יונגס זוכונגען ווערט געבראַכט איר דערציילונג וועגן דער צוגרייטונגסאַרבעט צו דער שטעלונג פון דער אָפּערעטע „שאַט, דער רעבע פאָרט“:

„איך האָב באַשלאָסן א פּאָר טאָן צו דעם סאַדעגורער רעבן, א קוק טאָן, ווי איז מען דאָרט זיך נויהעג... האָב איך געפּאַקט א מאַלבעש פון אַן אָרעמער יִידענע און בין געקומען פויעלן באַם רעבן — ער זאָל גאָט בעטן, אַז מײַן קראַנקער בעניאָכיד זאָל געזונט ווערן. אונטער אָט דעם אויסרייד האָב איך צוויי טעג באַם רעבן אין הויף זיך אַרומגעדרייט. א שאַרפע רִיִע פאַרמאָג איך, האָב איך דאָרט דערזען ניט ווייניק אַזוינס, וואָס איז מיר פאַר דער אָפּערעטע צוניץ געקומען“...

וויכטיקע פּראָטים פון דער שעפערישער פּראַקטיק פון אונדזערע גרעסטע בינע־מײַסטערס ברענגט ליובאָמירסקי אין די פאַרצייכענונגען „שלוימע מיכאָעלס“ און „בינ־יאָמין זוסקין“. ווי געזאָגט, פאַרנעמען זיי דאָס צענטראַלע אָרט אינעם בוך, און ס׳איז קעדײַ אַף זיי זיך אָפּצושטעלן עטוואָס גענויער.

די קינסטלערישע פּאָרטרעטן פון ש. מיכאָעלס און ב. זוסקין האָבן זייער באַזונדערן געבוי. דער מעכאַבער האָט זיך ניט געשטעלט קיין ציל צו געבן אויסשעפּנדיקע כאַראַקטעריסטיקעס. ער האָט זיך באַמיט אַרומכאַפּן בלויז די וויכטיקסטע עטאַפּן אין דער שעפערישער אַנטוויקלונג פון די צוויי אַרטיסטן. פונדאַנען שטאַמט די אייגנאַרטיקע סטרוקטור. יעדע פאַרצייכענונג ווערט אײַנגעטיילט אַף קאַפּיטלען, אין וועלכע ס׳זײַנען געגעבן אָפּהאַנדלונגען פון באַזונדערע ראָלן. די דערציילונגס־פאָרם איז דאָ די זעלבע, וואָס אין אַנדערע פאַרצייכענונגען: עס דאָמינירט נאָך אין א גרעסערער מאָס דער דיִאַלאָג, דער ווייקועך, נאָר דאָ נעמט די אויבערהאַנט ליובאָמירסקי דער טעאַטער־קריטיקער, און דעריבער טראָגן די אַרבעטן דעם כאַראַקטער פון טעאַטראַל־קריטישע עטיודן. די פאָרם פון קינסטלערישע פּאָרטרעטן פון באַזונדערע אַקטיאָרן האָט, נאַטירלעך, געשטערט דעם מעכאַבער צו געבן א טיפן אַנאַליז פון דער אָדער יענער פאָרשטעלונג אינגאַנצן גענומען. אים אינטערעסירן די שעפערישע פּערזענלעכקײַטן אַלס אַזעלכע, זייער אופּטו, די עוואָליוציע פון זייער שאַפן.

מיט דער הילף פון א גאַנצער ריי אויספירלעכע אַרויסזאָגונגען פון ביידע קינסטלער געלינגט ליובאָמירסקין דערטראָגן צום לייענער דעם פאַרנעם פון

יענער ריזיקער ארבעט, וואָס יעדן פון זיי איז אויס־
געקומען דורכצומאכן באַם צוגרייטן די אָדער יענע
ראָל, דעם אָדער יענעם ספּעקטאַקל, אופדעקן די
שעפערישע אייגנאַרטיקייט פון זייער שפּיל, און דע־
ריקער — דאָס נײַע, וואָס יעדערער פון זיי האָט
אַרײַנגעטראָגן אין דער טראַקטירונג פון וויכטיקע
ראָלן, באַזונדערס פון דעם קלאַסישן רעפּערטואַר.
פיל אכט ווערט געלייגט אף מיכאָעלסעס נאָוואַטאָ־
רישע אופטוען אַלס רעזשיסער.

ליובאָמירסקי באַווײַזט, אַז אינעם ספּעקטאַקל „מאַ־
סאָעס ביניאָמין האַשלישי״ האָט דער גאָסעט גע־
שטעלט דעם טראָפּ ניט אף דער כויזעקמאַכערײַ
איבער אַזעלכע אומבאַהאָלפענע נעפּאַשעס, ווי בי־
ניאָמין און סענדערל, נאָר אף זייער טראַגיזם. און
דערפאַר טאַקע ווערט אין די סצענישע פאַרקערפּע־
רונגען פון ביניאָמינען און סענדערלען דעריקער
געלייגט אכט אף דער אַנטפּלעקונג פון „די ליידן
און באַדנלאָזיקייט פונעם נאַיוון און ערלעכן פאָלקס־
מענטש, וועלכן ס׳איז אויסגעקומען זיך צוזאַמענ־
שטויסן מיט דער אומבאַראַכמאָנעסדיקער ווירקלעכ־
קייט״. ביניאָמין שטעלט זיך פאַר מיכאָעלסן „עלע־
היי אַ פויגל, באַ וועמען מע האָט אָפּגעהאַקט די
פליגל״, און אין זײַן ביניאָמינען פאַרכאַפּט דעם צו־
שויער „דער עקסטאַטישער גלאַנץ פון זײַנע אויגן,
דער קאָפּ, וואָס איז עטוואָס פאַריסן, און די אויגן,
וואָס זײַנען געווענדט אין די מערכאָקים״; אין זוס־
קינס סענדערל, באַ זײַן גאַנצער אויסערלעכער ניש־
טיקייט, ווערט באַטאָנט „די אינערלעכע אומשול־
דיקייט און זויבערקייט״, דאָס „קינדעריש־נאַיווע״.

אָן ענלעכן „הומאַנישן צוגאַנג צו די באַוולטע
און דערנידעריקטע״ טרעפן מיר, ווי ס׳באַמערקט
ליובאָמירסקי, אין מיכאָעלסעס קינסטלערישער פאַר־
קערפּערונג פון מענאַכעם־מענדלען („דער לופט־
מענטש״), אין זוסקינס סצענישער געשטאַלטונג פו־
נעם שאַדכן סאָלאָווייטשיק („צוויי הונדערט
טויזנט״) — ביידע ראָלן זײַנען דורכגעדרונגען ניט
מיט סאַרקאַזם, נאָר מיט לירישער איראָניע.

אינעם אַנאַליז פון די אופירונגען פון דעם לופט־
מענטש (זע דאָס קאַפּיטל „דער לופטמענטש״ אין
דער פאַרצייכענונג „שלוימע מיכאָעלס״ און דאָס
קאַפּיטל „ראַכמאָנעס האָבן און אויסלאַכן״ אין דער
פאַרצייכענונג „ביניאָמין זוסקין״) ווערן, לויט מײַן
מיינונג, דערלאָזט אייניקע ניט־פּינקטלעכקייטן. עס
שאַפט זיך דער אײַנדרוק, אַז דער מעכאַבער באַמיט
זיך דורכצופירן אַ באַשטימטע גרענעץ־ליניע צווישן
רעאַליזם און פאַנטאַסטיק בייסן באַהאַנדלען די אויס־
דרוק־מיטלען פונעם טעאַטער באַם אויספורעמען די
דאָזיקע ספּעקטאַקלען. די פאַנטאַסטיק און גראָטעסק
ווידערשפּרעכן ניט, ווי מיר דאַכט, דעם אַלגעמיינעם
רעאַליסטישן כאַראַקטער פון די דערמאָנטע פאָר־
שטעלונגען און זײַנען אַן אָרגאַנישער טייל פון זיי.
ניט אַלעמאָל איז פאַנטאַסטיק דער קעגנזאַץ צו רעאַ־
ליזם. אין דער קונסט פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע,
צום בײַשפּיל, האָט די פאַנטאַסטיק פאַרנומען אַ ביז
גאָר בעקאָוועדיק אָרט. זי איז געווען אַ וויכטיקער
קאָמפּאָנענט פונעם רענעסאַנסישן רעאַליזם. עס איז
דאָ אין דער קונסט־געשיכטע אַ ספּעציעלער באַגריף
פאַר דעם — „רעאַליסטישע פאַנטאַסטיק״. וואָס שײַך
דעם גראָטעסק, איז ער געווען איינער פון די באַ־
ליבטסטע מיטלען פון דער רעאַליסטישער סאַטירע
אין דער קונסט פון רענעסאַנס פונעם 18־טן און
19־טן יה. (אין דער ליטעראַטור — באַ ראַבלע,
סוויפט, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין אאַ.). די דאָזיקע ראָל
זײַנע האָט דער גראָטעסק ניט פאַרלאָרן אויך הײַנט־
צו־טאָג.

געװיס ווערט אינעם בוך באַהאַנדלט מיכאָעלסעס
טעוויע־פאַרקערפּערונג. ברענגענדיק אַ ריי אַרויס־
זאָגונגען פונעם אַקטיאָר, דעקט ליובאָמירסקי אוף
דעם אונטערשייד צווישן דער אופירונג פון „טעוויע
דעם מילכיקן״ אינעם גאָסעט און אין אַנדערע טעאַ־
טערן בייס די פריערדיקע פאָרשטעלונגען. די פאָר־
גייער האָבן זיך באַמיט צו באַווײַזן אף די בינע־
ברעטער שטייגערישע בילדער פונעם לעבן פון אַ
ייִדישער האָרעפּאַשנער מישפּאָכע און האָבן אין טאָך
פאַרקערפּערט אַ פאַמיליען־דראַמע. די וויכטיקסטע
סאָציאַלע פּראָבלעמען, וועלכע שאָלעם־אַלייכעם האָט
באַרירט אין זײַן ווערק, זײַנען געבליבן אויסער
זייער אופמערקזאַמקייט. אָנשטאָט דעם פויזענדיקן
שטייגעריזם איז אין מיכאָעלסעס אופירונג פון „טע־
וויען״ געקומען דער טראַגישער מאָמענט, די סאָציִ־
אַלע און געזעלשאַפטלעכע פּאַראַלגעמיינערונג. אינעם
גורל פון טעוויעס געזינד האָט געפונען אַן אָפּשפּיג־
לונג דער גורל פון דעם ייִדישן פאָלק אינגאַנצן גע־
נומען. די סאָציאַלע פּראָבלעמאַטיק פון שאָלעם־אַליי־
כעמס ווערק האָט געבילדעט דעם גרונט־טאָן פונעם
ספּעקטאַקל. ליובאָמירסקי באַמערקט מיט רעכט, אַז
דער טראַגישער אופאַסונג פונעם טעוויע־געשטאַלט
האָט אין אַ גרויסער מאָס מיטגעווירקט דאָס, וואָס
מיכאָעלס האָט געגרייט זײַן „טעוויען״ אין דער צײַט,
ווען די פאַשיסטישע באַנדעס האָבן געווילדעוועט אין
די לענדער פון אייראָפּע.

פאַכמעניש און טיף ווערט מיט דער הילף פון
אַן אימפּראָוויזירטער „דיסקוסיע״ אופגעדעקט די נײַע
אינטערפּרעטאַציע פון שעקספּירס „קיניג ליר״ אין
גאָסעט. דער אידייִש־קינסטלערישער טאַמצים פונעם
ספּעקטאַקל איז פאָרמולירט אין מיכאָעלסעס ווער־
טער, אַז „לירס לעבנסוועג אין אָט דער טראַגעדיע
פירט אים ניט פון פאַרעלטערטקייט צום קייווער,
נאָר פון דער אַלטער אָפּגענוצטער אידעאָלאָגיע צו
אַ באַנײַטן שטורמישן און אָן אַן ערעך ייִנגערן גע־
דאַנקענגאַנג״. מיט פאַרשטאַנד פאַר דער ספּעציפיק
פון דער אַקטיאָרן־שפּיל ווערן באַטראַכט באַזונדערע
סצענעס פונעם ספּעקטאַקל, עס ווערן אויסגעטײַטשט
אַ ריי זשעסטן, שפּיל־מאַנירן, מימישע ניואַנסן, וועל־
כע מיכאָעלס ווענדט אָן, קעדיי צו דערטראָגן צום
צושויער זײַן נײַע אופאַסונג פונעם ליר־געשטאַלט.

אויך דאָ שײַנט מיר פאַר ניט גענוג באַרעכטיקט
דער פּרוּוו פונעם מעכאַבער אײַנצוטיילן די אָנגע־
ווענדטע פונעם אַקטיאָר אויסדרוק־מיטלען אין באַ־
זונדערע סצענעס פונעם ספּעקטאַקל אף „רעאַליס־
טישע״ און „פאַנטאַסטיש־באַדינגלעכע״.

די אײַנטיילונג אף „רעאַליסטישע״ און „באַדינג־
לעכע״, „שטרײַטבאַרע״ און „אומבאַשטרײַטבאַרע״
סצענעס און שפּיל־מאַנירן רופט אַרויס אַ געוויסע
פאַרלעגנהייט. עס קאָן דאָ גיין אַ רייד, ווי מיר
דאַכט, בלויז וועגן אייניקע סצענעס, זשעסטן, מאַ־
נירן, וועלכע פאַרמאָגן אַ סימבאָלישן באַטײַט און
דערגייען ניט צום צושויער טייקעף־אומיִאַד, נאָר

פאַדערן א געוויסע אָנשטרענגונג, ביז דער צושויער דערקלײַבט זיך צו זייער טאָך. זיי בײַטיקן זיך אין א געוויסער דעשיפרירונג. אזא מין ארבעט מאכט טאַקע דורך דער מעכאַבער, ווען ער קלאָרט אויס דעם סימבאָלישן מײַן פון אייניקע סצענעס, און דער לייענער זעט באַשײַמפּערלעך, ווי די „באַדינגלעכע" קאָמפּאָנענטן שליסן זיך אָרגאַניש אָן אין מיכאָעלסעס אײנהײַטלעכער אידייש־קינסטלערישער קאָנצעפּציע פונעם ספּעקטאַקל. טאַקע דערמיט איז צו דערקלערן דעם פאַקט, וואָס מיכאָעלסעס נײַער צוגאַנג צו „קיניג ליר" האָט איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אין דער ווײַטערדיקער סצענישער געשיכטע פון שעקספּירס באַרימט ווערק. די מיכאָעלס־טראַדיציע, זײַן אופאַסונג, וואָס ווערט קורץ פאָרמולירט, ווי „דער וועג פונעם קיניג צום מענטשן", איז אָוועקגעלייגט געוואָרן אין יעסאָד פון די שפּעטערדיקע ליר־אופירונגען און אין דער ערשטער ריי פון דער באַוווסטער עקראַניזאַציע, וועלכע ס'האָט געמאַכט גריגאָרי קאָזינצעוו. אין דער סצענישער געשטאַלטונג פון די הויפּט־ראָלן, אין א ריי רעזשי־אײַנפאַלן אינעם פילם טרעפן מיר אייגנלעכע שטריכן, וואָס דערמאָנען דעם ספּעקטאַקל פון גאָסעט, מיכאָעלסעס און זוסקינס קינסטלערישע פאַרקערפּערונגען פון די געשטאַלטן פונעם קיניג ליר און דעם לעץ.

כוץ די אָפּהאַנדלונגען פון באַזונדערע ספּעקטאַקלען און ראָלן, טרעפן מיר אין די פאַרצייכענונגען א ריי אינטערעסאַנטע אַרויסזאָגונגען וועגן דער ספּעציפיק פון קונסט, באַזונדערס פון טעאַטראַלער קונסט. אזעלכע זײַנען, צום בײַשפּיל, מיכאָעלסעס אַרויסזאָגונגען וועגן דער „טעאַטראַלער אָווידע", וועגן דער באַדײַטונג פונעם געמיט־צושטאַנד פונעם אַקטיאָר באַם אויספּילן די אָדער יענע ראָל, וועגן דער נייטיקײַט, אז דער אַקטיאָר זאָל זײַן „באַגײַסטערט פון דער אידיי פון דער פּיעסע", וועגן דער פּרוכטבאַרקײַט פון אָנווענדן פאַרשיידנאַרטיקע מעטאָדן אין דער טעאַטער־קונסט און אַזוו.

די גרעסטע מעלעס פונעם בוך „אַף די לעבנס־וועגן" זײַנען: די לעבעדיקײַט, מיט וועלכער די פאַרצייכענונגען זײַנען געשריבן, די פּאַשטעטע מאַניר פון באַהאַנדלען ערנסטע פּראָבלעמען, די אינטימע האַרציקײַט, מיט וועלכער ס'ווערט דערציילט וועגן גרויסע קינסטלער און זייער אופטו. דאָס אַלץ איז א גאַראַנטיע, אז דאָס בוך וועט פאַרינטערעסירן די לייענער.

אַרן ראַסקין

דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן

קינסטלערישע פּראָזע? זיכרונעס? אויטאָבאָיאָגראַפישע עסקיזן? דעפּאָרטאַציע־ און געטאָ־באַשרײַבונגען? מאַטעריאַלן פאַר א פּינקעס וועגן כורבן פון די מאַראַמאַרעשאַנער יידן? — קיין איינער פון די אויסגערעכנטע זשאַנרען, באַזונדערס גענומען, שעפּט ניט אויס אין א פולער מאָס דעם אינהאַלט פון וואָלף טאַמבורס בוך „מאַראַמאַרעשאַנער", וועלכער איז דערשינען אין בוקאַרעשטער פאַרלאַג „קריטעריאָן". דאָס איז אָבער אויך ניט קיין עקלעקטיש ווערק, נאָר א מין סינטעז פון די אויבנדערמאָנטע זשאַנרען.

געבוירן אין א פאַמיליע פון א שנײַדער, האָט דער קלייןינקער וואָלף נאָך אין זײַנע קיינדער־יאָרן געוווּסט פון נויט און האָט קינדיש־טמימעסדיק זיך אײַנגעטראַכט אין זײַן טאַטנס דאַקעס־רייד (ווען דאָס קינד האָט געבעטן דעם פאָטער, ער זאָל אים קויפן א מאַטאָנע צום נײַעם יאָר, אזוי ווי סע פירט זיך בא די נעגידים): „מיר קענען זיך ניט פאַרגלײַכן צו די רײַכע". „ווען איך בין עלטער געוואָרן, — דערציילט ווײַטער דער אויטאָר, — האָב איך עס אליין פאַרשטאַנען. עס זײַנען פאַראַן צוויי וועלטן: איינע א זוניקע מיט א גרינעם פרילינג און טאָמידן זומער פאַר א קליינעם טייל מענטשן, פאַר די רײַכע, און איינע א וועלט א מאַרעשכוירעדיקע, א פאַרוואָלקנטע מיט שטענדיקן האַרבסט פאַרן גרעסטן טייל מענטשן, פאַר די, וואָס אַרבעטן".

די יאָרן גייען. און ווען דעם שרײַבער וואָלף טאַמבורס יינגעלע פרעגט: „אַף דער גאַנצער וועלט איז אזוי, טאַטע?", ענטפערט אים דער שרײַבער: „ניט אַף דער גאַנצער וועלט איז אזוי. ס'איז דאָ א לאַנד א גרויס, א גרויס, וואָס פון דער גאַנצער וועלט וואָלט מען קוים זעקס לענדער אזעלכע געקענט מאַכן (...). דאָרט איז טאָמיד פרילינג און זומער, און פריילעך פאַר אזעלכע קינדער, ווי דו. דאָרט איז דאָס לאַנד פון די אַרבעטנדיקע". וואָלף טאַמבור איז א קלאַסן־באַוווסטזיניקער שרײַבער, דאָס איז אויך צו זען פון זײַנער א פאַרצייכענונג „מײַן וואַל־רעדע", געדרוקט אין דעם זאַמלבוך „אופשטײַג". דער מעכאַבער מאַכט א פאַרגלײַך צווישן די וואַל־קאַמפּאַניעס אין דער אַלטער באָיאַרישער רומעניע און איצט. ער שרײַבט: „נעכטן זײַנען דאָ געשטאַנען די גווירים און גערעדט, און מיר האָבן זיי געמוזט הערן, ווײַל עס האָבן זיי געשטיצט די סיגוראַנצע און די פּאָלי־

וואָלף טאַמבור. „מאַראַמאַרעשאַנער", פאַרלאַג „קריטעריאָן", בוקאַרעשט, 1975. די דאָזיקע רעצענזיע, ווי אויך א נאָטיץ וועגן דער שאַפונג פון א. פּיאַטיגאָרסקאַיאַ, וועלכע וועט זײַן געדרוקט אין קומענדיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", דינען די לעצטע אַרבעטן פונעם איצט שוין פאַרשטאָרבענעם קריטיקער מוניע גלייזער (רעד.).

צײַ", די זשאנדארמען און די ייִדישע מאָסרים; הײַנט זײַנען מיר בײַ דער מאכט, מיר ווילן זיך אויס מענטשן פון אונדזעריקע, אָרנטלעכע, ערלעכע"...

וועגן דעם ווײַטערדיקן גורל פונעם שרײַבער ווערן מיר געווירע פונעם נאָכוואָרט צום בוך „מאַראמאַרעשאנער", געשריבן פון דעם בוקארעשטער טעאטראל און עסײיִסט איזאָ שאפּיראָ. מיר ציטירן: „וואָלף טאמבור האָט מיטגעמאכט א לאנגן, קאָמפּליצירטן וועג. ער ווערט מאָביליזירט אין די אונגארישע צוואנגס־ארבעט־באטאליאָנען, פאלט ארײַן אין געפענקעניש, פונוואנען ער גייט אוועק אלס פרײַוויליקער אין די רייען פון דער רומענישער אנטיפאשיסטישער דיוויזיע. דאָרט איז ער געוואָרן אן אקטיווער אָפיצער פון דער נײַער דעמאָקראטישער ארמיי ביזן ראנג פון א קאָלאָנעל".

אין דער ייִדישער ליטעראטור פון רומעניע איז וו. טאמבור ניט קיין פּאָנעם־כאדאָשעס. ארבעטנדיק אין דער דרוקערײַ פון דער טשערנאָוויצער וואָכנבלאט „דאָס ייִדישע וואָרט", דעביוטירט ער דאָרט מיט זײַנער א דערציילונג אין א יאנוואר־נומער פון 1935. אין א בוך־פאָרם זײַנען דערשינען זײַנע פּראָזע־ווערק „בײַ דער טיר" (טשערנאָוויץ, 1937), „מײַן היים" (סיגעט, 1940), „פרילינג אָן זון" (אראד, 1947), „מוישע" (אראד, 1948).

דער בוך „מאראמאַרעשאנער" איז טאמבורס סאַמע וויכטיק ווערק. די צײַט פון דער האנדלונג — ערעוו, בעשאס און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. דער געאָגראפישער הויפּט־פּלאצדארם, וווּ און פונוואנען עס ווערן פאנאנדערגעוויקלט די געשעענישן, איז דאָס היימלאנד פונעם שרײַבער, מאראמאַרעש, א רומענישער קאנט (מיט דער הויפּטשטאָט סיגעט), וואָס איז לויטן היטלערישן דיקטאט אָקופּירט געוואָרן מיצאד דער פאשיסטישער האָרטי־רעגירונג. מיט קינסטלערישער קראפט ווערט דערציילט, ווי די אונגארישע פאשיסטישע מאכט איזדיעקעוועט זיך איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג און פירט דורך די אויסראָטונגס־פּאָליטיק בענעגייע די מאראמאַרעשאנער ייִדן (ערשטער ציקל דערציילונגען — „מיט דער געלער אָרעמבאנד"). דער צווייטער ציקל דערציילונגען, וועלכער טראָגט דעם נאָמען „מײַן ברודער פּײַוויש", איז אווטאָבײִאָגראפיש און גיט א בילד פונעם אמאָליקן שטייגער־לעבן אין דעם אווטאָרס קאנט. דער דריטער ציקל הייסט „אין געראנגל מיט זיך". דער הויפּט־העלד איז דאָ די מאַראמאַרעשער טאָכטער, סערל, א מיידל מיט א שטארקן ווילן און מוטיקער האלטונג. זי מאכט דורך די דעפּאָרטאציע קיין אָשוועניטשים און בלײַבט אלפּינעס לעבן. דער הויפּט־פּערסאָנאזש אין דעם פערטן ציקל דערציילונגען — „יעדן מוז מען געפינען א זכוס" — איז די יעסוימע גיטל, וועלכע ווערט עקספּלואטירט אלס דינסטמיידל בײַ אירע קרויווים, נאָר צום סאָף קלײַבט זי זיך פאנאנדער אין דעם קלאסן־מעהוס פון דער געזעלשאפט, עס שטארקט זיך איר באוווּסטזײַן, און זי הייבט אָן צו „פארשטיין דעם גאנג פונעם געראנגל מיט דעם פאשיזם".

פאר טאמבורס שעפערישער מאניר זײַנען כאראקטעריסטיש פובליציסטישע אָפּווײַכונגען, אפאָריסטישע רייד, וואָס דריקן אויס דעם אווטאָרס כעזשבן־האנעפעש־געדאנקען און באָאָבאכטונגען. צו זײַנע שילדערונגס־מיטלען געהערן: הומאָר, טרעפלעכע בילדערישע פארגלײַכן, ווי אויך דאָס אײַנפלעכטן אין סוזשעטישן געוועב לעגענדעס. די שפּראך איז אָנגעזעטיקט מיט פאָלקס־אויסדרוקן און העברעיִזמען. צום סאָף פונעם בוך ווערט געבראכט א רעשימע פון די געברויכטע מאראמאַרעשער לאָקאליזמען און זייער אויסטײַטש.

אײַנקורצן וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אַף אייניקע בלויזן אינעם בוך. איזאָ שאפּיראָ איז אוואדע גערעכט, ווען ער שרײַבט אין זײַן נאָכוואָרט: „פון מיזרעך (...) קומט די יעשועע". פארוואָס זשע איז, לעמאָשל, אין קאפּיטל „באפרײַונג", ווו עס ווערט באשריבן די פרייד פון די באפרײַטע לעבנגעבליבענע אָשוועניטשימער אסירים, ניט אָנגעוויזן, אז די העלדישע סאָוועטישע ארמיי האָט אויסגעפילט די אינטערנאציאָנאלע היסטאָרישע מיסיע צו באפרײַען די שיירעס־האפּלייטע פון אונדזער פאָלק? עס זײַנען אויך צווייפלהאפט די האנאָכעס, וואָס ווערן ארויסגעזאָגט אין די פארשיידענע דיסקוסיעס וועגן ייִדן, וועגן שאָוויניזם, נאציאָנאלן ניהיליזם אאוו. אָבער דאָס איז שוין א טעמע, וואָס פּאָדערט א ברייטערע באהאנדלונג. אינגאנצן גענומען באזינגט דער בוך די ווירדע און דרייסטקײַט פונעם מענטשן, וועלכער איז קעגנגעשטעלט דער פאשיסטישער כײַע. וואָלף טאמבור איז דער שילדערער פונעם מענטשלעכן אינעם מענטשן.

מוניע גלייזער

וועגן בלוט און וועגן ערד

עס איז, קאָן מען זאָגן, שווער צו געפינען אזא שטאָט, וועמעס אײַנוווינער זאָלן ניט פילן צו איר קיין ליבע און צוגעבונדנקײַט. אויך מיט דער הויפּטשטאָט פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק ווילנע שטאָלצירן די אײַנוווינער. זיי זײַנען שטאָלץ מיט דער אוראלטער ווילנע און האָבן זי ליב, כאָטש די באפעלקערונג אירע איז אין דער גרעסטער מערהײַט שוין א נײַע, אלטע טוישעווים זײַנען געבליבן ווייניק.

ווען אין שטאָט זײַנען ארײַן די סאָלדאטן פון דער סאָוועטישער ארמיי צוזאמען מיט די פּארטיזאנער, באפרײַענדיק זי פון די היטלערישע אָקופּאנטן, האָבן זיי דערזען האלב־כאָרעווע הײַזער מיט פּוסטע לעכער אָנשטאָט פענצטער.

די פּראָבלעם פון באזעצן די שטאָט איז ניט אַף לאנג געבליבן א פּראָבלעם. איצט קאָנען מיר זאָגן,

„ירושאָלאַיִם דעליטע", ניו־יאָרק, 1976.

אַז אין ווילנע לעבט אַ פרײַנטלעכער פילנאַציאָנאַלער מענטשן־קאָלעקטיוו. וועגן דעם, וויפל קענטשאַפט, ליבע און געשמאַק עס איז אַרײַנגעלייגט געוואָרן אינעם אופשטעלן די שטאָט, זאָגט איידעס כאָטש דאָס, וואָס די נײַ־געשאַפענע אַרכיטעקטור־אַנסאַמבלען זײַנען אָפּגעמערקט: די קוואַרטאַלן פון זשירמונײַ — מיט אַ מעלוכע־פּרעמיע, די קוואַרטאַלן פון לאַדזינײַ — מיט דער לענין־פּרעמיע.

ס'איז אויך באַוווּסט, ווי זאָרגזאַם עס ווערט אופגעשטעלט און פאַרהיט אַלדאָס ווערטפולע, וואָס איז גאַנץ געבליבן פון דער אוראַלטער אַרכיטעקטור. און ווען אין געראַטעוועטע פון דער צײַט און פון באַרבאַרישע מילכאָמע־רוינירונגען אַלטע געבײַדעס, פאַרבונדענע מיטן אָוואָר פון דער אָדער יענער נאַציאָנאַליטעט, קלײַבט זיך אַרײַן אַ מוזיי אָדער אַ ביבליאָטעק, פרייט דאָס אַלעמען — די ליטווינער, די ייִדן, די רוסן, די פּאָליאַקן, און אַלע באַנוצן זיך מיט די דאָזיקע קולטור־ווינקלען.

אָבער מיכוץ די גרענעצן פונעם סאָוועטנלאַנד זײַנען נאָך פאַראַן ניט ווייניק אַזעלכע, וועלכע זוכן פאַרשיידענע געלעגנהײַטן, קעדיי צעצינדן דעם נאַציאָנאַלן אומצוטרוי, אופוועקן די נידעריקע געפילן פון נאַציאָנאַלער סינע. צו זיי געהערן, ווי עס איז צו זען, די פאַרלעגער און רעדאַקטאָרן פונעם בוך „ירושאָלאַיִם דעליטע", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו־יאָרק אויף ייִדיש, איווריט, ענגליש און רוסיש. דאָס איז אַ פּראַכטפולע דרײַבענדיקע אויסגאַבע מיט אַ סאַך אילוסטראַציעס און אָנווײַזערס, מיט אַ ביבליאָגראַפישן אַפּאַראַט און אָנמערקונגען פונעם צונויפשטעלער. ליידער איבערצײַגט מען זיך זייער גיך, אַז דער רעדאַקטאָר און דער צונויפשטעלער האָבן לאַכלוטן ניט געטראַכט וועגן געבן אַ וואָרהאַפטיקע באַלײַכטונג פון דער געשיכטע פון ווילנע. פאַרקערט, זיי האָבן געטאָן אַלץ, קעדיי פאַרקריפּלען די ווירקלעכע פאַקטן.

אינעם פאָרוואָרט שרײַבן די אַוטאָרן, אַז זייער ציל איז — באַזאָרגן „דעם פאַראינטערעסירטן לייענער און דעם פאָרשער מיט אָביעקטיווע פאַקטן. אויסטײַטשן די מאַטעריאַלן לאָזן מיר איינגאַנצן איבער פאַר דעם לייענער..." עס איז גענוג ניט מער ווי פּאָשעט אַ בלעטער טאָן די אויסגאַבע, קעדיי דערזען די פאַלשקײַט פון די דאָזיקע ווערטער. דער אָפּקלײַב פון די מאַטעריאַלן, די טראַקטירונג פון די פאַקטן, דער עצעם פאַרטראַכט פונעם בוך — אַלץ איז געפעלשט.

אָט וואָס עס שרײַבט, לעמאָשל, דער צונויפשטעלער לייזער ראַן: „אין 1944 — 1945 האָבן מיר אין ווילנע, וואָס איז באַפרײַט געוואָרן פון די פאַשיסטן, זיך געטראָפן מיטן טראַגישן פאַקט, אַז מע האָט פולשטענדיק פאַרניכטעט די ייִדישע קעהילע פון דער שטאָט, אַלע אירע גײַסטיקע און קולטורעלע ווערטן... די „באַפרײַער" האָבן אָנגענומען אַן „ענדגילטיקן באַשלוס" צו פאַרענדיקן די ליקווידאַציע פונעם אָרגאַניזירטן ייִדישן לעבן אין אַלע זײַנע אַנטפּלעקונגען". באַמערקט, אַז דאָס וואָרט „באַפרײַער" (עס האַנדלט זיך בעלי־סאָפעק וועגן דעם סאָוועטישן מיליטער. — ה. ז.) נעמט ראַן אַרײַן אין גענדזנפיסלעך. דאָס וואַרפט אָן מאַמעש אַ גרויל,

אָבער אַזוי טוט ראַן, האַלטנדיק פונעם וואָרטל, אַז פּאַפּיר קען אַלץ פאַרטראָגן.

שטעלן אונטער אַ סאָפעק די באַפרײַערישע מיסיע פון דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע האָט געראַטעוועט פון טויט דאָס געבליבענע הײַפל ווילנער אײַנוווינער, און נאָך פאַרעכענען אויף איר כעזשבן די רעציכעס פון די היטלער־טאַליאָנים, וואָס האָבן אויסגעראָטן קימאַט פולשטענדיק די גאַנצע באַפעלקערונג פון שטאָט — סײַ די ייִדן, סײַ די ליטווינער, סײַ די רוסן, — דערויף וואָלט זיך ניט אופגעהויבן די האַנט אַפילע בײַ די סאַמע פאַרדאָרבענע רעכילעסטרײַבער.

מענטשן, וואָס געדענקען די לעצטע מילכאָמע־יאָרן, וועלן קיינמאָל ניט קאָנען אויסמעקן פון זייער זיקאָרן די פרײדיקע טרערן אין די אויגן פון די קאַצעטניקעס אין די טויט־לאַגערן, וועמען עס האָט באַפרײַט די אַרמיי פונעם סאָציאַליסטישן סאָוועטנפאַרבאַנד. איך אַליין בין געווען אויף דער צײַטווײַליק אָקופּירטער טעריטאָריע פון ליטע, און איך קען איידעס זאָגן: די צאָל קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם אין די טויט־לאַגערן און ביכלאַל די צאָל מילכאָמע־קאָרבאָנעס האָט געקאָנט זײַן אַ סאַך אַ קלענערע, ווען, ערשטנס, די פאַרבינדעטע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד — ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע — וואָלטן געעפנט דעם צווייטן פראָנט פריִער, ניט דעמלט, ווען די סאָוועטישע אַרמיי איז שוין אַריבער די גרענעצן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד; צווייטנס, ווען די ציוניסטן, וועלכע זײַנען דורך די היטלעריסטן געשטעלט געוואָרן בעראָש פון די אַזוי־גערופענע געטאָס, און פאַקטיש טויט־לאַגערן, וואָלטן געלאָזט די ייִדן אַוועקגיין פון דאָרטן צו די פּאַרטיזאַנער.

ל. ראַן זעט ניט — ריכטיקער, ער וויל ניט זען די עמעסע סיבעס פונעם אומקום פון די ייִדן אין געטאָ. דעריבער איז ניט בלויז, וואָס ער דערמאָנט ניט די היטלעריסטן, ער זאָגט אויך קיין וואָרט ניט וועגן די פאַרברעכנס, וועלכע ציוניסטישע פּאָליטיקער זײַנען באַגאַנגען בענעגייע דעם ייִדישן פאָלק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

די גרונט־אידיי פון דער דרײַבענדיקער אויסגאַבע איז — אָפּטיילן די ייִדן פון דער איבעריקער באַפעלקערונג, קינסטלעך אָפּרײַסן זיי פון אַלץ, וואָס איז „ניט ייִדיש". דאָס איז אַן אַלטע ציוניסטישע אידיי. די ראַבאָנים, דערנאָך די ציוניסטן האָבן אין אַלע צײַטן געוואָלט האַלטן די ייִדן איזאָלירט פון דער ווילנער באַפעלקערונג. נאָר אויב דאָס האָט זיך געקאָנט אײַנגעבן פריִער, איז דאַן, ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט די באַפרײַערישע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, ווען עס איז געוואַקסן דער קלאַסנוואָר זעלבסטבאַוווּסטזײַן, האָט די דאָזיקע אידיי געמוזט דורכפאַלן. דער געמיינזאַמער קאַמף פון די אַרבעטנדיקע קעגן די אונטערדריקער האָט דערנענטערט די ייִדן מיט די ניט־ייִדן. אָט דער אָביעקטיווער פאַקט לאָזט ניט רוען די אַוטאָרן פונעם בוך.

עס איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס דער צאָרן און דער האַס פון די צונויפשטעלער און אַוטאָרן פון דער אויסגאַבע וועגן ווילנע איז געווענדט קעגן די קאָמוניסטן, וועלכע זײַנען שטענדיק אַרויסגעטראָטן אַנטשיידן פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אייניקײַט פון די אַרבעטנדיקע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

קעגן די פּרוּוון צו צעשפּאַלטן זיי לויטן נאַציאָנאַלן סימען. ל. ראַן און זײַנע מיטאַווטאָרן וואַרפן, לעמאָשל, א באַשולדיקונג, אַז „די סאָוועטנמאַכט איז דערגאַנגען ביזן לעצטן גראַד פאַרשווײַגן די ייִדישע פאַרגאַנגענהײַט פון ווילנע... עס איז ניט געווען און עס האָט ניט עקזיסטירט קיין ירושאָלאַיִם דליטע!"

גו, מיילע, קיין סאָוועטישער אווטאָר וועט, נאַטירלעך, אין וויסנשאַפטלעכן קאָנטעקסט ניט אָנרופן ווילנע אַלס ירושאָלאַיִם דליטע. ס׳איז באַוווּסט, אַז אָט דעם אויסדרוק האָבן צוגעטראַכט מענטשן מיט איבערגעטריבענער נאַציאָנאַלער פאַנטאַזיע און רעליגיעזע פאַנאַטיקער. נאָר אויב ריידן וועגן דער עמעסער געשיכטע פונעם ייִדישן טייל פון דער באַפעלקערונג פון ווילנע, איז אָט ליגט פאַר מיר א קאַפּיטאַל ווערק „פאַרצייכענונגען וועגן דער געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ליטע". אין אָט דעם ווערק זײַנען פאַראַן הונדערטער ייִדישע פאַמיליעס, נעמען פון ייִדן־רעוואָלוציאָנערן. עס זײַנען אָנגערופן ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. איך לייען אָן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די ייִדן. און אָט איז די „קליינע ליטווישע ענציקלאָפּעדיע", אַרויסגעגעבן אין ווילניוס 1966 — 1971. ווידער צענדליקער אַרטיקלען, דערונטער וועגן ווילנע, וועגן די ווילנער ייִדן, וועגן ייִדן־רעוואָלוציאָנערן און פּאָרגעשריטענע מענטשן.

עס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען ניט ריכטיק צו האַלטן, אַז די ייִדישע טעמע אין דער געשיכטע פון ליטע איז אויסגעשעפּט. די היסטאָריקער אַרבעטן אָף אָט דער טעמע און זיי וועלן, בעלי־סאָפעק, אַרבעטן אויך ווײַטער, אָבער באַשולדיקן אונדז אין „פאַרשווײַגן" קאָנען בלויז יענע, וועלכע ווילן בעקיוון פאַרפירן אין א טאָעס די עפנטלעכקײַט.

באַזונדערס זעט זיך אָן די טענדענציעזקײַט פון די אווטאָרן פון „ירושאָלאַיִם דליטע", ווען זיי באַלײַכטן דעם קאַמף פון די ייִדן קעגן די היטלער־פאַשיסטן. פאַרשווײַגן דעם דאָזיקן קאַמף איז אוממעגלעך, וויפל עס זאָל זיך עמעצן ניט וועלן. דעריבער ווערט אין דער רעצענזירטער אויסגאַבע דערציילט וועגן דעם. נאָר וויאַזוי! די אווטאָרן מײַדן אויס דעם פאַקט, וואָס איז פאַר זיי ניט אָנגענעם, אַז מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין ליטע, מיט דער באַוועגונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אויך ייִדן, האָט אָנגעפירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אין בוך זײַנען געגעבן פאָטאָגראַפיעס פון פּאַרטיזאַנישע אָנפירער — ייִדן לויט דער נאַציאָנאַליטעט, נאָר אין ערגעץ וועט דער לייענער ניט געפינען קיין רעמעז אַפילע, אַז זיי אַלע זײַנען קאָמוניסטן. כאָטש אין אַנדערע פאַלן ווערט שטענדיק אָנגעוויזן די פּאַרטייִשע אָנגעהעריקײַט פון דעם מענטשן, אויב ער איז ניט קיין קאָמוניסט.

באַזונדערס זאָרגעוודיק און אויפמערקזאַם זײַנען די אווטאָרן צו יענע, וועער עס האָט מיטגעאַרבעט מיט די היטלעריסטן און געשטערט די ייִדן אינעם קאַמף קעגן די פאַשיסטישע טאַליאָנים. סטאַראָסטע פון דער ווילנער געטאָ איז געווען דער טרויעריק באַוווּסטער גענס. אים כאַלעשן די צונויפשטעלער רײַנוואַשן. זיי ברענגען אָן אויסצוג פון זײַנער א רעדע, וועלכע ער האָט קלוימערשט געהאַלטן פאַרן פאָלקס־געריכט. „איך פיר א כעזשבן פונעם ייִדישן בלוט, אָבער ניט פון דער ייִדישער ערע. אויב מע וועט באַ מיר פאָדערן הונדערט ייִדן, גיב איך. ווײַל אויב מיר, ייִדן, וועלן ניט געבן, וועלן קומען די דײַטשן, און די גאַנצע געטאָ וועט ווערן פאַרניכטעט. ברענגענדיק אַלס קאָרבן הונדערט, ראַטעווע איך טויזנט; די טויזנט, וועלכע איך גיב, ראַטעווען צען טויזנט". ס׳איז ניט פעסטגעשטעלט, צי דאָס זײַנען עמעסע ווערטער צי ניט, נאָר איינס איז קלאָר: זיי אַנטשפּרעכן דעם געדאַנקענגאַנג פון די ציִעניסטן און פון זייערע נאָכטענצער אין געטאָ. ברענגענדיק אָט די דערקלערונג, האַלטן, אַפּאָנעם, די צונויפשטעלער פונעם בוך, אַז זיי רעאַביליטירן דעם דאָזיקן טוער, שטעלן אים פאָר אין א גינסטיקער שײַן. גענס האָט דאָך קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן ווידערשטאַנד. אינדערעמעסן אָבער איז די ציטירטע רעדע א האַרבע באַשולדיקונג קעגן גענסן און זײַן גלײַכן. א מענטש אָן ערע, זאָגט זיך גענס אָפּ צו פאַרטיידיקן די ערע פון די ייִדן, ער קלײַבט זיך אָבער, קלוימערשט, ראַטעווען זייער בלוט. און אינדערעמעסן: ער האָט געגעבן טויזנט, און די היטלעריסטן האָבן אַליין גענומען צענדליקער טויזנטער נײַע און נײַע קאָרבאָנעס. קיינער וועט ניט אָנרופן די פּינקטלעכע צאָל ייִדן — מענער, פרויען, זקיינים און קליינע קינדער, — וועלכע זײַנען אומגעקומען אין ווילנע. נאָך דער מילכאָמע האָט מען געקאָנט ציילן בלויז די שוין דעפאָרמירטע טויטע קערפּערס, נאָר אין אַזאַ פאַל איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן די נאַציאָנאַליטעט. די היטלעריסטן האָבן דאָך דערשאָסן און אומגעבראַכט ניט בלויז ייִדן. אין ווילנע זײַנען אומגעקומען און פאַרפּײַניקט געוואָרן ניט ווייניקער פון 80 טויזנט פרידלעכע אײַנוווינער.

ווען איך האָב אין די מילכאָמע־יאָרן געאַרבעט אָף דער צײַטווײַליק אָקופּירטער טעריטאָריע פון ליטע אַלס ערשטער סעקרעטאַר פונעם אונטערערדישן דאָרעמדיקן געגנט־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ליטע (אָף דער טעריטאָריע פון אונדזער געגנט האָט זיך געפונען אויך ווילנע), האָבן מיר געשריבן גענסן און געבעטן אים, ער זאָל ניט שטערן די ייִדן אוועקגיין צו די פּאַרטיזאַנער, קעדיי מיט געווער אין די הענט שלאָגן זיך קעגן די פאַרכאָפּערס. מיר האָבן דערקלערט, אַז די קאָרבאָנעס, וועלכע זײַנען אומפאַרמײַדלעך אינעם באַוואָפנטן קאַמף, זײַנען ניט צו פאַרגלײַכן מיט די קאָרבאָנעס צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג אין געטאָ, וווּ יעדן טאָג דערשיסט מען הונדערטער מענטשן. מיר האָבן גערופן ניט צו גלייבן די היטלעריסטן, וועלכע האָבן צוגעזאָגט פאַרהיטן דאָס לעבן פון די ייִדן, אויב זיי וועלן געהאָרכזאַם פאַרבלײַבן אין געטאָ.

עס איז מיר גענוי באַוווּסט, אַז דעם בריוו האָט מען גענסן איבערגעגעבן. נאָך מער. די אונטערערדישע טוער האָבן אָנגענומען מיטלען, אַז דער אינהאַלט פונעם בריוו זאָל איינצײַטיק מיטגעטיילט ווערן די אָנפירער פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. אויסער דעם, האָט דער געגנטקאָם צוגעגרייט דאָס אַרויספירן די יוגנט אין די וועלדער, אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, אויב עס וועלן ניט מאַסקים זײַן די רעדלפירער פון געטאָ. גענס האָט קיין אַכט ניט געלייגט אָף אונדזערע וואָרענונגען און אָף אונדזערע רופן. פון יענע, וועלכע האָבן, לויטן רוף

פון די קאָמוניסטן, זיך אופגעהויבן צום קאמף, איז אומגעקומען גאָר א קלײנער טײל — ארום 15 פראָצ. און זײ האָבן אָפּגעגעבן זײערע לעבנס װי שלאכטלײַט, ניט אלס קאָרבאָנעס, — אין שלאכט, מיט געװער אין די הענט.

ניט געגעס, ניט די ציִעניסטן און די ציִעניסטישע אונטערבאָמקער האָבן נישט געראטעװעט ניט די ערע פון די ייִדן, װאָס זי איז בא זײ געװען זײער ביליק, ניט דאָס בלוט פון די ייִדן.

די ערע און דאָס בלוט פון די ייִדן האָבן געראטעװעט און ראטעװען די קאָמוניסטן, און בלויז זײ. פארװאָס זשע עטעמט די גאנצע אויסגאבע װעגן װילנע מיט אזא האס צו די קאָמוניסטן? דערפאר, װײַל די אווטאָרן האָבן געטאָן זײער זאך קלאל ניט צוליב דעם, קעדײ פארהיטן דעם אָנדענק װעגן די נאציִאָנאלע ייִדישע קולטורעלע און עסטעטישע װערטן. זײ האָבן געטאָן זײער ארבעט מיטן אײנציקן ציל — אונטערכאנפענען זיך צו די אנטיסאָװעטישע פראָפּאגאנדיסטן און אנטיקאָמוניסטן, העלפן די ציִעניסטן אין זײערע אנטיפאָלקישע און דערונטער אנטי־ייִדישע אינטריגעס.

העגריך זימאנאס

פון כאבאראָװסק — איבער דער גאנצער װעלט

די הויפּטשטאָט פונעם װײַטן מיזרעך כאבאראָװסק איז איצט א װיכטיקער פונקט, אין װעלכן עס קרײצן זיך איבער די אוויִא־ליניעס, װאָס פירן אין פארשײדענע לענדער פון דער װעלט. טויזנטער טוריסטן קומען אלע יאָר אהער, טויזנטער פאָרן פונדאנען אין אנדערע לענדער.

אָט די כאראקטעריסטישע דערשײַנונג פון אונדזערע טעג באקומט אן אָפּשפּיגלונג אינעם זאמלבוך „פון כאבאראָװסק — איבער דער גאנצער װעלט", װעלכן עס האָט ארויסגעלאָזט דער כאבאראָװסקער ביכער־פארלאג. אלע אווטאָרס, װאָס באטײליקן זיך אין דער דאָזיקער זאמלונג — דער פאָרזיצער פונעם כאבאראָװסקער שטאָט־אויספירקאָם פּ. מאָראָזאָװ, דער אָנפירער פונעם כאבאראָװסקער קאנטישן קאָמיטעט צו באשיצן דעם שאָלעם װ. אָניכימאָװסקי, דער קאָרעספּאָנדענט פון דער נײַס־אגענטור „נאָװאָסטי" יע. בוגאיענקאָ (צונויפשטעלער פון דער זאמלונג) און אנדערע, — ברענגען א סאך ביז גאָר כאראקטעריסטישע פאקטן, װעלכע שילדערן די אינטערנאציִאָנאלע פארבינדונגען פון די סאָװעטישע מענטשן מיט דער פּראָגרעסיװער געזעלשאפטלעכקײַט פון דער װעלט.

„מיר זײַנען אינטערנאציִאָנאליסטן" — אזוי איז אָנגערופן אײנער פון די אָפּטײלן פונעם בוך.

א היפּש אָרט פארנעמען די מאטעריאלן, װאָס דערצײלן װעגן מענטשן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

...אינעם ראיאָן־צענטער אמורזעט לעבט שימען פראָימאָװיטש כאָלאָדענקאָ. אן אָנטײלנעמער פון דער ערשטער װעלט־מילכאָמע, איז ער ארײַנגעפאלן אין דײַטשישער געפענקעניש. פון דאָרט איז ער אנטלאָפן קײן דענעמארק, װוּ ער האָט זיך באקאנט און אײנגיכן כאסענע געהאט מיט דער באטראטשקע ליזי פעטערסאָן. אין 1929 האָט כאָלאָדענקאָ מיט דער פרוי זיך אומגעקערט אף דער אוקראִינע, אין זײַן געבורט־שטאָט קאָראָסטישעװ, און אײנגיכן איז ער אװעקגעפאָרן אפן װײַטן מיזרעך, אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. דאָרט האָט שימען זיך גענומען פאר דער ארבעט אלס טראקטאָריסט און בריגאדיר. אויך ליזי האָט געארבעט. עס זײַנען געבוירן געװאָרן און געװאקסן זײערע קינדער.

דאָס פּאָרפאָלק כאָלאָדענקאָ לעבט איצט אין אמורזעט אף דער לענין־גאס. זײער אײניקל עלזא איז א פּעדאגאָג פון אויסלענדישע שפּראכן. די אײניקלעך רודאָלף און װאָלאָדיע דינען אין דער סאָװעטישער ארמײ, זײ זײַנען אָפיצערן. דער ייִנגסטער, באָריס, ארבעט אין א געאָלאָגישער עקספּעדיציע. אין ערשטן קלאס איז שוין אװעק זיך לערנען שימענס און ליזיס אוראײניקל עריקע.

װעגן דעם דערצײלט אינעם זאמלבוך דער ביראָבידזשאנער זשורנאליסט יעפים קאָרסונסקי אין דער פארצײכענונג „שימען און ליזי".

מע קאָן זיך דאָ אויך באקענען מיטן אינטערעסאנטן לעבנסװעג פון דער טוערן פונעם געגנטלעכן שפּיטאָל א. גאָלדשטײן און פונעם פּעדאגאָג מאָלאָצקי. עס איז אויסגעקומען צו לעבן אין פארשײדענע לענדער, נאָר ליבער פאר אלץ איז זײ דאָס אײגענע לאנד — דער סאָװעטנפארבאנד.

אינעם בוך זײַנען פארעפנטלעכט מאטעריאלן פון די שרײַבער װיקטאָר אלעקסאנדראָװסקי, װאסילי יעפימענקאָ. דער זשורנאליסט ריאבאָװ דערצײלט אין זײַנע נאָטיצן „אײַנדרוקספולע טעג" װעגן דעם, װיאזוי ער האָט באגלײט אין א רײַזע איבער דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער אמעריקאנער צײַטונג „דײלי װאָרלד" מײַק דײװידאָװן.

אף די זײַטלעך פון אָט דעם אינטערעסאנטן זאמלבוך אנטפּלעקט זיך אונדזער װײַטמיזרעכדיקע ערד װי א פאָרפּאָסט פונעם סאָציִאליזם.

יעפים קודיש

צו אונדזער
קינסטלערישער
בײַלאַגע

א. א. סידאָראָוו

מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער
וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר

א האַלבן יאָרהונדערט אין דער קונסט

גערשן קראַווצאָוו איז אַן אייגנאַרטיקער, טיף נאַציאָנאַלער מײַסטער פון דער בוך־גראַפיק. ער אַרבעט אין פאַרשיידענע זשאַנרען — איליוסטראַציעס, גראַווירן, צייכענונגען און אויך אין מאָלערײַ. ער איז אָן אָנטיילנעמער פון 230 אויסשטעלונגען, פופצן פּערסאָנעלע. געשריבן האָט מען וועגן אים ניט קיין סאַך. אָבער ער איז זייער פּאָפּולער אין דער סוויווע פון די מאָסקווער גראַפיק־מײַסטערס. א באַשיידן־צוריקגעהאַלטענער, א פּרינציפּיעלער, פאַרדינט קראַווצאָוו א מער גענויע אָפּהאַנדלונג.

ער איז געבוירן געוואָרן אין טשערקאַס דעם 27 פעוורואַל 1906. זײַן גאַנץ שפּעטעריש לעבן איז א גלענצנדער בײַשפּיל פון א ריכטיקן צוגאַנג צו לייזן נאַציאָנאַלע און „אַרטיקע" אויפגאַבן, ווען עס זײַנען לאַכלוטן ניטאָ קיין שום נאַציאָנאַליסטישע נייגונגען. דער ייִנגסטער זון אין א האָרעפּאַשנער ייִדישער מישפּאָכע מיט א סאַך קינדער, האָט גערשן קראַווצאָוו דורכגעמאַכט זײַנע קינדער־יאָרן אין אוקראַיִנע. ער האָט זיך געלערנט אין קרעמענטשוק, פון די פריִע קינדער־יאָרן האָט ער געצייכנט. זײַן עלטערער ברודער, אַרן קראַווצאָוו, וועלכער איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע, האָט פאַרמאָגט א זעלטענע באַגאַבונג, און טאַקע דערפאַר איז ער אין די צוואַנציקער יאָרן געשיקט געוואָרן אין דער באַרימטער שול פון מאָלערײַ־קונסט װכוטעמאַס. דער ייִנגערער, גרישע קראַווצאָוו, איז אוועק אין ברודערס וועג.

ער האָט זיך געלערנט אין קינדערהיים אַפן נאָמען פון קאַרל מאַרקס. אין 1923 גייט ער דורך א קורס פּאָליגראַפיע און אײַנבינדערײַ. אין 1925 שטודירט ער אין ראַבפאַק באַם װכוטעמאַס. דאָ הייבט זיך אָן פאַר אים זײַן פּראָפעסיאָנעלע קינסטלערישע אויסשטאַלטונג. אָנהייבנדיק פונעם 1929 יאָר, איז גערשן קראַווצאָוו „אַן עמעסער" סטודענט פון װכוטעמאַס־װכוטעיִן. ער האָט געענדיקט די הויכשול, באַקומען א דיפּלאָם פון מאָלערישער קונסט אין 1935. דאַן איז ער געשיקט געוואָרן אַרבעטן אין מעלוכע־פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור.

מיט האָלץ־גראַוויור האָט ג. קראַווצאָוו זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען נאָך דאַן, ווען ער האָט זיך געלערנט אין ראַבפאַק. דער אײַנפלוס פונעם גרויסן מײַסטער פאַוואָרסקי, דער שפּעטערישער בײַשפּיל זײַנער, איז פאַר דער מערהײַט יונגע געווען דעמלט אומבאַשטרײַטבאַר. וו. א. פאַוואָרסקי גופע האָט געפירט אין װכוטעיִן די לימודים וועגן בוך און גראַוויור. זײַן געהילף אַף דער קאַטעדרע איז געווען א. ד. גאָנטשאַראָוו. צוזאַמען מיטן דערלערנען די טעכניק פון אויספאָרמירן ביכער איז גערשן קראַווצאָוו פאַרכאַפּט געוואָרן פון פאָטאָגראַפיע. געלערנט האָט ער זיך בא א. מ. ראָדטשענקאָ. אָבער אין דער פולער מאָס האָט זיך קראַווצאָוו אַנטפּלעקט אין זײַן דיפּלאָם־אַרבעט — אינעם אַלבאָם „דער מאָסקווער פלייש־קאָמבינאַט", דאָס זײַנען געווען האָלץ־גראַווירן פון א גרויסן פאָרמאַט, אומדערוואַרטע לויט דער טעמע, פּינקטלעכע לויט דער טעכניק און לויטן רעאַליסטישן מעטאָד.

ווען עס גייט א רייד וועגן „פאַוואָרסקיס שול", האָט מען אין זינען דאָס בוך, דעם עסטאַמפּ. אָבער אין פאַוואָרסקיס אַטעליע האָט



מען געמאָלט נאַטיורמאָרטן, עטיודן פון קעפּ, פּייזאַזשן. פאַוואָרסקי אַליין איז הויך אָפּגעשאַצט מיצאַד דער קריטיק אַפן געביט פון מאָנומענטאַלער מאָלערײַ.

ג. א. קראַווצאָווס „פליישׁ־קאָמבינאַט" פאַלט ניט אַרויס פונעם סטיל פון פאַוואָרסקיס שול, דאָרט קאָן מען זען פאַנאַנדערגעוויקלטע קאָמפּאָזיציעס, אָנגעזעטיקטע מיט רעאַליסטישע דעטאַלן, נאַטיורמאָרטן, פיגורן, וואָס באַוועגן זיך. קראַווצאָוו איז ווינציקער פון אַלץ „באַדינגלעך" און מער פון אַלץ — „א זשאַנריסט". ער באַהערשט מײַסטעריש די מעטאָדיק פון גראַווירונג. זײַן צייכענונג איז פינקטלעך. מײַסטעריש און „זאַפטיק" זײַנען די קאָנטראַסטן פון שוואַרץ און ווײַס. „דער פליישׁ־קאָמבינאַט" איז רעאַליסטיש, אָבער ניט „דערציילעריש". קראַווצאָווס טעטיקײַט פאַר די פערציק יאָר נאָכן ענדיקן דעם קינסטלערישן אינסטיטוט איז געווען פאַרשיידנאַרטיק און צוזאַמען מיט דעם אייגנהײַטלעך, אינדיווידועל. אויב באַטראַכטן קראַווצאָווס אַרבעט אין א ריין־כראָנאָלאָגישן סיידער, גיט עס ווינציקער, ווי נעמען אין באַטראַכט די מיטלען, וועלכע ער ווענדט אָן, קעדיי צו דערגרייכן מײַסטערשאַפט אין די אַזוי באַזונדערע געביטן פון זײַן טעטיקײַט. פונדעסטוועגן, איז גערשן קראַווצאָוו אָנערקענט אַלס איינער פון די בעסטע סאָוועטישע מײַסטערס פון בוך־גראַפיק. דאָס סאַמע וויכטיקע האָט ער געשאַפן גראַד דאָ.

שוין אין דער צווייטער העלפט פון די דרײַסיקער יאָרן, נאָכן פאַרענדיקן זײַן בילדונג, האָבן זיך אין קראַווצאָווס אַרבעטן, וואָס דער פאַרלאַג „קינסטלערישע ליטעראַטור" האָט באַ אים באַשטעלט, אָנגעמערקט צוויי טעמעס: איינע — אַן אַלגעמיין היסטאָרישע, די צווייטע — א קאָנקרעט נאַציאָנאַלע. אין 1939 יאָר נעמט ער אָן אָנטייל אײנײנעם מיט פאַוואָרסקין און אַנדערע קינסטלער אין אויספאָרמירן שעקספּירס דראַמעס. אין דער אויסגאַבע טרעט ער אַרויס מיט אייגנאַרטיקע גראַווירן פון א קלײנעם פאָרמאַט, ווו ער דריקט אויס מײַסטעריש־אָנגעשטרענגט סצענעס און געשטאַלטן פון דעם ענגלישן אָוואַר. אין די קלײנע צייכענונגען צו „ראָמעאָ און דזשוליעטע", אין לעדי מאַקבעטס פיגור גיט ער אַן אייגענע, אין פולן זין פון וואָרט אַן איבערצײַגעוודיקע טראַקטירונג. די אַלטע באַוווּסטע מײַסטערשאַפט פון צייכענען, וואָס מײַדט אויס „דאָס איבעריקע" און פאַרהיט נאָר דאָס נייטיק־וויכטיקע, איבערצײַגט גלײַך אין ג. קראַווצאָווס לאַקאָניזם, וואָס איז איצט פאַרשפּרייט ווי אַן עקסליבריס. אין אָט דעם זשאַנער אַרבעט דער קינסטלער זײַן גאַנץ שעפעריש לעבן.

נאָר דאָס איז איין טעמע, אָדער „ליניע". גלײַכצײַטיק (אין 1939) שאַפט קראַווצאָוו איליוסטראַציעס צו ל. קוויטקאָס יידישן בוך, וועלכער הייסט „שמועסן מיט נאַענטע". אין דעם געביט האָט ער דערגרייכט, קאָן זײַן, דאָס סאַמע בעסטע.

ניט פאַראַן קיין מער וווּנדערלעכע פילנאַציאָנאַלע קינסטלערישע קולטור, ווי די סאָוועטישע. סאָציאַליסטישער רעאַליזם וואַרפט ניט אָפּ, לייקנט ניט דאָס אָריגינעל־פאָלקישע, פאַרקערט, ער שטעלט פעסט דאָס דעמאָקראַטיש־פאַרגעשריטענע, וואָס יעדע נאַציאָנאַלע קולטור פאַרמאָגט. קראַווצאָוו האָט אויספאָרמירט ל. קוויטקאָס לידער ענלעך צו דעם, ווי פאַוואָרסקי האָט איליוסטרירט ל. טאָלסטאָיס מײַסעלעך. ער האָט אָנגעמאָלט קוויטקאָס לידער אין סימבאָלישן געשטאַלט פון טשאַטעס פלײַנדיקע פייגל און אויך געמאַכט ניט קיין גרויסע וווּנדערלעכע פּייזאַזשן פון אוקראַאינישע דערפער.

אין די יאָרן, ווען דער קינסטלער האָט זיך געפונען אַף די פראָנטן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, האָט ער געמאַכט פלוגבלעטלעך, פאָליט־פּלאַקאַטן, קינסטלעריש אויסגעפאָרמירט פאַרטיזאַנישע צײַטונגען, געשאַפן סעריעס „דורכלאָז־שײַנען" — אופרופן צו די דײַטשישע סאָלדאַטן, זיי זאָלן גיין אין געפאַנגענשאַפט. ער האָט אויך א סאַך געצייכנט פון דער נאַטור. א מײַסטער פון גיכער פאָרטרעט־פאַרצייכענונג, פונעם בלײַק־עסקיז, אַרבעט ער קעסיידער צווישן סאָלדאַטן. בייס דער מילכאָמע איז אים אויסגעקומען צו דערפינדן טעכנישע דרוק־מיטלען, אַזעלכע ווי קאַליר־פאַנאַנדערטיילנדיקע אָדער איינפאַרביקע גראַווירן אָן פאָטאָ־מעכאַנישע פּראָצעסן. ער פאַרטיפערט זיך אין דער טעכניק פון לינאָ־גראַוויור, וואָס איז לאַכלוטן אַנדערש, איידער די גראַוויור אַף האָלץ־

אין קראַווצאָווס אַרבעטן, אין זײַן שפּעטערישן דיאַפּאַזאָן, קאָן מען געפֿינען הײַנטצײַטיקייט, מײַרעוו־אייראָפּעיִשע קלאַסיק (אָנהייבנדיק פֿון שעקספּירן און ביז סטעפֿאַן צווייגן), מיזרעך־טעמאַטיק (אַרמעניע, גרוזיע, אַזערבײַדזשאַן). מעגלעך, אַז דאָס סאַמע וויכטיקע אָרט פֿאַרנעמט בא אים די נאַציאָנאַלע טעמע. זײַן קונסט דעמאָנסטרירט אָנשוילעך דעם עכטן סאָוועטישן אינטערנאַציאָנאַליזם, די ברידערלעכע איינהײַט פֿון פֿעלקער, וועלכע ריידן אַף פֿאַרשיידענע שפּראַכן, פֿאַרהיטן די אייגענע טראַדיציעס.

אָנהייבנדיק פֿונעם 1925, אַרבעט ג. קראַוו־צאָוו פֿאַרן ייִדישן בוך, און, מיר שטרײַכן דאָס אונטער, אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון אונדזער סאָוועטישער עפּאָכע. אין פֿאַרלויף פֿון דרײַסיק יאָר פֿאַרנעמט ער זיך מיט ייִדישער שריפֿט, ער שאַפֿט שריפֿט־קאָמפּאָזיציעס און אַרבעט פֿאַנאַנדער אַ ריי שריפֿט־קאָמפּלעקטן אין געביט פֿון בוך־גראַפֿיק. אין די פֿאַרלאַגן „קינסטלערישע ליטעראַטור" און „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" איליוסטרירט ער מיט גראַווּיורן פֿון זייער אַ הויכער קוואַליטעט אַרום 40 ביכער.

ווי קראַווצאָוו אַליין זאָגט, איז זײַן גאַנצע שאַפֿונג אַ דורכויסיקע שטרעבונג צו רעאַליזם אין דער הײַנטצײַטיקער לייזונג. אין זײַנע קאָמפּאָזיציעס באַמיט ער זיך אויסצומײַדן סטיליזירונג, רעטראָספּעקטיוויזם, קליינשטעטלדיקן פּראָווינציאַליזם. צוזאַמען מיט דעם געדענקט ער זייער גוט זײַן אוקראַיִנישע היים, און אין אַ סאַך פּייזאַזש־צייכענונגען צו קוויטקאָס לידער, צו ייִדישע פֿאָלקס־לידער נוצט ער אויס די נאַטור פֿון אוקראַיִנע, דעם דאָרטיקן טיפּאַזש. ער מײַדט אויס אוטרירונג, באַזינגט דאָס האַרמאָנישע אין דער שאַפֿונג פֿון די בעסטע פֿאַרשטייער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. מיט אַ באַזונדערער באַגײַסטערונג איליוסטרירט ער די ווערק פֿון שאָלעם־אַליינעמען.

פֿאַר 40 יאָר האָט גריגאָרי קראַווצאָוו קינסטלעריש אינטערפּרעטירט די ווערק פֿון צענדליקער סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער — פּערעץ מאַרקישעס, אי. פֿעפֿערס, דאָוויד האָפֿשטיינס, ל. קוויטקאָס, ש. האַלקינס, דעם ניסטערס, א. קושניראָווס, ע. פֿינינבערגס, אָ. שוואַרצמאַנס, ד. בערגעלסאָנס, י. שרײַבמאַנס, כ. ווײַנערמאַנס, י. פֿאַליקמאַנס, נ. לוריעס, א. גובניצקיס, כ. טאַבאַטשניקאָווס, מ. ראַזומניס, י. ריוועסעס, א. פּלאַטנערס, י. ליובאָמירסקיס אאַ.

דער קינסטלער זעצט איצט פֿאָר זײַן אַרבעט, און ער האָט ריכטיק און פּרינציפּיעל פֿאַרשטאַנען, וויאַזוי אויסצודריקן די נאַציאָנאַלע טעמע אין דער קליינער גראַווּיור — אין עקסליבריס, אין דער דעקאָראַטיווער אויספֿאָרמירונג פֿון דער ליטעראַרישער פּעריאָדיק (אין אויסערלעכן אָנבליק פֿון די אויסגאַבעס, אין זייער אײַנבונד און סופֿער־הילע). זײַן דורכדרינגלעכע אופֿאַסונג פֿון דער מיזרעך־פּאָעזיע באַרײַכערט די נאַציאָנאַלע טעמאַטיק, די גאַנצע שאַפֿונג זײַנע.

אין די יאָרן 1940—1950 פֿילט אויס ג. קראַוו־צאָוו אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן אַרבעטן. ער איליוסטרירט א. אַנטאָנאָווסקעס „דער גרויסער מאָוראַווי". פֿאַרן זאַמלבוך „אַרמענישע דיכטונג" מאַכט ער דעקאָראַטיווע אָרנאַמענט־צייכענונגען. אין די ייִדישע „פֿאָלקס־לידער" ברענגט ער אַרײַן וווּנדערלעכע רעאַליסטישע זשאַנער־מאָטיוון. טאַקע אָט די קליינע גראַווּיורן געהערן צו קראַווצאָווס בעסטע אַרבעטן. אין דער גראַווּיור אַף דער הילע צו ט. קעראַשאָווס בוך „דער וועג צום גליק", אין די קליינע צייכענונגען צו סמירנאָווס בוך „די אַנטפּלעקונג פֿון דער וועלט" איז דער קינסטלער ווידער אַ רעאַליסט, ער בינדט צונויף מענטשלעכע פֿיגורן מיטן פּייזאַזש.

אָנרופֿן די בעסטע פֿון קראַווצאָווס שפּעטערדיקע אַרבעטן איז שווער. אינאיינעם מיט פֿאַוואָרסקין איליוסטרירט ער מאַרשאַקס „אויסגעוויילטע איבערזעצונגען" אין דער אויסגאַבע פֿונעם מאָסקווער קינדער־פֿאַרלאַג. אין אַן אַנדער סטיל, פֿאַרזעצנדיק די ראָמאַנטיק פֿון דער קליינער גראַווּיור צו שעקספּירס ווערק, מאַכט קראַווצאָוו קאָנצענטרירטע און לאַקאָנישע גראַווּיורן פֿון קליינעם פֿאָרמאַט פֿאַר סטעפֿאַן צווייגס אויסגאַבן. זייער הויך דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן די אַרבעט, ווו קראַווצאָוו האָט געגעבן ניט נאָר דעם פּאָרטרעט פֿון סאַיאַט־נאָווא, ער האָט געמאַכט שמוצטיטלען, וועלכע האָבן וווּנדערלעך פֿאַרקערפּערט די מיזרעך־פּאָעזיע. די געשטאַלטן פֿון דרײַ מיידלעך אין נאַציאָנאַלע קליידער זײַנען דאָ זייער צוגעפּאַסט, און זיי איז פֿאַרקערפּערט אַ דין געפֿיל צו דער אייגנאַרטיקער שיינקײַט פֿון די קאַווקאַזישע פֿעלקער.

קעדיי צו כאַראַקטעריזירן קראַווצאָווס ווערק פֿון די 60־ער און 70־ער יאָרן, איז גענוג זיך אָפּשטעלן אַף צוויי סעריעס, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך פֿאַר זײַן איצטיקער מאַניר. איין סעריע איז נאָך ניט פֿאַרענדיקט, דאָס זײַנען די איליוסטראַציעס צו מאַיאַקאָווסקיס פּאָעמע „גוט". דער קינסטלער האָט געפּרוּווט זיך אומקערן צום פֿאָטאָ־מאָנטאַזש. אַזוי האָט מען טאַקע געאַרבעט אַף די אויסגאַבעס צו מאַיאַקאָווסקיס ווערק אין די 20־ער יאָרן.

פּובליקירט זײַנען די פֿעדער־צייכענונגען צום ערשטן באַנד פֿון דער רוסישער אויסגאַבע פֿון שאָלעם־אַליינעמס ווערק. דאָ האָט זיך דער מײַסטער פֿון קסילאָגראַפֿיע אָפּגעזאָגט פֿון דער גראַווּיור־טעכניק, און ער האָט געמאַכט פֿעדער־צייכענונגען. ער איז דאָ פֿולשטענדיק רעאַליסטיש און פּינקטלעך, און די צייכענונגען אין דער סעריע דריקן אויס די גראַפֿיק־שפּראַך און די קאָמבינאַציע פֿון שטריך. צוזאַמען מיט דעם איז דער שטריך ניט קיין גראַווּיוראַרטיקער, נײַערט אַ פֿעדער־שטריך. ס'איז שטענדיק דאָ די מעגלעכקײַט, דאָס אויג זאָל דערפֿרייט ווערן מיט דער שפּיל פֿון שוואַרצע און ווײַסע שטריכן, וועלכע שנײַדן דורך די טונקעלע פֿלאַך.

אַ סאַך באַרימטע גראַפֿיק־מײַסטערס זײַנען געווען ערשטקלאַסיקע מאָלער. דאָס איז באַוווּסט. קראַווצאָווס מאָלערײַ האָבן ניט באַמערקט

ביז איצט די קונסט־קריטיקער, וועלכע האָבן געשריבן וועגן אים. ס׳איז אָבער קיין סאָפעק ניט, אַז קראַווצאָווס מאָלערײַ איז זייער אַן אינטערעסאַנטע. עס דאָמינירט אין איר די אורבאַניסטיק. פֿון דעם אַטעליע־פֿענצטער קוקט דער קינסטלער אויף מאָסקווע, ער זעט די דעכער, די גאַסן, די מויערן אָן שום יאָמטעוודיקײַט. קראַווצאָווס מאָלערײַ באַצויבערט מיט איר אײַנגעהאַלטנקײַט, פּאַשטעס, פּראָזאַישקײַט און אייגנצײַטיק מיט איר לירישקײַט. זומערדיקע עטיודן — אויפֿן ברעג טײַך, מיט גרינס — פֿאַרמאָגט קראַווצאָוו ניט קיין סך, זעלטן זעען מיר בײַ אים אויך פּאָרטרעטן. נאָר קעדיי פֿאַרשטיין דעם מײַסטער אין זײַן גאַנצקײַט, איז זײַן מאָלערישע אַרבעט זייער וויכטיק. קראַווצאָוו דערשײַנט דאָ ווי אַ קינסטלער פֿון זעלטענער באַשיידנקײַט, אויפֿריכטיקײַט, באַאָבאַכטונגס־פֿייִקײַט, און דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, טײַער אַלעמען, ווער עס שעצט עכטע קונסט.

באַזונדערס פּאָפּולער איז קראַווצאָוו געוואָרן אין די לעצטע יאָרן אַלס מײַסטער פֿון דער קליינער גראַוויור — דעם עקסליבריס. וועגן דעם האָט מען שוין אַ סך געשריבן, דאָ קען מען זיך באַגרענעצן מיט אַ פּאָר שורעס. דאָרט, ווו אייניקע פּאָפּולערע מײַסטערס מאַכן בילדערישע, דערציילעריש־דעקאָראַטיווע קאָמפּאָזיציעס אויף דער בוך־טעמע, בלײַבט קראַווצאָוו געטרײַ דער עצם נאַטור פֿונעם עקסליבריס, דער „סעמיאָטיק“, דער צייכנאַרטיקײַט. געגראַווירטע אויף האָלץ, זײַנען קראַווצאָווס ביכער־צייכענונגען פֿאַרשיידנאַרטיק, צײַטנווײַז פּאָרטרעטיש, דערפֿאַר קיינמאָל ניט באַריידעוודיק, ניט איבערגעלאָדן מיט דעטאַלן. ניט לאַנג צוריק, צו פּושקינס 175־יאָריקן געבורטסטאָג, האָט ג. קראַווצאָוו געשאַפֿן אַן עקסליבריס פֿון איין פּראָפֿיל־פֿיגור, דעם לעבעדיק־סקולפּטורעלן קאָפּ פֿונעם יונגן דיכטער. און דאָס האָט אַזוי אויסגעדריקט פּושקינען, אַז קיין שום אַנדערע אַקסעסוארן זײַנען ניט נייטיק געווען דער צייכענונג...

די קינסטלערישע קולטור פֿון אונדזער סאָוועטישער גראַפֿיק איז באַוווּסט אין דער וועלט. דעריבער דאַרפֿן מיר שעצן, אַכטן און ליב האָבן אירע בעסטע פֿאַרשטייער, צו וועלכע עס געהערט אָן צווייפֿל גערשן קראַווצאָוו.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צייטונגען

ישׂראלדיקע פאַרשטעט.

אין דער בײַלאַגע פון „יעדיעאָט אַכראָנאָט" איז פאָרעפנטלעכט אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן אַ געשפּרעך, וואָס איז האָט פאַרשריבן דער זשורנאַליסט באָרעך נאַדעל בעשאַס זײַן באַזוך אין איינעם פון די אָרעמקייטס־קוואַרטאַלן אין טעל־אָוויוו. זײַן באַזוך שילדערט ער אַזוי:

„מיר זײַנען געזעסן אין דער קליינער קיך, אין וועלכער עס איז ניטאָ קיין זון־ליכט, און דרײַ פרויען האָבן אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ.

אין מעשעך פונעם געשפּרעך איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מײַן פאַנטאַזיע איז ניט געווען אַזוי אָפּגעריסן פון דערווירקלעכקײַט. די באַלעבאָסטע, וועלכע האָט אַמאָל סימפּאַטיזירט דער „כיירוט"־באַוועגונג און האָט אַגיטירט פאַר אויסוויילן שלוימע לאַהאַט אַלס בירגערמײַסטער, איז הײַנט גענייגט צו גיין צו ראַקאַך. און ווײַל זי איז זייער באַוווּסט צווישן די אײַנוווינער פון איר קוואַרטאַל, איז גאַנץ מעגלעך, אַז זי וועט זיי טאַקע פירן אין דער ניט ווײַטער צוקונפט צו אַ דעמאָנסטראַציע אָדער צו דער וואַל־אורנע צו שטימען פאַר ראַקאַך..."

דעם פולן עמעס האָט מען איז דערציילט מיט דער גאַנצער פּאַשעטקײַט, מיט ביטערן ווייטעק, מיט ניט אײַנגעהאַלטענעם צאָרן. זיי האָבן אויסגעדריקט פאַרצווייפלונג איבער די מײַסים פון דער צענטראַלער און פון דער אָרטיקער מאַכט, פון די פאַראַנטוואָרטלעכע טוער אין דעם מוניציפּאַליטעט, אַ טייל פון וועלכע איז פון די אַסקאָנים פון „מאַאַראַך" און אַ טייל פון „ליקוד", אונטער דער אָנפירונג פון דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג בעראָש מיטן פאָרשטייער פון „ליקוד" ש. לאַהאַט.

די אײַנוווינער דערציילן וועגן אַ הויז, וואָס מע דאַרף אַראָפּטראָגן, וועגן אַ בריוו מיט דער פאָראָרדענונג צו פאַרניכטן דאָס הויז, וועגן דער גרינגשעצונג פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און פון די אָנפירער פון די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען, וועגן דער פירמע „חלמיש" (רעגירונגס־שטאָטישע פירמע פאַר באַזײַטיקן אָרעמקײַטס־קוואַרטאַלן), וועגן צענדליקער יאָרן פון לעבן אין שיווע מעדוירע געגנעם, וועגן קראַנקײַטן, וועגן האַכנאָסעס פון 1.700 ייִסראָעלדיקע ליר אין אַ מישפּאָכע (ווען דער מאַן אַרבעט), וועגן מאַסן־געברויך פון נאַרקאָטיקן מיצאַד די יוגנטלעכע, וועגן פאַרברעכנס, וואָס זיי באַגייען, און וועגן דעם, אַז „אַלע דאָ זײַנען נאַרקאָטיקער; יעדעס מאָל הערט מען שיסערײַען, און איך האָב מוירע פאַרן קינד, וואָס טראַכסטו?".

דאָס אונטערקעפּל פונעם אַרטיקל שטרײַכט אונטער מיט ביטערער איראָניע די „דערציִערישע סוויווע" — אַ סוויווע, אין וועלכער אַ קינד פון 6 יאָר און אַ מיידעלע שילדערן פאַר די עלטערן, וויִאַזוי „מע לייגט אַרײַן כאַשיש, אָט דעם נאַרקאָטיק־סאַם, אין אַ פלאַש און מע וויקלט דאָס אַרום אין גאָלד פון ציגאַרעטן". מע דערוויסט זיך וועגן דעם, אַז די קינדער פון די דאָזיקע „סימפּאַטישע" קוואַרטאַלן לעבן פאַקטיש אין אַ טפּיסע, ווערן אָפּגעשוואַכט אין זייער געזונט און בלײַבן הינטערשטעליק אין זייערע לימודים, אַז זייער בילדונג אין דער שול, אין וועלכער זיי לערנען זיך, איז נידעריק ביז גאָר, כאָטש „זיי זײַנען נאָך ניט קיין כוצפּעדיקע, נאָר דיסציפּלינירטע קינדער, גוטע קינדער, אָבער ווען זיי וועלן דערגרייכן אַ געוויסן עלטער, וועלן זיי זיך איבעראַנדערשן. וויפל וועל איך קענען, איך און מײַן מאַן, אַכטונג געבן אויף די קינדער? הײַנט זײַנען זיי קליין, מאָרגן־איבערמאָרגן וועלן זיי דאָך אויסוואַקסן!".

אונטערן קעפּל „נאַרקאָטיק, שיסערײַען און מעסערס" דערציילט זיך וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין דעם קוואַרטאַל באַנאַכט: „מע הערט, ווי פלעשער ווערן צעבראָכן און, אַנטשולדיקט מיר פאַר די רייד, אַזעלכע געשרייען, ווי „זוינע", אַאוו. באַ אַ שכיינע, „מאַכט מען אײַנשפּריצונגען", מע פאַרקויפט, מע האַנדלט" (מיט נאַרקאָטיקן). און אונטער אַן אַנדער קעפּל — „פרויען פאַרקויפן זייערע קערפּערס" — ווערט געבראַכט די פאָלגנדיקע דערציילונג:

„לעצטנס לאָזן זיך אַראָפּ אָרנטלעכע מיידלעך צו זנוס. פאַרוואָס? אַ שווערע לאַגע. דאָס זײַנען ניט קיין פּראָסטיטוטקעס. וויִאַזוי פאַלן זיי אַרײַן אין זנוס? איינע, אַשטייגער, איז געווען אַ כאַסענע געהאַטע, אָבער דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט, און זי האָט ניט קיין אַנדער ברייִרע. זי זאָגט: „קעדיי צו לערנען די קינדער, זיי באַקליידן, מוז איך ווערן אַ פּראָסטיטוטקע". ווען די קינדער וועלן אויסוואַקסן, וועט זי זיי זאָגן: „איך האָב דאָס געטאָן פאַר אײַך, אַז איר זאָלט זײַן מענטשן און איר זאָלט ניט אויסוואַקסן אין די אָרעמקײַטס־קוואַרטאַלן". וואָס דערפירט צו דעם אַלעמען? — די דאָזיקע אָרעמקײַטס־קוואַרטאַלן. „דאָס איז אַ זאַך, וואָס קאָן געשען מיט

יעדן איינעם. וואָס איז זנוס, ווייסן מיר. יעדער זוינע האָט זיך איר געשיכטע. אָט איז איינע פון זיי. זי איז געקומען פון א היים מיט 12 קינדער. דער טאַטע איז געווען א שיקער אָדער א נאַרקאָמאַן. די מוטער איז אומגליקלעך, ארבעט אלס אופראַמערן און וואַשט וועש... און זי איז א יונג מיידל, זי איז פארשיקערט געוואָרן פון לײַכטן פאַרדינסט...״

נאָך דער דאָזיקער טרויעריקער שילדערונג קומט אַן אונטערקאָפּ: „פארוואָס האָבן זיי זיך אַנטוישט אין לאַהאַטן?״ דאָס איז פּאַקטיש איבעריק צו דערקלערן, אָבער דאָך: „די דאָזיקע ווינונגען דערפירן אונדז צו גײַסטיקער נידערשלאָגנקײַט. איך וויל טאַקע ניט שילטן לאַהאַטן, אָבער וואָס וויל ער פון אונדז?״. „ער וויל בלויז האַלטן רעדעס אין דער טעלעוויזיע? ער וויל בלויז, אַז מע זאָל אים אויסוויילן?״. „וואָס טוט ער, לאַהאַט? ער שלאָפט אין א וואַרעם בעט. זאָל ער קומען און זען, ווי־אַזוי מיר שלאָפן, ווי־אַזוי אונדזערע קינדער שלאָפן!״. „א סאַך צוטרוי האָט מען געגעבן לאַהאַטן — אַלץ איז אַוועק!״ „פאַר די וואַלן האָט ער גערעדט שיין״. „אַלע האָבן מיר געשטימט פאַר אים״. צוליב וואָס האָבן מיר אים אויסגעוויילט — קעדיי ער זאָל זיצן אָף א דרייענדיקן שטול? ניין! וואָס טוט ער פאַר אונדז? עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז מיר וועלן שטימען פאַר אים, ער קען שוין וואַרטן...״ „דער גאַנצער קוואַרטאַל האָט געאַרבעט פאַר אים, עס זײַנען אינעם קוואַרטאַל פאַראַן זייער א סאַך כיירוטניקעס״. „איך האָב דאָס גאַנצע לעבן ניט געוווּסט, וואָס אַזוינס זײַנען וואַלן, האָב איך בייס די וואַלן געשטימט פאַר אים״. „ווען מע קומט צו לאַהאַטן בעטן אַן ערנסטן געשפּרעך, זעען מיר דרײַ פּאָליציאַנטן באַם אַרײַנגאַנג, ווי מיר וואָלטן געקומען מיט אויטאָמאַטיש געווער. אויב מע וויל דאָ עפּעס דערגרייכן, דאַרף מען טאַקע גיין בלויז ברעכן און כאָרעוו מאַכן. מיר ווייסן אָבער ניט, ווי־אַזוי דאָס צו טאָן. דערפאַר טאַקע שפּילט מען זיך מיט אונדז, און מיר וועלן דאָס דאַרפן גוט נעמען אין באַטראַכט״.

אָט אַזוי רעדן זיך מענטשן אויס דאָס האַרץ. דאָס זײַנען אָפענע וווּנדן, און ווען ס׳זײַנען פאַראַן אָפענע וווּנדן, עפענען זיך אויך די אויגן און דאַן הערט מען: „איר גלייבט דעם מענטשן, ער האָט אײַך צוגעזאָגט: „איך וועל קומען צו אײַך באַם ערשטן רעגן״. איז ער געקומען? ניין. בין איך געגאַנגען צו אים און געזאָגט: „איר זײַנט אַלע שווינדלער, ליגנער! מע דאַרף דאָ האָבן בלויז א קאָמוניסטישן רעזשים!״. „מײַן מאַן איז א נערוועזער, ווען ניט ער, וואָלט איך געגאַנגען און וואָלט אַגיטירט מענטשן פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי...״ „אין ראַדיאָ האָט מען גערעדט וועגן קאָרופּציע, וואָס האָט דערגרייכט צו מיליאַרדן, וועלכע עמעצער האָט פאַרשוועבט. מיט די דאָזיקע מיליאַרדן וואָלט מען שוין פון לאַנג געקענט ליקווידירן די דאָזיקע אָרעמקײַטס־קוואַרטאַלן!״. „אפן כעזשבן פון וועמען בויט מען גרויסע געשעפטן און האָטעלן? אפן כעזשבן פון דײַנע פּלייצעס!״.

א פאָרשטאָט אין טעל־אוויוו

באָרעך נאַדעל פאַרענדיקט זײַן רעפּאָרטאַזש אַזוי: „דער מאַגניטאָפאָן האָט זיך פאַרהאַלטן. סאָף״.

אָבער די „דערציילונג וועגן די פאָרשטעט״ האָט זיך ניט פאַרענדיקט מיט דער לעצטע פונעם מאַגניטאָפאָן. אַלע, אַלע רעגירנדיקע פּאַרטייען און זייערע „אָפּאָזיציאָנעלע״ נאָכשלעפּער האָבן אַנטוישט די מאַסן, איין ייִסראָעלדיקע פּאַרטיי, די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי ראַקאַך, וואָס לעבט מיטן לעבן פונעם לאַנד און זעט די שרעקלעכע ווירקלעכקײַט און דעם אויסוועג, קעמפט פאַר די רעכט פון אַלע אַרבעטנדיקע, פאַר די רעכט פון די ייִדישע דיסקרימינירטע איידעס, פאַר די רעכט פון דער אונטערדריקטער אַראַבישער מינדערהײַט אין דער מעדינע — זי קעמפט צוזאַמען מיט די אײַנוווינער פון די אָרעמקײַטס־קוואַרטאַלן פאַר אַרויסציִען זיי פון פאַרצווייפלונג און אַרויספירן אפן וועג פון גערעכטן קאַמף. מיטן קויעך פון זייער איינִיקײַט וועלן זיי קענען גוווער זײַן די מאַכט פון „ליקוד״, וואָס פאַרייביקט די אָרעמקײַט, די פאַרברעכנס, דעם אַנאַלפאַבעטיזם און פּראָסטיטוציע. זיי קעמפן קעגן דער רעגירונג פון מילכאָמע און קאָרופּציע.

די דאָזיקע אָרעמקײַטס־קוואַרטאַלן וועלן גיין צו די וואַל־אורנעס מיט א וואַל־צעטל פון ראַקאַך, ווײַל זיי האָבן זיך איבערצײַגט, אַז די גאַנצע העצע קעגן ראַקאַך פירן דורך ליגנער און שווינדלער. די מאַסן האָבן באַוויזן צו דערקענען ראַקאַך, וואָס קעמפט אָף דער זײַט פון די אײַנוווינער פון די אָרעמקײַטס־קוואַרטאַלן פאַר זייערע געזעצלעכע רעכט, אָנווײַזנדיק א ריכטיקן אויסוועג פון דער שווערער לאַגע.

ב. אבי־פעלעד („דער וועג״)

„די אראבער — אויסערן טכום?"

א רײ ייִסראעל־צײַטונגען האָבן פאַרעפנטלעכט אופגעבראַכטע אָפּרופן אין שײַכעס מיט א ראַסיסטי־שער פּעטיציע, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אייבערשטן נאַצערעט קעגן פאַרדינגען דירעס פון דער שטאָט פאַר די אראבער. אָט איז איינער פון די אָפּרופן — פונעם זשורנאַליסט שלוימע שאַמגאַר אין „יעדיאָט אַכראָנאָט" אונטערן קעפּל: „די אראבער — אויסערן טכום?"

זינט א יאָר — צוויי, אויב ניט מער, איז מיר ניט אויסגעקומען צו זײַן אין אייבערשטן נאַצערעט. איך בין זיך אָבער מעשאער, אז דאָס איז אזוי, ווי דער נאָמען זאָגט: „אייבערשטער". א יישעוו מיט פּעשע־נעבעלע קלובן, מיט דאַמען, וואָס שלינגען א „פּײַף אָ־קלאַק" מיט אָן אויסגעשטרעקטן קליינעם פינגער פון כינעזישע פּאַרצעלײַנענע טעפּעלעך — בעקיצער, א סטיל, וועלכער גיט דעם לעבן א טאַם, וואָס מיר אַלע זײַנען מעקאַנע אינדערשטיל.

וואָס זאָגט איר? עס הייבט זיך ניט אָן? דער אייבערשטער נאַצערעט איז ניט אזאַ? זײַנע אײַנוווינער האָבן ניט קיין בלוי בלוט אין די אָדערן?

מאַדנע! אָבער אזאַ איז דער אײַנדרוק, וועלכן כ'האָב באַקומען, ווען איך האָב געלייענט וועגן דעם שטורעם, וואָס האָט זיך אופגעהויבן אין אָט דער שטאָט פון אדל־לײַט איבער דער מוירע, אז א צאָל אראבישע מישפּאָכעס ווערט — שטעלט אײַך פאָר! — זיך באַזעצן אין איר געהייליקטן טכום.

און עס האָבן זיך שוין געפונען פּיפּיקע יידן, וואָס גיבן די אײַנוווינער אונטערצושרײַבן א פּעטי־ציע, וועלכע דראָעט מיט פאַרלאָזן די שטאָט, אויב, כאָלילע, מע וועט ארײַנלאָזן אראבער אין דירעס, וואָס שטייען ליידיק. עס ווײַזט זיך ארויס, לויט די פּעטיציעס, אז אויב אראבער וועלן וווינען אין דער געגנט, וועט מען ניט קאָנען געבן די קינדער קיין יידישע דערציִונג...

מײַן פּערזענלעכער אײַנדרוק איז, אז ס'וואָלט געווען געוואונטשן צו געבן א דערציִונג ביכלאַל, און א יידישע דערציִונג ביפּראַט, א רײ טאַטעס, איידער מע וועט זאָרגן פאַר דער דערציִונג פון די קינדער. איך בין ניט מעסוגל צו באַגרײַפן, וויאַזוי יידן, וועלכע ווייסן גוט, וואָס מע האָט געטאָן אונדזער פאָלק צוליב אזעלכע פאָרורטיילן, קאָנען אָפּשטויסן שכיינים פון אן אנדער נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם אָדער פון אן אנדערער רעליגיע. איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וויאַזוי מע וועט לערנען די קינדער אין דער שול, אז מיר דאַרפן לעבן מיט דער אראבישער מינדערהײַט אין אונדזער לאַנד און אכטן אונדזערע מוסולמענישע און קריסטלעכע בירגער, אָבער ווען די זעלבע קינדער וועלן צוריקומען אהיים, וועט מען זיי אופקלערן, אז דער אראבער, יעדער אראַ־בער, דערפאַר ווײַל ער איז אן אראבער — איז טאָמע: מע קאָן אים לײַדן אלס שאָכן מאַקסימום אין לאַנד, אָבער ניט אין קוואַרטאַל.

איך האָב געקענט אין מײַן לעבן ניט ווייניק אראַ־בער, וואָס איך וואָלט זיי בעסער געוואָלט האָבן אלס שכיינים, ווי פּיל יידן... צווישן די יידן, וואָס איך בין ניט פאַרינטערעסירט צו לעבן אין זייער סוויווע, נעם איך ארײַן די פּיפּיקע לײַט פון דעם אנטי־אראבישן פּסיכאָז אין נאַצערעט.

(„יעדיאָט אַכראָנאָט")

וואָס קומט פאַר מיטן געלט פאַר ייִסראעל?

שוין א היפּש ביסל יאָרן ווייסן מיר, אז אַלע מינים ציִוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אונדזערע מעקוי־מעס, ווי אין אויסלאַנד ביכלאַל, ווערן אויסגעהאַלטן פון די אָן א שיר „אַפּילן" פאַר ייִסראעל. אכוץ דעם, איז אויך ניט קיין סאָד, אז אין ייִסראעל גופע קריגן אַלע ציִוניסטישע פּאַרטייען און גרופּירונגען סובּ־ווענציעס פון די געלטער, וואָס קומען פון אויס־לאַנד, געגעבן דורך מענטשן, וועלכע זײַנען זיכער, אז יעדער דאָלאַר זייערער ווערט אויסגענוצט בלויז און נאָר פאַר בויען די מעדינע.

אין געוויסע קרײַזן האָט מען זיך באַמיט צו שאַפן דעם אײַנדרוק, אז אויב דאָס איז ביכלאַל עמעס, איז עס אָבער אנדערש, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די היסטאַדרוט־קאַמפּאַניעס... ווײַזט זיך ארויס, אז גראַד אין און ארום היסטאַדרוט קומען פאַר גאָר ניט קיין פײַנע זאכן בענעגייע פינאַנצן.

אזוי, לעמאָשל, איז ניט לאַנג צוריק באַקאַנט גע־וואָרן (דורך „ציִנס" — ציִוניסטישער נײַס־אַגענטור), אז בלויז איין דריטל פון דעם געזאַמלטן געלט אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע דערגרייכט דעם היסטאַדרוט... אזוי ווערט בעפּיירעש איבערגעגעבן אין אן אינערלעכן באַריכט, וואָס עס האָט דאָ ניט לאַנג צוריק צוגעגרייט דער געוועזענער קאַסירער פון היסטאַדרוט אין ייִסראעל יעשוע לעווי, און דער איצטיקער קאַסירער, ייִסראעל קײַזער, באַשטעטיקט דאָס עפנטלעך, אז די מערסטע געלטער, וואָס מע זאַמלט דורך די היסטאַדרוט־קאַמפּאַניעס, ווערן אפּי־לע ניט געשיקט קיין ייִסראעל.

און דאָ דעקט זיך אוף א זייער אינטערעסאַנטע מײַסע טאַקע דורך „ציִנס" — אז ניט קיין אנדערער, ווי דער זעלבער ייִסראעל קײַזער, האָט אין אן אינ־טערוויו, געדרוקט אין „האַארעץ", געזאָגט, אז דער גרעסטער טייל פאָנדן, וואָס מע זאַמלט אין אַמע־ריקע, ווערן אינוועסטירט אין אַמעריקע פאַר דעם

צוועק פון... שטאַרקן די אַרבעטער־יוניאָנס (סינדיקאַטן) אין די שטאַטן און קאַנאַדע...

איז פאַרוואָס האָט מען דאָס געהאַלטן די גאַנצע צײַט אַלס אַ סאָד? ענטפערט אויף דעם ייִשׂראל קײַזער, אַז „מ׳האָט דאָס ניט פּובליקירט צוליב דער מוירע, אַז דאָס קאָן שאַפן אַ מיספאַרשטענדעניש אין די מויכעס פון די ייִדן, וואָס זײַנען בײַשטײַערער צום „קאַמפּעין”, וועלכע וואָלטן אויפגעהויבן די פראַגע, פאַרוואָס די פאָנדן ווערן אינוועסטירט אין אַמעריקע און ניט אין ייִשׂראָל?” און פון דעם באַריכט פונעם געוועזענעם קאַסירער יעשוע לעוויי דערוויסט מען זיך, אַז „פון צען מיליאָן דאָלאַר, וואָס זײַנען געזאַמלט געוואָרן אין מעשעך פון די יאָרן 1970־71 ביז 1972־73, זײַנען בלויז 4 מיליאָן 8 הונדערט טויזנט דאָלאַר איבערגעשיקט געוואָרן קיין ייִשׂראָעל”.

מיסטער נירענבערגער האָט זיך זײַנע כעזשבוינעס מיט דעם ייִדישן „עסטאַבלישמענט”, וואָס גייען אונדז ווייניק אָן... אָבער עמעסן דעקט ער אויף, וועלכע מע טאָר ניט באַהאַלטן.

אונדז איז זייער שטאַרק נעגייע די דערקלערונג פונעם איצטיקן פינאַנץ־סעקרעטאַר פון היסטאַדרוט אין ייִשׂראָעל, אַז די געזאַמלטע דאָלאַרן — פאַר היסטאַדרוט — ווערן אינוועסטירט אין אַמעריקע „מיטן צוועק צו שטאַרקן די אַרבעטער־יוניאָנס אין די שטאַטן און אין קאַנאַדע”. וועלכע יוניאָנס? וויאַזוי און צוליב וואָס שטאַרקט מען זיי? אַז זיי זאָלן פירן אַ קאַמף לעטויוועס די הייגע אַרבעטער־מאַסן, אָדער קעדיי צו האַלטן באַם רודער אַזעלכע רעאַקציאָנערע פירער, ווי דזשאָרדזש מיני און אַנדערע, ווײַל זיי האַלטן זיך אַלס פרײַנט, אַז אָך־און־ווי, פון ייִשׂראָעל און זײַנען ביטערע סאָנים פון דער באַוועגונג צו פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד?

אישיקע
(„וואָכנבלאַט”, קאַנאַדע)

כראָניק

„די שורע, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן מיט אַ קויל”

אונטער אַזאַ נאָמען איז אין פאַרלאַג „מאָסקאָווסקי ראַבאָטשי” דערשינען אַ זאַמלונג, געווידמעט די מאָסקווער שרײַבער, וואָס זײַנען געפאַלן אויף די פראָנטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

אינעם בוך, וואָס פאַרמאָגט אַריבער 700 זײַטן, ווערט דערציילט וועגן 81 שרײַבער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, וועלכע האָבן צום 22 יוני 1941 געלעבט און געשאַפן אין מאָסקווע, צווישן זיי 7 ייִדישע שרײַבער — בוזי אָליעווסקי, שמועל גאָדינער, מוישע גאָלדשטיין, אַרן גורשטיין, מייער ווינער יאַשע זעלדין, שמועל ראָסין.

וועגן די אומגעקומענע ייִדישע שרײַבער זײַנען פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען פון ה. רעמעניק, וו. זשדאַנאָוו, ע. פינינבערג, ע. גאָרדאָן, ג. מיראַנאָוו, ר. רובין, ל. פּרוכטמאַן, אַ. סורקאָוו, ס. טרעגוב.

אויף די פאָרזאַצן פון דער פראַכטפול אויסגעפורעמטער אויסגאַבע זײַנען אָפּגעדרוקט אַ רעפּראָדוקציע פונעם מעמאָריאַלטאָוול מיט די נעמען פון די אומגעקומענע שרײַבער און פראַגמענטן פון קאָנסטאַנטין סימאָנאָווס און אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקיס מילכאָמע־לידער.

■ ■ ■

הײַנטצײַטיקע רוסישע זינגלידער

אין דער איבערזעצונג פון ארן ווערגעליס

פון וואָס הייבט זיך אָן דאָס היימלאנד

«С чего начинается Родина»

ווערטער — אי. שאפעראן

מוזיק — וו. באסנער

און ווו איז דער אָנהייב פון פאָטערלאנד?
דאָס היימלאנד הייבט אָן זיך פון וואָס?
פון זוכן דעם אלעף אין אלעפבייס.
פון ערשטן פארלאנג און פארדראָס.

און עפשער די מאמע באם וויגעלע —
דער אָנהייב פון היימלאנד זי איז.
דער אָנהייב איז עפשער דאָס ריטשקעלע,
וואָס ליכטיק און סוידעסדיק פליסט.

און ווו איז דער אָנהייב פון פאָטערלאנד?
באם הילצערנעם טויער לעם הויז.
בא יענער בערעזקע, וואָס שפּילעוודיק
אליין אינעם פעלד איז ארויס.

און עפשער דער אָנהייב פון היימלאנד איז
די ליד פונעם פויגל אין סאָד.
דער אָנהייב איז עפשער דאָס שטעגעלע,
אין האסטיקן טײַכל דער בראָד.

און ווו איז דער אָנהייב פון פאָטערלאנד?
פון דעם, וואָס עס טוט אזוי באנק.
פון טאטנס גערואמער בודיאָנאָווקע,
וואָס ליגט אינעם אלטינקן שראנק.

און עפשער דער אָנהייב פון היימלאנד איז
דער וועג, וואָס איז שווער אין א נויט.
די ערשטע אין לעבן געזעגעניש,
די שוווע אף לעבן און טויט.

ראָמאשקעס

«Ромашки спрятались»

ווערטער — אי. שאפעראן

מוזיק — יע. פטיטשקין

ראָמאשקעס, לאנדישן,
אניוטעס אייגעלעך...
איך בין פארבײַגעגאן,
און ס׳טוט מיר באנק.
פארוואָס געפעלן אײַך
די שיינע ייִנגעלעך?
א ליבע שפּילן זיי,
אוי, ניט אף לאנג.

אין אים פארליבט איך בין,
א צוגעזאָטענע,
נאָר ווען ער האָט מיר שוין
פאדרייט דעם קאָפּ, —

ער נעמט זיך בריקעווען,
האָט קיין כאראָטע ניט,
און אָן א זײַ־געזונט
ער טראָגט זיך אָפּ.

עס וונקען מער שוין ניט
אניוטעס אייגעלעך,
ראָמאשקעס, לאנדישן
אין כאָלעם בלויז.
פארוואָס געפעלן אײַך
די שיינע ייִנגעלעך?
אזויפיל הארצווייטעק,
די ליבע — אויס.

צוליב דיר

«Для тебя»

ווערטער — אי. שאַפעראַן

מוזיק — יאַן פרענקעל

צוליב דיר, צוליב דיר, צוליב דיר
וואָלט איך איבערגעשווומען א יאַם.
צוליב דיר כ׳וואָלט אַרײַן אין דער שטײַג פון
א לייב,
גיין אַף קידעשהאַשעם וואָלט איך סטאַם.
און דו גלייב, און דו גלייב, און דו גלייב,
אַז די ליבע האָט קוי׳ך אָן א שיר.
דו נאַר זאָג און באַפעל,
ברענג איך פויגל־מילך שנעל
צוליב דיר, צוליב דיר, צוליב דיר.

שײַנט מײַן גלויבן
ווי א רעגנבויגן,
אויך די שנייען
פרייען זיך און פרייען.
אַלע ליבעס
האָבן זיך געליובעט,
איך אוואַדע
זיך צו דיר געטוליעט.

צוליב דיר, צוליב דיר, צוליב דיר
וועל איך טאָן ווי דײַן האַרצן געפעלט:
אַט דאָס פעלד מיט דעם וואַלד וועל איך אויס־
פוצן באַלד
און אוועקשטעלן דאָרט דײַן געצעלט.
און דו גלייב, און דו גלייב, און דו גלייב,
אַז די ליבע האָט קוי׳ך אָן א שיר.
דו נאַר זאָג און באַפעל,
ברענג איך פויגל־מילך שנעל
צוליב דיר, צוליב דיר, צוליב דיר.

וועל איך ליבן אַזוי, ווי איך ווייס:
צאַרטע ליבע, טרערן ריינע...
איבערכאַזערן דאַרשטיק און הייס
שיר־האַשירימדיק
ווערטער איינע: אייביק די וועלט,
און ס׳איז אייביק אויך די ליבע!
און אויב ניט, נעם אוועק דײַן געצעלט
פון מײַן פעלד —
דו מײַן פרייד, מײַן העלד!

צוליב דיר, צוליב דיר, צוליב דיר
וואָלט איך איבערגעשווומען א יאַם.
צוליב דיר כ׳וואָלט אַרײַן אין דער שטײַג פון
א לייב,
גיין אַף קידעשהאַשעם וואָלט איך סטאַם.
און דו גלייב, און דו גלייב, און דו גלייב,
אַז די ליבע האָט קוי׳ך אָן א שיר.
דו נאַר זאָג און באַפעל,
ברענג איך פויגל־מילך שנעל
צוליב דיר, צוליב דיר, צוליב דיר.

א ליד

«Песня»

ווערטער — ד. גאַמזאַטאָוו

מוזיק — ד. אַשקענאַזי

מײַן טאַטע איז ניטאָ שוין מער,
פאַרגאַנגען ווי א שטערן...
עס איז די מאַמע אין די נעכט
געזעסן בײַ מײַן וויג פאַרקלערט
און האָט געגאָסן טרערן,
און האָט געוויינט, און האָט געוויינט.

איצט אויסגעוואַקסן בין איך גרויס,
און כ׳ווייס ניט וואָס צו קלערן —
מײַן שיינע ליבע איז שוין אויס...
די מאַמע האָט געוווּסט פּאָרויס
און האָט געגאָסן טרערן,
און האָט געוויינט, און האָט געוויינט.

מײַן מאַמע איז אַצינד שוין טויט,
און מיט א האַרץ א שווערן
כ׳האָב צוגעווינט זיך צו דער נויט
און אַלץ דעם גורל אַנגעטרויט
און האָב געגאָסן טרערן,
און כ׳האָב געוויינט, און כ׳האָב געוויינט.

דער יונגער בושל

«Журавленок»

ווערטער — אי. שאפּעראָן

מוזיק — ע. קאַלמאַנאָווסקי

די היץ איז שוין אַראָפּ, די בושלען פֿליִען אָפּ,
עס פֿירט זיי דער וואָזשאַק צו קאַנטן ווײַטע.
די סטײַע פֿליט מיט צאַר.
בלויז איין הולטײַ, א נאַר,
איין יונגער בושל פֿליט מיט סימכע א
פֿאַרשײַטער.

ער טראָגט זיך מיט א קנאַק, טרײַבט אונטער
דעם וואָזשאַק,
און יענעמס קאָל דערהערט זיך דאָ דערנעבן:
כאָטש דאָרט איז מאָלע־כיין,
נאָר ליבער איז די היים,
און דו האָסט לאַנגע פֿיס און קורצן סייכל,
נעבעך.

געדענק דער מאַמעס נעסט, די לאָנקע ניט
פֿאַרגעס,
ווו פֿליִען האָסט געלערנט זיך, לעמאָשל,
אויף אייביק פֿאַרגעדענק.
אויב ניט, איך זאָג דיר שטרענג,
וועסט קיינמאָל, באָכער, שוין ניט זײַן קיין
עכטער בושל.

בא אונדז עס ליגט א שניי, בא אונדז איז
א זאַווײ,
מע זעט קיין פֿייגל אויף די ברייטן־לענגען.
און דאָרט, אין פֿרעמדער ווײַט,
איעדער בושל שרײַט —
נאָך זייער היימלאַנד דעם פֿאַרשנייִקטן זיי
בענקען.

און ביזן סאָף פֿון אונדזער לעבן

«На всю оставшуюся жизнь»

ווערטער—ב. וואַכטין און פּ. פּאַמענקאָ

מוזיק — וו. באַסנער

ס׳האָט דיך און מיך א סאַניטאַרקע
אַרויסגעטראָגן פֿון דער שלאַכט,
און איצטער אויף די הענט די שטאַרקע
דעם זיג מיר האָבן איר געבראַכט.

און ביזן סאָף פֿון אונדזער לעבן
וועט יעדן סטײַען רום פֿאַר דרײַען,
ניצכוינעס איבעם קריג וועט סטײַען
אַזש ביזן סאָף פֿון אונדזער לעבן.

די גרויסע וואָלגע האָט געפֿלאַקערט,
עס האָט געברענט די גאַנצע וועלט,
און מיר אין בלוטיקער אַטאַקע
דאָס לאַנד מיט זיך האָבן פֿאַרשטעלט.

און ביזן סאָף פֿון אונדזער לעבן
וועט סטײַען טרויער אונדז און צאָרן.
אָך, וויפֿל האָבן מיר פֿאַרלאָרן
שוין ביזן סאָף פֿון אונדזער לעבן.

פֿון יוני כוידעש, איין און פֿערציק,
ביז פֿינף און פֿערציק, נײַנטער מײַ,
אויף טויט געשניטן באַרעמהערציק
דעם פֿײַנט דעם האַרצלאָזן מיט בלײַ.

און ביזן סאָף פֿון אונדזער לעבן
מיר וועלן זײַן—געזונטע, שטאַרקע,—
פֿאַרליבט אין אונדזער סאַניטאַרקע
שוין ביזן סאָף פֿון אונדזער לעבן.

טעכטער דערוואַקסענע

«Взрослые дочери»

ווערטער — נ. דאַריזאַ

מוזיק — אַ. פעלצמאַן

טעכטער געראָטענע,
טעכטער דערוואַקסענע,
קאַלע־מיידלעך שוין הײַנט.
גאָלדענע בערג האָבן מאַמעס אײַך צוגעזאָגט
און אײַער קינדהײַט באַשײַנט.
טעכטער געראָטענע,
טעכטער דערוואַקסענע,
קאַלע־מיידלעך שוין הײַנט.

בלויז מיט די צערטלעכע
גייט צו דער כאַסענע,
מאַנצבלען, וואָס לײַגן, פאַרטרײַבט.
מיידלעך געפעלן זיי
אָפּט אויסגעלאַסענע,
צניעס פעלט אויס באַ דעם ווײַב.
בלויז מיט די צערטלעכע
גייט צו דער כאַסענע,
מאַנצבלען, וואָס לײַגן, פאַרטרײַבט.

טעכטער דערוואַקסענע,
אַך, ווי עס היטן אײַך
מאַמעס, געפּרוּווטע אין וויי, —
אַז איר זאָלט אויסמײַדן
צײַטן פאַרביטערטע,
לעבן כאָטש בעסער פון זיי.
טעכטער דערוואַקסענע,
אַך, ווי עס היטן אײַך
מאַמעס, געפּרוּווטע אין וויי.

מאַמעס געקומען דען
זײַנען צום פּאַרטיקן?
שווער איז דאָס לעבן געווען.
מעגלעך, די אַלטינקע
ווילן דערפאַר טאַקע
גיכער אײַך גליקלעכע זען.
טעכטער דערוואַקסענע,
אַך, ווי עס ווילט זיך אונדז
גיכער אײַך גליקלעכע זען.

נעם די שינעל און קום אהיים

«Бери шинель, пошли домой»

ווערטער — ב. אָקודזשאַווא

מוזיק — וו. לעוואַשאָוו

ס׳ליגט די פּעכאָטע נאָך, ווי שטענדיק,
אין פעלד באַהאַלטן און געהיים.
דעם קריג מיר האָבן שוין פאַרענדיקט,
דעם קריג מיר האָבן שוין פאַרענדיקט,
דעם קריג מיר האָבן שוין פֿאַרענדיקט, —
נעם די שינעל און קום אהיים.

קאָסט די מילכאָמע טרערן יאָמען,
איצט זי באַווײַנט זיך שוין אַליין.
פיר יאָר עס וואַרט אַף דיר דײַן מאַמע,
פיר יאָר עס וואַרט אַף דיר דײַן מאַמע,
פיר יאָר עס וואַרט אַף דיר דײַן מאַמע, —
נעם די שינעל און קום אהיים.

צו כוּרוועס פינצטערע און שטומע
געבראַכט צו טראָגן האָט מען ליים.
די פייגל שוין צוריק געקומען,
די פייגל שוין צוריק געקומען,
די פייגל שוין צוריק געקומען, —
נעם די שינעל און קום אהיים.

און דו — גלײַך וואָלסט עס ניט פאַרשטאַנען,
שלאָפסט אין דער גרוב און ווילסט ניט גיין.
ווסטאַוואַי, ווסטאַוואַי, אַדנאַפּאָלטשאַנין,
ווסטאַוואַי, ווסטאַוואַי, אַדנאַפּאָלטשאַנין,
ווסטאַוואַי, ווסטאַוואַי, אַדנאַפּאָלטשאַנין, —
נעם די שינעל און קום אהיים.

וואָס וועל איך זאָגן דער אַלמאָנע?
אוי, שרײַען וועט זי: ניין און ניין!
דײַן העמד ס׳פאַרבלוטיקטע וועט מאָנען,
דײַן העמד ס׳פאַרבלוטיקטע וועט מאָנען,
דײַן העמד ס׳פאַרבלוטיקטע וועט מאָנען, —
נעם די שינעל און קום אהיים.

עס האָט די היים דיך ניט פאַרגעסן,
דאָרט ווייסן איצט שוין גרויס און קליין:
ס׳איז ווידער אַף דער וועלט שוין וועסנע,
ס׳איז ווידער אַף דער וועלט שוין וועסנע,
ס׳איז ווידער אַף דער וועלט שוין וועסנע, —
נעם די שינעל און קום אהיים.

זיסע יאַגעדעס

«Сладка ягода»

ווערטער — ר. ראָזשדעסטווענסקי

מוזיק — יע. פּטיטשקין

זיסע יאַגעדעס בא דעם טײַכל,
גריגג צו קלײַבן זיי באַרג־אַראָפּ.
זיסע יאַגעדעס איז א מײַכל,
און די ביטערע סאַמען אָפּ.

אוי, די וועלט — זי איז הײַנט א קרומע,
פונקט קאַפּויר אין וואַלד וואַקסן גאָר:
זיסע יאַגעדעס — בלויז אום זומער,
און די ביטערע — ס׳גאַנצע יאָר.

איינע טערפּקע איז, איינע — ווײַניק,
הייס ווי אָקרעפּ און קאַלט ווי שניי.
זיסע יאַגעדעס האָב איך ווייניק,
און די ביטערע — עמער צוויי.

קומסט א פריילעכע זיך צו שיידן,
מיר איז אומעטיק, און איך וויין.
זיסע יאַגעדעס רײַסן ביידע,
און די ביטערע כ׳רײַס אליין.

באַם קורגאַן

«У кургана»

ווערטער — יו. דרונינע

מוזיק — א. פּעטראָוו

שמעקט מיט זומער פון די גערטנער,
אָף דער וואָלגע שפּרייט זיך אויס אזא טומאַן.
מײַן געליבטער, מײַן באַשערטער,
קום צו גיין, ווען איך וועל זײַן באַם קורגאַן.

פון דעם דענקמאָל שטיינער ריידן,
און עס שווײַגן ביימלעך יונגע טאָג און נאַכט.
לאָמיר ביידע זיך ניט שיידן,
זיצן שטילע באַם דענקמאָל פאַרטראַכט.

אָף קורגאַנען — הוראַגאַנען,
די מילכאָמע, זי עטעמט מיט קעלט.
די סאָלדאַטן — דאָ געשטאַנען,
מיטן האַרצן אונדז פאַרשטעלט.

מײַן געליבטער, ס׳איז מיר שרעקלעך,
טאָמער טוסטו צום אָפּגרונט א שפּאַן.
ס׳איז דען מעגלעך, ניין, ניט מעגלעך,
פאַלש דאָס האַרץ זאָל דאָ זײַן באַם
קורגאַן.

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַעס

אין דער געגנטלעכער ליטעראַרישער פאַרייניקונג

אינעם לייען־זאַל פון דער ביבליאָטעק אַף שאָלעם־אליייכעמס נאָמען איז פאָרגעקומען א פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער געגנטלעכער ליטעראַרישער פאַרייניקונג, אַף וועלכער עס זײַנען אויך בײַגעווען פאָרשטייער פונעם שעפערישן אקטיוו, פון די ביראָבידזשאַנער לייענער.

דער שרײַבער וו. אַלעקסאנדראָווסקי (פאַראנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דער כאַבאַראָווסקער אָפּטיילונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון רספסר) האָט גערעדט וועגן דער טעטיקײַט פון די ווײַטמיזרעכדיקע ליטעראַטן אין שײַכעס מיט די באַשלוסן פונעם לעצטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער. ער האָט אויך באַקענט די פאַרזאַמלטע מיט די פּלענער פונעם קאַנטישן ביכער־פאַרלאַג אַפן 1977 יאָר.

צווישן אַנדערע וועט דערשײַנען אין אָט דעם פאַרלאַג ב. מילערס א נײַער בוך, עס ווערן געגרייט כ. שויכעטס א ראָמאַן, אי. בראָנפמאַנס און וו. סאָלאָמאַטאָווס לידער־זאַמלונגען און א נײַע בראָשור מיטן נאָמען „אַף די ברעגן פון בירע און בידזשאַן”, געווידמעט די דערפאָלגן אין דער בויונג פון דער צווייטער אָרדענטרעגערישער יידישער אווטאָנאָמער געגנט.

די פוטבאָליסטן פון „דאַלסעלמאַש” אַפן באַם

די פוטבאָליסטן פונעם ביראָבידזשאַנער זאַוואָד „דאַלסעלמאַש” זײַנען אַרויסגעפאָרן אַפן מיזרעך־באַצירק פון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל, וווּ זיי האָבן דורכגעפירט צוויי כאַווערישע באַגעגענישן מיט די ספּאָרטסמענער־בויער פונעם באַם.

אין אורגאַל האָבן די ביראָבידזשאַנער ספּאָרטסמענער זיך באַגעגנט מיט די פוטבאָליסטן פון דער קאָמאַנדע „אוקרסטראָי” און אָפּגעהאַלטן א זיג מיטן רעזולטאַט 3:6, אינעם ייִשעוו אַלאָנקאַ האָבן זיי אויסגעשפּילט בא די בויער פון מאָלדאַוויע — 2:5.

אָנטיילנעמער פונעם פעסטיוואַל „די פײַערן פון דער מאַגיסטראַל” אין ביראָבידזשאַן

לעצטנס איז אין די שטעט פונעם ווײַטן מיזרעך אַרויסגעטראָטן א גרופּע אַרטיסטן — אָנטיילנעמער פונעם קונסט־פעסטיוואַל „די פײַערן פון דער מאַגיסטראַל”, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט בא 100 עסטראַדע־מײַסטערס.

די אָנטיילנעמער פון די קאָנצערטן סוועטלאַנע רעזאַנאָוואַ, אַלעקסאַנדער ליפשיץ און אַלעקסאַנדער לעווענבוק און דער רעזשיסער פון דער פאַרייניקונג „ראָסקאָנצערט” קיריל באָגאָסלאָווסקי האָבן זיך געטיילט מיט זייערע אײַנדרוקן וועגן דעם פעסטיוואַל. די אַרטיסטן זײַנען אַרויסגעטראָטן פאַר די בויער פון דער בײַקאַל־אַמורער טראַסע מיט 140 קאָנצערטן.

אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן זײַנען זייערע אַרויסטרעטונגען אופגענומען געוואָרן ווי א יאָמטעוו פון דער סאָוועטישער עסטראַדע.

שוין לאַנג האָט דער ביראָבידזשאַנער סטאַדיאָן „סטראָיִטעל” ניט געזען בא זיך אַזויפיל צושויער, ווי דאָס מאָל. די טריבונעס האָבן פאַרפולט זעקס טויזנט ביראָבידזשאַנצעס.

די כאָשעווע מענטשן פון שטאָט — דער קאַוואַלער פונעם אָרדען פון דער רויטער אַרבעטספאָן כ. פײַנשטיין, די אַרבעטערנס פונעם ביראָבידזשאַנער ברויט־זאַוואָד וו. יודינאַ און ג. אַליאָשינאַ, דער מיטגליד פונעם סאָוועטישן קאָמיטעט פון פרויען פ. פײַמאַן, דער בריגאַדיר־מאָנטאַזשלער ב. מעדיק האָבן נאָכן קאָנצערט, אין נאָמען פון דער שטאָט, אונטערגעטראָגן די געסט אָנדענק־מאַטאָנעס.

צוהילף די בויער פון דער געגנט

עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד קומען צו פאָרן אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט סטודענטישע אַרבעטס־אָטריאַדן. הײַאָר האָבן בייס די זומער־קאַניקולן געאַרבעט אַף די נײַ־בויונגען אין אַמורזעט, אָבלוטשיע און אין אַנדערע ייִשווים פון דער געגנט בא 500 סטודענטן.

■ ■ ■

דאָס ראַסיסטישע שוטפעס צווישן די רעגירונגען פון יִשׂראל און דאָרעם־אַפריקע

די פאָטאָגראַפיעס, מיט וועלכע מיר איליוסטרירן אונדזער קאָמענטאַר, ווי די פיל אַנדערע דאָקומענטאַלע באַווײַזן אַרום אָט דעם איניען אין דער וועלט־פּרעסע, דאַרפֿן אַרויסרופֿן דעם גרעסטן אַליאַרעם אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט.

ניט בלויז מיטן ראַסיסטישן כאַראַקטער פֿון רעגירונגס־דעקלאַראַציעס זײַנען ענלעך די איצטיקע רעזשימען אין מדינת־יִשׂראל און אין דאָרעם־אַפריקע (וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט אין דער באַוווּסטער רעזאָליוציע פֿון דער גענעראַל־

אזוי ווילדעווען די ציִעניסטישע עקסטרעמיסטן

2 1

3

1, 2. די סאָלדאטן פון דער ייִסראָעל־ארמיי אין די אָקו־פּירטע אראבישע שטעט און ייִשוּווים.
3. צי דערמאָנט עס ניט א בילד פון דער פארגאנגענהײַט אין וויעטנאם?
4. „הענדע האָך!"

4

אזוי ווילדעווען די ציִעניסטישע עקסטרעמיסטן

5

6

5. דער ארעסט פון א יונגן דעמאָנסטראנט אין ירושלאַיִם.
6. דעם דאָזיקן יונגן אראבישן בירגער פון ייִסראָעל איז פארבאָטן פריַי אריבערגיין די גרענעץ פון זיַין ייִשעוו.
7—8. די פאָטאָגראפיעס זיַינען געמאכט געוואָרן אין נאזארעט. דער אמעריקאנער זשורנאל „ניוסוִיק" האָט, קאָמענטירנדיק זיי, געשריבן: „די ייִסראָעלדיקע סאָלדאטן האָבן זיך דורכגעטראָגן איבער די גאסן פון דער שטאָט, שלאָגנדיק יעדן, ווער עס האָט זיך זיי געטראָפן אפן וועג".

8—7

אסאמבליי פון דער אָרגאניזאציע פון די פאריי־ניקטע נאציעס), נאָר און דעריקער מיט דער פּראקטיק פון טעראָריזירן און אונטערדריקן די נעגערישע באפעלקערונג (דאָרעם־אפריקע) און די אראבישע באפעלקערונג (ייִסראָעל).

אפן דאָזיקן סמאך ווערט איצט אויסגעשמידט די מיליטעריש־פּאָליטישע אקס טעל־אוויוו — פּרעטאָריע.

ווען אין אפּרעל ד. י. איז דער אטאמאן פון די דאָרעם־אפריקאנישע ראסיסטן דזשאָן פאָר־סטער געווען דער גאסט פון דער ייִסראָעל־רעגירונג און ער האָט, ווי א שוטעף, באקוקט די מיליטערישע אָביעקטן אף די אָקופּירטע אראבישע טעריטאָריעס, די זאוואָדן, וואָס פּראָ־דוצירן געווער, און ווען די וועלט־פּרעסע האָט מיטגעטיילט, אז פאָרסטער און ראבין האָבן זיך צונויפגערעדט וועגן א ווײַטגייענדיקער צוזאמענארבעט אין מיליטערישן געביט, האָט זיך אופגעהויבן א שטורעם פון פּראָטעסטן ניט נאָר אין ייִסראָעל, נאָר אומעטום, ווו מענטשן פון גוטן ווילן זעען אײַן די געפאר פארן שאָ־לעם און פאר דער זיכערהײַט פון די פעלקער, וואָס עס שטעלט פאָר מיט זיך אזא אליאנס.

די ציִעניסטישע רעגירער פון ייִסראָעל זײַ־נען אָבער צוגעטראָטן צו רעאליזירן דעם פארברעכערישן פּלאן. מיר וועלן ברענגען עט־לעכע מיטיילונגען פון דער מײַרעוודיקער פּרעסע.

אף די שיפבוי־ווערפן אין כײַפע זײַנען גרייט אָפּגעשיקט צו ווערן קיין דאָרעם־אפריקע עטלעכע קאנאָנערקעס, באוואָפנטע מיט ראקעטעס. די פּרײַז פון יעדערער פון אָט די שיפן — 18 מיליאָן דאָלארן („ניו־יאָרק טײַמס"); ייִסראָעל וועט אויסליפערן באָדן — באָדן־ראקעטעס פארן לופטפלאָט פון דער דאָרעם־אפריקאנישער רעפּובליק („דיילי טעלע־גראף"); די אינוועסטיציעס פון דאָרעם־אפריקע אין ייִסראָעל, בעיִקער אין דער מיליטערישער אינדוס־טריע, ווערן אין 1976 פארטאָפּלט אין פארגלײַך מיטן פאָריקן יאָר און וועלן דערגרייכן 20 מיליאָן דאָרעם־אפריקאנישע געלט־איינסן („וואשינגטאָן פּאָסט"); אין ייִסראָעל ווערט געגרייט פאר די יאבאָ־שע־קרעפטן פון דער פּרעטאָריִע א פארטיע ראקע־טעס און עלעקטראָן־אויסשטאטונג. די ראסיסטן וועלן זי באקומען אלס צוגאָב צו דער באדײַטנדיקער עקאָנאָמישער הילף, וואָס טעל־אוויוו האָט זיך אונ־טערגענומען זיי ארויסווײַזן („אוניטא"); אין טעל־אוויוו גייען דורך א פארגיכערטע צוגרייטונג 50 מיליטער־לײַט פון די יאם־קרעפטן פון דאָרעם־אפ־ריקע. עס איז אויך פאָרויסגעזען, אז ייִסראָעל וועט אהין צושטעלן 20 רעאקטיווע שלאכט־עראָפּלאנען („ניו־יאָרק טײַמס").

פאר די אויגן פון דער וועלט שפּילט זיך אָפּ א שענדלעכער מיסכער. אלע ווייסן, אז אין די געטאָס פון יאָהאנעסבורג ווערט מיצאד א ווײַסער ראסיסטישער מינדערהײַט דורכגעפירט סיסטעמאטיש א פּאָליטיק פון אפּארטעיִד בע־נעגייע דער נעגערישער גרונט־באפעלקערונג. די מאסן־שכיטעס, וואָס זײַנען אין דאָרעם־אפריקע דורכגעפירט געוואָרן הײַנטיקן זומער, זײַנען ווי צוויי טראָפּנס וואסער ענלעך מיט די דײַטשיש־פאשיסטישע אקציעס. ס'איז אויך קיין סאָד ניט, אז פאָרסטער און זײַנע מיטהעלפער זײַנען בייס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע גע־ווען פארבונדן מיט היטלער־דײַטשלאנד. די אזויגערופענע „נאציִאָנאליסטישע פארטיי", וועלכע הערשט איצט אין יאָהאנעסבורג, ווײַזט ארויס בוילעטע אנטיסעמיטישע טענדענצן.

דער אפּארטעיִד־רעזשים אין אפריקע איז פארורטיילט אף אונטערגאנג, און דאָס, וואָס אין זײַן לעצטער שאָ קאָאָפּערירט מיט אים די ציִעניסטישע רעגירונג פון ייִסראָעל, איז א נײַער באווײַז פון דער רעכטצײַטיקײַט פונעם באשלוס פון דער אָרגאניזאציע פון די פאריי־ניקטע נאציעס וועגן דעם ראסיסטישן כאראק־טער פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע.

א קאריקאטור אין דער צײַטונג „דיילי וואָרלד"
וועגן דער באגעגעניש צווישן פאָרסטערן און ראבינען.

דאָס איז טשיקאַווע

לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי: „איך האָב אים ליב באַקומען...״

ניט ווײַט פון דער פראַנצויזישער שטאָט מאַרסעל וווינט אַ בעקאָוועדיקער זאַקן, אַ גרויסער פרײַנט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. העכער פופציק יאָר האָט ער זיך פאַרנומען מיט בינענצוכט, דערונטער דרײַסיק יאָר אין פראַנקרײַך גופא, אין פּראָוואַנס. אָט דעם מענטשן האָט גוט געקענט דער גרויסער רוסישער שרײַבער לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי, און ער האָט איינמאָל וועגן אים געזאָגט: „איך האָב אים ליב באַקומען...״

ער איז געבוירן געוואָרן אין פראַנקרײַך. זײַן נאָמען איז וויקטאָר לעברען, זײַן פאָטער האָט געדינט אין אַ פראַנצויזישער קאָמפּאַניע, וואָס האָט געבויט אין רוסלאַנד אײַזנבאַנען. לאַנגע יאָרן האָט דאָס געזינד געוווינט אַפן ווײַטן מיזרעך. מיט לעוו טאָלסטאָיס שאַפונגען האָט וויקטאָר לעברען זיך באַקאַנט, ווען ער האָט נאָך געלערנט אין גימנאַזיע.

אין איינעם אַ טאָג פון נאָיאַבער 1898 האָט די פּאָטשט פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ באַקומען אַ בריוו פאַר דעם שרײַבער ל. טאָלסטאָי. אויפן קאָנווערט איז געווען אָנגעשריבן דער צוריק־אַדרעס: „וולאַדיוואָסטאָק, וו. אַ. לעברענען״. אינעם בריוו האָט וויקטאָר געשריבן: „איך בין אַנציקט פון דער פּאַשטעס און ריכטיקײַט פון אײַערע אָנשויונגען. איך האָב אָנגעהויבן מיט גרויס כיישעק לייענען אײַערע פּרעכטיקע ווערק. איך האָב געפירט לאַנגע שטרײַטן, באַהאַנדלט אײַערע שאַפונגען, צומאָל גערעדט וועגן זיי גאַנצע נעכט ביז פאַרטאָג״...

וויקטאָר האָט באַקומען אַן ענטפער:

„מײַן טײַערער אומבאַקאַנטער פרײַנט! אײַער בריוו האָט מיך געטראָפן אַ קראַנקן, ליגנדיק צו בעט. נאָר איך וויל אײַך ענטפערן כאָטש עטלעכע ווערטער, ווײַל דער בריוו איז געשריבן זייער אויפריכטיק...״

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די קאָרעספּאָנדענץ צווישן טאָלסטאָיען און לעברענען, וועלכע האָט זיך געצויגן צען יאָר. 21 בריוו האָט וויקטאָר באַקומען פונעם שרײַבער. שפּעטער האָט ער זיי איבערגעגעבן דעם מאָסקווער טאָלסטאָי־מוזיי.

זומער 1900 איז לעברען צום ערשטן מאָל געקומען קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט אים זייער פרײַנטלעך אויפגענומען. טאָלסטאָי האָט געשריבן צו וויקטאָרס מוטער: „דער אײַנדרוק, וואָס עס האָבן אויף מיר געמאַכט זײַנע בריוו, איז געוואָרן נאָך שטאַרקער, ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן פּערזענלעך: איך האָב אים נאָך מער ליב באַקומען, און איך פיל די גאַנצע אַכרײַעס, וואָס ליגט אויף מיר צוליב זײַן צוטרוי צו מיר. איך וועל זיך באַמיִען צו זײַן אים נוצלעך אין עמעסן זין פון וואָרט״.

אין 1906 האָט טאָלסטאָי פאַרגלייגט דעם וויסנגיריקן יונגנמאַן, ער זאָל בלײַבן בײַ אים אין גוט און העלפן אין דער אַרבעט: איבערדרוקן די פון האַנט געשריבענע מאַנוסקריפּטן, ענטפערן אויף בריוו, פאַנאַנדערשיקן בראָשורן און ביכער. לעברען האָט מיט באַגײַסטערונג געגעבן זײַן האַסקאָמע.

ווי עס דערציילט לעוו ניקאָלײַעוויטשעס פרוי, האָט דער שרײַבער זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט בינענצוכט. אין זײַנע ווערק האָט ער פאַרגלײַכט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן מיטן לעבן פון אַ בינען־מישפּאָכע. ס'איז זייער מעגלעך, אַז טאָלסטאָיס אינטערעס צו בינענצוכט האָט געלאָזן אַ טיפן שפּור אין לעברענס לעבן.



נאָכן טויט פונעם שרײַבער האָט זײַן סעקרעטאַר פאַרלאָזט יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און איז אַריבערגעפאָרן קיין קרים. אין 1926 האָט ער זיך אומגעקערט קיין פראַנקרײַך, צו זײַן פאָטער דעם אינזשעניער. אין פראַנקרײַך האָט ער זיך באַזעצט ניט ווײַט פון מאַרסעל און פאַרפירט אַ פּאַסעקע.

אין 1968 איז לעברען, לויט דער אײַנלאַדונג פונעם מעלוכישן טאָלסטאָי־מוזיי, געקומען צוגאַסט קיין מאָסקווע. ער האָט געגרייט צום דרוק זיכרוינעס וועגן טאָלסטאָיען.

אין יענער צײַט האָט אין מאָסקווע, אין לאָקאַל פונעם מעלוכע־אוניווערסיטעט אויף די לענין־בערג, אָפּגעהאַלטן זײַנע זיצונגען דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון בינענציכטלער. וויקטאָר אַנאַטאָליעוויטש האָט באַשלאָסן בײַצוזײַן אויף דער זיצונג פון דער סעקציע פונעם קאָנגרעס, וועלכע האָט באַהאַנדלט די פראַגע, וויאַזוי בינען באַפרוכפּערן געוויקסן.

י. גינעווסקי

פאַרשיידנס

דאָס קונסט־ווערק דאַרף אומגעקערט ווערן

טאַילאַנד האָט בעדייע זיך דערשלאָגן, מע זאָל אומקערן אין לאַנד די בראָנזסקולפּטור פון בודען, וואָס ווערט געשאַצט אין 300 טויזנט דאָלאַרן, וועלכע איז אין 1967 יאָר געהיים ארויסגעפירט געוואָרן פונדאַנען, — האָט געמאָלדן דער פאַרשטייער פונעם דעפּאַרטאַמענט פון פּלאַסטישער קונסט. הײַנט־צו־טאָג ווערט די סקולפּטור עקספּאָנירט אינעם ניו־יאָרקער מוזיי „מעטראָפּאָליטען”, וועלכער האָט זי אײַנגעשאַפן פון א „פּריוואַטער קאָלעקציע”. די דאָזיקע סטאַטוע איז איינע פון די זעלטנסטע בראָנזסקולפּטורן פונעם VIII יאָרהונדערט פון אונדזער ערע, וועלכע מע האָט געפונען אינעם בודיסטישן טעמפּל אין דער שטאָט פּראַקכאָנטשײַ. מע האַלט, אז די סקולפּטור האָט ארויסגעפירט איינער פון די אַמעריקאַנער מיליטער־לײַט, וועלכער האָט אונטערגעקויפט די טאַמאָזשניע־טשינאָווניקעס.

צי לייענט מען א סאַך אין פראַנקרײַך?

דער פראַנצויזישער מעלוכע־סעקרעטאַריאַט איבער קולטור־פראַגן האָט דורכגעפירט אויספאָרשונגען וועגן דעם, וויפל און וואָס פאַרא ביכער לייענען די אײַנוווינער פונעם לאַנד. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין מעשעך פון פאַריקן יאָר, צום בײַשפּיל, האָט איין דריטל פראַנצויזן ביכלאַל ניט גענומען אין האַנט קיין בוך, און 27 פּראָצענט האָבן ניט בא זיך אין דער היים קיין שום ביכער.

די סטאַטיסטיק האָט אויך באַוויזן, אז יעדער דריטער פראַנצויז לייענט פּראַקטיש ניט קיינמאָל קיין קינסטלערישע ליטעראַטור. 24 פּראָצענט „קוקן דורך” פון איינעם ביז נײַן ביכער א יאָר, נאָך 24 פּראָצענט — פון 10 ביז 25 ביכער. דער גרעסטער נאָכפרעג איז אף ביכער אף הײַנטצײַטיקע טעמעס — 35 פּראָצענט. דער קלענסטער נאָכפרעג איז אף פּאָעזיע — אינגאַנצן דרײַ פּראָצענט לייענער.

אן אינטערעסאַנטער פאַקט — די צאָל מענטשן, וואָס לייענען קיינמאָל קיין ביכער ניט, פאַרגרעסערט זיך מיטן עלטער: צווישן דער יוגנט לייענען ניט קיין ביכער 12 פּראָצ. אין פאַרגלײַך מיט 22 פּראָצ. צווישן דער גרופּע פון דער באַפעלקערונג אין עלטער פון 25—40 יאָר, 39 פּראָצ. צווישן די 40 — 60־יאָריקע און 43 פּראָצ. — עלטער פון 60 יאָר.

איינע פון די סיבעס פונעם קליינעם פּראָצענט לייענער אין לאַנד איז, לויט דער מיינונג פון די אויספאָרשער, די טעלעוויזיע.

(„נײַעס פון יונעסקאָ”)

דער אופּבלי פון עקסליבריסן

עס ווערט 500 יאָר, זינט עס איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער געדרוקטער עקסליבריס. די פאָרשער האָבן דערוויזן, אז דאָס איז געווען צווישן 1470 און 1480 יאָרן: די האָלץ־גראַוויור, וואָס האָט זיך פאַרהיט ביז הײַנט־צו־טאָג, האָט געהערט צו איינעם א האַנס קנאַבענסבערג, לויטן צונעמעניש „שטעכלקע”. און אין אָנהייב פון XVI יאָרהונדערט האָט מיט עקסליבריסן זיך שוין פאַרנומען דער גרויסער מאָלער פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע אַלבערט דירער. קימאַט פינף יאָרהונדערטער איז שוין אַלט אויך דער ערשטער רוסישער עקסליבריס, וואָס מע האָט געפונען אף די ביכער פונעם סאָלאָוועצקער מאָנאַסטיר. עקסליבריסן האָבן געמאָלט מײַסטערס פון פאַרשיידענע צײַטן — אַזעלכע, ווי האַנס גאָלביין און לוקאַס קראַנאַך, אַנרי מאַטיס און פּאַבלאָ פּיקאַסאָ, מיכאַיל ווורובעל און ניקאָלײַ רעריך, וולאַדימיר פאַוואָרסקי...

דעם גרעסטן אופּבלי פאַר איר גאַנצער פילהונדערטיאָריקער געשיכטע האָט די קונסט פון עקסליבריס דערגרייכט פאַר די לעצטע אָנדערהאַלבן־צוויי יאָרצענדליקער. האַיאָר, אַשטייגער, איז אין נאַלטשיק דערשינען אן אַלבאָם „גערמאַן פּאַשטאָוו. עקסליבריסן”. פאַר טויזנטער פאַרערער פון דער דאָזיקער קונסט איז דאָס א נײַער נאָמען. דער יונגער טאַלאַנטפולער קינסטלער איז געוואָרן דער שעפער פונעם ערשטן קאַבאַרדינישן עקסליבריס.

אפן צווישנפעלקערלעכן קאָנקורס פון עקסליבריסן אין דער איטאַליענישער שטאָט גענוע האָבן זייערע אַרבעטן פאָרגעשטעלט קינסטלער פון א סאַך לענדער. געזיגט האָט דער סאָוועטישער גראַפיקמײַסטער אַנאַטאָלי קאַלאַשניקאָוו. איינעם פון זײַנע לעצטע עקסליבריסן האָט ער געשאַפן פאַרן אינזשעניער דזשאַני מאַנטעראָ, דעם פּרעזידענט פון דער צווישנפעלקערלעכער פעדעראַציע פון עקסליבריסטן. דער סוזשעט פון דער דאָזיקער גראַפישער מיניאַטור איז געווידמעט דעם 525־טן געבורטסטאָג פון כריסטאָפאָר קאָלומבן. די טויב פון אויבן באַצייכנט די פאַמיליע פונעם באַרימטן יאַם־רײַזנדער: דאָס וואָרט „קאָלאָמבאָ” אין דער איבערזעצונג פון איטאַליעניש באַטײַט א „טויב”.

יאַ. ביילינסאָן („איזוועסטיאַ”)

טײַערע רעליקוויעס

„אין דער דאָזיקער געבײַדע האָט אין 1895 געארבעט וו. אי. לענין", — דערמאָנט דער מעמאָריאל־טאָוול, וואָס באשיינט דעם פאסאד פון דער געוועזענער קיניגלעכער ביבליאָטעק אף אונטער־דען־לינדען, ווו ס'געפינט זיך איצט דער פאקולטעט פון מארקסיסטיש־לענינישער פילאָסאָפיע פונעם בערלינער אוניווערסיטעט.

פון דער דאָזיקער געבײַדע גייען פיל עקסקורסאנטן אריבער צו דעם מוזיי פון דײַטשישער געשיכטע, וועלכער שטייט אנטקעגן. אין איינעם פון די זאלן ווערט דאָ עקספּאָנירט א באשטענדיקע אויסשטעלונג „לענין אין בערלין". א גרויסע פאָטאָגראפיע באווײַזט דעם לייענזאל פון דער קיניגלעכער ביבליאָטעק אזא, ווי ער האָט אויסגעזען אין יענער צײַט, ווען אהער פלעגט קומען דער יונגער וולאדימיר אוליאנאָוו. דאָ ווערן עקספּאָנירט אויך די ביכער, מיט וועלכע ער האָט זיך באנוצט פאר זײַן ארבעט, די פאָטאָקאָפּיעס פון די בריוו, וואָס ער פלעגט פונדאנען שיקן דער מוטער.

וולאדימיר איליטש איז א סאך מאָל געווען אין בערלין, ער האָט אָנטיילגענומען אין פארזאמלונגען פון די דײַטשישע סאָציאל־דעמאָקראטן, געפירט מיט זיי א ברייטע קאָרעספּאָנדענץ. דאָקומענטן און פאָטאָס דערציילן וועגן זײַנע באגעגענישן מיט ראָזע ליוקסעמבורג, א. בעבעל, ק. צעטקין און מיט די רוסישע רעוואָליוציאָנערן־עמיגראנטן, וועלכע האָבן געוווינט אין בערלין.

א ספּעציעלער אָפּטייל פון דער אויסשטעלונג איז געווידמעט דער פארשפּרייטונג פון וו. אי. לענינס ווערק אין דער דײַטשישער סאָציאליסטישער מעלוכע. דער אלגעמיינער טיראזש פון די ווערק פון דעם פירער פונעם וועלט־פּראָלעטאריאט, וואָס זײַנען דאָ ארויסגעגעבן געוואָרן נאָך דער מילכאָמע, דערגרייכט 15,5 מיליאָן עקזעמפּליארן.

י. וואָראָנאָוו („פּראוודא")

שרעק פונעם עקראַן

אן אָרדנטלעכע סענסאציע פאר די ליבהאָבער פון שארפע שפּירונגען גרייטן די קינאָ־אינדוסטריעלער פון האָליוווּד. די אמעריקאנער צושויער האָבן שוין געזען אפן עקראן א ריזיקן הײַפיש א מענטשנפרעסער, די קאָנוווּלסיעס פון די אײַנוווינער פון א קאָלאָסאלן וואָלקנקראצער בײַס א ריזיקער סרייפע. איצט שטייט זיי פאָר א באגעגעניש מיט א גיגאנטישער גאָרילע. לויטן סצענאר דארף די מאלפּע פארברענט ווערן אפן דאך פון דער העכסטער געבײַדע אין ניו־יאָרק נאָך דעם, ווי זי איז באגאנגען צענדליקער אכזאָריעסדיקע מאָרדן.

אין די פּאווילאָנען פון דער סטודיע גרייט מען זיך צו דער ארבעט איבערן פילם. די באוועגלעכע מאָדעל פונעם 12־מעטערדיקן מאָנסטער איז שוין קימאט פארטיק. די אייגנטימער פון 2.600 קינאָ־זאלן שליסן שוין מיטן פּראָדיוסער פונעם פילם דעם איטאליענער דינאָ דע לאורענטיס קאָנטראקטן אף פּראָקאט, אונטערעכענענדיק פאָרויס די רעוואָכים. בלוטיקע שרעק־פילמען זײַנען איצט אין דער מאָדע.

אָקסן אלס צולאָג

אין דער טעכאסישער שטאָט דאלאס (פשא) איז פארגעקומען א ניט־געהערטער מיסכער: אף אן אאוקציאָן האָט מען פארקויפט אײַנציִיקע די שאפונגען פון די אָרטיקע מאָלער און אָקסן פון סאנטא־גערטרודער פאָראָדע, וואָס מ'האָט אויסגעפירט טאקע אין טעכאס, אף דער באוווּסטער קינג־ראנטשאָ. הונדערט קונסט־ווערק און פינף און דרײַסיק אָקסן. דעם האנדל האָבן אײַנגעאָרדנט די אסאָציאציע פּראָדוצירער פון סאן־גערטרודישן פי און די טעכאסער קינסטלערישע גאלערייע.

„אינעם 24־טן יאָרטאָג פון אונדזער אסאָציאציע האָבן מיר געוואָלט צוציִען צו איר א געוויסע אופמערקזאמקײַט", — האָט געמאָלדן איר פּאָרזיצער דזשאָזעף מארטשמען.

דעם אאוקציאָן האָט מען דורכגעפירט אינעם פעשענעבעלן האָטעל „אדאָלפוס". בילעטן, וואָס האָבן געקאָסט צו 25 דאָלארן, האָט מען צעשיקט בלויז די מענטשן, וועלכע האָבן געקאָנט פאטערן טויזנטער דאָלארן, ליבהאָבער פון פי און פון טעכאסער קונסט. ס'זײַנען בײַגעווען זעקס הונדערט באזוכער און צווישן זיי — דער סאמע בעקאָוועדיקער, דער געוועזענער טעכאסער גובערנאטאָר דזשאָן קאָנעלי.

דער אוילעם איז ארײַן אין אזארט, און דאָס געשעפט איז געגאנגען גאָרניט שלעכט: סאכאקל איז פארקויפט געוואָרן סכוירע אף 464.700 דאָלארן. דעם אויבנאָן האָבן פארנומען, פארשטייט זיך, די אָקסן.

דער דירעקטאָר פון דער טעכאסער קינסטלערישער גאלערייע ביל בורפאָרד האָט זיך ניט שטארק געגומען צום הארצן דערפון, ווײַל ער אליין איז אויך ניט גלײַכגילטיק צו דער לעבעדיקער סכוירע — ער איז אן אייגנטימער פון א ראנטשאָ. בורפאָרד האָט אָפּגעשאצט דעם רעזולטאט פונעם אאוקציאָן פילאָסאָפיש: „דאָ איז געווען פאָרגעשטעלט דאָס בעסטע פון דער טעכאסער קונסט און אויסגעצייכנט פי. דעריבער איז שווער זיך פאנאנדערקלײַבן, וואָס איז ווערטפולער..." עמעס, ער האָט צוגעגעבן: „ווער ווייסט, אין לעצטן סאכאקל קאָן נאָך די קונסט זיך ארויסווײַזן אלס א מער לויַנבאר ארטיקל..."

באקומט זיך, אז די מאפּאָלע איז א צײַטווײַליקע. ס'איז פאראן א האָפענונג. אף די קינפטיקע אאוקציאָנען קאָן נאָך די קונסט באזיגן די טעכאסער אָקסן. מע דארף בלויז דערווײַזן די טעכאסער פי־ציכטלער, אז די קונסט איז לויַנבארער.

(לויט ס. קאָנדראשאָווס נאָטיץ אין „איזוועסטיא")

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

גאָלוב, עלי (?)

— געבוירן אין רוסלאַנד. אַנטייל־גענומען אין בירגערקריג. אָנגע־הויבן זיך דרוקן אין איינער פון די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס „קונסט־רינג" (נומ. 2, כאַרקאָוו, 1919).

ווערק. „אין שטורעם", לידער, כאַרקאָוו, 1918; „צו א נײַער וועלט", סימבאָליסטישע דראַמע אין פיר אַקטן, כאַרקאָוו, 1919; „צווישן וועלטן", לידער און פּאָעמעס, כאַרקאָוו — פּאָלטאַווע, 1921.

ביבליאָגראַפיע: ז. ראַטנער און י. קוויטני, „דאָס ייִדישע בוך אין פּססר אין די יאָרן 1917 — 1921", קיִעוו, 1930.

גאָלוביצקי, שנייער (1902)

—געזעלשאַפטלעכער טוער, פּובלי־ציסט. געבוירן אין קיִעוו. געענ־דיקט דעם ייִדישן סעקטאָר פונעם קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט אַף מאַרכלעווסקיס נאָמען („מײַרעוור־קע"). אָנטיילגענומען אין ביר־גערקריג. אָנהייבנדיק פונעם 1921 זיך געדרוקט אין די קאָמיוגישע אויסגאַבעס („יונגוואַלד" און אַנד.). אין די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן ארבעט ער אין דער מיליטערישער יאַם־אוויאַציע און איז באַלוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן. נאָך דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע וווינט אין ריגע.

ווערק: „אַף דער וואַך פון דעם סאָציאַליסטישן פּאַטערלאַנד" (צו־זאַמען מיט יערוסאַלימסקי, א.), מאָסקווע, 1928; „פּאַליטאַלעפּבייס פּאַרן קאָמיוגיסט" (צוזאַמען מיט יערוסאַלימסקי, א. און לעזמאַן, י.), מאָסקווע, 1925.

גאַראַכאָוו, ג. (—1937)

— פּעדאַגאָג, שול־טוער. געווען באַזונדערס טעטיק אין די צוואַנ־ציקער און אין דער ערשטער העלפט פון די דרײַסיקער יאָרן. רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „אַק־טיאַבערל". אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער ארבעט פון דער פּעדאַ־גאָגישער סעקציע אינעם אינסטי־טוט פון דער ייִדישער פּראָלעטאַ־רישער קולטור בא דער אלוקראַי־נישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

ווערק: „די איבערגריינטונג פון דער לערערשאַפט", כאַרקאָוו, 1930; „די פּאָליטעכנישע שול לויט מאַרקס — ענגעלס — לענין" (צוזאַמען מיט י. רעזניקן), כאַר־קאָוו — קיִעוו, 1932; „לענין וועגן פּראָגעס פון פּעדאַגאָגיק און שול־בויונג", קיִעוו, 1934.

גאַרדאָן, ג. (?)

— דראַמאַטורג. געבוירן אין אן ארבעטער־פאַמיליע אין מינסק. געאַרבעט אלס שנײַדער. געשאַפן א ריי איינאַקטערס און פּיעסן וועגן דעם נײַעם לעבנשטייגער, וועלכע זײַנען געשטעלט געוואָרן היפּטזאַכלעך אין די ארבעטער־קלובן.

ווערק: „ארבקאָרישע צאָרעס", „דער בריס", „פיזקולטור" (איינ־אַקטערס) אין דער זאַמלונג „פון נײַעם שטייגער", מינסק, 1925; „צעבראָכענע צאַמען", שטייגער־פּיעסע אין דרײַ אַקטן, מינסק, 1927.

ביבליאָגראַפיע: ז. זילבערצווײַג, לעקסיקאָן פון ייִדישן טעאַטער, ב. 1, ניו־יאָרק, 1931.

גורעוויטש, מאַניע (?)

— דיכטער. געבוירן אין האָמעל. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע פּאַרעפנטלעכט זײַנע ערשטע ווערק אין דער זאַמלונג „לידער" צוזאַמען מיט די פּראָלעטאַרישע דיכטער דאָוויד אוטקעס, כאַים גילדין, אלישע ראַדין, הירש ריק־לין. אין די דרײַסיקער יאָרן, אלס קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנ־שאַפטן, געאַרבעט אין מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. געדרוקט אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן לערנביכער אין דער צײַטונג „דער עמעס" און אין זשורנאַל „ראַטנ־בילדונג".

ווערק: זאַמלונג „לידער", האָ־מעל, 1921.

ביבליאָגראַפיע. א. אבטשוק. „עטיודן און מאַטעריאַלן", כאַר־קאָוו, 1934; מ. מײַדאַנסקי, זשור־נאַל „אָפן שפּראַכפראָנט", קיִעוו, 1935, נומ. 3—4; ז. ראַטנער און י. קוויטני, „דאָס ייִדישע בוך אין פּססר", 1917—1921, קיִעוו, 1930.

גורעוויטש, כאַים (1916)

— דיכטער. געבוירן אין שטעטל סטאַראָבין (ווײַסרוסלאַנד) אין א מישפּאָכע פון א באַלעגאָלע. געענדיקט א מעדיצינישן טעכניקום. אַנטײלגענומען אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1934 אין דער צײַטונג „אָקטיאַבער" (מינסק), אין זשורנאַל „שטערן" (מינסק), אין דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן".

ווערק: זאַמלונג „ליריק" (צוזאַמען מיט אי. באָרוכאָוויטש, ש. לעלטשוק (פּ. פּלאַטקין), מינסק, 1940; „האָריזאָנטן", זאַמלונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער הײַנטצײַטיקער דיכטונג, מאָסקווע, 1965; זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 9, מאָסקווע, 1974; דאָרט, נומ. 5, 1976.

גאָרדאָן, עליע (1907)

— פּראָזאַיִקער. געבוירן אין אַן אַלטער ייִדישער קאָלאָניע מיאַדלער (זעליאַנאָפּאָל), קאַטערינאָסלאַווער גובערניע. פון קינדווײַז אָן געאַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט. נאָכן טויט פון די עלטערן דערצויגן געוואָרן אין א קינדערהיים (אין בערדיאַנסק). זיך געלערנט אין אַרבפּאַק פונעם אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. אין מאָסקווער פּעדינסטיטוט אָף לעגינס נאָמען, אין דער אַספּיראַנטור פונעם אינסטיטוט. בײַס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע געווען א מיטאַרבעטער פון פראָנט־צײַטונגען.

ע. גאָרדאָנס ערשטע דערציילונג „ווילדגראָז" האָט אים געבראַכט אנערקענונג אַלס פּראָזאַיקער, וועלכער איז געקומען מיט א נײַער פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור טעמע וועגן דעם לעבן פונעם ייִדישן פויערטום ביז און נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. פון דעמלט אָן שאַפט ער דערציילונגען און ראָמאַנען וועגן לעבן פונעם סאָוועטישן דאָרף. לעצטנס איז אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער ערשטער טייל פון ע. גאָרדאָנס דאָקומענטאַלן ראָמאַן „אונטער דער הייסער זון". זײַנע ווערק זײַנען דערשינען אין דער איבערזעצונג אָף רוסיש.

ווערק: „אָף גרינער ערד", דערציילונגען, מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, 1930; „ווילדגראָז", דערציילונגען, כאַרקאָוו, 1930; „איבערוף פון סטעפּעס", פאַרצייכענונגען און סקיצעס, מאָסקווע, 1932; „בריגאַדע 5+7", דערציילונג, מאָסקווע, 1932; „אין א נײַער פּעל", דערציילונג, כאַרקאָוו — קיִעוו, 1933; „אינגול־באַיאַר", ראָמאַן, מאָסקווע, 1935; „אין א גוסרעגן", דערציילונג, מאָסקווע, 1937; „דרײַ ברידער", ראָמאַן, מאָסקווע, 1938; „דערציילונגען און נאָוועלן", מאָסקווע, 1939; „באַלוינטע", נאָוועלן, מאָסקווע, 1940; „קאָלווירטישע בינע" (צוזאַמען מיט יאָשע זעלדין), איינאַקטערס, מאָסקווע, 1932; „אין אייגענע קאַנטן", מאָסקווע, 1969.

ביבליאָגראַפיע. א. וועוויאָרקע, „די רויטע וועלט", נומ. 7, 1929; שאַכנע עפּשטיין, „די רויטע וועלט", נומ. 3, 1930; י. נוסינאָוו — פאָרוואָרט צו דער אויסגאַבע פון דער זאַמלונג „בוריאַן". מאָסקווע, 1930; י. דאָברושין — „אין איבערבוי", ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען, מאָסקווע, 1932; מ. וואַרטמאַן — וועגן „אינגול־באַיאַר", „שטערן", נומ. 10, 1935; א. האַלדעס — „אינגול־באַיאַר", „פּאַרמעסט", נומ. 5—6, 1935; מ. דובילעט, קריטישע אַרטיקלען, קיִעוו, 1939; קורצע ליטעראַרישע ענציקלאָפּעדיע ב. 2, מאָסקווע, 1964; הערש רעמעניק — „א זינגער פונעם דאָרף", „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 12, 1967; דער זעלבער — „עטיודן און פּאָרטרעטן", מאָסקווע, 1975; מ. בעלענקי — צום 60־טן געבורטסטאָג פון ע. גאָרדאָן, „ייִדישע שריפטן", וואַרשע, 1967; יעהודיס קאַלמאַן — „א קינסטלעריש ווערק וועגן ייִדישע פויערן אין פּסער", „נײַע פּרעסע". פּאַריז, 1969.

פעליעטאָנען אין דער אויסלענדישער פרעסע

שולדיק איז אלץ איז די טעלעוויזיע...

ווי געוויינלעך — איז שולדיק די טעלעוויזיע.

ניט די קאָנפיסקאַציע פון די באַדנס, ניט די אכזאַריעסן פון די קאַלאַניזאַטאָרן פון קאַדאָם, בלויז די טעלעוויזיע.

ווען ניט איר פאַנאַנדערבלאָזן די געשעע־נישן, וואָלט די ליבעראַלע אָקופּאַציע ווײַטער געדויערט. ווען ניט איר גרענעצלאָזע כוצפּע אין אופדעקן דעם עמעס, וואָלט דער מײַרעוו־ברעג (סיז־יאַרדאַניע) געבליבן רויק ווי דער ברעג פון קינערעט. די טעלעוויזיע האָט אונדז צעשטערט דעם אימאַזש.

ס'איז מאַמעש ניט שיין פון איר זײַט.

א מענטש קומט אהיים נאָך אן אויסמאַטערנ־דיקן טאָג ארבעט, ער טוט אָן די פאַנטאָפל און א שטוביקע בלוזע, זעצט זיך אוועק אנטקעגן דער טעלעוויזיע און וויל זיך א ביסל אָפּרוען. ער שפּילט זיך שמייכלענדיק אין „דאָס איז מײַן סאַד", לאַכט מאַמעש אויס דעם ראַסיסט פון אמעריקע, און „אלץ בלײַבט אין דער מיש־פּאָכע". און ער איז שרעקלעך נײַגעריק צו זען, וואָס פאַר א פרײַזן עס זײַנען הײַנט געשטיגן.

אָבער די אנטיסעמיטישע טעלעוויזיע ווײַזט אים, אָנשטאָט דער פרײַז פון ברויט, אויך ייִסראָעל־סאָלדאַטן מיט מאַטראַקן און פּאַנ־צערס. באַנאַנד מיט דער פרײַז פון אייער — א פאַנטאָמען־שטאָט אין פאַרבאָט־ארויסגאַנג. צווישן דער פרײַז פון בוימל און דער פרײַז פון ברענשטאָף — א קעמפנדיקן קלאַס. צווישן איין רעדוקציע און דער צווייטער — געוואָר־פענע שטיינער, אופגעהויבענע מאַטראַקן, ברע־נענדיקע גומי־רעדער, וויינענדיקע מוטערס, אטאַקירנדיקע סאָלדאַטן, מאַניפעסטאַציעס, געש־רייען, שיסערײַען, א טומל.

און דער מענטש, וואָס איז געקומען אהיים און וויל זיך בלויז אויסרוען, זעט פלוצעם, וויאַזוי די מעדינע זעט אויס. פלוצעם ווערט אים אומאַנגענעם, פלוצעם וויל ער בעסער, מע זאָל העכערן די פרײַז פון ברענשטאָף אַף נאָך א האַלבער לירע, און מע זאָל אים לאָזן צורו מיט די נאַרישקײַטן.

ער וויל ניט וויסן. ער זאָגט זיך אָפּ דאָס צו וויסן. ארויסגאַנג־פאַרבאָט? דאָס איז עפּעס אזוינס, וואָס די ענגלענדער האָבן ארופגעט־לייגט. שטיינער? אזעלכע שטיינער זײַנען געוואָרפן געוואָרן אויך אמאָל קעגן דעם „ווײַסן בוך". סאָלדאַטן מיט מאַטראַקן? — נאָר „אנע־מאָנען". מאַניפעסטאַציעס? — אמאָל פלעג מען זיי זען אויך קעגן דעם ענגלישן הויך־קאָמיסאַר.

קיין שום זאַך וועט ניט איבערצײַגן א מענטשן, וואָס וויל זיך אָפּרוען און וויל ניט וויסן, אז אויך זײַן אָקופּאַציע גייט מיטן וועג פון יעדער אנדערער אָקופּאַציע. קיין שום זאַך וועט ניט איבערצײַגן א מענטשן אין פאַנטאָפל און אים דערווײַזן, אז די פרײַז פון דער אָקו־פּאַציע איז געשטיגן פיל העכער, איידער די פרײַז פון ברויט. קיין שום זאַך וועט ניט איבערצײַגן א מענטשן אין א שטוביקער בלו־זע, אז די אָקופּאַציע איז ניט קיין אויסגע־טראַכטע זאַך.

ער וויל רוען.

און דעריבער איז שולדיק די טעלעוויזיע. די טעלעוויזיע, וואָס שטערט די רו. די טעלע־וויזיע, וואָס נעמט צו דעם שלאָף.

און גוט האָט געטאָן דער זיכערהײַט־מי־ניסטער, וועלכער האָט פאַרבאָטן דעם ארײַנ־טריט פון די העצער מיט די פּאַטאַ־אַפּאַראַטן אפן מײַרעוו־ברעג.

מענטשן ווילן רוען.

פ.ס. (א פאָרשלאָג פון אן אויסבעסערונג): אָנשטאָט צו פאַרבאָטן דעם ארײַנטריט פון די טעלעוויזיע־קאָרעספּאָנדענטן אפן ברעג (סיז־יאַרדאַניע) — א זאַך, וואָס וועט פאַרטונקלען דעם דעמאָקראַטישן נאָמען פון דער מעדינע, — איז בעסער צו טראַנסלירן די קאָרעספּאָנדענצן וועגן דעם, וואָס קומט דאָרט פאָר, אונטער דעם באַקאַנטן קעפּל: „דורך א סאַטעליט".

זאָל מען מיינען, אז דאָס קומט פאָר ערגעץ ווײַט...

ב. מיכאל („הארעץ")

פּעליטאָנען אין דער אויסלענדישער פּרעסע

אזעלכס קאָן טאַקע פּאַסירן...

איך קום איצט פון ישׂראל. איך וועל אײַך אַלץ דערציילן, אָבער איין מינוט. לאָמיר זיך קודעם באַרויקן. אזוי ווי איך רעד דערוועגן, אזוי קאָכט אין מיר אַלצדינג.

וועגן מיר דאַרף איך אײַך דאָך ניט דער־ציילן. איר קענט דאָך מיך. א צוניסט מיט א ברייטער האַנט. כ'בין טאַקע א רײַכער מענטש, איך זאָג ניט, אז ניין, אָבער א דאָלאַר איז פאַרט א דאָלאַר. בײַ דער זעקסטאָגיקער מיל־כאָמע האָב איך געגעבן. מע האָט זיך געדונגען, אָבער געגעבן. קיינמאָל ניט געזאָגט ניין. גע־קויפט באָנדס. געשיקט א פויק פאַר אַן אָר־קעסטער. אַן עלעקטרישע קיך אויף פליישיקס פאַר א ישיווע. ווער קאָן דאָס אויסרעכענען, וואָס איך האָב אַלץ געטאָן פאַר ישׂראל? אַן אַמבולאַנס מיט אַלע אײַנריכטונגען: א פּאַטעל מיט א טיש פאַר א דאָקטער. א פּאַטעל פאַר א שוועסטער. אַן אײַז־שאַנק. א מאַשין אויף בלוט. א שאַנק אויף מאַלבושים. קראַנען פאַר קאַלטער און וואַרעמער וואַסער. און צו דעם אַלעם האָט מען נאָך אויך געמוזט מאַכן אַן אָרט פאַר א קראַנקן. אויף דעם אַמבולאַנס האָט מען אָנגעשריבן מײַן נאָמען און מײַן ווײַבס נאָמען, אז די קראַנקע אין ישׂראל זאָלן עס נוצן געזונטערהייט.

אין צײַטונג איז געווען א פּיקטשע פון מיר, פון מײַן ווײַב און פונעם אַמבולאַנס. מײַן שוועגערן האָט זיך אויך אַרײַנגעשטופּט אין דער פּיקטשע אַרײַן, כאָטש זי האָט קיין גראָשן ניט געגעבן. דער קאָנסול האָט באַגריסט און געזאָגט וועגן מיר זייער וויכטיקע זאַכן.

צום יויוול פון דער מעדינע האָב איך גע־שריבן צו גאָלדען, אז מיר קומען צום יום־האַאַצמאָעס. מיר האָבן דאָך עפּעס א כיילעק אין דער סימכע. ניין?

אויף פלי־פעלד אין לאָד זײַנען געשטאַנען פאָטאָגראַפיסטן, טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן. מענטשן פון דער רעגירונג. איך מיט מײַן ווײַב האָבן זיך אָוועקגעשטעלט, מע זאָל אונדז פאָטאָגראַ־פירן. איך האָב דאָך געשריבן, אז מיר קומען.

געמיינט האָב איך, אז מע וואַרט אויף עמעצן, וואָס זאָל קומען זאָגן א פּאָר ווערטער פאַר אונדז. איז אָנגעקומען איינער, א גוי. א מיידל האָט אים דערלאַנגט בלומען. די קאַמערעס האָבן אָנגעהויבן בליצן. אים האָט מען צוגע־שטופּט מיקראָפאָנען צו דער נאָז. אונדז האָט מען אָפּגעשטופּט אין א זײַט. ער האָט עפּעס געזאָגט אויף פראַנצויזיש. מײַן ווײַב האָט זיך צעוויינט אויף ענגליש. מיך האָט ער אויך גוט געקרענקט. דער פּרעזידענט פון מײַן שול, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער מײַ־סע, האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. ער האָט עס שוין צעפּויקט פאַר האַלב ניו־יאָרק.

אזא בושע! אזוי פאַרשעמט צו ווערן! און פאַרוואָס? א גאַנצע נאַכט זײַנען מיר ניט גע־שלאָפן פון אויפרעגונג.

צומאָרגנס האָט מײַן ווײַב ניט געוואָלט גיין אויף פּאַראַד אַלס פּראָטעסט. ווײַבער, אז זיי ווערן אין קאַס, איז סאַקאָנעס־נעפאָשעס. האָב איך איר געגעבן צו פאַרשטיין, אז די אַראַבער קענען דאָס אויסטײַטשן, אז מיר האָבן מוירע. איז זי מאַסקים געווען.

מײַן ווײַב האָט זיך צורעכט געמאַכט די ציין בא א דאַנטיסט. איך האָב מיר צורעכט געמאַכט דעם מאָגן אין אַן אַראַ־בישן רעסטאָראַן. געגעסן שאַשליק.

ווען מיר זײַנען אַהיימגעקומען, איז מײַן ווײַב אַוועק צום דאָקטער. זי האָט פון אַגמעסנעפּעש באַקומען גאַל־שטיי־נער. איך בין אַוועק צום קאָנסול.

דער קאָנסול האָט מיר געזאָגט, אז איך זאָל זיך ניט נעמען צום האַרצן, ווײַל דאָס איז געווען א טראַגישער טאָעס. אין יום־האַאַצמאָעס קומען א סך מענטשן מיטאַמאָל, קאָן געשען א טאָעס, אז מע זאָל אויפנעמען עפּעס א מיניסטער אָנ־שטאָט מיך.

אזעלכס קאָן טאַקע פּאַסירן...

יוסעף הייבלום („לעצטע נײַעס")

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

דאָוויד האָפשטיין

שטאָט (א פראגמענט)

שטאָט!
דו האָסט מיך פון ווײַטן גערופן
מיט הודען פון דראָט!
כ׳האָב שטענדיק אף בארג דיך געזען!
דו האָסט מיך פון ווײַטן געצויגן
מיט צוואנגען
פון שײַן און פון שימער —
דו האָסט מיך פארנארט
און דו האָסט מיך געפאנגען!
די רו פון מײַן דאָרפישן צימער
האָסטו מיר צעעגבערט
מיט פײַפן פון צוגן,
צעשפאָלטן, צעשפליטערט
מיט ציטער פון רעלסן...
אין הייכן איז שטענדיק געהאנגען,
איז שטענדיק געגאנגען
דער אומרו פון דײַנע פארצויבערטע קלאַנגען —

שטאָט!
דו האָסט מיך געפאנגען!

Давид Гофштейн

Город (отрывок)

Город!
Ты меня издалека звал
гуденьем проводов!
Я всегда на горе тебя видел!
Ты меня издалека привлекал (тянул)
клещами
блеска и сверкания —
ты меня заманил
и ты меня покорил (пленил)!
Покой моей деревенской комнаты
ты мне рассверлил
свистками поездов,
расколол, распылил
дрожанием рельсов...
В высотах всегда висело,
всегда двигалось (шло)
беспокойство твоих заколдованных
звуков —
город!
Ты меня покорил (пленил)!

(Дословный перевод)

אין ייִדיש איז „שטאָט" א וואָרט פון ווײַבלעכן מין — די שטאָט; אין רוסיש איז „גאָראָד" — פון מענלעכן מין.

שאָלעם־אלייכעם

נאָך א פראגמענט פון „שיר־השירים"

איך האָב געהאט א ברודער בעניע, איז ער דערטרונקען געוואָרן אין טײַך. איז געבליבן פון אים א יעסוימע מיטן נאָמען בוזי. פארצויגן פון עסטער־ליבע: ליבוזי — בוזי. און שיין איז זי געווען, אזוי ווי די שולאמיס, וואָס אין שיר־השירים. און מיר זײַנען געוואקסן, ווי א ברודער מיט א שוועסטער. און מיר האָבן זיך ליב געהאט, ווי א ברודער מיט א שוועסטער. אָט דאָס איז די בוזי.

עס זײַנען איבערגעלאָפן יאָרן. איך בין אוועק פון דער היים קעגן ווילן פון מײַן טאטע־מאמע. איך האָב ווידערשפעניקט זייער געבאָט, ניט געוואָלט גיין אין זייערע וועגן, אוועקגעגאנגען מײַן אייגענעם וועג, זיך אוועקגעלאָזט לערנען. קומט מיר אָן איינמאָל פאר פייסעך א בריוול פון מײַן טאטן מיט א מאזלטאָוו: בוזי איז א קאַלע געוואָרן, שאבעס נאָך שוועס איז די כאסענע, זאָל איך קומען צו פאָרן אף פייסעך אהיים. האָב איך אָפגעענטפערט מיט א מאזלטאָוו און בין געקומען צו פליִען אף פייסעך אהיים.

און האָב געטראָפן בוזין אויסגעוואקסן און שיין, נאָך שענער, ווי געווען. און עס האָט אופגעוואכט אין מײַן זיקאָרן די אמאָליקע בוזי, די שולאמיס פון שיר־השירים. און א שטורעם האָט זיך אופגעהויבן בא מיר אין קאָפּ, און א פײַער האָט זיך אָנגעצונדן אין מײַן הארצן. א פײַער — ניט אף קיינעם, נאָר אף זיך אליין. אף זיך און אף מײַנע ייִנגלשע גאָלדענע נארישע כאלוימעס, וואָס צוליב זיי האָב איך פארלאָזט טאטע־מאמע, ווידערשפעניקט זייער געבאָט און אוועקגעלאָזט זיך לערנען, און אָט אזוי האָב איך פארשפילט, פארשפילט מײַן גליק, דערלאָזט, אז בוזי זאָל ווערן א קאַלע. עמעצנס — ניט מײַנע!..

Шолом-Алейхем

Еще отрывок из «Песни песней»

У меня был брат Беня. Он утонул в реке. От него осталась сирота по имени Бузя. Её имя сокращенное: Эстер-Либа, Либузя, Бузя. И прекрасна она была, как Суламифь из «Песни песней». И мы росли вместе, как брат и сестра. И мы любили друг друга, как брат и сестра. Вот кто была Бузя.

Промчались годы. Я оставил свой дом против воли отца и матери. Я восстал против их заветов, не пожелал идти по их стопам, пошел своей собственной дорогой, уехал учиться. Однажды перед пасхой получаю письмо от отца с поздравлением: Бузя стала невестой, в субботу после швуэс свадьба, чтоб я на пасху приехал домой. Я ответил поздравлением и примчался на пасху домой.

И я нашел Бузю выросшей и красивой, еще красивее, чем была. И в памяти моей проснулась былая Бузя — Суламифь из «Песни песней». И буря поднялась у меня в голове, и огонь запылал в моем сердце. Огонь (гнев) не на кого-нибудь, а на самого себя. На себя и на свои мальчишеские золотые глупые мечтания, ради которых я покинул отца и мать, восстал против их заветов, уехал учиться и таким образом проиграл, проиграл свое счастье, допустил, чтобы Бузя стала невестой, чьей-то — не моей!..

בוזי איז פון קינדערוויַיז אָן געווען מיר ליב און טיַיער — דאָס איז עמעס. נאָר אַז איך בין געקומען צו פאָרן אהיים און דערזען בוזין, האָב איך ארויס־געזען:

אַז איך האָב ליב בוזין.

אַז איך האָב זי ליב מיט יענער הייליקער פיַיע־ריקער גענעם־ליבע, וואָס ווערט אזוי שיין באשריבן אין אונדזער שיר־השירים: „שטארק, ווי דער טויט, איז די ליבע, שווער, ווי דער גענעם, איז די קינע, אירע פונקען זיַינען פונקען פיַיער, א פלאַ־קער פון גאָט".

Бузя с детства была мне мила и дорога — это верно. Но, когда я приехал домой и увидел Бузю, я понял: что люблю Бузю.

Что я её люблю той святой, пламенной адской любовью, которая так прекрасно описана в «Песни песней»: «Сильна, как смерть, любовь, жестока, как ад, ревность, стрелы её — стрелы огненные, пламень божий».

צוויי מעשאָלים

(פון דער אלט־העברעיִשער ליטעראטור)

Две басни (притча)

(из древнееврейской литературы)

א פוקס האָט אָנגעטראָפן אַף א וויַינגאָרטן, וואָס איז פון אלע זיַיטן געווען פארצוימט. אין איין אָרט האָט ער באמערקט א שפאלט און האָט גע־פרווט דורכקריכן, ער האָט אָבער ניט געקאָנט. האָט ער דריַי טעג געפאסט, איז דאר געוואָרן, און איז דורכגעקראָכן.

אין וויַינגאָרטן האָט ער זיך אָנגעגעסן, איז דיק געוואָרן און האָט ניט געקאָנט ארויס. האָט ער ווי־דער דריַי טעג געפאסט, איז מאָגער געוואָרן און איז ארויס. ער האָט זיך אויסגעקערט מיטן פּאָנעם צום וויַינגאָרטן און האָט געזאָגט:

— וויַינגאָרטן, וויַינגאָרטן! ווי גוט דו ביסט, ווי גוט זיַינען דיַינע פּיירעס! אָבער וואָס פאר א נוצן האָט מען פון דיר! אין וואָס פאר א צושטאנד מע קומט צו דיר אריַין, אין אזא גייט מען ארויס!..

Лиса наскочила на виноградник, окружённый со всех сторон забором. В одном месте она обнаружила щель, пыталась пролезть, но не смогла. Постилась она три дня, похудела и пролезла.

В винограднике она наелась, потолстела и не смогла выйти. Она снова три дня постилась, стала худой и вышла. Она повернулась лицом к винограднику и сказала:

— Виноградник, виноградник! Как ты хорош, как хороши твои плоды! Но какая от тебя польза! Какими входят в тебя, такими и выходят!

* * *

א פוקס איז אומגעגאנגען אפן ברעג פון א טיַיך און האָט באמערקט, אַז די פיש ווארפן זיך הין און הער — האָט ער געפרעגט:

— פון וואָס אנטלויפט איר?

— פון די נעצן, — האָבן זיי געענטפערט.

— קומט ארוף אַף דער יאבאָשע, — האָט געזאָגט דער פוקס, — מיר וועלן לעבן אזוי, ווי עס האָבן געלעבט מיַינע און איַיערע עלטערן.

האָבן די פיש געענטפערט:

— דאָס ביסטו דער, וועלכן מע האלט פאר דער קליגסטער כיַיע? א טיפּעש ביסטו! אין אונדזערע לעבנס־ערטער ציטערן מיר, איז דאָך אין די אומ־קום־ערטער — אוואדע און אוואדע!

* * *

Лиса ходила по берегу реки и заметила, что рыбы бросаются то сюда, то туда. Она спросила:

— Отчего вы спасаетесь?

— От сетей, — ответили они.

— Выберитесь на сушу, — сказала лиса, — и мы будем жить так, как жили мои и ваши предки.

Рыбы ответили:

— Это тебя считают самым умным животным? Дура же ты! Там, где живем, мы дрожим — тем более в местах нашей гибели.

סובסטאנטיוון

1) מענלעכער מין: דער גוף, פראגמענט, עק, הימל, זאָרג, טרויער, ווייטעק, פארדראָס, פּאָדעם, שמועס, טיַיך, יאָמטעוו, אָפּקלאנג, אינהאלט, טאָג, רעגן, טראָפּן, קויעך, וויַין, שטראל, שניי, מאָשל, סאָד (סעדער, סוידעס), שוימער, באלעבאָס, בלינדער, הינקענדיקער, פוס, לייב, האלדז, ביין, פויגל, שנאָבל, דראָט, בארג, פּיַיף, צוג, ציטער, רעלס, אומרו, קלאנג, ווילן, וועג, שאבעס, זיקאָרן, שטורעם, קאָפּ, כאָלעם, טויט, גענעם, פונק, פוקס, וויַינגאָרטן, שפּאלט, נוצן, צושטאנד, ברעג, טיפּעש;

2) וויַיבלעכער מין: די יארמלקע, קאָלדרע, וועלט, ערד, נאכט, בריל, באָרד, שטאָט, שול, ציַיט, פרוכט, וואָך, טוירע, באוועגונג, קראפט, זון, היץ, ליטעראטור, פּיירע, באלוינונג, שיַין, רו, הייך, יעסוי־מע, היים, קאלע, כאסענע, ליבע, קינע, זיַיט, נעץ, יאבאָשע, כיַיע;

3) זאכלעכער (נייטראלער) מין: דאָס פעלד, פּאָנעם, אויג, הארץ, קינד, גראָז, גרינס, מאָל, בריקל, וואסער, טיַיכל, הויז, שטיקל, מויל, בערגל, יאָר, געבאָט, בריוול, פיַיער, גליק, מאזל, אָרט.

ווערבן

קוקט זיך צו צום סיידער פון די ווערטער און צו זייערע פאָרמעס אין די וויַיטערדיקע פראגמענטן.

קעגנווארט

מיַין מאמע גיסט מיר אָן טיי[1] און דערלאנגט מיר[2] מיט אירע שיינע וויַיסע הענט. קיינער פאר־מאָגט ניט[3] אזעלכע[4] שיינע וויַיסע הענט, ווי מיַין מאמע. זי זעצט זיך אוועק קעגן מיר[5] און רעדט מיט מיר שטיל, דער טאטע זאָל ניט הערן („שיר־השירים").

פארגאנגענהיַיט

מיַין מאמע האָט מיר אָנגעגאָסן טיי און האָט מיר דערלאנגט מיט אירע שיינע וויַיסע הענט. קיינער האָט ניט פארמאָגט אזעלכע שיינע וויַיסע הענט, ווי מיַין מאמע. זי האָט זיך אוועקגעזעצט קעגן מיר און האָט גערעדט מיט מיר שטיל, דער טאטע זאָל ניט הערן.

אין גלײַכווערטלעך, שפּריכווערטער, אין לידער[6] קומען פּאַרטיציפּן אַמאָל[7] אָן די הילפֿווערבן. לעמאָשל: געלעבט ווי אַ נאַר און געשטאָרבן ווי אַ נאַר[8]. אַ סאַך גערעדט און ווייניק געזאָגט[9]. קורץ[10] גערעדט און אַ סאַך געזאָגט. קורץ געטראַכט און גוט געמאַכט[11]. בעסער פֿריִער באַוואָרנט, איידער שפּעטער באַווײנט[12].

פֿון אַלע דײַנע טײַכן וואַסער פֿאַרזוכט[13],
אין אַלע דײַנע וועלדער געשלאָפֿן[14],
פֿון אַלע דײַנע סעדער געגעסן פֿרוכט[15],
מיט אַלע דײַנע זין זיך געטראָפֿן[16].

מ. גרוביאַן

פּאַרטיציפּן מיט „ו" אָנשטאָט „י"

דאָס זײַנען די פּאַרטיציפּן פֿון די ווערבן: בינדן[17], געווינען[18], געלינגען[19], געפֿינען[20], דינגען[21], דערפֿינדן[22], דרינגען[23], הינקען[24], ווינטשן[25], ווינקען[26], זינגען[27], טרינקען[28], (אויס)לינקען[29], פֿאַרגינען[30], פֿאַרשווינדן[31], צווינגען[32], צינדן[33], קלינגען[34], דינען[35], שווימען[36], שטינקען[37], שינדן[38], שלינגען[39], שפּרינגען[40]. לעמאָשל:

קעגנוואַרט	פּילמאַליקע צוקונפֿט	פֿאַרגאַנגענהייט	פֿאַרגאַנגענהייט
מיר בינדן	**מיר וועלן בינדן**	**מיר פֿלעגן בינדן**	**מיר האָבן געבונדן**
" געווינען	**" " געווינען**	**" " געווינען**	**" " געוווּנען**
" געפֿינען	**" " געפֿינען**	**" " געפֿינען**	**" " געפֿונען**

די ווערבן בילן[41], זינקען[42], שפּינען[43] זײַנען אין פּאַרטיציפּ: געבילט, געבולן; געזונקען, געזינקט; געשפּונען, געשפּינט. מער פֿאַרשפּרייט איז דער וואַריִאַנט געבילט, געזונקען, געשפּונען. די ווערבן ליגן[44], זיצן[45] זײַנען אין פּאַרטיציפּ: געלעגן, געזעסן.

Перевод: 1) наливает мне чаю; 2) подает мне; 3) ни у кого нет (никто не обладает); 4) таких (такими); 5) садится против меня; 6) в стихах; 7) иногда; 8) жил как дурак и умер как дурак; 9) много говорено, а мало сказано; 10) коротко (мало); 11) хорошо сделано; 12) лучше раньше обеспечить, чем потом оплакивать; 13) со всех твоих рек воду попробовал; 14) во всех твоих лесах спал; 15) со всех садов ел плоды; 16) со всеми сыновьями встречался; 17) вязать; 18) выигр(ыв)ать; родить, рожать; 19) уда(ва)ться; 20) найти, находить; 21) нанять, нанимать, прицениваться; 22) изобрести, изобретать; 23) проникнуть, проникать, делать вывод, умозаключать; 24) хромать; 25) (по)желать; 26) мигать, подмигивать; 27) петь; 28) пить; 29) вывихнуть; 30) не завидовать, не испытывать чувства зависти; 31) исчезать, исчезнуть; 32) принуждать, заставлять; 33) жечь; 34) звонить, звенеть, звучать; 35) течь, протекать; 36) плавать; 37) вонять; 38) драть, сдирать (шкуру); 39) глотать; 40) прыгать, скакать; 41) лаять; 42) вязнуть, погружаться; 43) прясть; 44) лежать; 45) сидеть.

דאָצענט ע. פֿאַלקאָוויטש

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал
На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 6.IX 1976 г. Подписано к печати 18.X.1976 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 12+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 17,16). Бум. л. 6+0,125. Зак. 717. Цена 50 коп.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном Комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1976 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 11

1976

В НОМЕРЕ:

Беседы на исторические темы. Г. Бондаревский. Сионизм и борьба за Палестину.

Рассказы Т. Гена, И. Фаликмана, Г. Рабинкова, Б. и А. Бурштейн, Я. Ривеса, И. Друкера.

Стихи Х. Бейдера, Д. Хайкиной, З. Вейцмана, Л. Геллера, Б. Миллера, М. Талалаевского, Н. Фридмана, Р. Балясной, М. Штурмана, М. Могилевича, И. Альбирта, Х. Лойцкера

Очерки Р. Пустыльникова, Л. Школьника.

К 100-летию еврейского театра.

Статьи Н. Ойслендера, С. Михоэлса, Э. Лойтера.

Литературная критика. Библиография Вопросы искусства

У. Гуральник. «Производственная тема» в современной советской литературе.

Г. Ременик. Зрелое мастерство

Краткие рецензии. Листая журналы и газеты. Хроника. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. Беседы о еврейском языке.